STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03052

HUNGERIKER FRILING

Iosef Okrutny

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף אָקרוטני

*

הונגעריקער פרילינג

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן
מיט דער הילף פֿון אַ בוך־קאָמיטעט

יוסף אָקרוטני

הונגעריקער פרילינג

☆

פאַרלאַג יידישבוך
בוענאָס־איירעס

יוסף אָקרוטני : / הונגעריקער פרילינג /
און אַנדערע דערציילונגען /
פאַרלאַג: יידישבוך / בוענאָס־אײַרעס, אַרגענטינע /
טויזנט נײַן הונדערט אַכט און אַכציק.

שער־בלאַט : חייקע ק. מיאָדאָווניק
צייכענונג : אַלעכּסאַנדראָ ווײַנשטיין
Dibujo: **Al. Vainsztein**

IOSEF OKRUTNY

PRIMAVERA HAMBRIENTA

(HUNGUERIKER FRILING)

NOVELETAS

Copyright 1988 by Iosef Okrutny
Sarmiento 2210, 1044 Buenos Aires, Argentina
Editado por **Yidishbuch**
Hecho el depósito de ley
Impreso en Argentina
Printed in Argentina

דעם ליכטיקן אָנדענק
פון מיין אסתר ז״ל

אויף צעראיעטע שליאכן

דער נסיון פון נחום גאָטאײַנער

א

ס'איז אַ גזר אַזאַ: „געשוואָרצטע" וואָס פּאַלן דורך אויף דער גרענעץ פון פרעמדע מדינות, ווערן פון מלכות אַרײַנגעוואָרפן אין תּפיסה. אַזוינע ווערן באַשטראָפט צו „זיצן" שטאַרק אָפּגעזונדערט פונעם דרויסן, געפּײַניקט מיט געפענקעניש ביז זייער מערכה ווערט אויסגעקלאָרט. צו דער אויסקלאָרונג נעמט זעלטן אַ גיכן סוף. זיי ווערן „געפּאַרשט", אַ סך מאָל פאַרהערט הלמאַי זיי האָט זיך פאַרוואָלט אַרײַנקומען דווקא אין דעם לאַנד ווו זײַנע גרענעצן ווערן שטרענג געהיט מחמת שאַרפע באַוואָרענישן, צי אויסדריקלעכער שׂינאה אָדער פאַרבאַרגענער גיריקייט צו דערגיין דאָס סודותפולסטע וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע שכנותדיקע מלוכות. פאַר־האַלטענע אויף דער גרענעץ מאַטערט מען אויכעט מיט קאַרגע, פּאַסנע מאָלצײַטן, מיט קנאַפּן ברויט, האַרטע געלעגערס און האַרבער אַליינקייט. אָפּגעריסן פון אַלץ און אַלעמען, שפּירן זיך אַזעלכע אסירים מאָדנע דער־דריקט, אַפילו ווען זיי געפינען זיך בײַנאַנד מיט אַנדערע תּפיסהניקעס. סוף־כּל־סוף באַפרײַט מען אַזעלכע על תּנאַי — ער זאָל זיך מער אויס־מענטשלען, קומען צום ריכטיקן שׂכל... אַזאַ ווערט פאַר לאַנגע יאָרן פאַרשיקט העט ווײַט צו טאָן שווערע אַרבעטן אין קוילנגרובנס, אין שטאָל־גיסערײַען ווו די היץ איז אַ גיהנומדיקע, אָדער זײַן גורל באַשערט אים צו שנײַדן ביימער אין די טיפע טײַגעס, וואָס גליווערן זינט אומצייליקע יאָרהונדערטער אונטער די קאַלטע שטערן פון צפונדיקן פּאָל.

נחום גאָטאײַנערן, דעם ילוד לענטשיץ זענען אויפגעלייגט געוואָרן אַזעלכע טרויעריקע נסיונות. און געשען איז עס אים, ווײַל ער האָט דורכויס געוואָלט עוקר־זײַן פון זײַן געבוירנלאַנד וואָס ער'ט אָנגערופן רע־פוילן, מחמת יידן האָט מען דאָרט גערודפט מיט כל המיני נגישות, אַפילו געליטן פאַרן פשוטן ייד־זײַן.

„העד אויף טשיקאַוועס, — פלעגט ער אין ביטערניש טענהן צו אַ ידיד — גיי האָב אַ טענה צו דײַן מאַמע הלמאַי זי איז נישט קאַ' גויע!" מחמת דער אַ שׂינאה זענען יידן אין פוילן אויך פאַרמישפט געוואָרן אויף תּמידיקן דחקות. נחום האָט דערפאַר געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגגן צו אַנטרינען קיין ריסנלאַנד, ווו מ'האָט פון דערווײַטנס מערמאָליק צוגעזאָגט אַן אויפריכטונג פאַר אָרעמע, באַזונדערס פאַר אָרעמע יידישע מענטשן. דערוועגן האָבן לײַט געלייענט אין בראָשורן וואָס זענען טאַיעמנע דער־

גאַנגעגען צו זיי. אויך ער האָט זוכה־געווען דעם צוטרוי צו קריגן אַזאַ בראָ־
שורקע, מיט די אייגענע אויגן געקענט לייענען וועגן די טובֿהס וואָס
דערוואַרטן דאָרט פֿאַר זיינס גלייכן. האָבן טאַקע לייט פֿון לענטשיץ און
פֿון אַנדערע מקומות מקנא־געווען די ייִדן אין יענער גליקלעכער מדינה.
אָבער פֿריי אַריינפֿאָרן אַהין צו האָט מען נישט געלאָזט. מ׳האָט געמוזט
זיך אַריינשוואַרצן. אויך פֿון דאַנען האָט מען נישט געטאָרט אייגנוויליק
אַרויספֿאָרן. אַדרבא, אַפֿילו אויף די ליפּן האָט מע נישט געטאָרט אַרויס־
ברענגען אַ וואָרט אַז ס׳איז גרויס דער חשק אַנצוקומען קיין ריסלאַנד.
דאָס גוטס פֿון דאָרט האָט דאָך געלאָקט אַ סך ייִדן אין לאַנד פֿון דער
ווייסל און פֿון נאַרעוו, ווו זיי האָבן איבער ס׳כּוח געליטן פֿון אומגעהאַ־
רישער נויט און נישט ווינציקער פֿון אָפּענעם האַס. האָט טאַקע נחום
גאַטאַיינער דער קאַמאַשן־שטעפּער אויך עוקר־געווען פֿון זיין היימלאַנד.
אַלאַ שוין אויף דער שוועל פֿון גליקלעכן לאַנד, אין דעם שטעטלשיינע
שעפּעטעווקע, וואָס איז אַן אַנזאַמל פֿון עטלעכע גאַסן נעבעכדיקע כאַטעס
מיט באָרדיקע שטרוידעכער, האָט ער געקראָגן אַ וויסטן ברוך־הבא. מ׳האָט
אים געכאַפּט אויף יענער זייט גרענעץ און אין שעפּעטעווקע אַריינגעזעצט
אין אַ קויטיקער קאַמער, וואָס איז געווען פֿאַרשלאָסן פֿון דרויסן און זי
איז געהיט געוואָרן טאָג און נאַכט מיט ביקסן. ס׳איז אים באַלד נישט גוט
געוואָרן מחמת ר׳האָט דערזען ר׳איז אַריינגעפֿאַלן צווישן מענטשן וואָס
ווערליק דעם אויסזען און זייערע התנהגותן זענען זיי געניטע תּפֿיסהניקעס,
חשודע אין אומכּשרע משׂא־ומתּנס. נחומען האָט געגומען צאַפּלען דאָס
האַרץ, ווען ער האָט זיך צוגעקוקט צו די דאָזיקע וואָס זענען נישט געווען
קיין אַריבערגעשוואַרצטע ווי ער, נייערט טאַקע שעפּעטעווקער און פֿון
אַסטראָה, מסתּמא אויך אַזאַ דאָרפֿיש שטעטל פֿון יענעם קאַנט. שוין די
ביטערע איבערווינקעניש פֿון יענע, האָבן אין דעם בלייכן לענטשיצער בחור
דערוועקט די שרעקן פֿון די מעשׂהס וואָס זיינע אַנומלטיקע חבֿרים פֿון
חדר פֿלעגן דערציילן אויפֿן פֿעלד ביים ברעג פֿון דער היימישער בזורע. די
ייִנגלעך זענען גראַד געווען מיד פֿון אַרומוואַיעווען, האָבן זיי זיך דער־
מאָנט פֿאַרכאַפּנדיקע געשיכטעס, פֿון וועלכע מ׳האָט זיך נישט געקענט
אָפּרייסן; ס׳האָט זיך געהערט מיט שטאַרקן נייגיר, ווייל די מעשׂהס האָבן
ממש געברענט מיט שרעקן וואָס האָבן געטראָפֿן נאָענטע מענטשן. די
שוואַרצע און קאַנאַפּלענע האַרקענדזשערס, אויך די בערד פֿון די שעפּע־
טעווקער האָבן איינער אַ נייס נחומען געמאַכט דורכלעבן די נאַיווע ייִנגלשע
מוראס פֿאַר גזלנים מיט העק און שפּיזן, מיט וועלכע זיי האָבן אין וואַלד
אָפּגעהאַקט די קעפּ פֿון דורכפֿאָרנדיקע סוחרים און טאַנדעטניקעס. אויך

די בעלי־עגלות האָבן זיי געממיתט און די פּערד מיט די וועגענער ווילד צעטריבן איבער דער וואַלדיקער נאַכט־פינצטערניש. נאָך ערגער — די גזלנים האָבן די דערהרגעטע נאָך צעפּערטלט און זייערע לײַבער צעוואָרפן איבערן וואַלד. אויף די צעפּליישטע קרבנות האָבן מיט חיהשער גיריקייט זיך אָ וואָרף געטאָן די הינט, די שמשים פון מלאך־המות, אָן וועלכע די רוצחים האָבן זיך נישט אַרויסגערירט קיין מאָל פון זייערע באַהעלטענישן אין די אַלטע פּוילישע וועלדער. בײַ די דערהרגעטע האָבן די גזלנים צוגענומען זייערע לעדערנע בײַטלען מיטן געלט וואָס זיי האָבן אָפּגע־לייזט פאַר די סחורות וואָס געפירט אויף די יאַרידן. אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די גזלעוואַיעס, האָבן זיי טאָג און נאַכט זיך געוואַלגערט אין ווײַטע קרעטשמעס ביז זיי זענען געוואָרן פאַרטשאַדעט פון דעם אָקעוויט וואָס זיי האָבן אויסגעזאָפן. טויט־שיכורע זענען זיי אַוועקגעפאַלן אין שווערן שלאָף אויפן אָרט ווו זיי האָבן געזאָפן. אויסגעטשוכעט זיך אַ ביסל, האָבן די רויבערס מיט נאָך פאַרליאַפּעטע געהירן זיך אָפּגעטראָגן אין זייערע היילן אַרײַן אין טיפן וואַלד און דאָרט ווידער אָפּגעשלאָפן גאַנצענע מעת־לעתן. ווען יענע פלעגן פּאָפן, האָבן די הינט געטרײַ געהיט זייערע גזלנישע בעלי־בתים. ענדלעך דערוואַכט, זענען די גזלנים אויף דאָס נײַ אַרויס אויף רציחות — —

אַלצדינג וואָס זיך דערמאָנט, האָט נחומען ערשט גענומען מאַטערן: ר׳איז אַוודאי אויך צווישן אַזעלכע גזלנים. און כאָטש דער שלאָף האָט אים געגנאָיעט ווי אַן אָנרײַסנדיקע מכה האָט ער מורא געהאַט אײַנצושלאָפן. אויב ער איז אין שמאַך דאָך אַנטדרימלט געוואָרן, האָט ער בגוואַלד זיך אַרויסגעריסן פונעם שלאָף ווי פון אַ בהלה. ס׳איז אויסגעקומען אַז כאָטש ער איז געפאַלן צו דר׳ערד אַ שלעפּעריקער, האָט ער דאָך נישט געקאָנט אין פולן אַן אויג צומאַכן. אים זענען ווידער קאַפּויער געקומען די אַנומלטי־קע געשיכטעס און בײַקעס, פון וועלכע ר׳האָט בײַ נײַס נישט אויפגעהערט צו טראַכטן מיט אימה. אַצינד, אין תּפיסה, האָבן אויך די חשודע פאַרשוי־נען אים גורם געווען שאַרפן אומרו. ער׳ט פשוט מורא געהאַט צו שלאָפן צווישן זיי. אים האָט אויסגעוויזן אַז אין דעם קאַראַהאָד פון די משונה לײַט האָט ער זיך אַרײַנגעפּלאָנטערט אויף אַן אויסטערליש פײַנלעכן אופן. וואָרן זײַן גורל איז פּלוצלאַלבן משוגע געוואָרן און אויך אים צעדולט דעם מוח. ס׳האָט נחומען געמאַטערט אַ טיפע חרטה; ער האָט דען נישט געקענט זיצן אין דער היים און נישט ווערן אויסגעשטעלט אויך אויף פאַרוואַרפנקייט אין אַ ווילד־פרעמדן ערגעץ? און דער עיקר — ער איז דאָך נישט באַגאַנגען אַ וועלכן פאַרברעך קעגן מלכות אַז ר׳זאָל מוזן אַנטלויפן פון לענטשיץ. נישט

מער, ער האָט זיך געוואָלט ראַטעווען פֿונעם שלעכטס וואָס ער האָט געליטן אויך נשמהדיק, אַחוץ פֿון טאַטע־מאַמעס אָרעמקייט. אויב ער דאַרף באַצאָלן מיט תּפֿיסה פֿאַרן גרייַז הלמאי ער'ט פֿאַרבלאָנדזשעט צו אַ פֿרעמדער גרעניץ, דאַרף דאָך די סיבה פֿון דעם גרייַז זײַן אַ שווערער אומשטאַנד. דערפֿאַר האָט ער מוראדיק געליטן פֿון אַלץ וואָס ער'ט צוגעזען און מיטגעמאַכט; ערשט האָט ער אויך געהונגערט, אָבער קיין שלעכטס קעגן אַוועמען, קען מען אים נישט פֿירוואַרפֿן. טאָ פֿאַר וואָס קומט אים אַזאַ שטראָף?

נחום האָט געביטערט דערויף וואָס ער קען זיך נישט אַרויסדרייען פֿון „דעם פּעקל". אָקערשט האָט ער אַפֿילו נישט קיינעם וואָס זאָל אים צו מאָל מיטפֿילן מיט אַ קרעכץ, ממילא זעט ער נישט קיין סימן צו קענען האָפֿן ר'זאָל ווען־עס־איז זיך אַרויסדראַפּען פֿון דאַנעט. ס'גאָר פּאַסקודנע: ביי די הפֿקרע פֿאַרשוינען וואָס האָבן זיך אָנגעלערנט דאָס בייז אויך פֿון אַנדערע תּפֿיסות ווו זיי זענען פֿריִער געווען פֿאַרשפּאַרט, קען ער נאָך ווערן אַ שפּילעכל וואָס וועט זיי פֿאַרשאַפֿן אַ תּענוג. אַצינד איז ביטער גאָל מיט אים — ער וועט זיך נאָך צאַפּלען אין קראַמפֿן ווי אַ פֿליג אין שפּינוועבס.

צום גליק האָבן יענע תּפֿיסהניקעס — נחומס אומדערוואַרטע שכנים — אים גאָר געלאָזן צו רו. מחמת דעם איז נחום געטאַיינערן געקומען אויפֿן רעיון אַ שטיקל טרייסט: בכן נאַטורן, וואָס דערוועגן זיך באַגיין אַפֿילו אויפֿטרייסלענדיקע מעשׂים, זענען צו מאָל מילד; אויך די דאָזיקע קוקן דאַכט זיך מיט רחמנות אויף שוואַכערע. זיי שמייכלען גינציק, ווען זיי דערזען אים אַ דערשלאָגענעם; אַוודאי, זיי האָבן שוין דערקענט אַז ער איז אַ שלאַבעריקער וואָס קען זיך גאָרנישט אויסטויגן. אַזוינע „שטאַרקע" זענען טייל מאָל צוגעלאָזן צו אַזעלכענע אין זיך איינגעשרומפּענע באַשעפֿענישן ווי ס'איז אַ שטייגער גאַטעינער. זיי זעען דאָך אַז ער קען זיך נישט קאָן עצה געבן מיט דער וועלט וואָס טליקעט זיך אַרום אים. און באמת: די אָ אומדערשראָקענע האָבן זיך צו אים נישט געטשעפּעט. זיי האָבן דווקא געפּרוווט אים אונטערמינטערן מיט אַ פֿאַן־בראַטישן ווענד:

— יונגער־מאַן, הייב אויף דעם קאָפּ! זיי האָבן אים באַלד געדוצט. שרעק זיך נישט פֿאַר דער אָ קאַמער. ש'קשה, מ'האַלט אויס אַפֿילו אַזעלכעס. מ'לעבט אויך אין אַזאַ מושבֿ. ווו דו דאַעסט — עסטו, אַבי מ'גיט צו עסן. דאָ מוז פֿאַר אַלץ סטייַען כּוחות. וואָרן סע קען זיך מאַכן ערגערס; מ'יאָגט דיך אַריַן, ווי מ'מאַכט זיך פֿאַר אַן אונדזעריקן, אין פֿינצטערע, נאַסע קערקערס ווו מ'קאָן נישט פֿון זיך אָפּטרייַבן די הונגעריקע שטשורעס. הערסט, פֿאַראַן דאָרט אַזעלכענע ראַצן, גרויסע ווי די קעץ! די מחבלים אין די מונדירן און פֿרענטשן וועלן זען דו ביסט אַ צעקראָכענער, וועלן

זיי דיך נעמען רעכט קניטשן. קענסט לײַדן די אמתדיקע מפּלה. אַז אויפֿן הימל איז אַ יאַריד איז „בײַ זיי" אויך אַן ענין. אומזיסט ציטערסטו פֿאַר אַ שאַרף וואָרט אָדער פֿאַר אַן אויפֿגעטורעמטן קול פֿון אַזוינעם. מעגסט פֿאָלגן אייגענע, — האָבן יענע מיט אים געקנעלט — גיב ליבערשט אַ שמיי־כעלע. די פֿאַרהערערס קוקן נאָר אַרויס אויף אַזעלכענע וויינענדיקע מאַזש־געס ווי דײַנע; „זיי" קענען פּאַוואָלינקע דערהרגענען אַפֿילו אַ קרעפּקן מאַנצביל, נישט נאָר אַזאַ שמויגער ווי דו. האַלט זיך שטײַף, בחורעץ!

נחומען האָט זיך אָבער נישט געשמייכלט אויף באַשטעלונג פֿון די דרייסטע. בכלל, ווען האָט ער געקענט שמייכלען, דער נאַום? סײַדן אין ווײַטלעכן אַמאָל, ווען ר'איז געלעגן אין דער וויג און די מאַמע האָט דאָס פֿון אים קונציק אַרויסבאַקומען. זי האָט דעם קינד, נחומלען, אַ קיצל געטאָן אין בײַכל אָדער זי'ט אים געשמיצלט מיט די ליפּן.

אַזוי האָט דער מענטש גאָטאײַנער ביסלעכווײַז זיך אײַנגעלעבט אין דער פריקרער קאַמער, געוווינט געוואָרן צו גראָבע רייד און מיאוסע תּניעות. ר'האָט אויך זיך שוין צוגעוווינט צו דער פֿאַרדאַרבענער לופֿט פֿון קאַמער וואָס האָט אים אַזוי פֿאַרטשאַדעט אַז ס'האָט אים אָפּטלעך גע־רייצט דעם מאָגן צום ברעכן. אַ גרילצנדיק געלעכטער וואָס האָט טייל מאָל זיך אַרויסגעבראָכן פֿון אַ תּפֿיסהניק, האָט אים צום מערסטן געאַרט. דעמאָלט האָט ער געפֿילט אַזוי, גלײַך אַ שפּין וואָלט זיך צעגראַבלט אין זײַן געהירן. אָט וואָס ס'האָט אים נישט געלאָזט אַ רגע רויק אײַנזיצן. אָבער אויפֿשרײַען פֿון דערצאָרענונג האָט ער אויכעט נישט געטאָרט, דער פֿאַרצרהטער נחום. סוף־סוף איז ער פֿון אויפֿרעגונג אַוועקגעפֿאַלן אין אַ לעסטיקער מידקייט, אָבער ער'ט דאָס נישט געטאָרט אַרויסווײַזן. מחמת אוממאַכטיקייט איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ צושטאַנד בעת וועלכן מ'שפּירט נישט די אייגענע הויט, כאָטש זי רינצלט פֿון אַ פּגעדיקער קעלט. איינציק וואָס האָט אים געלאָזט שפּירן אַז ער לעבט נאָך יאַקאַש, איז געווען די נעדיזנע וואָס וועקט זיך אָפּט איבער זײַן גאַנצן לײַב. סע בײַסט אים, שרעקלעך בײַסט עס, ס'צערייצט אים די נערוון, נישט צו קענען רויק אײַנזיצן אויף אַן אָרט, אויך נישט שטיין געלאַסן.

אַז יעדע אײדעלע שפּירונג איז בײַ אים שוין אָפּגעטעמפּט, האָט נחום נאָך נישט באַנומען. ער פֿלעגט נאָר אינסטינקטיוו פֿאַררוקן אַ האַנט אין בוזעם, מיט איר גרייכן אויך צום נאַקן, אַפֿילו טיפֿער אַראָפּ. אונטערן העמד פֿלעגט ער מאַשינעל באַוועגן מיט די שפּיץ פֿינגער, קראַצן די הויט מיט די נעגל. ער האָט עס געטאָן מיט הנאה, דאָס רובֿ פֿאַרגעסן וואָס ער טוט, וואָס מיט אים טוט זיך; ער האָט צו מאָל נישט געוווסט אַז בעתן

קראַנן האָט מיאוס זיך צעקרימט זײַן צורה, דאָס מויל האָט זיך פֿאַר־שטשירעט און פֿון דער אונטערשטער ליפּ האָט ווי אַ גליטשיקער פֿאָדעם זיך אַראָפּגעלאָזן אַ שלײַמיק דין־דין שנירעלע סלינע.

סכנות פֿײַנלעך איז נאָום גאַטאַנײַערן געווען דאָס צוגעוויינען זיך צו דעם געפּענקעניש.

ב

אומגעריכט איז אָנגעטראָטן אַ שינוי אינעם סדר פֿונעם תּפֿיסה־טאָג אין שעפּעטעווקע.

אין איינעם אַ קאַיאָר האָט מען די תּפֿיסהניקעס נישט אַרויסגעטריבן פֿון קאַמער זיי איבערצוציילן, ווי ס׳איז געווען דער פֿיר אין אָסטראָג. געקראָגן צו טרינקען די באַלאַנדע ווי יעדן באַגינען, אַזאַ וואַרעם מוטנע שווענקוואַסער וואָס האָט זיך גערופֿן קאַפֿע מיט אַ פּענעץ ברויט. אַזאַ איז געווען דאָס אָנבײַסן. דערנאָך האָט מען אַלעמען פֿון דער קאַמער אַרויס־געפֿירט אין הויף אַרײַן. שטאַר איז דער תּפֿיסה־הויף געשטאַנען מיט זײַנע שטאָלגראָע פֿענצטער־קראַטעס און ווי דערשראָקן־צעשטוינט האָט ער בלינדלעך, קיל געקוקט צום שמאָלן פּאַס הימל וואָס האָט איבער אַלעמענס קעפּ זיך אַרײַנגעשניטן צווישן די מויערן פֿון דעם תּפֿיסה־קאָמפּלעקס.

איינצלנע אייבערשטע פֿענצטער זענען געווען צעפּראַלט צום אַרומגע־מויערטן הויף. וועדליק דעם ווי מ׳האָט אין דרויסן אויסגעמושטירט די אַרעסטאַנטן אין צווייען אין אַ ריי, האָבן לײַט אָנגעשמעקט אַז ס׳איז אָנ־געשטאַנען אַ גליקלעכער טאָג — מ׳עט אַלעמען פֿירן זיך אָפּבאָדן. געווען מחמת דעם אַן אומפֿאַרהאָפֿטע פֿרייד, עלעהיי מ׳וועט סײַ אָפּפֿרישן דאָס וועלקנדיקע לײַב סײַ מ׳וועט אפֿשר בײַ עמעצן פֿון די דרויסנדיקע קענען כאַפּן אַ צי רויך פֿון אַ פּאַפּיראָס. אַן אמתע גדולה האָט אויסגעבראָכן, ווען די מחנה איז טאַקע געקומען צו דער באָד וווּ מ׳האָט זיי אַרײַנגעטריבן. דאָס אויסטון זיך איז דערפֿאַר געווען ממש אַ התלהבֿותדיקע עבֿודה; ס׳איז געוואָרן אַן אײַלעניש, אַזש לײַט האָבן געסאָפּעט. מ׳האָט בײַ צײַטנס מיט דער נאָז געוואָלט כאַפּן דעם ריח פֿון דער שפּע וואַסער, וואָס געדענקט זיך נאָך פֿון ווײַטלעכן אַנומלט, ווען ס׳איז אויסגעקומען זיך צו באָדן. אָבער דערנאָך איז געווען געגנוג בלויז אַ רגעדיקער בליק איבערן פֿע־דערשטן חלל פֿון דעם באָדהאָל, ווו אַ צוויי צענדלינג אירע זענען געשטאַ־נען נאַקעטע. אָך, וואָס פֿאַרא נאַקעטע סע האָט זיך אַנטפּלעקט פֿאַרן פּנים פֿון דער איבלדיקער וואָר! איניקע האָבן זיך געוויזן מיט פֿײַער־רויטע לײַבער ווי זיי וואָלטן אָקערשט אויסגעבריט געוואָרן אין אַ זודיקן

קעסל; אַנדערע זענען געווען ברוינהויטיקע מיט אויסגעדאַרטע גלידער, באַוואַקסענע, קנאָכיקע, דאָס גלײַכן טאַטוּירטע און אַזעלכע וואָס זייער הויט איז געווען אָנגעפּאָקט מיט רויטע פֿלעקן ווי צעביסן פֿון אומפֿלייט. געווען אויך אַנדערע נאַקעטע מיט אײַטערנדיקע מכּות אויף דער הויט, צו גלײַך מיט שראַמען פֿון כירורגישע שניטן. אין דער מאָזאַיִק פֿון אַנט־בלויזטע קערפּערס האָבן זיך אויך אָפּגערופֿן ווײַטיקלעכע שפּורן פֿון אײַנ־געפּרעסענע מיחושן וואָס פֿאַרקריפּלען דעם מענטשלעכן גוף.

נישט געווען דעמאָלט אַזאַ פּאָר אויגן וואָס זאָלן נישט זײַן להוט צו וואַרפֿן אַ בליק אויף די אַרומשטייענדיקע, אָבער באַלד, ווי פֿאַרשעמט, גענומען באַטראַכטן די אייגענע אָפּגעדעקטע חורבֿה. דערפֿאַר איז דאָס באָדן זיך גופֿא געוואָרן אַן אײַלעדיקס, ווי לײַט וואָלטן וועלן וואָס מער אַרײַנכאַפּן דאָס אָפּפֿרישנדיקע וואַסער. פֿון צווישן די וואָלקנס פּאַרע האָט זיך דורכויס געלאָזט הערן דער געדיכטער געפּליעסק פֿון רינענדיקן קוועלנדיקן הייסן גאָס וואַסער איבער וואַסער. קיין זייף האָט קיינער פֿון די באָדנדיקע נישט געהאַט. נײַערט די הענט, זייערע פֿונאַנדערגעשפּרייטע פֿינגער האָבן גע־דינט במקום דעם זייף. נאָר די פֿינגער זענען אָקערשט געווען מסוגל אָפּ־צושײַערן אַ ביסל דעם אָנגעוואַקסענעם קויט פֿונעם לײַב וואָס וואַלגערט זיך אין געפֿענקעניש נאָר אויף פּײַן און דער מערכה פֿון דעם צוגעטיילטן ביסן ברויט. אַנדערע, די אָפּהענטיקע, האָבן אויף זייער שטייגער זיך געקוויקט מיט די ריטשקעס הייסע וואַסער, וועלכע זיי האָבן געלאָזט רינען איבער זייערע גופֿים, זיי האָבן זיך באַוועגט מיט אַ תּענוגדיקער להוטקייט אונטער דער קוועלנדיקער פֿײַכטקייט. עפּטערס האָבן זיי אונטערגעשטעלט צו מאָל די אַקסלען אונטערן האַסטיקן וואַסערשפּריי, אָדער געשמאַק גע־וואַשן די אײַנגעפֿאַלענע האָריקע ברוסט. אַן אַנדערער האָט בכּיוון אַרויס־געדרוקט דעם קאָפּ ער זאָל זיך פּליושקען אונטער דעם וואַסערפֿלייץ. דער רובֿ באָדנדיקע האָט אָבער רעשיק זיך געפּאַטשט דאָס לײַב מיט די גלי־טשיקע הענט איבערן אייגענעם נאַקעט; טייל מאָל האָט פֿונעם פֿײַכטן רעש זיך דורכגעריסן אַ תּענוגדיקער אָכץ מחמת דעם שורעווענדיקן געקוועל פֿון לעבעדיקן וואַסער.

ג

אויסגעלאָזן האָט זיך אויסגעלאָזט דאָס באָדן זיך אונטער אַ בכּיוונדיקן שרײַיקן רוף:

— וונימאַניע,*) האַרכט די קאָמאַנדע!

---

*) הערט מיט אויפמערק (רוסיש).

דעמאָלט איז אויסגעקומען צו שטיין נאַקעט הויל ביז קענען אויפֿקלײַבן דאָס אייגענע אָנטועכץ. בעת־מעשׂה האָט איטלעכער פֿלייסיק דורכגעפֿירט אַן אײַליקע בדיקה איבער די נעט פֿון די קלעפּיקע הויזענעס, באַדאַכט געלויזט די איבלדיק־פֿאַרשווייסיקטע אונטערשטע וועש. מחמת דער לאַנג־אָנגעלעבטער געדיזנע אויף דער הויט האָבן לײַט פֿון דעסטוועגן באַלד גענומען זיך קראַצן, אַפֿילו ביז בלוט צעקראַצן די האָר־באַדעקטע טיילן פֿונעם גוף. ניין, צו ערשט האָבן זיי געהערט דעם געשריי פֿונעם דעזינפֿעקטאָר אין לאַנגן בלאָ־לײַוונטענעם כאַלאַט. ער האָט ראַפּטעם אָפּגעריסן די פֿלייסיק פֿאַרטועגע הענט און אויגן פֿון די לײַזיקע נעט און פֿאַלדן, אַכזריותדיק פֿון זיי פֿאַרטריבן די זיסע מינוטן וואָס זיי האָבן פֿאַר אַ לענגערער רגע געהאַט די זכיה נישט צו שפּירן דעם אומגעהײַערן מענטשנעלנט. ווי אַ בייזער ווינט האָט דער „גזלן" מיט אַ מאָל פֿאַרבלאָזן דאָס פּיצעלע פֿאַרגעניגן וואָס איז איינציק אין דער שווערער מאָנאָטאָניע פֿון דעם נמאסן געפּענקעניש.

...אונטער דעם אייגענעם רוקן האָט פֿאַר זיי אָקערשט סמוטנע זיך אָוועקגעשטעלט אַלץ וואָס האָט זיך געזעגנט נאָך דער מילדער שײַן פֿון דער מיקלאָמפּערשטער... אויפֿגעריכטקייט. באמת, גן־עדנדיק איז געווען די שעה, די מינוטן פֿון דעם גיין, דעם שטיין, דעם גאַרעניש צום אָפּפֿרישנדיקן גאָב פֿון הייסן, ממש היילנדיקן וואַסער. אָך, ס'איז אַזוי גוט געווען! אַפֿילו די בליקן פֿון דער „וולאַסט", וואָס האָבן באַגלייט, זענען געווען גינציקע, און אָט... אַלץ איז מיט אַ מאָל אײַנגעזונקען אין אָפּגרונט פֿון לאַנגאָניקן גאַרן צום אָפּעטעמען פֿון דעם וויאַנענדיקן געביין. וואָסער גליק! אין באָדהאָל זענען ערשט אַלע געשטאַנען אונטער די אָנגעבויגענע דושרעשעטעס ווי אונטער אַ היילעוודיקער זון, געשטאַנען אָן אַ סדר, אָן סימעטריע, אָבער פֿרײַ, אָן קאָמאַנדע; געוואַשן זיך, אָפּגעשוואָנקען דעם קויט פֿון די זינד וואָס באַגאַנגען קעגן דער וועלט, ווי קעגן זיך גופֿא, אלאָ אַצינד? הײַדאַ צוריק צום עיפּוש! אַבי די סאַניטאַר־אינספּעקציע זאָל נישט האָבן בײַז צו מורמלען, בכן מ'ברעכט די דיסציפּלין, אַ באַגרינדטע אויפֿן חובֿ צו פֿאַרמײַדן אָוועלכע עפּידעמישע פּעסט וואָס וואַקסט קודם כּל פֿון אומהיגיענע. מלוכישע איבערדערציִונגס־אינסטיטוטן מוזן אַוודאי שבוודאי האַלטן תּמיד אָפֿן די אויגן אַנטקעגן דער סכּנה. דער חיובֿ איז געזעץ!

ד

נאָר איין מאָל אין חודש! ס'איז דערפֿאַר קודם כּל צו האָבן אין זינען די הנאה. נחום וואַשט זיך אונטער דער דוש־רעשעטע און ציט זיך צוריק

דערנאָך אין אַ ווינקל אַרײַן. ווי איטלעך מאָל מוז ער ווידער וואַרטן אויפֿן אָנטועכץ וואָס איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין דעזינפֿעקציע. פֿון אומגעדולד צי פֿון פּלוצלינגער קילקייט נעמט ער באַלד אַזוי ווי גליווערן און ר׳כעסט זיך אין דער שטיל: ווי לאַנג איז דער שיעור צו לאָזן נאַקעטע נאָך דער באָד! אַלץ הייסט בײַ זיי דיסציפּלין. טאַקע מחמת דער „דיסציפּלין" האָט דער דעזינפֿעקטאָר שטענדיק צײַט ערגעץ זיך צו פֿאַרזוימען. דער צעפּאַרעטער באָדהאָל און זײַנע קליענטן לאַנגווײַליקן אים קענטיק. ער לאָזט טאַקע שטיין דאָס באָדהויז אין נידעריקן נעפּל, ווען עס טומלט דער געפּילדער פֿון הענט איבער בײַכער, איבער שענקלען און דאָס באָלבנדיקע וואַסער פּעלבלט זיך דול איבערן שטייניקן דיל.

אַלע מאָל טוט זיך אַזוי בײַם באָדן דאָס הייפּל קויטיקע לײַט; דווקא דעמאָלט גייט אַוועק דער דעזינפֿעקטאָר פּלוידערן מיט עמעצן. ער וויל אויך נישט וויסן אַז נאָכן באָדן זיך קומט אויס זײַנע קליענטן צו פּיל זיך לופּטערן אין דער פּעדערשטוב פֿונעם באָדהויז. „אין זײַן מאַמעס זון אַרײַן" — קאָכט זיך באַלד אויף אײנער אין דער שטיל; אַן אַנדערער פֿאַרבראָקט שוין די קללה מיט אַ שאַרפֿערן געווירץ פֿון צעהודיעטן לשון. די אַלע „ברכות" מורמלט חבֿרה מיט צאָרן דאָ אין אַן אויער אַרײַן, דאָ מיט פֿאַרקריצטע ציין. סוף־כּל־סוף באַווײַזט ער זיך, דער בלאָער כאַלאַט־ניק און מע נעמט אָנטון די צעפּאַרעטע שמאַטעס. דערנאָך דערזעט מען ווידער —דורכשפּאַנענדיק אין געאָרדנטן מאַרש— נאָר דעם פּראָפּיל פֿון לאַזורנעם אָדער כמאַרנעם טאָג אין זײַן שעמעוודיקער צורה. גאָר אין גיכן שפּירט זיך דער תּפֿיסהניק בײַ נײַס אין אַלטן געקוועל וואָס סע האָ־דעוועט די טוכלע קאַמער צווישן לײַט וואָס ווייסן נישט, פּונקט ווי נאָום גאָטעינער, וואָס צו טאָן מיט זיך. טאַקע ווײַל נאָכן אָפּבאָדן זיך שפּירן זיך אַלע מידיקלעך־פֿויל, זעצן זיך אַוועק אויף די קויקעס, צו מאָל אויך אויפֿן קאַלטן שטײַניקן דיל און בײַסן זיך די צונג.

די אויגן זענען אויסגעוואַשן, צעהעלט פֿון דער מינוט דרויסנדיקן ליכט ווי פֿון דער לופֿט וואָס האָט איטלעכן אַ רגע דורכגעווייעט. אויך דער גוף איז ,דאַכט זיך, גרינגער, אָבער די קאַמער איז געוואָרן ענגער, דער סופֿיט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נידעריקער, אויך דאָס פֿאַרקראַטעוועטע פֿענצטער איז זיך נעענטער צונויפֿגעגאַנגען מיטן שאָטן פֿון דער תּפֿיסה־וואַנט. דער טאָג האָט גיך אײַנגעשרומפּן און אויפֿן געמיט האָט אַראָפּגע־נידערט אַ משונה שווערקייט.

אין אַוועלכן טאָג אַזאַ האָט אַ תּפֿיסהניק פֿון דער קאַמער פּלוצלינג זיך פֿאַרגלוסט אונטערברומען אַ לידל פֿון זײַן עקבערנדיקן ווײ. נחום

גאָטאַײנער האָט עס באַלד פֿאַרנומען און סע האָט אים דווקא אַ שאַרפֿן שניט געגעבן אין מוח זײַן אַלטע ניכטערקייט:

„וועט מען אים נאָך אַרויסלאָזן פֿון דעם קלעם? בײַ די דאָזיקע משחיתים איז באַשײַמפּערלעך נישט קיין אײַלעניש. ער איז דאָך נישט קיין מערדער, אויך נישט קיין גנב, און בײַ קהל זיך נישט פֿאַרזינדיקט. בכלל, קיין שלעכטע זאַכן האָט מען בײַ אים נישט אויסגעפֿונען. אײַ, די גרענעץ? ער'ט נישט געהאַט קיין אַנדער ברירה. ער'ט זיך פּראָסט פּשוט געוואָלט ראַטעווען פֿון פֿלאַמפּײַער, וואָס האָט געפֿלאַקערט אַרום אים. טאָ פֿאַר וואָס אַזוי פּײַניקן אַ מענטש מיט אַליינקייט און הונגער, מיט קעלט און אומצוכט? ווי אַזוי קען ער צו מאָל רו׳ק שלאָפֿן, אַז ער ווייסט נישט וואָס מ׳עט מיט אים דאָ טון! און נאָך ערגער — קיינער פֿון זײַנע אייגענע ווײסן נישט ווו זײַן געביין איז אַהינגעקומען, ער קען דאָך נישט לאָזן הערן פֿון זיך. אין זײַן ביטערניש האָט נחום זיך פֿאַרטראַכט, געוויײטיקט און געוואָרן מער באַלאָדן מיט דער זאָרג פֿאַר זײַן מאָרגן — אויב ס׳איז בכלל שכיח אַ מאָרגן אין דעם קוואַל.

אַזוי, אין דורכויסיקער פֿאַרלוירנקייט, האָט ער זיך פֿאַרגעסן און, ווי געווײנטלעך, להוט אַרײַנגערוקט אַ האַנט טיף אין דעם אויף דער גיך צעשפּיליעטן פֿאַרנט פֿון די הויזן און גענומען אײַליק זיך קראַצן; ר׳האָט מיט די פֿינגער פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ וואַרעמען אָרט און פֿון ס׳נײַ מיט די נעגל געריסן די הויט ביז תענוגדיקן ווייטיק. דערפֿון איז אים עפּעס גרינגער געוואָרן, אויך ליכטיקער אין די אויגן. ס׳האָט אים דעמאָלט פֿון שאָבן די הויט הנאה געטאָן פֿאַרן געשענקטן לעבן וואָס ער לעבט. מיט גאָרנישט מער ווי מיטן קראַצן מיט די נעגל דאָס אויסגעצערטע לײַב, האָט ער שיכּורותדיק זיך פֿאַרכליניעט.

אָבער אין דעם טראַכטן בשעת־מעשה איז אים באַפֿאַלן אויך אַ שווע־רער אומעט פֿון דעם ניכטערנעם זען און פֿילן — ווי קוליעדיק געשפּאַנטע שלעפּן זיך די לאַנגע שנײַדיקע ווינטערס און שטיקנדיקע זומערס פֿונעם תּפֿיסהניק נאָום גאָטעינער פֿונעם „איבערדערצי׳ונג־אינסטיטוט" אין שע־פּעטעיוקע.

ה

...נישט ס׳איז גראָד געווען מיטאָג־שעה ווען מ׳ברענגט אין קאַ־מער אַרײַן די טעגלעכע פֿאַרציע לעבלעכע יושקע מיט אַ לעפֿל קאַשע אויף אַ באַזונדערן בלעכענעם טעלער. עולם תּפֿיסהניקעס האָט גענומען האַסטיק

טראַכטן־קלערן: וואָס וועט ערשט געשען!? אפֿשר נעמען עמעצן אויף אַ נײַעם פֿאַרהער! וועט מען אַוועמען אַצינד נישט באַפֿרײַען אַזוי אומגעריכט, אָן אַ פֿאַרויסיקן אָנזאָג? אוממעגלעך! טאָ וואָס קאָן באַטײַטן דאָס שליסעכץ אין מיטן דערינען? לײַט האָבן אויפֿגעדריגעט, ווען ס׳האָט זיך דערהערט דער פּלוצלינגער אײַזערנער גרילץ אין שלאָס פֿון דער קאַמער. ריכטיק, אַהער צו האָט זיך מטריח געווען דאָס גראַבלען און דאָס לאַנגע דזשינ־דזשעדיקע קלינגען מיט די שליסלען באַגלייט פֿון אַ האַרטן שריט וואָס האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט. און אָט די טיר האָט טאַקע זיך צעפּראַלט. ס׳זענען אַרײַן דער נאַדזיראַטיעל (אויפֿזעער) מיט אַן אַרמייסקן אין הויכע שטיוול און אַ נידעריק געשוירענעם יאָזש. הינטערביידן איז געשטאַנען אַ סאָלדאַט פֿון קאָרידאָר־פּאַטרול. באַדאַכט זיך אַרומגעקוקט, מיט די אויגן געניששטערט איבער די פּנימער פֿון די תּפֿיסהניקעס. אַוודאי, די בעלי־דבֿר האָבן געשטוינט הלמאַי ס׳איז מיט אַ מאָל אַזוי שטיל געוואָרן צווישן די פֿאַרזינדיקטע. עפּעס זענען אַלע שטום. קיינער האָט נישט צו שטעלן קיין פֿראַגעס אָדער עפּעס בעטן. ווײַל תּמיד, בעת אַזעלכע אַרײַנקומס, קריגן לשון אַוועלכע פֿון די אַרעסטאַנטן, וואָס ווילן וויסן ווי סע האַלט מיט זייערע דיעלעס. אַן עמעץ אין דער קאַמער פֿלעגט מיט אַ טריבער גרימאַסע אַרויסהינקען, מסתּמא געווען גרייט אומדרייסט עפּעס פֿרעגן, אָבער זיך נישט דערוועגט עס אַרויסצוברענגען, בכן... אפֿשר קען דער איצטיקער אַרײַנקום פֿון די וויכטיקע שמעקן מיט אַן אומגעריכטער ישועה פֿאַר — אַלעמען. יאָ, סע קען אַ מאָל קומען אַן אַמנעסטיע. אָבער די נאַטשאַלניקעס קוואַפּען זיך נאָך פֿאַר די אונטערטעניקע אויסצובאַהאַלטן די בשׂורה־טובֿה, אָדער...

געוויס, אין זייער אָקערשטיקן אַרײַנקומען איז אַ זוימען ליכט, אַ פֿונק פֿון מטושטעשער דערוואַרטונג.

— טיפּשים, גייט שלאָפֿן! — האָט שיער זיך באַלד צעשריגן — אין זיך אַרײַן — אויך דער גרויסער צוייפֿלער, וואָס הערט על פּי זײַן טבֿע אויך די געדאַנקען פֿון די קליינקעפּלדיקע צווישן די אָפּגעבריטע:

— גוטינקע סורפּריזן קענען דאָ נישט קאַפּויער קומען. לײַט וויסן בעסער די היגע פֿירעכצער. לעולם איז קיין גינציקס נישט צו דערוואַרטן, סײַדן — —

סײַדן ס׳זאָל פֿון דרויסן האָבן אויסגעבראָכן אַן ערשטינקער פֿלאַם פֿון אַ פֿאַרשווערונג אָדער אַ סכּנה פֿון אַן איבערקער פֿון אינעווייניק מחמת פֿאַרהוילענע מחלוקתן, ווי עס געשעט אין די אויסלאַנדס.

און אפֿשר קומט טאַקע גאָר אַן אַמנעסטיע. סע קען געשען צוליב אַ

גרונטיקער געלעגנהייט. די ממשלה גרייט אַ מאָל עפּעס זינט דעם גרויסן אָקטיאַבער... סײַדן — —

אמת, צו דרײַסט איז געווען דאָס גרילציקע אויפֿשליסן די געקאָוועטע טיר און צו לאַנג איז געווען דאָס נישטערן, דאָס אַרומזען זיך וואָס און ווער עס געפֿינט זיך אין דער אַלגעמיינער קאַמער. אויך נישט קיין חידוש וואָס דער אַ אַרײַנקום האָט אָנגעבראַכט אַ וויכער פֿון ספֿיקות, וואָס האָבן זיך איבערגעיאָגט ווי אין היציקן געלאַף פֿון פֿערד. געטריבענע אונטערן געשאָל פֿון אַרמייִישע האַרנס.

דער נאַדזיראַטיעל איז לענגער געשטאַנען נאָענט פֿון דער שוועל, אַזוי פֿון ווײַטנס האָט ער באַוועגט מיט זײַנע טרוקענע, ווי הילציקע ליפּן, גלײַך ער וואָלט גערעדט אַזוי אַז מ׳זאָל אים נישט קלאָר הערן; זײַן נאָבלען האָט אָבער להכעיסדיק אָנגעשלאָגן אין אויסגענײַגטע אויערן־מושלעס. ער האָט טאָקע גערעדט קורץ, הייזעריקלעך פֿאַרן געהער פֿון דער קאַמער:

— נאָום גאָט־עי־עי־נער, ווער וועט עס זײַן?

נאָום האָט אַ צעוואַקלטער, ווי ר׳וואָלט געקראָגן וואַטענע פֿיס, באַלד זיך אויפֿגעשטעלט.

ו

נאָר איינעם, נחומען אַליין, האָט מען דאָס מאָל אַרויסגערופֿן פֿון דער קאַמער.

„מסתּמא ווידער אויף אַ פֿאַרהער״, האָבן נשתּוממע לײַט אַ טראַכט געטאָן און די טיר האָט פֿון ס׳נײַ זיך פֿאַרשלאָסן פֿון דרויסן.

מ׳האָט נאָום גאָטאײַנערן געפֿירט איבער שמאָלע, לאַנגע קאָרידאָרן. דעם תּפֿיסהניק האָבן באַגלייט שטאַרע, פֿאַרהעמערטע אײַזערנע טירן פֿון צעלעס, ביז מ׳האָט אים געבראַכט צו אַ נײַעם פֿאַרהער.

נחום זעט ווידער: אַ ליכטיקער גרויסער צימער מיט שרײַבטישן. פֿון סופֿיט הענגען אַראָפּ עלעקטרישע לאָמפּן. נאָר אויף איינעם אַ טיש שטייט פֿאַרדומעט אַ טעלעפֿאָן־אַפּאַראַט, אַרום די ווענט — שענק מיט בײַכיקע פּאַפּיר־טעקעס. ווו דער בליק פֿאַלט, ליגן אָנגעהויפֿט אַזעלכע טעקעס. אַרום אַלעמדינג איז דער חלל פֿול מיט שרײַענדיקער אײַנגעהאַרכטקייט ווי מיטן קאַלטן קוק פֿון אַראָפּגעלאָזענע פּנימער מיט אויף אַרויף פֿאַרשפּיצטע וואָנצעס, אויך אויפֿגעיאָזשעטע קעפּ האָר. זיי הויערן איבער עפּעס אָנגעלויערטע טישן. קענטיק, דאָ טאָר מע זיך נישט אַ באַוועג טאָן אַהין אָדער אַהער — אַזוי פֿאַרנעמט נחום אַ פּלוצלינגע וואָ־

רעגענדיקע טומלעניש. מ׳באַדאַרף שטיין ווי אויף סמירנאַ; שטיין און וואַרטן ביז אַן עמעץ וועט אָנרופן דײַן נאָמען. און וואָס ס׳איז ביז גאָר וויכטיק: מ׳מוז שטאַרק געדענקען דאָס וואָס מ׳האָט געזאָגט אַ פֿרײַערדיק מאָל. חלילה זיך נישט שטרויכלען מיט אַ וואָרט! נאָך דעם ווי מ׳עט האָבן דיך גערופֿן, זאָלסטו צוגיין צו דעם וואָס׳ט גערופֿן און טאָן וואָס ער הייסט: רעדן, ענטפֿערן, נישט וואַקלען זיך אינעם רעדן. שטײַענדיק, האַלטן זיך אויף די פֿיס ניכטער, מיט קילן געדאַנק. אַפֿילו דו ביסט שוין מיד — נישט זעצן זיך אויף דער שטול וואָס שטייט אַ וואַרטנדיקע בײַ איטלעכן טיש. אויב מ׳עט נישט הייסן זיצן, זאָלסטו שטיין אַפֿילו ווען וועסט זיך שוין נישט קענען האַלטן מיט די אייגענע כּוחות.

וואַרט, נחום, וואַרט! אים קומט פֿיר אַז אַט, אַט רופֿט מען אים שוין: גאָטעינער נאָום! און שוין מוז ער צוגיין צו דעם וואָס זיצט אין זײַן מע־טאַליק באַשטערנטן מונדיר. ער׳ט אָנהייבן אים פֿרעגן, רעדן און גאָטעינער וועט דאַרפֿן ענטפֿערן וואָס נישט ער קאָן וויסן וואָס דער וועט דאָס מאָל פֿרעגן און ווי אַזוי ער׳ט ענטפֿערן. וואָרן דאָס שוין פֿיל מאָל געענטפֿערטע איז אים אויסגעקומען איבערצוחזרן. מער ווייסט ער נישט פֿון דעם, וואָס שוין דערקלערט, דער פֿאַרצרהטער גאָטעינער.

וואַרט ער נאָך. ס׳איז ממש אוממעגלעך פֿאַר גאָטעינערן צו שטיין אַזוי לאַנג. אָבער יענער, וואָס דאַרף אים אויסהערן „האָט צײַט" נישט צו רופֿן אים. ער האָט אים סײַ ווי אין זײַנע לאַפּעס. שטיין אַזוי לאַנג ווי ער שטייט שוין נישט צו טאָרן זיך באַוועגן, ווערט אים סכּנהדיק שווער. עס טרײַבט אים שוין פֿונעם אָרט ווי ער׳ט זיך אַוועקגעשטעלט וואַרטן. ווײַל אַ ווערעמל, אַ קריכעדיק, פֿלײַסיק ווערעמל, אפֿשר שוין צוויי צי דרײַ כּנים האָבן זיך איבערגעוועקט אין אַ פֿאַלד פֿון זײַן העמד און זיי באַוועגן זיך אָקערשט אײַליק, קריכן אים איבערן לײַב. ווי־עס־איז מוז ער זיך אַ ביסל מיטבאַוועגן צו גלײַך מיט זײ. ער מוז! אלאָ די האַרבע שטײַפֿקייט פֿון די וואַנציקע פֿאַרשוינען אין די זשאַנדאַרמסקע אוניפֿאָר־מען וואָס הוסטן אונטער פֿיל זאָגנדיק, צו מאָל דראָענדיק, — דאָס האָט דעם אַרעסטאַנט נאָום גאָטעינערן געפּענטעט, וואָס אַ מאָל שאַרפֿער אים באַלעסטיקט. אַזש ר׳מוז זיך באַוועגן. דווקא אין דעם אויגנבליק, ווען ער האָט זיך גוט געהאַלטן אָקעגן דעם לויערנדיקן אַרום, האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ביטערע באַדאַרפֿטיקייט צו פֿאַררוקן אַ האַנט אין האַלדז אַרײַן, אָט אַ אויך שוין אין בוזעם, און דאָרט גיך זיך אַ קראַץ טאָן, אַן אינטענסיוון קראַץ, אָפּיאָגן זיך פֿון די אײַנגעשפּאַרטע כּנים. ערשט דאָ האָט נאָום גאָטעינער דערפֿילט אַז נישט עפּעס אַן אינעווייניקדיקער אומרו — ווי

עפּטערס זינט ער איז אַרײַנגעפֿאַלן קיין שעפּעטעווקע — באַוועגט זײַן גוף מיט אַזאַ כּוח וואָס לאָזט אים נישט אײַנשטיין אויף אַן אָרט; דאָס טרעפֿט אים אויך, ווען ער באַגערט רויק ליגן אויף דער קויקע. די אומ־פֿלייט הייבט אים אונטער, בײַסט, זייגט פֿון אים ס׳בלוט מיט אַ זשעד־נעקייט. אָבער ניין, אַצינד וועט ער זיך האַלטן, ער מוז! נאָום גאָטעינער טאָר נישט אַצינד זיך קראַצן. אַפֿילו ר׳זאָל צעשפּרונגען ווערן, וועט ער זיך נישט קאָ׳ מינדסטן וואָקל טאָן, כאָטש ער באַדאַרף דאָס טאָן ווי אַ בלינדער שפּירט די נויט נאָך אַ קלאָר זעעוודיק אויג, כאָטש איין אויג, צו זען וווהין ר׳איז דערגאַנגען אין זײַן מצודה.

מיטן גאַנצן לײַב און לעבן קלאָגט שוין אין אים זײַן אוממאַכטיקייט אַז ער מוז בגוואַלד כאָטש איין קראַץ טאָן. ער טאָר עס אָבער נישט. אָט, אָט רופֿט מען אַן זײַן נאָמען, ער מוז תּיכף הערן. אָקערשט האָט טאַקע דער גרויסער צימער מיט די שווײַגנדיקע מענטשן אויף אים אַ פֿאַרשנדיקן בליק געטאָן.

דווקא אין דער אַ אויפֿגעצווונגענער שטײַפֿקייט האָט נחום געשפּירט, ווי קיין מאָל נישט, אַזאַ שטעכעדיק קיצלענדיקע בײַסעניש אויף דער הויט פֿון די פֿאַרבאָרגנסטע טיילן פֿון זײַן קערפּער. ס׳האָט אים פּראָסט־פּשוט צעטראָגן. אלאָ ווי מעג ער עס גראַד איצטער?! אים בלײַבט ערשט נאָר גוואַלד צו שרײַען פֿאַר דעם נישט קענען זיך אַ בייג טאָן צו די פֿײַנ־לעכסטע ערטער:

„איך קען נישט מער אַזוי, איך מוז! — האָט ער שוין שטום גערעדט צו זיך און געשפּירט ווי אים באַשלאָגט אַ היץ, אויך זײַנע גליִענדיקע אויגן ווערן פֿאַרנעפּלט. און ר׳האָט, אַליין נישט וויסנדיק דערפֿון, שטיי־ענדיקערהייט אין זײַן שטײַפֿער אומבאַוועגלעכקייט אינעווייניקדיק באַ־וועגט מיט די אַקסלביינער. דאָס האָט אָבער קנאַפּ געלינדערט די פּײַן פֿאַרן נישט קענען זיך אַ קראַץ טאָן. אין די אַ מינוטן האָט ער מיטן גאַנצן מהות זײַנעם געציטערט; פֿון די הענט ביז די פּיס האָט ער גע־גליט, גלײַך זײַן קערפּער וואָלט זיך אָנגעצונדן פֿון אַן אומגעזעענעם פֿײַער. אָך, ווען ער וואָלט ערשט געקענט זיך אַ קראַץ טאָן, ר׳וואָלט פֿאַר דער מינוט אָפּגעגעבן אַ העלפֿט פֿון זײַן לעבן, אויב דער אָנגעלויערטער צימער זאָל מסכּים זײַן זיך נישט צוצובייגן צו די וואָנציקע לײַט און ציִען זייער אויפֿמערק אויף נאָום גאָטעינערס ווידערשפּעניקלעכן אויפֿפֿיר — —

וואָס זשע דאָך טאָן? כאָטש ווער צעפּלאַצט, שרײַט שוין נחום אַרײַן אין זיך דעם געוואַלד מיט פֿאַרדריקטע ציין. אלאָ ר׳האָט בשום אופֿן נישט געקענט פּועלן בײַ זיך ר׳זאָל זיך אונטערגעבן די פֿאַסקודנע ווע־

רעמלעך, צו ווײַזן זיי אַז ער האָט געמוזט אַרונטערפֿאַלן זייער רצון און לאָזן זיך בײַסן. אַ שווערער שוויס האָט אים אָפּגעגאָסן פֿון דער נײַ־אײַבערגעלעבטער פּײַן, הלמאַי ער האָט זיך גראָד נישט געקענט קראַצן ווי ס'האָט געגלוסט זײַן לײַב און זײַנע געהאָרכיקע הענט.

וואָלט ער געווען אַ פּאָעט, דער נאָום גאָטעינער, וואָלט מסתּמא פֿון זײַן ברוסט דעמאָלט אַרויסגעפּלאַמט אַ ליבגעזאַנג פֿאַר דער קוויטיקער שעפּעטעווקער תּפֿיסה־קאַמער, אויך פֿאַר די לײַזיקע מענטשן וואָס הייערן מיט אים צוזאַמען אין דער עיפּושדיקער ענגעניש. אַ לויב וואָלט ער אויסגעזונגען מחמת דאָרט, צווישן זיי, קאָן מע זיך קראַצן, קראַצן ווען סע גלוסט זיך און וויפֿל מ'האָט חשק אָפּצויאָגן זיך פֿון דער מיגלדיקער נעדיזנע פֿון די קריכנדיקע ווערעם. נחום גאָטאײַנערס לויבליד וואָלט מסתּמא אויסגענומען אויך בײַ די לײַט, פֿאַר וועלכע ער שרעקט זיך עד־היום אַן אויג צוצוטאָן בײַ נאַכט ווען אים ווילט זיך שטאַרק שלאָפֿן מחמת אויף אים הערט נישט אויף צו דריקן דער אַנסופֿיקער פּחד פֿאַר זײַנע זינד. ערשט פּײַניקט אים בײַ נײַס זײַן אייגנווילן צו לויפֿן „אין דער העל אַרײַן“, פֿאַר וואָס ר'מוז ליגן אין אַזאַ הייט, וואָלגערן זיך צווישן אַזעלכענע וואָס זענען שוין געניט צו דעם אַלעם צו וואָס אים איז נאָך מוראדיק שווער זיך צוגעוווינען. אַחוץ דעם מוז ער נאָך לײַדן הונגער ווי פֿון די דערעסענע פּוסטע פֿאַרהערן. זיכער, ער האָט אַצינד נישט קאָן אַנדער ברירה: אַ שטאַרק געקוועלטער מוז ער נאָך אַזוי שטאַרן אין דעם אומגליק וואָס די כּנים האָבן אויף אים אַנגעברענגט; נאָך אַ ביסל מוז ער וואַרטן ביז אַן אוניפֿאָרמירטער וועט אויסרופֿן זײַן נאָמען. אָבער דערווײַל — קראַצן ניע סמעי, אַפֿילו זאָלסט דאָ צעזעצט ווערן פֿון דער פּײַן וואָס סע טיילן דיר אויס די קריכנדיקע.

I

צו זײַן „גליק“ איז עס דאָס מאָל געווען פֿאַר נאָום גאָטעינערן דער לעצטער פֿאַרהער בײַ דער ענקאַוועדע פֿון שעפּעטעווקע. איר קאָמענדאַנט האָט סוף־סוף אײַנגעזען אַז פֿאַר די איבערדערצײַונג־לאַגערן פֿון קאָמי־קאַנט וועט ער זיך גוט אויסטויגן. די אורוועלדער וואָס שפּרייטן זיך איבער די דאָרטיקע זומפּן און טונדרעס, זענען אַ ווילע שול פֿאַרן מענטשן־פּסולת וואָס דער פֿאַרדאַרבענער קאַפּיטאַליזם האָט אָנגעפּלאָדיעט. דער נאָום קאָטעינער — אַזוי האָט דער קאָמענדאַנט בפֿירוש אַרײַנגעשריבן דעם נאָמען אין די פּאַפּירן וואָס גייען מיט „מיט דער הרודע מיסט“. ער איז אָבער יונג, האָט ער אויסגעחשבונט, דער קאָמענדאַנט איזוואָלענקאָ.

ער׳ט נאָך געבן ניצלעכע פּראָדוקציע פֿאַר דער געדעכטער נײַער וועלט, וואָס עס שטעלט זיך אויף דער ערד אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון דעם געטרײַען פֿאָטער פֿון די פֿעלקער, חבֿר יאָסיף וויסאַריאָנאָוויטש סטאַלין.

„דער סוקיני סין קאָטעינער וועט ערשט אַ פֿאָר טאָן טיפֿער אין לאַנד אַרײַן, דער בראָדיאַגע. ער וועט זיך דאָרט אַ ביסינקע אויסלײַטישן״ — האָט דער קאָמענדאַנט פֿונעם ספּעץ־אָפּטייל אין שעפּעטעווקע, סטיאָפּאַ מיכײַלאָוויטש איזוואָלענקאָ געזאָגט מיט אַ פֿעטן שמייכל צו זײַן שטעל־פֿאַרטרעטער. דערויף האָט ער אים דערלאַנגט די געחתמעטע קאָמאַנדי־ראָווקע בײַנאַנד מיט דער פּוטיאָווקע*) פֿאַרן נײַעם קאַנדידאַט פֿון דעם וויַטן, פֿריריקן קאָמי־פּלאַנעט.

1949

*) פֿאַר־בילעט (רוסיש)

אַ נאַכט אין סעפּטעמבער

עס ליכטיקט און ס'פֿינצטערט דער עקראַן פֿון אונדזער זעען. נאַכט. אַ קאַליידאָסקאָפּ פֿון אָפּגעשטאָרבענע שטאָטישע מאַרקפּלעצער, פֿאַרטונקלטע גאַסן, טויטע לאַמטערנעס.

אַ לאַנגע שמאָלע גאַס פֿון אַ פֿאָרשטאָט. טייל הויכשטאָקיקע הײַזער מיט מאַט־אײַנגעפֿינצטערטע פֿענצטער בעלמען צום דרויסן ווי פֿון אויסגעליידיקטע דירות. די לבֿנה הינטער שווימענדיקע וואָלקנס. די נאַכטשײַן פֿון הימלגעוועלב בעלמעט טריב. שטיללל.

בײַ אַ פֿאַרמאַכטן הויזטויער פֿון געשמידטע שטאַכעטן שלײַכן אײַנעווייניק סילועטן פֿון אַנטשוויגענע, אומרויִקע מענטשן. זיי פֿאַרשטענדיקן זיך מיט זשעסטן, דערוועגן זיך נישט צו גענענען צו דער פּלוצלינג אָנגעשטאַנענער אימה. די שטילקייט ציטערט אויך דורך פֿאַרביסענע ציינער. אומגעריכט הערן זיך קורץ אַרויסגעבראַכטע רייד צווישן די שאָטנס בײַ די טויער־שטאַכעטן.

עמעץ (שטילינקע, געשפּאַנט): — מענטשן, צ'הערט?!

אַן אַנדערער (שטאַרק צוריקגעהאַלטן): — הערסט, פֿיליע?

רגעס פֿײַנלעך אײַנגעקוקטע אין דעם דערדריקנדיקן חושך. סע שפּירט זיך ווי אַלע אין געשלאָסענעם טויער שפּיצן אָן דאָס געהער צו דער אײַנגעוואָרגענער גאַס, וואָס אויף יענער זײַט אָנגעלויערטן פּחד.

אויף יענער זײַט — קיין איין לעבעדיקער מענטש. דאָ און דאָרט גליוועט פֿאַרן בליק אַ פּאַנאָראַמע פֿון אָנגעבויגענע, שוואַרצע דעכער און שטומע גאַסנסלופּעס.

אַ בלינד קול, אַן אָנגעשפּיצטס צו דער פֿינצטערניש אין דעם טויער: — ס'אַ געגײַ! ווי פֿון טויזנטער פֿיס וואָס טרעטן אײַליק, שווער. אַ שרעקעדיק געגיי!

אַן אַנדער קול: — ס'אַן אויסטערליש האַמעטנע טרעטן. ווי פֿון סטײַעס בלאָנדזשנדיקע בערן וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון אַ ברענענדיקן וואַלד, טראָגט זיך דאָס געגיי. ס'אַן אימה צו הערן!

נאָך אַ קול: (שוין מיט אַ שאַרפֿן זיפֿץ) — ווער ווייסט, וואָס ס'איז געשען; מ'קען טראַכטן כ'ווייס־וואָס.

פֿון דער פֿינצטערניש אַרויס רײַסט זיך צו איינער צו די שטאַכעטן, צישעט: — ששש... (בשעת־מעשׂה נײַגט ער שוין צו דאָס געהער צום

דרויסן) ס׳אַ געפּאַרעדיי! (הערט זיך איין גיריק, רעדט שוין פעסטער) מע פאַרט, הער איך. זעכער, מ׳פאַרט אַ גערעכט פאַרן, אַן אויפהער פאַרט מען. סע סטוקען איבזערנע רעדער.

אַן אַנדערער (כאַפּט זיך אַרויס אומגעריכט פון געשלאָסענעם הויף, מאַכט באַרויקנדיקע זשעסטן מיט דער האַנט): — מיך טראָגט עס שוין! כ׳מוז אַ בליק טאָן. עץ וואַרט. אויב ס׳עט זיין עפּעס גאָר געניייטיקס, וועל׳עך באַלד קומען זאָגן (אָפּ). דער חושך אין טויער נעמט סאָפען, עפּעס זשושעט צווישן די איינגעזאַמלטע.

*

פאַנאָראַמע: אַן אַנדערע פּוסטע גאַס אין פולער אָפּגעשטאַרבענער נאַכט. אויסגעלאָשענע הייזער. שוואַרצע אומעטיקע דעכער און אויף זיי נידעריק אַנגעגולמטע קוימענדלעך, בלייך באַלויכטענע פון דער פויל אַרומבלאָנקנדיקער לבנה. אָבער בינו־לבינו טויכט אויף אַן אַנגעטונקלטע סצענע פון ערגעץ אַנגעקומענע דערשראָקענע יידן וואָס האָבן זיך צונויפגעדרענגט אויף אַן אָרט, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט צו בלייבן איינע־אַליין אין די אייגענע היימישע ווינקלען.

עמעצער (רוקט זיך זייטיק אַרויס פון אַ קוים צעעפנטן פירהויז, מורמלט צו די לייט וואָס פּרוּוון באַלד נאָכשלייכן הינטער אים): — נישטאָ ערשט קאָ׳ היטערס. עץ וואַרט נאָך ליבערשט (אָפּ. אַלע בלייבן וואַרטן צעקווענקלטע).

איינער (נעמט מבולבל זיך אַרומקוקן אין דעם משנה־צורהדיקן דרויסן. ער גיט אַ שריט ווי ר׳וואָלט געוואָלט אַ שפּאַן טאָן, אָבער ר׳וויס נישט ווי צו שטעלן אַ טריט. נאָך אַן עמעץ (אין שאָטן פון אַ שרעקיק צעעפנטן פירהויז, רעדט צו זיך): — באַשיימפּערלעך, אַלע זענען זעך צעקראָכן, אָדער זיי באַהאַלטן זיך שוין אין די לעכער. מ׳קען דען ווייט אַנטלויפן פון אַזאַ אימה? דאָ זעט מע נישט קאָ׳ לעבעדיקן פויגל. עץ (רעדט ער צו איייניקע וועלכע ר׳האָט אָקערשט דערוויטשט נעבן זיך), בעט איך ענק, גייט נישט דעם מלאך המוות גלייך אין פּנים אַריין. געדולד! אויב אַלע וועלן ערשט לויפן טאָ ווער וועמען ׳עט דערנאָך קענען געפינען? אַ ביסל געלאַסנקייט אין אַזאַ צאַאַט איז געזינטער. אין אַזאַ הייט קען אַ יחיד גיך פאַרלירן גיין אַן אַ שמע־ישׂראל. מ׳דאַרף זעך האַלטן ביינאַנד. נאָר זעך נישט צעקריכן!

אַן אַנדערער (מיט אַ באַשווערט געמיט): — ס׳איז גאָר נישט היימלעך, מענטשן! ס׳וואַקסט אַן אַן אומגעהאַרישע צרה, הלוואי זאָל איך זאָגן אַ ליגנער דערין וואָס כ׳זאָג.

געענדערטע פּאַנאָראַמע. אַן אַנדערע פּוסטע נאַכטישע גאַס. ווידער איינגעזאַמלטע ייִדן אין אַן אָנגעשאָטנטן פּירהויז. אַלע רוקן זיך אַרויס פּאַוואָלינקע מיט אויסגעשפּיצטע פּנימער. זיי שטעלן זיך אָפּ גאָר נאָענט פֿון דעם אייגענעם אָרעמלעכן הילצערנעם הויז. מיט איינגעהאַלטנקייט רעדן עטלעכע אירע מיט איינאַנדער גאָר־גאָר שטיל: — מ׳מוז דורכויס זען וואָס ס׳טוט זיך אַרום אונדז. מ׳קען חס־ושלום בלייבן אַליין פּנים־אל־פּנים מיט אַ גרויס אומגליק אָן אַ שום אַרויסהעלף פֿון אַ וועמען־עס־איז. בלייבן אַליין אין אַזאַ מעמד — זאָל שוין דער איבערשטער אָפּהיטן פֿאַר אַזוינס... אַז עס גייט אויף אונדז אַ חורבן, איז באַשטימפערלעך. הלוואי זאָל איך בלייבן דער גרעסטער שקרן. וועל איך האָבן געטראָפֿן דערנעבן, ס׳וועט זעך אויסלאָזן פֿאַרקערט, ׳על איך זאָגן דער גליקלעכסטער מענטש. אויב ס׳וועט אַזוי זאָגן, בינ׳עך זעך מתחייב צו געבן אַ קאָסטן לעכט אין שיל אַראָן און וועל שטעלן פֿאַר אַלע שכנים אַ גרויסע סעודה. אַלע וועלן מיר סיי ווי דאַרפֿן גומל־בענטשן. ס׳האַרץ זאָגט מיר אַז... נייך, איך וועל ליבערשט זיך אָפּבייסן די צונג. מ׳עט נאָך וואַרטן, ייִדן. אפשר ׳עלן קומען מענטשן מיט אַ געגויער ידיעה. דערוויילע רעדט מען לשם רעדן. ששש!

איינציקווייז באַווייזן זיך אַנדערע געשטאַלטן, שווייגנדיקע אין דער אָנגעשטאָרבענער גאַס, וואָס זאָגט אָן גאָר נישט קיין גוטס.

אַ יונגער בחור (טיילט זיך אַרויס צווישן אַלע וואָס אין דרויסן):
— ייִדן, מ׳דאַרף געגוי זען ווו מ׳איז אין דער וועלט. איך קען נישט ריַען (פֿאַרשווינדט אין דער גיך).

*

אַ געזעמל ייִדן אויף אַן עק גאַס, ביי אַ נידעריק הייזל מיט אַ געזונקענעם שינדלדאַך. אַנטקעגנאיבער — אַ גרויסע פֿינעף־שטאָקיקע מויער. דערנעבן אַ פֿאַרמאַכט געוועלב מיט אַן אויסגעלאָשענער נעאָן־שילד: Cukiernia.

די דערבייַיקע הייזער ווי אויך די לייט וואָס זענען קענטיק אַרויס פֿון באַהעלטענישן אין נאַכטיקן דרויסן, שטייען ווי פֿאַרקנוילט אין זיך מחמת אַ פּחד וואָס איז עלול אָט, אָט זיי צו באַפֿאַלן. עמעצער גיט זיך פּלוצלינג אַ הילכיקן פּאַטש אין אייגענעם פּנים און שרייט אויס: — אוי! און נעמט ראַפּטעם לויפֿן.

פּויזע. שטילקייט. אַלע קוקן זיך אַרום אין שטוינונג.

מאַטע (מיט אַ קליין בערדל, אין אַ לאַנגן טונקעלן כאַלאַט און אַ קייַלעכיק שוואַרץ היטל מיט אַ קורצן דאַשעק איבערן שטערן): — אָט, אָט,

זעיטס! (און טײַטלט אָן מיט אַ פֿינגער אַנטקעגן דער לאַנגער, שמאָל אויס־געבויגענער נאַכטיקער גאַס) סי גיש גיט מענטשן. דאָס פֿאָלק רײַסט זעך אַרויס פֿון די הימען. דאָס טאָקע איז ס׳שווערע דעפּטשען וואָס מ׳האָט פֿריִער געהערט פֿון דער ווײַטנס. ווײַזט אויס, דאָס אומגליק וואַקסט!

אַלע (קערן אויס די פּנימער, זוכן מיט טיף אײַנגעפֿאַלענע אויגן): — אוי, וואָס מע זעט ערשט! אַ פּנים, ערגעץ ווײַטער איז דאָס לאַנד שוין גאָר צעטרייסלט.

אַלע קוקן, שלינגען די געגנענדיקע גאָס אין איר אויסטערליש אָנ־פֿינצטערנדיקן גאַנג; באַלד רײַסט זיך אָפּ אַן אומהיימלעך קול: — ס׳דער־נענטערט זיך אַ מענטשן־כמאַרע. ס׳איז אַ שטיק גײַענדיקער פֿלעקיקער חושך. סע הערט זיך אַ מגושמדיק־מאַסיוו טרעטן פֿון שפּרײַזנדיקע שטיוול. אין מיטן פֿון דער מאַסאָוועך שטומער פּראָצעסיע הערט זיך אויך אַרויס אַ קינדעריש גיין און גיין. אויבעט רײַסט זיך אַדורך אַן אײַלעוודיק קרעכצן פֿון נישט געשמירטע, כאַרכלענדיקע אַקסן פֿון פּויערישע וועגענער.

אַלע (שטעלן זיך ערשט אויף די שפּיץ פֿינגער, ציִען אויס די העל־דזער און קוקן צו דער אָנפֿינצטערנדיקער געגנענדיקער מענטשן־כוואַליע, קרעכצן אויס אין שטוינען): — אָ־ווואַ! ס׳אי׳ ניש גיט, מענטשן!

סע ציט אָן אַ מאַכטיקער יאַריד־צוג פֿון דאָרפֿישע פֿורן און אויף זיי גאַנצע מישפּחות מיט בינטן בעטגעוואַנט און זעק עסנוואַרג. דער צוג דערנענטערט זיך, ער קומט שוין צו גאָר נאָענט. אין פֿאָדערגרונט באַ־ווײַזט זיך קודם אַ נאַכלאַזיק וויגנדיקער ווײַס־געפֿלעקטער קאָפּ פֿון אַ פֿערד, וואָס שלעפּט אַ ברעטערדיקע דאָרפֿישע פֿור אַ פֿול אָנגעלאָדענע מיט היימישע בעבעכעס, אײַנגעקניפּטע אין פּראָסטן לײַוונט, אויך אַ גרויסער קופּערט, מערערע טאָרבעס און זעקלעך. אַפֿילו אַנטבלויזטע פּויערישע גרויסע לאַבנס ברויט הוידען זיך צווישן די בעבעכעס. פֿון צווישן אַרויס־סטאַרטשנדיקן שטרוי קוקן אַרויס אויך קינדערישע פּנימלעך מיט מידע, שלעפֿעריקע אויגן. האָרט בײַ דער דאָרפֿישער פֿור שטאַמפּערט־נאָך אויף אַ שטריק אַ צוגעבונדענע מעקנדיקע קו; נעבן דער קו שפּאַנט אַ פּויערטע. אויף אירע אַקסלען הויקערט זיך אַ זאַק אונטער אַ טונקעלער פֿאַטשיילע: איר פּנים שנײַדט זיך אַרויס פֿון אַ העל געקווייטלט קאָפּטיכל, אַן אונ־טערגעבונדנס אונטער דער גאָמבע. אויף אַ שטריק פֿירט זי נאָך אַ ציג מיט אַ נאָכשפּרינגענדיק קליין ציגעלע. אויך אַ חזיר, אָנגעבונדן בײַ אַ פֿוס, שלעפּט זיך נאָך בײַ אַן אַנדערן פּויערישן וואָגן וואָס באַוועגט זיך פּאַמעלעך מחמת דער מידקייט פֿון דער שקאַפּע. דער חזיר, אַ הייזעריק קוויטשנדיקער, וואַלגערט זיך צווישן דער אָנפֿאָרנדיקער ענגעניש פֿון

וועגענער, דאָרפישע פורן שווער־רעדערדיקע, געקאָוועטע. אָט שפאַרן זיך שוין אַדורך מענטשן וואָס וואָגלען אַוועק פון זייערע היימען מיט רענצלעך, מיט רוקזעק אויף די פּלייצעס; אַ מאַנצביל מיט אַ פּאָר שטויב־פאַרפּריי־שעטע שטיול, אָנגעהאָנגענע אויף אַ שטעקן וואָס איז אָנגעשפּאַרט אויף זײַן אַקסל בײַנאַנד מיט אַ טאָרבע ברויט. ער איז קענטיק שוין געבויגן מחמת דער מידקייט. אַזוי טראָגט ער זיך קוים אַדורך צווישן וואָגלענדיקן המון. אַ באָרוועסער הינקט דער מענטש אויף די שוין אָפּגעדריקטע פיס. וווּ־נישט־וווּ וויינען קינדער אויף וועגענער צווישן אָנגעפּוישטער הויזלע־כער אָרעמקייט, וואָס איז הויך אָנגעלאָדן אויף פורן וואָס שפּרינגען אויף צעוואַקלטע, ווען זיי טרעטן אָן מיט די געקאָוועטע רעדער אויף די שפּי־ציקע שטיינער פון שטאָטישן ברוק. אין דעם בהלהדיקן געגיי אין דער שפּע־טער נאַכט פאַרקרימען זיך די איבערגעוועקטע קינדער. אָן אַנדער קליינ־וואַרג צעשמירט מיט די הענטלעך די אומאויפהעריק גיסנדיקע טרערעלעך.

דאָס פאָלק פון שטאָט און דאָרף, אַ צונויפגעמישטס אויף די זיך אי־בעריאָגנדיקע דאָרפישע פורן און לײַכטערע וועגענער ציִען אָן אויפהער אין דעם פּלוצלינגן גלות וואָס זיי איז באַשערט געוואָרן. ס׳איז פאַרטור־מאַניעט סײַ דער רעיון פונעם באַומרויִקטן מענטש סײַ דער וועג איז פאַר־וואָרפן אין מטושטשן ערגעץ־וווּ, וואָס האָט נישט קיין נאָמען פאַרן וואָגלער.

פון די פאַרשפּאַרטע שטאָטישע טויערן ווי פון די פאַרהעמערטע גע־וועלבער רוקן זיך אַרויס דאָ און דאָרט פול אימה אָנגעשראָקענע לײַט מיט אָנגעשפּיצטן אויער און נײַגעריקן בליק.

דאָס געזעמל אויפן ראָג־גאַס קוקט נאָך דעם דורכפאָרנדיקן און שפּאַ־נענדיקן פאָלק, באַגלייט אים מיט אַ געזיפץ:

— ווײ, ווײ, וואָהין גייען זיי, די בלאָנקענדיקע? בײַ וועמען לאָזן זיי אונדז??

עמעצער פון די וואָגלערס מיט אַ זעקל אויפן רוקן הייבט אויף דעם מידן בליק:

— מיר גייען וווהין די אויגן וועלן באַווײַזן אונדז צו טראָגן. סע פירט אונדז דער פינצטערער גורל.

איינער פון געזעמל אויפן עק גאַס: — אפשר טוען זיי גוט... בעסער ווי צו וואַרטן אויפן מלאך־המוות וואָס אײַלט שוין אין שטאָט אַרײַן. אַלעוואַ זאָל מען די אַוועקגייערס נישט דאַרפן מקנא זײַן מאָרגן.

אָן אַנדערער: — ווער ווייסט וואָס עס גייט אויף אונדז. צ׳פאַר־געסט אַז מיר זענען ייִדן, ייִדישע קינדער פון אַבֿרהם, יצחק ויעקבֿ!

נאָך איינער (פון די וואָס אויפן ראָג־גאַס טײַטלט אָן אויף די דורכ־

שפּאַנענדיקע צופּוס מיט זעקלעך אויף די רוקנס): — ווער קען וויסן ווי מיר וואָלטן אויסגעזען, ווען מ'איז צווישן זיי אַלעמען?!

אַ קול (וואָס איז אַפּגעשפּרונגען פונעם אייגענעם פּנים): — אַלעוואַ וואָלט איך געווען איינער פון די אַלע, אָבער נישט איך! גאַטעניו, ס'איז גאָר אַן אַנדער גורל. דו ווייסט עס, טאַטע־פּאַטער. אָט ווו עס איז די סכנה.

— —

פּאַנאָראַמע פונעם וואָגלצוג: אונטערן נאַכטיקן הימל ציִען פאַרביי אָן אַ סוף קרעכצנדיקע, בלאָטע־אַנגעוואַקסענע גוייִשע פורן און לייטער־וועגענער, אַנגעפּאַקטע מיט בעל־הבתישע בעבעכעס. פון צווישן אַלעמדינג קוקן אַרויס מיד און שלעפעריק קעפּ מיט קעפּ פון גאַנצע מישפּחות, דורות פעלדמענטשן; קינדער, טאַטע־מאַמע און אויך סיווע זקנים מיט געשרומ־פענע פּנימער. ס'אַ געדיכט פאַרעניש אַזוי אַז די פאַרשפּאַנטע פערד און די פורן באַוועגן זיך פּאַמעלעך. די צוקוקערס אויפן ראַג־גאַס וויגן מיט די קעפּ אויף אַלעמדינג באַדויערלעך, איינער פירט שוין צו אַ טאַשנטיכל צו די פאַרטריקנטע אויגן. דאָס איבערגעשראָקענע פאָלק פון די שוין געליטענע מקומות ציט באַשיימפּערלעך אין בלינדן גאַנג נישט צו וויסן וווהין סע פירט זײַן וועג. סע גייען, ס'טרעשטשען די וועגענער אין פערד־געשפּאַן, אויך פוסגייערס צווישן זיי, שפּאַנען אין איין און דעמזעלביקן פײַנלעכן געקנויל. אָבער הינטער זיי, טיילווײַז אויסגעמישט מיט ציווילע שלעפּן זיך אויך מידע, פאַרשטויבטע און דערשראָקענע, אַנטרינענדיקע פוילנס קריגערס. מידע, גלײַכגילטיקע, הויקערן זיי זיך אויף די הוקנדיקע הויביצן, אויסגעלאָשענע קוילנוואַרפערס. זיי שלעפּן זיך אויף ליידיקע האַרמאַטן־וועגענער און נאָך זיי, אַרום זיי שפּאַנען שטויב־באַדעקטע פּיע־כאָטע־זעלנער און רײַטערס פון צעשלאָגענע אולאַנען־פּולקן. טייל פון זיי זענען אין צעריסענע שינעלן און צעקנוידערטע דינע זעלנערישע רעקלעך.

איינער פון ראַג־גאַס (צום דערנעבנדיקן שכן אין אַ לאַנגן טונקעלן מל־בוש): — וואָס וועלן מיר דאָ בלײַבן אַליין? אָך צו אונדז, וואָס מיר האָבן שוין געזען. די פּריידן וואָס קענען אונדז פּאַטשאָפּען 'עט מע זען מאָרגן, איבערמאָרגן. קאַ' גוטס איז נישט צו דערוואַרטן. מענטשן, נענ־טערע צו דער דײַטשער גרענעץ, לויפן פון די שטעט און דערפער; ווער וויל דען וואַרטן ביז דער חלף וועט שוין ליגן אויפן האַלדז? ווי עמעצער קען, וויל ער זעך ראַטעווען. אויף וואָס וואַרט אונדזער סגאַל? מ'זעט דאָך אַז דער שוחט איז אַרויס ... מיט דער האַק. דער דאַטש איז ווילד ווי אַ צערייצטער וואַלד־חזיר, ווען מע מליטשעט עים מיט אַ קלאַניצע איבערן קאָפּ; ער ריטשעט סכנהדיק, אָבער ר'וואַרפט זעך ווילד אויפן בעל־

דבֿר, וואָס גייט אויף עים מיט אַ שטעקן. דער דאַטש איז ס'פֿײַער און דער פּאַליאַק איז דאָס וואַסער וואָס וואַרפֿט זיך מיט שאַרפֿן פּליוסק אויפֿן זשיד. דער דאַטש איז סכּנהדיק ווילד, ר'וויס נישט פֿון קאַ'ן אַאַנזעעניש פֿאַר קיינעם.

אַן אַנדערער (פֿעסטער אין קול): — מירן ליבערשט מיטגיין מיט די גייערס. אַ כּפּרה די זאַכן אין שטוב. לאָמיר נישט בלײַבן די לעצטע.

נאָך איינער: — שטאַרבן האָבן מיר שטענדיק צײַט. וואָס איז ס'געאײַל? (גיך רײַסט ער זיך אָפּ פֿון די געבליבענע אויפֿן ראָג־גאַס. באַלד קערט ער זיך צוריק מיט אַ פּעקעלע אונטערן אָרעם, זאָגט אויפֿן הויכן קול): טײַערע שכנים, זײַטס געזונט. איך קען מער נישט וואַרטן אַזאַ וואַרטעכץ. הלוואי זאָלט עץ זעך נישט דאַרפֿן דערמאָנען אַז ס'איז געווען געערעכט יעדער וואָס האָט פֿריִער עוקר־געווען. דערלעבטס בעסערע גדו־לות ווי די וואָס גייען אויף אונדז! (אָפּ. ער מישט זיך אויס מיט דער מאַסע וואָס שפּאַנט דורך אומאומפֿהערלעך מיטן צוג גייערס און פֿאָרערס וואָס טראָגן זיך אַוועק ווײַטער, ווײַטער אין אומבאַוווּסטן).

*

שפּעטער. וועלקנדיקע נאַכט. אין מאַטעס גליקליכס שטוב מיטן ני־דעריקן באַלקן מיט די בולט גרויסע געקאַלעכטע בעלקעס.

מאַטע (אַן אָנגעטוענער אין זײַן לאַנגן כאַלאַט און קײַלעכיקן טונקעלן היטל אויפֿן קאָפּ. ער האַלט אַן אָנגעצונדענע נאַפֿטלאָמפּ איבערן געלעגער פֿונעם עלטסטן זון, וועקט אים): — שויעל, שויעל! (אויף דער אַנטקעגנ־דיקער וואַנט באַוועגט זיך דער שאָטן פֿון מאַטעס קײַלעכיקן היטל און זײַן קליין בערדל). — שטײַ אויף, זונעלע. מ'עט אַוועקגיין פֿון שטאָט, ווי לאַנג ס'צאַאָט.

שויעל (האַלב אויפֿגעזעצט אויפֿן געלעגער, מיטן צעקודלטן יונגן קאָפּ האָר): וואָסי, טאַטע? (ער קוקט זיך אַרום צעחושט, פֿאַרשלאָפֿן. ס'איז פֿינצטער אין אַלע ווינקלען פֿון שטוב. שטיל. שויעל מאַכט אַ באַוועגונג זיך צוריק אַראָפּצולאָזן אויפֿן קישן).

מאַטע (ציט שוין דעם זון בײַם אָרבל): — מ'מיז גיכער אַרויס פֿון שטאָט. טו זיך אָן, זונעלע. דו ווייסט דאָך, אַז מ'מוז (אָבער שויעל שלאָפֿט נאָך זיצנדיקערהייט).

מאַטע (וועקט ווידער דעם זון, צופּט אים בײַם אָרבל): — ס'נישט קאָ' צאַאָט אַצינד צו שלאָפֿן, זון. שויעל, האָסט שוין פֿאַרגעסן וואָס ס'געשעט? פֿוף נישט, טו זעך אָן גיכער. מיר 'עלן אַרויסגיין פֿון שטאָט. אַלע זענען שוין וואָך. (נאָך אַלץ מיט דער ברענענדיקער לאָמפּ אין האַנט,

וועקט ווידער דעם זון) : — שויעל, קליין און גרויס גייט אַוועק. סי גלאַז־כער אַז דער שׂונא וועט אָנקומען, זאָל ער אָנטרעפן ליידיקע הײַזער. געיכער, זין, לאָמיר נישט פאַרשפּעטיקן ווי לאַנג ס׳איז נאָך נאַכט. די זאַכן ? זאָלן זיי זאַאַן די כּפּרה פאַר אונדז אַלע.

ריווע (וועקט זיך איבער) : — וואָס איז געשען, מאַטע ? (קוקט אויפן מאַן מיט דער אָנגעצונדענער לאָמפּ אין האַנט וואָס לײַכט פאַרשלאָפן אין מיטן דעם נאַכט־חושך). מאַטע, ר׳איז שוין אָנגעקומען דער דאַטש ? (קוקט זיך אַרום אַ צעטומלטע, זעט ווי דער עלטסטער זון טוט זיך שוין אָן, נעמט זי זיך אויך אַרויסריַדן פון בעט) ווײ איז מיר (זי אַנלט זיך מיטן אָנטון, נישט וואַרטנדיק אויפן מאַנס ענטפער) אָך און ווײ איז אונדז צוגעקומען !

מאַטע (ווידער אַ מאָל צום זון) : הערסט וואָס מ׳רעדט צו דיר ? בראָש איז בײַ עים קיין מאָל נישט קאַ׳ סכּנות. מעגסט זעך ווינציקער גראַבלען, געיכער ! (און גייט צו צו די אַנדערע געלעגערס, וועקט) : — שטייט אויף, קינדער. נישטאָ קאַ׳ צאַאַט צו פאַרזוימען (ווי פאַר זיך) : אַ ליאַדע שעה, און עס קען שוין זאַן צו שפּעט. (שטעלט אַוועק די לאָמפּ, נעמט זיך גרייטן אַ פּעקעלע מיטצונעמען אין וועג אַרײַן).

שויעל (שוין האַלב אָנגעטוען) : — איך ׳על נישט גיין, טאַטע. צו וואָס גיין ? מיט וועמען גיין ? וואַהין וועט אונדז פירן די אַרמיי וואָס איז באַלד דעם ערשטן טאָג מלחמה צעריבן געוואָרן פון דעם דאַטש ? אויף די יאַנעקס און זייערע אָפיצערן טאָר מע זיך נישט פאַרלאָזן. שלאָגן יידן — דאָס איז זייער אויפּטו. פּיסק־מלאכה איז זייער פאַך. (אין רגעס אַרום) ס׳איז גוט זיך אָנצושפּאַרן אויף עפּעס רעכטס. סלאַוואָי־סקלאַד־קאָווסקי און רידז־שמיגלי זענען אַ קנאַפּער אָנשפּאַר פאַר אונדזערט וועגן. יאָ, אויפן צוזאָג פון פראַנקרײַך און ענגלאַנד מעג מע זיך אפשר פאַרלאָזן. זיי האָבן דאָך צוגעזאָגט זיי ׳עלן פאַרטיידיקן פוילן אויב ס׳עט עפּעס גע־שען. נו, וואָס וועסטע זאָגן, טאַטע ? אויף אָנטעקן און יאַצעקן דעם פּלאַקנ־שיסער וועסטו זיך פאַרלאָזן ? מ׳דאַרף נאָך אַ ביסל צוּוואַרטן, מיינ׳עך.

מאַטע (שוין מיט אַ פּעקל אונטערן אָרעם) : שויעל, וועסט אַן אַנדערש מאָל באַקלערן דאָס עסק. לאָז גיין די פינצטערע פּאָליטיק. אונדז זע׳מער הפקר פאַר אַלעמען. אַצינד באַדאַרף מע זעך אַרויסראַטעווען פון דאַנען. אַז עס ברענט, מוז מען לויפן, קינדער !

שויעל (קוקט אויף זײַנע דרײַ ייִנגערע ברידערלעך וואָס שטייען שוין אָנגעטוען אין די פּאַלטנס מיט פּעקלעך אין האַנט) : עץ גייט ? איך גיי נישט. איך מוז האָבן צאַאַט. אַנטלויפן וועט מע קענען אַ ביסל שפּעטער אויכעט (צום פאַטער) : וווהין וועסטו גיין, טאַטע ? האָסט אַ פּלאַן צו קענען

זעך װענדן צו עמעצן? (גיט אַ װיג מיטן קאָפּ) באַזין זעך, װאָס דו גייסט טאָן! איי, מענטשן גייען, מענטשן לויפן? װער קען זיי שטערן? אַביבע דער דאַטש װאָס האָט שוין פאַרפּלייצט אַלע װעגן, װעט זיי נישט אָנטרעפן.

מאַטע (אומגעדולדיק): — אַז די גאַנצע שטאָט גייט באַדאַרף מע נישט בלייבן קאָ׳ן אויסנאַם. איך װייס נישט װער עס איז קליגער. אין אַזאַ צאַאַט קען מען אַזוינע זאַכן נישט אָפּשאַצן אָדער אויסמעסטן.

שויעל: — נישט קאָ׳ן אויסנאַם דאַרפסטו זאָן, טאַטע, נאָר קליגער (טראַציק שאָקלט ער מיטן קאָפּ), קליגער! װאָרן אָרום און אָרום שיט שוין דער דאַטש פײַער. װיל׳עך נישט זאָאַן פון די ערשטע װאָס זאָל געטראָפן װערן פון דאַטשישן פײַער. יאָ, יאָ, מ׳איז אין קלעם, טאַטע.

מאַטע (צודרינגלעך, פאַרצװייפלט אַקעגן דעם זונס טענה): — שוין זשע איז אַ גאַנצע שטאָט מענטשן מיט אַ מאָל משוגע געװאָרן? נישט בלויז לאָדזש, דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך אַ ריר געטאָן. מע מוז, שויעל.

שויעל (פאַרלוירן): — זאָג, װוהין? איך קען זײַן גרייט.

מאַטע (אָפּהענטיק, װיגט מיטן קאָפּ): — זעסטו, ס׳איז אַצינד אַזאַ מינוט, װען די מענטשן זענען משוגע געװאָרן אין זייער פאַרלוירנקייט, אין דעם מישמאַש װאָס האָט זיך אָראָפּגעלאָזן אויפן גאַנצן לאַנד. מענטשן האָבן פאַרלוירן דעם שׂכל. געװג פאַר זיי אַ װאָרט, אַ טװנג װאָס עמעצער טוט, אַז אַלע זאָלן נאָכטאָן. די נערװן ראַאַסן פון זיי שטיקער. אויף צע־רודערטע נערװן קען מע זעך נישט פאַרלאָזן. מע טאָר נישט!

ביינישו (דער מיטלסטער פון די זינדלעך גיט זיך אַ ריס אויף שויעלן): — האָסט שוין אַלץ אָפּגעזאָגט? אַלע, װילסטו, זאָלן נאָכגיין דאַאַן קאָפּ? צ׳װילט (גיט ער זיך אַ װענד צו אַלע אין שטוב) טוטס עים נאָך, דעם קליגן קאָפּ (דרײַט אויס דאָס פּנים צו שויעלן) — איך ׳על גיין אַליין, אויב עץ װילט בלאַאַבן מיט עים.

מאַטע (כאַפּט אָן ביינישן בײַם אַקסל): — דו קאָכסט זיך שוין? נאָר שטיל (װענדט זיך װידער אַ מאָל צו שויעלן, רעזיגנירט): — חכמות, מיינסטו, האָסטו דאָ אַרויסגעזאָגט? אָסור צי ס׳איז דאָ אַזאַ חכם װאָס זאָל ערשט װיסן װאָס ס׳איז בעסער: בלאַאַבן אָדער לויפן אין דער העל אַראַן? (פאַרטראַכט זיך פּלוצלינג אויף רגעס): מילא, נישט. װי עץ אַלע ׳עט װעלן, נאָר נישט זעך צעשטויבן. איינער יאָ, דער אַנדערער נישט, איז אין אַזאַ צאַאַט אַ גאָלע אומגליק. מ׳מיז זעך האַלטן בײַנאַנד (און זעצט זיך שװער אַװעק אויפן ראַנד פון שויעלס געלעגער און קוקט תחנונימדיק אויפן אַרומשטייענדיקן געזינדל. לסוף לאָזט ער זיך װידער הערן): — הלוואַי זאָל מע מאָרגן נישט דאַרפן זאָגן אַז מ׳איז האָאַנט

באַגאַנגען אַ גרויסע נאַרישקייט! אַז עס האָט זעך נישט אויף קאַ׳ גיטס, דאָס ווייסט יעדער. און דאָס האַרץ איז שטאַרק באַשוועדט פֿון טרויע־ריקע געדאַנקען. מאַאַן האַרץ זאָגט מיר אַז ס׳וועט קומען גאָר שלעכטס. פֿאַרגעסט נישט, דאָס האַרץ האָט אויך אַן אייגענעם שׂכל. אָפּט מאָל איז עס דער ריכטיקסטער פֿירזאָגער, דער נבֿיא.

קליינע פּויזע.

שויעל (טריב): — וואָס, אַ שטייגער, וועט מע קענען באַדויערן? ס׳עט אויסקימען צו שטאַרבן אַ ביסל שפּעטער? ניין, פֿון דעם אַנטלויפֿט מע נישט אין אַזעלכע צאַאָטן. (ער פֿאַרענדיקט דאָס אָנטוען זיך און שטעלט זיך אַוועק נעבן פֿאָטער, פֿרעגט אים): — דו ביסט דער קאָפּ פֿון שטוב, טאַטע. וואָס דו ׳עסט הייסן, ׳על עך דיך פֿאָלגן.

אַלע (קערן זיך אויס מיט די פּנימער צו מאָטען, וואַרטן זײַן ענטפֿער).

מאָטע (שטעלט זיך אויף אַ פֿאַרלוירענער, קוקט נאַכלאָזיק אויפֿן געזינדל, גענעענט צו דער ברענענדיקער נאַפֿטלאָמפּ, מיט אַ שאַרפֿן בלאָז לעשט ער זי אויס. איבערן חלל לאָזט זיך אַראָפּ אַן אָפּרונטיקע נאַכ־טישע פֿינצטערניש).

*

אין דרויסן. עס שאַריעט קוים־קוים. דער הימל איז שווער אָנגע־כמאַרעט.

אויפֿן עקראַן: אָנפֿלוס פֿון אַ סילועט פֿון אַ פֿערד־און־וואָגן מיט אַ פּויערישער מישפּחה, אַ צונויפֿגעטוליעטע צו אייניאַנדער. סע סטוקען די אײַזערנע רעדער אָנעם שטייניקן ברוק פֿון דער נאַכטישער, שלעפֿעריקער טויטער שטאָט.

ווידער דאָס מאַסנהאַפֿטיקע שפּאַנען פֿון המונים און פֿון צעשטויבטע מיליטערישע פֿאָרמאַציעס און ציווילע וועגענער־קאַראַוואַנען וואָס ציִען אין די אָנענדלעכקייטן פֿון דער אויסוועפּנדיקער נאַכט. די המונישע פּראָ־צעסיע ציטערט אָפּ טעמפּ איבער די זשמורנדיקע, פֿאַרהאָנגענע און שוואַרץ־פֿאַרקלעפּטע פֿענצטער פֿון די מויערן, אויף די פֿאַרמאַכטע ליי־דיקע הייף.

אויפֿן עקראַן:

אויסגעלעערטע גאַסן, אײַנגעפֿינצטערטע, טויבע הײַזער, שפּאַנען מיט האַמעטנע, פֿאַרגליווערטע מיט דער מענטשן־מאַסע וואָס וואָגלט אַוועק אין בלינדן ערגעץ־ווו.

*

אַנטקעגן דעם נאָר וואָס אויפֿגעגראָבן האָריזאָנט בלײַכט ערשט אַ לויערנדיקע פּוסטקייט.

אין נײַעם קאַיאָר אַנטפּלעקן זיך קאָנטורן פֿון דער אויפֿטויכנדיקער, אויף טויט אָנגעשראָקענער שטאָט. באַלד שווימט אויף אַן עסקאַדריליע עראָפּלאַנען. זיי קומען אָן נעענטער, נעענטער, גלײַך זיי וואָלטן וועלן רעכט אויספֿירן די שטאָט בײַם אויפֿקום פֿון דעם נײַעם טאָג.

1946

אַ פּאָר שיך פֿאַר לאָה־לאָלען

א

דער אַלטוואַרגמאַרק האָט זיך געשטעלט אַ גרויסער, אַ ווימלענדיקער. שטראָמענווײַז ווי אַ צעשפּילטער טײַך האָבן מענטשן געצויגן אין איין ריכטונג — צו דער באַראַכאָלקע. דערצו האָט צוגעדינט דאָס שיינע וועטער. די בלאָטעס און ריטשקעס האָבן אויסגעטריקנט נאָך די לעצטע שטאַרקע רעגנס. די זון איז אַרויס אויפֿן ברייט פֿונאַנדער געצויגענעם הימל איבער די שיטער צעשטעלטע, נידעריק אַראָפּגעזעצטע ליימענע הײַזקעס. יאָ, די באַראַכאָלקע האָט, ווי אומעטום אין דעם לאַנד פֿון אויסגעכשרטן סאָציאַליזם, זיך אָפּגעשטעלט אַן אַ זײַט ווײַטלעך פֿון שטאָט — אַז עס זאָל זײַן געווג געראַם פֿאַר די המונים מיט זייערע געלוסטן צו אַ טראַנטע, צו אַ שקראָב וואָס איז אויך אַ מלבוש און אַ שוך. נאָר איין מאָל אין וואָך, אום זונטיק, איז פֿאַרן פֿאָלק יום־טובֿ אויף דער באַראַכאָלקע.

פֿין אַלע זײַטן האָבן צו דעם זונטיק־יאַריד געשטראָמט כמאַרעס פֿון באַוועגלעכע מאַנעקענס, באַהאָנגענע, באַוואָקסענע מיט אַלטע קליידער, געניצטע וועש און אויסגעריבן, אָפּגעשפּרונגען שוכוואַרג וואָס האָט מיט אַ מאָל באַקומען פֿיס. ס׳איז אַן אויסטערליש רײַצנדיק בילד וואָס אַ סך קענען דערפֿון נישט אָפּרײַסן דעם נײַגיריקן בליק. עס וואַרפֿט זיך פּשוט אין די אויגן:

— אָ, שיך, אָ, פֿײַנע מאַנטעלעך! וואָס פֿאַראַ שיין העמד! — און אַזוינס לאָזט נישט גלײַכגילטיק די מענטשן, די אויסגעהונגערטע, אויסגעבענקטע נאָך אַלץ, וואָס מ׳קען נאָר זען און דאָס מויל קען עס אַרויסברענגען אויף די ליפּן.

אַ סך געקאָוועטע קופּערטס האָבן זיך אין דעם טאָג צעעפֿנט און זיי האָבן אויף זייערע באַלעבאָסטעס ווי אויף לעבעדיקע שטענדערס אָנגעהויפֿט אויסגעקראָכענע פֿוטערנע קראַגעלעך, געקראָכמאַליעטע, געמאַנגלטע ציכן, לײַלעכער, טישטעכלעך, האַנטעכער; אויך אויף זייערע אָרעמס זענען געווען אַרויפֿגעוואָרפֿן שטיקלעך מאַנצבילשע וועש, לאַנגע, ברייטע גאַטקעס מיט נאָכבאָמבלענדיקע שנירלעך בײַם זוים פֿון די נאָגעוויצעס

און וואַרעמע לײַבלעך און שפּענצערס. אויך מאַנבילשע בורייטע העמדער, שטאַרק אויסגעוואַשענע, געכלאָרקעוועטע, אַזוי־אַ ווײַסע ווי תּכריכים צעוואָרפֿענע, האָבן זיי זיך באַוועגט, די ווײַבער־הענדלערקעס. ס'רובֿ נאָר ווײַבער האָבן געצויגן צו דער באַראַכאָלקע. אַנדערע האָבן אַרויסגעטראָגן צום פֿאַרקויף שאַליקעס, און אַ וועסט פֿון אַן אַמאָליקן גאַרניטער, אַ פּאָר שלייקעס, אַ ליידיק רעמל פֿון ברילן, בינטלעך אַלטע שליסעלעך.

אַ געקוועלטע סאָלדאַטקע (מ'זעט עס אַקוראַטנע: בײַ איר ספּאָדניצע שלעפּן זיך נאָך קינדער, איינס קלענער פֿון אַנדערן, אַלע פֿאַרסמאַרקעטע, געוויקלט אין שמאַטעס) האָט אַרויסגענומען צו פֿאַרהאַנדלען אַ ווינטער־דיקן זשאַקעט, אַ פּאָר ווויליקעס פֿונעם מאַן וואָס איז אַוועק אין מיל־חמה, אויך זײַן מאַנדאָלין אין אַ פֿוטעראַל. אַן אַנדער פֿרוי האָט געוואָלט מאַכן געלט פֿון איר סיצענעם יומטובֿ־קלייד מיט אַ ברייטן בלאָען זוים אַן אַנגעמאַרשטשעטן.

מיט געאײַל, אָבער נישט אָן ייִשובֿ־הדעת, האָט מען זיך געגרייט צום וויכטיקן גאַנג. אַ זקן האָט מיט אַ שלעפּעדיקן טראָט זיך באַוועגט צום אַלט־וואַרגמאַרק מיט אַ גרויסער באַגילדטער רעם פֿון אַן אַמאָליקן פּאָרטרעט פֿון דער צאַרסקער פֿאַמיליע: אין דער צווייטער האַנט האָט ער שוין אין מיטן וועג ווי אַרויסגעשטעלט אַ מידן בלעכענעם וואַנטזייגער מיט אַ קאָלירטן צי־פֿערבלאַט און לאַנגע, מאַטע באַרנע־געוויכטער. אַן אַנדער אַלטער מאַן האָט זיך געשלעפּט מיט אַ קעסטל־וואַליזע, אַ שווערע, אַ קלימפּערנדיקע מיט אַלערהאַנט מעשענע און שטאָלענע שרײַפֿלעך, דינע געצײַנדלטע רעדלעך, אײַזערנע שײַבקעס, מוטערקעס; אויך טיילן פֿון אומבאַקאַנטע מעטאַלענע אינסטרומענטן, גרויסע און קליינע טשוועקעס, אַלטע פּראָפּנ־ציערס, אַ שרויפֿנשליסל און נאָך אַ גוזמא טשוועקעלעך פֿון פֿאַרשיידע־נעם מין — שפּיציק־געשליפֿענע, שאַרפֿע מיט קאַנטן און קײַלעכיקע מיט טעמפּלעכע פּיסלעך, נײַע און אַלטע פֿון אַלע מאָסן. ס'איז דער באַ־שטענדיקער גאַנג פֿון דעם זעלביקן קרעמער, צו וועלכן עס טרעפֿן שוין זײַנע אײַביקע קונדן, די וואָס טוען אין דער היים בײַ זיך כּלערליי מלא־כהס לשם דעם נעבעכדיקן ביסן. דאָס זענען די אַלטע לײַט, וועלכע „קאָז־נאָ זעט שוין נישט״.

די באַראַכאָלקע איז דאָס איינציקע אָרט וווּ די דאָזיקע קענען גע־פֿינען דאָס לעבן און די שטרוי פֿאַר די ציגל מיט וועלכע זיי סטראָיען זייער גאַנצן קיום. דער אַלטוואַרגמאַרק איז במילא אויך די כּמעט־היים פֿון די אַנדערע וואָס מוזן פֿאַרקויפֿן דאָס, בגוואַלד פֿאַרקויפֿן, דורכצו־

שטופּן זייערע בידנע טעג. די, וואָס מיט די קליידער, מיטן שיכוואַרג, מיט דער וועש, שטיקלעך לעדער, וועלן זיך אָט־אָט אַוועקשטעלן אויפֿן גרויסן פּוסטן מאַרק־שטח; וועלן זיך טייל מאָל אַפּילו אויך באַוועגן אין זוכעניש פֿון ערגעץ־בלאָנדזשענדיקע קונים. די מיט די קראָמען אײַזנוואַרג וועלן זיך אויסשפּרייטן מיט זייער סחורה אויף שטיקער זאַק, אויף לײַנטיכער אָדער ראַגאָזשעס. זיי וועלן אויך פֿונאַנדערלייגן אַרום זיך דעם אײַזנזשאַוואַר באַגלײַך מיטן אומעט וואָס זעגלט צו צום געגעבענעם אָרט אין זייער פֿאַרצאָגטער זיקנה.

אַרום און אַרום איז עס די צעקנוידערטע עלטער פֿונעם רוסן־פֿאָלק און זײַנע לאַנגאָניקע אָרעמע שכנים, וואָס שטעלן אויס זיך אַליין צום פֿאַרקויף אויף דער באַראַכאָלקע אונטער גאָטס זעעוודיקע הימלען. פֿאַר אַ לחמאָ ברויט זיך פֿאַרהאַנדלען, פֿאַר אַ שיסל קרויטיקן שטשי, נו, פֿאַר אַ ציבעלע לעבן.

דער אַלטוואַרגמאַרק האָט אין די זונטיקן באַזונדערס רוישיק זיך צעוואָרפֿן מיטן געדרענג פֿון קויפֿערס־פֿאַרקויפֿערס. ריכטיק, יעדן טאָג שטעלט זיך אויפֿן דרויסן אַרויס דאָס צעקנוידערטע אַלטוואַרג פֿון דער מדינה וואָס איז שווער געשלאָגן פֿון אָרעמקייט. זונטיק איז דער געגיי אָן אומגעהייערער צו דער באַראַכאָלקע. אויך חיים־הערש האָט זיך דורכגעדרענגט צווישן המון, עפּעס אומדרייסט געגנישטערט מיט די אויגן, געוואָלט געפֿינען אַזוינס וואָס זאָל זײַן נאָענט צו זײַן באַגער און דערלאָזלעך פֿאַר זײַן קעשענע. ווײַל גאָר קנאַפּ — גייט אים נישט אַרויס פֿון זיבען — איז זײַן געלט און דער באַדאַרף איז גרויס. וואָרן וואָס איז ערשט אים נישט נייטיק? ער איז דען נישט אַרויס פֿון דער היים הויל און נאַקעט? נישט נאָר שיכוואַרג פֿעלט אים. אַפּילו אַ העמד, אַ מאַנטל, אויך אַ פּאָר הויזן; און פֿאַר איר, פֿאַר לאה־לאַלען, אַ קלייד און עפּעס פֿאַרן קינד בעט זיך ממש. אָבער ער טאָר זיך אַפּילו נישט אַרומקוקן אויף די אַלע פֿאָלקסמענטשן וואָס האָבן זיך דאָ געשטעלט אויף אויספֿאַרקויף פֿון זייער האָב און גוטס מישטיינס געזאָגט. חיים־הערש, דו מוזסט זיך רעכענען מיט דעם וואָס דו האָסט און מוזסט אויך געדענקען אַז דײַן וואַלגערן זיך „אויפֿן מיסט" איז נאָך נישט צו ענד. דעם גילדן וואָס וואַלגערט זיך נאָך פֿאַרהוילן, מוז מען היטן פֿאַר, פֿאַר וואָס נישט...? ער גרוילט אויף פֿאַרן אָנפֿלייץ פֿון דעם גאָרן בייז אַלע מאָל, ווען ער גיט זיך אונטער דער שרעק פֿאַר דעם וואָס ס'קען נאָך טרעפֿן. „פֿאַר טויזנטערליי" קען מע זיך נאָר ראַטעווען פֿאַר עפּעס געלט. אַזעלכענע איז שוין די וועלט.

ב

בשום אופן האָט זיך אים נישט געלאָזט קויפן קיין רעכטע ווײַבע־רישע שיך, וואָס זאָלן נישט זײַן צו טײַער. פון פוצן זיך הײַנט איז דאָך נישט שײַך צו טראַכטן אַפילו. נעמען געלט און עס אַרויסוואַרפן, איז אַוודאי נישט קיין רייד. ס׳האָט זיך נישט געטראָפן וואָס אים איז שטאַרק נייטיק, כאָטש צערײַס זיך. נאָר גיי פאַרענטפער זיך פאַר אַ פאַרביטערט שטיק ווי די לאָלע. זי וויל פון גאָרנישט וויסן. אָפּט טרעפט טאַקע אַז ס׳לאָזט זיך נישט קויפן אויפן מאַרק. אַלץ וואָס איז פאַראַן, איז ווי אַראָפּ־געפאַלן פון הימל, ווי אַ רעגן. ווערן אויף אויסצוקלײַבן וואָס ס׳האַרץ גלוסט איז נישט באַשאַפן געוואָרן פאַר דער באַראַכאַלקע. צו קויפן אַלץ אויף דער מאָס און אייגענעם געשמאַק — דערפאַר איז רוסלאַנד נאָך נישט גע־נוג גרויס. נישטאָ אַזוי פיל סחורות, פאַר דאָס זענען פאַראַן צו פיל הונ־געריקע הענט צו נעמען אַלץ וואָס לאָזט זיך נאָר. נישט קיין חידוש דער־פאַר אַז ווינטערהיטלען קענסטו קויפן נאָר בעת די חמימות, און לײַט כאַפן זיי אַפילו דעמאָלט, די שאָפענע שטרײַמלעך.

חיים־הערש האָט באמת שוין אָנגעקוקט „אַ פּאָרל״ וואָס זענען גראָד אויף לאָלעס מאָס, איז עס אָבער געווען אויף דינע אָפּצאָסן, פון פײַנער געמזע מיט אַן אויסלענדישן גאָלדיקן שטעמפל פון אינעווייניק. טאַקע שיינע שיכלעך, אלאָ נישט פאַרן איצטיקן קלאָגעדיקן מעמד. צו איידל פאַר די ליימען און זאַמדן. ער האָט זיך נישט געקענט אָוועקרירן פון די שיכלעך, אָבער אַזעלכע שמינגע־דעגינגעס! ס׳אַ פאַריזער עלעגאַנטישקייט וואָס האָט פאַרשלאָפענערהייט אַהער פאַרבלאָנדזשעט. אײַ, אײַ, פונקט ווי די מענטשן, אַזאַ גורל טרעפט אויך זייערע זאַכן. ווער דאַרף הי אַזוינס? עס וואָלט באַלד זיך צעפאַלן אין דער סטעפישער רויקייט. ס׳איז נאָר צו קוקן דערויף. אַלץ הייסט שיין, — האָט חיים־הערש נישט געקענט זיך אויסוווּנדערן אויף דעם טראַף וואָס האָט זיך באַוויזן צווישן דעם גרויסן באַרג פּראָסטן אַלטוואַרג. לאהס פיסל וואָלט אַרויסגעטאַנצט פון אַזאַ לעטשל, אָבער ער טאָר נישט גלוסטן צו דעם. זיך געיישובֿט, געקוקט נאָך אַ מאָל און זיך אָוועקגעדרייט פון דער מציאה.

פאַרבײַגעגאַנגען אויך פאַר אַנדערע לעבעדיקע מאַנעקענס, באַהאָנגענע מיט שמאַטעס, שטיקלעך געוואַנט, אַלטע האַנטעכער, אויסגעבליאַקירטע קאַ־פּעליושן וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן זייערע קעפּ; אויך שיך האָבן זיך געזען בײַ הענדלערקעס, שיך וואָס האָבן זיך אַ פנים אָפּגעקערט פון זייערע מיד־געוואָרענע פיס. בײַ אַנדערע זענען אין די הענט געווען נאָר אונטער־

געשניטענע שטיוול־כאַליעוועס, שטוינענדיקע קינדער־שיכלעך, אַ ברייטער לעדערנער רימען פֿון אַן אַנגעפּוישטן בויך. די אָ סחורה האָט זיך פּשוט פֿאַרלוירן אין תּוהו־ובֿוהו פֿון דעם אַלטוואַרג. איצט מוז דער רימען גיין אויף זוילן, אַבי נאָר געווג רובלעס צו דעקן דעם באַדאַרף וואָס אַזאַ שטיק מאַנט פֿאַר זײַן כּבֿוד וועגן! חיים־הערש האָט זיך לענגער אָפּגעשטעלט בײַ אויסגעטראָטענע קאַלאָשן, פֿאַרדאַרטע פּאָדעשוועס, קלוג־אַרומגעשניטענע גומי־אָפּצאַסן. ער האָט זיך פֿאַרקלערט איבערן אַלט־פֿאַרשימלטן, צעטרענטן שיך־לעדער, פֿונאַנדער גענומענע אינגעווײדן פֿון שיכוואַרג, אויך בלויז „נאָסקעס“, „קעפּלעך“, פּלעקלעך. אַלץ איז דאָ אַ סחורה!

אויסגעבויגענע רוקנס וויגן זיך איבער דעם אַלעם, נישטערן מיט די הענט אין אַ בערגל געוועזענע שיך, דינגען אויס דאָס און יענץ און לאָזן צו אַנדערע קונים וואָס וואַרטן הינטער זיי. חיים־הערש האָט זיך צוגעקוקט אויך צו די דאָזיקע קרעמלעך: אפֿשר וועט ער דאָ אויסגעפֿינען עפּעס פֿאַר זײַנע שיך וואָס זענען אויך שוין חרובֿ; זיי באַדאַרפֿן באמת אַן אונטערשפּאַר פֿון אַ לאַטקע, אַ פֿלעקל און אַ טשוועקל. נישט אומזיסט זענען די דאָזיקע אַזוי זשעדנע אויך אויפֿן בראָך פֿון דאָזיקן אַלטוואַרג.

יעדער קוקט אַרויס אַרײַנצוקריגן אין די הענט אַ שטיקל לעדער; אַלע שוסטערעווען דאָ איבער די אייגענע שיך. לאַטען, טשוועקעווען. אָך, ער האָט גאָר נישט געפֿונען וואָס געזוכט. אָבער אַהיימגיין מיט ליידיקע הענט האָט ער מורא געהאַט. ס׳ווײַבל וועט אים אָפּקאָכן מיט איר געוויין, זי וועט אים דערהרגענען מיטן געשריי; זי קען נאָך אַרויס אין דרויסן מיט אַ גוואַלד:

— זעט׳ס, דער פֿאַרשוין וויל מיך אומברענגען. ר׳וויל מיך אויסמאָרען בײַנאַנד מיטן קינד. „האָסט געוואָלט האָסענע הובן, האָב זשע דיר אַלדע שוואַרצע יאָר פֿאַר דאָאַן געשמדטן האַלדז. צו אַן אומשולדיק מיידל ביסטו געקראָכן, אַלט פֿערד! דאָס איז איר מזמור, וואָס גיסט אים אָפּ אַלע מאָל פֿון אויבן ביז אַראָפּ.

„אויף זאַלמע גלאָמבס נאָכקומעניש קען מע זיך פֿאַרלאָזן“, — האָט ער געביטערט און אומרויִק זיך אַרומגעטראָגן איבערן אַלטוואַרג־יאַריד, אומעטום אַרײַנגעגראָבן זיך מיט זײַן הונגעריקן בליק.

ג

— אַ פּאָר שיך פֿאַר אַ ייִנגל אַ טעראָץ, באַדאַרף איך. אַ פּאָר שטאַרקע שיך פֿאַר אַזעלכן וואָס טראַכט נישט וואָס ס׳וועט זײַן שפּעטער...

אַזאַ איז געווען חיים־הערשס פאַרענטפערניש פאַר די הענדלערס וואָס האָבן אים אָנגעקוקט פאַרוואונדערט הלמאַי ער דרייט זיך לאַנג אַרום אומ־זיסט, זוכט אַזוינס וואָס איז נישט בנימצא. אַ יונגל האָט ער, מוז ער גע־פינען פאַר אים עפּעס פּעסטס. אײַזערנע שיך מוז ער האָבן פאַר אים, — האָט ער שאַרף, טרויעריק געשמייכלט אַנטקעגן די באַראַכאַלקע־סוחרים און זיך אָפּגערוקט פון זיי. גיי דערצייל די אַ — האָט ער שוין געמורמלט צו זיך אין פאַרלוירנקייט — אַז ער וויל האָבן אַ פּאָר שיך פאַרן ווײַב וואָס איז אַ קאָזע. זי דערגייט אים די יאָרן מיט אירע יעלות, מיט זידלע־רײַען!

ער האָט זיך אַהיימגעקערט אַ פאַרשעמטער, אַ הונגעריקער און בײַ צײַטנס פאַר ליב גענומען אירע געשרייען. ער האָט אָבער „געהאַט מזל" וואָס זי איז שוין געלעגן אַ צונויפגעהויקערטע, אַ קופּע עלנט אין פאַר־נאַכטיקער טונקלקייט. אין דער אמתן האָט דער הונגער לאַלען אײַנגע־מידט, ממש דערשלאָגן.

שטיל, קאַלעמוטנע האָט זיך געוועבט דער פריער פאַר נאַכט אין אָביונישן קעמערל און חיים־הערש האָט נישט געוואָלט איבעררײַסן די דאַזיקע שטילקייט. פאַמעלעך האָט אויך ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קיין מאָל נישט אויפגעבעטע שמאַטעס פון געלעגער און פאַרנומען דעם טומל פון די אייגענע לײַדיקע געדערעם. ר'האָט ליבערשט געוואָלט פאַרלײַדן דעם הונגער אידער צו הערן אַ נײַעם פליוך פון אומהיימלעכן געשריי און טענה.

אַ פּנים, לאה האָט באַלד דערהערט חיים־הערשס אומדרייסטן אַרײַנ־שלײַכן זיך אין שטוב. נאָר זי האָט פאַרביסן אויסגעוואַרט ביז אין איר וועט זיך איבערזידן דער פון ס'נײַ דערוועקטער צאָרן אויף „אים", הלמאַי ער האָט זי געלאָזן אַזאַ לאַנגן טאָג אין צרות; זי איז אַ באָרוועסע געווען צוגעשמידט צום קינד און ס'קינד האָט אין איר אַרײַנגעוואָיעט: „מאַמאַ־מאַ, מאַמ"... וואָס וויס נעבעך אַזוינס. אַ קלאָג צו אַזאַ טאַטנס קאָפּ!

ד

ענדלעך האָט זי זיך געלאָזט הערן: — ביסט שוין דאָ? קליגער מענטש, האָסט זיך שוין מיישב געווען צו זען צי דײַן ווײַב לעבט נאָך?!

ער האָט נישט געענטפערט. אים איז שוין געווען ניחא וואָס זי ווײנט אויפן הונגער אינעם פאַרגאַנגענעם טאָג. קלאָגט שטיל, ווי פאַרן אייגענעם געהער און ער האָם־הערש, שלאָפט שוין קלאַמפּערשט. ס'גוט וואָס זי איז נאַכטיש מיד, זי'ט ווידער אײַנשלאָפן. באַגינען וועט ער זיך אַרויסשאַרן.

עלעהיי ער וועט געווינען נאָך אַ טאָג, דערנאָך ׳עט מע זעען. ער׳ט שוין געפינען וואָס ר׳דאַרף האָבן פאַר איר. אים לעבערט דעם קאָפּ לאהס געטענהעכץ:

„וואָס האָסטו געהאַט צו אַ יונג מיידל, אַלטע בהמה!" נאָר מיט איר יונגשאַפט הרגעט זי׳ אים. כ׳לעבן, ס׳א מעלה וואָס ס׳איז כאָטש דאָ ווו צו פּטרן אַ טאָג, באַדאַי מיט פאַרקלעמטע קישקעס. וואָרן געשלאָגן צו ווערן סײַ מיט הונגער, סײַ מיט מוסר איז ערגער ווי מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. ר׳עט איבערקומען נאָך אַ וואָך און ווידער נעמען פּרווון זוכן פאַר איר שיך. דער איינציקער זונטיק און די באַראַכאָלקע קען ברענגען די ישועה. מילא, וואָס ער האָט זיך אָנגעהערט אין די אויפדערנאַכטן און פאַרטאָגן פון דער באָרוועסער לאָלע, איז נישט כדאַי איבערצוחזרן. זי׳ט אים נישט געשוינט. אַלע זײַנע חטאים האָט לאָלע אויסגעבראָקט האָם־הערשעלען, איר גאַנצע גאַל אויסגעגאָסן אויף אים און ער האָט געדולדיק פאַרשוויגן. פון מאָל צו מאָל האָט ער נאָר אַ בריקע געטאָן:

— לאה גלאָמבּ, ס׳עט נאָך ניש׳ געניג זאַאָן? מיר איז דען ליב די בראָך וואָס איז געקומען? האָסט דען נישט געגעסן בײַ מיר קאַ׳ פּיטער־קיכן? ס׳האָט דיר געפעלט אַ פרישע בייגל? ווילסט זאָן מער יחסן פון דאַאָן קינד, וואָס האָט נישט ס׳ביסל מילעך!

אויפגעשריגן פלוצלינג, אויפגעבײַלט אַפילו אַ פּויסט, זיך געשלאָגן מיטן קנאָכיקן בינטל פינגער אין אייגענעם קאָפּ אַרײַן פון צרות, וואָס זי טיילט אים אויס. דערנאָך האָט חיים־הערש באַדאַכט זיך אײַנגעוויקלט אין דעם פאַרשמאָדערטן מאַנטל, פאַרדעקט זיך די אויערן אַז ר׳זאָל זי מער נישט הערן. ער איז שוין מיד פון איר. „זאָל זי שוין פאַרמאַכן ס׳פּיסק, אַנישט וועט ער" — וואָס וועט ער, חיים־הערש קאָלסקי? אָסור, צי ר׳וויסט וואָס ער וועט איר טאָן, נאָר סטראַשען דאָס קאַלב, טראַכט ער, איז נישט אויסן וועג. זאָל זי אויפהערן; סײַ ווי וועט ער איר קויפן אַ פּאָר שיך, סײַ ווי ווערט אים געשוואָלן דער מוח פאַר אירט וועגן.

קעגן איר טבע האָט דאָס ווײַבל פאַרשוויגן די גרויסע עוולה וואָס זי האָט בײַם „אַלטן פערד". זי דאַרט אײַן די קישקעס און זי עסט זיך אויף וואָס זי מוז אויסקוקן נאָר אויף אים. ווײַל זי איז צוגעשמידט צו דער קאַמער און דאָס קינד לײַדט נויט בײַנאַנד מיט איר. וויי, וויי, בלײַבן באָרוועס איז ערגער ווי זיצן אין תפיסה. ווי אַ שטאָך אין האַרצן האָט לאה עס באַזיניקט און איטלעך מאָל „אים" אָפּגעגאָסן ווי מיט אַ קויטיק שעפל:

— אַזאַ אַלט פערד, האָסענע האָבן האָט ער באַדאַרפט: מיטן מלאך המוות האָט אַזוינס באַדאַרפט זיך פּאָרן און נישט פאַראומגליקן אַ מיידל!

דו, שטינקער, וואָס האָסטו געהאַט צו מיר? קינדער, זאָגט ער, האָט ער ליב ס׳לעבן. ליב האָט ער — קוק נאָר אָן דעם פּשוין!

פאַר איטלעכן אַוועקגיין חיים־הערשס און ביי יעדן אַהיים קומען, האָט לאַלע אים פון ס׳ניי באַזונגען. אַלץ צוליב די שיך וואָס זענען אַראָפּגע־פאַלן פון אירע פיס. די יעלות האָבן זיך אַזוי געצויגן אַ נייע לאַנגע וואָך. ס׳איז געווען אַ ביטערע, אומגעהאַרישע וואָך.

ה

אויפן נאָענטן זונטיק איז געקומען די ישועה. חיים־הערש איז דאָס מאָל אַוועק אויף דער באַראַכאַלקע און ער האָט מצליח געווען. ס׳האָט אים אויסגעוויזן: ס׳איז אַ באַשערטקייט אַז זי זאָל אים מער נישט דערגיין די יאָרן. לאַנג געמוזט זיך אָנמוטשען איבער אַ פּאָר שיך. דערזען די שיך, וואָס זענען אונטערגעקומען, האָט ער לאַנג זיי געדונגען, אויסגעדונגען זיי אַזש ס׳האַרץ איז אים אָפּגעשטאַנען. אַהיים איז ער מיט די שיך געגאַנגען אַ צעשיינטער:

— לאהשי, כ׳האָ׳ געפינען! זיי ׳עלן זאָן אַ ברכה פון האַאַנט מאָל אָן. „עסט זעען, ס׳האַרץ זאָגט מיר! — און ר׳האָט דערוואָרט פון איר כאָטש אַ בלאַסן שמייכל. אָבער לאה האָט אַראָפּגעהאָנגען דעם קאָפּ, פאַרביסן די ליפּן.

— שוין נישט געקריגן עפּעס ערגערס, האָמל? אַ פּאָר טשיזמעס געברענגט! ס׳דאָך האָמעטעס. ווי וועל׳עך זיי אָנטאָן? — און שיער זיך צעוויינט.

קיין גרויס גערעדעכץ האָט זי שוין נישט געמאַכט דערפון. זאָל זיין אַזוי, האָט זי זיך איבערגעלייגט: אַבי נישט זיין צוגעבונדן צו דער קאַמער, קוקן רק „אים״ אין די אויגן אַריין? מער טאָר זי נישט אַזוי.

לאַלען איז פינצטער געוואָרן דאָס פּנים. אַ פּלוצלינגע זויערקייט האָט נערוועז איר אויפגעשלאָגן פון די געדערעם, ווען זי האָט פון ווייטנס אָנ־געקוקט די שיך, וואָס האָם־הערש האָט אַראָפּגעלאָזן אויף דער ערד. פון דערדריקטקייט האָט זי לאַנג געשוויגן. דערנאָך האָט זי זיך צערעדט:

— ר׳האָט געזוכט, דער גוטער מאַן, געזוכט און געפונען, דער קלוגער קאָפּ! — האָט זי זיך לענגער צערעדט. — נישקשה, כ׳בין וואָזשנע פאַר־זאָרגט געוואָרן! — און געשניפּט מיט דער נאָז, זייטיק געוואָרפן בליקן צו די טרעטערס וואָס האָבן זיך גרויסע, שווערע, געשאָטנס אויף דער פּאָדלאָגע.

ס׳געווען נאָר אַ שטיקל פּויזע ביי לאַלען. באַלד האָט זי אויפגעשטר־רעמט:

— סאָלדאַטסקע האָדאָקעס אויסגעזוכט, האַם־הערשעלע. אַזאַ סקנער. אַזאַ שמאָדער! — האָט זי זיך צעבורטשעט, ווי געדערט צו זיך און מיט אַ מאָל אויפגעשריגן: — ווערסט זיך אַליין אָנפרעסן מיט זיי! ריזעדיקע פיס דאַרף מען האָבן צו שלעפן אַזוינס. פערדישע כּוחות — אײַנצושפּאַנען זיך אין אַזוינע קייטן, — און שוין אויסגעצויגן זיך צעיאָמערט: — ווײ צו מיר, אויף וועמען איך האָב זיך צו פאַרלאָזן!

דורך טרערן־נעפּל איטלעך מאָל אַהינגעקוקט צו די שיך און איר האָט אויסגעוויזן אַז דאָס זענען אויסטערלישע לאָדקעס וואָס האָבן זיך אײַנגעגריזעט אין אַ שטייענדיקן זומפּ; און זי צווינגט מען ערשט אַרײַנ־צוקריכן אין זיי. ס׳וואָסער אַרום נעמט אָט־שוין בורטשען, ס׳וואָסער וועט זי פאַרטראָגן אין די אויסטערלישע לאָדקעס. זי׳ט פאַרטרינקען ווערן אי־בערן קאָפּ אין שליימיקער אָפּגרונטיקייט, בררר. אומעטום זענען גריבער, דאָס וואָסער באַראָמאַטשעט אין זיי מיט בייזקייט, און קאַלוזשעס שטעלן זיך אויך פון די אָפּטע כליאַפּ־רעגנס; זיי זאַפּן זיך אָן מיט אַ מוראדיקער משׂא. זיי וועלן זי אַראָפּשלעפן טיף, טיף אין די קלעפּיקע זומפּן אַרײַן

— אוי איז איר! און פון דאָס נײַ איז זי אַרויס מיט אַ קינדערישן געכליפּ: „וואָס האָט ער געוואָלט פון איר! פאַר וואָס לאָזט ער זי אַזוי אויסגיין?״ געוויינט, און זיך אַרײַנפאַרגעסן אין אַ קלאָגעדיקן געזונג. לאָלע האָט זיך פאַרגעסן און נישט געשפּירט זײַן זײַן אין דער נאָענט, חיים־הערשס וויסט שווײַגן און זײַן קוקן צו איר אין געהאַקטע ווונדך, — האָט דערוויזן זײַן דערשלאָגנקייט.

דערנאָך האָט זי זיך ווי איבערגעוועקט, אַנגעשטעלט דעם בליק אויפן אַרום וואָס האָט קאַלעמוטנע צוריק געקוקט אויף איר. אומגעריכט האָט זי דערהערט איר אייגן קול און ס׳האָט זיך אַרײַנגעמישט דערין זײַן שטענדיק להכעיסל. ווידער ער, דאָס אַלטע פערד.

...— שוין איין מאָל אַ פּאָר שיך די, וואָס האַם־הערשעלע, דער זיסער מאַן אירער, האָט אויסגעפונען פאַר זײַן ווײַב. אַזוי גרויס די באַראַכאָלקע, אַזוי פיל שיכוואַרג וואַרפט זיך דורך אויפן מאַרק און ער האָט אויסגעזוכט — „ס׳בעסטע״.

אין לאהס אויגן האָבן די אַ „בודעס״ געמאַכט ענג די אָפּגעלאָזענע קאַמער, אים — פאַרקערט — האָבן זיי אויסגעליכטיקט די וועלט: „זאָלן זײַן בלאָטעס, זאָל גיסן, אַזעלכע שיך פרעגן נישט קאַ׳ שאלות, צי ס׳איז שיין אין דרויסן אָדער עס גיסט צעבערס. אַזעלכע שיך האָבן פאַר גאָר־נישט קאַ׳ מורא!״

— זע נאָר, — האָט ער אין מיטן דערינען זיך צערעדט אַ צעוואָרעמ־

טער — ס׳אַרע שטאַרקע, באַקוועמע, ממש אייביקע שיך דאָס זענען. גראָבע זוילן, פֿעסטע טילקעס, אײַזערנע שפּיצן, געקאָוועטע אָפּצאַסן. בנאמנות, יאָרן לאַנג קענען דינען אַזעלכע טרעטערס, און זיי זענען געדוים פֿאַר וואַרעמע אָניצעס. ביסט אַ מבֿין, לאַלע, וויפֿל ס׳איז ווערט אַזאַ גערוימקייט? ס׳זשעמביעט די קעלט, זי קריכט אין די ביינער אַריין און דיר איז וואַ־רעם אַ מחיה. דער עיקר זענען די פֿיס, דעמאָלט איז וואַרעם אין גאַנצן לײַב. און שיך זענען דאָ נייטיק נאָר אויף ווינטער, פֿאַר די בלאָטעס, פֿאַר די רעגנס וואָס פֿאַלן האַסטיק און בשפֿע. ערשט די שנייען, די שאַרפֿע פֿרעסט וואָס גיבן אַ קום און אַ זענק און צעטײַען זיך אין שפּעדיקע, ליי־מיקע בלאָטעס. זומער איז עס שוין אַ נאַרישקייט: יאָ שיך צי נישט שיך. מ׳קען זיך באַגיין מיט אַ פּאָר באָסאָנאָזשקעס, סאַנדאַלן אַזעלכע אויף אַ ליאַדע זוילעכל מיט אַ בענדל, אויף אַרײַנצושטעלן די פֿינגער. גענוג אַפֿילו אַ שטריקל, אַבי די זוילן זאָלן זיך האַלטן, נישט שטעכן די באָרוועסע פֿיס. הײַנט מוזן כאָדאַקעס זײַן וואָס טיפֿער, וואָס שטאַרקער. — אַ גאַנצע דרשה ט׳ער אַרויסגעלייגט פֿאַר איר, זי זאָל פֿאַרשטיין וואָס ער האָט געמיינט מיט די טשיזמעס.

ו

„נאָ, לאהשי״.

שוין אײַלט זי זיך זיי צו נעמען; ער מיינט, זי פֿאַלט צו צו זיי. ווי לאַנג עסט ער נישט, — האָט זי אַ טראַכט געטאָן.

ווי באַלד ער איז געקומען מיט די מגושמדיקע שיך, האָט ער אַפֿילו געזוכט בײַ איר אַ שמייכל, אַן אָנצוהערעניש פֿון דאַנקשאַפֿט פֿאַר דער מתּנה וואָס געבראַכט. לאהס קוק איז אָבער געווען אַ קאַלטער, אַזאַ וואָס האָט חיים־הערשן אָפּגעבריט. ר׳האָט זיך שוין נישט דערוועגט די שיך איר נאָענט צוצוטראָגן: נעם, פֿאַר דײַנע וועגן. ס׳האַרץ האָט אים באַלד אונטערגעזאָגט אַז זיי וועלן איר נישט וויל־געפֿעלן.

„נאָר פּוצן זיך וואָלט זי געוואָלט — האָט עס אין אים געשוימט מיט רוגזה — זי׳ט פֿאַרגעסן ס׳אָר אַ צײַט עס איז! ס׳איז טרויעריק אויב דער שׂכל בלײַבט אַ קינדערישער, בעת דער גוף עלטערט זיך. אפֿשר ווײַטער־אַרײַן — האָט חיים־הערש שוין אָפּגעמאַכט בײַ זיך — זי וועט זיך צוגע־ווינען. זי׳ט נישט האָבן קיין ברירה. אַוודאי, מ׳קען דען איר אײַנרעדן?״ זי האָט זיך פֿון דעסטוועגן צעוויינט אַ באַליידיקטע, טאַקע מחמת די שיך, וואָס ער האָט געבראַכט:

— פֿאַר מיר אַזעלכע שווערע שיך? ווער׳ט עס קענען נעמען אויף די פֿיס אַרויף!

— נישט געוועזן צו קריגן קאַ׳ן אַנדערע, — האָט ער געפּרווּוט זיך פֿאַרענטפֿערן.

— מ׳האָט דיך געצוווּנגען? — האָט לאה אויפֿגעצאַפּלט, — האָסט נישט געקענט צוואַרטן, מ׳האָט דיך גענומען פֿאַרן האַלדז? — האָט טענה זיך שוין פֿונאַנדערגעגאָסן אין איר אָנגעגליט קול. — אַרײַנגעקריגן מיך, מוזטו מיך דערהרגענען אין גאַנצן? אָסור צי כ׳וועל זיך צורירן „צו זיי״. כ׳על ליבערשט זיצן באָרוועס, כ׳על מיך פֿאַרקילן, זאָל בעסער קומען מײַן סוף. אַ היצפּע און אַ העזה דאָס האָט זיך! — און זיך צעשריגן און ס׳פּנים האָט איר געפֿלאַמט. — זי האָט זיך אַ באַוועג געטאָן כּדי זיך אויפֿצושטעלן און תּיכּף זיך צוריק געזעצט אַן אָפּהענטיקע.

— וואָ׳דען — פֿאַר מיר? — האָט ער זיך שוין אַנטקעגנגעשטעלט. — דו ביסט דאָך געבליבן שפּילטער־באָרוועס. גלייב מיר, איך וואָלט זיך אויכעט נישט געקרעקט מיט אַזוינע שיך. זאָל זײַן גרויסע, אָבי גאַנצע, שטאַרקע. הײַנט קען מע דען האָדעווען פֿרעמדע פֿייגעלעך אויפֿן דאָך? יאָ, ס׳איז אַ שׂריפֿה, ווילט זיך נישט טאַנצן. מ׳מוז אַנטלויפֿן פֿון די פֿלאַמען. דער עיקר — ס׳עט דיר זײַן טרוקן אין די פֿיס און וואַרעם. ס׳אַזאַ צײַט. גאָרנישט קויפֿט זיך לײַכט. פֿאַרפֿאַלן, מ׳מוז זיך צוגעווינען. מ׳עט׳ס דערלעבן, ווּעסטו האָבן דעליקאַטע שיכלעך מיט זײַדענע זאָקן. הײַנט באַדאַרף מען זיך לערנען באַגיין מיט אַ ליאַדע־וואָס, אָבי זיך אָפּצוהיטן ס׳געזונט, נישט פֿאַרקילן זיך פֿון נעציקייט אין די פֿיס. שאַ שוין, כ׳בין דיר אָסור נישט קאַ׳ שונא, לאהשי, — און געפּרווּוט איר אַ גלעט טאָן איבערן האָר־שויבער.

— גגג־יי־יי, קרעץ דאָן גאַנג! — האָט זי אים אָפּגעשטויסן פֿון זיך.

— נאָר ווינציקער שמעלקע מיט מיר, האָם־הערש! איך קען דיך שוין געבוג. אוי, אוי, ווייס איך וואָס פֿאַר אַ שטיקל סחורה דו ביסט! — זי האָט פֿאַראַכטלעך אָפּגעקערט פֿון אים דעם קאָפּ און דערשפּירט ווי די אויגן ברענען איר ווי פֿײַער.

לאהן — כאָטש אַ גלאָמב, ווי חיים־הערש האָט גענומען עפּטערס זי אָנרופֿן — איז פֿון דאָס נײַ קלאָר געוואָרן אַז צווישן איר און אים ליגט אַ גאַנצע וועלט פֿון פֿרעמדקייט, אויב נישט האַס. באותו הרגע טאַקע גע־דענקט זי אַז זי האָט זיך אָנגעהאָנגען אין אים: אָצינד גיט ער עס איר צו שפּירן: איך, חיים־הערש, באַדאַרף דיך ווי אַ געשוויר אונטערן אָרעם. נישט מער, נאָר אַ ברעקל אַחריות האַלט אים בײַ איר, אַן אומבאַשטימט־

קייט אַזאַ, וואָס הימלט הײַנט צווישן געקלאָג פֿון די מענטשן און דעם טויט וואָס גייט זיי נאָך פּוסטריט — און אפֿשר איז עס נישט זי, וואָס בינדט אים צו, דעם האַם־הערשעלע דעם משוגענעם, נאָר דאָס קינד?

יאָ, די גרויסע, שווערע טשיזמעס האָבן גענומען ממשותדיק דריקן אויף דעם יונגן ווײַבל פֿון דעם „אָפּגעדאַוונטן" חיים־הערש קאָלסקי. זי זעט דאָך באַשײַמפּערלעך אַז זי ליגט אים קנאַפּ אין זינען, ער צאַפּלט נאָר איבער זײַן אייגענער פּעל. רק די קישקע וויל ער זיך אָנשטופּן. צו פֿרעסן גיט'ס אים!

1972

אויף קעסט בײַם מידבר

א

טאָג אײַן, טאָג אויס לאָזט מען אַראָפּ די קעפּ און מ׳שלעפּט דעם יאָך. צעפּלאָסענער, גאָר העלער, נאַקעטער סטעפּ איז פֿונאַנדערגעגאָסן, צעוואָרפֿן אונטער די פּאָלעס פֿון ברייט־ צעקנעפּלטן הימל. פֿון אויג פֿאַרלירן זיך די ליים־שטיבלעך ווי מ׳האָט געלאָזט די נאַכט אַ נישט־דערשלאָפֿענע, אַן אָנגעשוואָלענע פֿון אומרו און פֿון אומהיימלעכע חלומות. ליימיקע ערד קלעפּט זיך צו די טריט. גליטשיקע גרודעס, געשפּאָלטענע, אָנגעהאָרבעטע, צעוואַקלען דעם גוף אין מיטן גאַנג. גוואַלד, ווּהין האָט מען זיי פֿאַרטריבן! אין ערשטן באַגינען, ווען די נײַ־געקומענע האָבן זיך געפֿעדערט צו דער אַרבעט, איז דער יִאוש געווען נאָך האַרבער. געשטאַנען דעמאָלט אין טומאַנעם גלי פֿון שרעק, וואָס ווער ווייסט צי מ׳וועט קענען בײַקומען דאָס וואָס גייט דאָ אַנטקעגן מיט פֿאַרצוקערישע נעגל. פֿרִיער האָט זיך געוויזן מאָנאָטאָנער זאַמדיק־וויסטער סטעפּ. ערשט זענען זיי פֿאַרקראָכן אין אַזאַ ליימיקער אומענדלעכקייט! איז עס בעסער, דער ליים פֿונעם זאַמד?! אָבער ביסלעכווײַז געוויינט מען זיך צו צו דעם מיט וואָס מ׳ווערט געפּרוווט: מ׳שפּאַנט שוין אין שערענגעס, אין געהירן טומלט עס. ס׳רײַסט די נערוון דער אָפּהילך פֿון די אייגענע טריט, עס טעלעפּעט דאָס וואַקלעניש פֿאַר דיר, הינטער דיר. אַצינד ווערט עס שוין גלײַכגילטיק, אַפֿילו דאָס וואָס אין ערגעץ זעט זיך נישט קיין ביימל, קיין תּבֿואה־לאַנעס. די מיטן־טאָגיקע זון וועט ווידער שרפֿענען; אויך הײַנט וועט נישט זײַן קיין שטרײַף שאָטן אונטער דעם מיד־צעגענעצטן הימל. אַ שמאַטקע וועסטו לייגן אויפֿן קאָפּ און אַליין ווי אַ שמאַטע ליגן אָנגעקנוילט צווישן גראָבע, גרינע טאַבאַק־בלעטער וואָס נידערן שפּל איבערן ליימיקן הויכלאַנד. מיט די נעגל גראַבלסטו אין די שליימיקע וואָרצלען, יעטסט. דו צעשטעכטסט זיך די הענט, די הויט ווערט צעראַצט ווי אַ לעדער. אין גאַנצן וועסטו ברענען ווי אַ דאָרן אין דער פֿלאַמיק־צעגאָסענער זון און וועסט פֿאַרגעסן אַלץ, אַלץ וואָס געווען, וואָס עס קען נאָך זײַן.

אָנגעהאָרבעט ווי אַ שטויביקער קוסט שאַרט זיך דער מענטש איבער די ליימיקע בייטן, פּויזעט אויף דער פֿאַרדאַרטער געלער ערד ווי איבערן רוקן פֿון אַן אומגעהייערער פֿאַרשמאַכטער חיה און ערגעץ אונטער איר

הויערנדיקן לײַב הודזשעט עס, ברומט, אַ אַזוי?... דער שעפּמאַטאָר אָטעמט מיד. ער רוישט אָן דעם מוח מיט טריבקייט: וואַסער! וואַ־אַ־סער! ס'איז דאָרשטיק דער סטעפּ. אָן אײַזערנעם גולם אַוועקגעשטעלט אונטן, אין זומפּיקן ריטשקעלע און ער מאַלעגיירעט, שפּײַט. מוטנע פֿײַכטקייט שפּריינז זיך צווישן די ווײַט־אַוועקלויפֿנדיקע בײַטן. פֿויל, פּאַוואָליעדיק פּאַרגיסט ער די געלע ערד־שפּאַלטן. עס טרינקען זיך אָן די בלאָס־גרינע, קלעפּיקע, האַריק־האַרטע טאַבאַק־וואָרצלען און דו, מענטש, ריטש זיך ווי דער נחש הקדמוני אויפֿן בויך, אויף די עלנבויגנס, אַראָפּ צו דר'ערד מיט דער גאָמבע; פֿון בייט צו בייט שאַר זיך, פּאַרגראָב דעם קאָפּ צווישן די בלעטער, קוש די ערד. די זון? זאָל זי טריקענען, זאָל זי אויסדאַרן די ליים־ערד, צעיאָטערן די אייביקע וווּנדן אינעם לײַב פֿון מידבר — זאָל זי! איך, איך האָב'ס געגווג!

יאוש ליימט די לעצטע כוחות; דער יאוש — שפּירט חיים־הערש — ברענגט אים שוין דעם סוף. די טאַבאַק־פּעלדער שפּרייטן זיך איבער דער געפּלאַצטער הויט פֿונעם לאַנגווײַליקן אָנענד, אונטער די שטאַרע הייכן פֿון דער צעוויגטער היץ און דאָס הודזשען קומט פֿון ערגעץ אָן אויסהוילע־ניש. אין אַ טאָל איז די געבענטשטע ריטשקע. קאַלכאָזנע הערצער, אײַנ־געזאַמלטע אין ליימענע קיביטקעס וואָס זענען פֿול מיט גליטשיקע זשאַבעס אום זומער — און אַצינד הויערט דער זומער איבערן אין־סוף פֿון דער אומדערבאַרעמלעכער מאָנאָטאָניע פֿונעם מידבר — ציטערן איבער דער אוצרדיקייט זייערער. אין דער ריטשקעס אָרעמען בעקן ליגט דער סאָק, דאָס גאַנצע חיות פֿון זייער גערעטעניש אין ווייץ, אין קאַרטאָפּל, קרויט און אַרבוזן. דער בריגאַדיר וואָס וואַרפֿט זיך אַט־אָ אויף די פּויזנדיקע פּעלד־מענטשן, ער איז דאָס מויל פֿון „אַלעמענס" באַגערן: „ס'איז קהליש גוטס, מ'מוז עס רעכט אָפּהיטן" — דערמאָנט ער. ר'קומט יעדעס מאָל קאָפּויער אומגעריכט, פּאַרשמײַעט. שטרוי־געפּלאָכטענע, ברייטע ראַנדן פֿון אַן אַלטן קאַפּעליוש פּאַרשאָטענען זײַן שטערן, די שפּיציקע קינבאַקן זענען נאַס פֿון שוויס. ער רעדט הייזעריק ווי פֿון אַן אַדורכגעבערענטן האַלדז און ס'קאַלטענעוואַטע, נידעריקע פּערדל אונטער אים קען נישט אײַנשטיין אויף אַן אָרט. עס הירזשעט, וואַרפֿט מיטן בויך, פּאָכעט מיטן עק, יאָגט אָפּ כמאַרעס פֿליגן און הייבט אויף, אויף אַ רגע די מאָרדע — טראַכט זײַן פּערדיש טראַכטן; אַ צעבער וואַסער, אַ פּלאַכטע שאָטן אין דער שטרוי־אונטערגעבעטער שטאַל. ווי דער באַלעבאָס אויף זײַן רוקן איז דאָס באַ־שעפּעניש אומרויק, די ערד ברענט אים די קאָפּיטעס, פּאָדקאָווע־פֿורעמס שנײַדן זיך אויס אין פּאַרהאַרטעוועטן ליים. מיד־ווײַס און פֿויל־גרין צע־

בלעטערט זענען די פֿעלדער פֿון קאָלכאָז. גלײַך אומגעווײנטלעכע ווערעם פֿויזען די מענטשן איבער דער־אָ ערד, טונקל באַוועגן זיי זיך צווישן די פֿאַרדאַרטע טאַבאַק־בײַטן, קריכן צו מאָל אויף אַלע פֿיר. זיי רײַסן אויס ס׳אומקרויט און פֿאַלן־צו צו דר׳ערד ווי שטיינער: — דער בריגאַדיר גייט! און דערנאָך אַ קײַך צום נאָענטן שכן: דער ברי־גאַאַ — — — מ׳באַווײַזט נישט אָפּט מאָל אַרויסצוהויכן ס׳וואָרט. מ׳מוז גיכער צעגראַבלען מיט די פֿאַרשטויפּטע הענט די לעדער־גראָבע, רויע בלעטער, אָפּרייניקן זיי פֿון ווילדגראָז אַז ער, דער בייזער קוקער, זאָל עס זען.

ב

אויך די זון זויגט אויס די כּוחות. רופֿט מען צו מיטאָג, וואַקלען זיך די לײַט איבער דעם נידעריק־שיטערן גרין פֿון דער ערד, גלײַך שמאַטיקע טשוטשעלעס וואָלטן מיט אַ מאָל זיך גענומען באַוועגן; דאָס זענען אומגעפּאַלענע סטראַשידלעס וואָס רירן זיך מיט די אָרעמס אונטערן שטויס פֿון ווינט. אויב אין תּחילת האָט מען מיט חשק זיך דערנענטערט צום קאָלכאָזנע עסן איז עס דערנאָך מער נישט געקראָכן אין האַלדז אַרײַן. איז מען דערפֿאַר שוין דערנאָך גיכער געבליבן צוגעקלעפּט צום טאַבאַק־בייט, כאָטש ס׳האָט גענענט די מידע שעה פֿון מיטאָג. דאָס קלעפּיק־לויזע געקעכטס האָט געשמעקט מיט מאָגערן רויך, עס האָט זיך געהערט מיט אַן אומבאַשטימטן, איבלדיקן טעם. פֿון אויבן זענען אין געקעכטס אַרומגעשווומען ברעקלעך צוגעברענטע שטרוי, פֿליטערלעך סאַזשע; דער אומגעריכטער הייסער ווינט האָט זיי זוניק און גיך אַ הייב געטאָן איבערן צעפּלאָסענעם חלל פֿון פֿעלדישן טאָג, אויפֿגעהויבן צום קאָלכאָזנעם מיטאָג־קעסל וואָס שטייט אויף עטלעכע בלאָטע־ציגל, ווי עס קלעפּט זיי צונויף דער סטעפּ. דער קעסל איבער דער ציגלנער קיך איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן נאָענט פֿונעם פֿאַרזאָרגונגס־סקלאַד פֿאַרן טאַבאַק־פּלאַנט־ראַיאָן. ס׳אַ כּלל: פֿאַר די אַרבעטנדיקע באַדאַרף מען די מאָלצײַטן גרייטן אויפֿן אָרט ווו מען אַרבעט. דאָ מוז די סטאָלאָווע זײַן אין סאַמע־פֿעלד. כאָטש אָן אַ דאַך, אָן בענק און אָן טישן. לײַט מוזן זיך צושפּאַרן אויף דער ערד; אלאָ נישט — קענען זיי אָנלענען די פּלייצע אָן גרויסן שײַער וואָס עס האַלט דאָ פֿאַרשלאָסן, שטום, אין שמײַסנדיקן עלנט דער ראַיאָנער פֿאַרזאָרגונג־אַמט.

פֿונאַנדערגעזעצט זיך אַרום די ווענט פֿון הילצערנעם געביי, כּדי כאָטש אַ ביסעלע זיך צו באַשיצן פֿון דער סמאַליעדיקער זון, האָבן די לײַט וואָס זענען יאָ אַוועק פֿון די טאַבאַק־בייטן, ערשט גענומען צובייגן די

נאָקנס צו די אָנגעגאָסענע כּלים שונים: פֿאַרשיידענע שוואַרץ־פֿאַרקאָפּ־טשעטע, דורכגעבערענטע, זעלנערישע געפֿעסן זענען דאָס געווען; זיי האָבן באַשײַמפּערלעך דורכגעמאַכט ווײַטע שלאַכט־מאַרשן. און ס׳זענען צווישן זיי ערגעץ געפֿונענע בלעכענע פּושקעס, אויך גלאָזור־אָפּגעשפּרונגענע טעפּ־לעך, וואָס האָבן געדינט צו אַלעמדינג אין דעם וואָגל־לעבן. אַזוי האָבן די נײַ־געבאַקענע קאַלכאַזנע האַרעפּאַשניקעס, אָנגעהאָרבעטע, זיצנדיק אָן אַ זײַט, אָנגעשפּאַרטע אָן דער שײַער־וואַנט, מיט די ליפּן, מיט דער שפּיץ־צונג געפּרוווט דאָס וואַרעמע מאכל. עטלעכע טעג פֿריִער פֿלעגן אַלע הונ־געריקע נאָך אַרויסקוקן אויף דעם רוף צו גיין צום מיטאָג. דערנאָך זענען אַ רובֿ עסערס אָפּגעפֿאַלן. לויט האָבן נישט געקענט עסן דאָס כליאָפּטשע־ניש: וואָס איז אָן אַ טעם און אָן ריח, נאָר ס׳איז אַ נודנע, פֿאַרדעכטיק, מוטנע שווענקעכץ פֿונעם פֿעלד־קעסל.

בײַ לײַט פֿונעם קאָלכאָז אויפֿן נאָמען פֿון לענין האָבן געגומען אײַנ־דאַרן די קישקעס. מאַנעס אַפּעל, דער ליפּנער שנײַדער, וואָס איז אָן אויס־געהונגערטער צוגעפֿאַלן צום פֿעלד־מיטאָג, האָט פּלוצלונג, אין מיטן עסן, גענומען ברעכן מיט דער גרינער גאַל. פֿון „צוריקגעבן״ דעם שלוק האָבן אים די אויגן זיך פֿאַרדרייט; בײַ בער מאַרגוליעס, דעם לערער פֿון לובלין, האָט פֿון דעם מאכל — וואָס האָט אַלע מאָל בײַ די מענטשן אַרויסגערופֿן אַן אומהיימלעכקייט — אומגעריכט זיך אָפּגערופֿן אָן אַלטע נירן־קרענק. נאָך די ערשטע פּאָר טעג לעבן אויף דער קעסט פֿון דעם נאָקעטן סטעפּ, איז ער אוועקגעפֿאַלן, אָנגעהויבן אָפּצוגיין מיט בלוט בײַם משתין־זײַן. מיט אַ מאָל זענען אים אויסגעגאַנגען די כּוחות, די הויט פֿון זײַנע אָרעמס האָט חשודיק זיך אָפּגעטיילט פֿונעם פֿלייש. מ׳האָט בערן געמוזט אַהיימפֿירן אין מיטן דער אַרבעט. איינער אַליין האָט ער דערנאָך זיך געוואַלגערט אין דער קיביטקע אויפֿן שטרוי־געלעגער וואָס אויף דער ערד. דאָס ווײַב מיט דער שוועסטער זענען ווידער אַוועק אויף די קאָלכאָזנע פֿעלדער יעטן ס׳אומקרויט פֿון די טאַבאַק־בייטן, שאַרן זיך ווי די ווערעם אויפֿן בויך, גליִען דעם קאָפּ אונטער דער אַנטבלויזטער זון. די ווײַבער האָבן אַהיים־געבראַכט ס׳שטיקל ברויט אין שטוב אַרײַן. אַצינד האָט בלויז אויף זיי זיך געהאַלטן „דאָס הויז״; אויף זייער פּאַרציע שיטערן ווייצנברויט און אויפֿן וואַסער וואָסביידע שוועסטער פֿלעגן שעפּן אין טאַליקן טײַכל. דער קראַנקער האָט זיך געלאָבט בלויז מיטן טעפּל געקאָכטן וואַסער וואָס איז נעבן אים אַוועקגעשטעלט געוואָרן אויף דער ערד. דאָס ברויט האָט ער זיך געהיט נישט צו עסן, ווײַל ר׳האָט נישט געוואָלט באַגזלען די פֿרויען וואָס האָבן שווער געפּראַצעוועט אין פֿעלד. זײַן פּאַרציע ברויט האָט ער

נישט געקראָגן ווי לאַנג דער דאָקטער האָט נישט געגעבן זײַן ביולעטין, אַז דער קראַנקער קען אויף אַן אמת נישט אַרויסגיין צו דער אַרבעט. קיין בעט איז נישט געווען אין ליים־שטיבל. אַ בינטל האַרט שטרוי איז געווען דאָס אונטערבעטעכץ פֿאַרן קראַנקן. אַזוי האָט בער מאַרגוליעס זיך גע־היילט. דער דאָקטער, נאָך וועלכן מ׳האָט געשיקט אין ראַיאָן אַרײַן, איז אַלץ נישט געקומען. דער חולה איז אויסגעדאַרט געוואָרן, אויסגעצויגן ס׳פּנים וואָס האָט אָפּט געפֿלאַמט ווי אָנגעצונדן פּאַפּיר און ס׳האָט לסוף גענומען טונקלען, פֿינצטערן. אַצינד האָבן שוין אַלע געגלויבט אַז מאַרגו־ליעס איז קראַנק; אַפֿילו דער בריגאַדיר, וואָס דער זאַוכאָז האָט אים געשיקט אומיסטן אַרײַנצובליקן צו דעם וואָס גייט שוין לאַנגע טעג נישט אַרויס אין פֿעלד אַרײַן, האָט מעיד־געווען אַז מאַרגוליעס איז אַן אמתער חולה.

— אָ, די מאַנקוראַנטן, ווי די מערעשקעס מערן זיי זיך, אויב מ׳לאָזט זיי דעם ווידל, טענהן די אײַפּעריקע תּושבֿים פֿון סטעפּישן ישוב. „קראַנק איז קראַנק, אָבער צום ענין האָט עס נישט — האָט דער אַלץ־ווייסערישער זאַוכאָז געטענהט — דער דאָקטאָר דאַרף אים דורכויס זען, פֿעסטשטעלן״.

— ער גייט אָפּ מיט בלוט, — האָבן אין שרעק זיך שוין געשושקעט די פֿאַרחושכטע לײַט פֿון די פּלאַנטאַציעס, אָבער די קרעכצן, דאָס טרויע־ריקע פֿאַרבײַסן די ליפּן צווישן די ציין, האָבן פֿאַרנומען נאָר די צווי שוועסטער וואָס האָבן געהויזט מיטן קראַנקן, דאָס ווײַב זײַנס און די שוועגערין, אַן עלטער מיידל, וואָס האָט דעם גאַנצן וואָגל־וועג זיך נאָכגע־שאָטנט דער שוועסטער מיטן מאַן. ענדלעך איז געקומען דער דאָקטער און ער האָט מעלאַנכאָליש געשאָקלט מיטן קאָפּ: „אָט ווי דער בירגער מאַרגוליעס מאַכט עס ערנסט. נישט געהאַט קיין צײַט די זאַך אָפּצולייגן אויף שפּעטער?״ — האָט ער געפּרוווט שמייכלען. — ניעט, דאַ ניעט. עס געפֿעלט מיר נישט. מ׳באַדאַרף אים צוטיילן דעם פּאַיאָק ברויט — איז ער אַריבערגעגאַנגען צו טראַכטן אויפֿן קול — אויך מיטלען פֿאַר פֿאַרשטאַרקטער דערנערונג. ניטשעוואָ, אַ ביסל רוען, בעסער אונטערשמירן די אַקסן, ליבינקע — גיט ער אַ ווונק־צו.

— ס׳איז פֿון מאַנדעטנעם עסן, די קרענק, דעם פּסולת מיט וואָס מ׳האָ־דעוועט אונדז — האָט מען זיך דערנאָך געסודעט. פֿון אַזאַ מעקענע וועט אַפֿילו אַ נאַרישע קו נישט געבן קאַ׳ מילעך. איבער די טאַבאַק־פֿעלדער האָט דערפֿון סוף־סוף זיך אַריבערגעטראָגן אַ כמאַרנער הימל פֿון שווערער שטימונג. לײַט האָבן זיך געריטשעט, געפּויזעט פֿון בייט צו בייט און גע־לאָזן, מיט געהיטקייט, זיך דורכגעוואָרפֿן אומהיימלעכע רייד.

— ס׳ביטער, אַז מ׳פֿאַלט שוין ווי דער מאַרגוליעס. וואָרן ווער קען זיך אומקוקן אויף אַזוינעם אין אַזאַ העק?

— שוין, שוין. ס׳עט זײַן אַל דאָס גוטס. זוכטס ענק ניש קאַ׳ שווער געמיט, מענטשן.

— צ׳וואָלט צוגעמאַכט די יאַפּעס, וואָלט קראַנטער געווען סײַ פֿאַרן חולה און סײַ פֿאַר אַלע. נאָר רעדן, מויכלען! ס׳צײַט צו טוען, חכמים. ס׳עט קימען דער שומר, ׳עט עץ שוין צומאַכן די מײַלער?

ס׳האָט גערעדט דער, יענער און לײַט האָבן געפּלאָנטערט די פֿינגער צווישן די שאָרסטקע שטענגלעך פֿון די פּליישיקע טאַבאַק־בלעטער. די קעפּ האָט מען מורא געהאַט אויפֿצוהייבן, אַרומקוקן זיך ווער עס לאָזט זיך הערן. וואָרן אויב חלילה עפּעס חשודס וואָס רײַסט זיך אַרויס פֿון עמעצנס נישט־אָפּגעהיטן מויל, קען מען נאָך שלעפּן מ׳זאָל עדות־זאָגן אויף דעם. גלײַכער נישט צו וויסן ווער ס׳רעדט. נישט זען, נישט הערן איז אַ סגולה פֿאַר אַלץ. די הענט האָבן געזוכט די בלעטער און די אויגן האָבן זיי געהיטן, אַז די פּאַראַזיטישע גראָזן זאָלן זיי נישט קיין עוולה טאָן. אײַ, דער הימל, די סמאָליעדיקע זון? ס׳איז שוין נישט נייטיק דאָס צו זען. גענוג מ׳שפּירט זיי. און פֿון גיהנום איז נישט שײַך צו וואַרטן אײַנזעעניש. מ׳קריגט זיך נאָר דורך דעם טאָג, דאַרף מען לויבן און הייבן דעם וואָס לעבט אייביק. ס׳מעמד פֿון אַזאַ מאַרגוליעס איז אַ ביסעלע ערגער!

ג.

דער רובֿ קאָלכאָזנע טאַבאַק־אַרבעטערס האָט שוין אָנגעווירן דעם חשק זיך צוצורירן צו די מיטאָגן וואָס ווערן געגרייט אין סטעפּישן קעסל; זיי האָבן נישט געקענט עסן דאָס שווענקעכץ, כאָטש ס׳האַרץ איז אַנטגאַנגען, די פּיס האָבן אויפֿגעהערט טראָגן. איינער נאָר, משה יעלין, האָט יאַקאָש פֿאַרדײַעט דאָס געקעכטס פֿון דער קיך, וועלכע האָט זיך געהייצט אין סאַמע דרויסן, וואָס האָט ממשותדיק געלעכצט נאָך רעגן מחמת די היץ איז געווען געדיכט. דער מענטש האָט געפּרײַכט, אָפּגעגאַנגען אין טײַכן שוויס און דער הימל האָט פֿאַרעקשנט געבלאָט, נישט געוויזן קיין סימן אַז ער וועט אויפֿהערן גולמען, נאָר קוקן שטאַר צו די דאַרנדיקע פֿעלדער און באַשטאַנעס [1]). וואָכן דורכאַנאַנד האָט נישט גערעגנט. דער רויך פֿון פֿעלד־קעסל האָט זיך שווער געזעצט פֿון דער היץ און ווי אַ ווילדער בעזעם געקערט די לופֿט מיט טשאַד. אָבער משה יעלין האָט זיך נישט געמאַכט

---

[1]) גאָרטנס פֿון אַרבוזן און מעלאָנען.

דערפֿון קיין עסק. דער משה איז בכלל געווען אַן אויסנאַם פֿון די אַלע קאַלכאַזנע ייִדן וואָס האָבן זיך דאָ אַהער געוויזן. אַלע האָבן זיך געקרימט, געזיפֿצט, געשאָלטן דעם רויך וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון קעסל: משה יעלין האָט אַ פֿאַרטראָגענער אין אייגענעם קלערן, שטאַרק געשוויגן, רק געזוכט עפּעס צו שטופּן אין מויל אַרײַן, קײַען. האָט די זון הויך זיך אויפֿגעהויבן אין הימל, פֿלעגט יעלין זיך שוין לאָזן הערן: — האָ, האָ, ר׳גייט שוין, רב זונדל. ער רוקט זיך שוין אַרויף דעם דאַשעק! און האָט מען גערופֿן צו מיטאָג, איז ער געווען פֿון די ערשטע וואָס האָבן זיך אויפֿגעהויבן פֿון די טאַבאַק־בייטן. ער האָט געאײַלט צום קעסל, נישט ער איז געגאַנגען.

באַשײַמפּערלעך, דער אָנזאָג אַז ס׳איז פֿאַרטיק די געקאָכטע מאָלצײַט איז אים געווען אַ טרייסט פֿאַר דער שטאַרקונג פֿון זײַן גוף. וואָרן אין דעם־אָ מעמד איז דער גוף געווען אין דער ברענענדיקסטער סכּנה. משה יעלין איז עס געווען דער וואָס האָט עס שאַרפֿער אַרויסגעבראַכט, כאָטש ער האָט ווינציקער פֿון אַלע גערעדט דערפֿון.

העכער פֿון מיטלוווקס, מיט אַ פֿול, לענגלעך פּנים און אַ שווערן טראָט, האָט יעלין אַלע מאָל ווי אַ בופֿלאָקס מגושמדיק זיך דערנענטערט צום קעסל. ווי באַלד ס׳האָט זיך אַ טראָג געטאָן דער רוף, אַז עס איז אָנגעשטאַנען די צײַט פֿון מיטאָגן, איז ער סאָפּעדיק אויסגעוואַקסן אין דער פֿאַרנעם קעסל. און איטלעך מאָל האָט יעלין געבראַכט אַ גרעסערע שיסל מ׳זאָל אים אָנגיסן. מיט חניפֿהדיקן בליק האָט ער געבעטלט נאָך אַ שעפּלעפֿל יושקע מיט פּאַסנע טייג־ברעקלעך, וואָס האָבן געקלעבעצט די זופּ. נאָך אַ שעפּ־לעפֿל פֿון די מטעמים, פֿון וועלכע עס האָבן גענומען אָפּפֿאַלן די בעלנים. פֿון וואַנען דער יעלין האָט באַקומען די גרויסע כּלים האָט אפֿילו די פֿאַרריסענע קאָכנס זיך געוווּנדערט, כאָטש זי האָט מיט דער צײַט אויפֿגעהערט אים צו זשאַלעווען נאָך אַ מעסטל יושקע. דער רובֿ רירט זיך נישט צו, האָט זי גערעדט צווישן די ציין, אָבער דער פֿרעסט. נעכײַ וואָלט ער נישט געזשלאָקעט אַזוי פֿיל, וואָלט אַ בהמה אין שטאָל געהאַט מיט וואָס אָנצוקוויקן זיך, מײַן קראַליק וואָלט זיך געזעטיקט. עלעהיי די סוסליקעס [2]) אין די יאַמעס וואָלטן זיי געבענטשט, די ביעזשענצעס. מ׳גיסט אַרײַן מער אין די ערד־שפּאַלטן זענען זיך מחיה די חיהלעך און זיי פּאַשען זיך... און דער קאָכנע האָט אַפֿילו געחידושט ווי אַזוי דער מיגלט זיך ניט צו עסן פֿון אַזאַ שטיק זשאַווער־בלעך, וואָס ער ברענגט זי צו

[2]) גרעלע פֿעלדמײַז, וואָס די פּויערים בײַ הער וואָלגע נוצן זייער פעטס.

צום קעסל. שפּעטער האָט די קאַלמיטשקע שוין אויפֿן קול אויסגעשריגן, אַז זי איז זיך משער וואָס שײַך דעם אָפּשטאַם פֿון די כּלים וואָס דע יעלין געפֿינט אויס פֿאַר זײַנע מיטאָגן. פֿון אַ שטאָל ערגעץ האָט מען עס אַרויסגעוואָרפֿן אויפֿן מיסט — האָט זי פֿאַראיבלדיק גערעדט צו די טאַבאַק-אַרבעטער, וואָס פֿלעגן פֿאַרלאַנגעווײַליקטע זיך זאַמלען אַרום איר מיט דער דעה, אַז אפֿשר וועט זי דאָך עפּעס אַנדערשס אויסגעפֿינען פֿאַר זיי צו נעמען אין מויל אַרײַן. זי זעט דאָך, זיי וועלן פֿאַלן פֿון נישט-עסן. נו, דער יעלין? נישט יעדער קען זיך גלײַכן צו אַזוינעם און זײַן אַפּעטיט. אַ שטיק אָפּפֿאַל אויפֿגעקליבן, אויסגעווישט עס מיט אַ טאַבאַק-בלאַט און מיט דעם זיך צוגעשטעלט צום מיטאָג. אַלע מאָל מיט אַ בערנדיקן בליק, און ער האָט אויסגעפּועלט. נישט געווען קיין גרויסער ריידער, דער משה יעליז פֿון די בזשעזשינער שנײַדערס, נאָר פֿאַרענטפֿערט האָט ער זיך:

— כ'האָב דען אַן עצה? דער הונגער גריזשעט, מוז מען, פּאַניאַלאַ [3]? גערעדט צו דער פֿויערטע און געזוכט זיך צו פֿאַרענטפֿערן פֿאַר די אַרומ-שטייענדיקע, הלמאַי ער עסט יאָ דאָס פּסלות. געעפֿנט ס'מויל, געקוקט אויף די ייִדישע לײַט וואָס האָבן נאָכלאָזיק אַראָפּגעהאָנגען די נעז, געהיט דאָס טאַבאַק-בלאַט אויף זייערע קעפּ (די זון זאָל אַזוי נישט שטעכן!), אָבער געשפּירט דאָס וואַסער אין האַלדז און אַן איבל אין די געדערעם. מיט אומווילן האָט ער גערעדט און מיטן קאָפּ זיך אַרײַנגעלאָזט אין דער גרויסער שיסל פּאָמיעס וואָס איז פֿאַרמישט מיט כּמו-קליסקעלעך. דער-ציילן די אָ — האָט יעלין בעת-מעשׂה זיך געשטיקט מיטן געדאַנק — פֿון דעם וואָס עס איז אַזוינס הונגער? קענען דען מענטשן גלייבן אַז עמעצן טוט ווײ? יענע האָבן אפֿשר וואָס צו פֿאַרקויפֿן, צירונג, געלט מיטגעכאַפּט, אײַנגענייט אין אַ נאָט. פֿאַר ממתּקים קען מען אומעטום עפּעס קריגן אָפּ-צויאָגן זיך די נשמה. ער קען מער נישט אַזוי פֿיל הונגערן און אַוועקגענאַרן זיך ערגעץ פֿון קעסל, ווי טייל טוען, קען ער אויכעט נישט. מ'מוז קענען אויסהאַלטן דאָס נאָגעניש אין די אינגעווײדן. געננג זיך אָפּגעוואַלגערט אין וועג-ריווח, געקראָכן אין מיסט-קאַסטנס. ממש אין ערבֿ-גסיסה זיך געראַ-טעוועט מיט פֿוילע קרויט-בלעטער, מיט גליטשיקן אָפּפֿאַל פֿון דאָרפֿישע הייף, וואָס געבליבן נאָך סטאַדעס בהמות, וועלכע זענען אַוועקגעטריבן גע-וואָרן פֿון דײַטשישן רויבגיר. הונגער, ליבע לײַט, איז דער ערגסטער מישפּט פֿאַרן זינדיקן מענטש. דאָס האָט נישט אויפֿגעהערט טאַטשען יעלינס מוח. מסתּמא זענען מיר אַ סך שולדיק, אויב מיר מוזן אַזוי פֿיל לײַדן. איך

[3]) פּאַרשטאַנען?

נעם עס אָן באהבה, אַבי צו קענען דורכהאַלטן. דאָס זאָגט ער זיך אַליין. די וואָס קוקן חוזקדיק וואַרפֿט ער צו נאָר אַזאַ מין קאָפּ־שאָקל:

„גלייבטס, כ׳בין אויך געווינט בעסערס. נישט אַלע צײַטן זענען אָבער גלײַך. אַז מ׳מוז — מוז מען!" און טאַקע מער נישט געשטערט זיך אין דער מאָלצײַט, דער משה יעלין. ער האָט אַרײַנגעשטעלט, ווי לײַט האָבן געזאָגט נישט אָן קינאה, גרויסע סכומים טייג־פּלעצלעך, אויסגעקאָכטע אין צעוואָסערטן מילעך־בלאָלעכן געמישעכץ צוזאַמען מיט צונויפֿגעבונדענע בינטלעך פֿעלד־קימל און פּיעטרישקע־גרינס. אַן אַלטער אײַזערנער קעסל איז געשטאַנען אײַנגעמויערט בײַם ראַנד פֿון פֿעלד; אַ באַיאָרטע קאָל־מיטשקע מיט שטײַפֿע האָר אונטער אַ סיצן קאָפּטיכל האָט מיט געפּלאַצטע הענט פֿאַרמישט ווייצנמעל מיט וואַסער, דאָס געקנאָטן, געוואַלגערט און אין אויפֿגעבלעזלטן, טונקעלן גערינעכץ אַרײַנגעוואָרפֿן געצופּטע פּלעצלעך, געטריבן זיי מיט אַ לאַנגן הילצערנעם קאָכלעפֿל, אַז זיי זאָלן זיך נישט צונויפֿקלעפּן אויפֿן דנאָ. ווען די זון איז אַרויף אויפֿן שפּיץ פֿון איר ברייט־אַרומגעהילטן קאָפּ, האָט זי, די קאָלמיטשקע, אַרויסגעלאָזט איבערן סטעפּ אַ הילכיקן רוף מיט אַ גלוסט אַזאַ, גלײַך זי וואָלט זיך גופֿא שוין געוואָלט אויפֿוועקן פֿון דעם לאַנגווײַל וואָס עס רופֿט אַרויס דאָס קוקן און נאָך אַ מאָל אַרײַנקוקן אינעם מוטנע געקעכטס. אָך, ווי דאָס נעפּלט אָן דעם בליק:

— אַ־אַאַאַאַ־בע־עעעעד! קו־ווווו־שאַאַאַט! [4]

אין געהער פֿון די הונגעריקע, מידע און אויסגעצערטע האָט עס זיך אָפּגעזעצט ווי אַ כאָרכל־ניגון: „צו וואָס מישטיינס געזאָגט מ׳רופֿט — אַ־אַאַ־־בעד. מיטאָג, אין זינד גערעדט!" משה יעלינען, דעם שווער־פּיסיקן ייִד מיטן לאַנגן פֿאַרקלערטן פּנים, האָט עס דווקא יאָ אַ צי געטאָן מיט חשקות.

די געדיכט־אָנגעגליטע לופֿט האָט מיט אַ מאָל זיך צעוויגט. בײַם טאָ־באַק־יעטן האָבן פֿאַרשמאַכטע הענט זשוואָווע זיך גערירט, פּיס האָבן זיך געוועקט, אָבער נישט יעדן האָט געגלוסט זיך צו דערנענטערן צום קאָפּ־טשענדיקן קעסל. זיי האָבן מיט ווידערווילן געקלערט, אַז דאָס געקעכטס איז אָנגעפּרישעט מיט צוגעזענקטן ביטערן שטרוי און מיט פּליטערלעך סאַזשע. אַ שווערער ווי אַ בוהיי האָט משה יעלין אומגעלומפּערט זיך צו־גערוקט מיט אַ גרויסער כּלי און שעמעוודיק געמורמלט:

— פּאָזשאַלויסטאָ, כאָזיאַיקאָ, נאָ פּאָבאָלשע, דאַ? [5] — און עס האָבן אויך געבעטן זײַנע אויגן.

---

[4] מיטאָג! עסן!

[5] ביטע, באַלעבאָסטע, נאָך אַ ביסל מער, יאָ?

און זי האָט געגאָסן מיטן שעפער וואָס איז געווען גרויס ווי אַ קינ־דער־קעפּל. אַ סך אָנגעגאָסן דאָס קלעפּיקע מעל־געקעכטס האָט דער בזשע־זשינער טאַנדייטער געבעטן נאָך:

— אַ, יעשטשאָ אַ טראָפּעלע... שטיל, תחנונימדיק עס אַרויסגע־בראַכט אַזוי, אַז די ערלית האָט עס פֿאַרשטאַנען.

די פּויערטע האָט געשמייכלט אין איבערדריסיקייט: ווי קען אַ מענטש אַזוי? דאָס פּנים האָט בײַ איר געגלאַנצט פֿון שווייס. דאָך האָט זי אים נאָכגעגעבן און משה פּרעסער, ווי לײַט האָבן אים שוין גערופֿן, האָט זשעד־נע, מיט אַ ברייט־צעעפֿנט מויל, אַ צעשפּרייטס אַזאָס ווי בײַ אַ פֿיש, גע־ציילט די מעכטיקע לעפֿל וואָס זי דרייט אויס אין זײַן משונהדיקער כּלי אַרײַן.

יעלין האָט דערנאָך זיך אָוועקגעשאַרט מיט צעוויגטע טריט — אַז זײַטיקע אויגן זאָלן נישט שטערן — אָנגעבויגן דעם קאָפּ צום ראַנד פֿון דער שיסל און געזופּט. ווי צו לעשן אַ שׂריפֿה האָט ער אין זיך אַרײַנגע־גאָסן ס׳געקעכטס, געטשמאָקעט מיט די ליפּן. קיין לעפֿל צום עסן האָט ער נישט געהאַט, קיין לעפֿל נישט באַדאַרפֿט, משה יעלין. די קליסקעס וואָס זענען ליימיק אָנגעזעצט אין זײַן כּלי, זענען בהלהדיק געפֿאַלן אין זײַן אינ־געווייד אַרײַן, געלייגט זיך אין אַן אָפּגרונטיקן דנאָ, פֿון וואָס ער האָט הנאה געהאַט.

די אַנדערע זענען אומגערן צוגעגאַנגען צום קעסל, ווינציקער בעלנים געוואָרן יעדן טאָג. זייער מיטאָג איז שוין באַשטאַנען נאָר אינעם דערווײַ־טערן זיך פֿון די פּלאַנטאַציעס. געהאַלטן זיך אָן אַ זײַט האָבן זיי, פֿאַר־פּלאַמטע פֿון קראַמפּנדיקן הונגער, עפּעס געזוכט אין די אייגענע קעשענעס, פֿון לאַנגווײַל געקײַעט די צונג און דערנאָך פֿון מידקייט זיך אַראָפּגעלאָזט רוען אויף אַ נאָענטן בייט. אפֿשר וועלן די בלעטער דאָך אַ ביסל קילן דעם קאָפּ, ס׳וועלן נישט האַמערן די שלייפֿן און עס וועט זיך אײַנשטילן ס׳נאָ־געניש בײַם לעפּעלע? צום געקעכטס האָט ס׳רובֿ זיך מער נישט געקענט צוזירן; זיי האָבן ליבער זיך אָפּגעמינטערט מיט אַ טראָפּן וואַסער פֿון אַ פֿלעשל, פֿון אַ בלעכל.

מ׳איז געזעסן אָנגעבויגענע און אין שוואַכקייט געלאַכט פֿון משה יע־לינען: „אים איז וויל. ער זוכט נישט קאַ׳ גליקן, אַבי אָנגעשטאָפּט דעם מאָגן. אַ נאַסטאַיאַשטשי סאָוויעטישער מענטש — וואָס מ׳קריגט, כאַפּט מען, וואָרן שפּעטער וועט אויך דאָס נישט זײַן. אַ קאַץ צי אַ אינדיק, אַלץ אײנס איז עס פֿלייש וואָס לאָזט זיך קײַען. דער עיקר — מ׳דאַרף קענען צומאַכן די אויגן דערבײַ. געשלונגען זאָל ווערן, און אַ רוח אין דער וועלט

אַרײַן. הע, יעלין?״ דער משה האָט זיי געהערט ווי ס׳פּאַראַיאָריקע שופר־בלאָזן. ער איז געווען פאַרטאָן אין דער אכילה; יעדן טאָג די זעלביקע זאַמדיקע קליסקעס אין מוטנער יושקע און אָסור צי ער האָט זיך פאַר־קרימט. חיים־הערש האָט משהן דעם טאַנדייטער געזידלט אויפן קול:

— אַ פּרעסער דאָס איז! ווען נישט דער חזיר, קיינער וואָלט נישט געגעסן, וואָלט דער קאָלכאָז געגעבן עפּעס אַנדערש. מ׳פאָלט דאָך אַוועק! שטענדיק ס׳חלשותדיקע שיטערע טייג מיטן קאַלכוואַסער. מ׳וואָלט כאָטש געגעבן אַ ביסל געשמילץ צו דעם, אַ ציבלקעלע;

— אַ פּרעסער בינ׳עך? פּרעסט׳ס נישט! אַ ברירה האָט עץ? שטאַרבן זאָלן אונדזערע שונאים — האָט משה יעלין מפסיק געווען אין מיטן שלינ־גען די קליסקעס מיטן וואַסער און אין שטוינען אַרויסגעלייגט זײַנע גרויסע אויגן־ווײַסלעכער.

— אַלע דאַרפֿן לעבן, אָבער אַרײַנעסן אין זיך מיסט? — האָט אַ גע־שריי זיך אַ ריס געטאָן און אַ פּנים, אַ צעצויגנס פון כעס אַנטקעגן אים, האָט זיך פלוצלונג צעצונדן — מיר גייען אויס און קענען עס מער נישט עסן. אָבער און ווידער אַ מאָל דאָס אייגענע מעל־אָנגעשלאָגענע שווענקעכץ!

— יעדער טוט ווי ר׳פאַרשטייט — האָט יעלין צוריקגעהאַלטן זיך פאַרענטפערט, אָבער באַלד זיך אָפּגעבייזערט — געהערט אַ געשיכטע?! וועד פרעגט ענק דעות! מחותנים מײַנע געוואָרן. צ׳ווילט נישט עסט׳ס פּעלדמײַז. סוסליקעס פאַראַן דאָ אַ סך. זיי זענען נישט נאָר געל, זיי זענען פּעט. מ׳עט כאַפּן פאַר ענק, ׳עט עץ ריישן מיט דעם ס׳געקעכטס. די היגע קוויקן זיך מיט זיי. אפשר ׳עט עס ענק אויך שמעקן. איך זאָג פאַרויס מײַן „דזשענקויע״ פאַר דעם. פאַר־שטאַ־נען? מיך לאָזטס אַרויס פון משא־ומתן!

זײַנע גראָבע ליפּן האָבן זיך פאַרקרימט, די אויגן זיך פאַרשמעלערט און ער האָט זיך אָפּגעקערט פון די „יחסנים״.

ד

חיים־הערש קאָלסקי וואָס איז דאָ געוואָרן אויס צעלייגער, ווי ער האָט עס שוין אײַנגעזען, האָט אָט אַ דערשפּירט אַז ער וועט דאָ אומקומען. ס׳אַן אָרט פאַר שטאַרבן און נישט פאַר לעבן. בלויז אַזעלכע סטעפּ־פערד ווי דער משה יעלין וועט דאָ איבערהאַלטן, ער — נישט. דער הונגער האָט אויך אים אָקערשט אַ שטויס געטאָן מיט דער פויסט וואָס איז אומברחמנותדיק. ס׳פעלד האָט מיט אַ מאָל זיך אַ וויג געטאָן אונטער אים — פון הונגער־שווינדלעניש איז ער געפאַלן אַן אוממאַכטיקער. אַ פרוי האָט אַרויסגעלאָזט אַ קוויטש וואָס איז זיך צעגאַנגען מיט אַ גרויליקייט, אַזש בײַ די לײַט

פֿון די טאַבאַק־בייטן איז אַדורך אַ סקרוך איבערן חוט־השדרה. עמעץ איז ראַפּטעם געלאָפֿן ברענגען וואַסער.

— אַ מענטש חלשט! — און אַליין זיך צעוואַקלט.

— ס׳עט אויף אַלע קומען אַזאַ סוף — האָט ווער אַרויסגעבראָכן מיט ביטערניש.

— אַוודאי, אַז מ׳שטאָפּט אונדז מיט אַזוי פֿיל גוטס, איז נישט קאַ׳ חידוש — איז אַרויס אַן אַנדער קול, וואָס האָט זיך געטויכט אינעם טונקל וואָס האָט זיך געשטעלט אַקעגן דער זון.

אַן אײַנגעקאָרטשעטער ווי אַ הויפֿן אויסגעיעטע, פּאַרוויאַנעטע טאַבאַק־בלעטער, איז ער דערנאָך געלעגן אַן אַ זײַט, דער געחלשטער קאַלסקי, און געסאָפּעט, נישט געעפֿנט די אויגן.

— ס׳דער משוגענער — האָט עמעץ דערציילט עמעצן וואָס איז געווען פֿויל זיך אויפֿצושטעלן, גיין זען הלמאי ס׳איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ גראַטשקע.

צו אָונט, ווען דער בריגאַדיר האָט אַלעמען, ווי זעלנער, אין גלײַכע רייעס, אַהיימגעפֿירט פֿון סטעפּ, האָט עמעצער געהאַלטן חיים־הערשן אונטערן אָרעם און פּאַמעלעך, אַ הינטערשטעליקן פֿון דער מחנה, געשפּאַנט מיט אים צום פֿינצטערנדיקן ליימיקן ישוב.

1953

אַ קלײנער זעלנער

א

עס איז געשטאַנען ליכטיקער זומער, ווען די דײַטשן האָבן פּלוצלינג אָנגעהויבן באַהאָגלען די שטאָט מיט פֿײַער. אומגעריכט זענען אין חלל פֿון טאָג אויפֿגעשווומען און קײַכנדיק זיך געוויקלט, געשפּרונגען צישנדיקע פֿײַערצעפּ וואָס האָבן אַלע מאָל טונקל אָנגעשטרײַפּט די ליכטשײַן. „באָמבעס!" — האָבן אויף טויט־דערשראָקענע מענטשן אַרויסגעבראַכט אין פֿיבער, מבֿולבל געשטאַמלט. פֿון די ווײַטן און פֿון די הייכן האָט די לופֿט שווער זיך אָנגעוואַלגערט אין הייסע קנוילן, זי'ט געפּלאַצט אונטער פּלאַמען, געאָטעמט מיט טשאַדיקע רויכן. דעמאָלט האָט אויך דאָווע זיך אַ ריס געטאָן פֿון זײַן אײַפֿעריקער יינגלשער פֿאַרטועקייט צווישן קליינוואַרג אין גאַס. ווי אַ לאָשעק האָט ער זיך צעפּלאָשעט, גענומען לויפֿן, לויפֿן. מיט אַ מאָל זענען אים מער נישט אָנגעגאַנגען די חבֿרימלעך מיט זייערע שפּילערײַען. ס'האָט אים געצויגן אַהיים. אין דער אומגעריכטער מהומה האָט די היים זיך אויפֿגעכאַפּט אין זײַן קינדערשן געמיט, אַ פֿלאַקער געטאָן מיט אַ זאָרגעוודיקער בענקעניש. די מאַמע איז אים געוואָרן אַ שאָד; די מאַמע איז איצטער איינע אַליין. פֿאַר דער מאַמעס וועגן האָט זיך אין דעם יינגל מיט אַ מאָל זיך צעקלאָגט דאָס גאַנצע לײַב און לעבן. ער האָט אַזש אויפֿגעציטערט: זי זאָל נאָר נישט אַרויסגיין פֿון שטוב אין דער אַ צערודערונג, — האָט אין יונגינקן דאָווען פּלוצלינג אויפֿגעטויכט אַן „אַלט געמיט" — זי קען ערשט נאָך גיין אים זוכן — — דער טאַטע דערמאָנט דאָך אַלע מאָל דער מאַמינקעס אַליינקייט. דער טאַטע איז ווײַט, גאָר ווײַט פֿון דער היים. אין דער שטאָט סומאַ איז דער פּאַפּאַ. ער'ט געשריבן אַז די נשמה טוט אים וויי פֿאַר דער מאַמען למאַי זי איז געבליבן אַן אַליינינקע מיט קליינע קינדער. ס'איז געווען אַזאַ פֿײַנלעכער אויגנבליק, ווען דער יונגינקער דאָווע האָט אַ קלער געטאָן פֿונעם טאַטישן סאָלדאַטישן בריוו. אין סאַמע מיטן לויפֿן האָט ער דעמאָלט „דערזען" די מאַמע אַ טרויעריקע, אַ העשנדיקע מיטן פּיצל שוועסטערל אויף די הענט; ער'ט ממש פֿאַרנומען דער מאַמעס רייד, וואָס האָבן אים געדושעט אין האַלדז:

„וואָס טו איך? וואָס וועל איך ערשט טאָן אין דער וואַקסנדיקער מהומה!! וויי, ווי דאָס יינגעלע האָרכט נישט!"

נייִק, ער וועט שוין נישט זײַן שלעכט צו דער מאַמינקע. אימפּעטיק לויפט דאָס ייִנגל אַהיים, אָבער דער מאַמעס טרערן הערן נישט אויף צו ברײַען. אין דעם אָקערשט אָפּגעניכטערטן שטיפער האָט אויף אַ מאָל ווי אַ פּלעמל אויפגעצוקט אַ כמורער געפּיל: דער פאַרשאָלטענער היטלער! רק ער הרגעט די אונדזעריקע. ווי אַ ווילדע חיה איז ער אַרויס פון וואַלד. אוך, אַזוי פיל בלוט האָט שוין אַ שפּריץ געטאָן! דעם קלייניקנס געדאַנק האָט זיך ראַפּטעם אויסגעמישט מיטן טאַטנס קול וואָס האָט ערשט אין אים אָפּגעברומט אין געהער. דעם ייִנגל האָט דערויף באַנג געטאָן הלמאַי דער פאַפּאַ איז אַוועקגעטריבן געוואָרן פון שטוב.

דאָוועט האָט עס אָט־אָ געטראָגן ווי אויף ברענענדיקע פליגל. נאָך יעדן העפּטיקן געקנויל פון אויפרײַסן וואָס האָבן עפּטערס זיך צעקנײַקלט איבער דער לופט, ווילד געוואָרפן פײַערדיקע שאַרבוינעס, איז באַלד אָנ־געשטאַנען אַ מוראדיקע שטילקייט, אָן אָנגעלאָדענע מיט אַ נײַער דראָונג. אין זײַן דמיון האָט דאָס ייִנגל הייס זיך אַ טוליע געטאָן צו דער היימישער שטוב: „מאַמינקע! כ׳על שוין זײַן מיט דיר. כ׳וועל מער נישט אַרויסגיין צו די פאַצאַנעס!“

ווי קיין מאָל נישט ביז אַהער, איז די מאַמע אים געוואָרן אַזוי טײַער. איר באַשטענדיק געוויין אויף דער פײַנלעכער אַליינקייט, האָט אין דעם דאַרינקן ייִנגל אָנגעריסן אַ פּלוצלינגער ווייטיק ווי פון אַן אייטערנדיקן געשוויר. אויף אַ ווײַלע זיך אָפּגעשטעלט, אַרומגעקוקט, און ווידער גע־לאָפן דורך רויך און יללה וואָס האָט זיך צונויפגעמישט אין דעם אויגב־רײַסנדיקן בעקן פון זוניקן טאָג, וועלכער האָט אָקערשט געשטראָמט פונעם טײַך.

אַ פאַרסאָפּעטער דערלאָפן צו דער היים האָט דאָווע נישט געטראָפן די מאַמינקע. די שטוב איז געווען פאַרמאַכט אויפן שלאָס. פון איר אינע־ווייניקדיקייט האָט ער אין זײַן מיטאַמאַליקן גלי אַרויסגעהערט אַ געוויין ווי פון אַ פויגל וואָס דער פראָסט האָט אומגעריכט אײַנגעפרוירן זײַן נעסט און ס׳איז נישט קיין אופן פון אים אַרויסצופליען. מחמת דעם האָט דעם ייִנגל שרעקיק דערדריקט דער ווײ: ווו זשע גיין אַצינד? וואָס טאָן! פאַר דאָווען, דעם פיצל אָפּגעניכטערטן ייִנגעלע, איז געוואָרן אויס מיט דער היים. דער טשאַד פונעם צעטאָרעטן דרויסן און דער אָכצנדיקער אינעווײ־ניק פון דער שטוב האָט אים צעטומלט. דערפאַר שטאַרקער געשפּירט דעם אומגעריכטן שלאָג, וואָס ער׳ט געקראָגן איבערן גאַנציטשקן לײַב. דער־פון האָט דאָווע נאָר אויף רגעס זיך אַ קאָרטשע געטאָן. באַלד האָט אין אים זיך צעפלאַמט אַ מין צאָרן ווי אין אַ יונג וועלפל וואָס איז אומדער־

וואָרט בײַ צײַטנס גרויס געוואָרן און, ווילד. אלא דאָס ייִנגל האָט דעם אָרום אָט אָ דערשפּירט אָ מאָדנע געענדערטן. דער דרויסן האָט ערשט אויף אים געקוקט חידושלעך און ער׳ט גענומען גיין מער פּאַוואָליע, ווי ער וואָלט מורא געקראָגן פֿאַר אַלץ וואָס ער האָט געזען. ער האָט געשטעלט די טריט מיט געהיטקייט, אָבער מיט פֿאַרקלעמטע ציינער. אַ ביסעלע שפּעטער האָט עס פֿון אים, שוין אַ דערציטערטן, כּמעט אַרויסגעשריגן מיט אײַנגעהאַלטנקייט גלײַך ער וואָלט געהאַט פֿאַר זיך דעם שונא:

„איכ׳ל אויך גיין הרגענען היטלערן! איכ׳ל דערווערגן די שלאַנג!“

אַזוי, מיט פֿאַרביסנקייט, פֿלעגט ער הערן רעדן די דערוואַקסענע. אַצינד האָט שוין ציינקריצעניש אַרויסגעפּראַלט פֿון דעם קלייניקן דאָווע. דאָס האָט אים געבוריט די געדערעם, ממש צעפּלאָמט זײַן שאַרבן. לסוף האָט דאָווע זיך אַ ריס געגעבן צו די אומבאַקאַנטע ערגעצן, וועלכע האָבן אים בלינד אַנגעלאָקט.

פֿון ס׳נײַ איז דאָס ייִנגל געלאָפֿן, אלא אין דער היים האָט די מוטער שיער זיך אַ מעשׂה אָנגעטאָן: „כאָטש פֿליק אַרויס פֿון זיך דאָס האַרץ. דאָוועלען איז אין ערגעץ נישט צו געפֿינען. ווײ מיר, ווו איז דאָס ייִנגעלע אַהינגעקומען?! דאָוועלע מײַנער, ענטפֿער דער מאַמען! הערסט דען נישט מײַן רופֿן דיך: דאָוועלע טײַערער, קום אַהיים צו דער מאַמען?“

פֿון אומזיסטיקן אַרומזוכן דאָס ייִנגעלע האָט די מוטער, גאָר אַ צע־טראָגענע, אַזש די אויגן זענען איר אַרויסגעקראָכן פֿון זייערע נעסטן און זי האָט „גערעדט פֿון וועג“. זי׳ט גערעדט צו זיך אויפֿן קול:

אין דרויסן איז אַזאַ בהלה, סע פֿאַלן קרבנות אין מענטשן, אין שטור־ביקע באַשעפֿענישן, הינט, קעץ, אַפֿילו קי. אויך מויערן זענען שוין אײַנ־געשאָטן געוואָרן און פֿלאַמען הערן נישט אויף שפּאַרן פֿון אַלע זײַטן, זיי ברעכן אַרויס מיט צעפּ פֿונקען, אַזש ס׳כאַפּט אָן אַן אימה דאָס צו זען.

דעכער פֿלאַקערן ווי אונטערגעצונדן שטרוי.

אַן אַנגסטלעך צענומענע, איז די פּרוי פֿון מידקייט שוין געפֿאַלן פֿון די פֿיס. ווו נאָר אַ חורבה נאָך אַן עראָפּלאַן־אָנפֿלי ווו ס׳האָט זיך געוואַל־גערט אַ הויפֿן אָפּגעזענקטע ציגל, ס׳האָט זיך גערייכערט־געפֿלעמלט אַ שׂריפֿה, האָט זיך באַוויזן דאָוועס צעשראָקענע מאַמע. אַ ווער ווייסט וואָס ס׳געשען! — האָט זי זיך שוין געקנײַפּט די באַקן. צווישן דעם גרוז פֿון אײַנגעזונקענע הײַזער, האָבן זיך געוואַלגערט צענעריקטע מענטשן; אין קויט זענען געלעגן אָפּגעריסענע, מענטשלעכע קעפּ, צעשאָסענע פֿערד, קעץ. אין אייגענעם אײַנגעטריקנטן בלוט ליגן דאָ און דאָרט אויך אָפּגעוואָר־פֿענע מענטשישע הענט און פֿיס. דעם מאַוזמדיק צעראָיעטן בית־עולם אין

דעם אַ דרויסן האָט דאָוועלעס מאַמע מבֿולבּל דורכגעשליײַכט מיט אַ פּאָר־קילט האַרץ.

„געגאַנגען זיך ראַטעווען, — האָט איר ברוסט שטום געקלאָגט — באָמבעס האָבן מיך געשראָקן״, און אימה האָט בײַ נײַס איר אַ דושע געטאָן. זי׳ט אין זיך אַרײַנגעוויינט: „גאָט ווייסט, וואָס מיט דאָוועלען איז געשען!״ אָבער פֿון דעם פֿערצן־יאָריקן דאָוועלען איז די לײַבלעכע מאַמע שוין געווען ווײַט־ווײַט אַקוראַט ר׳וואָלט זיך פֿאַרגעסן און אַוועקגעבלאָנדזשעט בעת זײַנער אַ פֿאַרשפּילטקייט אין מיטן פֿון קליינוואַרג. אַחוץ דעם נײַ־דערוועקטן באַגער „צו גיין זיך שלאָגן״, איז אין אמתן יעדער געפֿיל געוואָרן פֿרעמד דעם יינגל. ווי אַ שטיק זשאַר איז ער מיט צעפּיבערטע אויגן שוין געשטאַנען אין שטאַבצימער פֿון 29סטן מיליטערישן טייל, וואָס סטאַציאָנירט ערגעץ אין אַ דאָרף; פֿאַרטראָגן אין זיך, האָט דער קלייניקער דאָווע זיך געבעטן בײַם קאָמאַנדיר:

— חבֿר קאָמאַנדיר, איך וויל גיין הרגענען די היטלעריסטן!

אָנגעקוקט דאָס שמאָל־פּנימדיקע יינגל אין זײַן גאָרער צערודערטקייט, האָט דער עלטערער אָפֿיציר נישט געוואָלט הערן וואָס אַזוינער רעדט. אַ פֿאַרטועגער, האָט דער פּאָלקאָווניק גראָד עפּעס געענטפֿערט אַ מיליטערישן אויף אַ פֿראַגע, אויף וואָס יענער האָט געהאָט געוואָרט. גערעדט צו יענעם האָט דער קאָמאַנדיר איינצײַטיק געשמייכלט און דאָס פּנים געווענדט אין דער זײַט פֿונעם יינגל:

— זע נאָר דעם שלאַכטמאַן! ד׳סט מילחמה האַלטן מיטן שונא פֿון פֿאָ־טערלאַנד? שיין, שיין פֿון דײַן זײַט בחורל. אָבער דערווײַל וועסטו אַהיים־גיין זייגן!

געקוקט אויפֿן יינגל מיט דורכויסיקן שפּאָט, האָט דער פּאָלקאָווניק באַלד זיך אַ כאַפּ געטאָן אויף אַן ערנסט און שוין האַרטער געקוקט אויפֿן אומגעריכטן יונגינקן גאַסט:

— ווער האָט דיך אַזוי קלוג געמאַכט, אַז זאָלסט גיין פֿאָדערן אַ ביקס פֿון אַ סאָוועטישן סאָלדאַט!? מילחמה איז פֿאַר מאַנצבילן, נישט פֿאַר יינגלעך וואָס האָבן נאָך ניט קיין וואָנצעס...

אויף רגעס האָט ער זיך נאָך פֿאַרקוקט אויפֿן יינגל, אָבער באַלד אַ פֿאַרטראַכטער ווידער גערעדט צום פּיצל מענטשל: — הער זשע, קלייניקער: מיינסט, אַז וועסט טאַקע קענען אונטערשטעלן אַ פּלייצע ווען מ׳וועט דאַרפֿן אַרויסשלעפּן אַ האַרמאַט פֿון זומפּ? אין מילחמה קען אַלץ טרעפֿן. לאָמיר דיר זאָגן קורץ: פֿאַרנעם זיך שוין פֿון דאַנען! גיי אַהיים, — האָט

דער פּאָלקאָווניק שוין געזאָגט מיט אַ ניכטערנעם טאָן — באַדאַרפֿסט זײַן מיט דער מאַמען, אויב די שול אַרבעט נישט אַקוראַט.

אָבער דאָווע איז געבליבן פֿאַרעקשנט: ער וועט נישט אַוועקגיין, האָט ער אָפּגעמאַכט בײַ זיך. און בײַ נײַס געלאָזט זיך הערן:

„ער האָט נישט וואָהין צו גיין", — האָט ער אין מיטן דערינען צו־געטראַכט אַ תּירוץ. זײַן פּאַפּאַ איז אויך אין דער אַרמיי. ער שלאָגט די פֿאַשיסטן, — האָט ער אַפּילו שוין געפּרוווט זיך גרייסן מיטן טאַטן, וואָרן אַזוינס קען אים דאָ אפֿשר אַרויסהעלפֿן. „וועל איך קומען אויפֿן פֿראָנט, — האָט דאָווע בעת־מעשׂה געקלערט — וועט ער געוויס דערגיין צום טאַטן. ער'ט זיך דערפֿרעגן צו די טאַנקיסטן".

— מײַן פּאַפּאַ איז אַ מאַיאָר, — האָט ער שוין צוגעגעבן כּמעט אין געוויין.

אלא דער פּאָלקאָווניק איז געווען האַרטלעך. אָפּגעפּטרט דאָס אויס־טערלישע יינגל, האָט ער זיך צוריקגעקערט צו זײַנע אייגנטלעכע עסקים. דאָס יינגל איז אָבער געבליבן וואַרטן. די מיליטערישע וואָס זענען גראָד געווען דערבײַ, האָבן זיך גענומען צום האַרץ דעם קליינינקנס טענה וואָס האָט גערעדט דווקא צו זייער געוויסן: „דער פּאַפּאַ איז אויפֿן פֿראָנט, די מאַמע איז ערגעץ אַוועק און די שטוב האָט אַוועקגעטראָגן דאָס פֿײַער פֿון אַ באָמבע", — האָט דאָווע נישט אויפֿגעהערט איבערצוחזרן. די אַרומ־שטייענדיקע האָבן דאָס פֿאַרנומען מיט בפּירושן רחמנות: „נאָך אַ ברעקל און שוין דערשפּירט דעם טעם פֿון טיפֿן עלנט!"

— חבֿר קאָמאַנדיר, — האָבן זיי זיך שוין אײַנגעשטעלט פֿאַרן קליי־נעם גאַסט — דער איז אַ יינגל ווי ערשט פֿון דער מאַמעס ברוסט אַוועק; ס'איז אַ שרעק וואָס מיט אַזוינס קען געשען אויב מ'וועט איצטער דאָס אַרויסלאָזן. ר'איז ווי אַן אַרומגעצופּטער פֿויגל. ער'ט נישט וואָהין צו גיין. מ'באַדאַרף נאָכגעבן אַזאַ... מירן אים האַלטן ווי אַ, אַ, אַ זונעלע. טייל האָבן אַפּילו אַרויסגעשטאַמלט: „מירן געלאָזן אין דער היים אַזעלכע, איז ווער ווייסט וואָס ס'איז שוין געוואָרן מיט זיי, אויב דער אומרייננער איז באַפֿאַלן אונדזער קאָלכאָז. מירן דאָס יינגל האַלטן ווי אַ זונעלע, ווי אַן אייגנס. אויב ער וויל אַזוי שטאַרק — רופֿט אים דערצו דאָס האַרץ. לאָזט אים, חבֿר קאָמאַנדיר. מיר בעטן אײַך. זאָגט, חבֿרים, אז כ'רעד אויך פֿאַר אײַערט וועגן.

— מיר טאָרן דאָס נישט, — האָט דער פּאָלקאָווניק זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן די אַרמייצעס, כאָטש אויך ער האָט זיך שוין צעקווענקלט בנוגע דעם גורל פֿון דעם פֿאַרבלאָנדזשעטן יינגל.

— וואָס, אַ קינדערהיים איז בײַ אונדז? פֿאַרקערט, קליינוואָרג פֿאַר־היט מען פֿון מילחמה! — האָט פֿון אים זיך שוין אַ ריס געטאָן אַ כּעס.

— אַזאַ שנעק אַרײַננעמען אין אַ מיליטערישער אײנהײט, איז אַן אומ־פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט. עס גילט קריגסגעזעץ! ערשט גיט אַ טראַכט, סאָלדאַטן, ווער ס׳קען נעמען אויף זיך די אַחריות פֿאַר אַ יונגינקן לעבן, וואָס דאַרף נאָך גערײַען אין היימישער וואַרעמקייט. מ׳טאָר נישט, סאָל־דאַטן! און האָסטיק זיך דערנענטערט צום ייִנגלס פֿירשפּרעכערס; פֿון ס׳נײַ האָט ער ערנסט זיך צעטענהט, אָבער שוין אין אַ געענדערטן טאָן:

— איר אַלע רעדט גוט, בראַוואָ, חבֿרים, אָבער ווער קאָן נעמען אויף זיך אַזוינס? ס׳איז אַזאַ צײַט! איך — קאָן נישט נעמען אויף זיך אַזאַ אַחריות. דאָס האָט דער פֿאָלקאָווניק אַ זאָג געטאָן מיט ענערגיע און צוריק געטראָטן אויף אַ פּאָר שריט. אַלאָ דעם קאָמאַנדיר האָט נאָכ־באַגלייט אַ אַ ביסל צעוואַקלט קול וואָס האָט קענטיק זיך אָנגענומען מיט אַ ציטערדיקער דרייסטקייט:

— איך, חבֿר פֿאָלקאָווניק, וואָלט גענומען אויף זיך צו היטן דעם אָ אין אַלע פֿאָלאָזשעניעס.

— איך נישט ווינציקער, חבֿר קאָמאַנדיר, — איז אויף די רייד פֿונעם לעצטן וואָס האָט אַרויסגעוויזן קוראַזש, געקומען אויך אַן אַנדערער און אַ דריטער. דערויף איז דער פֿאָלקאָווניק שוין געוואָרן ווייכער, אָבער ר׳האָט נישט געקענט זיך שענקען זײַן אומגעריכטע שלאַבעריקייט. ער׳ט ווידער זיך צעטענהט:

— איז די מוטער נישטאָ, וועלן ציווילע אינסטאַנצן זיך פֿאַרנעמען מיט אַזאַ. באַנעמט, חבֿרים־אַרמייצעס, דער איז נאָך אַ קינד. טאָ ווי אַזוי? ...

קלאָר, צום קלייניקן זעלנער־קאַנדידאַט זענען די אַלע טענות נישט דערגאַנגען. דער קליינער דאָווע האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט — „ער גייט נישט" האָט ער אָפּגעמאַכט מיט זיך. אַלע מעגן זאָגן וואָס זיי גלוסט זיך, אַפֿילו דער קאָמאַנדיר — גלײַך נישט צו אים האָט גע־רעדט דער פֿאַראַנטוואָרטלעכער פֿאַר דער אַרמיי־אײנהײט, וועלכע שטייט ערגעץ אין שלאַכט־גרייטקייט. אַוודאי, שוין דאָ, אין פֿעלד, ברומט אָפּ פֿון מאָל צו מאָל דאָס צעשטשירעטע קול פֿון אויפֿרײַסנדיקע קאַנאָנאַדעס. דער פֿאָלקאָווניק האָט דעמאָלט מיט זײַן בינטל פֿינגער אָנגענומען דאָוועס קין און גערעדט צו אים באַזאַכט, רויִק:

— קלייניקער, ביסט האַרטנעקיק, זע איך. דער מאַמען קענסטו מיט דײַן אַנטלויפֿן, אָנטאָן גרויסע צרות. גיי ליבערשט אַהיים... ענט־

פֿערסט נישט, האַ? רייד, טשוטשעלאַ! האַרך! — האָט דער קאָמאַנדיר מיט דער פֿויסט אים אַצינד אויפֿגעהויבן די אַראָפּגעלאָזטע גאָמבע — ווייסטו כאָטש אַז ביי אונדז וועסטו נישט זײַן קיין טאַנקיסט?

דעם קאָמאַנדיר האָט אַלץ נישט נאָכגעלאָזט די ניכטערקייט, כאָטש זײַן אָנגעגאָסענער בליק האָט גראָד אַ מילדן שפּיל געטאָן, מחמת ער'ט זיך אײַנגעקוקט אינעם פֿאַרקשנטן קלייניקן גאַסט.

— וועל איך זײַן אַ פֿוסגייער, — האָט דאָווע ווידער נישט געהאָט וואָהין צו טאָן די אויגן.

— און ביי אונדז ווערט מע נישט באַלד אַ מאַיאָר, ליבינקער! — איז דער קאָמאַנדיר נישט אָפּגעטראָטן פֿון אים. ער האָט קענטיק געוואָלט אויספּרוּוון דעם יינגלס פֿעסטקייט.

— איך וויל זײַן אַ פּראָסטינקער סאָלדאַט.

— המם, — האָט דער קאָמאַנדיר זיך שוין געפֿילט אומהיימלעך פֿון דעם קלייניקנס צודרינגלעכקייט. — וואָס מיינסטו, — ס'איז אַזאַ גרינגע זאַך, די סלוזשבע? מע שלעפּט זיך איבער שטויביקע וועגן, נישטאָ קיין שלאָף פֿאַרן סאָלדאַט. אַ סאָלדאַט, אַפֿילו אַ שלעפּעריקער, גייט פּריאַמאָ אין פֿײַער אַרײַן אַנטקעגן דעם שונאס פֿײַערפֿלאַקערס.

דאָ האָט דער עלטסטער אָפֿיציר שוין געלאַכט מיט די אויגנווינקלען. זײַן גרויסע האַנט האָט ער לײַכט אַרויפֿגעלייגט אויפֿן יינגלס שמאָלן, דין־ציטערנדיקן אַקסל. דאָווע האָט אַ פֿאַרלוירענער אויסגעשוויגן זײַן ענטפֿער. ער האָט גאָר, נאָכן לענגערן פֿאַרהאַלטן זיך פֿונעם פּאָלקאָווניק, קורץ אַרויסגעבראַכט זײַן אומדרייסטן זאָג:

— איך ווייס דאָס, חבֿר קאָמאַנדיר.

— אָבער זאָלסט פֿאָלגן, — האָט דער פּאָלקאָווניק אַ פּנים שווער זיך אַרויסגעריסן פֿון זײַן קווענקלעניש — זאָלסט נישט וועלן זײַן נײַגיריק ווען מ'וועט דיך הייסן פֿאַרגראָבן דעם קאָפּ אין דער פֿינצטער פֿון טראַנשיי. סאָלדאַטן ליגן אין אָקאָפּעס, ווען מע פֿאַרטיידיקט אַ פּאָזיציע. אין סלוזשבע מוז מען אויספֿירן אַלע באַפֿעלן. אין סאָלדאַטן שפּילט מע זיך נישט, יינגל: מ'הייסט גיין, גייט מען אַפֿילו ביזן האַלדז אין זומפּ, און אַז מ'דאַרף לויפֿן, לויפֿט מען אַפֿילו ווען סע רעגנט מיט פֿײַער; מ'לויפֿט און צו מאָל פֿאַלט מען.

— כ'וועל פֿאָלגן אַלץ, — האָט דער קלייניקער שוין געענטפֿערט מיט אַ קוים אָפּבראָמענדיקן קול. ערשט איז ער געוואָרן אומעטיק אין זײַן ציטעריקן חשק אַ פֿלי צו טאָן אַנטקעגן דער צעבלענדטער פֿאַנטאַזיע, וועלכע האָט אים דערפֿירט אַהער צו, הינטער דעם וואַכן שלאַכטפֿעלד.

דאָווע האָט אין תוך אויפֿגעלויכטן, ווען ער האָט דערהערט אַז ער קען בלײַבן אין אָט דער מיליטערישער פֿאָרמאַציע. ער ווערט אַ סאָל־דאַט. ער׳ט קריגן אַ ביקס, האָבן אַ פּיסטויל, ר׳וועט שיסן; מ׳וועט אים לערנען שיסן, שלאָגן דעם פֿאַשיסט.

„ביסט אַ כוואַט, דאָווע״, — האָבן לײַט שטיפֿעריש אים שוין אונ־טערגעמינטערט. אַ באַיאָרנטער סאָלדאַט האָט אים אַ גלעט געטאָן איבער דער באַק: — „מירן זײַן חבֿר!״

ס׳האָט נישט לאַנג גענומען און עס זענען אָנגעשטאַנען טעג פֿון זעלנערישע טועכצן. אָנגעטאָן אין אַ ביסל ברייטלעכן מונדיר און גראָבע שטיוול איז דאָווע געגאַנגען אין שליחותן פֿאַרן שטאַב, גלײַכגעבעט דאָס געלעגער, געריייניקט דאָס מאָלדאַטסקע קעסעלע, געהערט פּאָליט־אינפֿאָר־מאַציע, אויך געשפּאַנט אין מאַרש־רייען צוזאַמען מיט זײַן ראָטע.

וואָס אַן אמת: אין אָנהייב איז דעם יינגלשן זעלנער אַלץ פֿירגעקור־מען פֿריקרע. עפּעס האָט ער זיך נישט גאָר גוט געפֿונען צווישן דער חבֿרותא וואַנציקע, שווערפֿיסיקע סאָלדאַטן. יענע האָבן פּעסט געשפּרײַזט אין לאַנגע קאָלאָנעס און האָבן געזונגען — ער׳ט מיטגעשפּאַנט, מיטגעזונ־גען, נאָר ער איז זיך אַליין נישט געפֿעלן געוואָרן. אין דער ליידיקער צײַט האָט דאָווע צווישן אַלעמען זיך געבאַמבלט אַן איבעריקער; נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך. יענע האָבן דעמאָלט רק געשריבן בריוו צו אייגענע און געשמועסט וועגן די וואָס זענען געבליבן ערגעץ ווײַט אין דער היים. דאָווע האָט נישט געשריבן קיין בריוו, נישט גערעדט מיט קיינעם, כאָטש לײַט האָבן אים צוגערופֿן, געוואָלט אים האָבן ווי אַ יונגינקן חבֿרל, כאָטש ר׳איז נאָך קליין און מיזערנע אין אויסזען. אַנ־דערע האָבן אים געבעטן אַפֿילו מיטעסן די גוטע ביסנס, וואָס האָבן זיך נאָך פֿאַרהיט אין זייערע היימישע טאָרבעס.

אין דער ווײַס־געקאַלכטער דאָרפֿישער צוזאַמענוווינונג, דער קאַזאַר־מע, האָט אומגעריכט פֿאַרשמעקט מיט קאָלכאָז, מיט שלאָגנדיקן קוואַל און זויערלעכן שטאַל־ריח. סאָלדאַטן וואָס האָבן אַליין נישט געשריבן בריוו אַהיים־צו, האָבן געלאָזט אַז אַן אַנדערער זאָל פֿאַר זיי שרײַבן. אויס־געצויגן זיך אויף דער נאַרע האָט אַזעלכער אַזוי ווי זיך פֿאַרטרויט פֿאַר אַ נאָענטן — שטיל אַרײַנגערעדט אין אַן אויסגעבויגענער פּלייצע פֿון אַ געלערנטן חבֿר, וועלכער האָט מיט דער האַנט געפֿירט אַ בלײַער איבער אַ בלעטל פּאַפּיר. דער קאָלכאָזנער סאָלדאַט האָט שטיל אַרײַנגערעדט אין יענעם; דער האָט געטינטלט און אַלע מאָל זיך אויסגעדרייט צום שכן.

— שוין אויפֿגעשריבן! — האָט אַזאַ געפֿרעגט דעם מיט דער אָנ־געבוינעגער פּליִצע.

— דערלאַנג זשע ווײַטער!

— וואָס האָסטו געשריבן, גאַווריִלאַ?

„דאָ איז אַ לעבן אַ צוזאַמענדיקס, סי שטיל, סי גוט און מען עסט גוט. מיר לערנען זיך נאָך די זאַכן פֿון שלאָגן דעם צעפּוילטן פֿײַנד. מע דערוואַרט אין גיכן אָפּגעשיקט צו ווערן אויפֿן פֿראָנט. פֿון דאַנען גייט מען אַוועק גלײַך צום שלאַכטפֿעלד ווו מע דערלאַנגט קלעפּ דעם פֿאַר־שאָלטענעם טײַוול, ר׳זאָל געדענקען מער זיך נישט צו פֿאַרמעסטן מיט די אונדזעריקע. אין אמתן, קאַטערינע ליבינקע, ווילט זיך שוין ממיתן די פֿאַרריסענע גערמאַנצעס".

— נו, נאָך עפּעס צוגעבן? — בורטשעט שוין די אויסגעקײַלעכיקטע פּליִצע פֿונעם ליגנדיקן בריוושרײַבער.

— ס׳וועט גענוג זײַן פֿאַר דעם מאָל, גאַווריִלאַ. גיב נאָך אַ צי מיטן פענדל פֿאַר שטאַרקע ווינטשענישן פֿון פּיאָטער אַלעקסאַנדראָוויטשן פֿאַר דער געשעצטער קאַטיושאַ מיט די אַלטע לײַט און קושן פֿאַר וואָלאָדישקן און אָלעגן פֿון דעם פּאַפּאַשאַ.

— סאָגלאַסנאָ[1]) מיט דיר, בראַטאַק. מ׳באַדאַרף רעכט גריסן די איי־גענע. דער בריוו־שרײַבער האָט צום סוף זיך אויפֿגעשטעלט, אַ צי געטאָן דעם פֿרײַנד פּיאָטער אַלעקסאַנדראָוויטשן בײַ דער האַנט און דערלאַנגט אים דעם בלײַער:

— נעם, ברודערקע, און התמע אונטער דעם ליסטאָק.[2])

פּיאָטער האָט אַ לאַנגע רגע זיך צעפּינטלט מיט די אויגן, אַראָפּ־געצויגן אויף אַראָפּ די שפּיצן פֿון זײַנע וואָנצעס, זיך צוגענייגט צום אָנגעווירעטן פֿאַרפֿלעקטן פּאַפּיר און מיט שווערער האַנט אונטן אָנגע־וואָרפֿן אַ לעצט שורהלע מיט קורצגעהאַקטע פּאַסיקלעך מיט קײַקעלעך. דערויף האָט ער טיף אָפּגעאָטעמט:

— פֿאַרטיק! געזאָגט דאָס דעם גוטן חבֿר וואָס האָט פֿאַר אים אָפּ־געטערכנט דעם ליסטאָק צו די היימישע. דער בעל־דבֿר האָט נאָך געווישט דעם דערשוויצטן שטערן און מיט אַ מאָל זיך פֿאַרקוקט אין אַ ווײַטלעכן פּינטל.

אויך דער יונגינקער סאָלדאַט האָט געטאַמלט עפּעס צו טאָן אַז עס זאָל אים נישט מאַטערן דאָס טראַכטן פֿון דער מאַמען מיטן שוועסטערל.

---

[1]) מסכים (רוסיש).
[2]) בריוול (רוסיש).

אויך פֿון פּאַפּאַ, האָט ער אָפּט געטראַכט, ווו ער קאָן זײַן אַצינד, צי ער האָט גליקלעך זיך געשלאָגן קעגן דעם פֿאַשיזם. אפֿשר אויך שרײַבן אַהיים צו? דאָוועס בליק האָט זיך אײַנגעגעסן אינעם שכן פֿון דער נאַרע און נישט ווײסנדיק פֿאַר וואָס, אים מקנא געווען.

דאָס ייִנגל אין זעלנערישן אַנטועכץ איז ווידער געוואָרן עפּעס צעטומלט, פֿון ס׳נײַ אַרײַנגעפֿאַלן אין טראַכטעניש: דער טאַטע...! די מאַמינקע, ווו קאָן זי זײַן? רק זי ווײנט. אַ ליאַדע וואָס צעקלאָגט זי זיך. וואָס איז ס׳געווײן דער מאַמינקעס? דער פּאַפּאַ איז אַ העלדישער אָפֿיציר, ער פֿירט זײַן בריגאַדע אַרטילעריסטן אין פֿאַרמעסט מיטן פֿאַשיסט, דעם מערזאַוויעץ [3]. סוף־סוף האָט דאָווע זיך נישט געקענט דערטראַכטן צו עפּעס קלאָרס. נאָר אַ נערוועזע ציטערניש האָט זיך פֿון אים אַ ריס געטאָן קעגן זיך גופֿא, הלמאַי ער שפּירט אַן אימה פֿאַר עפּעס אומבאַשטימטס: „אַ דאגה דיר! אין מילחמה ווערט מען אַ העלד בײַם שלאָגן דעם געגנער. אומזיסט זיך אַרײַנגענומען אַ מורא אין קאָפּ!" דאָס האָט ער זיך אַליין געמוסרט און אין אומרו גענומען זוכן אַן עפּעס, אויף וואָס ער זאָל זיך אָפּשטעלן מיטן געדאַנק. דאָס אײנציקע וואָס האָט דעם ייִנגלשן סאָלדאַט סײַ געפֿרײט סײַ אומעטיק געמאַכט, איז געווען די ביקס. אין תחילת פֿלעגט ער מיט פּחד זיך אָפּרוקן אַן אַ זײַט ווען ער׳ט דערשפּירט די ביקס אין זײַן נאָענט. געמיינט — אָט שיסט זי אויס! ר׳האָט געפֿלאַטערט פֿאַר איר בייזער קראַפֿט. אָבער פּאַוואָליע האָט ער זיך צו איר דערנענטערט, מיט געהיטנקייט זי אָנגערירט. דאָס שלאָס בריט, האָט זיך אים אויסגעדאַכט. מיט אומזיכערע פֿינגער געפּרוווט אַ טאַפּ געבן דעם מאַגאַזין־גאַרטל, זיך אײַנגעקוקט אינעם שטאָם פֿון דער ביקס, וואָס איז אײַנגעפֿעסטיקט אין שטאָלענע רײַפֿלעך. דאָס געוועער האָט פֿון דעסטוועגן דעם קליינעם זעלנער פֿאַרכאַפּט. עפּעס געהיימנישפֿולס לאָקט פֿון דעם: דאָס סודותדיקע געפֿינט זיך אין דעם מעכאַניזם וואָס קוקט אַרויס שאַרפֿאויגיק פֿון זײַן טיף. שפּעטער האָט ער שוין נישט געקענט זיך אָפּרײַסן פֿון דער ביקס. אין געציילטע טעג האָט ער דערלערנט דעם מהות פֿון דעם געווער, פֿון זײַן קראַפֿט און ווײַט־שיסן.

אײַנגעגלידערט אין אַ סובטייל פֿון דער ראָטע, האָט דאָווע, באַוועגנדיק זיך איבער אַ פֿעלד, צו גלײַך מיט אַנדערע סאָלדאַטן מיט דער ביקס זיך אויסגעשטרעקט אויף פֿאָרויס; אַנידערגעקניט אויף איין פֿוס, באַלד זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד, די ביקס אָנגעשפּאַרט אָנעם

---

[3] מנוול (רוסיש).

אָקסל, און אָנגעשפּאַנט דאָס רעכטע אויג און געצילט אין אַ ווײַטלעכן ספּיראַל. ווי אַ פֿאַרצאַפּלטע גרויסע שפּין העַנגט דער ספּיראַל אויף אַן אומזעעוודיקן פֿאָדעם אַנטקעגן דער זונשײַן. אָט גיט ער אַ דריק אויפֿן צינגל פֿונעם ביקסשלאָס, דערשפּירט אין דער ברוסט אַ שאַרפֿן ברי, אויך אַ ציטער אין דער שלייף און דער סאָלדאַט דאָווע האָט דערשפּירט אַ דערלײַכטערונג: ער׳ט אויסגעשאָסן. אויף אַ קאָמאַנדע־רוף האָט ער דערנאָך אימפּעטיק זיך אויפֿגעשטעלט. דער ברייטער גרינער שטח האָט זיך בײַנאַנד מיט אים אויפֿגעכאַפּט ווי פֿון אַ מאָדנעם רויש און צו גלײַך מיט דעם האָט ער אַ שפּרונג געטאָן; די ביקס געהאַלטן „אויף דער וואָג״ פֿון דער האַנט און, שוין לויפֿנדיק צוגעקומען צום צילברעט. ר׳איז געשטאַנען, געגאַפֿט, געקוקט און רעכט גאָר נישט געזען. ערשט דער אָנפֿירנדיקער אָפֿיציר האָט אַ בליק געטאָן אויפֿן צילברעט, דערזען דעם דורכגעלעכערטן „עפּל״ און טרוקן אויסגערופֿן:

— מאָלאָדיעץ, דאַוויד זוסמאַנאָוויטש!

אַ סך מאָל האָט דער סאָלדאַט דאָווע זוסמאַנאָוויטש זיך אײַנגעניט אין שיסן פֿון דער ווײַטנס, געשאָסן אין טאָוולנעם ספּיראַל, וואָס אַ מאָל מער זיך דערווײַטערט פֿונעם צילפּונקט און איטלעך מאָל געהערט לויב:

— ס׳גוט, זוסמאַנאָוויטש! ביסט אַ כוואַט, יונאַשאַ![4]

מידלעך, ווײַל באַרוישט פֿון נצחון, האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אויפֿן זון־אויסגעברענטן גראָז און שוין זיך צוגעקוקט ווי די גרויסע שיסן אין דעם צילברעט.

צוגעוווינט זיך צו דער ביקס — דערנאָך שוין אַ קאָמפּביקס — האָט דאָווע זיך צוגעכאַפּט צום רעוואָלווער, אויך מיט אים זיך געניט אין שיסן.

„אַ סאָלדאַט באַדאַרף אַלץ קענען״, האָבן לײַט אים געזאָגט מיט לויב. שפּעטער האָט ער, דאָס קינד פֿון 29סטן מיליטערישן טייל מיט נײַגיר זיך צוגעשאַרט אויך צו די קוילנוואַרפֿלערס פֿונעם באַטאַליאָן און גיך אַליין שוין געגראַגערט מיטן פּולעמיאָט. חבֿרה האָט האָפֿערדיק זיך צוגעקוקט צום קליינינקנס טועכץ בײַ די שטאָלענע גולמס און זיך דורכגעוואָרפֿן מיט אויגן־לשון: „ס׳ווויל דאָס מענטשעלע!״

כאָטש די שטאָט איז פֿון מאָל צו מאָל באַשאָסן געוואָרן פֿון שלאַכט־עראָפּלאַנען, האָבן די פֿריש פֿאָרמירטע ראַסטאָווער אַרמיי־פֿאָרמאַציעס נישט אויפֿגעהערט זיך לערנען די קונסט פֿון שלאָגן דעם שונא אויף

---

[4]) יונגער־מאַן (רוסיש).

דער ערד, און דער יונגער סאָלדאַט דאָווע צווישן אַלעמען. אויך ער האָט זיך געבויגן איבערן געווער אַ שוויס־באַגאָסענער, אַ פּאַרשטויבטער. און שטענדיק איז ער געווען שפּירעוודיק אויפֿן וואָרט וואָס דאַרף אָט, אָט קומען צו אים:

— שלאַכטמאַן דאָוויד זוסמאַנאָוויטש!

— יעסט, פּאַראַן, חבֿר קאָמאַנדיר!

...אַן ערנסט פּאַרנומענער מיט די זעלנערישע טועכצן, האָט דאָס יינגל, שוין ווי אַ פֿאָלנער סאָלדאַט, נישט אויפֿגעהערט מיט הונגעריקע אויגן חלומען פֿון גיין אין שלאַכט־אויסשפּירונג, צו באַגעגענען פֿײַנד־לעכע טאַנקן מיט פֿלאַשן אויפֿרײַס־שטאָפֿן; אין פֿאַרבאָרגעניש זיך שטעלן אין פֿינצטערער נאַכט אויפֿן שלאַכט־פּאָסטן — דאָס בלוט האָט אין דעם קליינעם סאָלדאַט געברומט פֿון גאַרעניש זיך אויסצולאָדן, אויסלעבן די אינסטינקטיוו אָפּגעפּילטע ווייטיקן פֿון זײַן מאַמען מיטן ברעקל שוועס־טערל אויף דער האַנט; ער'ט שוין באַגערט זיך צו גיין שלאָגן פֿאַר דער עוולה וואָס מ'האָט געטאָן זײַן היים, זײַן גאַס.

יעדן טאָג האָט דאָווע געשאָסן פֿון פֿאַרשיידענעם געווער, מיט פֿלייס זיך צוגעוווינט צו מילחמה־דיסציפּלינען, געהאַט תּמיד אָנגעשפּיצט דאָס געהער. ער האָט געצאַפּלט אין זײַן האַפֿן אויף „אַן אמתדיקער אַטאַקע" קעגן דעם דײַטשישן שונא, וועלכער צעפֿליקט דעם מבֿולבֿלן זומערטאָג, רײַסט אויף מיט פֿלאַמפֿײַער און מיט קויט דעם שטוינענדיקן הימלבלאָ, וואָס הענגט איבער זײַן קאָפּ.

ב

דאָווע האָט ענדלעך זיך דערוואַרט דעם געהאָפֿטן טאָג.

די מילחמה איז געווען אַ ביסל ווײַטלעך; זי איז אַרויס ערגעץ אויף פֿעלדער. אַצינד האָבן די שלאַכטן שוין זיך צעשפּילט אַרום שטאָט. דאָס קראַכנדיקע און פֿײַפֿנדיקע פֿײַער האָט שוין געסמאַליעט. סײַ אין מיטן טאָג און סײַ בײַ נאַכט האָט אין חלל זיך געקרײַצט אַ הוסטנדיקע שי־סערײַ; די זיך קרעכצנדיקע פֿײַערפֿלאַקערס, אויסגעמישטע מיט רויכעס האָבן געשטיקט אין האַלדז, פֿאַרטייבט די אויערן. מיט געקראַך זענען הײַזער געפֿאַלן אין קנוילן געדיכטן עסיקן דאַמף, אין אויסבראָכן פֿון פֿלוצלינגע פֿלאַמען־בעזעמער. אינצווישן האָבן זיך אויך געריסן מהומה־דיקע געשרײַען פֿון געליטענע מענטשן.

ווי צערייצטע סטײַעס וועלף האָבן מחנות דײַטשישע זעלנער פּיבער־

דיק, מיט ליאַרעם, געשפּאַרט צום דאָן דעם טײַך. הינטער רויך־פֿויער־האַנגען, שוואַרץ־אויפֿגעהויבענע איבערן בלענד פֿונעם טאָג, האָבן די שוואָבישע חיילות אויף שורעוועדיקע וואַסער־שוועלן געוואָרפֿן מאַכטיקע פּאָנטאָנען, בריקן מיט זעלנער־מאַטראָסן און טעכניקערס צו גלײַך מיט שווערן געווער און סאָלדאַטן וואָס האָבן זיך געריסן צום אַנטקעגנדיקן ברעג. גראָ געקליידטע אַרמייצעס, ווי זשוקעס פֿונאַנדערגעשפּרייטע הינ־טער פֿעלדזן, אין בײַברעגיקע קוסטעס־אינדזלען און קאַנאַוועס האָבן דעם אָנגייענדיקן שׂונא אָט אָ אַנטקעגנגעשיקט אָ קרויזיקן, אָט אָ זיגזאַגיקן פֿײַערהאָגל פֿון צישנדיקע אויטאָמאַטן, הילכנדיקע האַרמאַטן־שראַפּנעלן. ס׳האָבן געוואָיעט די ווינטן. אין דער נאָענט האָט דאָס שיסערײַ געקײַכט, זיך געריסן אין דעם פֿאַרבלענדטן חלל. מיט חמרים געפֿאַלענע, פֿון פֿײַער און רויך אָנגעשיכּורטע לײַבער האָט דער ביז שגעון פֿאַרביסענער שׂונא אויסגעבעט דעם טיפֿן דנאָ פֿון שטראָמיקן דאָן.

רגעווײַז, ווען דער פֿײַערשטורעם האָט זיך אײַנגעשטילט, געלייגט זײַן צעיאַכמערטן פֿלאַקערקאָפּ, האָט דאָווע, דער ייִנגסטער פֿון די שיסערס, מיט איבערגעפֿולטער ברוסט זיך אַרויסגעהויבן פֿונעם טראַנשיי און דערזען אָ פֿאַלנדיקע וואַנט פֿון גרין־גרעל דערצונדענע צורות. אויף דער אייבערפֿלאַך פֿונעם טײַך האָבן זיך ווי אָ טעפּעך, אונטער דער זון ברייט געוויגט־געמי־ניעט, דײַטשישע זעלנער־מיצלעך, קוילן־טאַשמעס, רענצלעך און אַרום דעם אַלעם — שוימרעדער, פּעטע פֿלעקן בלעזלדיק בלוט. דאָס בלוט האָט זיך אויסגעשפּרייט, מוטנע־רויט באַפֿאַרבט דעם שפּיגל פֿונעם טײַך. טייל אונ־טערגעשאָסענע קריגערס, שוין אָנגעטרונקענע מיטן דאָנישן וואַסער און רוסישן פּולווער, האָבן זיך נאָך געבאַלבעט, געצאַפּלט מיט די הענט און לסוף ראַפּטעם זיך אַרונטערגעטונקט אַראָפּ, אַראָפּ. אין דאָווען, וועלכער האָט אין יענעם טאָג איבערגעלעבט דעם פֿאַרוואָרטן חלום צו גיין אין „אַן אמתער אַטאַקע״, האָט די ברוסט האַסטיק זיך באַוועגט ווי אַן איבערגע־שראָקענער פֿויגל. דאָך האָט ער דערנאָך נאָכגעשפּירט דעם הייסן פֿלי פֿון זײַנע אייגענע קוילן. ער׳ט געגליט אין לעכצונג מער אונטערצוהאַקן די רוצחישע „העלדן״ אין מיטן פֿון זייער לויפֿן און פֿויזען.

„עקדישן! מע־עעעערדע־עערס!״ האָט ער אָ דערשוויצטער געמורמלט אין דערוועקטן אײַנפֿער פֿון אָ געטרײַען שלאַכטמאַן.

צו גלײַך מיט די עלטערע סאָלדאַטן האָט ער מיט אָ קרעקנדיקן מיגל אויסגעשפּיגן אויף די פּגרים. סע האָט אים אָבער אויסטערליש הנאה געטאָן דאָס געפֿיל פֿון נקמה וואָס קומט פֿון די טיפֿענישן פֿון רעדנדיקן בלוט וואָס איז אין דיר געשענדט געוואָרן. אלאָ דער שׂונא איז סײַ ווי נאָך געווען

פֿאַרביסן. ער האָט טאַקע געלאָזן הינטער זיך אַ סך טויטע, אָבער ביי נייס געשפּאַרט צו דער שטאָט וואָס איז געלעגן פֿאָרויס פֿאַר אים.

די אָנגעשטאָנענע נאַכט, אַ געדיכט אויסגעשטערנטע, איז געווען אומרויִקער ווי דער פֿאַרגאַנגענער קאַמפּטאָג. דער שׂונא האָט פֿון ס'ניי פֿאַררעטעריש זיך געגנבֿעט איבער פֿליינען, געריקט זיך שפּאָן נאָך שפּאָן. אַרום האָט אָן אויפֿהער געזאָטן מיט רעווענדיקן פֿייער. אין אַ ברייטן פֿראָנט האָבן די דייטשן מיטנאַכטיש בלינד זיך צעיושעט מיט אַ נייעם שטורעם. ביי די דאָן־ברעגעס האָט אויף אַ מינוט זיך נישט איינגעשטילט דאָס מוח־שפּאַלטנדיקע געביל פֿון מינענוואַרפֿערס און פֿון שראַפּנעלן. האַמעטנע האָט זיך פֿאָרויס געריקט אַ געפּאַנצערטע וואַנט פֿון טאַנקן; ס'האָט דונערנדיק זיך פֿונאַנדערגעשאָטן אַן אויפֿרייסנדיק הילכן פֿון שווערע באַטעריעס, טיף איינגעפֿעסטיקטע אין דער ערד. זשמורנדיק, מיד האָט צו דער ערד זיך אַראָפּגעזוצט די ממשלה פֿון דער נאַכט, אָבער די צדדים האָבן זי מיטן פֿייערשפּריי אַרויסגעשטויסן פֿון איר רו. נישט שייך געווען צו דערגיין פֿון וואַנען עס האָט פֿון דאָס ניי זיך צעשפּראָצט דאָס גיהנום וואָס האָט אָט אַ אַראָפּגעניִדערט איבער דער ערד — זי צו פֿאַרשלינגען. דאָס צישנדיקע פֿייער האָט אָן אויפֿהער זיך געקרייצט אין דער אָנגעהיצטער פֿינצטערניש, אַלע מאָל אויפֿגעלויכטן ווי אַן אַרויפֿגעשטויסענע פֿלאַם־כוואַליע. לסוף האָט אויפֿגעבראַכן אַ נייער טאָג. באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען האָבן ווי טשאַטעס רויבפֿייגל ווידער געדיכט פֿאַרזייט דעם הימל, מיט רעש זיך דורכגעטראָגן איבערן קאָפּ. נאָך זיי זענען באַלד אונטערגעקומען אַנדערע טשאַטעס. כריפּענדיק זענען די צוקפֿייגל געשוווּמען פּאַזע די לייכטע וואָלקנס, אַ ביסל שפּעטער שוין נידעריקער זיך אַראָפּגעלאָזן, מיט פֿונאַנדערגעשפּרייטע טראַנטיקע פֿליגל און שוין געהוילט מיט זייערע אייזערנע גאָרגלען. אומגעריכט זענען זיי אין חלל זיך ענגער צונויפֿגעגאַנגען ווי אַן אָנגעקליידטע וואָיענדיקע כמאַרע. באַלד דערויף האָט דער הימל זיך אַ צעלאָזגעטאָן מיט קנופּן צעפֿלאַקערטן צאָרן. דער אָ זידעניש זענען אָנטקעגן געקומען טיף־וואָרצלדיקע דונערס וואָס האָבן האַרט זיך צעקאָלערט איבערן יונגן פֿרימאָרגן, אים אָנגעפֿינצטערט מיט מגושמדיקע סטויפּעס רויך.

ס'האָבן ביי נייס זיך צעהודיעט פֿאַרביטערטע שלאַכטן, וואָס האָבן פֿאַרצוקט דעם לויף פֿון דער צייט. דעמאָלט האָבן נישט דאָווע און נישט די אַנדערע סאָלדאַטן פֿון זיין באַטאַליאָן באַוויזן אָפּצוציילן די אָניאָגנדיקע טעג און נעכט, בעת וועלכע זיי האָבן לענגויס דעם דאָן־בעט געעפּנט דעם טויטנוועג פֿאַרן שׂונא. קיינער פֿון די קריגערס, געקומענע פֿון יעניסיי, פֿון דניעפּער, פֿון טערעק ווי פֿון סאַן און פֿון ווייסל, האָבן רעכט

נישט באַמערקט די מראה פֿון יענע טעג און נעכט. די אָ אָפּגעטעמפּט־קייט איז דערעיקרשט געווען דורכגעזאַפּט מיטן לעכצעניש נאָך דעם לעבן וואָס האָט זיך בײַ זיי ווי געבעטן: „זײַט געבענטשט אין אײַער הייסער מי און היט זיך פֿון אַ טעותדיקן שריט אין געשלעג מיטן מטורפֿדיקן שׂונא. סע קוקן אַרויס אויף אײַך די היימישע אײַערע און די ליבע. דאָס לעבן איז אַן אוצר".

ווי ער וואָלט זיך אײַליק געדרייט אין אַ פֿאַרשיכּורטן קאַרוסעל, איז דאָווען אַדורך די צײַט וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַלע זײַנע באַגערן. דערשוויצט ביזן ביין האָבן פֿון זײַן יינגלשן פּנים אַרויסגעלויכטן זײַנע ברייט צעעפֿנטע אויגן, פֿולע מיט אומרו; ער האָט אויך געציטערט איבער די לעבנס פֿון די סאָלדאַטישע האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבן אים פֿאָטערלעך געהיט פֿאַר סכּנות, אים נישט אַרויסגעלאָזן אין אָפֿענעם דרויסן ווען ס'האָבן געברענט פֿאַרצוקנדיקע שלאַכטן. דאָך האָט דאָס יינגל פֿון מאָל צו מאָל זיך אַרויס־געריסן פֿון דעם באַהעלטעניש, ווו די טאַנקיסטן האָבן אים באַשיצט בעת סע האָט געמבולט מיט טויטן. דער נײַגיר פֿון דעם באַיעץ דאָווע האָט אָבער טייל מאָל מכריע געווען איבערן שׂכל און ר'האָט אומגעריכט זיך ווידער געשטעלט אַנטקעגן דעם פּנים פֿון צעפֿלאַקערטן געשלעג. מיט אַ צעשטורעמטער ברוסט האָט דער יונגינקער זעלנער צוגעזען ווי „זײַנע לײַט" מיט די מאַזאָלנע הענט טראָגן זיך איבער דער צעטרייסלטער ערד מיט דער שאַרף אָטעמדיקער ביקס, ווי מיטן קוילנוואַרפֿער. געבאָדן זיך אין קלעפּיקן שווייס, האָט דער קליינער זעלנער צו מאָל נישט באַלד דער־שפּירט די ווייטיקן פֿון זײַנער אַ פּלוצלינג דורכגעעקבערטער ריפּ.

און האָט מען געביטן די פּאָזיציעס, ווו זיך לענגער געראַנגלט מיטן אָנגרײַפֿער, איז די ערד געווען אָנגעטרונקען מיטן אַווזרדיקן בלוט פֿון פּגרים אין גרינע אײַזערנע קאַסקעס מיט אויסגעמאָלענע שוואַרצע דראַ־קאָנען אויף זיי.

אין שלאַכטן איז דאָווע אַרמייטייל סוף־כּל־סוף אַוועק קיין טיכאָרעצק. זײַן היימשטאָט איז געבליבן ליגן אַ פֿאַרהלושטע פֿון אומאויפֿהעריקן האַרמאַטן־געבריל. אַרום טיכאָרעצק זענען שוין געווען גרויסע המונים בייזע דײַטשן, אַ בורטשנדיקער ים אַזאַ, נאָר זיי זענען דעמאָלט רק געלאָפֿן, געיאַכמערט. יענע, וואָס זענען געבליבן אויף די ראַסטאָווער פֿעלדער, האָבן אַנטקעגן דעם אײַנגעשטילטן הימל זיך געהאַרבעט מיט זייערע צעפּלעטע שאַר־בנס, בלוטפֿאַרבאַקענע נעזער און אויפֿגעטרייבערטע בײַכער. דאָ האָט ווידער זיך אויפֿגעהויבן אַ הודזשנדיקער פֿײַערשטורעם וואָס האָט איבערן העלן

טאָג און זשמורנדיק צעשטערנטער נאַכט זיך געקרײַצט איבער מיזרח און מערבֿ.

ג

עס איז געשטאַנען דער מילחמהדיקער סוף אָקטאָבער פֿון איין און פֿערציקסטן יאָר.

אין וואַלד האָבן די אָנגרײַפֿערישע דײַטשן זיך פֿאַרפֿעסטיקט מיט שווערן וואָפֿן; די אַרמיי פֿון די רוסן, ווײַסרוסן, אוקראַינער, אוזבעקן, קירגיזן, טאָטערן, באַשקירן און יידן, איז געשטעלט געוואָרן פּנים־אל־פּנים מיטן שפּאַרנדיקן שונא. די אַרמייצעס וואָס האָבן פֿאַרטיידיקט די רוסישע ערד, האָבן אין אָפֿענעם פֿעלד זיך געשיצט אין גריבער, הינטער גראָז־באַוואַקסענע בערגלעך און אַפֿילו אין הויכן כוריאַן. דאָווע איז דאָ שוין אַ פֿאַלנער סאָלדאַט. ער אַמפּערט זיך נאָך מיט זײַנע אַפּוטרופּסים, די באַיאָרנטע סאָלדאַטן, בכן ער וויל האָבן זײַן צושטײַער אין דער שלאַכט קעגן דעם פֿאַרריסענעם גערמאַן. דאָוועס אויגן גלײַען אַרויס פֿון הינטער אַ גרויסן געדיכטן קוסט. מיטן געדאַנק ווי מיטן גאַנצן לײַב און לעבן איז ער גרייט... ערשט ליגט ער אויסגעשטרעקט, דעם קאָפּ אַרײַנגעצויגן אין די אַקסלען און זײַן קערפּער ציטערט אויף יעדע ווײַלע. דאָס צילט ער צום ראַנד פֿון וואַלד, ווו דאָס גראָז באַוועגט זיך, גלײַך אַ ווינט וואָלט עס געקעמט, בעת אין אמתן ברענט די היץ. פֿון אַ ווינט איז נישט ניכּר אַפֿילו קיין סימן. הונדערטאויגיק זעט ער ווי דער שונא, אַ פֿילקעפּיקע שלאַנג, וואָלט אַהער צו געפּויזעט. יאָ, אַהער צו, — כאַפּט זײַן שאַרפֿער בליק. אויך זײַנע אויערן זענען אָנגעשפּיצט און די ברוסט — זעעוודיק: סכּנה גייט!

הינטערן ווײַטלעכן בערגל איז טאַקע מיט אַ מאָל געוואָרן פֿאַרדעכטיק רויִק. מסתּמא האָט דער טויט דאָרט שוין אַראָפּגענידערט, אָבער אויף רעכטס — אָך! — מערן זיך אָקערשט לעבעדיקע בערגלעך, זיי קריכן, די בערגלעך, ווי ריזיקע שילדקרעטן. אין דעם איז סאַמע דראָונג. די אַר־מייצעס טאָר זיך איצט נישט באַוועגן. צום סאָלדאַט דאָווע דערטראָגן זיך אין אַ לײַכטער לופֿטכוואַליע היימישע קלאַנגען. ר׳הערט אַפֿילו אָנרופֿן זײַן נאָמען, די נעמען פֿון חבֿרים שלאַכטלײַט, פֿונאַנדערגעשפּרייטע אין דער נאָענט.

— זיי גייען, דערנענטערן זיך. אירער עקדישן!! רײַסט זיך אַרויס פֿון דאָוועס ברוסט. אָבער באַלד דערגייט צו אים דער באַפֿעל:

— פּײַער! העפּטיק פּײַ־ײַ־ע־עער! לײַט פּליסטערן, צו מאָל שיפּען זיי צאָרניק, ווײַל ס'איז דער ברען פון סכּנה.

אַנטקעגן אים, דעם סאָלדאַט דאַוויד, האָט אָט אָ זיך אויפגעהויבן אַן אַשיק־גרינלעכע וואַנט וואָס רוקט זיך, פּויזעט אַהער צו מיט ברייט־געשטרעקטע שווערע לאַפּעס. ער וועט זי צעפּיצלען, די אָ וואַנט, דישעט אין אים שוין אַ געשריי וואָס ער דערשטיקט ראַפּטעם אין זיך. דאָס צישנדיקע שאַרפע פײַפן פון די קרײַצנדיקע קוילן, וואָס טראָגן זיך שוין איבער אים ווי אַן אַנגעהיצטער עקבער און לעכערט אַדורך דעם טאָג. פאַרקאַרטשעט אינעם קוסטנגעצווײַג דערשפּירט ער מיט אַ מאָל אַ ברענונג אין די אויגנווינקלען. זײַנע נישט מיד־ווערנדיקע הענט הערן נישט אויף פון דעסטווענן אײַליק אָנצודריקן דאָס הענטל פון מאַשינגעווער. אלאַ פּלוצלינג צעוואַקלט זיך נאָענט פון זײַן שאַרבן אַ משונה האַרט, ווילד גיין פון טאַפּטשנדיקע, שטויסנדיקע פּיס. דאַוועס שנײַדיקע אויגן קריכן אים ממש שוין אַרויס אויפן דרויסן פונעם קוקן און פון אָנגעשטרענגטן „לויפן" צו דער באַגערטער ווײַט. ער לויפט, לויפט... האַסטיק בלענדנדיקע בלישטשלעך שפּיגלען זיך אָט־אָ אין דער זון, רוקן זיך אויף אים. זיי גייען, גייען — —

מער האָט דער קלײנינקער סאָלדאַט נישט געזען, אויך נישט געהערט. אַ פאַרטײַבנדיקער סווישטש האָט זיך אין אים אַרײַנגעשניטן און זײַנע געהירן פאַרזונקען אין אַ טומאַנער פינצטערניש. אַריבער אים האָבן זיך ערשט צעפּליעסקעט שטאָליק קאַלטע כוואַליעס וואָס האָבן ווייטיקלעך געגנאַגט אין דער נשמה, אָט אויך אַ טיפן טרייסל געטאָן. אלאַ די אָ שפּירונג האָט גיך נאָכגעלאָזט. פאַר אים האָט אָקערשט זיך געשפּרייט אַן אויסגעשרפּעטע ליידיקייט.

וואָס עס איז אײגנטלעך געשען, האָט דער סאָלדאַט דאַווע אויף קלאָר נישט געוווסט. צו זײַן שטוינען האָט ער שפּעטער זיך דערזען אין אַ פעלדלאַזאַרעט. דער קאָפּ איז געווען געוויקלט אין אַן אומגעהייער אויפגעלאָפענער ווײַסקייט. נאָך אַ נאָכקלערן האָט ער זיך געכאַפּט אַז ר'ליגט אַ פאַרוווּנדיקטער. ס'איז אַ סומנע פּאַלאַטע וואָס האָט מיט אַלע אירע ווינקלען זיך פאַרקוקט אויף אים אַזש ער'ט אויפגעהערט צו קענען טראָגן אויף זיך דעם אײגענעם שטערן, וואָס האָט אים שטענדיק צוגעלויכטן ווו צו גייך, וואָס צו טאָן. געוואָלט מערער זיך אײַנקוקן ווו ער געפינט זיך, איז ער באַלד צוריק געפאַלן צום קישן, פון וועלכן דאָס שורשן פון דער ציך האָט אים תּיכּף מיד־געמאַכט. ער האָט אָבער באַלד אויף פאַרנומען אַ ווײַטלעך וואַרעמען געריש פון צעווינטיקטע ברויטפעלדער. אָבער זיך גופא האָט ער מיט אַ מאָל „דערזען" ווי ער קריגט זיך אַרויס פון פאַר־

לוירענע וואַלדישע דורכלויכטן וועלכע ער׳ט דערווישט נאָך אַ לאַנגאָניקן בלאָנדזשען אין דער דורכויסיקער טונקלעניש. דאָס אַלץ האָט אים גע־וועקט אַ סך נאָכצוטראַכטן, אָבער ער איז מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן סוף־כל־סוף אַרײַנגעזונקען אין אַן אוממשותדיקער הוילקייט, ווי אין אַ תהום. באַגאָסן מיט אַ קאַלטן שווייס האָט ער אויף אַ רגע קוים אויפגע־הויבן דעם קאָפּ און אין זײַן קרענקלעכן שטוינען דערזען אַ מאָדנע וואָר: אָ, בעטן, אַזוי פיל בעטן דאָ; אויך פאַרבאַנדאַזשירטע, פאַרשפּיצטע פּנימער גייען אָן אויף אים, אָבער זיי דערוועטערן זיך באַלד ווי צעשטיקלטע שאָטנס. אַלץ איבער אים צעקנוילט זיך אין אַ צעדריוולטן נעפּל, אָבער אין גיכן גליטשט זיך איבער אים אַ שמייכל וואָס צעפּליסט אויגנבליקלעך. דער שמייכל קערט זיך אום שפּעטער צו דאָוועטן אין אַ ברייטער מאַסקע וואָס קוקט אַרויס פון מאַרלע[5]) מיט אַ פּאָר בלישטשענדיקע שוואַרצאַפּ־לען. ערשט האָט ער געפּרוווט נאָכקלערן נישט באַנומענע רייד, אָבער ר׳האָט נישט געוווסט וואָס אָנצוהייבן ענטפערן אויפן פרעג וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַנטקעגן אים פון ליפּן פון אַ מאַסקע. אַן אַנדערש מאָל האָט די אָ מאַסקע זיך שוין אָנגעבויגן, געקוקט אויף אים שוין אָן אַ טומאַנעם בליק וואָס האָט אים געלאָזט הערן אַ פרעג מיט אַ לאַש־טשנדיקן קול:

— ווילסט נאָך שלאָפן, יינגעלע? מילענקי, זאָג ווי דו שפּירסט זיך איצטער? אָבער פּאָר רייד איז ער נישט געווען בכּוח צו עפענען ס׳מויל. ר׳איז נאָך געווען אין עיגול פון פיבער, אָבער שוין נאָכן „קריזיס״. נישט גענוג נאָענט האָט ער זיך אַצינד געפילט צו דער וואָר. אלאָ די מאַסקע אין ווײַסן האָט ווידער לאַשטשנדיק גערעדט צו אים:

— נאָך אַ ביסינקע געדולד. ס׳וועט לאַנג נישט וויי טאָן. יעדן טאָג ווינציקער.

שפּעטער־אַרײַן האָט זי, די קראַנקן־שוועסטער, שוין אין אַ ווײַסינקן היטעלע איבערן שאַטינענעם האַרשויבער ליבלעך אים געזאָגט:

— ניטשעוואָ, ס׳וועט איבערגיין. מירן נאָך קוילענען די חיות וואָס קענען בייז טאָן די ווילינקע יינגלעך. — זי האָט זיך אַוועקגעשטעלט בײַם ראַנד פון בעט און דעם שוואַכן דאָווע אַ קוש געטאָן אין שטערן. זי׳ט ווידער באַוויזן איר שמייכל, ווײַל פון ס׳נײַ באַגערט אים שטאַרקן:

— יינגעלע, ס׳איז שוין נאָך די שווערע איבערבינדונגען. אַצינד נאָך עטלעכע מאַסאַזשן.

———

[5]) גאַזע.

די שפּיטאָל־שוועסטער איז געווען גוט צו אים. אויך איר קול האָט געהיילט. ער'ט געוון געהערט איר דערציילן וועגן זײַן פֿאַל:

— ס'וועט זײַן ווויל מיט דיר, אויב דו האָסט אין גרויסן געשלעג זוכה־געווען די ליבשאַפֿט פֿון גוטע מענטשן. אייגענע האָבן רעכטצײַטיק דיך אָפּירגענומען פֿון אונטער אַ באַרג זאַמד וואָס האָט סכּנותדיק זיך אַרויפֿגעשאָטן אויף דיר פֿון דער פּלוצים אויפֿגעשפּאָלטענער ערד. דער קאָפּ און די הענט זענען געווען פֿאַרשאָטן מיט הרודעס ערד. בלויז דײַנע פּיס האָבן אַרויסגעשטאַרצט, זיי האָבן געשטעקט אין דער לופֿטן ווי מאָדנע צווײַגן. נאָר צווײַגן אין חלל, אָן אַ בוימשטאַם — — שטעלסט דיר פֿיר, יונגינקער העלד, ווי גרויס ס'איז דער נס וואָס האָט דיך געראַטעוועט? גוטע חבֿרים האָבן דיך געבראַכט אַהער. מיר בלײַבן זיי שולדיק טויזנט דאַנקען! אמת, ס'טוט נישט שטאַרק ווי? וואָס אַ מאָל ווינציקער.

אירע קליינע געדיכטע ציין האָבן ליבלעך אויסגעזונגען די רייד וועגן דעם נס פֿון דאָוועס לעבן־בלײַבן. דערפֿון איז אים אַ סך גרינגער געוואָרן, גלײַך זי וואָלט אַראָפּגעגלעט אַלע יסורים. אויך דער טומאַן פֿאַרן בליק איז נישט געוואָרן, ווען זי האָט גערעדט וועגן דעם טויט וואָס מ'האָט פֿון אים אָוועקגעטריבן.

— טשיקאָווע, ווי אַזוי איז עס געשען, שוועסטערקע? כ'פֿאַרשטיי נישט ווי ס'האָט זיך אָנגעהויבן דאָס פֿאַלן מײַנס. כ'האָב דאָך גוט געצילט אין די מערזאָווצעס. בין אויך געווען ריכטיק פֿאַרשאַנצט... ער האָט בכלל זיך שוין אָנטדרייסט איר צו בעטן זי זאָל אַזוי גוט זײַן אים אַלץ קלאָר מאַכן. אים איז גוט געווען זי צו הערן.

אַ פּנים, דער קראַנקן־שוועסטער גופֿא איז שטאַרק ווילגעפֿעלן דעם ייִנגסטן העלד צו דערמאָנען די וווּנדער־געשיכטע זײַנע. „אַזוי שווער פֿאַר־ווונדיקט געוואָרן, פֿאַרגראָבן געוואָרן קוים־זשיפּנדיק דער גאַנצער גוף, פֿון אַ ריזיקן ערד־אָנשיט. בלויז די פּיס זענען געבליבן אין דרויסן, מחוץ דעם באַרג ערד. אוך, אוך, סאַראַ נס״, — האָט זי זיך געלאָבט מיט דעם נס וואָס ס'איז געשען, וואָס וועט בלײַבן אויף די גלאָריע פֿון 29סטן פּאָלק!

— ווילסט האָרכן געווי, האָרך זשע, ליבינקער: די באָיצעס[5] פֿון דײַן באַטאַליאָן האָבן עס אַזוי דערציילט מיט פֿרייד. זיי האָבן דיך גאָר גאָר ליב. דעם שוואָס מײַנעס האָבן פּלוצלינג אויפֿגעריסן און פּשוט צע־טרייבערט אַ ברייטן אַרום פֿון דער שלאַכט־אָרענע. דאָס פֿײַער האָט גע־פּלאַצט אויף עטלעכע ערטער מיט אַ מאָל און געשפּריצט טויט איבערן

[5] סאָלדאַטן (רוסיש).

גרויסן פֿעלד ווו ס׳איז אַנגעגאַנגען דאָס געשלעג. די ערד איז פֿון שטאַר־קער היץ צעשפּאָלטן געוואָרן מיט אַ גוואַלטיקער קראַפֿט. ער טוט אָפּט אַזוי, דער פֿרעכער. ער מינירט גאַנצע פֿעלדער. אויך שליאַכן ווו אַבאַזן קענען געצווונגען ווערן דורכצוגיין. זיי טוען עס צו פֿריער, אויב זיי וויסן אַז ס׳איז אַ שווערער פּרווו צו פֿאַרכאַפּן אַוועלכע שטאָט אָדער דאָרף. אַלץ איינס, דאָס הייסט סטראַטעגישער שפּיל. ער שפּילט אַזוי אַרום, דער דײַטשער חזיר, מיט די אוממעגלעכסטע טויטן וואָס קענען טרעפֿן אויך זײַנע אייגענע סאָלדאַטן. ווו דו ביסט געווען, האָבן מיט אַ מאָל אויפֿגעריסן עטלעכע מינעס און דאָס האָט געבראַכט דעם בראָך. די ערד האָט פֿונעם פֿײַער סכנהדיק זיך געטרייסלט און געשפּריצט אויך מיט פֿײַער. אַ גראָבע דעק ערד, אויסגעמישט מיט קוילן־שפּריצן האָט אַלעמען פֿאַרשאָטן, גע־פֿערלעך אָפּגעבריט, אויב נישט אויפֿן אָרט דערלאַנגט דעם טויט. אָט ווי ס׳איז געשען. געווען דאָרט טאָקע אויך טויטע...

נאָכן טיפֿן אָפּשווײַגן פֿון נינאַ ניקאָלאַיעוונאַן, דער שפּיטאָל־שוועס־טער, האָט זי דעם יונגינקן סאָלדאַטיק נאָך פֿאַרטרויט פֿון איר טראַכטן וועגן יענעם געשעען: — ווער עס איז דעמאָלט אָפּגעקומען בלויז מיט אַ בלוטיקן ראַץ ווי דו, ווער אַ ביסינקע אַנדערש. — זײ׳ט דאָ אַ פֿײַנלעכן זיפֿץ געטאָן און אַראָפּגעלאָזן די וויעס.

דאָוּוען האָבן דעמאָלט נאָך ווי געטאָן די צוגעלעגענע גלידער. נאָך לאַנגע מעת־לעתן האָט ער געפּרוווט אויפֿהייבן אַ האַנט צום שטאַרק פֿאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ. די קראַנקן־שוועסטער האָט עס דערזען און זיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַרן פּנים מיט אַן אומדערוואַרטן דערשטיקטן געשריי:

— טאַטעלעך מײַנע, וואָס ער טוט! היט זיך, טײַערינקער. נישט אַ ריר דעם באַנדאַזש!

אַ צײַט איז זי נאָך געשטאַנען נעבן אים און געלאָזן אַרויסגעקומען מיטן דערציילן וועגן אומדערשראָקענע זעלנער וואָס האָבן נישט געוואָלט אַראָפּגיין פֿון שלאַכטפֿעלד, כאָטש דער רוקן איז שוין געווען דורכגעלע־כערט ווי אַ סיטש [7]. בײַ דאָוּוען האָט דעמאָלט דערוואַכט דער פֿאַרשטאַנד פֿון אַ דערוואַקסענעם סאָלדאַט ווען ס׳איז אַ בושה צו מאָל זיך אַרויס־צוכאַפּן מיט אַ קרעכץ אויב ר׳האָט יסורים.

*

נאָך אַ צוואָקלטן אין זײַן טראָט, האָט מען דאָוּוע זוסמאַנאָוויטש, דעם פֿאַרבאַנדאַזשירטן סאָלדאַט, איבערגעשיקט אין טיכאָרעצקער שפּי־

---

[7] אַ פּישערנעץ (רוסיש).

טאָל. דאָרט האָט מען אויף לעצט פֿאַרהיילט דעם פֿאַרבליבענעם שראַם פֿון דער באַק, אָבער די וווּנד אויפֿן שטערן איז נאָך געווען גלייזיק־רויט, ווײַל נאָך רוי. דעמאָלט האָט ער שוין געוווּסט גענוי: ווי אַ ברענענדיקע, פֿלאַמיקע רוט האָט אַ פֿאַרבלאָנדזשעטער שראַפּנעל שאַרף זיך דורכגע־טראָגן איבער זײַן פּנים אויף אַרויף צו די האָר, וואָס זענען אויך אָפּגע־סמאַליעט געוואָרן. צום גליק נאָר אַזוי ווײַט. „וואָרן אויב נאָך אַ האָרעלע העכער" — האָט דער דאָקטער אים געלאָזט וויסן — וואָלט דער „גאַנ־צער פּאַסאַד" געווען אין ערנסטער סכּנה. מילא, אַ שווערער ראַץ איז איי־בערשטן שיכט פֿון דער הויט איז נאָך צו דערטראָגן. אַנדערש איז, אויב די וווּנד רירט אָן די נערוון, צעשטערט דאָרט אַן אַרטעריע. „אַ גליק איז געשען דעם יינגל" — האָבן לײַט פֿון לאַזאַרעט איבערגעחזרט און ליבלעך געשמייכלט צום פֿאַרברוינטן פּנים, אָבער דאָס קאָפּ־מישונג האָט לאַנג נישט אויפֿגעהערט. אַ בולט ליכט האָט אים געשטערט. אַ שאַרפֿער שטראַל האָט׳ן געשטאָכן. אויף דער זון האָט ער נישט געקענט זײַן. דער מאַרך, האָבן נעוראָלאָגן געזאָגט אויפֿקלערעריש, איז אַ ביסינקע אָנגערירט בײַם מאַלטשוגאַן[8]. אלא ס׳וועט אַריבער גיין. מע באַדאַרף אים שוינען. ס׳איז אַ לענגערער פּראָצעס פֿון רעקאָנוואַלעסצענץ. געדולד! דער שעף פֿון לאַזאַרעט איז צו אים געווען באַזונדערס צוגעלאָזן. מיקלאָמפּערשט האָט זיך אַ מאָל פֿאַרוואָלגערט בײַם גלאַוו־וראַטש[9] אין קעשענע אַ טע־ווע־לע שאָקאָלאַד, דערלאַנגט ער עס דאַווען: „בײַס דאָס אײַן, וועט דיר נישט זײַן לאַנגווײַליק". אַן אַנדערש מאָל, ווי פֿאַרבײַגייענדיק, ט׳ער דאַווען צוגעטראָגן אַ מעסערל מיט דרײַ קלינגלעך: — נאַ, אַן אָנדענק דיר פֿון שפּיטאָל, וואָס האָט דיך אַרויסגעצויגן פֿון בלאָטע... אָבער ווי זײַן שטייגער, האָט ער אים אָבער־אַ מאָל געזאָגט דאָס זעלביקע וואָס אַנומלט, דער שעף פֿון שפּיטאָל:

„ דאַרפֿסט ליבערשט זײַן מיט דער מאַמען, בחורל! אומעטום מיט דער מאַמען. גענוג פֿאַר דײַנט וועגן, יונגינקער סאָלדאַט!" ער האָט נאָך גע־שמייכלט צו די אייגענע רייד, דער עלטסטער דאָקטער פֿון לאַזאַרעט, אַזש דאָווע איז צעטומלט געוואָרן. ער האָט זיך געשלאָגן מיט דער דעה ווי אַזוי צו ענטפֿערן אויף דער גוטסקייט, כאָטש זי איז שטרענג די אַ גוטסקייט ווי בײַם רובֿ מיליטערישע. ער האָט זיך באמת פֿאַרלוירן, אָבער ער מוז ענטפֿערן — האָט דער קליינער סאָלדאַט אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אלא וואָס? אין געקלער וואָס צו זאָגן דעם גלאַוו־וראַטש, זענען אַוועק עטלעכע

[8] יינגלינג (רוסיש).
[9] הויפּטדאָקטאָר (רוסיש).

טעג און יעדער רצון צו רעדן וועגן זיך איז בײַ דאָווען ממש ווי די צונג וואָלט געלײמט געוואָרן. אָט שוין האָט ער געזאָלט צוגיין רעדן און זיך פֿאַרטאָמלט, איבער אַ נײַס שטום געוואָרן. בינו לבינו איז דאָווען אָנגעקומען אַ פֿאַראָרדענונג זיך צו עוואַקוירן פֿון לאַזאַרעט.

— פֿאַר געזונט־אָפּרו דיר איז אָקערשט די צײַט, ברודערקע, — האָט אַ וואָיענגער[10] אים צוגעוואָרפֿן. ווידער אומעטיק, אָבער דעם יונגן סאָלדאַט איז נישט געגעבן געוואָרן קיין צײַט צו אומערן. מ'האָט דאָווען באַלד אָוועקגעפֿירט אין דער שטאָט קיסלאָוואָדסק. צוויי הונדערט קילאָמעטער געשלעפּט זיך מיט באַן, אויף אויטאָמאָבילן און — אַ וווּנדער אַ גרויסער! דאָווען מאַמע אידאַ אַראָנאָווגאַ מיט איר קליין טעכטערל אויף די הענט האָט אומגעריכט דאָרט זיך אָפּגעפֿונען. אין אַ ווײַסן כאַלאַט און אַן ענג פֿאַרקניפּט קאָפּטיכל האָט זי זיך באַוויזן. ווײַל דאָרט זיך געשטעלט אַרבעטן אין מיליטערישן אָפּרו־הויז.

„האַ, דו־ו־ו?!"

ס'האָט דאָווען שיער נישט דורכגעלעכערט דעם שאַרבן דער מוטערס פּלוצלינגע קול; ר'האָט געהערט די שטים, גלײַך זי וואָלט אַרויסגעקומען פֿון אַ געפּערלעכער באַהעלטעניש, וואָס האָט זיך אָט־אָ צעעפֿנט אַקעגן אים: די מאַמינקע?

אַן אָפּגעמאָגערטע, מיט שאַרפֿן אומרו אין די צעפּלעמלטע אויגן, איז די פֿרוי אָט־אָ געשטאַנען פֿאַר איר פֿאַרלוירן־געגאַנגענעם קליינעם זון. זי האָט אים שוין געהאַט באַוויינט ווי אַזאַ וואָס „מ'האָט געזען אים אַרײַנלייגן אין אַ קבֿר". זאָל דאָס זײַן איר דאָוועלע?! עפּעס ענלעך אויף דעם ייִנגעלע וואָס איז איר נעלם געוואָרן אין דער גרעסטער בהלה, אָבער ר'איז דאָך נישט דער אייגענער! די פֿרוי האָט געקוקט אויף דעם בחורל מיטן צעקריפּלטן פּנים און שטיל זיך פֿײַנלעך צעקרעכצט:

„ווײ מיר. ס'איז בײַם קינד פֿאַרהאַרטעוועט דער קין ווי בײַ אַ פֿאַרדריפּעטן זיידעלע! אָך איז מיר — ווער האָט זיך געזאָלט אַרומקוקן אויפֿן אָרעמענקן?" איר בליק האָט געגישטערט איבערן ייִנגלס פֿאַרענדערטן פּנים, דערשטיקט אין זיך דעם מאַמישן געשריי וואָס האָט זיך פֿון איר געריסן:
— וואָס פֿאַראַ תּל ס'איז געוואָרן פֿון דעם קינד? גוואַלד, וואָס איז מיט דײַן באַק? — איז איר באַפֿאַלן אַן אימה. ווײ מיר, אויך דער שטערן צעקאַליעטשעט. זי האָט ווידער אַ מאָל איבער אים אַ פּיר געטאָן דעם בליק און זיך אָנגעגאָסן מיט אַ פֿײַערדיקער רויטקייט: — וואָס האָט מע געטאָן

---

[10]) אַ מיליטערמאַן (רוסיש).

מיט דעם ייִנגל! און פּלוצלינג אויסגעשריגן נישט מיט איר ווילן:

— גאָט דערבאַרעמדיקער, ווי אַזוי האָט דאָס זיך עוואַקווירט! ווער האָט אים צוגעזען דעם גאַנצן ביטערן וועג?

פול מיט טענה און פּײַן האָט זיך אויסגעלאָדן אין דער מוטערס גע־בראָכענעם קול וואָס האָט אָפּגעגעבן מיט אַ הייזעריקלעכקייט. דער פרוי האָט דאָס צעטראָגן. און ווידער האָבן אין ספּאַזם־פאַרדריקטע ליפּן שטע־כיק אויסגעציטערט איר מאַמישן צער. אירע אַקסלען האָבן געצוקט און אירע אויגן, די מאַמישע אָנגעשוואָלענע אויגן, האָבן נישט אויפגעהערט צו רעדן. ערשט האָט זי פאַר אַ מאָל געדאַרשט געוואָר צו ווערן אַלץ, אַלץ וואָס לאָזט זיך נישט אַקוראַט אַרויסרעדן מיטן מויל. אָבער נישט זי, נישט איר גרויסער זון האָבן געקענט זיך דעררעדן צו דעם פון וואָס זיי ביידע האָבן געטראַכט. די רייד, וואָס נאָך נישט באַוויזן אַרויסצוברענגען, האָבן ווײַטיקלעך געדריקט. זי האָט זיך אָבער אומגעריכט צעהעשעט. בעת־מעשה האָט אין איר געהער אָנגעשלאָגן דעם ייִנגלס אַ נישט געטעסעטס, דאָס שאַרפּסטע איינע וואָרט וואָס האָט פון אים אַרויסגעציטערט: „מאַ־מע, מאַמינקע!“ אָט וואָס סע האָט ערשט אין איר זיך יאָמערלעך צעזונגען.

און בײַ נײַס האָט אין איר מאויִמדיק אָנגעקלאַפּט דער מאַמישער ייִאוש „וואָס טוט זי! וואָס וועסטו איצטער אָנהײבן, אידאַ אומגליקלעכע?“ אַלאַ דאָס ייִנגל אין אַרמײַשן כאַקי האָט זיך פון דעסטוועגן דערוועקט צו אַ קאָפּעלע ניכטערקייט.

— מאַמע, — האָט ער זיך שוין געלאָזן הערן מאַנצביליש — ווען ביסטו אַרויס פון דאָרט... דער טײַוול אַרודעוועט נאָך אין אונדזערע קאַנטן.

זי האָט אים געהערט, אָבער גאָר נישט געקענט ענטפערן. טרערן האָבן זי געוואָרגן. צו פיל רייד, צו פיל געדאַנקען, האָט זי געשפּירט, שפּאַרן אויף אַ מאָל פון איר קעל.

אויפגעהויבן דעם בליק, האָט זי ערשט דערפילט ווי דעם ייִנגלס קאָפּ שאַרט זיך נאָענט צו אירע היפּטן. ער׳ט אַנידערגעקניט פאַר דער מוטער:

— מאַמעלע, — האָט ער טרעריק געמורמלט. זי האָט דערין פאַרנו־מען אַ קינדעריש געבעט, אָבער איר איז נישט געווען קלאָר ווען טרערן באַנעצן אירע הענט. ווײַל אויך זי האָט נישט געקענט אויפהערן שטיל וויינען אין זיך.

ד׳

מיט דער מאַמען איז דאָוועך סוף־כל־סוף געווען שטאַרק אומעטיק. זי האָט אָפּט געאָכצט. זי׳ט דערמאָנט דעם טאַטן, אויפן קול באַדויערט וואָס

ער ווערט געוואָרפֿן אין סכּנהדיקע שלאַכטן, אָבער אים, דעם זונעלע, האָט זי געמוסרט, די מאַמינקע, למאַי ער פֿאָלגט נישט, לאָזט זי מיט אַ פֿאַרקלעמט האַרץ. ער האָט באַדאַרפֿט זײַן מיט דער מאַמען, נישט אַוועקלאָזן זיך אַליין גאָט ווייסט וווּאַהין. די שטוב דאָרט, די היים זייערע, איז מסתמא אײַנגעפֿאַלן, צעשטערט פֿון דער שיסערײַ. הלוואַי, האָט זי געזאָגט, וואָלט עס אַזוי געווען. כּדי וואָלט זי געוואָרן אויפֿגעריסן פֿון באָמבעס אַז די רוצחים זאָלן אין איר נישט קענען אַרײַנגיין...

עס איז געווען אומעטיק מיט דער מאַמען!

אָט אָ איז די אַנומלט ערגעץ אַרויס פֿונעם אָפּרו־הויז, זי׳ט אויסגעטאָן דאָס ווײַסע פֿאַרטעך מיטן ווײַסן הייבל — — דעמאָלט האָט דאָווע אומגעריכט פֿאַר איר זיך אַרויסגעריסן פֿון דער מאַמען. ווידער אַ מאָל איז ער געבליבן אַליין. קיסלאָוואָדסק און דער מאַמעס סאַקלע [11]) ווו זי האָט באַקומען צו וווינען מיט איר קליין משפּחהלע, האָט ער ערשט געלאָזן הינטער זיך.

אויף די וועגן האָט עס גראַד געטומלט מיט אויטאָס, מיט אָבאָזן און מיליטער, וואָס האָט מער נישט קיין צײַט צו לאַגערן אויף אַן אָרט. וואָרן די מילחמה האָט געפֿלאַקערט. ציווילע האָבן שטיל אַוועקגעצויגן אין די בערג. זיי זענען געווען צעטראָגן, נישט געוואָלט זיך אָפּשטעלן רעדן מיט עמעצן. זייערע פּנימער זענען געווען ווי פֿאַרמעקט. אַלע האָבן אָפּט נערוועז געקוקט אין דער הויך, צי ס׳פֿליט נישט עפּעס אַ סאַמאָליאָט [12]). דאָווע האָט אויסגעמיטן די ציווילע. ער׳ט זיך בײַ נײַס געאײַלט; דאָ צופֿוס, דאָ אויף אַ פֿור און אויף אַ דורכפֿאָרנדיקן לאַסט־אויטאָ האָט ער אין זײַן זעלנערישער בלוזע זיך געטראָגן דורך זונבראַנד. אין דעם וועג האָט ער געאָנט צו טרעפֿן זײַן מיליטערישן טייל. אָפּגעשטעלט יעדן מיליטערישן, האָט ער אים הכנעהדיק געבעטן:

— אפֿשר ווייסט איר ווו סע שטייט דער 29סטער פּאָלק, דער ראָסטאָווער?

— דעם פּאַפּאַ זוכסטו, יינגל? — האָט ער פֿון אַזוינעם געהערט גאָלע חוזק. — וועסט פֿאַרבלאָנדזשען, קליינינקער, — איז אַן אַנדערער שוין געווען ליבלעכער.

דאָווען האָט אַ מיש געטאָן אין די געהירן און אַן אַנגעכמורעטער ווײַטער געשפּאַנט אַן אַ וווּאַהין.

---

[11]) אַ קאַווקאַזישע כאַטע (רוסיש).
[12]) אַן עראָפּלאַן (רוסיש).

דאָס יִנגל האָט טאַקע געבלאָנדזשעט אויף די צערודערטע טראַקטן פֿון מילחמהדיקן הינטערלאַנד. אַרום האָט געווירבלט פֿון אומאויפֿהעריקן אַרמייִשן גאַנג, פֿון אַרטילערישן געבראַזג. ס'איז געווען אַ פֿונאַנדערגעגאָסן געפּאַרעכץ אין מיטן פֿון אַ מענטשישער מהומה, אַ ברייט צעבלאָזענע פֿון דער זון, וועלכע האָט ווי בכיוון צעפּלאָנטערט די וואָר.

ענדלעך האָט דאָווע געטראָפֿן אַ טאַנקן־קאָלאָנע און פֿון איר נישט געוואָלט אָפּטרעטן.

— איך וויל בלײַבן מיט אײַך. כ'וויל אויך וואַרגן די דײַטשישע הינט,

— האָט ער זיך געכּוחט אויף דרײַסטקייט.

— גיי זייגן, קינד!

ער איז אָבער נאָכגעגאַנגען די טאַנקן, גערעדט מיט אַן עלטסטן, זיך געבעטן, דערמאָנט דעם פֿאָטער, וועלכן ער'ט כּלומרשט פֿאַרלוירן אין דער סומאַטאָכע: „ער האָט נישט וווּ צו זײַן. ער וויל זײַן אַ סאָלדאַט, ווי געווען. די פֿאַשיסטן וועלן אים צעטרעטן מיט די פֿיס, אויב ער וועט זיך ערגעץ אָפּשטעלן אַ פֿאַרלוירענער. ר'מיינט, ס'איז דער גרעסטער אמת וואָס זיי האָבן ביז איצט געהערט. ער איז נישט קיין ליגנער. כ'קאָן שווערן. נו, ער האָט דאָך קענטלעכע ווונדן פֿון אַ שלאַכט", — האָט דאָווע שוין געהאַט די געלעגנהייט זיך צו גרייסן מיט זײַן זעלנערישקייט. די טאַנקן־קאָלאָנע האָט שווער געטראָטן אויפֿן שטויביקן וועג און דאָס יִנגל האָט פֿון איר נישט געוואָלט אָוועק.

— מוזסט דורכויס בלײַבן אַ ליגנער, שנעק?! און דײַנע פּאַפּירן! — האָט דער נעבנגייענדיקער יעפֿרייטער אויף דאָווען אָפּגעשטעלט אַ פּאָר ברוגזע אויגן. — פֿע, בחורל!

דאָווע האָט נאָך גערעדט, געפּרוּווט זיך פֿאַרענטפֿערן און שיִער זיך פֿונאַנדער געוויינט מחמת מ'גלייבט אים נישט. ר'האָט דערנאָך געוויזן אַ פּאַפּיר פֿון מיליטערישן לאַזאַרעט ווו ער איז געהיילט געוואָרן פֿון די ווונדן וועלכע ער'ט קונה־געווען אין אַ שלאַכט.

אַזוי גאָר? שוין דורכגעגאַנגען אַ פֿײַערפּרוּוו, איז שוין אַן אַנדער ענין — האָבן מיט ברייט געעפֿנטע אויגן זיך שוין צעטענהט אַנדערע אָפֿיצירן. לײַט האָבן באַלד גינציקער אָנגעהויבן קוקן אויף דעם אויס־טערלישן סאָלדאַטל. ר'איז ממילא שוין געבליבן אין דער טאַנקן־בריגאַדע. אויך דאָ, צווישן חבֿרה קראַפּטיקע, צו מאָל פֿריילעכע מיליטערישע, האָט דאָווע גיך זיך פֿאַרהיימישט. איינער, אַ רויט־פּנימדיקער שמיד האָט צו זיך גאָר געטוליעט דאָס יִנגל, אַ ביסן נישט געגעסן אָן אים. און צו דאָווען האָט ער גערעדט ווי ר'וואָלט זיך געווענדט צו אַן אייגענעם זונעלע:

„פּעטיעלע מײַנער, ס'ט שוין נישט אַוועקגײן פֿון פּאַפּאַ. איכ'ל זײַן גוט צו דיר..." פּעטיעלע האָט ער אים גערופֿן, ווײַל אין דער הײם געלאָזן פּונקט אַזאַ זונעלע פּעטיע. און דאָס יִנגל אַפֿילו ארײַנגענומען צו זיך אין טאַנק. אינעווייניק איז געווען דעמפּיק, אָבער דאָווען האָט עס קנאַפּ געאַרט. ס'איז אים גאָר־גאָר געפֿעלן געוואָרן סטיאָפּאַס רעדן. סטיאָפּאַ האָט ער זיך גערופֿן, דער טאַנקיסט. ער'ט אַ פֿאַרכלײניעטער אַזוי גערעדט צום בחורל:

— כ'האָב אַזאַ זונעלע ווי דו, אַקוראַט אַזוינער איז מײַן פּעטיע. אוך, אַ האַמער איבער זײערע מוחות, כ'מײן די וואָס האָבן מיך באַצוווּנגען כ'זאָל אַוועקגײן פֿון אים, — און ר'איז באַלד אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ טיפֿער בענקשאַפֿט: — אַ שײנינקער איז פּעטיעלע. מעגסט גלייבן, יִנגעלע. ווו ביסטו ערשט, פּעטיעלע, זון? און ר'האָט מיט הײסע קושן באַשאָטן דאָס יִנגעלע וואָס איז געזעסן נעבן אים אַ געפּלעפּטער.

דאָווען זענען אָנגערונען טרערן אין די אויגן. — ר'האָט געגאַרט צו הערן סטיאָפּאַן ווי די שלאַכטלײַט האָבן אים גערופֿן חבֿריש; דער סטיאָפּאַ האָט אָן אַ שיעור אין אים אַרײַנגערעדט, דערציילט פֿון געשעענישן וואָס האָבן מיט אים געטראָפֿן.

„אין שלאַכטן, האָט ער געזאָגט דעם יִנגל און אַרײַנגעקוקט אין זײַנע אויגן, — איז וויכטיק... דער קאָפּ! הערסט, דעם קאָפּ מוז מען פֿאַרהיטן. אַז סע האַלט שמאָל, באַנעמט מען ערשט וואָס דאָס הייסט, אוך, אַ האַמער זיי איבערן מוח! מירן אַ מאָל געשפּאַרט אויף אַ דאָרף, געוווּסט, די דײַטשורעס האַלטן זיך בלויז אין אײן כאַטע. אָבער פֿון דאָרט רעגענען זיי מיט פֿײַער ווי פֿון טויזנט צעזשאַרעטע קוזשניעס. אַ שרעק געווען, זאָג איך דיר. וואָס זשע טוט מען? אַטאַקירן! אָפּגעוואָרט ביז פֿינצטער און — נאָך נישט געאײַלט זיך. אײנער פֿון אונדז, אַ דאַרינקער, אַ ווינציק סאָלדאַטל, האָט מיט אומוועגן זיך צוגעקראָגן צו דער הײזקע ווו די דײַטשן זענען געזעסן. שטיל־שטיל האָט מען זי אונטערגעהייצט די כאַטע, אַוועקגעלייגט אַ רעכטן פּעקל און אַנטקומען. אַ צי געטאָן דערנאָך מיטן שטריקל, און וועגט גוט געטונקעוועטע, פֿענצטער בלינד גלאַצנדיקע, האָבן זיך ראַפּטעם געגעבן אַ הוידע און אַ רײַס אָפּ פֿון דער ערד. אַ געברום ווי אַ שאַרפֿער וויכער האָט זיך אויפֿגעהויבן און צוגעדעקט די באַנדע גזלנים. ווי מײַז אין פּולאַפּקע זײ צוגעקלאַפּט. אוים! האָסט געדאַרפֿט זען: דאָס בעסטע הויז אין דאָרף, אַ פֿעסטונג ממש, און זי איז אין אײן פֿינטל מיטן אויג צעמורשט געוואָרן אין שטויב. די אײדל געהאָדעוועטע פּריצימלעך זענען דערנאָך געלעגן אויסגעסדרט אונטער אַ רויכיקן הויפֿן שטײנער און אײַ־

זנבראָך. פֿאַמעלעך האָבן זיי זיך געוועגדזלט אויפֿן פֿײַער ווי די חזירישע פּולקעס. אויך זייערע רעוועגדיקע הארמאַטלעך זענען אַנטשטומט געוואָרן, און מיר זענען גלײַך אַרויס צום דאָרף. פֿון דאָרט איז דער פֿאָרויסמאַרש אונדזערער שוין געוועזן ווי געשמירט מיט פּוטער. צו פֿריִער האָט מען ליקווידירט די בלענדיקע פֿאַרפֿעסטיקונג פֿונעם שונא, וועלכער האָט זיך אָפּגעקײַקלט אַראָפּ ,אראָפּ. אָך, האָבן זיי געהאַצקעט אונטער אונדזערע קלעפּ. ווייל וואָס היטלער האָט נישט געקאַרגט אונדז צוצושיקן גענוג גערמאַנישע שטיקלעך פֿאַר געניטונגען פֿון וועגן דער שיסערקונסט. יאָ, יאָ, צו שיסן גוט, ריכטיק, מוז מען אָפֿריִער מאַכן געניטונגען. דערנאָך גייט עס צו גרינגער. ס׳איז אַ היילונג פֿאַרן האַרץ צו זען ווי זיי וואַלגערן זיך אַצינד ווי צעפּוילטע לאַמטערנעס, די אויסגעלאָשענע פּריצעס. איז זעסטו? איין מענטשל האָט געעפּנט אַ וועג פֿאַר אַ גאַנצער אַרמיי צו קענען ברענען די עקדישן, אַ האַמער איבער זייערע שאַרבנס! אַזאַ ווי דו, קען אויך אָפּטאָן אַ גוט שטיקל אַרבעט. אַ יאַטל איז ווינציקער אַנזעעוודיק, קען לײַכטער אונטערצינדן אַ שטאָב, דורכקריגן זיך די פֿײַער־ליניעס. און אַוודאי זיך לאָזן אין אויסשפּיר. עלעהיי אַ קינד האָט אין סומאַטאָכע פֿאַר־בלאָנדזשעט. אַזאַ ווינציקס דאַרף נאָר קענען האַלטן די צונג צווישן די ציין. נאָך בעסער, אויב אַזעלכער קען קונציק וויינען. אָ, מײַן פּעטיעלען ווי נעמט מען דאָ אַהער! כ׳לעבן, אַן אָרדן וואָלט ער זיך דערדינט״ — —

טאָג אײַן, טאָג אויס האָט דאָס יינגל געהערט פֿון סטיאָפּאַן געשיכ־טעס פֿון שלאַכטן מיט די גערמאַנצעס, די געהויבענע פּחדנים. „דערלאַנג זיי אַ זעץ איבער דער מאָרדע קאַרטשען זיי זיך צונויף און מאַכן פּיס! צו מאָל צעוואָיען זיי זיך ווי די הינט וואָס מ׳האָט זיי אײַנגעקלעמט די וויידלען. דאָס בעסטע — נישט אַנטלויף פֿון זיי. מיר זענען אַ פֿאָלק פֿון וועלדער, אַנסופֿיקע סטעפּעס און פֿון שאַרפֿע פֿרעסט. אַלע גייען מיר אויף ווילדע חיות, שיסן פֿייגל אין מיטן פֿלי. מיר לעבן אין די קאַלטע טונדרעס און ווייסן צו האַדעווען ברויט אַפֿילו אויף זאַמדן. מירן זיך אַן עצה געבן מיט די כיטרינקע פֿריצן״.

דער קלײנער סאָלדאַט האָט סטיאָפּאַן ליב באַקומען פֿאַר זײַן פּראָסטער ווייכקייט און פֿאַרן אמתדיקן ריח פֿון זײַן דאָרף וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון זײַנע רייד. סטיאָפּאַס אויגן, אָפּגעדעקטע פֿון די קופּער־גלאַנציקע ווּיִעס, האָבן געפֿלאַקערט: אײַ, פֿאַטערל ——— פֿלעגט ער איבערחזרן — פּעטיען דעם טײַערינקן און די שטוב פֿאַזע דער אַזיערע איבערגעלאָזן איינע אַליין אויף די רײַס־ציין פֿון די הינטישע זין. וואָס קען אַ ווײַב זיך העלפֿן, אויב זי האָט נאָך אַ פּיצל יינגעלע, וואָס ווייסט נישט ווי מ׳לאָזט אַראָפּ אַ האַמער

אויף דער קאַוואַדלע? זאָלסט זען, מאַנפאַרשויך, וואָס פּאַראַ פּיש ס'זענען פֿאַראַן אין אונדזער אַזיערע, אָבער אַ באַבע אײנע אַליין קען פּגרן נעבן די פּיש און צו זיי נישט דערלאַנגען. סאַמע קאַרפּן ווי די קעלבער מיט קאַרקן פּעטס דרייען זיך אין לויטערן וואַסער, גרויסע העכט און לעש־טשעס. ווי דער טאַטינקע זײַנער האָט פּעטיענקע שוין נישט קיין מורא פֿאַר אַ ווינטל וואָס גליטשט זיך אויפֿן וואַסער. אין סאַמע קרירה באַץ אין אַזיערע אַרײַן זיך אויסבאָדן. ער שפּילט אויך שוין צו ביסלעך אויף מײַן האַרמאָניקע — — יעדער טאָג איז פֿאַר דאָוועןן אויפֿגעשטיגן אַ נײַער סטיאָפּאַ, אַלע מאָל האָט פֿון אים אויפֿגעשפּראָצט אַ הייסער שטראָם, אַן אויסגעמיש פֿון צאָרן און ליבלעכקייט, כאָטש איטלעך מאָל האָט דער יונ־גינקער סאָלדאַטיק באַמערקט דעם זעלביקן אָדערדיקן אויסדרוק אויף סטיאָפּאַס פּויערישן פּנים, די ברייטע ציין פֿון אַ באַשעפֿעניש וואָס קען גרײַלעך אָפּשלײַדערן דעם אימפּעט פֿון אַ שראַפּנעלן־כליושטש. מ'וועט צוגעווינט צו דער מילחמה, זאָגט סטיאָפּאַ, ווי אַ קראַנקער צו ביטערע רפֿואות, און סי גוט אַזוי. אַבי צו קענען ממיתן די מיגלדיקע דײַטשורעס.

געפֿאַנגען פֿון ליבשאַפֿט צו דעם מענטש, האָט דאָס יינגל נישט געפֿילט ווי אַזוי עס האָט אים אומגעריכט, ווי אַ פֿלאַם, אַרומגעכאַפּט דער חשק ווידער אַרויסצוגיין, צו גלײַך מיט אַנדערע אין מילחמה. ר'וועט אַן מורא זיך שלאָגן מיט די דײַטשע מערדערס פּונקט ווי דער קליינער פּעטיאַ סטיאָ־פּאָס האָט נישט מורא אין פֿראָסט זיך צו וואַרפֿן אין טײַך אַרײַן זיך אונ־טערצוטינקען. די פֿריצעס וואָס הרגענען די אונדזעריקע, דאַרף מען אויך ממיתן! אין אָט אָ דעם באַגער האָט זײַן אויער, זײַן בליק זיך פֿונאַנדער־געשפּאַנט אין דעם טיפֿן בלאָ פֿון דערוואַרטונג.

און די רעכטע שעה איז געקומען. דעמערצײַט האָט מען אָפּגעגעבן דעם באַפֿעל און די טאַנקן, אויסגעריכטע צו דער שלאַכט, האָבן אין פֿינפֿ־טלעך אַרויסגערירט פֿון וואַלד ווו זיי זענען געשטאַנען מאַסקירטע. פּוסט איז געווען דער שטח און אַנטקעגן די מגושמדיקע פּאַנצער־וועגענער האָט פֿון דער ווײַט זיך דערטראָגן אַן אויסגעצויגענער עכאָ פֿון אַרטילערישן געדונער. די ערד איז געווען וואַלדיק ווייך און די צופֿאַלנדיקע נאַכט האָט דעם אַרום פֿאַרוועבט אין אַזאַ טיפֿער שטילקייט, וואָס איז אייגן אַיעדן וואַלדיקן קאַנט.

...נאַכט. די רויפֿן האָבן מיטן שטיקנדיקן געבייזער שוין צעביסן די מאַכיקע וויהאַן־ערד פֿון אַ צעשטערטן בײַפֿראַנטיקן ישובֿ; ווי צעביסן פֿון אוראַלטע גיגאַנטישע חיות האָבן אַקעגן די האָריזאָנטן געשטאַרצט סילועטן פֿון אײַנגעבראָכענע ווענט. אומגעריכט שטוינט איבער די אַנגע־

קומענע פּראָנטקעמפּערס אָן עלנטער, אַליינינקער קוימען אויף אַ הויפּן ציגל. מיט אַ מאָל זענען די שווער־פּויזנדיקע מאַשינען אײַנגעגליווערט געוואָרן אין זייער זידעניש. שטיל. אָן אומבאַשטימט אַפּוואַרטן. אַלע מאַנ־שאַפטן זענען געבליבן אויף די ערטער. ששש! אין גיכן איז געקומען אַ באַפעל פון דער קאָמאַנדע: — גרייט צום געווער! דערלאַנגען פײַער אין רוקן פונעם שונא.

אויגן זענען אויפגעריסן, פּנימער צוקן אין שטרענגער דערוואַרטונג. אַ ווײַלע, נאָך אַ ווײַלינקע. בעת דעם וואַרטן האַמערט די ברוסט און איט־לעכער הערט זיך צו דערצו. ווען ס׳האָט זיך ווידער אַ מאָל געהערט די שטילינקע קאָמאַנדע: זײַן גרייט! (נאָר די הוילע פוסטקייט האָט דערויף אָפּגעבילט) איז ער אומגעריכט אַרויס אין דרויסן, דער קליינער דאָווע. סטיאָפּאַן זענען מוראַשקעס אַדורך איבערן לײַב ווי באַלד ער האָט אים דערזען. ער׳ט זיך געשראָקן פאַרן געשען וואָס סע קען געשען אַצינד מיט דעם יינגל:

„דער קליינינקער וועט כאַפּן אַ גאַב, און ער האָט׳ס פאַרדינט. ס׳איז דיסציפּלין־ברוך! דו ווייסט עס נישט, יינגעלע? — האָט סטיאָפּאַ פאַר אַ ווײַלע זיך צוגעבויגן צום חברהמאַן אַז מ׳זאָל עס נישט דערזען. דעם שמידס פּנים האָט פון אויפרעגונג שטאַרק געצוקט. פאַרן יינגלס פרוון זײַן מזל האָט עס אים געוואָרפן אין פיבער:

„אַ קאַטאָוועסל דיר, אַ נאַכטאַנפּלי, און דאָ האָסטע אַ קינד דערנעבן. דער שונא ליגט פאַרטײַעט מיט גרויסע כּוחות".

אין דער מינוט, וואָס האָט אָקערשט אויף אים אָנגעשטורעמט, וואָלט ער וועלן דאָס יינגל ערגעץ־ווו פאַרשפּאַרן אַז דער קאָמאַנדיר זאָל אים נישט זען. זאָל זיך אַלעמען אויסדאַכטן: ס׳געווען אַזאַ זעונג, אַ פאַנטאַזיע. אָבער דאָווע וויל דווקא גראַד איצט אַרויסקומען מעשה־סאָלדאַט, אַלעמען אויף צו להכעיס. ער מאַכט זיך טאַקע אַרויס פון סטיאָפּאַס הענט. ר׳גיט פלוצלינג זיך אַ שוטעל פאַרן קאָמאַנדיר:

— דער שלאַכטמאַן זוסמאַנאָוויטש איז געקומען זיך שטעלן אין אײַער רשות, חבר קאָמ... ער׳ט נישט געקענט פאַרענדיקן דאָס וואָרט מחמת נערוועזן אָנשטרענג.

— ווי קומסטו דאָ אַהער? — דער קאָמאַנדיר האָט זיך פאַרשטאַמלט פון דער אומגעריכטקייט און שטוינונג. — ווער ט׳דיר דערלויבט!? כּעס האָט אַרויסגעסיקעט פון זײַנע רייד.

אַרום האָבן אַ סך אויגן געבליצט, געשטוינט אין אומזיכערקייט: „וואָס וועט ערשט געשען?"

— מאַ־אַאַאַררררש, אַוועק פֿון דאַנען! — האָט דער קאָמאַנדיר שטיל אַ צאַפּל געטאָן.

— איכ׳ל בלאָנדזשען, — האָט דער קליינער זעלנער זיך פֿאַרעקשנט און אַפֿילו געטרערט אין קול. — חבֿר קאָמאַנדיר, כ׳וויל גיין אין שלאַכט מיט די פֿאַשיסטן, — האָט ער אַרויסגעאיקעט.

— אַאַאַאַררררששש! — איז געווען דער ענערגישער ענטפֿער.

לענגער האָט נאָך צאָרנדיק געברומט דאָס ווידערקול קעגן דער ווי־דערשפּעניקונג וואָס האָט אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ אין סאַמע שפּאַנונג פֿון דעצידירנדיקן פֿאַרמעסט מיט דער אַכזריותדיקער אומבאַוווסטקייט. דאָס יינגל האָט שיער נישט הויך זיך פֿונאַנדער געוויינט פֿון די רעגונגען וואָס זענען אים באַפֿאַלן.

דער קאָמאַנדיר פֿון דער טאַנקן־איינהייט האָט אָפּגעשפּאַנט אָן אַ זײַט, געביסן די ליפּן:

— אַזאַ סמאַרק!

ה

אין דער צעריסענער פֿינצטערניש, אָן אויפֿגעפֿלאַמטע דאָ און דאָרט, איז די שלאַכט־איינהייט וואָס האָט געשטורעמט דעם יישובֿ גע געשטאַנען בײַ אַ טײַך וואָס האָט פֿלייסיק געוואַשן די נאַכטיש פֿאַרמעקטע ברעגעס; די טאַנקן האָבן נישט אויפֿגעהערט צו וואַיען פֿון ראַפּטעם דערוועקטן רוגז, זייערע פֿויסטיקע פֿײַער־כוואַליעס האָבן מינוטנווײַז צעוואַקלט די ערד. אויסגעטשוכעט זיך פֿון די אָפּגערונענע חלומות, האָט דאָווע ערשט זיך צעעפֿנט פֿאַר דעם אויפֿגעבראַוזטן דרויסן. ער האָט דערשפּירט אַ ווײַ־טיק אין שלונג. דאָס האָט פֿאַרדראָס ווי פֿאַרשטאַרטע טראָפּנס אים גע־שטאָכן מיט זודיקע נעגל. דעמאָלט האָט ער געבעטן בײַ סטיאָפּאַן: „לאָזט מיך, טײַערינקער!" מחמת ער איז שוין צו לאַנג געלעגן אין דער טאַנק־קאַבינע און פֿאַרנומען די קאָנווולסיעס פֿון געראַנגל, וואָס איז שוין אָנגע־גאַנגען איבערן ברייטן שטח וואָס ליגט ערשט אין דעם שונאס פֿאַרצוקע־רישע לאַפּעס. דאָס יינגל האָט זיך געשטיקט פֿון שרײַען אין זיך אַרײַן. גלײַך אַ געשווילעכץ, אַ פֿונאַנדערגעגאָסנס איבערן גאַנצן לײַב האָט דער ווייטיק אין אים מיט אַ מאָל זיך אופֿגעלייזט. מחמת אָפּגעשוואַכטקייט איז ער אַרײַנגעפֿאַלן אין דרימל. פֿזשזש־זש! סווו־ווש־זשוש — אַזאַ פֿאַר־ביסענער געפֿײַף פֿון קאַכיקן פֿײַער האָט זיך געהויבן איבער זײַן קאָפּ. אין געפּלעפּטקייט פֿון די אַנטשלאָפֿענע שפּירונגען האָט דאָווע רגעווײַז נישט

אָפּגעפּילט ווו ער געפינט זיך אָקערשט. אָבער די איבערגעשטרענגטע נערוון האָבן אים באַלד צוריקגעוואָרפן צו דער מגושמדיקער וואָר. פון ס׳ניי האָט אים אַ דושע געטאָן די ענגשאַפט פון דער שטאָלענער קאַבינע. שטאַרק געשפּאַנט האָט ער זיך אײַנגעהערט אין דער אָנגעהיצטער שוואַרצקייט וואָס קרויזט זיך אַרום אים, האָט דאָס ייִנגל דעמאָלט פון זיך קוים אַרויסגעקראָגן אַ פרעג:

— ווע־עער קלאַפּט? ווע־עער?

— ששש, — און אומגעריכט דערשפּירט ער אויף זיך אַ האַנט: — איך, זונעלע. סטיאָפּאַס קול האָט ווידער אַ מאָל זיך אַראָפּגעלאָזן צו זײַן אויער־לעפּל: — ששש!

— פאַרטריבן? — האָט דאָווע געפּרוווט אויפהייבן דעם קאָפּ אויף אַרויף פון וואַנען ס׳האָט צו אים געגרייט די גוטע האַנט.

— אַ פּאַהיבעל אויף זיי! אײַנגעשטילט אַ ביסל. מע באַדאַרף נאָך אָפּוואַרטן...

אַן אויגנבליק און ווידער צערווּעט זיך אַ האַרמאַט, באַלד אַ צווייטער, אַ דריטער און אָט האָבן זיך „צערעדט" אויף אַ מאָל מערערע האַרמאַטן. אָט גייען זיי מיט אַ נײַעם שטורעם.

זיי שפּאַרן — האָט דאָווע אַ טראַכט געטאָן און אים האָט זיך אָפּגעריסן דער אָטעם: „דער שונא איז וואַך. מ׳באַדאַרף אים דערשלאָגן." ער׳ט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, אָבער נישט געקענט.

נישט געוואָלט סטיאָפּאַן באַאומרויקן, האָט דאָווע פון ס׳ניי זיך אײַנגעקנוילט. יענער האָט קענטיק דאָס אָפּגעפּילט און ר׳האָט מיט זײַן הייסן הויך ווידער געזוכט דאָס ייִנגל: „ייִנגעלע?" דאָווע האָט דאָס מאָל געמאַכט זיך נישט הערנדיק. דערנאָך האָט זיך צו אים שוין דערטראָגן סטיאָפּאַס שטים ווי זי וואָלט באַגערט עפּעס וויכטיקס דערמאָנען:

— ס׳אַרא רוצחים ס׳זענען די דײַטשורעס! מ׳האָט זיי שוין אַרנטלעך אָפּגעשמיסן, אָבער פאַראַן נאָך חמרים פון די זייעריקע. ווי די מײַז זענען זיי ווי אין אַ שוין אָפּגעראַמטן פעלד נאָכן שניט. דער גאַנצער קאַנט איז ערשט אויסגעלייגט מיט זייערע פּגרים, דאָך כיטרעווען זיי זיך נאָך, די באַנדיטן. מסתמא זיך נאָך פאַרטײַעט ערגעץ. מירן עס מוזן נאָך אויסשפּירן.

דאָווע האָט דאָ זיך שוין אָנגערופן: — זיי שיסן ערשט, סטיאָפּאַ? כ׳הער אַ גראַגערן פון מאָל צו מאָל.

— זיי...? אונדזערע ענטפערן זעלטענער. מיר דערמאָנען נאָר אײנעם קולאַק וואָס איז גרייט פאַר זיי.

— מ׳וועט זיי פֿאַרטרײַבן אויף קלאָר, אַז פֿון זיי זאָל קיין שאָטן נישט בלײַבן, סטיאָפּאַ? — בייגט זיך שוין אַרויס אַ קאַפּינקע דער נײַגיר פֿונעם יינגל.

— מירן זיי שטום מאַכן אין גאַנצן; זיי אײַנקלעמען ווי אַ שטשור אין קליאַטקע, אויב זיי זענען נישט גרייט אַוועקצוגיין מיט די שוין צעקאַליעטשעטע ביינער. דעם טײַך האָבן מיר שוין פֿאַרסירט, קלייניקער. פּאָר אַזאַ שטיקל אַרבעט איז די נאַכט אַ גוטע מאַמע. הערסט? ווידער אַ געוואַי פֿון יענער זײַט ברעג. אומיסטן ענטפֿערן נישט אונדזערע. מ׳ליגט אין די טאַנקן. מ׳באַדאַרף נאָך געפֿינען זייערע פֿײַערנעסטן. מסתּמא נאָך געציילטע היטן די געפּענטעטע לײדיקייט. בינו לבינו נייגט זיך צו סטיאָפּאַ צום דערבײַיִקן טאַנק, פֿרעגט שטילינקע: „ווי מיינסטו — נאָך ווײַט צו טאָג, אַליאָשאַ?״ יענער פֿאַרוואַרפֿט דעם קאָפּ, עפֿנט ברייטער די אייבערשטע קליאַפּע, קוקט צום הימל, אַ פֿאַרזייעטער מיט שטערן:

— „סי נאָך צײַט צו וואַרגן די וועלף, — ענטפֿערט יענער. — דער שטערנבער פֿאַרקירעוועט זיך ערשט״.

כוואַליעס האָבן זיך געפּליעסקעט אָנעם ברעג און מיט געפּליעסק צעבראַזגעט די דומפּע רייד פֿון די לײַט, וואָס ליגן פֿאַרהוילענע אין די טאַנקן.

*

די נאַכט האָט שטיל געזאָטן ווי פּעך אויף אַ שײַטער. סי נישט אײַנצוליגן אין דער היץ פֿון אָפּוואַרטן. פֿאַרהאַרטעוועטע הענט זוכן עפּעס אַ טו צו טאָן, כאָטש די פֿינצטערניש איז טויב און בלינד. אויך דאָווע האָט זיך שוין נישט געקענט געפֿינען אַן אָרט אין זײַן שטאָלענער ענגענישׂ. אים מאַטערן געדאַנקען וואָס קאָכן אין דער ברוסט. ער האָט עפּעס צו פֿרעגן, אָבער מע באַדאַרף נישט פֿרעגן, מאַכט ער אָפּ מיט זיך. אָט אַ לויערט דער שונא; מ׳טאָר זיך נישט אַרויסגעבן ווי אַ צעקראַכענער. מ׳מוז וואַרטן אויפֿן צוריקקער פֿון די אויסשפּירערס — אָבער אין זײַן אומגעדולדיקייט זיך אַרויסצורײַסן פֿון דער קלעם יוירט זײַנע אַ גרויסע דערוואַרטונג. דערווײַל מוז ער אָנהאַלטן די דיסציפּלין וואָס מע מאָנט בײַ אים.

און דאָווע האָט זיך דערוואַרט. סטיאָפּאַ האָט אים פּלוצלינג אַ צופּ געטאָן בײַם קאַרק: „האָרכסט? חבֿרה איז שוין צוריקגעקומען פֿון אויסשפּיר. מ׳האָט געמאָלדן דעם קאָמאַנדיר:

ס׳איז פּוסט און טויב אַרום. ס׳אַנטלויפֿן די פֿײַנד. פֿאַראַן נאָך ווינציקע, מסתּם אויף צו פֿאַרהיטן זייער צוריקצי. אַנטקעגן דעם יענזײַטיקן

ברעג טײַך, הינטער אַ בערגל, איז נאָך אײַנגעגראָבן אַ באַטעריע פֿונעם שׂונא. איינע אַליין וואַיעט זי אויף אונדז. ס׳איז אַן אָנשטעל אַז זיי זענען קלאָמפּערשט אַ סך. אין אמתן איז געבליבן נאָר אַ קליינע מאַנשאַפֿט. נעבן דער באַטעריע שאָטענען זיך געדיכטע פֿלעקן, וו ס׳וואָלטן געלעגן היפּנס מיסט אויף אָנצוקאָרמען די פֿעלדער. אָבער דאָס זענען, קענטיק, געפֿאַ־לענע שוואָבן. איטלעך מאָל שיסן זיי פֿון אַן אַנדער האַרמאַט. אַ פּנים, זיי ווילן אונדז פֿאַרבלענדן מיט זייער פֿילצאָליקייט. און אפֿשר? זיי זענען געווען נאָר אין צווייען אָן בפֿירושן באַפֿעל צו ליקווידירן די פֿאַראַנענע.

— מ׳באַדאַרף אומשעדלעך מאַכן די באַטעריע. נישט עפֿענען קיין פֿײַער, נאָר פֿון דער נאָענט זיך צערעכענען מיט די סוקיני סיני[13], — האָט באַדאַכט זיך אַרויסגעזאָגט דער קאָמאַנדיר, און ר׳האָט תּיכּף שטי־לינקע געפֿרעגט: — ווער, חבֿרה, שטעלט זיך איצט פֿרײַוויליק פֿאַר דעם נײַטיקן אויפֿגאַב?

אַזוי האָט ער זיך געווענדט צו די שלאַכטלײַט וואָס זענען מאַסנהאַפֿ־טיק, אויף באַפֿעל, אַרויסגעקראָכן פֿון די טאַנקן. דער ערשטער האָט זיך אָפּגערופֿן דער פֿענזער שמיד און זיך געגעבן שטײַף אַ שטרעק אויס פֿאַרן פֿירער פֿון דער טאַנקן־בריגאַדע:

— שלאַכטמאַן סטעפּאַן טראָפֿימיטש יעגאָראָוו, חבֿר קאָמאַנדיר — און צוגעשטעלט אַ בינטל פֿינגער צום רעכטן שליף.

— הממ, און ווער נאָך?

דעם און יענעם האָט עס אַ קיל געטאָן דעם שאַרבן, אָבער האָבן לאַנגע רגעס אָפּגעוואַרט אויף נאָכטראַכטן. דאַוון, דעם ווינציקסטן סאָל־דאַט, האָט עס גיכער אַ צופּ געטאָן. זײַנע קני האָבן געציטערט. געקווענ־קלט זיך אַ סעקונדע און ר׳איז אומגעריכט אַרויס פֿון דעם שווײַגן.

— איך... שלאַכטמאַן וולאַדימיר דאַוויד זוסמאַנאָוויטש, חבֿר קאָ־מאַנדיר, — און קוים געקענט זיך האַלטן שטײַף, ווי ס׳קער זיך אָן דער זעלנערישער פֿאָרעם.

אין דער מינוט האָט אַ טעמפּע שטילקייט ווי אַ באַרג האַרט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער שערענגע אַרמייצעס.

„דו?" — האָט דער ציטעריקער פֿרעג געהאַמערט איבער אַלעמענס שלייפֿן, טראַכטנדיק וועגן דעם קליינינקן דאַווע. דאָס וואָרט, אַ נישט דערזאָגטס, האָט גענומען שטאַרק וויברירן אין דער לופֿט: „ע־ער — —"?

---

[13] צויגן־זין (רוסיש).

אָבער סטיאָפּאַ יעגאָראָוו האָט בײַ אַלעמען אַרויסגעכאַפּט דאָס וואָרט וואָס האָט געדאַרפט געזאָגט ווערן:

— ער, ער וויל גערן נוציק זײַן, חבר קאָמאַנדיר.

ווידער האָט ער אָפּגעשוויגן און די שערענגע, וואָס האָט גערעדט מיט סטיאָפּאַס מויל, איז פֿאַרגליוועט געוואָרן אין ווײַטערדיקן שטורמישן וואָרטן.

— איך אויך, חבר קאָמאַנדיר! — האָט נאָך עמעץ זיך אַרויסגעבראָכן

— שלאַכטמאַן וואַסיל פּיעטוכאָוו.

— אויך איך בין גרייט, — האָט נאָך ווער זיך אָפּגערופֿן.

אין דער צעשוווּמענער טונקלקייט האָט אַ קליינע גרופּע זיך אויסגע־שטעלט אַקסל צו אַקסל און דער ייִנגסטער סאָלדאַט צווישן אַלעמען. אויך דאָווע.

דער קאָמאַנדיר איז זיך דורכגעגאַנגען איבער דער ריי פּרײַוויליקע, געקוקט זיי אין די פּנימער. דערנענטערנדיק זיך צו דאָווען האָט ער אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויף זײַן אַקסל:

— ס'וועט זײַן אַ חרפּה, אויב דו וועסט וויינען, — האָט דער עלטסטער אים גוטמוטיק געוואָרנט.

— יעסט, נישט וויינען, חבר קאָמאַנדיר, — האָט זיך געהערט דער דײַטלעכער ענטפֿער פֿון קליינינקן סאָלדאַט.

— מיט הצלחה, חברים, — האָט דער קאָמאַנדיר פֿאַרענדיקט דעם באַפֿעל דורכצופֿירן די געפּלאַנטע אַקציע קעגן אַ לעצטיקער שלאַכטפּאָזי־ציע פֿון אָפּטרעטנדיקן שונא.

*

סע הויערט אַ ברייט פֿונאַנדערגעאָסענער חושך. כאָטש שטעך זיך אויס די אויגן. דער אַרום האָט דאָווען אַ זשום געטאָן איבער די אויערן־פּײַקלעך. ער האָט רעכט קיינעם נישט געהערט. דאָס ייִנגלשע זעלנערל האָט געפֿלאַקערט אָט שוין אַ פֿלי צו טאָן דערשטיקן די דײַטשורעס. אַ צעטומלטער געקוקט אויף סטיאָפּאַן, האָט אים זיך אויסגעדאַכט אַז יענער נעמט אים אָקערשט פֿירן בײַ דער האַנט. סטיאָפּאַ האָט אָבער אַ שפּאַן געטאָן אין שטילן מאַרש. דאָווע האָט באַלד זיך נאָכגעצויגן הינטער אים, נאָכגעגאַנגען ווי אין היפּנאָז. נאַכט, און אַ שטומער געפּליסטער האָט זיי באַגלייט. צוגעקומען צום פֿלאַכן טײַכברעג, האָט סטיאָפּאַ אַ רגע זיך אָפּ־געשטעלט, אַרײַנגעקוקט דעם קליינינקן אין די אויגן, צוגעלייגט די האַנט צום מויל: „שאַ! באַנומען?" נאָר מיט אַ קאָפּשאָקל זיך דורכגערעדט און שטילינקערהייט תּיכּף זיך אַרײַנגעגליטשט אין וואַסער, באַזאָכט גענומען

ליגן קלאַפּטערס. ווי זײַן טאָפּל־געשטאַלט האָט סטיאָפּאַ באַלד געשפּירט דאָס ייִנגל נעבן זיך. ווי אַ גומי־באַלעם האָט דער קלייניקער גרינג זיך געשאַרט איבער די כוואַליעס און נכנע זיך צוגעקוליעט צום פֿײַנדלעכן ברעג.

אין סאַמע בויך פֿון אַ טויוואַלקן, אין דער נאַסער טונקל וואָס צווישן נאַכטיקע גראָזן, האָט אַ קאָפּ זיך צוגעבויגן צו אַ קאָפּ, עפּעס געשושקעט; פֿון גראָז אַרויס האָבןביידע אויסשפּירערס געקוקט אין דער ווײַט, דורכ־געשטאָכן די אויפֿגעשווידערטע פֿינצטערניש. שטיל. פּוסט. דערנאָך זענען זיי, פּויזנדיק, זיך פֿונאַנדערגעגאַנגען אין באַזונדערע זײַטן. אָפּגעשטעלט זיך, איז דער קלענערער געבליבן שטאַרן אין שאָטן פֿון אַן עלנטן קראַ־פּעווע־קוסט. פֿון דאַנען האָט ער מיטן בליק געשפּיזט צום אָפּגעמשלטן בערגל, פֿון וועלכן סע פֿלעגט פֿון מאָל צו מאָל זיך אויפֿהייבן אַ סוויש־טשענדיקער פֿײַער־בעזעם.

אָפּגעשמועסט — ר׳זאָל דאָ וואַרטן, דער יונגער שלאַכטמאַן. אָבער ס׳האָט לאַנג גענומען דאָווּעס וואַרטן. אינעם ייִנגל האָט ס׳בלוט אויפֿגע־צוקט, אַלאָ באַלד האָט עס אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַן אַנגסטיקייט.

...סוף־כּל־סוף האָט זיך דערהערט דער אָפּגעשמועסטער צייכן: אַ ביקסן־שאָס, אַט אַ צווייטער און צום דריטן אַ „הורררראַאַאַ!" ס׳הייסט, נישטאָ דאָ שוין קיין לעבעדיקער דוך פֿון די שוואַבישע מיאוסקייטן. דאָווע האָט דערקענט סטיאָפּאַס גאַרגלדיקן געשריי אין דעם הורררראַאַ, אויף וועלכן ר׳האָט לענגער אַרויסגעקוקט. אויפֿגעכאַפּט זיך דעמאָלט דער יונ־גינקער סאָלדאַט, האָט ער, קריכנדיק צו ערשט אויף אַלע פֿיר, זיך דער־נענטערט צו אַ הייפֿל שוואַרצע גולמס וואָס האָבן געדעקט מיט דער שײַן פֿון טיף־גראָען בלעכענעם הימל, געטײַטלט מיט שרעקהאַפֿטיקע דלאָניעס אין די אומבאַוווּסטע ערגעצן.

האַרמאַטן! בסך־הכּל זענען דאָס אויסגעלאָשענע האַרמאַטן. פֿיבערנדיק פֿון אַ פּלוצלינגער אינערלעכער קעלט, האָט דאָס סאָלדאַטל זיך אַנגעבויגן צום ערשטן פֿון די גליווערנדיקע מחבלים און מיט אַ שטעכעניש אין די שפּיץ פֿינגער לויז געמאַכט דעם אַנלאָדער פֿון דעם ריזיקן הויפֿן שטאָל — ווי מ׳האָט אים אין דער געשווינד געהאַט אַנגעזאָגט: — גיך־גיך האָט ער אַראָפּגעדרייט דאָס שלאָס פֿון האַרמאַט. ווי אַ שאָטן האָט ער באַלד גענענט צום צווייטן פֿון די אַנגעלויערטע געשפּענסטער. אויך דאָ אַראָפּ־געשרויפֿט דאָס שלאָס, ווײַטער־צו — דאָס זעלביקע. אַנגעשטויסן זיך דערנאָך אויף אַ שמאַטיקער ווייכקייט, האָט עס אים דערשראָקן. אָבער

בישקשה, האָט ער ברוגז אַ מורמל געטאָן — אַבי זיי זײַנען שוין נישט פֿאַרריסן... דאָס זענען געווען געפֿאַלענע זעלנערישע לײַבער וואָס דער אַנטרונענער שונא האָט איבערגעלאָזן. דאָווע האָט דערפֿון בעת־מעשׂה דערשפּירט אַן אומגעריכטן איבל. דאָך איז ער דאָס אַריבערגעשפּרונגען ווי אַ שטרויכל־גרוב און פֿון ס'נײַ צעשרויפֿט, צעגלידערט נאָך אַנדערע אַנטשוויגענע האַרמאַטן. אָפּגעטון, האָט ער פֿלײַסיק זיך צוריקגעקערט צום טײַך מיט אַ זאַק האַרמאַטן־גלידער. נעבן דעם צעוואַקסענעם דאַרנקוסט, צווישן בײַבערגיקע שטיינער האָט ער, ווי אָפּגעשמועסט, שוין געוואַרט אויף סטיאָפּאַן. סטיאָפּאַ איז מסתמא אַוועק ערגעץ ווײַט, — האָט געטראַכט דער יונגער זעלנער אין אַקציע פֿון דער קעמפֿנדיקער אַרמיי. אָבער דאָווען איז גיך געוואָרן לאַנגווײַליק. זומפּיק קוואַקען זשאַבעס, סע גרילצן גרילן און אָט איז געפֿאַלן אַ שטערן קיל און גרין. אָ, וואָס האָט אָט־אָ אַ פֿלאַטער געטאָן אין דער לופֿט? ניין, דעם קאָפּ וועט ער אַצינד נישט אַרויסשטעקן פֿון הינטערן דאַרנקוסט. „האָב אַ קאָפּ פֿון אַ פֿוקס און אַן אויער פֿון אַ האָז, וועט דיר זײַן וואויל. מילחמה איז דיר נישט קיין פּאַדקאָווע!" האָט ער זיך דערמאָנט סטיאָפּאַס זאָג, ווען ער'ט אין זינען געהאַט אים צו וואָרענען פֿאַר סכּנות אײדער ער גייט אין אַ קריג־אויפֿגאַב. ער וועט אים טאַקע פֿאָלגן אויך אַצינד — — ר'איז אַ גוטער, דער סטיאָפּאַ.

„האָו, האָו־אָוווּ!" — ס'איז אַ הינטישער געוואָי, אָבער דאָס מאָל איז עס אַ נאָכגעשפּעט בילן. ער דערקענט שוין. ס'איז ווידער סטיאָפּאַ. אויך דעם סימן האָט ער אים אָנגעגעבן פֿאַרן דערווײַטערן זיך פֿון אים. ערשט קומט ער צוריק מיט די אַנדערע באַיצעס. דאָווע האָט אויפֿגעהויבן ביידע הענט צום מויל, צוויי פֿינגער אַרונטערגעלייגט אונטערן גומען און — נאָכן אַרויסלאָזן אַ לענגערן פֿײַף האָט ער זיך אַ יאָג געטאָן צו סטיאָפּאַן; זיך געלאָזן לויפֿן נאָכן ווידערקול פֿון יענעם האַווקען.

„אָ, דו?" האָט סטיאָפּאַ אים באַלד באַגעגנט און דעם שמידס פּנים איז געווען מער אָנגעצונדן ווי געווײנטלעך. מיט זײַן פּנים האָט סטיאָפּאַ אַצינד דורכגעגליט די הויערנדיקע נאַכט־פֿינצטערניש. דאָווען האָט עס צו מאָל אויסגעוויזן ווי אַ האַרבסטיקע לבֿנה, גאָר־גאָר טריברויט; אפֿשר איז די קאָליר פֿון פּנים געווען ווי פֿון אַן אויסגעגאָסן איי־געלעכל, ווען ער האָט צו אים געגלענצט און געוואָרן גרויס, גרעסער. ס'איז געווען באַ־שײַמפּערלעך אַז אָקערשט האָט ער אויסגעשטראַלט נצחון. אויך זײַנע שטאַרקע ציין האָבן געשימערט אין אַ בולטן שמייכל.

— סי גוט אַדורך, ייִנגל? — האָט אין דער געדיכטער טונקלקייט דער אַפּוטרופּס געזוכט דאָווס מינע.

— גוט, סטיאָפּאַ, — האָט ער געענטפֿערט און אין ייִנגלשן סאָלדאַט האָט דאָס האַרץ האַסטיק אַ צאַפּל געטאָן.

ו

— — — ווידער אַ נײַער באַפֿעל: באַיצעס, געקומען ערשט די צײַט צו גיין אין די סליאַדן פֿון די אָפּטרעטנדיקע חיילות. זײַט גרייט! מע מוז זיך שטעלן צום אָנגריף!

די טאַנקן־בריגאַדע האָט נאָך אין דער זעלביקער נאַכט דורכגעריסן די ווײַטערדיקע פֿײַנטלעכע פֿאַרפֿעסטיקונגען. די שפּאַרנדיקע טאַנקן־קאָלאָנע האָט געעצּפּנט אַ וועג פֿאַר די אַנדערע שלאַכט־פֿאָרמאַציעס וואָס האָבן בײַם אָניאָגנדיקן טאַנקן־פֿײַער געשפּאַנט פֿאָרויס. אַן אײַנגעבראָכענער, איז דער פֿאַרפֿאָלגטער דײַטשישער מאַסיוו געלאָפֿן העט אַראָפּ צו מערבֿ און נאָך זיך געלאָזן גרויסע וואָפֿנס. דאָס פֿײַער פֿון די אָנגרײַפֿערס האָט אימפּעטיק נאָכגעוואָיעט די אַנטלויפֿערס; אַנדערע טיילן פֿון אײַנגעבראָכענעם שונא האָבן אַפֿילו גערן זיך איבערגעגעבן אין געפֿאַנגענשאַפֿט.

ערשט טראָגט זיך שוין אין איינעם פֿון די טאַנקן דער סאָלדאַט דאָווע זוסמאַנאָוויטש, דער ייִנגסטער פֿון דער זעלנערישער מחנה. ער גייט שוין אין שלאַכט בײַנאַנד מיט דער אָפֿענסיווער אַרמיי. ער׳ט זיך זעלנעריש געהאַרטעוועט. ער שפּירט זיך גליקלעך צו האָבן די האַרבע פֿאַרגיטיקונג פֿאַר זײַן שטאַרק פֿאַרוווּנדיקטן יונגן לעבן, צו קענען צו גלײַך מיט די מערסטע גיין פֿאַרטיליקן די דײַטשישע עקדישן. דאָווע פֿילט זיך שוין אַ דערוואַקסענער; אין אים קלאָגט מער נישט די ייִנגלשע בענקשאַפֿט צו דער היים וואָס איז געבליבן זיך צאַפּלען אויפֿן הענגעדיקן צאַפּ פֿון שטיקנדיקן רויך. אָצינד ווייסט ער קלאָר: מ׳באַדאַרף נאָך אַ סך, מ׳באַדאַרף אַלעמען, אַלעמען דאָרט באַפֿרײַען פֿונעם פּחד וואָס עס האָט אומעטום אויסגעשפּרייט דער בעסטיאַלישער שונא. מ׳מוז זיך אײַלן אויסצורייכערן די שלאַנגען פֿון די נאָרעס. זיי האָבן זיך דאָך טיף אײַנגעגראָבן אין די טראַנשייען. מ׳מוז זיי טרײַבן אַן אויפֿהער. דאָווע האָט גענומען חלומען אויף דער וואָר, דערפֿון אויך שטיל אַרײַנגערעדט אין זיך:

„איך וועל מער נישט אַראָפּדרייען די שלעסער פֿון פֿײַנטלעכע באַטערייעס״. דאָס האָט ער אַפֿילו כּלאחר־יד נישט ניחאדיק דערנאָך צוגעוואָרפֿן אַליאָשען, דעם האַרמאַטן־אָנצילער פֿון דעם טאַנק, אין וועלכן ער האָט אין האַרטן רויש נאָכגעיאָגט דעם צעטומלטן שונא. ס׳האָט אים נאָך געמאַטערט דער געדאַנק אַז ס׳איז נישט דער עסק פֿאַר אַ שלאַכטמאַן זיך

צו שלעפּן מיט טיילן פֿון אַ חרובֿן האַרמאַט וואָס דער פֿײַנד האָט איבער־געלאָזן אין אימה פֿאַר אַ טויטקלאַפּ. טויט אײַזן, צו וואָס? ממיתן באַדאַרף מען די דײַטשורעס וואָס זענען זשעדנע נאָך מענטשיש בלוט! בדרך־אַגבֿ האָט דאָווע דער סאָלדאַט, מקנא געווען סטיאָפּאַן פֿאַר זײַן האַרטהאַרציקייט. ער האָט דאָך אין יענער נאַכט מיטן באַגנעט דורכגעעקבערט די רוקנס פֿון די שוואָבן, וואָס זענען אין דער רגע פֿון זײַן איבערפֿאַל אויף ער איינצלנער פֿײַנטלעכער באַטעריע געווען פֿאַרטאָן אַקוראַט בײַ די האַר־מאַטן ווידער צו שיטן פֿײַער אויף אונדז... דאָווע האָט בשעת־מעשׂה נאָכגעטראַכט צי ער גופֿא וואָלט אויך געקענט טאָן אַזוי ווי דער גוטער סטיאָפּאַ. אין זיך, אין האַרץ האָט ער צו מאָל זיך געוואַקלט צי ער וואָלט געקענט טאָן אַזוי ווי דער שמיד — — איז דען נישט מער אָנגעלייגט צו זען זיי לויפֿן ווי שיכּורע, די דײַטשורעס, ווי אונטערשאָסענע האָזן; אַז זיי פֿאַלן אין וועג פֿון אונדזערע קלעפּ? ער האָט אומגעריכט געגומען מעדיטירן: „אַזוינס, באַהאָגלען זיי מיט פֿײַער, ווען זיי אַליין וואַרפֿן פֿײַער אויף אונדז, דאָס וואָלט מיר מער געפֿעלן. אַזוי אָ, מיט דעם באַגנעט אין דער האַנט פֿאַררוקן אין די לונגען, איז עפּעס, כ׳ווייס נישט ווי זיך אויס־צודריקן. געבן זעלנערישע קלעפּ, איז מענטשלעכער. וואָרן דער מענטש מוז זיך פֿאַרטיידיקן, אויב מ׳גייט אויף זײַן לעבן. דערלאַנגען זיי קלעפּ מיטן מאַשינגעוועער צי מיטן האַרמאַט איז אויך בעסער ווי דאָס שלעפּן זיך אין אַ זאַק מיט שטיקער אײַזן, אין וועלכן ס׳איז געלעגן דעם שונאס כּוח — — דער קליינער זעלנער האָט לענגער אַזוי געטראַכט אין זײַן גרויסער מידקייט. ערשט באַדאַרף מען רעכט דורכנישטערן אַלע ערטער ווו זיי זענען נאָך פֿאַראַן, די שוואָבן, — האָט ער איבערגעחזרט סטיאָפּאַס דעה. נישקשה, מיר וועלן דערגיין ווו זיי באַהאַלטן זיך נאָך אויס, די מיגלדיקע טכויערס.

שמאָלפּלייציק ווי ער איז, אין אַ זעלנערישער כאַקי־בלוזע איז דער זעלנער דאָווע פֿאַרוויגט אין הוקנדיקן טאַנק, אָבער ער ווערט באַלד פֿאַר־טראָגן אין אַ פֿריש אָנגעוועבטן חלום:

אין אַ פֿינצטערער, בלינדער נאַכט רײַסט ער זיך דורך אַ פֿאַרשוויצ־טער, אַ פֿאַרשטויבטער, אַ פֿאַלנער שלאַכטמאַן, איבער דער פֿײַערליניע. ער דערגרייכט אײַנגעשלעפּערטע שטעט און דערפֿער, קריגט זיך אַרײַן אין פֿאַרפֿאַנצערטע באַהעלטענישן פֿון די דײַטשישע עקדישן, מאַכט זיי שטום מיט אומגעריכטע קלעפּ. נייִן, ער הרגעט זיי נישט מיט פֿײַער אָדער מיטן באַגנעט. בלוט שוידערט אים אויף. ר׳דערלאַנגט נאָר אַ זעץ מיט דער קאָלבע פֿון פּיסטויל. זייערע טויטע קעפּ האָט ער אויף דער גיך אָפּ־

געציילט, דאָך האָט ער זיך אַוועקגעאײַלט, ווײַל ר'האָט נאָך געהאַט עפּעס פֿון זיי צוצוטראָגן אין שטאַב ווי אַ וויקטאָריע טראָפֿיי:

— נאָט, חבֿר קאָמאַנדיר, ס'איז שוין געקומען צו ענד מיט די דײַטשישע מערדערס! איך האָב נאָך אַזוי פֿיל אָפּגעציילט, אַראָפּגעריסן זייערע שלײַפֿעס, ציילט אָפּ, חבֿר קאָמאַנדיר. פֿאַראַן אָבער מערערע. אלא נישט כּדאַי אַזוינע מער צו נעמען אין חשבון ווי פֿײַנד. ווי טראָפֿייען ציילן זיך אין ממשות די געפֿאַלענע קעפּ פֿונעם שונא. אָבער צוריק געשמועסט, חבֿר קאָמאַנדיר: דער שטיקנדיקער אומריח פֿון בלוט, פֿון טויטע דערלאָזט נישט צו פֿיל זיך צו פֿאַרנעמען מיט דעם מיסט. האָט נישט קיין פֿאַראיבל, חבֿר קאָמאַנדיר — —

דאָס הודזשען פֿון גייענדיקן טאַנק אין מיטן דער גרויסער טאַנקן־בריגאַדע האָט דעם יונגינקן סאָלדאַט שווער אײַנגעוויגט. און האָט ער זיך איבערגעוועקט אַנטקעגן דער וואָר, האָט דער קליינער זעלנער דאָווע זוס־מאַנאָוויטש פֿײַנלעך דערשפּירט ווי אַ שאַרפֿער אומעט טונקלט אָן זײַן גאַרן חלום פֿון טויט, פֿון אַזוי פֿיל טויטן. ערשט יאָגן זיי זיך נאָך אים, ווילן אים דערווערגן, אויף תּמיד אײַנשלעפֿערן, ער זאָל מער נישט דאַרפֿן טראַכטן דערפֿון, דערמאָנען דאָס געזעענע אין די סאַמע גרוילן.

1952

צווישן באַרג און טאָל

יחסניש, מיט צירלעך־שטילע ווײַסע מויערלעך און רויטע דעכער ליגט די שטאָט אַנטקעגן די שטאָלצע, גרײַזע בערג די — — אַלאַ־טאַיעי — אָבער מיאוס, פֿאַרשטויסן איז איר טאָל, וועלכער איז ווײַטלעך אָפּגעוואָרפֿן פֿון דער שטאָט. און ווי אויף צו להכעיס ליגן איינע אַנטקעגן די אַנדערע: אַדרבא, זע!

צעגאָסן קלעפּיקע בלאָטע — אַ פּוס נישט אַרויסצושלעפּן — איז האַרבסטצײַט דער טאָל פֿון שטאָט; אום פֿרילינג יערט די בלאָטע איבערן ברייטן טאָל, מאַכט שווימען אויף זײַנע איבערפֿלאַכן די נעבעכדיקע הײַזקעס, וואָס זענען דאָ צעזייט מיט פֿאַרזונקענע שיטערע פּלויטלעך, ווײַס־געפּלעקטע, פֿויל־גרינע אַלטע פֿאַרקאַנדלעך. זיי צאַמען נאָר אָפּ שטיקער פֿונעם ווײַט פֿונאַנדערגעשפּרייטן עלנט. פֿון דעם אָ בלאָטע־טײַך קען אַ מענטש גרינג זיך נישט אַרויסקריגן. זעלטן אַ פּאָר אויגן טונקען זיך אָפּ פֿון אינעווייניק אין אַ סומנער שויב; אַ נײַגיריק פּנים הענגט מטושטשעדיק אויף גלאָזיקער קאַלטער פֿלאַך פֿון נידעריקן פֿענצטערל. אַ פֿאַרמישפּטקייט דריקט אויף דעם שווײַגן פֿון די לײַט אין טאָל. ממשותדיקער תהום ליגט דאָ צווישן די פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע הײַזקעס. שכן פֿון שכן איז כמעט ווי אָפּגעריסן. פֿון דאַנען מוז אַ מענטש זיך אַרויסשיפֿן אין טיפֿע שטיוול — אויב ער פֿאַרמאָגט אַזוינע, אַנישט זענען גוט אויך שטיקער שמאַטע, אַרומגעשנירטע מיט אַ שטריקל ביז העכער די קנעכל; ער דראַפּעט זיך האַרט בײַ די פֿאַרקאַנדלעך, זוכט מיטן פֿוס און מיט די בליקן ערגעץ אַ פּיצל האַרטן אָנשפּאַר פֿאַר זײַן צעוואַקלטן טראָט. דער מענטש מוז שפּרינגען צו אַ שטיין, אַ שטיקל ציגל וואָס אַ דערפֿינדער אַזאַ, אַ קלוגער, וואָס איז פֿריִער שוין דאָ דורכגעגאַנגען, האָט עס געוואָרפֿן פֿאָרויס פֿאַר זיך.

ווי אַ געדיכטע שלײַמיקע אָזערע שפּרייט זיך די בלאָטע אונטער די געלעכערטע הימלען וואָס פֿלייצן־רינען אימפּעטיק, ווען עס קומט דער זמן פֿון רעגנס. געגעענט דער זומער, ס׳נעמען שעמעוודיק זיך חנדלען די צעוועקטע ביימער און פֿון די לאַנגאָניקע טומאַנען אַנטפּלעקן זיך בולט די תמיד פֿאַרטראַכטע אָדער ברוגזע בערג. דעמאָלט גייט די זון אַרויס באַקוקן אירע נחלות. און מיט אַ מאָל שרומפּן אײַן די בלאָטעס. זאַמד־געשרומפּענע לישײַעס אַנטפּלעקן אויף דער ערד פֿון טאָל אַ מאַט־פּנימדיקן שטיין, דאָרט אַ ברעקל האָלץ וואָס אַנומלט געלייגט פֿון זיכערקייט

וועגן פֿאַרן פֿוס, וואָס גליטשט זיך סכנותדיק אין צײַט פֿון יערעניש. נאָר אום ווינטער רינצלען די בלאָטעס פֿון טאָל, אָבער שפּעטער ווערן זיי שטײַף, שפּיציק ווי דאַרע גרודעס, אָנגעפּאַראָשעטע פֿון שניי. נאָר דער שווײַגעוודיקער הימל שטוינט איבער זיי.

גלײַך אַ דאַך איבער דער ערד ווערט דעמאָלט דער הימל אָנגעבויגן צום קאַלעמוטנעם טאָל. אין דער אַ צײַט איז ער בלײַיִק קיל, דער הימל, אַמאָל אויך גרין, אַקוראַט אַן אויסגעלויכטענער בעלמעבליק; אַן אַנדערש מאָל איז דער הימל ווידער גראָ, גליוועררדיק ווי אַן אומגעהייערע כמאַרע־פֿויסט. אַ גרייטע אָט־אָט זיך אַראָפּצולאָזן, אומרחמנותדיק דריקן אויפֿן געמיט און אָנטרײַבן אויף דער נשמה אַ שנײַדיקן געוויין. ס'איז מאָדנע די טבֿע פֿון דעם טאָל.

*

פֿאַר אַ שטיקל צײַט הייבט זיך אויף איבערן טאָל דער הימלדאַך אַ פֿאַרחידושטער און פֿאַרגייט זיך ליידיקגייעריש העט, העט איבער די ווײַטן. דעמאָלט קענטיקט זיך אַרויס דער פֿרילינג, אַן אָנגעקומענער צו גאַסט פֿון די צעוועקטע מידבריותן. דערנאָך זעצט זיך אַראָפּ איבער דער געגנט דער דויערנדיקער, דושנער, בלענדיקער זומער און ער פֿאַרטרײַבט ווי־דער דעם מענטש פֿון טאָל אין זײַן בידנער הײַזקע אַרײַן. אמת, דעמאָלט שטרעקט ער ענדער אַרויס דעם קאָפּ אין דרויסן.

אום זומער וואַקסט דאָ שווערער זאַמדשטויב. דעמאָלט געדײַען אויך פּאַפּשוי־אינדזעלעך אויף דער אײַנגעטריקנטער ערד, גרויס־בלעטערדיק שפּרייטן זיך נידעריק איבער די צעגראָבענע בייטן מאַכטיקע דינ־יע־קעפּ, וואָנציקע ריבן־וואָרצלען און זעלטענע קאַרטאָפֿל־קזשאַקלעך. אָבער אום זומער מוז מען דאָ אויך שפּרינגען אויב מ'גייט אַרויס פֿון דער קיביטקע, אלא דאָס מאָל איז דאָס שפּרינגען שוין צווישן אָנגעפּוישטן פֿרישן גרינ־וואַרג וואָס פּלאָנטערט זיך אונטער די פֿיס. יעדעס ברעקל ערד, אַפֿילו דער שמאָלער ערדפּאַס פֿאַר דער שוועל, ווערט פֿאַרזייט מיט עפּעס, אַבי דער בראָק ערד איז נאָר אונטער דער האַנט.

*

פֿון ליימיקער בלאָטע געמישט מיט צעריבענעם שטרוימיסט זענען אויפֿגעשטעלט די שטיבלעך פֿון טאָל אין אַלמאַ־אַטאַ. פֿון דער בלאָטע גייען אויף אויך זײַנע קליינע גערטנדלעך; פֿון בלאָטיקן געמויזעכץ וואָס כּפֿלט זיך אין טאָל, שפּאַרט אַרויס אין איטלעך הייפֿל דאָס שטעלעכל פֿאַרן חזיר און עטלעכע עופֿות, וואָס האָדעווען זיך הינטער די שטאַכעטן־פּלויט־לעך. אַן אייזל האַלט מען הינטערן פֿענצטער צוגעבונדן צו אַ סלופּעקל.

דעם אייזל מוז מען תּמיד האָבן אויפֿן אויג, אַפֿילו אין שלאָף קוקט מען אויף אים. ווײַל אין אומרו פֿאַר אַ גנבֿה ציטערט אויף דאָס בלוט אין די אָדערן. מחמת אַוועקפֿירן אַזאַ געדולדיק באַשעפֿעניש איז פֿון די גרינגסטע זאַכן, אָבער מייסטנס איז דער אייזל „דער פּרנסה־געבער" פֿון דער שטוב, מחמת ער איז דער שווער־אַרבעטער. ער שלעפּט אַרײַן אין קיביטקע דאָס גערעטעניש פֿון דעם צוגעטיילטן ערד־חלק וואָס ליגט אין דער ווײַט פֿון סטעפּ. דער אייזל איז אויך דער געטרײַער באַגלייטער פֿון די הויזמענטשן אין זייערע נסיעות איבער די לאַנגוויַליקע מרחקים; ער פֿאַרבינדט אויך די לײַט מיט די קרובֿים וואָס ווינען העט ווײַט אין דעם פֿונאַנדערגעצוי־גענעם מידבריותדיקן סטעפּ וואָס אַהינטער די בערג וועלכע שאָטענען אָפּט אָן גאָר שווער די הימלראַנדן.

*

גאַהווהדיק קוקט אַראָפּ צום טאָל די שטאָט וואָס איז רײַך מיט באַרג און צעסדרט מיט ווײַסע הײַזער און הימלשפּאַרנדיקע טאָפּאָלן. מיט סאָ־לידן טומל ריזלען די הויך־קלעטערנדיקע געפֿלאַסטערטע גאַסן וואָס זענען נכנע דער באַרגיקייט פֿון דעם מאַכטיקן אַלאַ־טאַו.

שטאַרק אומהיימלעך איז דער טאָל אַנטקעגן דער כּמו־שטילער שטאָט אַלמאַ־אַטאַ, דער קרוין פֿון קאַזאַכסטאַנער מידבר. דאָך... אָן אָנהאַלט האָט דער תּושבֿ פֿון טאָל אין רייצנדיקן געלוסט צום פֿעמן־שעפּסנפֿלייש, דעם קיורדוק און צום שאַרפֿן ווײַן. אויך צו גוטע שטיוול און אַ לעדער־נער קורטקע לאָקט שטאַרק דעם קאַזאַך, ווײַל דאָס זענען בולטע סימנים פֿון יוסטקייט. די אַ זאַכענישן קען מען אויסבאַהאַלטן אין געשמידטן קופֿערט און גאָר־גאָר ווערטיק זענען זיי אין די אויגן פֿון די טאָלמענטשן. דאָס גלײַכן וואָרעמט בסתר אויך די לוסט צו צאַרסקע גאָלדרובלעס, וועלכע מע פֿאַרגראָבט אין דער ערד אין אָן אײַזערנעם טאָפּ. און האָט מען אַזיינע חזירלעך [1], וועלכע מ׳קען קויפֿן בשתּיקה, איז אַוודאי כּדאַי צו האָפֿן אַז... וואָס סע מיינט דאָס האָפֿן, קלערט מע נישט אַ סך, נאָר סע שלאָפֿט זיך בעסער. מען אַרבעט ווײַטער אין ציגלזאַוואָד, אין ווײַנקעלטער און אין דער גאַרבערײַ, מחמת אַרבעטן מוז מען. אַרבעט איז אַ הויכער כּבֿוד אין די אויגן פֿון פֿאָלק און פֿון זײַנע פֿירערס, בפֿרט איז עס אַ בטיחות נישט צו קריגן דעם חרפּהדיקן נאָמען פֿון אַ פּאַראַזיט. יודעי־חן, באַזונ־דערש גאָר־גאָר נאָענטע ווייסן אַז דעם עיקר־אויסקומעניש זוכט מען אויף דער באַראַכאָלקע [2]? אַלע מאָל זוכט מען עפּעס זײַטיקס... מע טוט

---

[1] צאַרישע גאָלד־רובלעס.
[2] אַלטוואַרגמאַרק.

כל התפעלות עס זאָל זײַן וואָס צו באַגראָבן אינעם טאָפּ־אוצר. דעמאָלט גיט מען זיך אַ מאָל נאָך דעם חשק אַזאַ גוטער טרונק און אַ פּרעס זאָלן דער־פרייען די נשמה. וויַנטער, דער שניי פּאַרדעקט אַלע טונקלקייטן, רופט מען שטילינקערהייט אַהיים צו זיך די פריילעכקייט. מ׳טונקט דעמאָלט די וואָנ־צעס אין דערהיצנדיקן בראָנפן און מע קוויקט זיך מיט פּאַרלויפּעניש וואָס ווערן בשעת־מעשה ווידער און אָבער אַ מאָל פונאַנדערגעשפּרייט אויף טעלערלעך. מ׳עסט פֿלײַסיק צווישן אייגענע און פּאַרטרוילעכע. מע זשלאָ־קעט וואָדקאַ און מע טרערט צו מאָל אויפן קאָפּל פריד וואָס מ׳האָט נאָך דערלעבט: „עך, ברודערקע!״ פאַלט איינס אויף ס׳אַנדערע אויף די אַקסלען, אויף די באַקן און מע צעקושט זיך. אין מיטן דערינען כאַפּט זיך עמעצער מיט דערשרעק: — פּאַרגעס זיך נישט, דאַראָגאַי! האָסט רעכט דעם לאָדן פּאַרמאַכט. גוט פּאַרשטעלט?! די טיר כאָטש פּאַרשפּאַרט אויפן שלאָס? דער עיקר — ששש... גאָט באַהיט, אַ בייזע צונג זאָל אונדז דאָ נישט האָבן דערווישט זאַלבענאַנד.

*

זשעדנע באַלעבט איז דער גרויסער טאָל צופֿוסנס פון שטאָט. דאָ האָבן זיך פּאַרוואָרצלט דערעיקרשט די וואָס האָבן זיך אַהער צו אַראָפּגע־לאָזט פון הונגעריקן סטעפּ און די „פּאָ זאַקאָנו״ פּאַרשיקטע אויף געצווונ־גענעם גלות. די אַלע זענען פּאַרדעכטיק־גיריק, דערשראָקן־אומגלייביק און קיין מאָל שפּירן זיי זיך נישט גענוג אָנגעזעטיקט. אַרויסגעריסן פון די אַלטע היימערטער, ממש אונטערגעשניטן זייערע קאָרעניעס, שפּירן זיי האַרב דאָס לויערנדיקע אויג פון די אומעטומיקע אַכטיק־געבערס. מ׳קוקט נאָך זייער יעדן שריט, ווי מע וואָלט זיי געטראָטן אויף די פּיאַטעס. נישט מער צווישן די פּײַכטע מויערווענט פון תּפיסה, אָבער זיי שפּירן נאָך ווײַ־טיקלעך ווי מ׳וואָלט זיי הענט און פיס געשמידט ווי אין קאַטאָרגע: „ווײַ־טער דערוועג זיך נישט אַ שריט!״ שוין זקנים די דאָזיקע, אַפילו בלינד־לעכע, האַלב־געליימטע און קוליעוואַטע. טייל באַוועגן זיך נאָך מיט שטעקנס. דאָך טליעט אין זיי נאָך אַן אײַנגעזשאַווערטער פּאַראיבל קעגן דער וולאַסט[3]. מיט פּאַרביטערטקייט מורמלען זיי אַרויס אַ קללה און מיט אַ בלאָט וואָרט פּאַרשלײַפּט מען אַ שאַרפן זאָג קעגן די שומרים. רק אַזאַ ווערעמדיקייט פלאָדיעט זיך אין געמיט פון די פּאַרשיקטע און דער שימל דערפון פוילט אַרויס אַלע מאָל אין אַ נעפּלדיקער געשיכטע פון אייגענעם צעבלאָטערטן אַמאָל. זייער יונגוואַרג וואָס האָט שוין האָרץ פּאַר

[3]) די מאַכט, פּאָליציי (רוסיש).

גערואַגטקייטן, עפּנט גערן אַן אויער פֿאַר דעם אַ טריפּנדיקן געוועזענעם: — דערציילט, דערצייל מער, פּאַפּאַ, — שטייען צו די ייִנגערע מיט שוין שיכור איבערגעלאָפּענע אויגן.

אָבער פֿאַרמישפּטע צו שלעפּן דאָס לעבן אין ווילדע אויסרייסעניש, גערענקען אַז מ'מוז אויך איצטער האַלטן דאָס מויל אויפֿן שלאָס, צו מאָל פֿאַר נאָענטע זיך היטן מיט אַ שאַרף וואָרט. מ'שפּירט זיך נאָך אַלץ אונטער דער בייטש פֿון שטראָפֿגעזעץ. אין די נעכט חלומט זיך זיי דאָס אַכזריותדיקע. די איבערגעלעבטע ביטערנישן און דער אומהיימלעכער חלום גייט פֿאַרעקשנט זיי נאָך אויף דער סאַמע וואָר. עד, ווי סע לאָזט זיך נישט פֿאַרגעסן דער בלוטנדיקער יאָך!

*

זיי אַראָפּגעוואָרפֿן דאָ אַ קליינע מחנה און ס'איז געוואָרן דאָס, וואָס זיי האָבן געקענט מאַכן אַליין מיט די נאַקעטע פֿינגער. מיט נויטשוויס צונויפֿגעסטריגעוועט מישטיינס געזאָגט אַ לעבן. עד, ווי די פֿאַרשאָלטענע יאָרן וואַלגערן זיך האַרט אַהינטער זייערע פּלייצעס!

אַ פּוסטן, פֿאַרוואָרלאָזטן פּאַס ערד איז איטלעכן פֿון די פֿאַרשיקטע געגעבן געוואָרן אין דער טאַליקער וויסטעניש פֿון וויַערני דער שטאָט. אַראָפּגעוואָרפֿן ווי מיסט ערבֿ דעם פֿאַראַקער און איטלעכן איז שאַרף באַפֿוילן געוואָרן: דאָ וועסטו זיצן! טאָרסט זיך אין ערגעץ נישט דער־ווייטערן. יעדן טאָג מוז מע דיך דאָ טרעפֿן! ס'איז קאַלט? מאַך זיך וואַרעם. ש'קשה, מעגסט זיך ברעכן דעם אייגענעם קאָפּ פֿאַר דאָס נייטיקסטע. ס'איז נאָס? זאָרג זיך, עס זאָל דיר זײַן טרוקן, אַלץ איז געווענדט אין דײַן אייגענעם ווילן, אין דײַן חכמה, אויב אַזוינס איז פֿאַראַנען אין דײַן קאָפּ. אַפֿילו דײַן ברויט איז געווענדט אין דײַן אייגענער המצאה. הענט האָסטו, דײַנע פֿיס גייען? מער איז נישט נייטיק! ווייס — אין זײַן אַנהייב איז אַלצדינג גאָאָרנישט. נאָר הוילע לײדיקייט. אַ פּאָר ברעטער, אַ רויען קלאָץ, אַ טוץ קראָקוועס, אַ ביסל שטיינער איז איטלעכן נאָך געוואָרן צו־געטיילט. אַל דאָס איבעריקע האָט מען געמוזט אַליין צונויפֿסקראָבען: אַ שטיק אַלטע בלעך, פֿון ערגעץ דאָס צוגעשלעפּט אויפֿן רוקן. לײם האָט מען אַרויסבאַקומען מיט די אייגענע רעוומאַטיש פֿאַרקרימטע הענט. אַזוי אַ, מיט זאַלציקן שווייס אײַנגעקלעפּט אַ בידנע נעסט פֿאַר זיך, פֿאַר דער מאַמען און פֿאַר דיר, מײַן זון. דו ביסט דעמאָלט שוין געווען אויף דער וועלט, אָבער נאָך אַ נאַקעטער אָרעמער פֿויגל. דײַנע לײַבלעכע ברידער און די איינציקע שוועסטער, זענען געקומען דערנאָך, אַ סך שפּעטער, ווען דאָס שטיבל איז נאָך אַלץ נישט געווען אין גאַנצן פֿונאַנדערגעבויט.

נישט מעגלעך געווען מיט אַ מאָל דאָס צו מאַכן אין די זומפּן. ווייל גאָר־נישט איז געווען צו באַקומען . . . איז מען געפאַלן, ליבינקער, פון דעם נייעם קאַטאַרזשנעם אַרום אין די גאָלע פּיינען, איז פאַרן געווין געווען פאַרשטאָפּט דאָס געהער פון די האַרטנעקיקע היטערס.

אין דער אַ צעווירענער ערד איז מיט פאַרשטשעמעטע ציין אויך געעפנט געוואָרן אַ גרוב פאַר אַ קבֿר: ס׳איז גיך אויפגעקומען אַ צווינטער מיט טרויעריקע בערעזענע צלמים. מיין קינד, מע האָט געטראָגן דעם יאָך פון נייער אומדערבאַרעמלעכער קנעכטשאַפט. רק מ׳האָט אונדז געטריבן צו שווערער האָרעוואַניע פאַר דעם צאַרס משרתים. אַזוי אַרום איז מיט אונדזערע הענט אויפגעקומען די פאַרגרעסערטע, ברייט פונאַנדערגעבויטע צאַרסקע שטאָט וויערני, ווו עס זענען ווילד געוואַקסן וועלדער מיט גרויסע שמעקעדיקע עפּל אַפּאָרט, מיט וועלכע מ׳האָט געפאַשעט די פערד; אונדז, די שקלאַפן, האָט מע געקאַטעוועט מיט ראַפּניקעס, אויב ס׳האָט פאַרשמעקט זיך איינצובייסן אין אַזאַ אַראָמאַטנעם עפּל. וויערני האָט מען דעמאָלט גערופן די באַרגיקע שטאָט מיט די נידעריקע דאָרפיש־ליימענע הייזער מיט די זשאַווערדיקע בלעכענע דעכער. פריער האָט די ווייט־פאַרוואָרפענע שטאָט, וואָס האָט נישט געהאַט קיין באַן, זיך אויסגעשפּרייט אונטערן פריקאַז פון גאַראַדאָוואָי [4]), ערשט הייבט זי זיך שוין אַ שענערע, אונטערן באַפעל פון ענקאַוועדעניק. איצטער איז זי אַלמאַ־אַטאַ, די שטאָט פון עפּל, ווי דער נאָמען טייטשט זיך אויף קאַזאַכיש; אָבער אויך איצט איז זי שטרענג צו די אָרעמע האָרעפּאַשניקעס, כאָטש אויסנווייניק איז זי אַ רייכלעכע מיט ווייסע הויל־געמויערטע הייזער (הוילע, מחמת מעגלעכע נייע ערדציטערנישן) און רויטע דאַכלקע דאַשקעס. נאָר צוויי־דריי גאַרנ־דיקע זענען די ווייסע מויערן, אָבער אַלץ נאָך מיט אירע שלאַנקע, הויך־שפּאַרנדיקע טאָפּאָלן. אלאָ מיר, די אויף אייביק פאַרוואָגלטע, זיצן אַלץ אין בלאָטיקן טאָל. מירן נישט באַווייזן גאָר זיך אויפצוהייבן. נישט קיין גליקלעכע יאָרן געקומען אויף אונדז אויך שפּעטער. עד, כעכעעע! ערשט בייגן זיי אונדז שוין, די יאָרן, נידעריקער צו דער אַ אומהיימלעכער, זומפּיקער ערד.

זיי אָכצן, די אַלטע, זשגיינען די אַנומלטיקע געשיכטע דערפון וואָס ס׳איז זיך פאַרלאָפן אין זייער צעיאַטערטן לעבן. אויך זייערע קינדער איז נאָך אַלץ באַשערט זיך צו דראַפּען איבער דעם פוילן טאָל. ווי די טאַטעס און זיידעס זענען אויך זיי פאַרביטערט, מחמת ביי ציינטנס אָפּגענאַרט אין

[4]) פּאָליציימאַן (רוסיש).

די האָפֿענונגען. דערפֿאַר זוכן זיי אינעם שאַרפֿן טרונק, אַפֿילו אין פֿאַר־ווערטן סאַמאַהאָן, צו פֿאַרטומלען דעם שווערן אומעט, וואָס גריבלט טיף אין דער נשמה. אַפֿילו די סאַמע יונגע די אייניקלעך פֿון דעם פֿאַרקללהטן שטאַם דערמאָנט מען נאָך דעם ייִחוס פֿון זייערע פֿעיטערס. נישט קיין חידוש וואָס דאָס טליִענדיקע אַש פֿון דער אומאָפּטרעטלעכער געקריוור־דעטקייט וואָס האָט געטראָפֿן זייערע אָבֿות, בריט ערשט אויך זיי, די ייִנגסטע, אויף דער אָ אויסקאָרענײַעטער ערד פֿון פֿאַרוויסטעוועטן טאָל.

1956.

איינער, וואָס מ׳רופט אים מאַנעס

א

אין אַ הייזקע פון בלאָטע און שטרויגעטריקנטע ציגל, אַן אָפּגעקאַ־לעכטע ווי מ׳קאַלעכט אָפּ ערבֿ־זומער אויפסביימער קעגן דער פּגע פון ווערעם, האָט זיך איינעם טאָל, וואָס אַראָפּשטאָט, אַרײַנגעקליבן מאַנעס קיצין. ס׳איז געוואָרן אַן אַנגעלויף פון פרעמדע אויף דער זוניקער אַזיע, האָט מען דאָ אויסגעגנישטערט ווו נאָר ס׳איז פרײַ אַ ווינקל, אַז אַ מענטש זאָל האָבן וווּ אָנצושפּאַרן דעם מידן קאָפּ. ערגעץ ווײַט איז דער נעכטן פאַרשאָטן געוואָרן אונטער הייסע אַשן פון דער גוואַלטאָוונער שׂריפה, וואָס איז אָנגעצונדן געוואָרן אויף די אויגן פון דער גרויסער וועלט. פּוילן איז שוין געלעגן אַ געשאָכטענע. ראַסיי האָט מען אָקערשט געלאָזן אין גאַלע פלאַמען, אוקראַינע — הערט זיך, איז אויך שוין דערשטיקט, ליטע אָפּגעמעקט. אויף פעלדער און שליאַכן האָבן געלויערט פּחדים פון כּלערליי מיתה־משונהס וואָס האָבן געשראָקן די ניצול־געוואָרענע, אָבער ס׳האָט זיי געטריבן אין שאול־תחתּיה. מיד־מאַט דערשלעפּט זיך אַהער צו אין דעם אַזיאַטישן העק און אַזוי שוין געבליבן. אַבי סע האָט זיך נאָר געעפנט אַ טיר וואָס האָט פאַר אַזוינעם געהאַט אַ ווינקל.

„נעמט״, — האָט מאַנעס קיצין אויסגעשטאַמלט און דערלאַנגט דער בעל־הביתטע וואָס געפונען, אַ זשמעניע געלט. מער האָט ער נישט געהאַט. בײַ איר, דער זשעדנער, האָט עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם:

— אַ־אַאַ! אַזוי פיל מיט אַ מאָל!? די אויגן האָבן איר אַזש אַ בלישטש געטאָן. בײַ מאַנעסן דעם בעלכאָטאָוועך, איז, פאַרקערט, ס׳געמיט געווען פאַרפינצטערט, דאָך האָט אומגעוואָלטע פרייד אותו הרגע פון אים אַרויס־געדרענגט: „ווי ווויל!״ ער איז צו מאָל נישט געווען בכּוח עפּעס אַ טראַכט צו טאָן. ער׳ט נאָר געשפּירט אומגעהייערע דאַנקעוודיקייט. ר׳עט כאָטש קענען אַ ביסל אָפּכאַפּן דעם אָטעם, אָפּדעכען!

אַבי עס איז געקומען אַ סוף צום פײַנלעכן וואָגל — —

יאָ, ער איז נישט געווען דער איינציקער וואָס האָט זיך אַהערגעיאַ־ וועט. מאַנעס קיצין האָט עס געזען און דאָס האָט אים טרויעריק גע־ מאַכט. קענטיק, טאָקע גאָר שטאַרק האָט זיך אַ טרייסל געטאָן די וועלט אונטער די העפטיקע שיסערײַען פון די דײַטשן; פון זייערע באָמבעס זענען

צעפּלאָשעט געוואָרן און צעשטויבט אויף שאַרבוינעס גאָר אַ סך הימען. די ניצול־געוואָרענע מענטשן זענען ווי אָפּגעבריטע קוים־קוים זיך פאַר־נאַנדערגעקראָכן, אָבער באַלד משוגענערווײַז געלאָפן אָן אַ וווּאַהין: אוי־אוי! אָפּגעשטעלט זיך ווו נאָר עמעצער האָט געקענט זיך צושפּאַרן. „מ׳עט איבערוואַרטן. מע באַדאַרף האָפן...״ פּליטים איז געוואָרן דער נײַער נאָמען פון די מענטשן וואָס זענען אַרויס פון די בראַנדן. אויך „בעזשענ־צעס״ האָט מען גערופן די אַ אומגליקלעכע. אַ טרויעריקער נאָמען. יסורימ־דיק דערשפּירט די פרעמדקייט בײַם ראַנד פון די צעראַיעטע ווײַטן, איז מאַנעסן פון דעסטוועגן געוואָרן היימלעכער אין דער נײַער אומהיימלעכ־קייט, וווהין דער גורל האָט אים פאַרוואָרפן.

דאָך זיך אַרויסגעקראָגן פון פײַער! וואָס ווײַטער?.. ווער איז אין שטאַנד צו קלערן דערפון! אַבי דורכשטופּן דעם טאָג. מאַנעסן איז בכלל אַלץ געווען גלײַכגילטיק.

פון ווײַבערפּאַלק, פון אַרומגעפּליקט קליינוואַרג און עבֿר ובטלע זקנים, הינקעדיקע, טויבע, וואָס רייכערן ציגאַרן פון פּראָסטע געטריקנטע ביימער־בלעטער, באַשטייט דאָ די גאַנצענע געגנט. און עלנט הויזט צווישן אַלע־מען. אַזאַ אײַנגעבאַקענער דלות דעכעט דאָ, גאָט מײַן איינציקער! די אויגן האָבן זיך אים צעגליט אַנטקעגן דער בידנער לאַנדשאַפט וואָס האָט זיך פאַר אים אַוועקגעשטעלט.

דאַריאַ הייסט מאַנעס קיצינס בעל־הביתטע. קליין איז איר הײַזקע אין מיטן די זאַמדן און פון אויסגעבליאַקירטע גרינסן, וואָס וויאַנען, בייגן זיך אָקערשט צו דר׳ערד, איז דאָס גערטנדל, וואָס פירט צו דער הײַזקע. דער אַרום זעט אויס שטיל, אָבער עלנט. פאַר דאָס איז גרויס דער טומל, וואָס שטייט אין דער דאָזיקער אײַנגעמויערטער ענגעניש.

אַ נידעריקע, אַ קײַלעכיקע מיט גראָבטשינקע פיס איז די בעל־הביתטע אין מיטן פון דער גראַטשקע, וואָס ברעכט אויס בײַ אַיעדן אויפשטיין ווי בײַם שלאָפנגיין. כסדר אײַלן זיך דאַריאַס אויגן און עס יאָגן זיך אירע הענט, ווײַל איר קליינוואַרג לאָזט זי נישט אײַנזיצן אַ מינוט רויק.

— עסן, מאַמאַ, אַנטאָן, מאַמאַ, מאַממ, שוראַ שלאָגט, — און זי מוז דעם קליינינקן וויטיאַן אויך אונטערווישן ס׳נעזל וואָס ווײנט באַלד מיט די נאַסע גלאַנציקע בעקלעך.

צוויי זענען זיי איר אייגנס, די קליינע יינגלעך אין שטוב, און נאָך צוויי אירע זענען די פרעמדע, וועלכע זי׳ט אַנומלט אַרײַנגעלאָזן צו זיך ווי קוואַרטיראַנטן. ס׳איז אַ פּאַרפאַלק וואָס איז אין תחילת איר געפעלן געוואָרן, אָבער איצט זענען זיי איר שוין אַ ביסל פריקרע: „שלײַען זיך

איבעריקע פֿאַר די אויגן, און ס׳געלט וואָס זי האָט פֿון זיי? ווי אַ שפּענדל פֿאַרן פֿײַער זענען זייערע פֿאַר רובלעס. דער יקרות פֿלאַמט, נישט צו דערשאָגן אים מיט אַ שדישן כּוח!" ווידער דער בלייך־פּנימדיקער, בלאָנ־דער אויף די הויכע פּיס, וואָס ערשט אַרײַנגענומען, איז באמת אַן איבע־ריקער צולאָג צו דער ענגשאַפּט אין כאַטע. קודם איז ער אַ גרויסער נאַר. אַן אַליינינקער האָט ער צו איר פֿאַרבלאָנדזשעט אין דער זאַווערוכע. נישט באַשערט געוואָרן אים דעם טויט פֿון אַ קויל אין נאַקן, וואָס אַזעלכע פֿאַלן ערשט משוגענערווײַז אויף אַלע וועגן. זי זעט ווי ער מוז זיך טאַקע מאַ־טערן, דווקא ער איז איר געוועזן אַ שאָד. דאַריאַ האָט אויך אים אַרײַנ־גענומען „אויף דער קופּע אַרויף", ווי סע האָט געהייסן אין איר אייגענער מוטשעניניע:

— זאָל אויך אַזוינער אַרײַן אין די שותּפֿותדיקע צרות, האָט זי גע־טראַכט. ס׳איז, אמת, ענגער געוואָרן די ענגעניש, אָבער וואָס טאָן אַצינד? דאָס האַרץ לאָזט נישט אַרויסטרײַבן. אַן עלנט באַשעפֿעניש. דאָך אַן אומ־גליקלעכס. אַלאָ ווו מ׳גיט זיך אַ ריר, פּלאָנטערן זיך באַלד פֿרעמדע פּיס, שטויסט מען זיך אָן אויף עמעצנס אַקסלען, אַזש ס׳ווילט זיך אַ שרײַ טאָן: „מאַנספּאַרשוינען הויכגעשטעלטע, טרעט אָפּ אַ ביסל פֿון שטוב. זי צע־נעמט זיך שיער אין די נעט, די קיביטקע. צעגייט זיך צו אײַערע טועכצן!" אָבער עפּטער מוז איר מויל זיך צוריקהאַלטן פֿון אויפֿגעקאָכטן כּעס:

—— מאַלטשי, האַלט דעם פּיסק, דאַריאַ, — מינטערט זי זיך גופֿא. די זענען באמת דערשראָקענע! פֿאַרשווײַגט זי אַפֿילו עוולות, די בעל־הביתטע פֿון „גאַרניזאָן פּרעסערס און גרעבצערס". אויפֿדערנאַכט ווערט נאָך ער־גער. דערפֿאַר באַלד שטילער, גאָר שטיל. ווײַל דעמאָלט גילט שוין דאָס האַרבע געזעץ פֿון מידקייט מחמת דעם דערעסענעם אומזיסטיקן אַרומ־שליאָנדערן זיך אַ גאַנציטשקן גרויסן טאָג איבער דער אומהיימלעך דאָר־פֿישער גרויסשטאָט. אירע גאַסן און דער קאַלכאָזנער מאַרק מאַכן מוראַדיק מיד. שוין די טונקל־שעה באַווײַזט בעל כּרחי אײַנצושטילן די לײַט.

אויפֿדערנאַכט ווערט דאַריאַס קיביטקע פֿול מיט געלעגערס, מיט שטרויזעק און קישנס, אָנגעפּולטע מיט היי. נישטאָ מער קיין אָרט פֿאַרן דיל, ער זאָל ווי בײַ טאָג קענען גלאָצן צו דער סטעליע. אויף נאַכטלאָג איז דער רובֿ אויסגעבעט אויף דער קורצער פֿאַדלאָגע. סך־הכּל איין בעט איז פֿאַראַן אין שטוב: איז עס דאָס געלעגער פֿון דאַריאַן מיטן קלענערן יינגל וויטיאַ. דער עלטערער שוראַ שלאָפֿט אויפֿן קופּערט. די טיפֿנאַכט, אַלע מאָל איז זי אַ שוואַרצע, אַ דעמפּיקע אין דער ליימיקער קיביטקע,

בייגט זיך צו מיט מויל און אויערן צום וויגנדיקן, האַרטן כראָפּען פון די שלאָפנדיקע.

יעדן אינדערפרי צעגייט זיך די ענגשאַפט פון דער היזקע; די גרוים־קייט צעוועקט זיך צו גלייך מיטן טאָג וואָס צופּוסנס דער מרוקעוואַט־פאַר־טראַכטער באַרגקייט מיט איר אייביק־שנייִיקן בערנקאָפּ. דער אינדער־פּרייִקער טומל וועפּט אויס פון שטיבל בייַנאַנד מיט די שכנים, וועלכע לאָזן זיך אָוועק אין פאַרשיידענע זייַטן. בעת־מעשה וועקט זיך ביי איטלעכן דער פריקרער רעיון: ביי ניים באַדאַרף מע גיין זוכן וואָס־נישט־איז — אַזאַ טאָטשנדיקן ספק וואָס האָט נישט קיין ממשותדיק פּנים. וועט מע כאָטש דאָס מאָל דערגיין צו עפּעס תכליתדיקס, נאָר אויף דעם איינעם טאָג? אולי ירחם! מ׳מוז דאָך קענען דורכשטופן דעם טאָג. דער הונגער־וואָרעם עקשנט זיך תקיפותדיק ביי איטלעכן אין דעם דאָזיקן טאָליקן קאַנט. אלא נאָך שאַרפער טרעט ער צו צום בעזשענעץ, דעם פרעמדן, וועלכן מ׳זעט נישט גערן. ערשט שטייט די זעלנערייַ אין סאַמע אויבן־אָן, כאָטש די נויט רעדט העזהדיק פון אַלע אויסגעבלייכטע פּנימער ווי פון דעם גאָר צאַרטן קליינוואַרג. קינדער וויסן נישט אַנדערש ווי סכנותדיק הייס וויינען, קלאָגן מיט טרערן־פאַרגאָסענע בעקלעך, כאָטש עס באַנעמט נישט דעם זין פון דעם נאָגנדיקן, פייַנלעכן הונגער.

*

אין די לאַנגע בייַטאָגן שלינגט אייַן דער דרויסן דאַריאַס קוואַרטי־ראַנטן. די אייַנגעגעסענע שטילקייט פון טאָל טרייַבט אַרויס פון דער היים אויף דאַריאַן, וואָס איז געבליבן אָן מוזשיק. רייעס נאָך ברויט ציִען צו חמרים לעבעדיקע מענטשן וואָס חלשן עסן; ס׳אַ קללה דער הונגער. דווקא ווייַל דאָס פעלד איז פאַרוואַרלאָזט און צעראָיעט, ס׳גיט נישט קיין פּרוכט, רייצט עס שטאַרקער דעם מאָגן. זוך דיר דייַן אויסקומעניש, מענטשנקינד! דער ריזיקער קאַלכאַזנער מאַרק ליגט ווי אַ פוילנדיקע נבלה, אָבער דער ווייַט־אָפּגעוואָרפענער אַלטוואַרגמאַרק, די באַראַכאַלקע, דראָעט, מחמת די נקוו״ד לויערט דאָרט אויף די שוואַרצהענדלערס. די באַראַכאַל־קע לאָקט סיי ווי מיט די געהיימענישן פון די אַלע יאָרן, וואָס האָבן האַרט אַנטשטומט דאָס מענטשישע מויל, כאָטש חשדיק איז דאָרט אויף אַלץ אָנ־געשפּיצט דער בליק.

די ווינציקע זאַכענישן וואָס ליגן ביי וועמענען נאָך פאַרשלאָסן אין געקאָוועטן קופערט פירן אויף דאַריאַן אַלע מאָל צום אַלטוואַרגמאַרק. זי פאַרקויפט אַלץ וואָס לייַט קויפן, ווידער אירע שכנים בלאָנקען אַוועק אין אַנדערע ערגעצן. מיטן שטומען כריוקען פונעם חזיר לעם דער שטוב,

וואָס שטייט אַן אָפּגעלעגענע הינטערן געזונקענעם פּאַרקאַנדל, בלײַבן אײנע אַליין דער קלײנער ווּיטיאָ מיטן גרעסערן ברודערל שוראָ. שטאַרער הימל קוקט מיד אויף זיי, דער קינדערישער נײַגיר דרימלט אײַן אויך אין זיי ביזן אויפֿוואַך פֿון דעם נײַעם אָוונטלעכן האַרמידער אין דער קיביטקע.

ב

דעם ערשטן און דעם צווייטן אינדערפֿרי האָט פֿול־אויגיקער נײַגיר מאַנעסן אַראָפּגעטריבן פֿון נעבעכדיקן געלעגער, וואָס אויפֿן האַרטן ברעטערדיקן דיל. פֿון די גולמדיקע ווענט און פֿון די מענטשן איז שטאַרק ענג אין דער היזקע, אָבער מאַנעס שפּירט סײַ ווי אַ דאַנקשאַפֿט אויף פֿאַר דעם. וואָרן האָבן אין זינען אַצינדער וויגאַדעס איז כלעבן אַ שגעון. אַבי דער דרויסן איז גערוים און ס׳איז גאָלדיק די זון, וואָס האָט פּרישינקע, טיוליק זיך געשטעלט אויף די הויכע קוקורוזע־שטאַמלעך, אויף די מיד אָנגעבויגענע קעפּ פֿון די טונקלענדיקע זונבלומען.

אַ פּנים, דער ווּמער דאַנקט שוין אָפּ. אין מאַנעס קיצין האָט דאָס פּלוצלינג אַ שלעפּעריקן כליופּע געטאָן, גלײַך אַ פֿאַרשפּעטיקטער רעגן־טראָפּן וואָלט געפֿאַלן אויף אים פֿון אַן אײַזערנער רינע. פֿלאַקס־העל איז מסתּמא שוין די צײַטיקייט אין פֿעלד, — האָט זײַן מוח פֿאַמעלעכקע זיך געניכטערט. פֿאַר דער אינעווייניקדיקער ראיה האָט אין דער ווײַטער ווײַט אין אים אויפֿגעטוקט דאָס אָקערשט פֿאַרלוירענע. נאָכגעטראַכט דערפֿון האָבן אַרום אים זיך אַנטפּלעקט פּנימער, גרימאַסעס און זאַכן וואָס שאַטענען זיך אויס אין מאַנענדיק־וואַכן געדעכעניש.

...ערשט האָט ער זיך אַרומגעזען: אין זײַן גאַנצן געביין האָט די מידיקייט באמת זיך שוין אָנגעוואָרצלט, בלויז פֿון דרויסן פֿאַרווישט עס זיך קוים־קוים. דאָס — נאָר אַ דאַנק אַ לחמאָ, אַ שיסעלע באָרשט, סתּם עפּעס אַן אַכילה. אָבער די מידיקייט שלעפּערט אים אײַן אַלע מאָל; אַ בילע־וועץ דרימלט ער. ס׳איז אַ פּועל יוצא פֿון דער אָנגעלעבטער פֿאַרמאַטערטקייט, וואָס איז דערגאַנגען צו אַ צו הויכער מאָס. אָבער מאַנעס טרייסט זיך: די שלעפּעריקייט איז באַשיימפּערלעך אויף דערווײַל. ס׳באַדאַרף זיך נאָר ענדערן „דאָס וועטער״. דעמאָלט וועט זײַן מהות ווידער זיך צעוועקן. פֿאַר דעם איז נייטיק סבֿלנות, שטאַרקער רצון. אוודאי איז נישט צו לייקענען אַז צו דעם דאַרף מען אויך אַ לינד ווינטל, דעם אָנזאָג פֿון זוניקער וואַרעמקייט. מיט גראָבן כּוח קאָן מען אַזוינס נישט קונה־זײַן פֿאַר קיין שום געלטער, אַלאָ געדולד... ס׳אי׳ נישטאָ?.. טאָ וואָס פֿאַר

אַ עצה האָט אַזאַ איינער ווי מאַנעס! אַפילו ער וועט זיך צערייסן, וועט ער מיט דעם גאָר נישט אויפטאָן. ערגער איז וואָס ביי נייס פאַלן אויף אים די גרוילן, וועלכע ער האָט דורכגעטראָגן אויפן אייגענעם רוקן דעם גאַנצן וויטן מהלך פון דאָרט ביז אַהער. דאָס איז גאָר נישט קיין גינציקער ביסן פאַר די ציין וואָס זענען שוין אָנגעגריפן פון סקאָרבוט — און ווי גיט מען זיך אַן עצה מיט דעם וואָס דאָס געדעכעניש צעגראָבט זיין גאַנצן נפש; ווי אַן אויער־וואָרעם צעגראָבט עס אים וויל בשום אופן נישט אויפהערן. ווען כאַפּסט זיך אויף אין מיטן שלאָף, האָסטו שוין די זעונגען וואָס דו האָסט מיטן לייב און לעבן איינגעזאַפּט אין זיך, דאָס לעבט ווידער אויף ווי ערשט וואָלט עס געשען. ס׳איז אַזוי ווייטיקלעך, פיינלעך... אַך, ערשט דאָס טראַכטן אויפן פוסטן! ליגט ער אַזוי און אין שאַרבן נעמט ווינטלען די לײדיקייט פונעם מאָגן, דעם בהמהשן שטיק טעמפּקייט וואָס לאָזט זיך הערן. קען ער זיך אונטערגעבן אַזעלכע אומגע־ריכט זיך אַנטפּלעקטע הערנער וואָס זייער עובדא איז נאָר בייז צו שטויסן?! ער קען דאָס נישט. ער וועט ליבערשט דרימלען. אָבער אַ צי־טעריקער חידוש נעמט צופּן זיין געהירן און פּליסטערט צו אים מיט אַ קולכל פון הסכמה: ביסט נאָענט צום אמת, מאַנעס, אלאַ אַ שאַלה ברענט אין מיר. אַ פּנים, ס׳איז דער מענטש אויסטערליש גבורהדיק פאַר יסורים, אָבער בלינד בלייבן זיינע באַגערן צום לעבן (איי ווי אומזיניק!, כאָטש דער גראָדער שׂכל איז מחייב צו זוכן אַן ענטפער, אַ דרינגלעכן ענטפער: אייגנטלעך צו וואָס? דעריין פינצטערט דווקא אַ נייער בלינדער רעטעניש — האָט דען למשל ער גופא, מאַנעס המכונה קיצין, געהאַט אַזוי פיל כוח צו לויפן אונטערן פייערהאָגל כדי שוין אַ טויטמידער צו קענען הויערן אין אַזאַ טרויעריקער וויסטעניש ווי ער זינקט אָקערשט!?

סוף־כל־סוף האָבן שאַרפע שרעקבילדער זיך סקעלעטיש איינגעבייניקט אין זיין גאַנצן מהות, ממילא אין דעם פילן און זעען דעם אַרום. פונקט אַזוי ווי ער האָט אַצינד דערפון געטראַכט, האָבן אַלע פּלאָנטערנישן אים אָקסיש געשטויסן. אָבער מיט ווידערווילן האָט ער פלוצלינג גענומען פאַר־טרייבן פון זיך דעם חומרדיקן יצר צום עסן, צו וואָס קיינער האָט אים דאָ נישט געטריבן, ווי ר׳איז עס געווען געוווינט; מאַנעס קיצין טראַכט נישט דערפון, אלאַ ר׳געדענקט אַז מ׳פלעגט אים ממש טרייבן צום טיש:

— מענע, גיי עפּעס איבערכאַפּן... מענע, אַליין וועסטו זיך נישט דערמאָנען אַז מע מוז אָפּעסן אַ מאָלצייט? ווי מיר! איך ווייס נישט וואָס פריער צו געדענקען — ס׳קינד, וואָס איז נאַריש, צי אים וואָס איז אָפּ־געלאָזן! מענע וואָס וועסטו טאָן, אויב איך וועל זיין אַוועקגעפאָרן? מענע,

מענע, שוין צײַט, זאָלסט געדענקען, וואָס מ׳טאָר נישט פֿאַרגעסן. עסן מיינ׳עך בפּירוש — —

דאָס ווײַב האָט׳ן מוצא־געווען פֿונעם טראַכטן אַז ער באַדאַרף געדענקען אין זיך, טאַקע אויך אינעם גוף. ער האָט געהאַט געגוג דעם עול פֿאַר דער פּרנסה, ווי אַזוי מ׳קריגט זי אַרײַן אין שטוב. ס׳ווײַב — ווער ווייסט ווו זי איז אַצינד, ווי זי גיט זיך ערשט אַן עצה? ס׳אַ פֿינצטערער יאַריד דאָרט, אַן אומגליק. (די ברוסט גיט אים אַ דריגע, פֿאַר די אויגן בושעווען פֿלאַמען און אין די שלייפֿן הוקעט). זיכער — באַוועגט זיך זײַן רעיון — ס׳איז באַלד אײַנגעלאָשן געוואָרן די שׂריפֿה אין דער וואַרשעווער גאַס, וועלכע די דײַטשישע עראָפּלאַנען האָבן געהאַט בכּוונה האַסטיק אַרויסגע־רופֿן. אָך, אָך, ס׳אַר אַ בייזן כּוח עס האָבן די יעקעס: קומען אָנצופֿליען ווי די שפּאַרבערס, שלײַדערן פֿײַערפֿלאַקערס, רײַסן אָפּ שטיקער ערד און הימל — — צילע האָט מסתּמא זיך אויסבאַהאַלטן, בשלום איבערגעקו־מען דעם רציחהדיקן אָנגעלויף.

אומעט האָט בײַ אים אויפֿגעמאָנטשעט דאָס קלערן פֿון דער היים, וואָס איז געבליבן ד אָ ר ט אַ פֿאַרוויסטע. דורכגעווייקט פֿון אַן אומגע־ריכטן שווייס, האָט ער ערשט אַ פֿאַרביטערטער געדאַנקלעך זיך אַרײַנגע־לאָזן אין דעם ווי אין אַ נעפּל, פֿון וועלכן ס׳איז לגמרי נישט אַרויסצוקריכן.

ס׳האָט גענומען אַ שפּאַר שטיקל צײַט ביז ער האָט זיך באַזיניקט: מאַנעס, ביסט שוין, ווי די קללה זאָגט, אויסגעריסן געוואָרן; מאַנעס, אַן קאַטאָוועסן ביסטו שוין אויסגעריסן, איינער אַליין געבליבן אין אַ וויסטער הײַנט. ערשט מוזסטו זען זיך דורכצודרייען פֿון די פּורענ־יותן. לײַט טוען אַזוי, צו קענען ווי־עס־איז האַלטן זיך אויף די פֿיס. ס׳הייסט, צו קענען איבערדויערן די ביטערנישן וואָס גייען אויף אונדז. מילחמה איז אַ גאַר האַרטער ביסן. און ווידער: ווער ווייסט ווו צילע איז אַצינדער. די קינדער לײַדן אַוודאי שטאַרק, ווײַל וואָס פֿאַרשטייט אַ קינד? הונגער, שרעק — וואָס פֿאַראַ טעמען האָט דאָס פֿאַר קליינוואַרג...? איך שפּיר פֿאַר זיי, אַז פֿײַן, געוויין (וואָס אַ פּיצל ווײַנט אַרויס. ס׳קאָן דאָך נישט רעדן, קען נישט געבן צו פֿאַרשטיין וואָס עס שפּירט...) האָבן בייזע קנײַפּנדיקע פֿליגלען. איז וואָס קענסטו זיי העלפֿן, אויב אַליין ביסטו טויט ווי אַ שטיין. זעסט דאָך, ווי עס איז דאָ, אין דער מיקלאַמפּערשטער רויקייט. אין כּלל איז אויסגעליידיקט די וועלט, אָדער — אפֿשר — איז זי איבערגערוקט געוואָרן אויף אַן אַנדער אָרט ווו מיר זענען נישטאָ. וואָרן ווו מיר זענען, ברענט אַ העליש פֿײַער, ס׳פּאַנעוועט נויט און דער בראָך, כאָטש מיר זעען נישט געגוג קלאָר ווי מ׳דאַרף זען וועדליק דעם שפּירן ווי מ׳שפּירט זיך.

דער אַ אויסטערלישער הקדש בײַ דער סיביריאַטשקע דאַריאַ איז משמעות נאָר אַן אַדערויף אויף דעם וואָס הייבט זיך ערשט אָן. דו מיינסט אפשר, מאַנעס, אַז ס׳איז נישט אַזוי ווי דו טראַכסט? די שטוב ווו דו ביסט אַרײַנגעקראָכן, זאָגט דיר גאָר נישט?! די אַ מבולבלע ענגעניש איז דאָך נישט קיין קינדער־שפּיל. קענסט צו מאָל נישט טראַכטן דערפון אַז זי קען האָבן אַוועלכן געגויען נאָמען אחוץ הקדש. ער האָט זיך דאָס אַרײַנגעקלאַפּט אין קאָפּ, מאַנעס קיצין: דו מוזסט זיך איבערוועקן, אַנישט חלילה — — —

עס איז טאַקע געוואָרן שווערער פון טאָג צו טאָג. ער האָט עס געמוזט דערזען, אויך דערשפּירן אויף דער אייגענער הויט. די ביינער האָבן געבראָכן, סע האָט אים ממש געטראָגן, כאָטש דער געדאַנק איז געבליבן ווי אַ שטיק גליוועער — דער מוח האָט זיך נישט אַ באַוועג געטאָן. זײַנע אויגן האָבן געקוקט, אַפילו געגנישטערט, אָבער ווינציק באַנומען דאָס געזעענע. איבער מאַנעסן האָט זיך צעפּאַכעט אַן אימה: „ס׳אומגליק וואַקסט — האָט ער שוין גערעדט צו זיך — דאָס אומגליק גייט. ווי אַזוי וועט ער — — ?

ג

מער מענטשן פון די ווײַטסטע פרעמדן האָבן זיך עפּטערס אַהער צו אַראָפּגעלאָזן. אַלע קרוע־בלוע, אַלע פאַלן שוין אויפ׳ס מויל פאַר אַ ביסן און יעדער זוכט אַ ווינקל אָפּצוהויערן. אַ שטיקל קאַמער זוכט מען, באַדאַי אַ שטאָל, אַבי צו קענען זיך זאָגן: „כ׳האָב שוין מער נישט קאַ׳ כּוח!“

אויך דאָס לאַנד האָט אויף אַן ערנסט דערשפּירט דעם ברי פון מילחמה: יעדער טאָג איז אין פּנים פינצטער פאַרקרימט פון צרות־צרורות. אַלצדינג איז בלויטיק צעפּאַלמעסט פון דער נויט. די מילחמה האָט באַשײַמפּערלעך איטלעכן אַנגערירט; ס׳זענען שוין פאַרשניטן געוואָרן לײַבלעכע. די שוואַרצע בשורות זענען דערגאַנגען צו דער שטאָט ווי אין די אַולן [1]. נישט אומזיסט האָט עס די מענטשן טאַקע געיאָגט אין די מרחקים. אָבער דאָ האָט עס אויך פון אַלעמען געיללהט.

„אָ, אַללאַ, ווי מיר ווערן געמינערט! די פּײַן איז אַ נאַקעטע שוין אַרויס אויפן דרויסן. זעט, מערער פון אונדז זענט איר, בעזשענצעס. און מער זענען געוואָרן די מײַלער צו דער פּאָסנער שיסל! פאַר דאָס איז שוין פוסט דער קאַלכאַזנער מאַרק, אר־אר־ר־ו.... געמאַכט זיך שוין אַטשערעס אויף אַלצדינג. נאָר מיט פרעמדע איז אומעטום געוואָרן פול, פול — — ״

---

[1]) דערפער אין אַזיאַטישן סטעפּ.

ס׳ביטער געוואָרן אויך הי. ביסט שוין אַפֿילו איבעריק. ווילסטו, הער זיך צו צו די בייזע רייד פֿון די אָ, קריג זיך מיט זיי, אָבער ס׳איז גע־זינטער: — מאַך זיך נישט פֿאַרשטיין אַז דיך מיינט מען. אויך אַ חיה טשעפּעט נישט, אויב זי איז זאַט. סוף־סוף האָט מען וויי־געטאָן די דאָזיקע. אַ פּרעמדער, צי אַ היגער — די אויגן האָט יעדער געמוזט אויפֿרײַסן אויף אַל דאָס נײַע וואָס דאָ האָט זיך געשטעלט. אומשטיינס געזאָגט רויִק איז הי, נאָר דער דלות שרײַט, קאָכט בפֿרהסיה. ר׳איז המוניש שוין אַרויס אין גאַס. די קראָמען זענען האַלב פֿאַרמאַכט, שטויב קוקט אַרויס פֿון זייערע פֿענצטער. דער אָפּגעלייִדיקטער מאַרק איז פֿול מיט גיר נאָך ברויט וואָס איז באַהאַלטן אונטער דער פּאָלע. מ׳דרייט זיך אויפֿן פּוסטעווענדיקן מאַרק און מ׳איז זשעדנע אַרײַנצוקריגן אין האַנט אַרײַן אַ פּענעך פֿון אַ ווײַסן, שפּיציקן צוקער־בוריק, אַ צעשטיקלטן אויף מערערע פּאָרציעס. אַפֿילו דאָס פֿאַרקויפֿט זיך פֿון הינטער אַ קויטיק ווײַבערישן טוך.

אַ פֿאַרסאַרגעטער, מיט רויט־פֿאַרראָפּיעטע אויגן האָט דער הונגער זיך אײַנגעקוליעט אין ער קוקט שאַרף אויף די מענטשן וואָס האָבן זיך דאָ אײַנגעזאַמלט ווי אַרום אַ שריפֿה־הויפֿן. אונטן, אין טאָל, ראַיעט מייסטנס מיט די אָ לײַט. פֿון זיי קערן זיך אָפּ יחסניש די ווײַס־געשמירטע הײַזער אַרויף־שטאָט. מאַנעס קיצין האָט געמיטן פֿון די אַרויפֿיקע הײַזער, זײַטיק האָט ער זיך דורכגעשלײַכט זייערע רײַכלעך געפּוצטע פֿראָנטן מיט די זאַטע בלומענטעפּ. נאָכשפּירנדיק אים, האָט מורא אַרויסגעשפּיזט פֿון די נגידיש־פֿאַרהאָנגענע טירן־פֿענצטער, וואָס זענען שטענדיק פֿאַרשפּאַרט אויף ריגלען און פֿאַרשטעלט פֿאַר דער טאָגשײַן. „פֿון פּאַרטייערס אַוודאי דאָס אָפּגעזונדערטע ווינאַרט!“ האָט ער אַ טראַכט געטאָן אין פֿאַרכט.

מאַנעס האָט אָוועקגעאײַלט פֿון דער נאָכשפּירעניש נאָכן מענטש, וואָס פֿילט יאַקבי מ׳וואָלט אים געדריקט דעם גאָרגל מיט ווערגנדיקע פּויסטן. ממילא האָט ער נאָך מער דערשפּירט זײַן אַליינקייט. אַ צעוויטיקטער האָט מאַנעס רעכט באַנומען אַז סוף־סוף באַדאַרף ער זיך טוליען צו די לײַט וואָס האַלטן זיך אויף אין זײַן שכנות אויפֿן האַרטן דיל. די אַלע זענען געליטענע, כאָטש זיי האָבן נישט קיין געלענק צו פֿאַרשטיין אַזעלכן ווי ער איז. לפּי זייער באַנעם זענען נאָר זיי געשלאָגן געוואָרן פֿון צרות; אין ריכטיקן זענען אַלע געבענדיקטע. ער מוז זיך דערנענטערן צו זיי, אויב ער וויל נישט אויסגיין אין דעם העק.

קלאָר, אין דעם געקוועל האָט עס מאַנעסן געצייגט צום הוילן געפּיל. דער מוח האָט אים לגמרי נישט געדינט, כאָטש ס׳האָט גענוג געקוועטשט דעם גוף. אָבער סוף־סוף האָט עס אים שוין אַ גריזשע געטאָן:

— אין ווען האָט ער אייגנטלעך דאָ זיך אָנצושפּאַרן, בעת די אַ האַלטן זיך קוים אויף די אונטערגעבראָכענע פֿיס? ר׳ווייסט דען ווי אַזוי און מיט וואָס די אַלע לעבן? ער האָט נישט דעם געלענק פֿון די דאָזיקע. טאָ ווי אַזוי קען ער זיך העלפֿן! און אַז ער וועט שוין האָבן כּוח זיך אַוועק־צושטעלן אַקעגן איינעם אַזאַ, אים זאָגן האַרצלעך: „זײַט מיר אַ חבֿר. איך שפּיר אַ נאָענטקייט צו אײַך, טאַקע אַזוי, אומאויסגערעדטקייט, — וועט מען אים נישט אָנקוקן ווי מ׳קוקט אויף אַ צעדרייטן? וועט מען אים גלייבן אַז ער מיינט עס אויף אַן אמת, אַז ס׳האַרץ זײַנס האָט זיך... איבערגע־קערט לטובֿת זיי. וואָרן אַלע מאָל גייט ער אַרום זיי מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַ צוריקגעצויגענער ווי עס וואָלט אים נישט אָנגעשטאַנען זייער חבֿרותאַ״.

ער איז טאַקע אַ צו קנאַפּער חוצפּהניאַק פֿאַר אַזאַ ביטערער צײַט, דער מאַנעס, פֿאַר דעם מעמד וואָס האָט דאָ זיך געשטעלט צווישן די לײַט בײַ דער זעלנערקע דאַריאַ. דער אמת איז, אַז קיינעם גלוסט זיך נישט אַצינד קיין מאַרצעפּאַנעס. אַפֿילו ס׳אייגענע לײַב וואָס מ׳טראָגט, איז נישטאָ וווּ אַהינצוטאָן. אַזאַ ענגשאַפֿט זיך געמאַכט אַרום דיר, מאַנעס — האָט ער אין פֿײַן זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון־הנפֿש. ווו איז אַצינד פֿאַר דיר אַן אײַן אָדער אַן אויס?! און אַ פּרוטה האָט ער שוין נישט בײַ דער נשמה. און האָסט אַפֿילו נישט קיין יאַנדעס צו גיין עמעצן עפּעס פֿרעגן, בעטן, כאָטש דערפֿון האָט דער געדאַנק דיר שוין אָנגעפֿינצטערט דעם מוח: גיי, דו מוזסט, אַנישט קומסטו אום. פֿראַווען תּענית קען מען איין טאָג, אפֿשר צוויי טעג. אָבער בײַ דיר איז נישטאָ קיין הפֿסקה אין דעם הונגערן! און שעמסט זיך. טאָרסט מער נישט זיך פֿאַרבאַהאַלטן מיט דער נויט. ניין, ס׳אַי׳ נישט קיין צייכן פֿון איידלקייט דאָס, וואָס טאַמלט שוין אַרויס פֿונעם מענטש מיט די לעצטע כּוחות. אָסור, צי סע וועט שאַדטן צו דײַן איידלקייט אויב דו וועסט איצטער אויסשטרעקן די האַנט נאָך עמעצנס אַ קאָפּיקע פֿון וועגן אַ ביסן ברויט צו לעשן דײַן הונגער־חלשות. אין דעם קלעם איז דער חייבֿ פֿון דײַן פֿירעכץ די ווײַבערישע צערטלעכקייט וואָס האָט פֿריִער דיך אײַ־בערגעפֿירט, אויסגעשטעלט דיך אַ צעקראַכענעם. ערשט האָסטו נישט ווער ס׳זאָל דיך פֿירן אַזוי ווי אַנומלט. צו פֿריִער איז עס געווען די מאַמעשי, דערנאָך זי, דײַן צילע. אַצינד צאָל צינדזן דערפֿאַר, אויב דו ווילסט זיך דורכקריגן די בראַנדן וועלכע דו שפּירסט שוין. ווײַ דיר, לייג זיך אַוועק און דעם ליימשטיבל, צי זיך אויס אויף דער קויקע וואָס איז דיר אויף בײַ טאָג אַ שטיקל פּאָדלאָגע, ליג אין דײַנע קראַמפּן און וואַרט. אויף וואָס האָסטו בדעה צו וואַרטן, מענע? — האָט עס אים שוין אַ באַדזשע געטאָן

מיט אַ שאַרפֿן האַרץ. און וואָס, מיינסטו, וועט טענהן די באַלעבאָסטע, די סיביריאַטשקע אין מאַנצבילשן פּידזשאַק? זי וועט קלערן: אַ פּוילישאַק דער דאָזיקער. ער וועט נאָך צוגזלען ביי אירע קינדער דאָס רעפּטל ברויט. ער קען אויך זי ביי נאַכט דערשטיקן, באַרויבן און אַנטקומען. איינער אַליין אַזאַ — וואָס האָט ער אָנצוּוערן? פֿאַרקערט, ער׳ט זיך אַזויערנאָך נאָך פֿאַרהיטן דעם קאָפּ פֿון גיין מיט דער ביקס אין פֿייער אַריין, וואָס שפּרייט זיך ערשט אויס גאָר שטאַרק. ער וועט ליבערשט אַוועק אין טורמע, אַבי נישט געוואָרפֿן ווערן אויפֿן פֿראָנט אין די פֿאַרביסענע שלאַכטן!

קוקנדיק אויף דעם „פּוילן״ מאַנעס איז דער סיביריאַטשקע צו מאָל געקומען אויפֿן זינען איר אַליאָשע, פֿון וועמען מ׳הערט שוין לאַנג נישט. איז ווער ווייסט וואָס ס׳איז געשען, ווייל יעדע מינוט געשעט מוראדיקס אין דער ווילדער מילחמה מיטן גערמאַן. נאָר די אַליאָשעס און גרישעס, האָט די זעלנערקע געביטערט, לייגן ערשט זייערע קעפּ, נישט די בעז־זשענצעס — —

ד

אַ טאָג פֿאַר אַ טאָג איז מאַנעס קיצינען פּירגעשטאַנען מאַוזמדיקער. ווייל ס׳האָט זיך געשטאַרקט זיין עלנט וואָס האָט זיך מער אַרויסגעבולט פּנים־אל־פּנים מיט די רירעוודיקע קוואַרטיראַנטן פֿון דער „זעלנערקע״ דאַריאַ. מאַנעס האָט נישט געקענט גובר־זיין זיין שעמעוודיקייט צו גלייך מיט דער רגילות נישט צו לאָזן זיך אין די דרכים וואָס אַנדערע זיינס גלייכן האָבן באַטראַכטן אין דעם שעת חירום. ער האָט זיך צוגעוווינט צום הונגער, פֿאַר ליב גענומען דורכגענאַרן זיך מיט אַן איבערבייס איין מאָל אין טאָג. זיין גוף האָט טאַקע איינגעסוכניעט, דאָס פּנים האָט אָנגעטאָן אַ גרינלעכע מראה. די לייט, מיט וועלכע ער האָט געהויזט, האָבן יעדן אָוונט טומלעריש גערעדט צווישן זיך נאָכן צוריקקומען זיך אין כאַטע אויף איבערצונעכטיקן. זיי האָבן רעכט נישט דערזען דעם שמויגער; זיי האָבן זיך אַפֿילו געהיט מיט אים אַ שמועס צו טאָן פֿון יוצא וועגן. „וואָס מאַכט מען? ווי גייט עס?״ צו מאָל האָבן זיי אויף אים געקוקט מיט חשד מחמת מורא אַז ער זאָל שוין נישט האָבן אַריין אין דער כּנופֿיא פֿון די אונטער־טראָגערס צו די „פֿיר אותיות״. די מענטשן האָבן טאַקע זיך באַגנוגנט נאָר מיט איבערוויינקען זיך, אַבי נישט צו לאָזן הערן רייד, וואָס קענען חלילה אַוועקבלאָנקען אַהין צו, פֿון וואַנען ס׳איז ביטער ביז מ׳קען זיך אַרויסקריגן פֿון דאָרט...

מאַנעס קיצינס מערכה איז ווײַט נישט געווען קיין פֿויגלדיקע. שטאָטס אַרויסצוגיין אין די גאַסן זוכן אַן אָנשפּאַר פֿאַר זײַן אויסקומעניש, איז ער מיינסטנס געלעגן אויסגעצויגן אויף זײַן נעבעכדיקן געלעגער. און געלעגן איז ער, ווײַל אין שטוב איז נישט געווען קיין ילוד־אשה. מ׳האָט אים נישט געשטערט צו ליגן און שווײַגן, כאָטש ס׳נאָגעניש אין די גערדערעם האָט געריסן פֿון אים שטיקער; דאָך האָט דער הונגער אים נישט פֿאַרטריבן, מחמת אין זײַן שמאַך איז נישט געווען ווער ס׳זאָל אים בגוואַלד אַרויס־שלעפּן פֿון פֿאַרפֿאַלנקייט. ר׳האָט זיך נאָר צוגעוווינט צו רעדן צו זיך, ווײַל וואָס אַ מאָל געשפּירט זיך לא עליכמדיק שוואַך ווידער אָנצוהייבן מענטשלעך גיין, טאָן. טייל מאָל האָט ער אין זײַן פֿאַרלוירנקייט געאָנט אַז אָט, אָט קומט אים שוין אָנטקעגן די גאָרע לעצטקייט זײַנע. אמת, אין אַ זעלטענער רגע האָט אים נאָך צוגעלויכטן אַן אַנגסטיקע מחשבֿה: ווו וועל איך שוין זײַן מאָרגן, אויב... כ׳וועל שוין נישט סמײַען ווי אַ מענטש צו עפֿענען די אויגן — — איז אויב יאָ, ווער וועט זיך דערנענטערן צו מיר מיט אַ פֿרעג: איַ, דו, דו, וואָס דאָך!?

*

דאַריאָס אַנדערע קוואַרטיראַנטן האָבן באַלד אינדערפֿרי בײַנאַנד זיך אָועקגעדרייט פֿון דעם „לאַמאַגע״, ווי ער האָט געהייסן בײַ זיי, דער מאַנעס. אים האָט טאַקע געאַרט, הלמאי די לײַט באַגייען קעגן אים אַזאַ „ווילדקייט״. לפֿי דעתו האָבן זיי געדאַרפֿט כאָטש אַ מאָל אים פֿרעגן, בעטן: שלאָפֿט נישט, מענטש, חבֿר, אין דער אַ פֿאַלאָזשעניע. מ׳זעט דאָך, איר זענט נישט קאַ׳ היגער, אָבער אויך אַ מענטש אויף צרות. קומט זשע מיט אונדז. מ׳עט בײַנאַנד עפּעס טאָן. מ׳מוז זיך דאָך ראַטעווען...

דער אמת איז, ער האָט צו מאָל אויף אַ רגע נישט געפֿילט קיין חשקות צו גיין זייערע וועגן, פֿאַרנעמען זיך אויפֿן דרך פֿון „כאַפּן״ אין מאַרק אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געלאָזן. וואָרן פֿון אַלץ וואָס איז געווען אַ ן ע פּ ע ס , האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ריווח. און ר י ו ח מיינט ברויט, אויך אַן אַנדער ביסן וואָס איז אַן עיקר־זאָרג אין אַ ז אַ צ ײַ ט .

מאַנעס האָט נישט געהאַט קיין זינען, ממילא נישט קאַ׳ געלענק פֿאַר דער צײַט. ר׳האָט טאַקע געבלייכט, געצערט און אין זײַן שוואַכניש גע־דרימלט מחמת דעם תּמיד עקבערנדיקן הונגער.

הונגעריקער פרילינג

א

ווערא יאַקאָווליעווגאַ איז די לעצטע נאַכט שפּעט אַנטשלאָפֿן געוואָרן. זי האָט מיט אַ באַשוערט געמיט צום וויפֿלטן מאָל זיך פֿאַרטראַכט וועגן דעם גורל פֿון איר היים, וועלכע זי האָט געמוזט פֿאַרלאָזן קעגן איר אײ־גענעם ווילן. אין דער בלאָקירטער שטאָט ליגט אָקערשט דער ווינטער ווי אַ שלאָפֿנדיקער בער — אין הויכאָנגעשאָטענע שנייען און קנאַקנדיקע פֿרעסט. אַלץ וואָס לעבט נאָך דאָרט, ליידט, הונגערט, פֿרירט און קאָר־טשעט זיך אין אומגעהייערער אימה. מיט זײַנע מגושמדיקע בערישע נאָז־לעכער נעפּלט דאָרט אָן דער ווינטער אַ געדיכטע ווײַסקייט וואָס שפּאַלט זיך, פּלאַצט אָפּטלעך אין איר אָנגעקנוילטקייט. בלויז דער טויט הויערט דאָרט באַשטענדיק און ר׳כּפּלט זיך אָן אויפֿהער. דאָ און דאָרט בלײַבט ער ליגן אַ שטײַפֿער, אומבארירט ווי אַ פֿראָסט־אָנגעשימלטער שטיין. אין דער האָרב אײַנגעפֿרוירענער לענינגראַד פֿוילט דער טויט און דאָ, אין דער דערשטוינט־מידברדיקער אַזיאַטישער שטאָט, צופֿוסנס דער מאַכטיקער הימלוואַנט אַלאַ־טאַו, הייבט שוין אָן דערוואַכן די שטאַר אײַנגעקלעמטע וועלט. אין זילבערדיק־בלישטשנדיקן אין דער פֿרי וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבער די ביימערקעפּ פֿון די שלעפֿעריקע גאַסן מיט די מרוזשנדיקע פֿענצ־טער, שטייט נאָך די שנײַדיקע קרירה, אָבער אַרום צען אַ זייגער אין דער פֿרי גליט שוין די זון. די ערד, וואָס קאָרטשעט זיך נאָך אין שאָטנס פֿון בײַנאַכטיקן דרימל, נעמט רעשיק קווילן אין אַ נעץ פֿון צעשוימטע ריטש־קעס. אויך די אײַנגעהאַרטעוועטע פּעטע ליימען נעמען אויפֿטײַען, זיך קלעפּן צו די שיך. אין גיכן, הייסט דער אַ אָנזאָג, וועלן פֿאַרחידושטע ווידער זיך צעשמייכלען די נאַקעט־צעשטרעקטע ביימערצווײַגן מיט דער בשורה פֿון דריבנע, נײַע גרינע בלעטלעך — —

טאַקע אָט שוין, אומגעריכט, נעמט דער הימל זיך וואַשן פֿון זײַן לאַנגאָניקער אָנגעקויטיקטקייט, ער וועט ווערן טיפֿער, בלאָער. אויך דער מאַרק וועט זיך דערוועקן מיט זײַנע גוטסן.

אינסטינקטיוו האָט די פֿרוי דערוואַכט און מאַט דערשפּירט גלוסטונגען צום אַרום. אַ טאָג, נאָך איינער אַזאַ טאָג, און דער דרויסן האָט טאַקע גענומען זוניק זיך אויסלעגנערן, ממש ווי אַ קאַץ וואָס טשוכעט זיך פֿון אַ ווײַטן שלאָף.

ניין, נישטאָ קיין פֿרילינג אין די אָ קאַנטן. אויב פֿרילינג, טוט ער באַלד אַרויף אויף זײַן צורה אַן אומגלייבלעך העל אָפּגעמאַליעוועטע מאָסקע. אין ווערראַ ניקאָלײַעווונאַס מרחקים פֿאַרגייט דער ווינטער פּאַוואָליע, אַלאָ אויך דאָס פֿרי־יאָר קומט אָן באַזאַכט ווי אויף אומזיכערע קינדערישע פֿיסלעך; דאָ, פֿאַרקערט, לויפֿט אונטער מיט אַ מאָל די אימפּעטיקע זון מיט איר גאָרער להוטקייט. גיך טריקנט זי אויס די בלאָטעס און צעוועקט אויף דער געשווינד די פֿאַרטײַעטע סאָקן אין די ביימער־שטאַמען. מיט דער אָ וועסנע שטראָמט באַלד אָן אַ פּראַלנדיקע וואַרעמקייט מיט אַזאַ יונגפֿרוילעכן לאָקנדיקן בליק, גלײַך זי וואָלט אַרויפֿגעפֿאַלן זשעדנע זיך טוליען צו דער אויפֿוואַכנדיקער ערד ווי צו די פֿאַרשעמטע פֿלאַנצן און הייס אין זיי אַרײַנגעטעגהט: „נישקשה, איך בין פֿאַראַנען. כ'וועל מיך נישט לאָזן פֿאַרטרײַבן, און אַוודאי נישט אויף לאַנג פֿאַרטרײַבן. אָ, דאגה נישט מער, ביסט בײַ נײַס אין מײַנע געצעלטן!"

די פֿלוימען־ביימער נעמען טאַקע אין גיכן בליִען ווײַס־ווײַס ווי אָנגעשאָטן מיט אַנדערשדיקע צאַרטע שניי־פֿליטערלעך; אויך די אַבריקאָסן באַווײַזן זיך מיט האָפֿערדיקן צוויט ווי מיט נײַגיריק־בליקנדיקע אויגן. זיי וואַרפֿן אַ ראָזולעכן ליכט פֿון אַ פּלוצלינג אופֿגעקומענעם לאַנגן קאַיאָר. אויך דער פֿישפֿאַנג טראָגט זיך אָן נאַ צוואַל פֿון די אַרומיקע טײַכן. דאָס ווײַט־צעשטרעקטע לאַנד פֿולט זיך אָן אין זײַנע אומבאַוווסטקייטן מיט דער אומאַרויסגעזאָגטער בשורה פֿון אַ גרויסער שפֿע:

— איי, געדיכט און געשמאַק וועלן ערשט וואַקסן די קוקורוזעס איבער די אומדערגרײַכלעכע סטעפּישע לאַנעס. אויך קרויט, פֿאַסאָליעס און מייערן וועלן געבן די גאָרטנס. פֿון האָריזאָנט ביזן באַרג־שיפּוע וועלן די באַשטאַנעס אונדז אָנזעטיקן מיט קאַווענעס און דיניעס צוקערזיסע. און אַוודאי וועלן בורעקעס מיט קאַרטאָפֿל און ציבעלעס איבער גענוג אַרויסקומען אין די טאָלן פֿון די פֿעלד־חלקים אַרויסשטאָט, וואָס זענען צוגעטיילט פֿון שטאָטסאָוועט. ערשט די פּאָמידאָרן און סאָנישניקעס וואָס די בײַשטוביקע גערטלעך וועלן געבן?! אַ פֿולע זאַטקייט וועט ברענגען דאָס אָנזאָגנדיקע פֿרי־יאָר. אַבי די אַריקן[1] וועלן נישט קאַרגן קיין וואַסער און דער הימל וועט אין צײַט ברענגען רעגנס. אָך, אָך, סאַראַ היימלעכקייט עס זאָגט אָן דער זומער, ווי באַלד ער האָט שוין גענומען אַרויסשטעלן דעם קאָפּ. אַנו, די הענט זאָלן נאָר נישט מיד ווערן און דער רוקן זאָל נישט נעמען קאַפּריזעווען.

---

[1] קלאָרינקע באַרגשטראָמען וואָס צעפּליסן זיך אין אַ ברייטער נעץ איבער די הויפּטגאַסן פֿון שטאָט.

אַזוי האָבן עלטערע באָבעס און אויך יונגע „זעלנערקעס״ זיך צעטענהט אין אומעטיקלעכער האָפּערדיקייט, ווען די זון האָט אָנגעהויבן אַפּירקוקן פון הינטער די מאַרצאָווע גליוועררוואַלקנס.

און אַז דער דרויסן האָט שוין אויף אַן אמת זיך צעשײַנט, האָט עס אויך ווערע יאַקאָוולעוונאַן אַ צי אַרויס געטאָן פון איר פאַרשטאַרטקייט. זי האָט זיך נאָר תּרעומותדיק אַ קרים געטאָן: שוין צײַט אויך פאַר איר זי זאָל זיך אַ ביסינקע אויפּכאַפּן פון פוילן דרימל! רעכט, זי זאָל אַפילו וואַרפן אַן אַ זײַט דאָס געשטריקעכץ; זי מוז אַרויס אין גאַס זיך אַרומקוקן ווי עס האַלט מיט איר אייגענעם לײַב און לעבן: אפשר האָט די וועלט דאָך זיך שוין אַוועקגעריסן פון איר יוירנדיקן טרויער וואָס דריקט ווי אַ פײַנלעכער יאָך? ס׳איז גרײַלעך מעגלעך אַז פון ערגעץ־ווו זאָלן זיך האָבן אַרויסגעריסן מענטשן וואָס ווייסן מער ווי זי ווייסט פון איר צענעריקטער היים. אַ פריש געקומענער ברענגט שטענדיק עפּעס נײַס; און ר׳וועקט דעם פאַרשלעפּערטן נײַגיר. זי, ווערע יאַקאָוולעוונאַ, איז שוין אויס מענטש. זי איז פאַרוואַקסן געוואָרן ווי מיט מאָך. וואָדען, אַזאַ טונקלקייט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַרום איר. אויף תּמיד ט׳זיך געשטעלט די גראָקייט און זי, ווערע, גייט אַן מיט דער זעלביקער אַרײַנגעטוענקייט אין געשטריקעכץ און אין דעם טעפּל גריץ, וואָס זי מעלה־גירהט. יאָ, אַ מאָל דערוואָרעמט זי זיך אויך די... נשמה מיט אַ שטשי [2]. דאָס געשטריקעכץ וואָס זי טוט ווי אַן עבֿודה צו אַן אָפּגאָט, וועט איר דאָס מאָל מוחל זײַן. די בידנע קינדערלעך, פאַר וועלכע זי שטריקט, גייען איר סײַ ווי נישט אַרויס פון זינען. נעבעך נאַקעטע און הונגעריקע. טאַקע אַ שאָד די קינדערלעך וואָס פרירן, זענען תּמיד זשעדנע כאַטש אַ צוקערקע. או־או־ו־ו־הו, ווי דער ווינטער קען פון מענטש פאַרטרײַבן דעם פונק מענטשלעכקייט! אַזוי פיל צײַט איז שוין פאַרבײַ און זי׳ט זיך נישט פאַראינטערעסירט מער ווי מיט זיך גופא. רק דאָס קלערן פון אָפּעסן אַ מיזערנעם מאַלצײַט און דאָס וויקלען זיך פון וואַרעמקייט וועגן אין די טראַנטעס. נאָר דער קרעכץ איז איר געבליבן ווי אַ שוימפּעלצל פאַר דער גאָרער גײַסטיקייט, פון וואָס אַ מענטש באַדאַרף אויך נהנה־זײַן. אַל דאָס אַנדערע, אחוץ דער דאגה פאַרן שטיק ברויט, איז פון איר לגמרי אַלץ אויסגערונען, גלײַך זי וואָלט געוועזן אַ פּענכער וואָס דער שד פון הונגער האָט אין אים אַרײַנגעשטאָכן זײַן מיאוסן נאָגל. ס׳אַ שרעק, וואָס פון ווערען איז געוואָרן! צו מאָל פאַרגעסט זי שוין די אייגענע, פאַר וועלכע סע קנייטשן זיך אָפּט אין זאָרג

---

[2]) אַ געשמאַלצענע קרויטזופּ (רוסיש).

אירע ליפּן. „אַ בושה דיר, וועראַ — —״ אין אמתן אָבער האָט זי ווי אַ הון פֿון אַ פּלוצלינג אַרויסגעפּאַלענעם רעגן באַלד זיך אָפּגעטרייסלט פֿון דעם ניי־אָפּגעדעקטן געפֿיל. זי׳ט זיך תּיכּף גענומען אונטערטרײַבן:

„ביסט שוין גענוג פֿאַרבאַבעט, ווײַבספּאַרשוין! צו לאַנג זיצסטו אין דײַן פֿאַרשטיינערטקייט. די וועלט, ווי גראָב זי איז, פֿאַרטראָגט דאָס אויך נישט. ריכטיק: נאָר נישט האַלטן זיך אויף איין אָרט און גליווערן — אָדער אַהין, אָדער אַהער. דו לעבסט, אָדער ביסט אין הינערפּלעט?״

ווי מיט קליינמיידלשן נײַגיר האָט די פֿרוי טאָקע באַלד זיך אַ הייב געטאָן און איז אַרויס פֿון איר קעמערל. אַ געלאַסענע, אַ רענטלעכע האָט זי זיך געטראָגן אין שאָטן פֿון דעם הויך־אויפֿגעטראָגענעם טראָטואַר. זי׳ט געשפּירט אַ באַדערפֿעניש זיך אויסצוטאָן פֿון די טונקלקייטן, וואָס די גרי־זשנדיקע לאַנגע ווינטערדיקע וואָכן האָבן פּלאַסטנווײַז אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף איר, געמאַכט זי פֿויל. איצט האָט זי מיט קלאָרן זינען זיך אַ טראָג געטאָן צום מאַרק. דער קאַלכאַזנער מאַרק איז בכלל דער זייגער פֿאַר די מענטשן פֿון די אַ מקומות; אויך די זריחה און די שקיעה פֿון זייערע געמיטער איז די מאָס פֿון לעבן, וואָס נאָר דער קאַלכאַזנער מאַרק איז מסוגל צו באַוועגן. און יאָגט אַרום אַ פּוסטקייט איבער דעם גרויסן מאַרק, גליווערן די נשמות בײַ די לײַט אין די פּלאַטשיקע נידעריקע מויערלעך מיט די מאַטע פֿענצטער; זשומט אויף דער ריזיק אַרומגעצוימטער שטח פֿון די זאַטע קאַלירן פֿון פֿעלד און גאָרטן, ווערט אַפֿילו האַפֿערדיק דער שריט פֿון די מענטשן. אויך דער צוריקהאַלטעוודיקער דרויסן נעמט ריזלען ווי אַ טײַך אין זײַן צופֿלוס, ווען די גאָב פֿון די פֿעטע ערדן באַווײַזט זיך אויפֿן מאַרק.

אָ, ווי אויסטערליש שפּירעוודיק עס זענען די לײַט אויפֿן אויסזען פֿונעם מאַרק! זיי צאַפּלען אויף פֿון נײַגיר אַלע מאָל, בעת עס הערט זיך דאָס דערנענטערנדיקע ראַסלען פֿון שווער באַלאָדענע וועגענער. אויך די שטילקייט אין דרויסן ווערט טעמפּ אויפֿגערודערט בײַם אָנקום פֿון אַ קעמל־קאַראַוואַן.

— מירן הײַנט האָבן אַ רײַכן מאַרק!

און מ׳פֿעדערט זיך גאַנץ פֿרי אַרויסצוגיין אַ שמעק טאָן וואָס ס׳איז פֿאַראַן אויפֿן קאַלכאַזנע מאַרק. איכ׳ל קויפֿן, מירן קויפֿן. אַבי ס׳איז נאָר פֿאַראַן וואָס צו קויפֿן. די רובלעס, די טשערוואָנצעס גנ׳ען אין באַהעלטע־ניש און ס׳איז גאָר קיין פֿרייד נישטאָ פֿון זיי. נמאסע פּאַפּירלעך וואַלגערן זיי זיך אין די דומפּע טונקלקייטן, ווײַל דער מאַרק איז מיינסטנס סטראַש־נע מיט זײַן לאַנגאַניקער פּוסטקייט.

מחמת עס זענען אַנגעשטאַנען גאָר ביטערע יאָרן! די קאַלכאָזן שטומען אין פאַמעלעכן פויערישן גאַנג ווי יעדער אָקס אין יאָך און דער הונגער טאַטשעט די איינגעווייידן פון לאַנד. די תמידע שרעק פאַר מער געוועגדיקע פּיינען טריבט, פּאַטשט הילכיק איבער דער נשמה.

ב

ווערא יאַקאָוולעוונאַ האָט געטראָגן דער גיר צום לעבן וואָס איז אין איר שוין געווען אַנטשלאָפן. די גאַס איז זי ממש דורכגעשווומען. ס'פאַר־רייטלטע פנים האָט עדות געזאָגט אויפן געצאַמטן דראַנג וואָס באַוועגט אַקערשט מיט איר. ווערא'ס אויגן האָבן זיך דערפון אָפּט פאַרמאַכט. אַרום זיך האָט זי דערשפּירט רק כוואַליעס ליכט וואָס בלענדן אָן אַ גרינג־פּיסיקע לײַכטקייט. פרייליך שלאָגן אָן די ליכטכוואַליעס אין אירע געהירן און זיי שטויסן פאַרויס אירע גלידער. בשעת־מעשׂה האָט איר זיך געאָנט אַז זי שוועבט איבער מילדע ליכטפלאַסטן, וואָס האַלטן אונטער די גרינג־קייט פון איר לײַב. יאָ, די פיס הייבן זיך אַקערשט מיט אומאייגענע כוחות.

אַך, ווי גיך זי איז דאָס מאָל אָנגעקומען אַהער צו! אַזאַ, אַזאַ מאַרק, — האָט זי שטיל געזאָגט ז י ך, גלײַך זי וואָלט דעם אַ ווימלענדיקן שטח געזען צום ערשטן מאָל.

אויפן צעהילכטן אויסשפּרייט פון אומגעהייערן מאַרק האָבן זיך צע־פּראַלט ווערא יאַקאָוולעוונאַס אויגן. מיט קילן בורשטין־פײַער גיט אָפּ איר בליק און אַזאַ שטילע שײַן לײַכט אויך פון אירע האָר. און אַזאַ האָט דער מאַרק זי באַלד פאַרשלונגען. דער צונויפגעדראַנג פון מענטשן, דער געבראַזג פון קולות און קלאַנגען, האָבן ווערא'ן אַ הייב געטאָן ווי אויף פליגלען, אָבער מײַנסטנס האָט דער געפּלאַם פון קאַלירן, וואָס זיך פאַר־נאַנדערגעשפּרייט איבערן מאַרק, צעוואַקלט איר טראָט; זי'ט זיך אַזש אָן אומגעריכטן וויג געטאָן אויף די פיס. דאָס האָט די נײַקייט פונעם דרויסן זי צעטומלט — און דערפון קוים זיך אָפּגעגעבן חשבון. ענדער האָט זי געפילט אַז דער אַרום ציט זי אַרײַן אין אַזאַ שיכּרות, אָבער דאָ האָט זי נישט וואָס צו טאָן, — האָט דער מוח איר זיך געטשוכעט. נישט זי באַדאַרף ערשט עפּעס קויפן, און נישט זי באַגערט זיך אַנצופּרעסן. איר נישטערנ־דיקער בליק האָט זי רעכט אויסגעניכטערט: וואָס זי זעט אַקערשט! אַ וואָגן מיט טרוקן שורשנדיקע ציבעלעס האָט נאָר וואָס זיך אָוועקגעשטעלט און איבער אים הייבט זיך שוין אַ געווימל פון אַריבערגעבויגענע רוקנס. אַלאַ העכער איבער אַלעמען באַוועגט זיך קי'יש־שווער אַ באַלײַבטע פויער־

טע. צו גלײַך מיטן זילבער־טלי פֿון דער פֿויערטעס קאַנטיקן קאָפּ הוידעט זיך איבער איר בוזעם־אַנבערגלונג דער געקלימפּער פֿון אַן אַלטער מט־בעות־קייט. צו דער אָ ברייט־פּלייציקער פֿויערטע האָט זיך אָנגעקערט וועראַ יאַקאָװלעװנאַס אומגעריכטער געפֿרעג:

— כאַזיאַיקאַ, בלויז ציבעלעס האָט איר צו פֿאַרקויפֿן? ציבעלעס זענען דאָך נישט קיין ברויט, נישט קיין קאַרטאָפֿל. ציבעלעס קענען זײַן אַ צוגאָב, אַ מין געווירץ צום עסן, נישט קיין עיקר־שפּײַז.

— נאָר ציבעלעס, געהערט?! האָט יענע בייזלעך אויסגעשריגן.

— טאָ פֿאַר וואָס אַזאַ געדראַנג בײַם קאָלכאָזנע וואָגן? האָט ווערא שוין זיך געווענדט צו דער כאַפּטע ווײַבער וואָס האָבן זיך געהאַט אָנגע־האַנגען אינעם וואָגן ציבעלעס. די ווײַבער־קונהטעס האָבן זיך טאַקע אויכעט געוווּנדערט אויף דעם פּשוטן פֿרעגן, אָבער זיי האָבן נישט גע־קענט זיך דערווײַטערן פֿונעם אָרט. „עפּעס דאַרף מע דאָך קויפֿן״, האָט ווער פֿון זיי אָ קרענקלעכן מורמל געטאָן צו אַן אַנדערער בעל־הביתטע. ווערא איז געבליבן אָ ווײַלע שטיין און געשטוינט: „באָזשע טי מאָי, וואָס טוט זיך דאָ?״

— אי סטאָלקאָ זאַ עטי[3]! — האָט אויך אַן עמעץ נעבן דעם קאָל־כאָזנעם וואָגן זיך שוין געחידושט אויף אָ קול.

— נישטאָ, ניעטו־ו־ו! — האָט די קאָלכאָזניצע באַלד זיך צעליאַרעמט פֿון וואָגן אַראָפּ און פֿון די הענט געגומען אַרויסרײַסן די ציבעלעס וואָס ווײַבער האָבן באַטאַפּט צי זיי זענען נישט צעפֿוילט.

— גע־גאַאַאַנגעען!! — האָט די פֿויערטע שוין נישט אויפֿגעהערט שרײַען — איך וועל אַלע דאָ צעבײַטשן ווי די פֿוילע אייזלען! — זי האָט זיך מיט כּעס געוואָרפֿן אויף די וואָס זענען געהאַנגען אויף די וואָגנ־באָקעס און איבער זיי חולה־נופֿלדיק זיך צעצאַפּלט. צעטומלטע פֿונעם געבייזער, האָבן די לײַט זיך פֿאַרענטפֿערט, גלײַך זיי וואָלטן אַריבערגע־רעדט זייער אייגענער טויבקייט:

— אַזוי־וי טײַ־ײַ־עעער! ווער קען ערשט צוקומען צו דעם? אָך, כאָכאָאָאָ, ס'אַראָ אומגליק!

— פֿון וואַנען נעמען אַזוי פֿיל געלט? — האָבן שוין דערשראָקן זיך איבערגעקוקט די באַנומענע פֿונעם געקוויטש איבערן אויפֿגעשוואָלענעם מקח:

— הונדערט רובל אַ קילאָ ברויט, פֿופֿצן רובל אַ קילאָ קאַרטאָפֿל...

---

[3]) און אַזוי פֿיל פֿאַר אַזוינס? (רוסיש).

אויף ציבעלעס אין שווערע רובלעס? מ׳עט אויסגיין אין נויט ביי אַזעלכע פּרייזן פאַר אַלצדינג.

— אַוועק פון דאַנען! גנבֿענען געקומען אַהער? און מערער זיך צעליאַרעמט: — מיליציִאַאַ!

מיט אַ פּעסט מויל ווי מיט אַ שאַלנדיקן האָרן האָט די פּויערטע מיט די ציבעלעס אויפֿן וואָגן זיך צעהילכט איבערן גרויסן מאַרק. זי׳ט געשריגן און בייז צוגעדריגעט מיט אירע שווערע פיס אין די ווייך־געקאַרבטע איטשיקעס [4], אַריינגעשטעלטע אין טיפֿע קאַלאָשן פון גומענע אויטאָמאָ־מאָביל־גילזן.

אָפּהענטיקע האָבן די קונים, אין גאַנצן צעוואַקלטע, זיך אַראָפּגעלאָזן פון די רעדער־ספּרינגעס און אַוועק אַ ביסל פון דער וואָגן־הויכער פּויערטע, וועלכע האָט שוין גענומען פאָכען מיט אַ בייטש אין האַנט.

דערשלאָגענע האָבן די ווייבער פון ווייטנס שוין געצאָרנט אויף דער בייזער קאָלכאָזניצע, אַרויפֿגערעדט צו איר מיט פאַרביסנקייט:

— מעגסט זיך אַליין אָנפּרעסן מיט דעם פּוילעכטס, גראָב שטיק! געזען אַ חשק פון אַ פאַררײסענער פאַרשווינטע?!

— דו אויסגעפּרעסענע צורה! — האָט נאָך עמעץ זיך געמוטיקט אין פאַרלוירנקייט.

— איר שטייט נאָך, פאַראַזיטן? — ליאַרעמט ווידער די ברייט־פּנימ־דיקע פּויערטע און איר בייטש האָט זיך שוין שאַרפער צעפאָכעט אַקעגן די פּנימער פון די צעשראָקענע ווייבער: — אָט צעקאַטעווע איך אייער פעל! נישטאָאָ דאָ וואָס צו זוכן. — דער קאָלכאָזניצעס כעס איז געפאַלן אויף די בידנע ווייבער ווי הייסע גלאָוניעס. ענדלעך האָט זיך די כאָפּטע ווייבער דערווייטערט פון דעם אומצוטריטלעכן וואָגן ווי פון אַ שׂריפה־נעסט. אויך ווערע יאַקאָוולעוונאַ איז פון דאָרט צוריקגעטראָטן פונקט אַזוי ווי זי איז פריִער צוגעשטאַנען צום געזעמל קונהטעס וואָס האָבן גאָר נישט געקענט קויפן. האַלטנדיק זיך אָן אַ זייט האָט זי ערשט דעמאָלט דערזען דערויף דער ערד, נעבן וואָגן ציבעלעס הויערן אַ פּאָר אומגעהאַריש הויקער־דיקע קעמלען. האָריק־ברוין שווימען זיי אין צעגאָסענעם בלענד פון זוניקן קרייז, וואָס מישט זיך מיטן אַרומיקן הודזשעניש און פאַלט דאָ מיטן פּנים צו אַ הויפן צונויפגעשאָרטן מאַרקמיסט.

---

[4]) שטיוועלעך פון גאָר ווייכן לעדער.

ג

ס׳איז געווען אין אָנהייב פֿון דעם זייער וואַרעמען קאַזאַכסטאַנער פֿרילינג. די באַרגשטעגן האָבן זיך נאָך געטרונקען אין די צעשמעלצנדיקע שנייען וואָס האָבן מיט געקראַך אַראָפּגעגנידערט פֿון די שטײַלע באַרג־שיפּועים און זיך פֿונאַנדערגעשפּרייט אין זשוזשנדיקע שטראָמען. צו גליטשיק איז נאָך געווען די ערד פֿאַר די וועגענער און צו זומפּיק פֿאַר די קלאָען פֿון די שלעפּ־חיות. נאָך ווינציק קאָלכאָזניקעס האָבן זיך געוויזן אויפֿן מאַרק, אָבער דאָס הודזשען פֿון שווערע וועגענער און אָנפּלייצנדיקע מענטשן האָט סײַ ווי זיך שוין געשטעלט מיט אַ באַשטענדיקייט ווי אַ לעבהאַפּטיקע בינען־כּמאַרע אין אַ רײַכן גאָרטן. אויך פויערטעס פֿון הינטערשטאָטישע קיביטקעס האָבן גענומען זיך אַרויסווײַזן אויפֿן מאַרק מיט עטלעכע פּאָר אייער פֿון אַן אייגענער הון, און אַ געדראָטעוועט קיישל מיט ציטערדיקע קראָליקעס; אַן אַנדערע האָט אויף אַן אַלט שוועל־טרעטערל אַוועקגעשטעלט אַ פֿאַרשאַרצט טאָרבעלע מיט קלעצלעך שאָפֿנקעז ברינדזע, טרוקענע שימלגרינע און האַרטע ווי שטיינדלעך. צום פֿאַרקויפֿן דאָס אַרויסגעבראַכט. נאָך אַן עמעץ האָט אין אַ שיסעלע געהאַלטן עטלעכע פּלאַמיק צוגעברוינטע פּלעצלעך „לעפּיאָשקעס״ פֿון היימיש־צעמאָלענעם גראָבן קוקורוזע־מעל. אַלץ איז אַ סחורה צו פֿאַרהאַנדלען; צו אַלץ שטרעקן זיך גיריקע, הונגעריקע הענט. אַ שיטער־בערדלדיקער קאַזאַך פֿון אַ נאָענטן טאַליקן קישלאַק איז (וויגנדיק זיך מיט זײַנע לאַנגע פּס האָרט איבער דער ערד), אַרײַנגעריטן אין מאַרק אויף אַן אייזעלע וואָס בײַ זײַנע זײַטן האָבן זיך געבלאָזן לאָגלען מיט צוואַרעך־מילעך. אָפּגעשטעלט זיך אין דער ריי פֿון די ווײַבער־הענדלערקעס, האָט דער מאַנצביל אין לאַנגן זשופּאַן באַלד צעעפֿנט זײַן מיסחר און גענומען רופֿן קונים:

— נעמט, ליבינקע, גוטע, פֿעטע קעז־מילעך — האָט זיך מעכאַניש באַוועגט זײַן קנאָפּ־באַוואַקסענע גאָמבע און זײַנע אַ האַנט האָט געהאַלטן אויסגעשפּרייט דאָס מויל פֿון איינעם אַ לאָגל וואָס איז געבליבן הענגען אויפֿן רימען־פֿאַרט פֿון זײַן גולמדיק פֿאַרטראַכטן באַשעפֿענישל, אַ געדולדיק וואַרטנדיקס נעבן זײַן בעל־הבית.

אַוועקגעשטעלט אַזוי אַ דאָס אייזעלע, איז עס געבליבן אומבאַוועגלעך שטאַרן אויפֿן אָרט אַפֿילו בעתן אָנאויפֿהעריקן משונהדיקן רופֿן קונים פֿון זײַן געביטער:

— נעמט, גוטע, פֿעטע קעז־מילעך — —

דאָס אייזעלע האָט נישט קיין באַוועג געטאָן מיט די גלאָציקע קור־

קערס. פֿון צײַט צו צײַט נאָר אויפֿגעציטערט מיט די ריפּן מחמת אָזוי אַרום האָט עס געפּרוּווט פֿון זײַן פֿעל אָפּטרײַבן די זשעדנע פֿליגן. — נעמט, נעמט, גוטע, — האָט דער קאַזאַך נישט אויפֿגעהערט מידלעך רופֿן די אַנקומערס, אָבער די פֿאַרבײַגייענדיקע לײַט, מײנסטן װײַבספּאַרשוינען, אויך יונגוואַרג, האָבן זיך נישט צוגערירט צו זײַנע צעעפֿנטע לאָגלען קעז־מילעך. טייל האָבן אים נאָר אַ װײַלע אָנגעקוקט מיט שטוינענדיקע, אויך פֿאַרטראַכטע בליקן און באַלד אַװעקגעשלײַכט טיף אין מאַרק אַרײַן אָן אָפּצורופֿן זיך אויף דעם מענטשנס גינציקן פֿאַרלייג. אינדעם האָט דער קאַזאַך, משמעות שוין אַ באַאומרויִקטער, אַ צי געטאָן בײַם אַרבל אַן אָנ־קומענדיקע בעל־הביתטע:

— היי, דו, זע וואָס איך פֿאַרקויף — און מיטן פּנים האָט ער זיך אויסגעדרייט צו זײַן סחורה באופֿן מע זאָל זיך דערנענטערן צו די צעעפֿנטע לאָגלען. די פֿרוי האָט טאַקע זיך אָפּגעשטעלט, אָבער נאָר געקוקט אויפֿן מאַנצביל, געקוקט מיט טענה אין איר מינע. אַ פּנים, איר האָט פֿאַרדראָסן זײַן שלעפּ טאָן זי בײַם אַרבל:

„דו... — האָט זי פֿאַראיבלדיק אַרויסגעבראַכט אין אַ בולטן גרימאַס.

— דו שטערסט אַ מענטשן דורכגיין!"

— ניין, כ'שטער נישט. איך וויל זאָלסט זען און קויפֿן מײַן געשמאַקע קעזמילעך. נעם, בעל־הביתטע, וואָלוול. מײַן װײַב האָט הײַנט פֿריש אָנ־געגאָסן. ווייס, איך האָב נישט קיין צײַט. כ'וועל אָפּגעבן וואָלוול.

דעם קאַזאַכס אונטערשטע ליפּ האָט זיך שווער אַראָפּגעלאָזן, אַזש דאָס שיטערע בערדל אויף זײַן בייניקן קין האָט אַ ציטער געטאָן מיט שטײַפֿע האָר. ער האָט להוט געקוקט צו דער וואָס וויל אַ פּנים קויפֿן... זי'ט אָבער נאָר געקוקט אויפֿן הענדלער, עפּעס זיך מיישב געווען, און נאָכ־טראַכטנדיק לענגער געהערט זײַנע קורצע, ממש אַרויסגעפּרײַכטע רייד. אלא אירע אויגן האָבן זיך געשפּיגלט פֿאַרלוירענע; אַ רגע האָט זי אַוועקגעקוקט אָן אַ זײַט, אָבער דעם קאַזאַכס מאָגערע, געלבלעך־טרוקענע פּנים האָט זיך שוין אָנגעשאָטנט מיט טרויער.

...אמת, אמת, ער האָט אומזיסט געפּרוּווט מזל מיט זײַן קעזמילעך; דאָס מזל האָט זיך אָבער נישט געוואָלט אויסדרייען צו אים מיט אַ מילדער מינע. די פֿרוי וועלכע האָט זיך פֿאַרהאַלטן פֿאַר אים האָט לסוף בייז צעעפֿנט איר מויל מיט בפֿירושן פּירוואָרף:

— גיי, פֿאַרריסענער וואָס דו ביסט. ווי דערוועגסטו צו פֿאַרטשעפּען מענטשן וואָס לײַדן איבער גענוג. ברוציליאַזנע איז דײַן קעזמילעך. ווייסטו וואָס דאָס מיינט, האַרטער קאָפּ!?

— ווייסעך וואָס דו רעדסט, בעל־הביתטע? דײַן קאָפּ איז נישט קלאָר, אַבי דו פּלאַפּלסט!

— נישט ריכטיק, זאָגסטו, איז מײַן טענה? ביסט אַ ליגנער, סוחר. דײַן קעזמילעך האָט נישט דעם שטעמפּל פֿון דער סאַניטאַר־קאָנטראָל.

אַ מבֿולבלער האָט דער קאַזאַך געוויגט מיטן קאָפּ.

— אָבער דיר גייט דאָס נישט אָן, האַ, קאַזאַך!!? — האָט אויך שוין אַן אַנדערע פֿרוי וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט הערן, אַרײַנגעזאָגט דעם פֿויער הלמאַי מע מײַדט אויס זײַנע לאַגלען קעזמילעך. אויך די בעל־הביתטע האָט אויף אַ רעכטן אמת זיך אָנגעכמורעט אויפֿן תמעוואַטן פֿויערל וואָס האָט זײַנע צוואָרעך לאַגלען געלאָזן הענגען אויפֿן רוקן פֿונעם דערשוויצטן אייזל. אין איינוועגס האָט אויך די דאָזיקע זיך געמיאוסט קוקנדיק אויף זײַן פֿאַרשוינלעכן אויסזען:

— עך, וואָסער קוויטיקער דו אַליין האָסט זיך אויסגעסטראָיעט צום גיין אין מאַרק אַרײַן מיט אַזוינס וואָס מ׳באַדאַרף עסן. אַזאַ ביסטו געקו־מען? שעם זיך ליבערשט. דעם אינספּעקטאָר האָסטו באַדאַרפֿט צו ערשט זיך ווײַזן, דערנאָך הייסן אים אַ בליק טאָן אויף דײַן קעזמילעך, מיט וועלכן דו ווילסט אָנהאַדעווען מענטשן, וואָס מוזן זײַן געזונט. מער ווי געזונט ווײַל די צײַט איז גראָד גאָר שווער פֿאַרן נאַראָד. אַזוינס וואָס מ׳דאַרף עסן, לאָזט מען אַפֿריער פּראָבירן, אַלטער, האָאָארכ־סססט, קאַזאַך?! ברוציליאָז איז שטאַרק אָפּאַסנע[5] פֿאַרן מענטש ווי פֿאַר דער בהמה; מוזסט עס וויסן, אַלטער.

— ליגנערין! ברוציליאָזנע איז די מילעך פֿון דײַן לײַב, וואָס דו גיסט די קינדער צו זייגן! — האָט דער פֿויער אומדערוואַרט זיך צעשריגן אויף דער שלעכטער, וואָס איז אַן אומגעבעטענע צוגעשטאַנען צום גערייד מיט יענער. — פֿריש איז מײַן קעזמילעך, געזונט מײַן קיעלע. בלויז מײַן טאָכטער אין קראַנק מוז איך אָט שוין האָבן געלט. ראַכיל, מײַן ווײַב, באַדאַרף גאָר נייטיק רובלעס, בין איך אַוועק פֿאַרקויפֿן דאָס אָ. פֿאַרן אינספּעקטאָרס פּאַפּירל וואָס ער גיט איז נישטאָ קיין געלט בײַ אַכמעדן. דו אַ ברוציליאָזנע שטיק, אַ נבֿפה אויף דיר!

מענטשן האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַנטקעגן דעם אויפֿגעשטורעמטן פֿויערל. טייל האָבן געשטוינט אויף דעם פּלוצלינגן געטומל בײַם אַרײַנ־גאַנג צום קאָלכאָזנעם מאַרק, אָבער אַכמעדן וואָס האָט געדאַרפֿט רובלעס

---

[5] געפערלעך (רוסיש).

פֿאַרן ווײַב, זענען אָנגערונענע טרערן אין די אויגן, וואָס האָבן פֿאַרגאָסן זײַנע באַקן. באַליידיקונג און שרעק האָבן גענומען מיט אים טרייסלען. און וואָס מער מ׳האָט זיך צונויפֿגעדרענגט אַרום דעם ווייגענדיקן מאַנצביל, האָט ער זיך כּעסדיק צעשריגן נישט מיט זײַן קול:

— גנבֿטע! אומזיסט ווילסטו צונעמען, ברוציליאַזנע שטיק! דאָס פּנים האָט אַכמעדן קאָנווולסיוו געציטערט, אָבער זײַנע הענט האָבן באַלד האַס־טיק זיך אַרײַנגעטויכט דאָ אין איין לאָגל, וואָס איז געהאָנגען אויפֿן אייזל, דאָ אין אַ צווייטן לאָגל, אַרויסגעהויבן הויפֿנס צוואָרעך, זיי אַראָפּגעלאָזן צופֿוכנס פֿונעם אייזעלע וואָס ער׳ט שוין אונטערגעטריבן און אײַנצײַטיק דערויף אַרויפֿגעריטן. אויסגעזייט אַרום דעם אייזלס שטילן פּירפּיסיקן גאַנג אויסטערלישע מילעך־בלומען וואָס זענען אַרום אים געפֿאַלן אויף דער ערד, האָט דער פֿויער נישט אויפֿגעהערט איבערצוחזרן מיט געקלאָג:

„זעט, זעט, גוטע לײַט. קוקט און גלייבט ס׳איז וואָר וואָס איך זאָג:

— הײַנט פֿריש פֿון אויוון אַראָפּגענומען די צוואָרעך־מילעך. הײַנט!"

מתּוך צער פֿאַרן ווייגענדיקן מאַנצביל האָט עמעץ אַ שעמעוודיקן שמייכל געטאָן: „מ׳באַדאַרף נישט אַזוי האַרט זיך באַגיין מיט אַזוינעם. באַשיימפּערלעך אַן אָרנטלעכער דער..." אַן אַנדערער האָט, ווי ר׳וואָלט געקומען פֿון אַ פֿרעמדן יאַריד, סתּם קיל געפֿרעגט הלמאי ס׳איז אַזאַ בהלה אַרום אַזאַ אָרעמען פּאַרשוינדל. און ווען יענע פֿרוי, וואָס האָט אַזוי זיך געוואָרפֿן דעם חשד ב ר ו צ י ל י אָ ז נ ע. האָט גענומען זיך דערווײַטערן, האָט דער כליפּענדיקער אַכמעד ראַפּטעמדיקער אונטערגעטריבן דאָס אייזעלע, אים געשטורכעט מיטן צווײַגל וואָס אין האַנט און זיך אַ קערעווע געטאָן צום טויער פֿונעם קאַלכאָזנע מאַרק.

ד

טריט בײַ טריט האָט דערנאָך פֿאַמעלעך געשפּאַנט דאָס אייזעלע מיטן בידנעם קאַזאַך אַכמעד. אין זײַנע שליאַדן זענען נאָך פֿאַר אַ שטיקל וועגס פֿאַוואָליע געפֿאַלן אָנגעיוירענע פּעטע, ווײַסע בלימלעך־צייכנס פֿון דער צוואָרעך־מילעך וואָס איןביידע לאָגלען. אָנגעבויגן זיך צו די לאָגלען וואָס אויפֿן נעבעכדיקן באַשעפֿעניש, האָט דאָס פֿויערל לסוף די לאָגלען איבערגעקערט מיטן דנאָ אויף אַרויף און מיט אײַנגעשפּאַרטקייט זיי אין גאַנצן אויסגעליידיקט.

ביז וואַנען די פּעלענע בײַטלען זענען נישט אויסגעלערט געוואָרן פֿון דער סחורה וואָס געפֿירט צום מאַרק, האָט דער קאַזאַך פֿאַוואָליע זיך

באַוועגט אויפֿן אייזל. פּטור געוואָרן פֿון דער צוואָרעך־מילעך, האָט ער מיט אַ מאָל ווידער אַ שטויס געטאָן דאָס אייזעלע; ערשט האָט דאָס אַ הייב געטאָן די זײַטן און גענומען שטעלן אײַליקערע שריט. ס׳פּנים פֿונעם קאַזאַך איז דעמאָלט צעשניטן געוואָרן פֿון אַ שאַרפֿער גרימאַסע: „פֿאַרן ספּעקטאַר די מילעך? אַ וויטיק דעם ספּעקטאַר. אָבער אָן געלט בלײַבט שוין ראַכיל...״ דערנאָך האָט דער מענטש געטערערט אין פֿאַרביטערונג: „ביטרע די לײדיקגייערס. אונטערהעלפֿערס פֿון די פֿאַלשע!״

ווערא יאַקאָוולעוונאַ איז געווען צווישן די, וואָס האָבן אין קרענצל צוגעזען דעם צער פֿון דעם תּמוואַטן קאַזאַך, וועמען מ׳האָט אָפּגעשראָקן פֿון וועגן זײַן צוואָרעך־מילעך. ווען ער האָט אין די טריט פֿון גייענדיקן בהמהלע געהאַט אויסגעגאָסן ביידע לאָגלען, איז אין אים אויפֿגעגאַנגען דער צאַפּל פֿון פֿאַרצווייפֿלונג; „ווי דער מידבר כמאַרעט זיך ערשט זײַן קיביטקע. אַ קראַנקע די טאָכטער בײַ מיר, און קיין הילף איז פֿון אין ערגעץ נישטאָ. אַלצדינג גייט אַוועק פֿאַר קסיל אָרדאַ [6]). די איינציקע הילף איז סײַדן נאָר פֿונעם קיִעלע — — „זי האָט עס פֿאַרנומען, ווערא ניקאָ־לײַעוונאַ, און ס׳האָט איר פֿאַרקלעמט די ברוסט בײַם צוזען, ווען עלטערע לײַט און אויך אַ פּאָר אַרומגעפּליקטע קינדער האָבן נאָכגעאײַלט דעם רײַטנדיקן פֿויערל; זשעדנע גיך האָבן זיי זיך אָנגעבויגן צו די פֿריש פֿור־נאַנדערגעגאָסענע צוואָרעך־מילעך, וועלכע האָט ווײַס־ווײַס אָנגעפֿלעקט די שטויביק־זאַמדיקע ערד; אין די אָנגעפּוישטע פֿלעקן האָבן יענע געטונקט די פֿינגער און מיט להוטקייט זיי אָפּגעלעקט מיט באַשיימפּערלעכער הנאה.

דער בערדלדיקער קאַזאַך האָט רײַטנדיק געשלוכצט פֿון טיף באַנו־מענער אַנגסטיקייט; די פֿאַרוואָרלאָזטע לײַט וואָס בראָדזשען אַרום אין גאַס, האָבן זשעדנע געזוכט דעם טעם פֿון פֿרישן צוואָרעך, אָבער ווערא יאַקאָוולעוונאַ האָט שוין אַהיים געטריבן די פּלוצלינגע פֿאַרטונקעלונג, וואָס האָט גראָד זיך אַראָפּגעלאָזן איבערן צעיאָכמערטן מאַרק.

„ברוציליאָז, — האָט זי זיך דערמאָנט דאָס שרעקיק נײַע וואָרט. — „ס׳איז אַ פּײַן וואָס גייט אויפֿן מענטש!״ אָבער זי׳ט מורא געקראָגן אויך פֿאַר די שיינקייטן וואָס האָבן פֿאַר אירע אויגן אַרויסגע־קוואָלן פֿונעם פֿרעמדן, שטילן אַרום, וועלכער נעמט זיך וועקן צו אַ נײַעם הונגעריקן פֿרילינג.

1964

[6]) רויטע אַרמיי (קאַזאַכיש).

דער צוריקקער

א

— — — ווי נאָך אַ הינערפּלעט האָט ער אויפגעריסן די אויגן, קלמן קאַבריץ. דאַכט זיך: ס'איז די אייגענע הרעבליע, די זעלביקע הײַזקעס מיט די שטרוידעכער. אָט אַפילו די זעלביקע בערעזעס און ווערבעס און דאָך עפּעס נישט אַזוי ווי עס געדענקט זיך. עך, אָקערשט האָסטו אויך די ווינטמיל, דאָס בערגל וואָס גאַפּט אַריבער די פּלײַנען וואָס זענען תּמיד פאַרזייט מיט גערשטן, מיט ווײַטע קאָרן־לאַנען. און דאָך — אַלץ קוקט אויף אים פרעמדלעך, גלײַך ער וואָלט פאַרבלאָנדזשעט פון זײַן היים. ערשט די שטוב די אייגענע. איז זי באמת די זעלביקע, וואָס געלאָזן? אומדערוואַרטע ספיקות גריבלען אים אין דער נשמה, באַומרויִקן, כאָטש ער טרײַבט פון זיך דעם צווייפל. פון אַלץ איז גאָר פאַרענדערט די צורה, כאָטש דער נאָמען פונעם מקום איז נישט פאַרביטן: נ אַ ה אָ ר נ י , ווי ס'זאָגט דאָס שילדל בײַם ראַנד פונעם וואַלדשטעג וואָס פירט צום יישוב. איז מעגלעך, אַז נאַהאָרני פון זײַן אַנומלט האָט זיך געביטן? די נאַהאָרני וואָס לעבט אין זײַן דערוועקטן געדעכעניש, איז באַשיימפּערלעך גאָר אי־בערגעקערט.

אַוודאי, ר'האָט נישט געהאַט קיין טעות באַלד בײַם באַטרעטן די ערד פונעם יישוב: אַפילו די שטוב, זײַן שטוב, איז פאַר דער צײַט משנה־צורה געוואָרן. עפּעס זעט זי אויס שטאַרק פאַרעלטערט. ס'אַ שרעק! זקניש ווי אויף דראָטענע שפּאַקולן קוקט אָקערשט אַראָפּ די שטוב פונעם היגל. זי גופא, די שטוב, וואָס האָט נאָך קענטיק אַ שטיקל זכרון, באַטראַכט אויך דעם אַרום מיט מאָדנעם חידוש — ווײַזט זיך אים אויס.ס'איז אַקוראַט אַזוי ווי מיט אים, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים נאָך אַזעלכע יאָרן. נייך, יישובֿט ער זיך ווידער. די סבֿיבֿה איז דאַכט זיך ווינציק פאַרענדערט, רק דאָס פּנים פון דער געגנט האָט אָנגעטאָן אויף זיך אַ סך אומהיימלעכע קנייטשן. כוועדאָרס שטוב שטייט ווי געוועזן. אַפילו זײַן גאָרטן פאַרנט איז דער זעלביקער מיט די תּמידיקע הויכע סאָנעשניקעס [1]) וואָס שטייען איצט געבויגענע, פאַרוועלקטע. אויך טימאָפיי דעם שוסטערס בעל־הבתיש־קייט איז די אייגענע. ר'וואָלט געשווירן, טראַכט קלמן, אַז ר'איז זיך נישט

---

[1]) זונבלומען

טועה, דאָך אַ נאָענטער שכן זייערער, דער טימאָפּיי. אָבער ווו איז פּיניע זאַזולעס כאַטע מיטן גאָרטן? נישטאָ. אַ פּנים, אויך אָהער האָט דערגרייכט די צוק־חיה, צעריסן־צעטראָטן איז דערעיקרשט אַל דאָס ייִדישע. און אפשר? קלמן פאַרקוועטשט די אויגן, גלייַך ר׳וואָלט באַגערט עפּעס אַרויס־ציִען פון פאַרשאָטענעם זכרון. ווי שפּינוועבס קלעפּן זיך דאָ צו אים פּעדעם פון אַל דאָס געוועזענע, זיי רייַסן זיך באַלד אָפּ און פאַרזינקען ווי אין אַ תהום — —

רעכט, ס׳איז טאַקע אַזוי. אויך די שוויגער איז קענטיק מער נישטאָ. אַנישט וואָלט זי שוין געהאַט אַרויסגעקראָכן פון איר אַלקער און אַ מבול־בלע נישט אָפּגעטראָטן מיט איר פרעגעניש: „האַ, טאַקע קלמנקע?“ און זי וואָלט אים דורכגעשטאָכן מיטן נערוועזישן וואַרפּן מיט די אויגנלעפּלעך. נישטאָ שוין, באַשיימפּערלעך, די אַלטע. פרעגן? ס׳צייַט. ער וועט שוין געוואָר ווערן. גלייַכער נישט מיט אַ מאָל אויפרייַסן די ווונדן. ווער ווייס ווער עס פעלט נאָך אין דעם אַרום! דער וואָלף איז געווען צעיושעט, האָט געריסן שטיקער, בפרט ייִדיש בלוט האָט אים גערייצט. דער הפקר האָט אַלץ אויסגעוואָרגן. קלאָר, נאַהאָרני דרימלט נאָך אַצינד. זי וועט זיך ערשט אויפכאַפּן; ער׳ט שוין זען וואָס די פאַרפלייצעניש האָט אָנגעיאָגט מיט שטורעם.

די אַלטע נעכע, זי זאָל עס אים מוחל זייַן, האָט זיך נאָך דעמאָלט אַרומגעדרייט ווי אַ פאַרוועלקטער מוכאָמאָר מיט ווערצעלעך אויפן זומער־געשפּרענקלטן פּנים, אַ געשרומפּנס און פאַרטריקנטס. זי האָט געוויגט מיטן קאָפּ וואָס אַריבער דער געהאָרבעטער פּלייצקע און נישט־פאַרגינעריש עפּעס געמורמלט. אַ שאָד, פון דעסטוועגן, די אַלטע. אָקערשט פעלט זי אין שטוב צום רומל. די ליידיקייט נאָך איר הערט ער יאָמערן פון די ווינקלען אַרויס. סע הוילט אַפילו פון פּוסטן „אויפן אויוון“. קלמנען ווייַזט זיך אויס: דאָס קלאָגט זי, די אַלטע נעכע, מיט איר אָנצייניקן, קיין מאָל נישט אייַנגעשטילטן מויל. אַצינד ווערט אים נישט ניחא למאַי די קליינינקע עלקעלע האָט זי נישט ליב געהאַט, די באַבעטשע; אויך שׂרהלע איז אַלע מאָל פון איר אַנטלאָפן ווי פון אַ נישט־דאַיִקס, וואָס שרעקט דאָס קליינ־וואַרג. אין דער היגער מרה־שחורהדיקער געגנט זענען סתּם פול די שרעקן וואָס לויערן פון די פינצטערלעכע וועלדער און וואַלד־אַזיערעס.

דער אָפּשייַ פאַרן שטאַרק געפּרוווטן לעבן אין די אַ אייַנגעוויגטע דערפער און כוטערס וואָס איז איבערגעענטפערט געוואָרן דעם דור פון די ייִדישע מאָמעס בייַנאַנד מיטן גרויסן פייַן, האָט דעם ניצול־געוואָרענעם קלמן קאָבריצן ביי נייַס צענומען דאָס האַרץ. די גויים האָט די זאַווערוכע

קנאַפּ געטראָפֿן. ערשט קענטיקט זיך דאָס אַרויס פֿון די דרויסנס. אויך ז יי ע ר ע בעל־הבתישקייטן האָבן נישט געליטן. קלמנען האָט ס׳בלוט אַ שלאָג געטאָן אין קאָפּ אַרײַן און דער האַלדז, האָט ער געשפּירט, ווערט אים פֿאַרשטאָפּט ווי מיט אַ פּויסט. ממילא האָט אים געדריקט זײַן ווי אויפֿגעצוווּנגען שווײַגן, זײַנע אויגן האָבן זיך דערפֿון פֿאַרגאָסן מיט אַ גלייַקער טריבקייט. אומוויליק האָט עס אים געשטויסן צו זײַן שטומקייט, אָבער ס׳האָט אים געטאָן אָן דין אויך דעם ווײַבס איבערדריסיקע קוקן אין זײַן זײַט. אַפֿילו די קינדער האָבן אומגערן, ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן פֿאַר אים, זיך געזײַטלט פֿונעם טאַטן וואָס האָט זיך צוריקגעקערט פֿון דער ווײַט, ווי די מאַמינקע האָט זיי געזאָגט שטילינקערהייט: „ס׳איז אײַער פּאַפּינקע. ר׳איז לאַנג, לאַנג געווען ווײַט־ווײַט, ווו ס׳איז געווען אַ מורא אַרויסצוגיין אין דרויסן. גאָר שלעכטע מענטשן זענען געווען דאָרטן. גייט צו צום פּאַפּינקע; ר׳האָט ליב שׂרהקען און עלקעלען. גייט, גייט, קינדער־לאך״. דאָס קליינוואַרג האָט זיך עפּעס געשראָקן, מחמת די שטילקייט אין שטוב האָט בייז גערעוועט אַקעגן דעם קינדערישן געהער. וואָרן נישט די מאַמע, נישט דער פּאַפּאַ האָבן זיך געלאָזט הערן. צווישן איינאַנדער האָבן זיי ווינציק גערעדט. רק זייערע בליקן האָבן אַ פּנים עפּעס געדופֿן סײַ דער מאַמינקע סײַ דעם פּאַפּינקע; סוף־סוף זענען בײדע געבליבן אַנטשוויגענע, גלײַך זייערע מײַלער וואָלטן געווען פֿאַרשלאָסן. מסתּם האָבן בײדע נישט געהאַט וואָס צו זאָגן איינע די אַנדערע. אָט די אָנגעשוואָלענע שטילקייט האָט, קענטיק, אויך קלמענען גענומען פּײַנלעך פּויקן אין די שלייפֿן. אַזוי זענען אַוועק עטלעכע שטומע טעג; די אָנגעצויגענע שווײַגעניש האָט ממש זיך שוין „צעשריגן״ איבער דער שטאַרק אײַנגעהאַרכטער קאַמער. באַשע האָט אַזש פּלוצלינג אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ העשען:

— קענסט נישט וויסן, קאַלמע, ווי גרויס ס׳איז דער בראָך וואָס איז אויף אונדז געקומען! אַפֿילו די שוואַכע מאַמע האָבן זיי אומגעבראַכט, די טײַ־וואַלים מיט די אײַזערנע קאַסקעס אויף די קעפּ. מיט וועלפֿישע הינט זענען זיי אַרומגעגאַנגען, מיט פּיסטוילן געלאָקערט; תּמיד האָבן זיי געליאַרעמט טויב צו ווערן. ווי באַלד מע האָט זיך נישט תּיכף געריירט פֿון אָרט ווי זיי האָבן באַגערט, זענען די הינט אַרויפֿגעשפּרונגען אויפֿן מענטש, אים אומגעשלײַדערט און צעריסן, צעפֿליישט, ערגער ווי מ׳טוט מיט אַ בהמה אין יאַטקע. און אַלץ האָבן זיי באַדאַרפֿט, די דײַטשן, נישט אויפֿגעהערט מאָנען: גיב אַרויס דאָס באַהאַלטענע גאָלד, די זייגערס. שמוק, — האָבן זיי געטומלט. האָבן זיך געגראָבן אויך מיט די פֿלייסיקע שכנישע הענט אין אונדזערע שטאַלן און שײַערס; זיי האָט געגלוסט צו געפֿינען דאָרט

צירונג און געלט, אויב עמעץ האָט פֿאַרהוילן. די ראַזבויעס האָבן געראַ־בעוועט און צעבלוטיקט ווי לאַנג מ׳האָט געזשיפּעט. היימישע ערלים האָבן באַגלייט די גזלנים. אַזוי ווילד אומגעבראַכט די מאַמע!... באַשע האָט דאָס מבֿולבּל אַרויסגעווײנט מיט אַ טרוקענעם געכליפּ:

— אָן רחמנות האָבן זיי די שלאַפֿע געשטויסן מיט די פֿיס ווען זי איז שוין געלעגן אויף דר׳ערד. ווי מיר, אַ געזונקן בערגל געבליבן פֿון דער אָרעמער היגטערן שייַער!

קלמן האָט אומדרייסט געקוקט אין דער זײַט, טיפֿער פֿאַרנומען דאָס כריפּלע געקלאָג און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ; שפּעטער האָט ער בשתיקה זיך אַרויסגעגליטשט פֿון דער קאַמער, מיט זשעדנע, טראַכטנדיקע אויגן גענישטערט איבערן הויף.

די שטאַל... אַ צעפֿראַלטע שוואַרצקייט האָט אויף אים אַ שלאָג געטאָן פֿון דער שטאַל און זײַן פּנים האָט זיך שאַרף צעצויגן. אַ פּלוצלינגע קעלט האָט אים דורכגעשווידערט, מיט אַ רונצל צעגריזשעט זײַן לײַב. אײַנגע־קוקט זיך אין אַלץ און ראַפּטעם זיך דערוויסטערט. „ס׳אַן אימה!“ — האָט אַן אומקלאָרע האַרבקייט אים אַ דושע געטאָן. פֿון דער אַ לײדיקייט האָט קלמן בײַ נײַס אַרויסגעהערט אַ קלאָגעדיק מוקען פֿון דער ברוינגעפֿלעק־טער קו, דער אַרויסגעטריבענער פֿון די דײַטשישע גזלנים. אין דעם מענטש האָט אויך אַרײַנגעיעלהט די יאַלעווקע, וואָס האָט דעמאָלט געריבן דעם פּיסק אָן דער מוטערס זשעברעס, צו מאָל זיך געוואָרעמט אין איר שלאָ־בעריקן בויך. אָפּגעטראָטן צוריק אויף אַ פּאָר טריט איז אויף קלמנען באַלד אָנגעגאַנגען דאָס באַנגלעכע הירזשען פֿונעם פֿערד, אויך דאָס פּיש־טשערײַ פֿון די ערגעץ אַוועקגעפֿלויגענע עופֿות, וואָס פֿלעגן תּמיד זיך אויפֿקלײַבן אַרום די קינדער אין אַ היפּשער טשאַטע, ווען דאָס קליינוואַרג האָט אין דרויסן אַ רוף געטאָן: טאַש, טאַשש־טאַשש, ציפּליאַטאַ, קורי־צי! — —

פֿון מאָל צו מאָל איז קלמן אָפּגעשפּרונגען פֿונעם אָרט ווו זיך אַוועק־געשטעלט קוקן, אײַנהערן זיך אינעם אַרום. אומגעריכט האָט ער מורא געקראָגן אַז ס׳ווײַב זאָל אים נישט טרעפֿן פּנים־אל־פּנים מיט אַלעם דעם וואָס ער זוכט, פֿון וואָס ער טראַכט. אין מוח בײַ אים האָט זיך מגושמדיק באַוועגט די מחשבֿה וואָס האָט אים געטאָטשעט דעם גאַנצן לאַנגן וועג וואָס האָט׳ן געפֿירט אַהיים צו:

„מיסתּמא אַ תּל אויך פֿון אַלץ דאָרט... אַ תּל עולם געוואָרן פֿון דער גאַנצער וועלט. ווער ווייסט צי ס׳איז פֿאַראַן צו וואָס זיך צו אײַלן?!“

נישט בײַזקייט און נישט קיין פֿאַרגעבונג האָבן געגעסטיקט אין

קלמנס בוזעם. ער האָט זיך געראַנגלט מיט אַ פֿאַרנעפּלט געפֿיל, אַזוינס וואָס איז אים געווען דערווידער: זי, באַשקע, האָט זיך נישט געקענט אַן עצה געבן — אַליין זיך אויסצוהיטן פֿון די רוצחישע חשקותן נאָך ייִדיש בלוט און ייִדישן האָב. אויך די פּיצלעך קינדער איז זי נישט געווען בכּוח אויסצובאַהאַלטן אויף זיכער. וואָרן באמת — ווען ווען אַנגעטרויען קליינע ייִדישע קינדערלעך ווען דער אַרום איז געווען פֿאַרווילדערט, אַזוי אומ־איינן... ביים בעסטן גוטן איז וולאַדימיר צי טימאָפּיי דאָך אַ זייערי־קער, אונדז פֿרעמד. נישט איין מאָל איז ס׳האַרץ איר איינגעפֿאַלן פֿון אימה וואָס דער טייוול האָט אומעטום געשפּרייט. די קליינינקע און זיך באַזאָרגן איז געווען שווער אין אַזאַ ענגעניש מיטן ביסל אויסקומע־ניש. ווייל אומעטום האָבן געלאָקערט די מיזראַפּן. זי׳ט אַרום זיך נישט געהאַט קיין שום היימישע, בעת אויף איר האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אַ וועלט מיט שפּאַרבערס. געווען שייך צו פֿאַרהיטן די בעל־הבתישקייט פֿון רויב? ס׳דאָך אַדורך אַ שווערער מבול! פֿון דעסטוועגן איז אַ נס אויך דאָס, וואָס איז נאָך געבליבן. וואָרן אַנדערשווו וואָס ער האָט שוין געזען, איז ממש אַ שטיין אויף אַ שטיין נישטאָ אויף אַן אָרט. באַוויזן זיך מענטשן, זענען עס נאָר אַ בינטל ביינער אין אַ טרוקענער הויט — — דעם ווייבס אָפּגעצערטע פּנים האָט מאָדנע געקוקט אויף אים אַזוי ווי ער וואָלט זי געזען פֿון אַ פֿאַרהוילעניש. זי האָט צו אים געוואָרפֿן אומהיימ־לעכע בליקן, אָבער גיך אָפּגעקערט דעם קאָפּ. אמת, אַ טריפּנדיקס איז געווען באַשעס יעדער קוק. קלמן האָט עס דערקנאָאַסט און מיט אַ מאָל זיך דערשפּירט שולדיק אַקעגן ווייב און זיך פֿירגעוואָרפֿן: פֿאַר וואָס רעדסטו נישט צו איר? ער פֿרעגט אַפֿילו ווינציק פֿונעם געשעען פֿאַר אַזאַ מוראדיק לאַנגער צייט. און ער האָט זי דאָך איבערגעלאָזן אויף אַזאַ בייזן שטורעם! אויך איר איז נייטיק אַ קאַפּעלע טרייסט. רעד, דערצייל פֿון זיך, — סקאַמליעט טאַקע איר שטומער בליק. סי ווינציק וואָס מע האָט אויף מיינע אויגן די לייבלעכע מאַמע אַוועקגעקוילעט? מ׳האָט זי, אמת, נישט גערן געהאַט אין שטוב, די פֿאַרקרענקטע זקנה, אָבער דאָך אַ מאַמע, די איינציקע באָבע וואָס די קינדער האָבן געהאַט! פֿון דער אַנדערער באָבע צו מאָל נישט געוווסט, נישט געהאַט די זכיה זי צו זען — קיין מאָל פֿון איר נישט געהערט אַפֿילו — —

לאַנג האָט קלמן זיך געשאָטנט הינטער די ווענט פֿון שטוב. אַ מבול־בלער האָט ער שוין אויסגעמיטן די שטאָל וואָס האָט אַן אויפֿהער זיך געיאָגט נאָך אים מיט אויפֿגעדראַלענער אויסגעהוילטקייט, גלייך דער גאַנצער צאָרן וואָס זיך אויסגעגאָסן אויף דעם ווייטן קאַנט, וואָלט אָקערשט

אים געדראָעט מיט פֿאַרשטשעמעטע פֿויסטן. ס׳איז גרענעץ — האָט עס אין אים געטומלט, אַמאָליקע גרענעץ, און אַצינד... אויך אַהער האָט עס דערטראָגן די צוק־חיות. דעם זשעדנעם וואָלף געשטויסן אין פּיסק אַרײַן דאָס נפֿש פֿון קעלמאַן־קלמן קאַבריץ. אָך, וויסטער גורל ייִדישער. סטיאָ־פּאַן, מאַקסימאַן און אַנדרייען האָבן די חיות־רעות אַזוי נישט דערשטיקט, צעריסן די גלידער — —

ב

ס׳האָבן געגומען פֿײַנלעכע מעת־לעתן — וואָרן יעדער טאָג איז געווען ענלעך אויף דער לאַנגער, אויסצערנדיקער נאַכט — ביז קלמן קאַבריץ האָט אויף ס׳נײַ זיך באַקאַנט מיט דער קאַרגער איבערבלײַבעניש פֿון דער צעשטערטער בעל־הבתישקייט וואָס ער׳ט אַנומלט איבערגעלאָזן אויפֿן בערגל פֿון דער נאָהאַרנער ערד. ווי מיט פֿאַרהאַקטע צייגער האָט ער זיך אַרומגעדרייט צווישן די ווענט פֿון דער גרויסער הילצערנער קאַמער, אַ מאָדנע אויסגעהוילטע, גלײַך אין איר וואָלט אָט אָ פֿאַרדושעט געוואָרן אַ וויי־געשריי. שווײַגנדיקערהייט האָט ער אַרויפֿגעזעצט צו זיך אויף די קני דאָס ייִנגערע קינד, גערעדט צו דעם נאָר מיט זײַן בלאָלעכן אויגנגלאַנץ. דאָס מיידעלע, אַ פּולס אויפֿן פּנימל ווי די מאַמע אַמאָל, האָט לפֿי זײַן פֿאַרליבטן קוק אויף דעם ברעקל מיט די גלאַטע טיפֿשוואַרצע האָר, גערן זיך געטוליעט צום פֿאָטער און אַזויערנאָך שעמעוודיק „געענט־פֿערט" אויף זײַן באַרעדעוודיקן בליק. אַ נישט דרייסטס, האָט אויך דאָס גרעסערע מיידעלע, די אַכטיאָריקע שׂרהקע, פֿון דער ווײַטנס שוין געוואַרט אויפֿן טאַטנס אַ קוק. לסוף האָט זי שעמעוודיק פֿאַר אים זיך געהנדלט מיט צונויפֿגעצויגענע ליפּעלעך. אָבער באַשע מיטן קאָפּ צווישן די טעפּ וואָס האָבן זיך געפֿאַרעט אונטערן ליימענעם קאַפּטער פּונעם אויוון, האָט בכּיוון געזוכט עפּעס צו טאָן, אַבי אויסצומײַדן זיך אָנצוטרעפֿן מיט אים. סכּ־נות שווער איז איר אָנגעקומען דאָס שווײַגן. אלא נאָך ערגער איז איר געווען די וויטיקלעכע צוריקגעהאַלטנקייט. דעם מאַנס, דעם נײַ געבוי־רענעם פֿאַר איר אומרויִקן טראַכטן אין איר סאַמע גורלדיקער פֿאַרלוירנ־קייט. דערדריקנדיקע געדאַנקען האָבן זיך אויף באַשען אַ וואָרף געטאָן מיט אַ ברי ווי פֿון אַ פֿלאַם! „מ׳זאָל נישט געפּרווווט ווערן — און שטיל זיך געביסן אין אַ כאַפּעדיקן געמורמל — ס׳דען אַ קלייניקייט? אַ וועלט מיט קאָליקעס האָט די מילחמה אָנגעקאָצעט!"

אַ פּנים, אירס אַ זיפֿץ האָט אומגעריכט אײַנגעשפּאָלטן די שטילקייט

פֿון דער קאַמער. קלמן האָט דערשראָקן אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ, ווי באַגערט מערער זיך אײַנצוהערן אין דער נײַלעך דערוועקטער אומהיימלעכקייט.

— זאָגסט עפּעס, באַשקע? — און ער האָט באַקוועמער געזעצט דאָס קינד אויף זײַן שויס.

— גאָר נישט, קלמן, — און איר קול האָט לענגער געברומט מיט אַ פֿײַנלעכן נאָכזיפֿץ.

ג

דער אָוונט איז צוגעפֿאַלן. פֿריִער האָט גראָקייט זיך געבעלמעט אי־בערן פֿענצטער, אַצינד קלײַבט זיך אַהער צו אַ חשכות, וואָס אַ מאָל אַ געדיכטערע. אין אויוון זינגט אַ גריל, הינטער דער שטוב הודזשעט אַ קודלאַטער שוואַרצער ווינט.

באַשקען דריקט דער אומעט. קלמנס אויסטערליש שווײַגעניש פּרעסט צונויף איר ברוסט. „אין דער אמתן — נעמט זי טראַכטן — האָט זי, דאָס ווײַב, באַדאַרפֿט זיך פֿרייען, אויפֿן הויכן קול זיך אויסוויינען פֿון פֿרייד. אַזאַ זכיה! דערלעבט אים צו זען אַ גאַנצן... און אפֿשר? אַ מענטש האָט אַ צונג און ר׳קאָן זי נישט אָפּרײַסן פֿונעם גומען, מחמת זי ווערט אַ מאָל פֿאַרשטאַרט און דער מוח האַמערט. דאָס האַרץ קען נישט זאָגן דאָס וואָס עס חלשט זאָגן. אין די סאַמע פֿינצטערע שעהען האָט זי געבעטן דעם אַלמאַכטיקן אויף דער דאָזיקער מינוט, אָבער נישט אויפֿ־געהערט צו ציטערן איבער דער אָ דערוואַרטונג. ווײַל אין האַרצן האָט סוף־סוף זיך שוין נישט פּאַמעסטשעט אַזאַ גלויבן. אויף גאָרנישט איז שוין געבליבן צו גלייבן. „באַדאַי אַ קאַליקע בין איך געווען גרייט אים צו זען; כ׳זאָל דאַרפֿן אים באַדינען, אַבי די קינדער זאָלן חלילה נישט בלײַבן אָן אַ טאַטן... ערשט איז פֿון ס׳נײַ אָנגעפֿינצטערט איר וועלט. זי ווייט עס נישט דורכהאַלטן!" אָט ווי דאָס מאַטערט. באמת — אַ נס איז געשען, אלאַ איר פֿרייט עס נישט ווי באַדאַרפֿט זיך פֿרייען, כאָטש ער האָט זיך קוים אַרויסגעקאַראַבקעט פֿון דעם ברוויזיקן ים. אַ צעפּײַניקטער איבער־געדויערט אַזאַ ווילדע זאַווערוכע. ווי גראָ ער איז געוואָרן! ניין, זי׳ט אין דעם מער נישט אַרײַנטראַכטן, אסור — מאַכט זי אָפּ בײַ זיך, אלאַ די צונג, די אָרעמע צונג, רײַסט זיך אָפּ פֿונעם גומען:

— שוין גענוג, קאַלמע!

איר אָרט שטאַרק זײַן האַרט שווײַגן; ס׳איז אַזוי גלײַך אַ מויזיש פּיסל וואָלט איר געגראַבלט אין די געהירן. „רק ר׳שווײַגט, שווײַגט —

ברענט אין איר אַן אומקלאָרער פֿאַראיבל געמישט מיט פֿאַרצווייפֿלונג. — אַ פּנים, נישט געדאַכטע תּרעומותן גיסן זיך פֿריאָמע פֿון אים... אויף וועמען ווילט זיך אים ערשט אַרויפֿוואַרפֿן די יסורים, וואָס האָבן זיך אין אים אָנגעקליבן? און אפֿשר איז זי זיך טועה..." דאָס ברענט שוין אַרויס פֿון איר ווי אַ טענה, אלא דערעיקרשט הייבט זיך אַרויס פֿון איר אַ פֿרעג מיט טרערן־איבערגעלאָפֿענע אויגן:

— מיינסט עפּעס צו זאָגן, קאַלמע?

— וואָס זאָגן, באַשקע? — גיט ער אַ פֿיר זײַן בליק איבער איר.

— דו ווייסט דען נישט אַז אַזוי פֿיל האָט זיך אָנגעקליבן, אַזש דער מוח פּלאַצט.

דאָס קול ברומט אָפּ באַנג, און ווי ער וואָלט ערשט איבערגעוועקט געוואָרן פֿון שלאָף, קוקט ער זיך אַרום מבֿולבל. ר׳כוחט זיך פֿון דעסט־וועגן צו געפֿינען פֿאַר איר אַן עוקץ טרייסט.

— ס׳איז אַזוי גוט צו זיצן און טראַכטן אַז מ׳איז דאָך איבערגעקומען דאָס ערגסטע, באַשקע. איבערגעלעבט אַזוי פֿיל טויטן. נישט ווילנדיק טראַכט זיך אויך פֿונעם אַמאָל, כאָטש אַ בידנע פֿלעמל האָט דעמאָלט געבלינצלט אין שטוב — רעדט שוין אַרויס פֿון אים די חשכות וואָס איז טיף אָנגעוואָקסן אין זײַן געביין.

— ס׳איז געווען... — רײַסט זיך אָפּ בײַ איר עפּעס אין די אינגעווײדן און זי שפּירט אַ גלי נידעריקער פֿונעם ווישט.

— גיי שוין. אַ מענטש זיפֿצט אַ מאָל אַפֿילו ר׳ווייסט נישט דערפֿון, אַז אַ שווערקייט רײַסט זיך אָפּ פֿון אים. אמת, מ׳באַדאַרף זיך לערנען פֿאַרגעסן, — הערט זיך אין קלמנס קול אי די ווײטקייט פֿון דאָזיקן טראַכטן זײַנעם וואָס טראַכט זיך לא ברצון, אי אַ נישט־ביהאַדיקייט וואָס גרײַפֿט אָן מיט גראַטשנדיקע נעגל.

אָבער זי? באַשע וויל אויפֿלעבן אין אים און אין זיך גופֿא, די ממשות־דיקע בענקשאַפֿט צו דעם וואָס איז אויף אַ סאָמע אמת געווען אָט אָ דאָ. אַ שיינע ווערטשאַפֿט, כאָטש נישט קיין רײַכע, אלא דאָך מיט שפֿע. ברויט אויף ברויט, און סמעטענע, און פֿרישע מילעך יעדן טאָג, באַטעמטער קעז, אַן אייל און מעל און אַ פֿריידיק פֿלייש, אויך אַ געקרײַפֿטע יאַנדז און אַן אינדיק. נו, פֿאַר אַ צולאָג פֿאַר אַ רעגנדיקן טאָג, אויב אַזוינס איז באַשערט, איז אויך געווען אַ זעקעלע ירושהדיק צירונג, אַ פֿולער שײַער מיט קערנער, מיט ערדעפּל, מיט קרויט און אַ לעבעדיקע שטאָל מיט אַ קאָטוך. געווען, געווען, אָבער... נישטאָ מער גאָר ניש ז. און ס׳וועט נישט זײַן. קלמן, גאָרנישט קען ווערן נאָך אַזאַ שווערן געוויטער.

און נאָך כוואַליען זיך איבער באַשען דערמאָנונגען. דער דייטש — ער האָט זיך חיהש אַריינגעריסן קיין נאַהאַרני און אַלץ אויסקאָרענײַעט מיט שׂריפֿה, מיט רויב, דעם אַרום פֿאַרוויסט — ווי מיר מײַן לעבן, און... פֿאַרענדיקט מיט בלוטצאַפּעניש. קיין חידוש נישט וואָס אויך בײַ די נאָך זשיפּנדיקע זענען פֿאַרווונדיקט די נשמות. זי זאָל עס נאָר קענען איבערדויערן, די אויפֿגעוועקטע פּײַנען. קאָן מע זיך אַצינד..? פֿון באַשען איז אויפֿגעגאַנגען אַ פֿרום־צעווייטיקטע תּפֿילה צום דערבאַרעמדיקן אין הימל.

„...אַזאַ ווונד פֿאַרהיילט זיך נישט אין גאַנצן, קיין מאָל נישט, גאָ־טעניו, און איך בעט עס גאָר נישט בײַ דיר, פֿאָטער איינציקער. נאָר פֿאַרלאָז נישט דײַנע עלנטע קינדער״, — האָט זי מיט די ציין אײַנגע־קלעמט די ליפּן, גלײַך אַט אַ וואָלט אין איר עפּעס שטאַרק זיך צעיאָטערט. זי האָט געטראַכט אַ ביטער טראַכטן:

„אַזוינס וואָס איז מיט איר געשען, מוז צערײַסן די נשמה מחמת מ׳קען עס קיינעם נישט אַנטפּלעקן. מיטן צעקאַליעטשעטן האַרץ קען מע זיך ווענדן נאָר צום איין־איינציקן פֿאָטער וואָס איז בכּוח צו היילן די צעקאַטעוועטע און דערשלאָגענע. קיין שום בשׂר־דם איז נישט ביכולת גאַנץ צו מאַכן לעכער וואָס זענען אויסגעברענט אין סאַמע האַרץ! באַהיט זאָל מע ווערן — האָט זי אויגנבליקלעך אַ ביסל זיך אָפּגעניכטערט, — אַז זי זאָל ווען־עס־איז, צו מאָל אין מיטן שלאָף ד אָ ס אַרויסברענגען אויף אירע ליפּן. אוי, דער ווייטיק הערט נישט אויף צו מוטשען. אַ פּיפּס דערפֿון טאָר זי נישט לאָזן פֿאַלן אויף עמעצנס געהער. אַרויסרײַסן פֿון זכּרון איז דער תּמידער באַגער אָפּצומעקן דאָס וואָס האָט מיט איר גע־טראָפֿן. דאָך אַ מאַנצביל, ס׳עט אים מוראדיק ווי טאָן — —״

זיכער, זי איז נאָך נישט פֿאַרטיק מיט זיך, באַשע. זי וועט זיך נישט טאָרן דערנענטערן צו אים. יענע שולדיקייט גליט אין איר ווי אַ בראַנד־פֿײַער. איז אָפּשר גלײַכער אַצינד צו אַנטלויפֿן ערגעץ אַנדערשוווּ, זוכן אַ תּירוץ און אַנטרינען פֿון דער נײַער פּײַן וואָס האָט אַזוי אומגעריכט זיך דערוועקט!

„אָסור זאָל דיר זײַן צו באַגיין אַזאַ נאַרישקייט, — האָט זי באַלד זיך אַליין שוין געוואָרנט — ניצול געוואָרן דער מאַן, דער טאַטע פֿון דײַנע קינדער, און דו וועסט אומגעריכט פֿאַרשווינדן? ס׳אַ פֿאַלנע משוגעת״ — דראָעט שוין אַן עמעץ אין איר, הינטער איר. דו טאָרסט אַ מינדסט נישט ענדערן. ביסט דאָך אַ קרבן, אַ באַצוווּנגענער קרבן אויף וואָס די נשמה דײַנע, דײַן געטרײַשאַפֿט צו די קינדער, קאָן עדות־זאָגן. וועסט טאָקע

לײַדן, אין אײגענעם זכּרון זיך ברענען און בראָטן, אלא אים װעסטו אַזױ אַרום ראַטעװען פֿון נײַע מאַטערנישן, מיט װעלכע ער איז שױן איבער געגוג איבער־געגעסן. לאָז עס אַזױ, היץ זיך נישט, באַשע: „לױף ניש װי די אױגן טראָגן“. װעסט אין ערגעץ נישט דערלױפֿן. אָבער אין דײַן הײם קענסטו מיטן לױפֿן אָנצינדן אַ פֿײַער נישט צו דערלעשן. זוך ליבערשט אַ מילדע מינע, אױב צו אַ שמײכל קענסטו זיך נישט דערשלאָגן. קלמן באַדאַרף עס, דײַנע קינדער מוזסטו העלפֿן װאַקסן, דו מוזסט ערשט זײַן געזונט. שטומערהײט לױב דײַן גורל, כאָטש ער איז שױן צעקאַליעטשעט. אַבי דײַן מאַן װעט דערגײן צו אַ ביסל מנוחת הנפש װאָרן מיט אים װעט װידער אָנגעװאָרעמט װערן די הײם, װעלכע איז אַזױ נײטיק סײַ אים סײַ דיר. דער טאַטע װעט זיך האַלטן בײַ די קינדער. ר׳פֿילט דאָך אַז דאָס איז ס׳בלוט פֿון זײַן בלוט. אַװדאי, אַזױנס באַדאַרף מען אַ טאַטן נישט זאָגן, ער שפּירט עס אין יעדן שטאַמל, אין איטלעכן גרימאַס פֿון די קינדער. געלאַסן, באַשע, מוזסט זיך דאָס אױסלערנען און אױך אים, קלמנען, אָנטקעגן גײן מיט אַ שמײכל. די צײַט הײלט אױס אַ סך װוּנדן, אַפֿילו אַ ריס אין דער נשמה. קאָך זיך נישט פֿאַר דײַן צעשטערטער צניעות, אַבי אין האַרצן האָסטו קעגן דײַן מאַן נישט געזינדיקט. פּאַװאָליע. ס׳עט קומען פֿון זיך אַלײן. קלמן װעט זיך אין אײנעם אַ קאַיאָר אױפֿהײבן פֿון געלעגער און װי אַמאָל זיך אײַנשפּאַנען אין דער בעל־הבתישקײט. שטילער פֿרידן װעט װידער הױערן אונטער דײַן סטעליע. דער עיקר: הער אױף, װײַבספּאַרשױן, צו ברענען ס׳אײגענע לײַב און דאָס לײַב פֿון דײַן הױז־געזינד. דער װיכער איז אַדורך, די זון װעט אױפֿגײן איבער דײַן דאַך. דו װעסט נישט זאָגן, װאָס דיר װילט זיך דװקא זאָגן קלמנען און װעסט אים נישט פֿאַלן צו די פֿיס מיט דײַן װידױ, װי דיר װילט זיך עס משוגע־נערװײַז. אַזאַ גבֿורה טאָר נישט אַרױסװײַזן אַ מאַמע פֿון קלײנע קינדער װאָס מוזן האָבן אַ װאַרעם װינקל פֿאַר זײער װאַקסן און שטאַרקן די בײנער. אַ סוף, שטעל אױף אַ װאַנט איבער דײַן געדעכעניש. זאָל נעמען אַ סוף צו דײַן געװיסנפּײַן. געדענק, שױן דער װילן דײַנער איז דער אָרנטלעכסטער צײכן פֿון דײַן רײנקײט — —“

אין באַשען צעהילכט זיך װידער דאָס בלוט, ס׳גליִען אירע באַקן. ערשט שװײַגט זי, הגם איר װילט זיך שרײַען, פֿליקן די האָר פֿון קאָפּ. אָבער זי׳ט זיך אײַנגעשטילט. דערנאָך איז אין איר אױפֿגעגאַנגען אַ גע־זשום, אַקוראַט אַ פּאָר ליפּן װאָלטן איר עפּעס קיל אײַנגעסודעט: „הערסט, באַשע הער! פֿאַרנעם װאָס דער גורל דײַנער איז אָקערשט אױסן!“

— האַ, קאַלמע? — כאַפּט זי זיך אַרױס פֿונעם מחשבֿות־געקנױל. איר

קול קווילט אין דער שטוביקער פֿינצטערניש, גלײַך עמעצער וואָלט אַרײַנ־
געוואָרפֿן שטיינדלעך אין אַ שטילן טײַכל — מ׳זיצט ערשט רויִק, האַ?
מ׳באַדאַרף שוין גאָר נישט. דו דאַרפֿסט נישט שפּאַנען ס׳פֿערד, איך באַ־
דאַרף נישט אומגיין אַרום די עופֿות און סי נישט נייטיק פֿאַרגרייטן מע־
קענע פֿאַר דער קו. כ׳בין פֿרײַ פֿון מעלקן זי אין צײַט. אַן עול פֿון קאָפּ
אונדז אַראָפּגענומען, די רוצחים!

ו

באַשען האָט אויסטערליש „הנאה געטאָן" דאָס רײַסן פֿון זיך די איי־
גענע הויט מחמת דער דערמאָנונג פֿון דער אויסגעגזלטער, פֿאַראומגליק־
טער שטוב. אלאָ דער פּונק האָפֿענונג וואָס זי האָט אין זיך נאָך אויפֿגעהיטן,
איז געוואָרן וואָר; דאָס פֿאָלוביעט איר אין דעם אויגנבליק, אָבער איינ־
ציַיטיק ווייטיקט איר דער פּנים־אל־פּנים מיט א י ם: ס׳איז די ווידער־
געקערטע זיסלעך־נאָגנדיקע אָנונג פֿונעם העט לאַנגסטיקן געווען. רעכט,
פֿון דער פֿאַרבלאַסטער יונגשאַפֿט איז עפּעס מטושטעשס געבליבן קלעפּן
אויפֿן דנאָ פֿון טליִענדיקן זכרון. טאַקע, יונגע לײַט האָבן זיך געשאַרט צו
באַשקע סליווקין, מיט ציטעריקע פֿינגער גענעענט צו איר אָרעם. אַנדערע
האָבן אַפֿילו אונטערגעשאַמלט מיט הייסן אָטעם: „כ׳האָב דיך האָלט...
אויך טאַטע־מאַמע מייגען אַזוי. זיי וועלן זיך פֿרייען. נאָר דײַן איינציק
וואָרט — יאָ, און ס׳עט זײַן אונדזער גליק!" אָבער פֿאַר איר האָט דאָס
מיידלשע מזל נישט געצײַטיקט אויפֿן בוים וואָס איז געוואַקסן אין נאַ־
האָרנער פֿעלדישן גאָרטן. די פּרי וואָס איר האָט זיך געאָנט צו קענען
אָט, אָט געניסן פֿון איר געשמאַקער זיסקייט איז צו מאָל נישט געווען
די פֿרוכט וואָס האָט זיך דורכגעווינטיקט אונטערן סלוצקער הימל. ס׳וואָר,
אַפֿילו פֿון סלוצק האָט מע זיך געשדכנט צו באַשע סליווקין, אלאָ דאָס
מזל האָט זי דערפֿירט אַנדערשוווּ. איר מיידלשער חלום האָט אַ ביסל
האַמעטנע, אָן לײַכטנדיקע קנאָספּן, געדײַעט אין אומבאַקאַנטע מרחקים.
אַ פּנים, פֿון הימל איז איר גאָר עפּעס אַנדערש צוגעשריבן געוואָרן — צו
גיין דעם וועג מיט וועלכן זי וועט דאַרפֿן זיך לאָזן צו דער וועלט, וועלכע
איז פֿאַר איר געשטאַנען פֿאַרזיגלט אין אומוויסן — — סוף־סוף האָט דער
גורל איר אויסגעשטרעקט אַ האַנט פֿון באַווייליקונג, און דווקא פֿון דער
פֿרעמד. ס׳איז געקומען ער, קלמן קאָבריק, דער פּוילישער, אַ צאַרטער
און בעל־הבתישער.

...זי איז געווען אַן אָפּגעהיט בעל־הבתיש מיידל. שוין צו פֿיל אָפּ־

געהיט, ווי לײַט האָבן געשמועסט מעשׂה געטרײַע שכנים. זי האָט נישט געוואָלט זיך באַגעגענען מיט דעם, נישט געהאַט קיין חשק זיך צו ווײַזן פֿאַר אַן אַנדערן, כאָטש ס׳איז שוין געווען די צײַט צו טראַכטן פֿון „תּכ־לית”. באַשע האָט געוווּסט אַפֿילו פֿון אַזוינעם וועלכן זי האָט גאָר גערן געהאַט. זי האָט צו מאָל געהאַט פֿאַרויסיקע באַוואָרענישן כּלפּי אַזעלכע פֿון דער נאָענט וואָס זענען געווען ליב אין חלום. זי׳ט זיך לסוף צעקווענ־קלט. וואָרן טאַקע די נאָענטקייט צו אַזוינע קאָן אפֿשר שאַדענען דעם ערנסט וואָס וואָלט געמוזט זיך אָנקניפּן בײַ אַ טרעפֿונג. שׂכלדיקער איז, האָט זי געפֿילט, נישט געגעגענען צו אַן אָרט ווו עס קאָן... מעגלעך אויס־ברעכן אַ פּלוצלינגער פֿלאַם. דער מוח און ס׳האַרץ האָבן איר צוגעטראָגן עפּעס מטושטשע חלומות בנוגע מיידלשן תּכלית. „לאָמיר געמאַך, מאַ־מינקע. כ׳על אים שוין טרעפֿן אַן אַנדערש מאָל. בעט אים ר׳זאָל נישט האָבן פֿאַראיבל — כ׳בין גאָר שטאַרק פֿאַרנומען...”

מיט אײַנגעדאַרטע בלוטן האָט זי דערפֿאַר געוואַרט יאָרן אויפֿן באַ־שערטן וואָס זאָל געפֿעלן ווערן נישט נאָר איר, באַשקען, נײַערט אויך דעם טאַטן. די היימישע בחורים זענען איר געווען סתּם דערווידער מחמת צו אָפּט זענען זיי געקראָכן אין די אויגן אַרײַן מיט זייער הילציקער איידל־קייט פֿון ערגעץ געלײַענע רייד; אויך זייערע טאַטעס זענען איר, באַשקע סליוזקינבן געווען דערעסן פֿון הערן און צוזען וואָס און ווי אַזוי זיי טוען. אַפֿילו די „וועלכע מ׳האָט איר גערעדט” פֿון אַנדערע מקומות, זענען נישט אָנגעשטאַנען אַנטשלען דעם נאָהאָרנער פֿאַר איידעמס. דער טאַטע, עליו השלום, האָט זיך געהאַט ז ײַ ן א ו י ג, אַ ן אַ נ ד ע ר ע מ אָ ס צו מעסטן וואָס ס׳איז גוט צי נישט גוט פֿאַר זײַן טאָכטער. אָך, ווי דאָס קריכט ערשט באַשען אין די געהירן! מוז זײַן, טאַקע דערפֿאַר האָט פֿון איר בײַ נײַס זיך אַרויסגעריסן אַן אָכץ, ווײַל קלמן האָט גראָד געהאַט זיך ווי איבערגעוועקט פֿון זײַן פֿאַרטראָגנקייט:

— גיי שוין, גיי, אַ מענטש פּײַניקט זיך אַליין! — האָט ער געזאָגט און באַלד אָפּגעהאַקט. וואָרן אומגעריכט זיך ווידער פֿאַרטראַכט. שפּעטער האָט זײַן קול זיך שוין אַרײַנגעבראָכן אינעם גליוועור וואָס האָט קיל פֿאַר־וועבט די שטוב, וועלכע האָט באַדאַכט „זיך אײַנגעהערט” אין יעדן קלאַנג וואָס איז אין איר אַרײַנגעדרונגען. אַ פֿאַרקלעמטע איז די שטילקייט געשטאַ־אין אין דער גרויסער הילצערנער קאַמער, גלײַך כּמאַרעס וואָלטן געהאָנגען אונטער איר סטעליע, אַפֿילו געדריקט אויף די שטוינענדיקע קינדער וואָס האָבן געזען דעם טאַטן אַזוינעם, וועלכער רעדט אַלע מאָל בעטנדיק:

— זאָרג נישט אַזוי פֿיל, באַשקע. פֿאַרפֿאַלן, ס׳געווען אַ שׂריפֿה. ׳עט

זײַן לעבן, ׳עט מען האָבן אַנדערס — סײַ אַ קו, סײַ אַ פֿערד און סײַ עופֿות. וועסט בײַ נײַס זײַן אַ בעל־הביתטע. נישט זאָרג...

אין דער טונקלקייט פֿון דער קאַמער האָבן קלמנס רייד געשוווּמען דורכגעזאַפּטע מיטן אומדורכדרינגלעכן טריבן טראַכטן וועגן דעם געווע־זענעם וואָס איז כסדר אים פֿאַרלאָפֿן פֿאָרויס.

אינעם קאַלעמוטנעם שווײַגן פֿון מאַן און ווײַב און דעם דורכאָנאַנדיקן כראָפּען פֿון די קינדער, האָט די דאָרפֿישע נאַכט בײַ צײַטנס זיך אַראָפּ־געלאָזן איבער דער שטוב אַ לאַנגע, אַן אומרויִקע און זי האָט אויסגע־סווישטשעט איר נאָגנדיק ליד.

ה

די נעכט זענען אַוועק גיהנומדיקע. קלמן איז געלעגן אין בעטגעוואַנט און לאַנג אַן אויג נישט צוגעטאָן. און איז געקומען דער שלאָף, איז עס געווען אַ שלאָף פֿון אַ קראַנקן וואָס איבער אים געוועלטיקט הויכער פֿיבער.

— — — שוואַרצע צוקפֿייגל זענען טשאַטעסווײַז אָנגעפֿלויגן איבערן צעראַיעטן פֿעלד. זיי יאָגן זיך אויף אים, ווילן זײַנע אויגן אויספּיקן אַז ער זאָל נישט קענען ווערן „אַ צונג״ אויב דער שונא וועט אים געפֿינען אַ לעבעדיקן. די ביקס וועט ער סײַ ווי נישט אַרויסלאָזן פֿון האַנט. זאָלן זיי זיך נאָר דערנענטערן! אַ לעבעדיקן וועלן זיי אים נישט נעמען. אַ טונקלגרינע האָרדע מיט אײַזן־געקאָוועטע שטיוול זענען זיי. זיי גייען מיט פֿײַער אין די הענט און טויט זייען זיי אויף פֿון די הייכן. ווי היישעריקן־כמאַרעס גייען זיי גלײַך אויף אים, די שוואָבן. אָט! זזז... אין זייערע פֿאַרשאָלטענע מאַמעס אַרײַן! זזזסס — — ערשט שמעקט טאַבעק, מנו־בלים! זייערע טריט וועט ער פֿריִער אונטערצינדן מיט זײַנע קוילן, מיט די גלי־שפּליטערס פֿון זײַנע האַנטגראַנאַטן. באַדאַי ער זאָל זיך דאָ ענדיקן, נאָר מיט זיי בײַנאַנד. אוך — אור־ווודדך! וו׳אַ בייזע גבֿורה דאָס האָט, די טײַוולאָנישע גזע. אָ, דאָס פּנים, די הענט ברענען מיר שוין. מסתּמא איפּריט אַראָפּגעוואָרפֿן, די שדים! שטיקער לײַב רײַסט דאָס אויס. פּפּפּככהה. פּפּפּככהו־ההווו... שאַרף שמעקט עס ווי קנאָבל... דער קאָמאַנדיר האָט געוואָרנט. פֿיאַלקעס הערן זיך גאָר? די מאַסקע, די מאַסקע מוז איך שוין אַ נעם טאָן. אָ וואָאַ, ס׳בריט — — אָט האָסטו דיר. פֿאַר אַ יעקישן גזלן וועט ער מורא האָבן?! איך מוז אײַנשטעלן. זאָל ער זיך נאָר אָנטרעפֿן אויף אַזוינעם, איינער אויף איינעם, איינער אויף צוויי. אויף דרײַ די זייעריקע. אויף פֿינעף אַפֿילו. מ׳מוז ריזיקירן. אויפֿן באַגנעט וועל איך זיי

אויפֿשטעכן. ווי אויף אַ גאָפּל אַרויפֿהייבן און זיי וואַרפֿן ווי שטאָלמיסט, די הינט זאָלן זיי פֿרעסן! — —

„יעסט, קאָמאַנדיר, דעם בריוו אַוועקגעטראָגן אַריבער דער פֿײַער־ליניע. זיכער, ער וועט ריכטיק דערלאַנגען". או־ו־ו־וזשזש זשזשזש. מיט אַזאַ טעמפּן קראַך האָט אָנגעיאָגט אַ סעריע אַרטילעריע־זאַלפּן. נאָך אַ רגע, דער רויך וועט זיך פֿונאַנדערגיין. ערשט וועל איך פֿויזען אויף אַלע פֿיר, ריטשן זיך אויפֿן בויך. אַ ווייטיק אויף זיי, אים וועלן זיי נישט דערווישן. אָט אַזוי, דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן נעענטער צו די פֿיס — — ר'מוז זיך דורכרײַסן דעם שונאס ליניע. אין אַ גאַר סכּנותדיקן פֿאַל — בשום אופֿן זיך נישט איבערגעבן אַ לעבעדיקער. וואַלד? כע־כעכעע. וואַלד איז אים נישט קיין פֿרעמד באַשעפֿעניש. אים וועט ער נישט בײַסן. אײַ, וויפֿל וועלדער ער איז שוין אויסגעווען, מיטן נאַקעטן אויג נאָכגעזען דעם גרעסטן בוים, די גרעבסטע דעמבעס אָפּגעשאַצט, ריכטיק אויסגעמאָסטן בלויז ווערליק דער קרוין. קאַליאַ קאָבריץ דער בראַקער האָט אַ שם איבער די וועלדער פֿון די ווײַטסטע קאַנטן פֿון פּאָלעסיע און רײַסן; בעלי־בתּים האָבן אים אויסגעדונגען בײַ איינאַנדער. כּמעט פֿון קינדווײַז אָן, ווען זיך אַוועקגעלאָזן פֿון דער בידנער היים ווו ס'איז קיין ברויט נישט געווען פֿאַר אַלע הונגעריקע מײַלער האָט ער זיך צוגעוווינט צום וואַלד. אַ קליי־ניקייט דיר די שווינדלענדיקע ביימער־געדיכטעניש? ס'איז ווײַט אַנדערש ווי אַ ווילד־דרייענדיקע קאַרוסעלע. פֿאַר וואַלד באַדאַרף מען האָבן אַ נאָז פֿון אַ חיה. דערשמעקן די סכּנה פֿון דער ווײַט, וואָס קאָן אין אַן אויגנ־בליק זײַן גאַר־גאַר נאָענט, אָט שוין דיך נעמען וואַרגן. יאָ, יאָ, וואָס פֿאַר אַ כּיכעניש אויף זיי? זיי מעגן לאַכן ביז וואַנען זיי קריגן נישט איבערן קאָפּ פֿונעם סודותדיק לויערנדיקן וואַלד־מאָנסטער. אַ מאָדנער דער לייטע־נאַנט. ער מעג גלייבן דעם באַיעץ קאָברין. נישקשה, קאָבריץ איז נישט קיין באַרימער. דעם וואַלד שפּירט ער שוין דורכויס... שש! נאָך אַ מי־נוטקעלע, אפֿשר צוויי און ער וועט וויסן ווהין זיי האָבן פֿאַרבלאָנדזשעט. איר'ט זען, איך וועל אים פֿאַרהיימישן, דעם אַ פֿרעמדן וואַלד, דערגייך אויף זײַנע סודות. ווי אַ קראָליקל אים פֿאַרהיימישן, אַלץ וועט ווערן קלאָר ווי אויף דער דלאָניע. ששש, געלאַסן — דאָ זענען לויטער קוסטעס. זיי שורשען בײַ יעדן טראָט. מ'באַדאַרף אַפֿרײַער אַ קוק טאָן אויף אַראָפּ: אפֿשר מינעס פֿאַרזייט, דער סוואָלאָטש. מ'מוז זיך דאָ באַוועגן פּאַוואָלינקע, אַ טראָט, ערשט נאָך אַ טראָט. אָך, אַן אומגליק אויף זיי. אָט אַ זעגען סליאַדן פֿון זייער כּיטרעקייט: האָבן טאָקע אַרײַנגענאַרט אַ קרבן! ס'געווען אַ פּאַסטקע. ווי די חיות לאָקערן זיי פֿון באַהעלטענישן, די פֿאַרשאָלטענע.

דערהרגעט אַזוינס! יינגל גוטינקער, די אויגן האָבן זיי אים אויסגעדליביעט מיט באַגנעטן. זע, אויסשפּירער, ס'איז נאָך פּריש פֿאַרבאַקן דאָס בלוט. מסתּם זיך געראַנגלט מיט די באַנדיטן, נישט געוואָלט ווערן אַ צונג ביי זיי. די הענט אָפּגעהאַקט ביז די אַקסלען. לעבעדיקערהייט צעברעכן זיי דעם קרבן, די וואַמפּירן. אַז דאָס זענען ערגער פֿון די קוילערס. עקדישן! אוי־אוי, און דעם אָ? אויפֿן וואָלדשטעגל, ווו געפֿאַנגען, אים איבערגעלאָזן. צעפֿערטלט אַ מענטש. אַ גדולה אויף די מערדערס דאָס הרגענען! אַזאַ ווילדע לוסט ביי די קאַניבאַלן. מיט סכּנות זיך דערשלעפּט אַהער און די צוויפֿיסיקע חיות האָבן אים אָפּגעפּאַרטיקט אָן אַ פּאַר וואָס. באַשר ער איז נישט קיין זייעריקער, כאָטש ר'איז נישט קיין וואָיענער [2]). מ'זעט דאָך — אַ דאָרפישער. ר'איז אַוודאי געגאַנגען אין וואַלד זוכן שפּיזן, נאָך אַ שוועמל צי אַ יאַגדע. אָדער אפֿשר באַגערט זען אָן אייגענעם אין דעם קאַנט. ערשט האָבן וואַראַנעס אַ מעכיע, פֿאַרגינען זיך נישט קראַקען. רק ווי פּיקן ס'געפֿלייש פֿונעם פּנים, שנײַדן מיט די שנאָבלשאַרפֿן די שענקלען. אָ, עלקעלע, שׂרהקע! פֿון וואַנען ט'איר זיך גענומען אַהער צו, אין אַזאַ ווײַט?? איר'ט טאַקע דערקענט דעם טאַטן, ליכטיקע מײַנע?! „טאַטאַ, טאַ — —", ווי דאָס האָט זיך מיט אַ מאָל צעשריגן אין דער שטילעניש וואָס זידט דאָ, אַזש ס'טומלט אין די געהירן. שאַ'ט, שאַ! באַבוקעס בלאָנקען דאָ אַרום. פֿאַרקלעמט שוין די ליפּעלעך! זיי קענען קומען נאָכן קול וואָס צעבאַמבלט זיך ווי אַ שׂרפֿה־גלאָק. שטיללל! זיי האָבן פֿײַנט קליינע קינדער, די שלעכטע. זיי כאַפּן תּיכף אין זאַק אַרײַן. ששאַ־אַאַ, נאָר נישט געוויינט! אומיסטן האָב איך אַזוי געמאַכט, איר זאָלט געדענקען. שאַ, דער טאַטע וועט שוין מער נישט אַוועקגיין. שש, אַ רנעלע, יאָ? ערשט וועט דער פּאַפּאַ זיך אָפּגאָלן, זיך איבערטאָן און מירן פֿאָרן. איכ'ל אײַך מיטנעמען קיין קלעצק. איר ווילט, טשוטשעלעך מײַנע?

...אָט, אָט, ווייסט שוין? דער גרויסער טראַקט וואַרשע־מאָסקווע. מ'באַדאַרף גיין ביזן לאַן, אַ בריקל איז דערנעבן. די נאָהאַרנער הרעבליע וועסטו שוין זען. ס'נאָענט פֿונעם טראַקט. אַוודאי, די חורבנות זענען אַ סך; הויך אָנגעהויפֿנטע שטאַרצן זיי אַרויס אומעטום ווי אומגעהאַרישע ערד־גוזעס. אומעטום ווו ס'אויג שפּאַרט נאָר אָן, שטאַרצן די ניי אָנגעבערגלטע גוזעס פֿון חורבן. דאָס לאַנד געלאָזן אין הוילע האָלעוועקעס. הערסט? דער צאָרן וואָס אָנגעשוואָלן אין אַלעמען, איז אָנמאַכטיק אויף צו באַצאָלן אַזוינס וואָס זיי האָבן אָפּגעטאָן, די הפֿקרע. לאָז מיך, לאָז. פּנימער ווי

[2]) מיליטערישער

פֿאַרלאָשענע קנויטן, פֿאַרפֿאַלגן מיך, שוואַרצע, בראַנדיקע, און זייערע האָר זענען שטײַף פֿאַרפֿרוירן — —

קלמן האָט אָפּט געשריגן פֿון שלאָף. דאָס אָנגעשראָקענע ווײַב האָט איטלעך מאָל זיך אַוועקגעשטעלט נעבן אים מיט אַן אָפּגעשטאָרבן האַרץ. איר ביינערדיקע האַנט האָט געוואַרעמט זײַן קילן שטערן. אין דער דושנער פֿינצטערניש פֿון דער דאָרפֿישער נאַכט אין דער קאַמער האָבן זײַנע אויגן אַ רגע אויפֿגעגליט און ווידער זיך פֿאַרמאַכט. ער'ט בײַ נײַס גענומען שווער, קרענקלעך כראָפּען און זײַן גאָמבע האָט טעמפּלעך געראַצט איר צוגענײַגטע באַק. ער האָט אומרויִק זיך געוואָרפֿן אויפֿן געלעגער, אַרויס־געבראַכט אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער און, פּלוצלינג זיך אַראָפּגעקײַקלט פֿונעם בעט מיט אַ טויבן אָפּהילך פֿון דער ברעטערנער פּאָדלאָגע. די קינ־דער האָבן פֿון איבערשרעק זיך איבערגעוועקט מיט אַ געוויין:

— מאַמעשע, קום, מאַמעשע, — און געשטרעקט די הענטלעך צום שטאַרק אָנגעטונקלטן חלל, אַ באַלויכטענער פֿון אַ נידעריק אַראָפּגעדרייטן נאָפּטקנויט אונטערן פֿאַרקאָפּטשעטן לאָמפּ־צילינדערל אויף דער וואַנט.

קאָשמאַרן פֿון שלאַכטפֿעלד, פֿון אָפּטע בלוטיקע אָנגרײַפֿן און פֿון טרײַבן דעם שונא פֿון די פֿאַרכאַפּטע שטעט און דערפֿער, זענען מיט קלמן קאַבריצן מיטגעקומען אַהיים צו. די מאַסנהאַפֿטיקע הריגות וואָס צוגעזען, האָבן ווייטיקלעך אַרויסגעשטאַרצט מיט טויטע מענטשישע גלידער און בלוט־אײַנגעטריקנטע קנאָכנס. דאָס האָט פֿאַר קלמנס בליק אויסגעציטערט פֿון זײַנע אייגענע פֿאַרקראַמפּטע דלאָניעס. קלמן דער נאָהאַרבער האָט לאַנג נישט געקענט זיך באַפֿרײַען פֿון די דערדריקנדיקע בילדער. אויך אין שלאָף פֿלעגן זיי ווי פֿאַלנדיקע שאַרבנס פֿאַר אים קלינגען אויף זײַנע צונויפֿגעפּרעסטע ציין. מיט פֿאַרצווייפֿלטן אָנשטרענג האָט ער זיך געוועהרט קעגן אַלצדינג וואָס איז אים נאָכגעגאַנגען פֿון די דאָרטנס. אַליין נישט צו וויסן דערפֿון, איז ער פֿון די פֿורעניותן געלאָפֿן הער, הער; אין די אַמאָליקע בלייכע פֿריידן האָט ער זיך אָנגעהאָנגען מיט אַלע זײַנע כּוחות, ווי יינגלווײַז היטערווײַלעכטס זיך אָנגעטשעפּעט אין דער קלאָניצע פֿון אַ ריסאַרקע וואָס דער שטעטלשער בעל־עגלה האָט איבערן שפּיציק־שטיי־ניקן ברוק דאָס פֿערד געטריבן מיט דער צעפּאָכעטער בײַטש: „וויאָ ווישטאָ, גניאַדאַ!" אָבער אַצינד האָבן נאָך אים געיאָגט די גרוילן, וואָס ער'ט דורכגעלעבט בײַם געראַנגל מיט דעם מטורפֿן דײַטש.

און האָבן די אין דער טיף אָנגעוואַקסענע פּײַנען בײַ אים זיך אויפֿ־געלייזט אין אומבאַטיקער רו, איז פֿון קלמנען פּלוצלינג אַראָפּגעפֿאַלן אַן אומגעהייערע משא, ממש ווי אַ באַרג וואָלט זיך פֿון אים שטײַל אַראָפּגע־

שאָטן, שווערלעך געקראַכט איבערן גאָרן לײַב און לעבן זײַנעם. ערשט איז ער ווידער אַ מאָל בײַגעשטאַנען אַ העפּטיקן אָנגריף. ערגעץ אין די פֿאַר־באָרגענע קעמערלעך פֿון זײַן בלוט, האָט דער פֿײַנד זיך נאָך געהאַט פֿאַר־טײַעט — קלמן קאָבריץ האָט פֿאַרביסן זיך געוואָרפֿן אויף אים. ער איז געווען אויסגעבלײַכט, באַוואָקסן מיט אַ שטעכיק בלאָנדער באָרד, פֿון װעלכער עס האָט שוין אַרויסגעשריגן אַ פֿרעמדער גראָ. דאָס פּנים, וואָס באַשע איז געווען געוווינט צו זען אַ קראַפּטיקס, אַ זון־פֿאַרברוינטס, ווי די קאָרע פֿון אַ יאָדלע, איז אַצינד געווען געלבלעך־מאַט. זײַנע אויגן האָבן געגלאַנצט בלאָלעך פֿאַרטראַכט און אַ שמייכל פֿון גענעזונג פֿלעגט פֿון מאָל צו מאָל זיך אויסשנײַדן צווישן נאָז און מויל.

„פּאַוואָליע, ביסלעכווײַז, — האָט באַשע געקלערט — וועט ער מערער קומען צו זיך. די בעל־הבתישקייט וועט פֿון ס'נײַ זיך שטעלן אויף די פֿיס. אַבי מנוחה זאָל נאָר הויערן איבער זייער דאַך. און וועט מען בשלום פֿאַראַקערן ס'פֿעלד, ’עט אויך קומען אַ נײַ לעבן מיט גאָטס הילעף. נאָר קיין אויסטערלישס זאָל חלילה נישט צו האַנדן קומען — —“

1981

פון אלטע און נייע הײמען

אין אַ נײַער היים

א

...ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט אַז די שמיעות פֿון אויפֿקומענדיקע גרויסע שטעט האָבן בײַ די ייִדן אין די דריבנע שטעטלעך פֿאַרוואָגלט דעם שלאָף פֿון די אויגן. לײַט האָבן געזיפֿצט: אײַ, צאַאַטן אָנגעשטאַנען! דורותדיקע מי און מאַטער ווערט ווי שטויב צעמורשטשעט אונטער די פֿיס. מיט האַרצווייטיק צערודערן מענטשן זייערע אַלטגעזעסענע היימען. וואָרן אַז די קינדער אַנטקימען פֿון דער היים, קענען טאַטע־מאַמע בלײַבן זיצן רויִק אויף אַן אָרט?! זיצן און אויסקוקן אויף „אַ פּאָר ווערטער" פֿון מרחקים, בעת די קינדער ווערן פֿאַרשוואַרצט ערגעץ אין דער פֿרעמד! און צוריק געשמועסט: אין היימישן מקום ווערט וואָס אַ מאָל ערגער. אַפֿילו דאָס קול־תּורה רינט אויס, אין זינד גערעדט. אויך ייִנגע לערנערס צעפֿאָרן זיך אין ווײַטע ישיבֿות, קומען אָפּ נעבעך מיט עסן „טעג" בײַ פֿרעמדע טישן. און ס'ווענדט זיך צו וואָסערע בעלי־בתּים אַזאַ ייִנגל פֿאַלט אַרײַן! אויך דאָס בית־מדרש אין שטעטל האָט וואָס אַ מאָל ווינציקער מתפּללים, השם ישמורנו. לאַנג באַוווינטע הײַזער ווערן אויסגעלײדיקט; נישט־ווו, נישט־ווען, רײַסן זיך מענטשן אַרויס פֿון קליינעם אָרט. לאַנג אײַנגעפּירטע שטובן ווערן איבערגעלאָזן אויף הפֿקר. שדים און בייזע רוחות קלײַבן זיך אַרײַן אין זיי. אין די נעכט נעמט אָן אַ פּחד צו פֿאַרנעמען ווי שדים שפּוקן אַרום אין די פּוסטע דירות. חרובֿ ונחרבֿ ווערט אונדז די וועלט. די זיידעס און עלטער־זיידעס עליהם השלום ווערן פֿאַרשעמט אין זייערע קבֿרים. ס'איז רעכט נישטאָ שוין ווער ס'זאָל גיין אויף קבֿר־אָבֿות אין אַזאַ שטאָט –– — אַ פּנים, ס'איז טאַקע שוין כּולו כּל הקיצון. אַזוי קלאָגן די לעצטע וואָס זענען געשטויסן געוואָרן פֿון דעם עלנט איבערצו־לאָזן אַלץ און נאָכטון דאָס, וואָס אַנדערע האָבן שוין לענגסט געטון. דאָס קאָפּברעכעניש איבער דעם וויסטן מעמד האָט קנאַפּ געהאָלפֿן. דער ייִשובֿ פֿוילן האָט לא עלינו ווי בעת אַ מגיפֿה זיך אַוועקגעלאָזט פֿון די קלענערע ערטער. פֿון זיי זענען נאָר געבליבן וועלקן, אײַנזינקען די בית־עלמינס.

אַן עצבֿות האָט צעגראָבן דאָס געמיט פֿון די יוצאי זשיכלין, גאָמבין, לוטאָמירסק, סאָמפּאָלנאָ און אַנדערע קהילות. ערגעץ־ווו זענען אויפֿגעקומען פֿאַבריקן ווו מע וועבט געוואַנטן, לײַוונטן און צײַג; אויך גאַרבאַרניעס האָבן אויפֿן גרויסן שטייגער גענומען וואַלקעווען פֿעלן אויף שטיוול־לעדער

און כראָמען. דאָס גלײַכן אַנדערע וואַרשטאַטן פֿון בעל־מלאכות זענען זיך צעוואַקסן און עס האָבן זיך אויך געעפֿנט שליאַכן צו ווײַטע לענדער. בלית ברירה האָבן ייִדן זיך אַרײַנגעזעצט אין בעל־עגלהשע בוידן און מיט אַלע בעבעכעס זיך אַריבערגעקליבן אין די גרויסע מקומות.

— אין כאַדעטש, — האָבן לײַט געשמועסט אין פֿאַרצאַגטקייט — פּוסטעוועט שוין דער מאַרק לאַנגע חדשים. ס'זענען אַוועק פֿון שטאָט אַלע הענדלערס. די בעלי־מלאכות האָבן נישט וועמען צו פֿאַרקויפֿן דאָס אויפֿגענייטע הויזנוואַרג און די שיך. דאָס פּויערנפֿאָלק איז אָרעם, ווײַל דער מקח אויף קאָרן אין אַ פּרוטהדיקער. אַזאַ גילדענע מערכה גייט אויף גאַנץ קויאַוו. אַפֿילו די ווײַסל איז אַן עדות דערויף. מיטן וואַסער גייען מער נישט אַוועק קיין לאַדונגען פֿון תּבֿואה און בהמות. בעטלערישע וואַנדראָוניקעס מיט טאָרבעס אויף די פּלייצעס זעט מען עפּטערס שפּאַנען אויף די גאָשטשינצעס [1]. דער עולם האָט געטענהט אין עצבֿות: די וועלט איז משוגע געוואָרן. די פֿעלדער גיבן שפֿע, אָבער דאָס מענטשנוואַרג גייט אויס נאָך אַ ביסן ברויט. די וועלט איז להוט עשירותן און אונדזער לאַנד פֿאַרזייעט זי מיט קערנער פֿון דלות. ערשט באַגרונטפֿעסטיקט זיך דער גרויסער דרויסן מיט הויכע קוימענס, ווײַל מענטשן ווילן זיך שוין פּוצן אין גוטן קאָרט, אַפֿילו אין געמזעס. בײַ אונדזערע געטועכצן מעגן מיר שוין אויסגיין — אויף אַלע וויסטע וועלדער געזאָגט אַזוינס!

אַזאַ גורל האָט געטראָפֿן אויך די קהילה דאָבזשין בײַם טײַך דרווענץ. אַ שטאָט מיט הילצערנע כאַטעס, שיפֿע שינדלדעכער און קליינע פֿענצטערלעך וואָס חלומען בלודנע חלומות פֿון די ווײַסל־ווײַטקייטן. פֿון בית־מדרש זענען זיך שוין צעפֿאָרן די לעצטע לערנערס און די קרעמערס האָבן נישט פֿון וועמען צו לייזן פֿאַר אַ פּעקל שבת־לעכט.

אַן אויפֿגעשטיגנס אויף אַ פֿעלדישער באַרגיקייט, האָט זיך דאָס שטעטל פֿון איין זײַט אַרויסגעקראָגן מיט אַ קרומען אַקסל צום ברעג פֿון דרווענץ. ס'איז אַ נישקשהדיקער שיפֿוע וואָס וואַשט זיך די פֿיס אין טײַך. אַזאַס איז דאָבזשין אַנטשלאָפֿן געוואָרן. ווי אין דער קללה זענען בעל־הבתּישע שוועלן פֿאַרוואַקסן געוואָרן מיט גראָז און דער מאַגיסטראַצקע משרת סטעפֿאַן מיט דער פּויק גייט שוין נישט אַרײַן אין דער ייִדישער גאַס אויסרופֿן די שטאָטישע נײַסן. וואַצעק דער שבת־גוי האָט חסר־דעהדיק אויף אַ קול אַרויסגעקלאָגט זײַן בענקשאַפֿט נאָך דער זיסער חלה, מיט וועלכער ס'האָבן אים יאָרן לאַנג געקאָרמעט ייִדישע הענט:

[1] ברייטע טראַקטן (פּויליש).

„אָ, יעזו, ווי דער הונגער בײַסט די געדערעם!"

להבדיל אויך ר' יחיאל־משה דער דאָבזשינער זייגערמאַכער האָט אויסגעיאָמערט זײַן ווײ:

— אָ שיינעם תּכלית זיך דערוואָרט מײַן סגאַל, אַז עולם האָט שוין נישט קאָ' קאָפּ צו קוקן ווי שפּעט ס'איז! — אַ ייד אַ בן־תּורה, האָט ר' יחיאל־משה ווינציקער געקרעכצט. אַ פּאַרטראַכטער פּלעגט ער נאָר זיך בײַסן די שפּיץ באָרד. מ'טאָר נישט מהרהר זײַן, — האָט ער זיך אַליין איבערגעשריגן. צונויפֿגענומען לסוף דאָס הויזגעזינד און מיט בטחון אין זײַן ליבן נאָמען אויך זיך אַוועקגעלאָזן אין דעם ווײַטן כּרך לאָדזש. ווײַל לאָדזש האָט דעמאָלט שוין געהאַט אַ שם ווי אַ שטאָט פֿון פּרנסה און שפע.

ב

אָנגעקומען אין דער גרויסער, פֿרעמדער שטאָט, האָט ר' יחיאל־משה דער זייגערמאַכער אײַנגעזען, אַז ר'איז גאָר ווײַט אַוועק פֿון די שטילקײַטן, וואָס דרימלען אין די קויאַווער מקומות וואָס זענען רײַך מיט פֿעלדער, סעדער און טײַכן. פֿאַראַן דאָרט אַ סך צײַט פֿאַר איעדער שמינגע־דעגינגע; פֿאַר דעם איז זײַן מלאכה קיינעם שוין נישט נייטיק. אָבער דאָ איז נישט קאָ'ן אָרט זיך צו גראָבלען אין די פּיטשע־דעמאָנקעדיקע שרײַפֿלעך, ווייך־שפּרינגענדיקע מעטאַלענע פֿעדערלעך און געציינדלטע רעדעלעך. נישטאָ פּראָסט קאָ' געדולד זיך אײַנצוהערן אין אַ פּיצל געווערק וואָס איז גרויס ווי אַ קאָפּיקע. דער טאָג איז אָנגעגרייט נאָר פֿאַר פֿלייסיקער האָרעוואַניע, דער מוח דאַרף דינען אויף נאָכצואײַלן דעם עול, נאָכצולויפֿן די וואָס שפּרײַזן געשווינדער. יאָ, כּיל־משה, פֿאַר היימלעכקייט וועגן זאָלסטו מער נישט אויסקוקן אויפֿן יאָרמאַרק און דעם צונויפֿפֿאָר פֿון פּויערנוואָרג — האָט דער מענטש זיך גופֿא אונטערגעטריבן.

פֿאַר אַ שטיקל צײַט האָט ער מיט נײַגיר זיך אַרומגעזען ווי ס'פּירט זיך אין דעם גרויסן מקום און לסוף אײַנגעשטעלט אַ סדר אין שטוב, וואָס ר'האָט געדונגען אין דער ווילדפֿרעמדער שטאָט:

טוען! יעדער וועט עפּעס טוען און דער אייבערשטער וועט אונדז נישט פֿאַרשעמען. אין דעם אָרט, האָט ער באַנומען, לאָמיר נישט בטלען, סרעגצע, — האָט ער זיך אײַנגעחזרט אין געדאַנק און אַזוי זיך אַראָפּגערעדט פֿאַרן ווײַב — אַנישט קען מע חס־ושלום אַלץ פֿאַרשפּעטיקן. זאָלסט זען וואָס פֿאַר אַ מקום דאָס איז; ס'איז וו'אַ קאָליע וואָס לויפֿט, ווײַל זי גייט אויף אַן אָנגעהייצטן קעסל. וועסטו זיך נישט אונטעראײַלן, קענסטו קיין מאָל נישט זיך מיטכאַפּן מיט דער קאָליע. ס'אַ וואָזשנע מערכה, כ'לעבן,

הע, דאָס בלאַאַבן פֿון הינטן ווי שטאַרק זאָלסט נישט נאָכלויפֿן דעם פּאַפּער?

— הלמאַי זאָל׳עך זוגן, מאַאַן מאַן? די זעסט בעסער פֿון מיר, — האָט די ייִדענע געזאָגט און זיך מקנא געווען מיט דעם קלוגן קאָפּ וואָס איר כיל־משה זאָל־לעבן האָט אויף זיך.

און יחיאל־משה האָט געקאָמאַנדעוועט: „נישט געשלאָפֿן זאָל ווערן!“ די דערוואַקסענע צוויי מיידלעך האָט ער באַשטאַט בײַ מאַשינען צו נייען העמדער פֿאַר סוחרים וואָס שטייען מיט ווײַסוואַרג־געווועלבער און דאָס איינציקע ייִנגל, חיים־הערשלען, האָט ער צוגענומען צו דער נײַער מלאכה וואָס ער האָט דאָ אויסגעפּינען על פּי זײַן המצאה וואָס האָט קלאָר גערעדט צו אים: צו שנײַדערײַ טויג איך זיך נישט אויס. וואָרן ווי וועל איך קענען דזשאָבען אַ קאָרטל מיט אַ נאָדלפֿאָדעם און אַ פֿינגערהוט? ס׳אַ זשמודנע טועכץ פֿאַר מאַאַן קאָפּ. און קענען נייען אַ בגד איז אַ הונט? און טאַקע נישטאָ אַזאַ געדולד! אויך קען איך זעך נישט קאָפּטשען בײַ אַ פּרעסאײַזן וואָס ׳עט מיִעך פֿאַרטשאַדען. אויכעט בין איך נישט געניג קאַ׳ לאַאַט צו דער קאָפּיטע; מאַאַנע הענט זענען צעקראָכן. כ׳וואָלט באַלד געקריגן מאַזאָליעס פֿון אַ צוועקער און זיך נאָך מוזן הויקערן מיט אַ העמערל איבער אַ פּאָדעשווע. שנית, ביִנ׳עך שוין נישט אין די יאָרן אָנצוהייבן ווי אַ לערניונג... אַזוי האָט דער פֿאָטער אַרײַנגעקלאַפּט אין קאָפּ פֿון זײַן בן־יחיד וואָס איז נאָך געווען אַ ייִנגל אָן וואָנצעס, אָבער דאָך נאָך אַ מאַנספּאַרשוין אין שטוב.

— פֿאַרשטייסטע מעך, כאַם־הערשל — קודם איז אַ מוז צו טון פֿאַר פּרנסה. ברויט מוז מען עסן יעדן טאָג. אַז גאָט ברוך־הוא וועט וועלן, וועט מאַאַן קינד אַפֿילו דאָ נישט פֿאַרגרעבט ווערן, ראַכטיק? אין די אויפֿדער־נאַכטן האָט דער ייִד טאַקע גענומען אַ חומש און זיך אַנידערגעזעצט מיטן ייִנגל לערנען ייִדישקייט.

„אַ ייִד מוז אויכעט זאַאַן אַ מענטש וואָס דאַרף געדענקען ווי ער האַלט אויף דער וועלט, אַנישט קען ער פֿאַרשעמט ווערן ווען ר׳קומט צווישן לאַאַט — האָט כיל־משה אַלע מאָל אַרײַנגעטענהט אין דעם בן־יחיד. — צו אַלעם מיז מע צולייגן קאָפּ. וועסטע לערנען, וועסטע קענען, הערשל! ס׳עט דיר צו ניץ קימען אומעטים“... דער טאַטע האָט אַרײַנגעאָקערט אינעם זון אַז צו אַלץ איז נייטיק צוצולייגן קאָפּ, אָבער ער גופֿא, כיל־משה, האָט אויף זײַן קאָפּ געטראָגן די איינציקע גרויסע זאָרג — ווי מאַכט מען דאָ, אין דעם ווילדפֿרעמדן אָרט, דאָס ביסל פּרנסה? „דאָס ביסל פּאַפּע“ איז דערוואַאַל דאָס גרעסטע קאָפּברעכעניש זײַנס.

ג

ווען יחיאל־משה איז איינעם אַ טאָג אַרויס אין דער טומלדיקער גאַס, האָט ער בשכנות געזען אַ מעכיע אין די געוועלבער, אין וועלכע ס׳דרייען זיך ווײַבער, מענער, אויך יונגוואַרג. אַלע טאַפּן אַדורך מיט די הענט און מיט די אויגן די סחורות וואָס זענען אין הורמעס אָנגעגרייט צום פֿאַרקויף. ר׳האָט זיך אָפּגעשטעלט קוקן, עפּעס אויסשנאַפּן. אַוודאי זענען דאָס קונים וואָס ווילן קויפֿן די אַלע מיני זאַכן, וואָס זענען דאָ אויסגעלייגט אויף טישן, פּאָליצעס און קאָזלעס. דאָ און דאָרט האָט זיך פֿאַרקויפֿט ווײַסוואַרג, שעוויאָטן, באַרכאַטן, סיצן, גראָבע פֿאַטשוילן, אויך אַלערהאַנט וועש, פֿאַרטיקע מלבושים און שאַלן, זאָקנוואַרג. אין אַנדערע געוועלבער זענען געווען שיכוואַרג, קאַמאַשן שטיוועלעטן. לענגער זיך צוגעקוקט און זיך פֿאַרטראַכט. שפּאַנענדיק אַ ביסל ווײַטער האָט ער זיך מתקנא געווען צו טאָן עפּעס אַרום די אַ ייִדן־סוחרים וואָס שאַרן געלד בלי עין־הרע. דער דאָבזשינער ייִד האָט געקנייטשט דעם שטערן און פּאַוואָלינקע גענומען קנײַטלען מיט זיך: „כ׳מיין, צו אַזוינע באַדאַרף מען אַרײַן אין אַ שטיקל שותּפֿות, ס׳הייסט — זיך אָנשפּאַרן אין אַזאַלכענע פֿון וועגן אַ דזשאָרקע פּרנסה. פּשוט, ס׳רודערט זיך בײַ זיי, זאָל זיך אַ קאַפּעלע אַ ריר טאָן אויך בײַ כיל־משהן. דער שׂכל איז דערין אַ פּראָסטער: היות איינער שטייט האַרט נעבן אַנדערן מיט זײַן מיסחר בײַ צעעפֿנטע טירן און דעם קונה איז יעדער להוט אַרײַנצוקריגן אויך צו זיך, איז איטלעכן כּדאַי מערער זיך אַרויסצושטעלן מיט זײַן סחורה. מ׳באַדאַרף די סחורה נישט נאָר אַרויסשטעלן אין פֿענצטער צי ברייט אַרויסהענגען פֿאַר דער טיר אויף אַ שטעקן ווי אַ פֿאָן. ס׳אַ געלעכטער — אַרויסהענגען וועש אַז דער ווינט זאָל זי אונטערבלאָזן, צעפֿאָכען. אַזוי אַ העמד מיט לאַנגע אַרבל, אויך אַ האַנטעך, אַ שערץ אָדער אַ פֿאַר הויזן מיט צעוויגטע נאָגעוויצעס. און דער שטויב פֿון גאַס באַדעקט די סחורה מיט מיסט; אויך די פֿײַכטקייט מאַכט פֿון דעם שענצטן אַ שמאַטע. גלײַכער איז צו ווײַזן די סחורה אין דרויסן אָן אָפּגעמאַליעוועטע אויף ברעטלעך, אויף בלעך; קאָלירטע בלעכן מיט קאָלירטע זאַכן. שילדן. וואָס מער שילדן ס׳וועלן זיך באַווײַזן פֿאַר די געוועלבער, אַלץ געזינטער קען עס זײַן פֿאַר יעדער בראַנזשע, אויך וועלוועלער פֿאַרן קרעמער. וואָרן אַרויסגעהאָנגענע פֿאַרסאַרגעטע העמדער צי גאַטקעס קענען נאָך אָוועקסטראַשען דעם קונה. געמאַליעוועטע שילדן מיט ראַכטיקע בוקוועס קענען געיכער אַרײַנציִען קונים. „איי, ער טראַכט פֿון שילדן, אָבער ווי מאַכט מען דאָס, אַז מ׳האָט אַזאַ מאַכל קיין מאָל נאָך נישט געהאַט אין

מויל. שוטה בן פּיקהאָלץ, ביסט׳עד נאָר אַ צעקראַכענער זייגערמאַכער... נישקשה, מ׳דאַרף נאָר צולייגן אַ ביסל קאָפּ און — פּרוּוון. כּיל־משה, דאַרפסט נישט צו פיל אַראַנקלערן אין דעם עסק ווי אַזוי ראַכטיק צו שטעלן בוקוועס״. אדרבא, האָט אין אים זיך געוועקט אַ נײַע מחשבה: אין דיר איז מסתמא אויך אַן אָדערל פון אַ סופר. דײַן פעטער מענדל־שאַיע האָט דאָך דאָס געטון בטהרה. נעם זיך דערצו אין ממשות. אָנהייבן! האָרכסט, וואָס מ׳רעדט צו דיר, כּיל־משה? פאַר פּריוון טאָר מע נישט מורא האָבן. און אומר ועושה. טאַקע געטאָן. די המצאה האָט אויסגענומען קודם כּל בײַ כּיל־משהן, דעם נעכטיקן זייגערמאַכער וואָס זיצט שוין נישט אין שלעפעריקן דאַבזשין.

אַוודאי איז ווינציק וואָס אויף דער טיר איז מיט גרויסע „בוקוועס״ געשריבן אַז ס׳פאַרקויפט זיך שניט־סחורה, צי זאָקן אָדער זייף מיט הערינג; מ׳באַדאַרף די קונים אַרײַנשלעפּן בײַ די אויערן. בוקוועס קריכן נישט באַלד יעדן אין די אויגן אַראָן, אויב מ׳שרײַבט זיי נאָר אויף דער טיר. שילדן באַדאַרף מען אַרויסהענגען ווי קאָליריקע פענער. און קענען גוייִש לשון איז אַ הונט? גיסט אַ קוועטש אויפן ווײדל גיט ער אַ ביל! אַ שילד דאַרף רעדן. רעדן יאָק רעדן, אָבער לייענען? אַ קערץ קאַרטאָפל נע־מען אויף דער פּלייצע אַרויף איז אַוודאי גרינגער. האָ, האָ, גיי שלאָג זיך אַדאָרעך איבער גאַנצע שערענגעס מיט בוקוועס! אָבער אַ שילד, האָט דער דאַבזשינער געלערנט אַ קול וחומר — גוט אויסגעמאָליעוועט צעוואָרפענע העמדער, אַ שטיקל געקווייטלטן סיץ און זאָקן איז שׂכל־דיקער. האָט מען אַ קראָם פון ספרים און טליתים, איז גלײַכער אויס־צומאָלן אַ טלית־קטן מיט שוואַרצע קענטלעך אויפן ווײַסן לײַבצודעקל און די געקניפּטע ציצות וועלן גיכער רופן רב ישׂראלן איידער ס׳שראַ־בעכץ מיט אותיות אַז פּלוני אלמוני איז אַ מוכר־ספרימניק. ׳עט מען די אַ מעלה דערפירן צו אַ ממשות, מוז עס אויסנעמען — האָט דער ייִד לענגער צעקײַעט זײַן מחשבה מכּוח דער פּרנסה, וועלכע ער וויל דאָ אײַנפירן. ווי מיינסטו סרענצע? ער האָט אַ מאָל ליב זיך שואל־עצה זײַן מיטן קליינעם, שווײַגנדיקן ווײַב. זי האָט׳ן באַלד געענטפערט:

— ביסט געראַכט, מאַן מאַאַנער. אײדער מ׳גייט טוען אַזוינס אין וואָס מען איז נישט בקי, מיז מע פּריִער פּריוון. האָט מען אין זינען צו טוען עפּעס רעכטס, קימט אַ הילעף פון רבונו של עולם. עפּעס רעכטס האָט מען ליב אויך אין הימל.

געטראַכט און טאַקע גענומען טוען דערין. קודם האָט יחיאל־משה אויף פּאַפּיר אָנגעהויבן נאָכמאָליעווען גויִישע אותיות, אויסמאָלן אויך אַ

פֿישל, אויף אַן אַנצוהערעניש פֿון אַ הערינג. אויף אַ שטיקל טאָוול האָט ער געמאַליעוועט אַ היטל מיט אַ ברייטערן דאַשעק ,אַ טלית־קטן, אַ שיך, אויך אַ צעוואָרפֿן העמד מיט אַרבל, אַ שערץ, אַ פּאָר הויזן.

ר׳האָט זיך שטאַרק אַנגעשטרענגט, געשוויצט ביז ר׳האָט אַרויסגע־קראָגן די געמאָלעכצן פֿון זאַכן וואָס ר׳האָט געהאַט בדעה אַרויסצוברענ־גען אויף ברעטלעך צי אויף בלעכן. געדולד האָט ער צו דעם געטועכץ, וואָרן דאָס זייגערמאַכערײַ זײַנס איז זיך סומך קודם־כּל אויף סבֿלנות. בײַצוקומען יעדער מניעה אָדער געשטרויכל אין דער מלאכה וואָס מע טוט מוז מע זיך געניגוג אָפּגעבן דערצו. מתחילת האָט יחיאל־משה אַלץ געצייכנט מיט אַ בלײַער, דערנאָך גענומען ניצן קאָלירן וואָס זענען נייטיק צו די זאַכן. ר׳האָט אויף אַן אמת זיך פֿאַרשאַרצט די אַרבל צו דער נײַער מלאכה און זי געטוען מיט גרויס כּוונה. אָפּגעטוען עפּעס האָט ער דאָס אויף טשי־קאַוועס געוויזן חיים־הערשלען. דאָס יִנגל האָט מיט אויפֿגעריסענע אויגן געקוקט אויפֿן פֿאָטערס געמאָלעכצן און אָנגעקוואָלן פֿון זײַעם:

— כ׳זאָל אַזוי לעבן ווי ס׳אי׳ שײַן, — האָט ער אויסגעפּראָלט אויף אַ קול אַז אַלע אין שטוב האָבן זיך אַרומגעקוקט. כאַם־הערשל האָט אויך געקוואָלן פֿון פֿאָטערס גווישע בוקוועס און ר׳האָט באַלד אַליין גענומען פּרווון נאָכמאַכן גרויסע אותיות פֿונעם סידור צו גלײַך מיט די בוקוועס, וועלכע ער האָט פֿאַרגליכן מיט די אותיות פֿון דעם ביכל, וואָס די מייד־לעך האָבן אַנומלט געניצט, ווען זיי זענען געגאַנגען צו אַהרן מלמד זיך לערנען שרײַבן פּויליש; זיי האָבן אַליין שוין געשריבן אַן אַדרעס אויף אַ בריוו פֿאַר יענטל קוקאַווקע צו איר טאָכטער אין פּזשעדביזש.

ר׳האָט מערערע מאָל באַטראַכט דאָס שוין אָפּגעטוענע, דער זייגער־מאַכער כיל־משה וואָס האָט זיך געגרייט צו דער נײַער פּרנסה אין נײַעם אָרט וואָס אים איז באַשערט געוואָרן.

פֿאַרלייגט די הענט אויפֿן רוקן, האָט ער דערנאָך געלאָסן זיך אַרײַנ־געשאַרט צו אַ סוחר אויף ווידזעווסקע גאַס, וואָס העכער אַרויף פֿונעם סטאָוו ווו ס׳רוישט מיט פֿישערס, גענדזלערס, קאַשע־מאַכערס און בלע־כערס. דאָ גייט אויך אָן אַ האַנדל מיט זעקלעך גרויפּן, פּערלקאַשע, גערשטן; אַנדערע האַלטן קעסטלעך מיט געטריקנטע פֿרוכטן, ראָזשינקעס, טייטלען, אַ ביסל ווײַטער שטייען מענער און ווײַבער בײַ פֿעסער הערינג, קעסטלעך געוועגדזלטע פֿיש פּיטלינגן, סלאָיִקעס מאַרינירטע הערינג. אַרום די הענד־לערס איז אַ געדראַנג פֿון מענטשן וואָס זוכן צו קויפֿן און אויך אַזעלכע וואָס שטעלן זיך אָוועק גאַפֿן, פֿרעגן: אַנדערע זענען לאָקאָמע דערפֿון באַלד עפּעס נהנה צו זײַן.

אַרײַנגעקומען צום סוחר אויף ווידזעווסקע, קומט יענער אַקעגן כיל־משהן מיט „אַ שלום עליכם אַ ייִד״. אַ פּנים, דער סוחר איז געווען גוט אויפגעלייגט און ר׳האָט געפּרעגט: „וואָסער נײַעס ברענגט איר מיר, אויב קאָ׳ קונה זענט איר נישט ווי איך זע עס פון ענקער באַזאַכטן אַראַנ־גײַן״. כיל־משהן האָט באַלד געפּעלט לשון.

— שעמט זעך נישט, רעדט אַ וואָרט. אויב איר קענט נישט רעדן, זינגט כאָטש עפּעס באַטעמטס וואָס אַ ייִד מאַאַנס גלאַאַכן האָט ליב.

כע, מע — דער דאָבזשינער האָט אומדרייסט אָנגעהויבן צו קאָקעצן.

— איך בין אַ מאַליאַזש פון שילדן, איר פאַרשטייט וואָס איך מיין? אַ מאַליאַזש וואָס מעקלט צו קונים פאַר איטלעכן סוחר פון יעדער בראַנזשע.

— הינדע, אפשר פאַרשטייסטו וואָס דער מענטש וויל? — האָט דער סוחר זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זײַן ווײַב: — פרעגיג עים. איך האָ׳ ניש קאָ׳ צאַאַט. און תּוך כּדי דיבור האָט ער צום אַרײַנגעקומענעם אויס־געשאָסן מיט אומגעדולד:

— נאַרעצן זענט איר דאָ אַראַנגעקימען? גייט זעך געזינטערהייט און זאָגט ר׳זענט דאָ געווען.

— זײַט נישט ברוגז, פאַניע. כ׳האָב גאָר נישט אַזאַ גרינגן קאָפּ כ׳זאָל קימען מיט הלצות. איך בין אַ מאַליאַזש פון אַזוינע זאַכן וואָס איר באַ־דאַרפט, וויל איך אַאַך גאַרײַען אַ זאַך וואָס ׳עט ענק זאַאַן אַ הילעף צו דער פּרנסה.

— מילא מה, אויב איר׳ט וואַאַזן, ׳עט מע זעען, אָבער נישט סתם באַלעמיטשען, און שוין געקוקט דעם אַרײַנגעקומענעם אויף די הענט: „וואָס האָט ער אַזוינס?״ אָבער יחיאל־משה האָט נאָך נישט געהאַט וואָס צו ווײַזן מיט וואָס ער קען יענעם דינען. און דער האָט טאַקע נישט באַ־נומען וואָס דער פּראָווינצער רעדט.

— האָט נישט פאַראיבל, — האָט דער דאָבזשינער געזאָגט. — אסור צי כ׳בין אויסן עפּעס שלעכטס. דערוואַאַל האָט אַ גוטן טאָג, — און איז אַרויס.

— האָט אַ גוטן תּמיד! — און ווי איבערגעהאַקט דאָס געשמועס מיטן פרעמדן.

יחיאל־משה איז אַוועק און דעם בייזן ייִדס קראָם האָט אים לענגסט נאָכגעקוקט מיט אַ פּאָר צעוויגטע נאָגעוויצעס, וואָס זענען געווען אויף אַ דרענגל אַרויסגעהאָנגען הויך פאַר דער קראָממיר צו גלײַך מיט אַ צע־פּאָכעט העמד; דאָס העמד האָט זיך געבימבלט אויף אַן אַנדער דרענגל

מיט אַ אומגליקלעכער נאַכלאַזיקייט ווי עס וואָלט געווען אַ שאָטן פֿון אַ געהאָנגענעם, וואָס אַן אַלטער ווינט האָט געדיכט פֿאַרשטויבט — —

ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דער זעלבער מענטש וואָס איז אַנומלט געקומען אומגעבעטענערהייט צום סוחר אויף ווידזעווסקע, ווידער זיך אַרײַנגעוויזן צו אַזאַ סוחר שוין אויף דער רײַכער פּיעטריקאָווער גאַס; דערנאָך צו אַ סוחר פֿון ציגלגאַס און ר׳האָט למעשׂה זיי מסביר געווען וואָס ער מיינט מיט זײַן אַרײַנקומען, דער תּמעוואַטע פּראָווינצער. אויך צו זיי האָט ער גערעדט פֿון שילדן, וואָס זאָלן אָנטון חשק די קונים, קלוג זיי אַרײַנצײַען אין געוועלב. פֿון ס׳נײַ האָבן לײַט דעם דאָבזשינער אָנגעקוקט מיט אומגערנע בליקן: „נעמט צו צאַאַט בײַ פֿאַרנומענע מענטשן!“ אָבער יחיאל־משה איז שוין נישט געווען אַזאַ בטלן. ר׳האָט תּיכּף אַרויסגעבויגן דעם קאָפּ אַריבער דער שוועל פֿון יענעמס געוועלב און ס׳איז באַלד אַרײַנגעקומען חיים־הערשעלע, וועלכער האָט שוין געשלעפּט אַ היפּשע פֿאַרטיקע שילד.

— אָט איז דער נימשל פֿון דער קאָזע וואָס גיט נישט קאַ׳ מילעך, כאָטש זי קען געבן! — האָט דער פּראָווינצער זיך שוין צעטענהט אַ ביסל האָפּערדיקער. — איר ׳עט פּריוון ׳עט איר זען ווער ס׳איז גערעכט. איר זענט נישט צוגעווינט צו אַזאָלכעס, דערפֿאַר נאָך נישט דערשפּירט דעם טעם פֿון אַזוינס. אַנדערע האָבן שוין דאָס געפּרוווט און ס׳גייט אַ גאַנג. מ׳עט אָנקיקן וואָס איר האָט, ׳עט מע קימען צו אַאַך צו לויפֿן נאָך סחורה ווי פֿאַר פּסח נאָך מצה־וואַסער!

לײַט זענען צעטומלט געוואָרן: — מאַלעווידלעס! זיי האָבן נישט געוווסט וואָס צי טוען מיט דעם זאַקעצײַ, וואָס וויל אויפֿ׳ס כּוח זיי ראַאַך (רײַך) מאַכן. אָבער אַרויסטרײַבן אַ מענטש וואָס וויל טוען טובֿות, איז אויך נישט גלאַאַך. און אַ חידוש: דער בעל־דבֿר דערמאָנט אַפֿילו נישט אַז דאָס דאַרף קאָסטן געלט! אַזאַ גולם איז ער זעכער נישט, און אַ מלאך אַוודאי נישט וואָס דער אין הימל האָט אים צו אונדז אַראָפּגעשיקט — —

יאָ, מתחילת איז געווען גאָר פֿריקרע. יחיאל־משה דאָבזשינער האָט אויף אייגענער מערכה קונציק אויסגעמאַליעוועט גרויסע ברעטלעך, אויך בלעכן מיט כּלערליי קאָלירקע געמעלן און אויפֿשריפֿטן פֿאַר אַלע מינים מיסחרים: האַנטעכער, שקאַרפּעטקעס, הויזן; אַפֿילו פֿאַר בעקערקראָמען גאָלדברוינע ברויט און זעמל ווי פֿריש אויסגעבאַקן. דאָס געדולד צו דעם האָט אים געקלעקט מחמת דעם רגילות צו גראָבלען זיך יאָרן לאַנג אין די זייגער־געווערקלעך מיט די דינע, קליינטשיקע מעטאַלענע פֿעדערלעך,

שרײַפּעלעך, רעדלעך און אַנדער דראַביאַזג. געבראַכט שילדלעך „נאָ פּאַ־קאַז״, צו ווײַזן וואָס ער מיינט, דער אויסטערלישער ייד. לײַט האָבן גע־קוקט, געשטוינט איבער דער המצאה פֿון דעם מענטש און געקוועטשט מיט די אַקסלען: „צו וואָס? ס׳טויג דען נישט אַזוי ווי עס איז אַצינד? מענטשן ווייסן שוין וווהין צו גיין נאָך ס׳זייעריקע! ווער עס באַדאַרף עפּעס, גייט ער סײַ ווי זוכן״, און מ׳האָט דעם ייד מיט זײַנע אַנטיפּעריזעס געשיקט אַ הויז ווײַטער. דאָס געדולד בײַם דאַבזשינער איז זיך אָבער אויסגעשטאַנען ווי די פּרי אויפֿן בוים. נאָך אַ שטיקל צײַט איז דער מענטש אין דער לאַנגער קאַפּאָטע און קליינעם טוכענעם היטל שוין געוואָרן אַ מער אַנגעלייגטער גאַסט אין דער געגנט ווו ס׳האָט געקאָכט דער האַנדל. דער אַפּעטיט פֿאַר שילדן צו הענגען זיי איבער די געוועלבער איז ביס־לעכווײַז דערוועקט געוואָרן. דערנאָך האָט מען דעם ייד שוין נישט גע־רופֿן בײַ זײַן היימישן נאָמען, ר׳ כיל־משה, נאָר פֿאַן ראַווסקי. זײַן שילדן־ווערקשטעל איז געוואָרן אַ שם־דבֿר, אויף וועלכן מ׳האָט שוין גענומען פֿרעגן: „ווו ווינט ער?״ סוחרים, אַפֿילו קליינע קרעמערס, האָבן פּאַמאַלו דערשפּירט דעם טעם פֿון שילדן. מ׳האָט שוין גענומען זוכן דעם מאַליאַזש ער זאָל אויסמאָלן אויף דער שילד אַזוינס און אַזעלכעס אין ראַכטיקע קאָ־לירן וואָס זאָלן ר ע ד ן ו ע ר ט ע ר. און טאַקע מיט גרויסע בוק־וועס. אַזוי אַרום האָט דער שילדן־מאַכער ראַווסקי פּלייסיק באַזאָרגט די שטאָט מיט קאָליריקע, הויך־רופֿנדיקע שילדן וואָס האָבן מער מפֿורסם געמאַכט אירע געשעפֿטן.

איבער דער שטאָט האָבן זיך גראָד געריסן צו די הייכן מערערע הע־כערע פֿאַבריק־קוימענס. מ׳האָט אויסגעאַרבעט וואָס אַ מאָל מער סחורות פֿון אַלע מינים, איז דערפֿאַר אין פֿאַרעקשנטן געיעג נאָך רעקלאַמע געווען נייטיק נאָך און נאָך שילדן. די הויכע קוימענס האָבן בטלנותדיק טונקל געגענעצט אין הימל אַרײַן מיט וואָלקענעס רויך; ס׳האָבן טשאַדיק גע־אָטעמט די טונקל־אַנגעמויערטע פֿאַבריק־געבײַדעס און די שמאָלע קאַנאַווע וואָס האָט ערגעץ דורכגעשניטן די שטאָט, דער סטאַוו לאַדקע, האָט זיך געלאָזט הערן מיט איבל, אָבער די פּרנסה האָט זיך געמערט בײַ די וואָס האָבן מיט ווײַב און קינדער זיך געיאָגט נאָך תּכלית. דעמאָלט איז אויך דער דאַבזשינער זייגערמאַכער, וועלכער איז אומגעריכט געוואָרן אַ שילדנ־מאַכער, יוסט אַרײַנגעוואַקסן אין דער עדה פּרנסה־זוכערס. דערווײַל האָבן די יאָרן זיך געשטאָפּלט איבערן מענטש וואָס פֿאַרגעסט זיך בשעת הדחק אַז ער איז סוף־כּל־סוף נישט מער ווי עפּר ואפֿר.

ד

בלי עין־הרע איז בײַם שילדנמאַכער די פּרנסה געקומען צוצורינען און צוצושווימען. די שטוב אויף ווידזעווסקע גאַס איז געשטאַנען אין שפּע, כאָטש ס'איז איר שוין געוואָרן ענגלעך. ר' יחיאל־משה האָט שפּעטער גע־מוזט די גאַנצע דירה נעמען פֿאַר דער ווערקשטעל און אויף באַוווינעכץ דינגען אַ באַזונדערע דירה. ס'האָט זיך גראָד געמאַכט אַזאַ דירה אין זעל־ביקן הויף. פֿאַר איינוועגס האָט דער שילדנמאַכער זיך שוין פֿאַרגונען אַהין אַרײַנצושטעלן נײַע דעמבענע בעטן, אַ שיינע קאָמאָדע און אַ שאַנק מיט געשניצטע טירן. פֿאַוואָליע האָט בײַם געוועזענעם זייגערמאַכער פֿאַרשמעקט מיט גבֿירשאַפֿט, הגם ר'האָט זיך געהיט לײַטן נישט אויפֿצורײַסן די אויגן. די מיידלעך האָט ער שוין געהאַט אָוועקגענומען פֿון די ניימאַשינען. פֿאַר זיי וועט זײַן שענער צו העלפֿן דער מאַמען אין דער בעל־הבתּישקייט, — האָט דער פֿאָטער שוין געגעבן אָנצוהערעניש אויף תּכלית פֿאַר די טעכ־טער, כאָטש ס'האָט נאָך נישט געהאַלטן בײַ אַ שידוך טאָן מיט זיי. אָבער אַ פֿונק האָפֿענונג דערויף איז שוין שטילערהייט אויפֿגעגאַנגען בײַ ר' יחיאל־משהן.

געלאָסן איז דער שילדנמאַכער ראַווסקי געוואַקסן צו גלײַך מיט דער שטאָט, וואָס האָט זיך אַלץ מער צערעשט און אויסגעשפּרייט. בײַ סוחרים און פֿאַבריקאַנטן האָט נושא־חן געווען די מלאכה פֿון דער פֿירמע ראַווסקי און די פּרינציפּאַלע גאַסן, ווו ס'איז נאָר געווען אַ געשעפֿט אָדער אַ ביורא, זענען זיי באַקליידט געוואָרן מיטן דאַבזשינערס שיינע שילדן. עס זענען אין דער שטאָט, אמת, צוגעקומען אויך אַנדערע שילדנמאַכערס, אָבער צו ראַווסקין האָט קיינער פֿון זיי זיך נישט געקענט גלײַכן. ווײַל ר' יחיאל־משה האָט געזאָרגט אַז זײַן מלאכה זאָל זײַן אויף אַ מדרגה; ר'האָט נישט געקאַרגט קיין מי און גוטע פֿאַרבן און יעדע שילד איז מיט קליינע אותיותלעך געחתמעט געוואָרן מיט זײַן פֿירמע וואָס האָט שוין געהאַט אַ שם אין שטאָט. זאָל מען וויסן אַז ראַווסקין איז נישט גרינג באַכצומאַכן. און דער נאָמען זײַנער אויף יעדער שילד איז טאַקע געווען אַ סגולה צו דער פּרנסה. אַ גרויסן חלק אין דער גדולה האָט ר' יחיאל־משה געדאַרפֿט צושרײַבן זײַן חיים־הערשלען וואָס איז דעם טאַטן געוואָרן אַ גרויסע הילף. אַדרבא, וואָס עלטער דאָס ייִנגל איז געוואָרן, אַלץ זעל־טענער האָט ר' יחיאל־משה זיך שוין מטריח געווען צו די קונדן. חיים־הערשל האָט פֿאַרשווינט דעם פֿאָטער. ר'איז אויסגעוואַקסן אַ בחור מיט גלייַקע שוואַרצע אויגן און אַ פֿלינקן קאָפּ. חיים־הערשל האָט עפּטער זיך

באַוויזן אין שטאָט מיט אַ נײַער שילד אין איין האַנט און מיט דער צווייטער האַנט האָט ער צוגעהאַלטן אַ גרויסן לייטער, אַן אָנגעשפּאַרטע אויף זײַן אַקסל. לעבעדיקע פֿאַרב און יונגשאַפֿט האָבן שוין געפּראַלט פֿון דעם יונג. אַ ביסל שפּעטער האָט חיים־הערשל, אַ הענגענדיקער איבער אַ הויכן בײַשטידל פֿון אַ קראָמטיר אַראָפּגעזוונגען צוזאַמען מיט זײַן נײַער שילד, געלאַסן אַזוי, געדולדיק און די פֿירמע פֿון שילדנמאַכער ראַווסקי איז געוואַקסן אין אַנזען און אין דער פּרנסה, וואָס איז אין ממשות געוואָרן די הייוון פֿון לעבעדיקן לעבן פֿון דער מישפּחה.

ה

די שטאָט פֿונעם שילדנמאַכער ראַווסקי האָט זיך אַלץ מער אָנגענומען מיט אימפּעט, אָבער ר׳ יחיאל־משהס כּוחות זענען געמינערט געוואָרן: מיט פּרנסה האָט דער הלך געײַלכט און חיים־הערשל, שוין אַ פֿולער מאַנספּאַרשוין, האָט אַרײַנגענומען אין זײַנע הענט די פֿירמע ראַווסקי. ר׳ יחיאל־משהן האָט מען שוין ווינציקער געזען צווישן די קונדן. אין די געשעפֿטן האָט מע שוין קענען געלערנט דעם יונגן ראַווסקי. אַנדערע האָבן אים אַפֿילו היימיש גערופֿן: העניק.

— זאָגט נאָר, העניק, איך דאַרף אַ שילד וואָס זאָל רעדן וואַרטער. איר נעמט עס זיך אונטער?

„ווען אַפֿילו אַ פֿויגל אין דער לופֿטן, ׳על איך עים נישט ברענגען אַאַך אין שטיב אַראַן?" האָט חיים־הערשל געענטפֿערט. אַוודאי איז די פֿירמע ראַווסקי נאָכגעקומען דעם קונד און מער נושא־חן געוועזן. מ׳האָט אין גיכן אַפֿילו אָנגעהויבן רעדן אַז דער ראַווסקי איז געוואָרן אַן עושר פֿון די שילדן, מיט וועלכע ער האָט באַקליידט גאַנץ לאָדזש. אַלע אירע פֿאַבריקאַנטן און סוחרים האָבן אים געקאָנט ווי אַ היימישן. אַנדערע האָבן זיך אַפֿילו געסודעט אַז דער יונגער ראַווסקי באַרגט שוין אַוועק געלט אויף צינדזן. ר׳איז אַן אויסטויגער, דער העניק. מיט דער צײַט האָט מען אויף חיים־הערשלען גענומען קוקן ווי אויפֿן פֿאַלנעם בעל־הבית פֿון דער שילדן־ווערקשטעל ראַווסקי, וואָס האָט זיך שוין דערשלאָגן צו אַ שם פֿון אַ יוסטער פֿירמע. דעם פֿאָטער זײַנעם האָט מען שוין זעלטענער דערמאָנט און דאָס נאָר פֿון יוצא וועגן.

ו

ס׳האָט עס אפֿשר קיינער נישט באַמערקט, אָבער דער אַלטער יחיאל-משה האָט דערשפּירט דאָס שטילע דריקעניש פֿון דעם דור הולך. ער איז געוואָרן שוואַכער און פּרימער. ער האָט זיך נאָר גענחתט מיט די אייניקלעך פֿון ביידע טעכטער, וועלכע ער האָט בגדולה חתונה געמאַכט מיט פֿײַנע יונגעלײַט. חיים-הערשל האָט גענומען אין זײַנע הענט אַרײַן דעם טאַטנס פּרנסה און אין שטוב אַרײַן געגעבן וואָכנגעלט: נעם, מאַמע. ווײסט, מיינ׳עך געגוג האָבן. אויב חלילה נישט, ׳עלעך דיר דערלייגן איפּדערוואָך. ער האָט עס אפֿשר אַליין באַנומען, דער חיים-הערשל, אַז ס׳עט דער מאַמען נישט קלעקן דאָס צוגעציילטע געלט, אלאָ ער האָט נישט געקענט פּועלן בײַ זיך צו געבן דער מאַמען געלט מיט אַ פֿאַרגינענדיקער האַנט. ר׳האָט נישט געשפּירט, דער גרויסער בעל-פּרנסה, ווי ער ווערט וואָס אַ מאָל אַ גרעסערער קמצן. בײַ אים גייט עס שוין אין ציילן הונדערטער טויזנטער רובלעס... און געציילט, באַרעכנט ס׳כּסף וואָס האָט זיך בײַ אים אָנגעקליבן, האָט ער וואָס עפּטער. בײַ דעם געלט-זאַמלער חיים-הערשל איז געוואַקסן דער גלוסט צו האָבן מער, דערפֿאַר גענומען האַרט קוועטשן דעם גראָשן וואָס ר׳האָט געקראָגן אין האַנט אַרײַן. די צינדזן וואָס ער׳ט געקראָגן פֿאַר די אַרויסגעבאָרגטע הלוואות, האָבן אים ממש געהאַלטן בײַם גאָרגל. אויך אין דער אַרבעט איז ער געוואָרן אַן אײַנרײַסער. ר׳האָט נישט געהאַט קיין רו אין זײַן אומרו אָנצויאָגן כאָטש אַ מיליאָן. פֿון מאָל צו מאָל איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין די קראָמען פֿון די רײַכע קונדן, אָנגעטאָן זיי חשק אויפֿצופֿרישן די שילדן: „זעט, די היצן האָבן די שילדן שוין אויסגעטריקנט, צעבלייכט נאָך אַזוי פֿיל זומערס; אויך די ווינטערס ברענען זיי אויס מיט די שנײַדיקע קעלטן; די זאַווערוכעס צעברעכן די רעמען, די פֿרעסט צעקרימען דעם אײַזנבלעך. מ׳באַדאַרף מאַכן אַ שילד פֿון צינקבלעך, פֿאַניע קאָן״. און האָט ער געקראָגן אַ צענרובלדיקן אין האַנט אַרײַן האָט ער אים נישט געוואָלט צעבײַטן. צו וואָס היטן קליינגעלט? איז געווען זײַן פֿאַרענטפֿער. דערנאָך, ווען עס זענען אונטערגעקומען פּוילישע זלאָטעס, איז ער פֿון דאָס נײַ אויף זיי געלעגן ווי אַ הונט אויפֿן ביין. ר׳האָט זיך מיט ברענענדיקן חשקות אונטערגעגעבן דעם באַזונדערליכן טעם פֿון צינדזן וואָס פֿאַרמערן דעם קרן. דאָס צײַעניש האָט אים נישט אָפּגעלאָזן. נאָך אַ נטיה האָט אים באַוועלטיקט: אַז ר׳האָט אין גאַס באַגעגנט אַ מענטש וואָס איז אין זײַנע אויגן עפּעס ווערט געווען, האָט כאַם-הערשל נישט געקענט זיך אָפּזאָגן אַוועקצושטעלן מיט אים לאַנג

פּלוידערן. אָבער ס׳האָט אים נישט געאַרט, צו מאָל זיך נישט געשעמט אַרומצוגייִן אין דער ליכטיקער גאַס ווי אַ בעטלער. ר׳האָט אויפֿגעהערט זיך איבערצוטוען, אַפֿילו ווען ער איז נישט געווען פֿאַרנומען בײַ דער מלאכה. אין זוניקע גאַסן איז ער אַרומגעגאַנגען אין פֿאַרב־פֿאַרליאַפּעטע הויזן, אין אַ פֿאַרגלאַנצטן פֿאַרפֿלעקט־שטײַפֿן רעקל. אויך די הענט זײַנע זענען על פּי רובֿ געווען פֿאַרחזירט מיט גרין, געל, רויט פֿון ליאַק צי אייל־פֿאַרבן. ר׳האָט עס געהאַלטן פֿאַר אַ כּבֿוד, די תּמידע פֿאַרשמירטקייט זײַנע. לפֿנים האָט ער זיך פֿאַרענטפֿערט: ר׳איז נאָר אַ פּראָסטער יגיע־כּפּימניק, קען ער שפּילן אַ פּאַצעט? מלאכה איז קודש, ר׳ ייִד, — האָט ער ליב געהאָט צו זאָגן אַ בילע ווערטער. און יוחנן הסנדלר איז בײַ אײַך אַ בילע־ווער? און דער בעל־שם טובֿ איז אין אײַערע אויגן נאָר אַ פּראָסטער ליימפּירער? אַזוי האָט חיים־הערש זיך געגרויסט מיט זײַן שמאָדער, כאָטש לײַט האָבן אים שוין גענומען אָנרופֿן היימישלעך פּאַניע הענריקו. אַנדערע האָבן זיך אַפֿילו אַנטדרייסט אים צו פֿרעגן: ווי פּאַסט עס פֿאַר אײַך, הענריקו? איר זענט נישט חס ושלום קיין אבֿיון. ווי זשע דרייט מע זיך אַרום אין אַזאַ הולך!? נאָך אַ טבֿע האָט ער זיך פֿאַראייגנט, דער שילדנ־מאַכער ראַווסקי: איז ער געוואָרן הונגעריק אין מיטן אַרומשלײַען זיך אין שטאָט אין די פֿאַרליאַפּעטע בגדים, אין וועלכע ער האָט אָפּגעשטאַט ווי־זיטן בײַ קונדן, איז פּאַן הענריק צוגעגאַנגען צו אַ בייגלהענדלערקע אין ראָג גאַס, גענומען עטלעכע בייגל און גייענדיקערהייט, מיט די פֿאַרסלי־ניעטע ציין געריסן פֿון זיי שטיקער. דאָס נישט שעמען זיך איז בײַ אים געוואָרן אַ סימן פֿון אַ פֿרײַען פּירעכץ.

— חיים־הערש דער שילדנמאַכער איז אַ ווילער בעל־מלאכה, אויך שוין אַ גבֿיר, נאָר אַ שמאָדער, — האָבן לײַט גערעדט וועגן דעם יונגס אויסטערלישער אָפּגעלאָזנקייט.

— דער פֿאַרשוין איז אַ סקנער, — האָבן אַנדערע זיך געכאַפּט אויף דער אייגנשאַפֿט פֿון דעם באַהאַלטענעם גבֿיר. — כאָטש ער איז אַ גיל־דענער פֿאַרדינער וועט ער נישט וועלן געבן צו עסן אַ פֿרעמדע מויד. ער וועט שוין פֿאַרפֿאַלן ווערן אַן אַלטער בחור. ער וועט נישט חתונה־האָבן, ווײַל פֿון אַ ווײַב קען מע נישט האָבן קאַ׳ קלינגערס. ער ברויך נאָר צינדזן פֿון די געלטער וואָס ער האָט שויך, און ר׳האָט אַ פּנים נאָך צו ווינציק.

מ׳האָט געחוזקט פֿון חיים־הערשלען וועמען מ׳פֿלעגט זען הענגען אויף הויכע מויערן בײַם אָנפּעסטיקן נײַע פֿאַרביקע שילדן פֿאַר סוחרים, פֿאַר פֿאַבריקאַנטן, פֿאַר שעלקע־מאַכערס, שניטהענדלערס. יעדע אַרבעט

פֿון פֿאַך איז אים געווען להוט. „וואָס כ'וועל אַרײַנכאַפּן, 'עט זאָן ווי גע־פֿינען", איז דעם יונגן געלטפּרעסער תּמיד געלעגן אין זינען. און דער מאָגן פֿון דעם געלטזאַמלער האָט אים גענאָגט אָן אויפֿהער: ר'מוז האָבן נאָך, נאָך! „זיס איז דער גראָשן וואָס קימט אַראָן". האָט ער שטיל אויס־געניגונט פֿאַר אַזעלכן וואָס האָט אים אַ מאָל אויסגעמוסרט מעשה גוטער־פֿרײַנד. ס'האָט אים שוין געקענט ווי אַ בייזן שילינגער דער בשמים־קרע־מער ווי דער דענטיסט, ווײַל מיט אַלעמען איז דער שילדנמאַכער אויף אַזעלכן אופֿן געווען פֿאַנבראַט. אַ פֿאַרשמירטער אין פֿאַרבאַקענע פֿאַרבן, אַ פֿאַרקלעפּטער מיט שפּאַכטלקיט, איז חיים־הערש נישט־ווו, נישט־ווען אויסגעוואַקסן פֿאַר זײַנע קונדן, געפֿרעגט „וואָס מאַכט מען?" דערציילט בשעת־מעשה אַ רכילותל און געבעטן מ'זאָל אים נאַרײַען באַשטעלונגען בײַ לאַאַטישע מענטשן.

אַליין אַ גייענדיקע שילד, איז חיים־הערש ראַווסקי מיט דער צײַט געוואָרן אַ שטיק לעבעדיקע גאַס פֿונעם צענטער שטאָט ווו ס'האָט געזאָטן מיט מיסחר. געזען אים אַ פֿאַרשוויצטן בײַם שלעפּן גרויסע לייטערס, קעסעלעך פֿאַרב און קלעפּיקע פּענדזלען אין די קעשענעס, פֿלעגן לײַט אים באַפֿאַלן מיט תּרעומותן:

— וואָס איז די מעשה, פּאַניע ראַווסקי, הלמאי נעמט איר נישט צו אַ לערנייִנגל. אַזוינער קען דאָך אַאַך אַ סך פֿאַרגרינגערן. נעמט אַ מענטש און טוט נישט אַלץ אַליין. קען די וועלט האָבן אַ תּקומה אויב דער מענטש זאָל זיך פֿירן אַזוי ווי איר טוט עס?

— משוגע מטאָרע (מטורף) דאַרף מע זאָן, מ'זאָל זעך גיין פֿאַרדרייען דעם קאָפּ מיט פֿרעמד'ע מענטשן. וואָס אַליין, איז געטראַ'. מיר סווענדזשען די הענט, אויב זיי האָבן נישט צו טוען. כ'זאָל אַזוי לעיבן ווי דאָס איז די הייליקע וואָר מאַאַנע. כ'האָב ליב צו אַרבעטן!

לײַט האָבן שוין געוווּסט אַז דאָס איז דעם חיים־הערשלס אַ תּירוץ און זיי האָבן געלאַכט פֿון זײַן אײַליקן פֿאַנפֿעוואַטן רעדן. אַ משוגענער, — האָבן זיי אים אָפּגעמישפּט. איז חיים־הערשל אַ מאָל געהאַנגען אונטער אַ הויכן פֿענצטער פֿון אַ וויסטאַווע און איבער דעם צוגעפֿעסטיקט אַ שרײַיקע שילד פֿון קאָליריקע שטיקלעך פּרויענוועש, האָט עמעץ אויפֿן קול אים צוגעשריגן:

— היי, פּלאָקנשיסער, וואָס איר זענט! דער גאַנצער הינטן איז דאָך בײַ ענק אויסגעריסן. אָ, אָ, די הויזן! — האָט דער מענטש זיך שוין שטאַרקער צעהילכט.

חיים־הערש האָט דעמאָלט אַ וויג געטאָן מיטן קאָפּ, בכן ער הערט און

אַזוי הענגעדיק אין דער לופֿטן, האָט ער אײַנגעטונקט אַ פּענדזל אין אַ קעסעלע פֿאַרב, וואָס ט׳זיך געבאָמבלט אָן דער לייטער און מיט אַ ראָזמאַך אַ שמיר געטאָן מיט גרינער פֿאַרב אַהין. אַהער און ווײַטער געטאָן ס׳זײַניקע. פֿאַרבײַגייערס, וואָס האָבן גיריק זיך צוגעקוקט צום טשעקאַוון פֿאַרשוין וואָס הענגט אויפֿן משקולת, האָבן געקײַכט פֿון געלעכטער זעענדיק ווי ער האָט זיך פֿאַרפֿליאַסקעט דעם זײַט־מיר־מוחל מיט אַ טומלערישער פֿאַרב:

— ר׳האָט אַראָנגעשטעלט זעך, דער מאַליאַזש, אַ נײַ פֿענצטער נידעריקער פֿון אײַגענעם רוקן. אַ פֿענצטער אַ פֿאַרליאַפּעטס אויף גרין. אַך, אַך! — האָבן נײַגיריקע מענטשן נישט אויפֿגעהערט שטוינען און זיך צוקוקן וואָס דער וואָס טוט אויבן, אין אַ שפּאָרער הייך, איז צופֿרידן וואָס לײַט זעען: זיי האָבן נישט געקענט זיך אײַנשטילן אַנטקעגן דעם אויסטערלישן:

— אַ נאַרישער פּאַיאַץ דער, — האָבן זיי נישט אויפֿגעהערט צו כיכען: ר׳שטעלט פֿיר טרעאַטער אָן בילעטן!

דאָס רויט צי דאָס גרין אויפֿן ברייטלעכן בלינדן שטערן פֿון דעם שילדנמאַכערס הינטן האָט שטוינענדיק געשיקלט צו די קוקערס ווי אַ דמיונותדיק ווילד אויג פֿון אַ נאָך נישט געזעענער חיה. און אסור צי דעם מאַליאַזש איז אָנגעגאַנגען וואָס לײַט גראַגערן אים צופֿוסנס. זאָלן זיי, די לײַדיקגייערס! פֿאַר אים איז עס געווען ווי אַ האַרט פֿאַרבײַקײַקלען זיך פֿון אַ ראָלוואָגן אויף שווערע אײַזערנע רעדער. דעם מאַליאַזש האָט זײַן געטועכץ אין דער לופֿטן יענעם פֿאַר מיטאָג צו אים גאָר ליכטיק געשמייכלט פֿון די פּאָר זלאָטעס וואָס דער קונד האָט אים אַרײַנגעצײַלט אין דער האַנטפֿלאַך. האָט מען אַן אַנדערש מאָל דעם שילדנמאַכער געזאָגט אַז פֿון זײַנע שיך קוקן ווילד אַרויס זײַנע נאַקעטע פּיענטעס, וואָס שפּירן זיך אַ פּנים געענגט אין די צעטשאַפּעטע טרעטערס; דעמאָלט האָט חיים־הערש זיך אַראָפּגעבויגן און אין איין מניה וביה מיט אַ פֿרישע געלע פֿאַרב ווי פֿון אַן איי־געלכל פֿאַרשמירט דעם אַרײַנגעגנבֿעטן נאַקעט פֿון די פּיס. ר׳האָט זיך אַליין אונטערגעמאַליעוועט און אַוועקגעאײַלט. צו מאָל האָט ער זיך נישט אומגעקוקט ווער ס׳האָט אים דערמאָנט אַז ס׳איז נישט שיין צו לאָזן זיך אין גאַס אַרײַן ווי אַ טשאַפּ. בײַ אים איז עס אָבער נישט קיין גרויסער ענין. ווען ר׳גייט נאָר אַרויס פֿון ווערקשטעל האָט ער נישט קיין צײַט. דאָס וואָס קומט אים אונטער דער האַנט, איז גוט, אַבי נישט מפֿסיק צו זײַן אין זײַן גאַנג. אַזאַ איז געוואָרן דער שניט פֿון דעם יונגן שילדנמאַכער. ׳איך בין אַ פּענדזל־שמירער, ׳עלעך נישט גיין זיכן קאַ׳לאַטעס ווען מ׳דאַרף זיי פּלוצעמלבן אַראָנשטעלן״ — — אויף ענטפֿערן

מיט אַ וואָרט מענטשלעך, האָט ער אויך נישט קיין צײַט, כאַם־הערש. כאָטש רעדן, לאָזן זיך הערן, האָט ער דווקא ליב, אַלאַ נישט דעמאָלט ווען ער אײַלט זיך צו נעמען געלט וואָס מ׳דאַרף אים אַרײַנצײלן אין האַנט אַט באַלד. דערפֿאַר איז בײַ אים אויך דעמאָלט — נישט בלויז אין מיטן קריכן אויף די גלײַכע ווענט — זײַן תּיכּפֿדיקער ענטפֿער תּמיד אַ פֿליאַסק מיט דער פֿאַרב איבערן גוואַלדריס אויף די קני צי איבערן אָרט וואָס ס״איז נישט שיין אָנצוטײַטלען דערין מיטן פֿינגער. און עפּעטערס מאַכט דער שילדנמאַכער גוואַלדריסן אין זײַנע הויזן, אין די אַרבל, דער אײַלעוודיקער יונג וואָס קריכט איבער הויכע מויערן, דראַפּעט זיך איבער פֿענצטערס, הענגט אין דער לופֿטן מיט פֿריש געמאַליעוועטע שילדן איבער די קעפּ פֿון הויכע מויערן. חיים־הערשל רײַסט אײַן די וועלט; ר׳וויל אַז די פֿירמע ראַווסקי זאָל אָפּט דערמאָנט ווערן צווישן אַנשי־מעשׂה פֿון דער ריזיקער שטאָט, אין וועלכער ער זעט זיך שוין שטאַרק אָן. אָבער ער וויל זיך נאָך מערער אָנזען.

אַזוי אָ, אַ פֿאַרפֿליאַסקעטער בײַ די פֿריש אויסגעפּאַרטיקטע, קאָלירקע שילדן, וואָס ער׳ט שוין צעהאָנגען איבער אַ האַלבער שטאָט, האָט חיים־הערשל, דער זון פֿון אַלטן, פֿרומען ר׳ יחיאל־משה פֿון ווײַטן דאַבושין, זיך אַרײַנגעאַרבעט אין שטאָט מיט זײַן שאַרפֿן גיר נאָך געלט. דערבײַ איז ער געוואָרן גאָר־גאָר כיטרע. ער האָט זיך אַרומגעשטעלט מיט אַ פּלויט פֿון קמצנות וואָס האָט געזאָלט דערהיטן זײַן אָנגעזאַמלטן אוצר, איבער־וועלכן ער האָט געציטערט. די צנועהדיקע מאַמע האָט דעריבער זיך שוין געקלאָגט פֿאַר אים: כאַם־הערשעלע, האָב רחמנות און זשאַלעווע נישט דעם גראָשן פֿאַר ד׳ער שטוב. קינד מאַאַנס, טו נישט אָן קאַ׳ צרות דעם טאַטן. ווידער היימישע האָבן שוין ביטער געחוזקט:

— ר׳עט זעך אײַנמאַרינירן, דער יונג, מיטן מאַיאָנטעק פֿון דער האָ־רעוואַניע. ער האָט נישט קאַ׳ן הנאה פֿון זאַאַן גרויסן געלט און קיינער וועט פֿון עים נישט קאַ׳ן הנאה האָבן. אַ וואַאַב וועט דען גײַן צו עים? אַ הונט וועט זעך כמען פֿון זאַאַן גיטס.

אָבער דווקא דער כאַם־הערשל האָט זיך דערוואַרט אַ שיין אײדל ווײַב, וועלכע האָט זיך פֿירגענומען פֿון דעם צעטראָגענעם יונג צו מאַכן אַ לײַט. נאָר דאָס איז נישט געווען קיין לײַכטער ביסן פֿאַר אַ בעל־הבתּישער גע־קעכלטער טאָכטער. אַלאַ דאָס איז שוין אַ באַזונדערע טשיקאַווע מעשׂה, וואָס ׳עט כדאַי זײַן אַ מאָל צו לאָזן הערן.

אַ מעשה מיט אַ הינטל

ויהי, עס איז געווען אַ ייִדיש הויז, האָט זיך אין זײַן גורל אַרײַנגע־פּלאָנטערט די דאָליע פון אַ הונט. טאַקל האָט געהייסן דער הונט און טאַקל לאָזט זיך נישט פאַרגעסן פונעם לעצט־איבערגעבליבענעם פון דעם דאָזיקן הויז וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן אין די יאָרן פון דעם גרויסן בראַנד.

הייבט זיך טאַקע אָן די דאָזיקע מעשה: אַ מאָל איז גע־ווען — —

א

עס איז די געשיכטע פון טאַקלען און פון דער קאַלעמוטנער גאַס וווּ עס האָט זיך געוואַלגערט אַ פּיצל הינטעלע און אַ קינד האָט עס אַהיים גענומען; ס׳הייסט, אין זײַן סאַמע אָנהייב איז טאַקל געווען אַ הונט אָן אַ בעל־הבית, אַ באַשעפעניש פון דער וועלטס מטושטשער אומבאַוווּסטקייט.

סאַמע אָרעמקייט האָט אַרויסגעקלאַגט פון דעם הינטלס סקאָמליען. פון עלנט האָט דאָס דערציילט און ס׳האָט פאַרכאַפּט דאָס קינדישע האַרץ. אויך זײַן בעטנדיקער הינטישער בליק האָט געפאַנגען דאָס קינד. ווער עס האָט אים אַזאַ נאָמען געגעבן? טאַקל איז אַ פּנים דער נאָמען פון דער גאַסן־פרעמדקייט אַליין. אויף דער שוועל פון טאַטע־מאַמעס הויז האָט דאָס פאַרבענקטע קינד זיך געהאַט פאַרשפּילט מיט שטיינדלעך־שערבלעך, ווען צו אים האָט גענעענט דאָס פאַרבלאָנדזשעטע באַשעפעניש, אַ קליינס און אַ מילדס. געשפּילט זיך מיט דעם האָט דאָס ייִנגל ווי מיט אַ זאַך וואָס חנדלט זיך מיט אויסטערלישן לעבן. ס׳איז צוגעצויגן געוואָרן דערפון און עס טאַקע אַרײַנגעבראַכט אין זײַן היים. אויך איז אומקלאָר פאַר וואָס דאָס ייִנגעלע האָט שטאַמלדיק עס אַ רוף געטאָן: „טאַקל" — אָבער דאָס באַשעפענישל איז באַלד אים געווען געהאָרכיק, שטיל דעם ייִנגעלע נאָכ־געגאַנגען און אַזוי שוין געבליבן בײַ דעם נאָמען.

„טאַקל, פודזש טו", — האָט דאָס ייִנגעלע דערנאָך מערערע מאָל אַ שמייכל געטאָן צום הינטל, און דאָס האָט קורצפּיסיק, מיט הכנעה זיך אַ לאַנגן שאַר געטאָן אויפן בײַכל און זיך געטוליעט צום מענטשעלע. מחמת דעם זענען דעם ייִנגעלע איבערגעגאַנגען די אויגן פון אומגעריכטער פרייד און אַ פּישטש האָט אַ באַוועג געטאָן זײַן הערצל. „טאַקל, טאַקעלע", —

האָבן זיך דעמאָלט שוין היימלעכער געהויבן דעם ייִנגעלעס ליפּן, זײַן בליק האָט בעת־מעשׂה זיך געעפֿנט מיט זיסקייט. מענדעלע האָט דעם הינטל באַלד צוגעוואָרפֿן אַ ביסן פֿון זײַן ברויט. מענדעלע האָט שוין אַנדערש נישט געקענט ווי זײַן גינציק צום הינטל. דאָס באַשעפֿעניש איז באַשיימפּערלעך דערפֿאַר געווען דאַנקעוודיק און ס׳האָט זיך צוגעקניפּט צום ייִנגעלע. אַזוי זײַנען אַוועק לענגערע טעג און נעכט זינט דאָס ייִנגעלע האָט זיך אָפּגעגעבן מיט דעם הינטל, וואָס האָט כּסדר זיך געטוליעט צום קלייניקן מענטשעלע.

„אוי, ווו איז טאָקל?״ — האָבן שפּעטער מענדעלעס היימישע שוין גענומען זוכן דאָס הינטל, אויב זיי האָבן עס נישט געזען אין שטוב. אויך דעם ייִנגעלעס היימישע האָבן צו ביסלעך זיך צוגעוווינט צו טאָקלען, זיך צוגעבונדן צום מאָדנע דערשראָקענעם און שרעקנדיקן באַשעפֿעניש אויף די קורצע פֿיסלעך. אַפֿילו דער באַרדיקער טאַטע האָט זיך אַ מאָל אַראָפּ־געבויגן דערצו, אַ שעמעוודיקן גלעט געטאָן דאָס הינטל איבער דער פֿעל:

— איי, דו שוטה...

אַזוי אַרום האָט דער הונט געפֿונען אַ היים צווישן די מענטשן.

אַוודאי, עס איז נישט שייך אַז ס׳זאָל זיך דערציילן פֿון אַ הונט און אַ מענטש זאָל נישט זײַן דערבײַ. אַ הונט איז סתּם אַזאַ טיף עלנט באַשעפֿעניש וואָס קען נישט אויסקומען אָן דעם מענטש, וועלכער ווייסט נישט אין תּוך דעם זין צי דעם אומזין פֿון דעם גרויסן עלנט, פֿון וואָס עס איז אויפֿגעקומען דאָס לעבן. צו מאָל שלעפּט דער הונט זיך נאָך דעם מענטש, עפּעטערס איז דער מענטש צוגעבונדן צום הונט. ער ווערט אים אַ פֿרײַנד.

מיטן הינטל טאָקל איז עס געווען אַזוי. ער האָט אין תּחילת זיך צוגעטשעפּעט צו די מענטשן פֿון דער ענגער שטוב, דערנאָך זענען די קלוגע און מיושבֿע שוין געוואָרן צוגעבונדן צו דעם הינטל.

איז קודם כּל וועגן די מענטשן וואָס צו זיי האָט זיך באַהאָפֿטן אונדזער הונט און בײַנאַנד זענען זיי געוואָרן ווי איינס מיט אים און זײַן היג־טישער דאָליע.

ב

עס איז די רייד פֿון דער מישפּחה קאָרמאַן: טאַטע־מאַמע און קינדער. אָן עין־הרע אַ שטוב מיט קינדער. אין איינציקע פֿיר ווענט, פּראָסט־געקאַלעכטע פֿיר ווענט מיט צוויי פֿענצטער אין אַ ליק אַרײַן איז געווען די באַוווינונג פֿון דעם געזינדל. אַ שטוב פֿול מיט הילצערנע בעטן, מיט

אַ קליינעם געשויערטן פּראָסטן טיש און מיט גראָבע בעלקעס וואָס שפּאַרן אַרויס פֿון דער נידעריקער סטעליע. אין שטוב איז דער חלל געווען ענג פֿאַרן טאָגליכט וואָס האָט אַרײַנגעדרונגען דורך די צעשטיקלטע שויבן פֿון די פֿענצטער. פֿאַר דאָס איז מער גערוים געווען פֿאַרן חלום וואָס האָט אַהין צו אַרײַנגעגינגאָלדיקט, דער חלום מיט דעם ווײַט־ווײַטן, שטיינרײַכן אַמעריקע, פֿון וואַנען עס קלײַבט און קלײַבט זיך שוין לאַנג צו זיי די מומע פריווע. שוין לאַנג האָט זי געלאָזן פֿאַלן אַ וואָרט דערפֿון: זי'ט מאַכן אַ לוסטרײַזע אין דער אַלטער היים אַרײַן, האָט זי געשריבן. „באַ־נעמסט, רעלע? אַ לוסטרײַזע פֿון אַזאַ ווײַטער מדינה. צו פֿאָרן איבערן ים. אויף שיפֿן און באַנען, האַ־האַ!" — אַזוי האָט אין הזפּעלות פּלוצלינג זיך אַרויסגעכאַפּט מיט זײַן חלום, דער קאָפּ פֿון הויזגעזינד.

— פשש, פששש, אַ בילע וועד, מיינסטע איז אינדזער פריווע? — האָט רעלע אַ שײַנענדיקע געענטפֿערט דעם מאַן. — זי איז שטאַרק קלוג און מלא־חן; נישט אומזיסט האָט זי געקריגן אַזאַ וואַזשנעם מאַן, די מומע פריווע ענקערע, — האָט די פֿרוי זיך שוין געגרייסט פֿאַר דער גאַנצער שטוב מיט איר אַמעריקאַנער שוועסטער. סוף־כּל־סוף וועט זי נאָך אַלעמען דערפֿרייען און אפֿשר אויך אינדז באַגליקן. אַ גיטע איז זי געווען שטענ־דיק אינדזער פריווע. און דער דאָזיקער געדאַנק האָט זיך שוין שטילינ־קערהייט צעפּאַכלט ווי אַ פֿאַווע וואָס איז זיך קלאָר אויפֿן שטאָלץ מיט איר פֿילקאָליריקן עק. דערנאָך פֿלעגט שוין דאָס גאַנצע מישפּחהלע קינדיש זיך צעחלומען אויף דער וואָר:

„אַן אמתער יום־טובֿ וועט אַרײַנקומען אין שטוב פֿון דער האַרציקער אַמעריקאַנער פריווע דרייזין, וואָס איר מאַן איז אַ סענדזשע, אַ גרויסער ריכטער אין קליוולאַנד, ווי מ'רופֿט פריוועס שטאָט. פֿון איר גוטקייט איז נישט אויפֿצוהערן צו פֿאַרציילן. ס'האַרץ זאָגט מיר, אַז די זון וועט אָנ־דערש אַרײַנשײַנען צו אונדז אין סאַמע קרירהדיקן ווינטער. שוואַרץ־בליש־טשנדיקע קוילן וואָס מאַכן פֿריילעך אין שטוב וועלן מער נישט פֿאַרפֿעלן אין קאַמער, ווען אין דרויסן ליגט די קרירה אַ פֿאַרקאָרטשעטע פֿון פחד אַז אַ שניי־זאַווערוכע וועט אָט ,אָט זי באַפֿאַלן מיט איר שאַרפֿן כּוח. אַז פריווע וועט נאָר אויסשטרעקן צו אינדז אַ פֿינגער, וועט די קעלט שוין נישט האָבן די חוצפּה צו שטעכן אונטער די נעגל און ברויט וועט זײַן צו דער זעט און אַ גאַנדז וועט די מאַמע אָפּטון אויף פּסחדיק שמאַלץ; אַ געשטאָפּטע גאַנדז און גריוון וועלן זײַן געשמאַקע, פֿעטע גריוון — האָט אויך ס'קליינוואַרג זיך אָנגעהאָנגען אין די פֿליגל פֿון טרוים. דערווײַל האָבן זיך געשלעפּט די יאָרן; מ'האָט זיך צוגעוווינט צום נבֿזהדיקן דחקות

וואָס האָט פֿון הונגער אָפֿט געמאַכט גרימען די געדערעם און אַנטקעגן מענטשן פֿאַרגאָסן ס׳פּנים פֿאַר חרפּה.

אַוודאי זענען פֿאַראַן זאַכן וואָס ברענגען דעם אָרעמאַן צו טיפֿער בושה. אין דער אַ שטוב האָט דאָס געטראָפֿן אַ סך מאָל. נישט געווען פֿאַר וואָס אַרײַנצוברענגען דאָס בידנע ביסל חיונה אין משך פֿון לענגערע חדשים. מען האָט דעמאָלט נעבעך בכּבֿודיק אונטערגעהונגערט. די מומע פֿון אַמעריקע האָט אומזיסט געלאָזט אויסקוקן אויף אירס אַ בריוו און ס׳האָבן אַלץ זיך נישט געוויזן די פֿול־אָנגעסטעמפּלטע קאָנווערטן מיטן שמאָלן, גרינעם קנאַקנדיקן פּאַפּירל, וואָס האָט איטלעך מאָל אַרײַנגע־בראַכט אַ חיות אין שטוב. זענען אָנגעקומען די פֿאַר דאָלער, האָבן אויפֿ־געטײַעט אַלע שווערע דאגות. טאַטע־מאַמע האָבן אויפֿגעלעבט, ניבעטאָ אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די לאַסט פֿון פ ר י ע ר ע ל ט ע ר. זיי האָבן אָנגעהויבן לײַכטער שפּאַנען איבער דער שטוב און די קינדער האָבן זיך דערפֿרייט מיט דער אומבאַשטימטער גרויסער פֿרײַקייט פֿון פֿייגל ערבֿ־פּלי: זייער האַפֿערדיק רעדן, די געלעכטעלעך זענען געווען אַזאַ מין טשיריקען: אַפֿילו אַ ליכטיקער טומל מיט אַ כאַכאָטשען האָט זיך פֿון זיי געטראָגן מיט נײַקייט אין קול, וואָס לאָזט זיך דערקענען מיט גאָר אַן אַנדער פּנים.

צום אומגליק האָט די מומע פֿריווע נישט זעלטן פֿאַרגעסן אָן דער פֿאַרזינקענער אַלטער היים ווו עס דעכעט קוים איר שוועסטער רעלע, וועלכע האָט נישט אויפֿגעהערט אַרויסצוקוקן אויף דעם בריווטרעגער. אַרויסגעקוקט אויף אים און דאָך זיך געטרייסט מיט האַרץ־חלשות:

„לאָמיר נישט זינדיקן. פֿאַראַן מענטשן וואָס זײַ איז אַ קאַפּעלע ער־גער. מ׳מוז זיך אַ קנײַפּ טאָן אין באַק״ — — אין דער אומאויפֿהעריקער האָפֿענונג אויף דער אַמעריקאַנער שוועסטער האָט זי אַפֿילו געזען מער אָרעמע שטובן און געבעטן די קינדער צו האָבן נאָך אַ ביסעלע געדולד צום מוטשנדיקן דלות, אויך צו די שטאַרק אויסגעריבענע קליידער און די צעלאַכצטע שיך.

דער פֿאָטער ווידער האָט אָן אויפֿהער זיך געיאָגט נאָך אַ שטיקל אַרבעט, וואָס איז ווינטערצײַט סתם ערגעץ אײַנגעפֿרוירן. ווי געווינט צו דאַווענען דרײַ מאָל אַ טאָג, האָט ער נישט אויפֿגעהערט קרעכצן: „פֿאַר־שלאָסן די וועלט! הײַנט איז אַ גרויסער נסיון פֿאַר יעדן יגיע־כּפּימניק אַרויסצושלאָגן די מאַלצײַט. עפּעס אַ קלייניקייט — אַ ז ע ל כ ע נ ע צ ײַ ט ן ! ?״ און די זעלכענע צײַטן ציִען זיך אָן אויסלאָז. האָט דאָך זיך נישט געוויזן דער גילדן פּרנסה, האָט דער טאַטע זיך „געגעבן דאָס

פּנים צו וואַשן״, בײַ קבצנים געלײַען דאָ אַ זעקסער, דאָ אַ צענער, אַבי דורכצושטופּן די טעג. פּשוט אָפּצוגענאַרן דעם מאָגן מיט אַ ליאַדע קײַ. האָט נישט געקלעקט אויף שבת־צו־מאַכן האָט זײַן באַרגן זיך אַ פּאָר פּאַים געהייסן אַז ער „באַרגט עס דעם רבונו של עולם״. מיט גאָטס הילעף וועט קומען אַן אומגעריכט פֿאַרדינסטל און ס׳וועט זײַן אָפּצוגעבן. פֿון איר זײַט האָט די מוטער תּמיד געטראָגן אויף זיך דעם עול צו צעשפּאַלטן דעם גראָשן אַז עס זאָל סטײַען אויף שפּײַז דאָס נעבעכדיקע פֿאַרדינסט פֿון דער זלידנער מלאכה. אַ רימער געווען דער פֿאָטער. כאָמעטעס, שאָרעס, שלייקעס און לייצעס זענען די זאַכן צו וועלכע זײַנע הענט האָבן זיך אײַנגעניט פֿון די ייִנגסטע יאָרן אָן. פֿון האַרטן לעדער האָט ער זיי געניט און געקלאַפּט, געשטאָפּט מיט שערעך און באַלעגאַלעס און פּויערים זענען געווען זײַנע קונים. מיט זשלויב, מיט פֿערד און צעווינטיקטן שליאַך איז געוואָרן דורכגענומען יעדער זלאָטי וואָס איז געקומען אין שטוב אַרײַן. אויך דאָס איז גאָר נישט לײַכט אָנגעקומען, ווײַל ערלעך איז שווערלעך, — האָט די בעל־הביתטע רעלע ביטערלעך געגראַמט איר טראַכטן פֿון דער פּרנסה, וואָס אַפֿילו אַזאַ איז גאָר נישט לײַכט אָנגעקומען.

ג

בײַם „סאַמע גילדענעם גוטן״, ווען ס׳האָט זיך געדליביעט בײַם רי־מערײַ, איז אויך נישט געווען איבעריק פֿריילעך אין שטוב. תּמיד האָט „געפּעלט אַ קנעפּל צום לעכל״. אַלע מאָל איז געווען שווער אויסצוקומען מיט דער הוצאה. רעלע די רימערקע האָט טאַקע אָפֿט געלאָזט הערן איר זיפֿץ, בכן פֿון בעסטן כאָמעט קען אַפֿילו אַ ביסקופּ נישט אַרויסשלאָגן קאַ׳ גאָלדענע רענדלעך, וועלכע ער האָט נייטיק. אַזוי האָט די ייִדענע געשלעפּט אויף זיך דעם יאָך פֿאַרן פּאַסנעם אויסקומעניש וואָס די שטוב מוז האָבן.

„עים טריקנט נעבעך אויס דער מוח בײַ דער האַרעוואַניע — האָט זי מיט גינציקייט געטראַכט פֿונעם מאַנס מלאכה. — ר׳איז אַן אָרנטלעכער ייִד, ר׳קען זיך אָבער נישט מער העלפֿן. ר׳טוט אַלץ בעסער ווי מ׳באַדאַרף. קומט אַראָן אַ קונד איז ער צו עים פֿראַנדלעך, מיט דרך־ארץ וואַרפֿט ער עים נאָך צו אַ ליבלעך וואָרט. וואָס קען מער טון אַ בעל־מלאכה וואָס מוז לעבן פֿון דער האַנט צום מויל? אויף עפּעס מער ווי וואַסער אויף קאַשע סטאַרטשעט נישט!״

איז אָבער געקומען דער ביטערער ווינטער מיט די קרירהס, די

וועלט איז אײַנגעגליווערט געוואָרן, איז אין שטוב בײַ הלל רימער געוואָרן סכּנות מיטן ביסל „פּאַפּע". ס'איז נישט געווען וואָס צו לייגן אין טעפּל אַרײַן. דעמאָלט האָט זיך געלאָזט שפּירן דאָס דחקות און דאָס „צוגעקומענע מויל" — פֿון הינטל — האָט שטאַרק געאַרט דער מוטער פֿון הויזגעזינד. ווען זי'ט געטיילט די פּאַרציעס עסן, האָט זי מיט האַרצוויטיק צוגעזען ווי דאָס קליינע מענדעלע שפּאָרט אָפּ פֿון זײַן מויל און פּאַשעט טאַקלען, וואָס לייגט זיך תּמיד בײַם ייִנגלס פֿיס בעת ער זעצט זיך צום טיש „אָפּ־קומען אַ מאָלצײַט". איטלעך מאָל האָט ער דעם הונט שטילינקערהייט צוגעוואָרפֿן אַ ביסן.

— ווי איז מיר, וואָס דאָ טוט זיך, — האָט די מוטער מיט אַ מאָל אויסגעבראָכן מיט תּרעומות צו מענדעלען — זע וואָס פֿאַראַ פּנים דאָס האָט זיך אָנגעטועןן! אַליין עסט ער נישט וואָס כ'האָב קוים געקענט דקרי־מע־דעקראַצן אַז ס'זאָל זאַן אַ זעטיווטיקע מאָלצײַט, האָט דאָס נאַרישע ייִנגל נאָך אַרײַנגעשלעפּט אַן איבעריק הונגעריק מויל. נישט גענוג וואָס ער האָט אַ האַלב לידיקן טעלער, גיט ער נאָך דעם הונט דערפֿון. ווי וואַאַט קען אַזוינס דערפֿירן? מ'קען זעך חלילה אַזויערנאָך אַליין אַוועק־הרגענען; דאָס טראַכט נישט דערפֿון, דער נאַרישער קאָפּ!

— מאַמע, איך הרגע זעך נישט אַוועק — האָט מענדעלע געוואָלט באַרויִקן די מוטער. — איך גיב עים נאָר אַ דושעבלע. אָסור, צי מיר פּעלט עס צו, און אַ נאַריש באַשעפֿעניש פֿאַרשטייט נישט אַנדערש, אַז ווען מ'גייט עסן, דאַרף מען עים אויכעט עפּעס געבן.

— געראַכט, מאַמע, — האָט דער חכמעדיקער וועלוועלע שעמעוודיק געענטפֿערט און אַליין הויך זיך צעכאַכעט פֿון זײַן לצנות — וואָס, אַליין זאָל ער זעך אָנפּרעסן? ס'איז פּשוט נישט שיין פֿון אַ בעל־הבית פֿון אַ הונט מיט לאַנגע אויערן. דאַרפֿסט זען ווי וואַזשנע מענדעלע זעט אויס צווישן מענטשן ווען ער באַווײַזט זעך פֿאַר זיי מיטן הונט! טאַקל איז שוין אַ באַוווסטע פֿירמע אין אונדזער געגנט, — האָט זיך אויך געחכמעט איבערן קלענערן ברידערל דער גרעסערער שאול.

— ס'אי' מיר גיט צוגעקומען אויף דער עלטער, — האָט די מוטער זיך שוין צעקלאָגט פֿאַר די ייִנגלעך. — נישט ווינציק איז מיר ס'קאָפּ־ברעכעניש פֿאַר אַ שטוב מאַנסלײַט אין אַזאַ צרהדיקער צאַאַט, איז מיר נאָך באַשערט געוואָרן צו האָבן דאַגות פֿאַר אַ הונט. ווער האָט'ס געהערט, אַז אַ בעל־הבתּישע שטוב זאָל זעך ניאַנטשען מיט הינט? עס איז אַ חרפּה און אַ ווייטיק וואָס אַן אייגן קינד האָט דאָ אײַנגעפֿירט. כּלבים אין אַ ייִדישער שטוב?

— ביסט זעך טועה, מאַמע. ס'איז נישט קאַ' כּלבֿים, נאָר קוים אַ קליין כּלבֿל מיט קורצע קרומע פֿיסלעך.

— אַ נפֿקא מינה מיער סאָרא כּלבֿ, אַבי אַ שטיק יחוס איז מיער צוגעוואַקסן צום אַפּצאָס, — האָט די רימערקע אָפּגעהאַקט דעם שמועס און געצרהט אויף דעם עול וואָס דער הונטסוואָל, דאָס מענדעלע, האָט אַנ־געבראַכט אויף איר קאָפּ. הלל, דער קאָפּ פֿון שטוב, האָט זיך אַרויסגע־מאַכט פֿון דעם געשמועס צווישן דער מאַמע מיט די קינדער. ער'ט עס נישט געקענט צוהערן. ר'האָט געגנוג קאָפּשוואַכעניש אָן דעם הונט — האָט ער געקלערט בײַם אַרויסגיין פֿון שטוב.

מענדעלע האָט זיך אָבער געהאַלטן בײַ ס'זײַניקע. ווען אין שטוב איז געווען „נײַן גילדן אַ פֿונט חמץ", האָט ער אין מיטן טאָג זיך אַרויסגע־שאַרט פֿון חדר און איז מיט זײַן פֿרײַנד, דעם הונט טאַקל, אַוועק אין דער קצבֿישער האַלע. דאָרט האָט מען אים באַגעגנט ווי אַן אָנגעלייגטן גאַסט, און דאָס אין זכות פֿון טאַקלען. די יאַטקע־יונגען האָבן זיך אַראָפּ־געבויזן צום שיינעם הינטל, אים געגלעט די פֿעל, באַטראַכט די מאַשטש, געשאַצט די איידעלע ראַסע פֿון יונגן הינטל און טאַקע צוגעטיילט דעם הינטישן גאַסט נישקשהדיקע שטיקלעך פֿלייש. אַפֿילו צוגעזוכט פֿאַר טאַק־לען ווייכע פֿליישן. היות די התחלה איז געווען אַ געראָטענע, איז מענ־דעלע עפּטערס געווען דער „קונה" פֿון דער פֿליישהאַלע, ווו די קצבֿים האָבן טאַקלען פֿײַן מקבל־פּנים געווען. דאָס הינטל איז אַזוי אַרום געוואָרן אַ פֿליישעסער, האָט גענומען אויף זיך מער גוף און שוין ווינציקער געווען להוט די פּאָסנע ביסנס וואָס דעם רימערס שטוב האָט אים געקאָנט געבן. ממילא איז צו ביסלעך אײַנגעשטילט געוואָרן די גראַטשקע אַרום דעם „איבעריקן הונגעריקן מויל", דעם אַרונטערגעוואָרפֿענעם ביסן פֿון מענ־דעלען. אלא מענדעלע האָט סײַ ווי נישט אויפֿגעהערט שעפּן נחת פֿון טאַקלען. מיט צופֿרידנקייט האָט ער אויך צוגעזען ווי די שטוביקע וואָרפֿן זיך שוין נישט אַזוי מיטן כּלבֿ ווי מיט אַן איבעריקן פֿרעסער. פֿאַרן יינגעלע איז עס געווען אַ טאָפּלט גליק, ווײַל אין דער היים האָט מע נישט געוווּסט וועגן זײַנע שפּאַצירן מיט טאַקלען אין דער קצבֿישער האַלע ווו אַ שטיק פֿליישאָפּפֿאַל פֿאַר אַ הינטל איז נישט קיין האַרבער ביסן. פֿאַרקערט, דאָס באַוויזן זיך מענדעלעס מיטן הינטל האָט בײַ די קצבֿישע לײַט אַרויסגע־רופֿן אַ שטיקל גדולה, עלעהיי זיי קענען פֿאַרטרײַבן די פֿריקרעקייט וואָס די ביטערע צײַט האָט אויך זיי גורם געווען: וואָרן וואָס אַ מאָל האָבן זיך געזען ווינציקער קונים אויסצושמעקן אַ וואָלוועלן חלק פֿליישיקס, באַדאַי

אַ גראַשל, אַ פֿריש געהירן, אַבי די מאַלצײַט בײַם טיש זאָל נישט זײַן אין גאַנצן פּאַסנע.

בײַ הלל רימער זענען על־פּי רובֿ די מאַלצײַטן אויסגעפֿאַלן גאָר מאַגערע, אָן אַ פּיצל פֿליישיקס. כאָטש אויף צו באַטעמען דעם לעפֿל געקעכטס.

ד

אַן אָרנטלעך פֿאַרפּראַצעוועט לעבן איז געווען בײַ די קאָרמאַנס, אָבער תּמיד אין געענגטקייט. מיט קוים אַ טראָפּן פֿרייד זענען אויך אויסגעכאָוועט געוואָרן די קינדער וואָס זענען אונטערגעקומען. איידער איינס איז אַרויס־געשלעפּט געוואָרן פֿון דער בלאָטע, ס׳איז למזל אונטערגעוואַקסן, אויפֿ־גערופֿן געוואָרן צו דער ספֿר־תּורה, באַשאָטן מיט ראַזשינקעס און טערקישע ניס, האָט ס׳אַנדערע לאַ־עלינו געקרענקט; האָט אַ קינד זיך באַוויזן מיט אַ שאַרף קעפּל, האָט אַ צווייטס זיך פֿאַרקוקט אויף אַ שלעכטן חבֿר און בשום־אופֿן נישט געוואָלט גיין אין די רעכטפֿאַרטיקע וועגן וואָס טאַטע־מאַמע האָבן אין זיך שטיל אָנגעצייכנט. אין סך־הכּל איז אין שטוב קיין מאָל נישט געווען קיין איבעריק גוטס. דערצו זענען נאָך אָנגעשטאַנען יאָרן, וואָס אַלע האָבן זיי באַוויינט. אָוו־טאָווע — דאָס לעבן האָט נישט צוגעשפּילט דער מישפּחה פֿון הלל רימער. אַלע זענען זיי געבליבן „גע־מיינע לײַט“ אָן פּרנסה, אָפּט שפּילטער־באָרוועס, אָבער דער פֿיר זייערער איז געווען אַ צוריקגעהאַלטענער. די אבֿיונישקייט האָט מען באַהאַלטן אונטערן שטערצל.

— אַלץ איז אַ מזל־זאַך, סײַ ס׳גוטע סײַ ס׳שלעכטע, וואָס מ׳זאָל נישט געפּרווט ווערן דערמיט — האָט געטענהט הלל רימער וואָס איז געווען אַ ייִד מיט יידן צו גלײַך: אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע ווי ס׳איז געווען דער מינהג ההלבשה צווישן די פֿרומע לײַט פֿון טאַטע־מאַמעס גזע אין די שטעט וואָס ליגן פֿאַרוויעט מיט די שטויבן פֿון בלײַכנדיקן געדעכעניש. אויפֿן קאָפּ האָט ער געטראָגן אַ קליין שוואַרץ טוכן היטל מיט אַ דאַשעק און זײַן פּנים איז געווען אײַנגערעמט אין אַ לענגלעכער, פֿאַרטראַכטער געלבלעכער באָרד. דעם געלאָסענעם טראָט האָט ער געשטעלט אין בעל־הבתּישע קאַמאַשן מיט כאַלעווקעס אין ברייטע גומענע אײַנזאַצן. הלל קאָרמאַן האָט זיך נוהג געווען ווי זײַנע אבֿות־אבֿותיו: מיט דער עניוות פֿון די לײַט וואָס געדענקען שטענדיק אַז ס׳פֿאַראַן אַ גאָט אין הימל און פֿאַר זײַנע געבאָטן דאַרף מע זיך פֿאַרכטן. און סתּם — אַ מענטש איז

נישט מער ווי אַ זעמדל אויף דער ערד. נישטאָ מיט וואָס זיך גרויסצוהאַלטן. פֿון אייביק אָן געווען אַ ייִדישלעכע היים. און אויך ייִדישלעך איז געווען דאָס טראַכטן. „איך בין נישט קליגער פֿון מײַן טאַטן עליו השלום“, פֿלעגט טענהן הלל רימער און דאָס געלאָזט וויסן זײַנע קינדער. — און איך בין נישט שענער און האָב נישט קאָ׳ בעסערן קאָפּ פֿון מײַן מאַמען, אַ ליכטיקען גן־עדן איר; און נישט פֿרימער פֿון דער באָבע זכותה יגן עלינו. ווי געפֿירט זיך אַמאָל, אַזוי באַדאַרף מע זיך פֿירן הײַנט, חלילה נישט ערגער, צו בעסער האָט נישט קיין שיעור, — האָט רעלע די מאַמע פֿון מאָל צו מאָל געקלערט אויף אַ קול אַז די קינדער זאָלן דערפֿון עפּעס אָפּלערנען. זי׳ט נאָך צוגעגעבן:

— געדענקטס, נישט קאָ׳ שפּרונג אַריבער און נישט קאָ׳ היפּ אַרונטער. ס׳אָן אויסגעפּרוווטער דרך, נישט חלילה צו שטרויכלען דעם שריט וואָס מ׳גיט. ייִדן זענען נישקשה אויסגעפּרוווט פֿון שלעק און צרות.

— נישקשה, מ׳עט דאָנזשען[1]. אַלץ איז אָנגעגרייט נאָך פֿון נעכטן און אייערנעכטן, — האָט אָפּט איבערגעחזרט דער טאַטע הלל און געטוען זײַן טועכץ טאָג איין, טאָג־אויס. און דאָס ענגעניש ווי אַ באַשערטקייט איז אים געוואָרן ליב.

ה

פֿון דעסטוועגן, אַז מענדעלע, דער ייִנגסטער, האָט אין שטוב אַרײַנגעפֿירט דאָס הינטל, האָט מע זיך צוגעוווינט אויך צו דעם. ווײַל ס׳איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה. אַ קרענקלעך קינד געווען מענדעלע, האָט ער זיך פֿאַרקײַכט אַלע מאָל ווען מ׳האָט געפּרוווט אַרויסטרײַבן דאָס קרומפֿיסיקע, הכנעהדיקע באַשעפֿעניש מיט דער ברוינגעפֿלעקטער, ווײַסער פֿעל. דערהערט מענדעלעס געוויין, איז דאָס הינטל גיך פֿאַרקראָכן אין דער פֿינצטערער טיפֿקייט פֿון אונטערן בעט. דאָס הינטל האָט דעמאָלט געצאַפּלט פֿאַר אַן עוולה וואָס גייט אויף אים, אַזש עס האָט אויפֿגעהערט עטעמען. דאָס באַשעפֿעניש האָט בעת־מעשׂה זיך געוואָרפֿן פֿון שרעק פֿאַרן בייז וואָס עס קומט אויף אים. איז קראַנטער מע זאָל עס נישט דערהערן; זאָל נאָר אים נישט דערגרייכן דער דראָענדיקער צאָרן פֿון די צווייפֿיסיקע. אויך דאָס ייִנגעלע האָט מיט הענט און פֿיס זיך געוואָרפֿן, ס׳האָט געוויינט און געשריגן, געקלאָגט זיך אויפֿן צאָרן וואָס האָט אים באַגעגנט. סוף־סוף

[1]) באַוויזן אָנצוקומען אין צײַט (אַ פּאָלאָניזם).

האָט דאָס ייִנגעלע אײַנגעהאַלטן טאַקלען אין שטוב. מענדעלעס עקשנות און מענדעלעס טרערן האָבן אויסגעפּועלט אַ ברעקל אָרט פֿאַרן הינטל. עסן האָט ער פֿאַר דעם אויסגעטײלט פֿון זײַן אײגן מויל אַוועק; מענדעלע האָט טאַקלען אַלע מאָל אַרונטערגעוואָרפֿן אונטערן טיש אַ בראָק פֿון דער מאָלצײַט. ווו מענדעלע איז געגאַנגען, איז טאַקל מיטגעגאַנגען — שטיל, מע מעג זאָגן, פֿאַרבענקט, אַפֿילו דאַנקעוודיק, מיט פֿײַכטע, גוטע אויגן. ווו דאָס ייִנגל האָט זיך געזעצט, האָט טאַקל זיך אַראָפּגעלאָזט נעבן אים, כאַטש מאַך זיך אַ פּיסנבענקעלע פֿון זײַן יונג, ציטעריק לײַב. דאָס ייִנגעלע האָט דערשפּירט די שטומע געטרײַשאַפֿט פֿון דעם הינטל און ר׳האָט זיך ממש צוגעבונדן צו דעם גוטן באַשעפֿעניש. אָבער טאַטע־מאַמע האָבן נישט געקענט צוזען די אַ גרויסע „חבֿרשאַפֿט“ פֿון זײער ייִנגעלע מיטן הינטל.

— מענדעלע ׳עט חלילה זיך פּטרן צוליבן הונט. ר׳עט אויפֿהערן צו פֿאַרנעמען וואָס מ׳לערנט אין חדר. טאַטע־מאַמע האָבן נישט אויפֿגעהערט זיך בעטן בײַם ייִנגל: „לאָז אָפּ דעם הונט, וועסט קריגן אַ פֿאַרשטאָפּטן קאָפּ“, אָבער מענדעלע האָט עס נישט געהערט. פֿאָטער און מוטער האָבן זיך צוגעקוקט צו דער חבֿרשאַפֿט פֿון דעם זונדעלע מיטן הונט, האָבן געזיפֿצט און דערנאָך שוין טרויעריק געשמײכלט: „אַ קינד אַ נאַר!“ שפּעטער האָבן זײ אין שווערן אומעט שוין געמוזט צוזען וואָס אויך די אַנדערע קינדער זײערע ווערן שמעלקע מיטן באַשעפֿעניש וואָס וואַקסט קנאַפּ און האָט אַראָפּגעלאָזענע לאַפּן־אויערן און קורצע לאַפּקעס. טאַטע־מאַמע האָבן אויך שוין צוגעזען ווי די אַנדערע ייִנגלעך זײערע זאָרגן זיך אויך שוין פֿאַרן הונט ווי פֿאַר זײערס גלײַכן.

טײל מאָל האָבן טאַטע־מאַמע שוין זיך „אָפּגעריסן“ אויף די אַנדערע אונטערגעוואַקסענע קינדער, הלמאי דער הונט נעמט זײ אַוועק דעם גע־דאַנק פֿון אַל דאָס תּכליתדיקע:

— אויך דו, וועלוועלע?! ווײַז מיר נאָך אַ ייִנגל אין ענקערע יאָרן, וואָס זאָל זײַן פֿאַרשפּילט מיט אַזאַלכענע פּוסטע זאַכן. אַ טריפֿה פּירעכץ — הינט!

— אַ שאָד יעדער קלאַפּ וואָס פֿאַלט דערנעבן! — האָט די מוטער שוין אין צאָרן צוגעבראַקט איר האַרצווייטיק וואָס איר איז צוגעקומען צוליבן הונט, און זי׳ט באַלד זיך געבעטן בײַ די זינדלעך:

— האָרכטס דעם טאַטן, וועט ענק וווּל זאַן די וועלט. דער טאַטע איז דען ענק אַ שונא, די מאַמע איז ענק פֿאַלש? גולמס וואָס עץ זענט! מענדעלע, זאָגט עץ, גיט מען אַלץ נאָך? האָט׳ס נישט קאַ׳ גרויסע אויגן אויף עים. אַקעגן ענק איז ער נאָך אַ פּיצל קינד. ער וועט אונטערוואַקסן

ווי עץ, אָנעהאָרע, וועט ער אויך זיך נישט אָפּגעבן מיט אַזאָלכענע נאַריש־קייטן. דער עיקר: זאָל דער יינגסטער ברודער זען ווי די גרעסערע פירן זיך אויף ווי מענטשן.

די עלטערע יינגלעך האָבן אַראָפּגעבויגן די קעפּ, געשפּירט אַ חרטה אויפן שלעכטן פירעכץ זייערן. נאָר אַז עס איז געקומען דערצו, האָבן זיי ווידער געקלעפּט אָנעם הונט צו גלייך מיט מענדעלען. און דעם קלענסטן האָט מען ממילא נישט געקענט אָפּרייסן פון דעם באַשעפעניש. איז אָבער פון ס׳נייַ אויסגעבראָכן דעם טאַטנס רוגזה צוליבן הונט, דער מאַמעס כעס האָט זיך אויך אָנגעצונדן מיט געשריי און טרערן, האָבן זיי זיך אַלע, דאָס קליינוואַרג (אַחוץ מענדעלען) אָפּגעטראָגן פון שטוב אַרויס. דעם געוואַלד האָבן זיי געלאָזן אויג־אויף־אויג מיט מענדעלען און מיטן דערשראָקענעם הינטל אַנטקעגן טאַטע־מאַמען. אָבער טאָקל איז בעת אַזאַ גראַטשקע איטלעך מאָל אַרונטערגעקראָכן טיף אונטערן בעט.

— ס׳איז אַ מיגל צו קוקן אויף אַזאַ ברודיקער זאַך! — האָט די מוטער מיט אַ מאָל דערווישט דאָס מעמד וואָס דאָס באַשעפעניש מאַכט אַן אין שטוב. זי׳ט זיך אָפּגעשאָקלט פונעם חיהלע וואָס האָט אין אירע אויגן אויסגעזען אומציכטיק. איר האָבן זיך בשעת־מעשה געאָנט כלערליי שלעק וואָס אַזאַ שמוציקייט קען, חלילה, ברענגען אויפן הויז.

— איך וועל עס מער נישט אויסהאַלטן, — האָט זי ביי נייַס זיך צעשריגן און ר׳ הלל האָט צום מעסטל עגמת־נפש נאָך צוגעוואָרפן דאָס גאַנצע זאַליץ פון זיין שווערן ערנסט:

— ווו האָסטו געזען אַז אַ יידיש קינד זאָל זעך פירן אַזוי גויִיש? ווו האָבן זיי אַזוינס צוגעזען! ווו לערנט זעך עס אויס אַזוינס? — אַ כלבֿ אַריינגענומען אין שטוב? באמנות, ס׳איז מיר אַ חרפה!

דער טאַטע האָט מיט אַ מאָל העפטיק זיך אָוועקגעשטעלט פאַרן קליי־נעם מענדעלע און געשמיסן אים מיט אַ פולן מוסר:

— אַן אָרטשיק[2] וועט דאָס אויסוואַקסן! — און געקוקט דאַ אויפן הינטל, דאָ אויפן זונדל, קרום פאַרצויגן אַ מינע איבערן גאַנצן פנים אַזוי אַז עס האָט אויסגעזען לויטער נאַז, נאַז מיט אַ באָרד וואָס קען זיך רעכט אָפּבייזערן. אַזוי אַ קוקנדיק האָט דער פאָטער זיך פאַרמאָסטן מיטן פוס אַ שטויס טאָן דעם הונט, וואָס האָט זיך תיכף צונויפגעקאָרטשעט פונעם מיטאַמאָליקן טומל אין שטוב:

— אַ פודזשאָס, דו כלבֿ! אַ יידיש יינגעלע איז דיר נישט קיין חבֿר.

---

[2]) אַן אָנצוהערעניש אויף אַ בעל־עגלה.

גערױנצט פֿון דאַנען, — און ר׳האָט זיך אױפֿגעהױבן דעם הונט שױן אַרױסצוטרײַבן.

דאָס הינטל האָט אַ האַרצרײַסנדיקן סקאָװוטשע געטאָן. ס׳איז געװען נאָר אַזאַ פֿאָרגעפֿיל פֿון אַ שאַרפֿן װײטיק װאָס דער צאָרן־שטױס קען גורם זײַן. דאָס באַשעפֿעניש האָט זיך צונױפֿגעקנױלט. בײַם בײזן מענטש האָט דער דראָענדיקער פֿוס באַלד געלאָסן זיך אַראָפּגעלאָזן, אָבער בײַם הינטל האָט דער רוקן האַרגלאַנציק זיך צעציטערט. מענדעלע האָט דערױף אױס־געבראָכן מיט אַ הײסן געכליפּ. העגט און פּיס האָבן בײַם ייִנגעלע זיך געװאָרפֿן; מענדעלע האָט געװײנט מיט נײַע און באַנײַטע אױסבראָכן פֿון צעקאָכטער עקשנות און טאָקלען װידער פֿאַרהאַלטן אין שטוב. דאָס ייִנגעלע האָט דעם הונט פֿון ס׳נײַ געשאָנקען זײַן חסד, מחמת ער איז געװען גע־רירט פֿון דעם הינטלס אױסגעשװיגענער, טײל מאָל אױך אױסגעװאָיעטער ליבשאַפֿט. ערשט האָט מענדעלע פֿאַרן הינטל שױן אומגעשטערט אױסגע־בעט אַ געלעגער נעבן זײַן בעט, אים געגלעט, גערעדט צו אים מענטש־לעכע רײד. און האָט די מוטער נישט געזען, האָט מענדעלע טאָקלען גע־װאָשן די פֿעל אין דער גרױסער שיסל, אין װעלכער מ׳פֿלעגט אים אַלײן, מענדעלען, צװאָגן ערבֿ־שבת.

ז

— מענדעלע, דערבאַרעם זעך. לאָז אָפּ דעם כּלבֿ, — האָט די פֿאַר־חושכטע מאַמע שױן געפּרוּװט מיטן גוטן געװינען דאָס ייִנגעלע ער זאָל איר צו ליב טאָן און זיך אָפּלאָזן פֿון דעם הינטל. זי האָט נישט אױפֿגע־הערט זיך בעטן בײַם זונדעלע, אָבער בײַ אים איז ס׳הערצל געװען פֿול פֿון דער געטרײַשאַפֿט װאָס טאָקל האָט אים אַרױסגעװיזן. דאָס הינטל איז פֿון מענדעלען נישט אָפּגעטראָטן. האָט עמעץ צו הױך גערעדט צום ייִנגל, האָט טאָקל אױף יענעם זיך צעבילט, געװיזן די צײן אין פֿולן צאָרן. צו מאָל האָט טאָקל אױך נישט פֿאַרשװיגן דער מוטערס מוסר קעגן מענ־דעלען: קררר, — האָט עס זיך צעבורטשעט, געװאָרפֿן מיטן קעפּל צו מענדעלעס מאַמע און דעם ייִנגעלע גופֿא באַלד געלעקט די העגט. דערנאָך האָט ס׳הינטל אַפֿילו זיך צוגעװױנט צו קומען אין הױף פֿון חדר װוּ מענדעלע האָט געלערנט.

טאָקל האָט געדולדיק, מיט קענטיקער קלוגשאַפֿט, אָפּגעװאַרט מענ־דעלען און צוזאַמען זענען זײ אַהײם געגאַנגען — ס׳חדר־ייִנגל מיט טאָק־לען. בײַ מענדעלען איז געװען גרױס די גדולה פֿון דעם. ער איז געװען

שטאָלץ אַנטקעגן די אַנדערע חדר־ייִנגלעך, וואָס האָבן נישט געקענט זיך באַווייזן מיט אַזאַ געלערנטן הונט ווי זײַן טאָקל: ער גייט אַליין איבער די ווײַטע גאַסן און פֿאַרבלאָנדזשעט נישט. האָט מענדעלע פֿאַר זיי זיך געגרויסט מיט טאָקלען; אַז מ׳גיט טאָקלען אין מאָרדע אַ פּעקעלע, טראָגט ער עס אין די ציין און לאָזט עס נישט אַרויס ביז מ׳בעט עס בײַ אים. „אַ פּירפּיסיקס און אַזוי קלוג!״ — האָט עס אַרויסגעקוואָלן פֿון מענדעלען. דאָס ייִנגל האָט טאָקלען אויסגעלערנט אויך טראָגן זײַן חומשל אַזוי אַז עס זאָל נישט צעשעדיקט ווערן. דערזען דאָס, האָט דער טאַטע אַ מאָל צעדורסט דאָס ייִנגל, געריסן אים אַן אויער און געגראָזשעט מיט אַ פֿינגער אַקעגן די אויגן:

— געדענק עס איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל: אַזוי וועט עס נישט גיין! דעם גאַנצן קאָפּ אַרײַנלייגן אין אַ הונט? איך וועל דיך צערײַסן אויף שטיק־שטיקלעך, אַז וועסט האָבן צו געדענקען. אַליין ווילסטו נישט לערנען, נאָר דו לערנסט גאָר וואַשנע דעם כּלבֿ. רק דו וועסט מיר אָפּטאָן חרפּות און בושות? אַזוינס וועל איך מער נישט פֿאַרשווײַגן. וועסט זעך דערוועגן דעם הונט צו געבן אין פּיסק אַראָן אַ הייליק ספֿרל, וועל איך דיר די הויט צעטרײַבערן, הערסט רעלע — כ׳על עים צעקאַטעווען. זײַן געווין וועט דיר גאָר נישט פּועלן. — כ׳על עים שיילן די פֿעל ביז וואַנען ר׳עט קריגן שׂכל.

שטאַרק באַליידיקט פֿון טאַטן, האָט מענדעלע מיט אַ קאַפּשאָקל אַ רוף געגעבן טאָקלען און זאַלבענאַנד — דאָס הינטל מיט זײַן בעל־הבית — זענען זיי אַרויס פֿון שטוב. אַוועק פֿון שלעכטן טאַטן, האָט מענדעלע געהאַט בדעה אים צו קרענקען, באַדאַי אים, מענדעלען, זאָל אויסקומען צו הונגערן. ער זאָל וויסן אַפֿילו בײַ נאַכט זיך צו וואַלגערן אין אַ פֿרעמדן קאַלטן ווינקל — ער וועט זיך מער נישט אַהיימווײַזן. מענדעלע וועט פֿאַרשווינדן, ר׳וועט אַנטלויפֿן פֿון דער ביטערער שטוב — האָט ער אָפּגעמאַכט אין זײַן ייִנגלשן צאָרן. אין דער היים האָט מען דערווײַל אויפֿגעצײַטערט: ס׳ייִנגעלע איז אַ שוואַכס, און איז אַ נערוועיִשס. מענדעלע קען אויפֿשפּילן עפּעס אומבאַרעכנטס, אימהדיקס. ר׳צינדט זיך אָן בײַ אַ ליאַדע וואָס. מענדעלע זוכט באַלד נקמה צו נעמען. ווער ווייסט? — — די מאַמע מיט זײַנעם אַן עלטערן ברודערל זענען שפּעטער באַאומרויִקטע אַרויס אין די גאַסן אַרומזוכן מענדעלען. זיי האָבן לאַנג געזוכט און קוים אים געפֿונען זיצן אַן אַנגעכמורעטן. נעבן אים איז דער הונט געלעגן ווי אַ שאָטנפֿלעק פֿון אַ געזונקן קזשאַקל אין אַ פֿאַרנאַכטיקן פֿעלד. ווײַל בײַם צופֿאַלן פֿונעם אָוונט־טונקל האָט דאָס דאַרע מענדעלע זיך געהאַט צוגע־

שפּאַרט אויף אַ פּאַרלאָזן געוועלב־טרעפּל. ס׳איז געווען אין אַן איינגעלאָ־שענער גאַס. ס׳הינטל איז געווען אים צופּוסנס אויפגעקנוילט ווי אַ דעכנ־דיק בערגעלע.

— קום אַהיים, בחורל, ס׳שוין אויפדערנאַכט, — האָט דער גרעסערער, אויך אַ יינגלשער ברודער, פּאַוואָליע זיך צוגערוקט צום שאַרף אָנגע־דראָדלטן מענדעלע און געפּרוווט אים בכיוון לאַכן אין פּנים אַריין, כדי אַזוי אַרומעט אים איינצונעמען. די מאַמע האָט זיך געהאַט אָפּגערוקט אַן אַ זייט. אויף דער מאַמען איז ס׳יינגעלע געווען אין כעס. די מאַמע, האָט מענדעלע געפּילט, דאַרף אים שיצן, אָבער זי איז אַזוי ווי דער טאַטע; ר׳איז אַ טאַטע־שמאַטע, — האָט מענדעלע ערשט גערן געהאַט דעם טאַטן שאַרף אַריינצוזאָגן.

— כ׳וויל ניש׳, כ׳על שטאַרבן — האָט מענדעלע פּלוצלינג אויסגע־בראָכן מיט דערוועקטער רוגזה און באַלד הילכיק זיך צעוויינט. אים אַנט־קעגן האָט זיך אותו הרגע אָנגעבויגן דער יונגער פּאַרחידושטער אָוונט.

— אַ פּייג וועסטו שטאַרבן, מענדעלע, — האָט דער ברודער זיך מער צוגעניגט צום ברוגזן יינגלשן פּנים און זיך געכּוחט צו לאַכן, שטאַר־קער לאַכן אים אין די אויגן אַריין, אַז עס זאָלן צעטומלט ווערן מענדעלעס טרערן.

— קום! — האָט דער ברודער אים שוין גענומען ליבלעך ציִען ביי דער האַנט. מענדעלע האָט זיך אָבער קעגנגעשטעלט מיט עקשנות:

— גיי אַליין. איך וויל ניש׳ — און זיך האַסטיק אַנידערגעוואָרפן אויפן געוועלב־טרעפּל, אַ שאַר געטאָן מיט די פּיס אָנעם ברוק. מענדעלע האָט נישט געוואָלט קוקן אויף זיין רופער און בעטער און דאָס הינטל האָט פּיבערדיק, אין שוויגן, כסדר זיך צוגערוקט צו אים, געלעקט מענדעלעס פּנים, ווי עס וואָלט געוואָלט העלפן זיין מיין וועגן דעם אָקערשטיקן טראַף.

— מענדעלע? — איז די מוטער שוין אַרויס פון איר פּאַרהוילנקייט

— און וואָס טוסטו דאָ, וועלוול? — האָט זי זיך געמאַכט כלא ידע — שוין צאַאַט פאַר קליינוואַרג צו זאָאַן אין שטוב. ס׳אַזאַ פינצטערניש! אַ סוף, גייטס אַהיים. ס׳עסן ווערט איבערגעשטאַנען, — האָט זי גענומען אונטעראיילן ביידע יינגלעך.

דער ברוגזער מענדעלע איז צעטומלט געוואָרן, ר׳האָט באַלד נישט געדענקט צי ער איז בייז „אויף דער שטוב", צי ער ליגט גאָר אַ פאַר־שלאָפענער אין בעט, וואָרן ס׳איז אין מיטן דער אָנגעקנוידערטער נאַכט. געעפנט די אויגן, האָט ער זיך איינגעהערט אין די קענטלעכע קולות און פּאַמעלעך זיך דערמאָנט ווו ער איז אין דער וועלט: ס׳איז דער ברודער

וועלוול. מענדעלע איז אַנטלאָפֿן פֿון דער שלעכטער שטוב. די מאַמע בעט זיך בײַ אים ווי תּמיד, די מאַמע שרעקט זיך אַז אים זאָל נישט געשען אַ נײַ פּאַרקילעכטס. זי ציטערט איבער זײַן היץ. אַז באַלד וויינט זי. — דערמאָנט זיך מענדעלע גאַנץ קלאָר און דאָך שטעלט ער זיך באַלד האַרט אַנטקעגן דעם ברודער וואָס וויל נישט אָפּטרעטן פֿון אים. מיט מיר וועסטו אַהיים גיין, שיין יינגעלע. ס'עט שוין גיט זאָאַן.

— גײַ אַלײַן. איך וויל ניש! — און מיט די הענט זיך שטאַרק אײַנגעקלאַמערט אין די שטיגלעך פֿון גאַסיקן קראָמטרעפּל. ממש אַרויפֿגעפֿאַלן דערויף, דאָס מענדעלע, און טאַקל האָט זיך אימפּעטיק איבער אים אַ הייב געטאָן פֿון זײַן שלעפֿעריקער פֿאַרקנוילקייט; דאָס הינטל האָט גענומען רודערן מיט די פֿיסלעך, שטויסן דעם יינגעלע מיטן קאָפּ. דער טיף־אַנטשוויגענער הונט האָט אין דער אָ שטילער בהלה זיך באַגנוגנט בלויז מיטן אינטענסיוון ניוכען אַרום זײַן צוויי־פֿיסיקן חבֿר און אָנגעהויבן גיך לויפֿן אַרום די אַרומשטייענדיקע.

— געגאַנגען זאָל ווערן — האָט די מאַמע זיך שוין געגעבן אַ שטעל פֿאַרן עקשנותדיקן מענדעלען און אים אַ שלעפּ געגעבן בײַ דער האַנט. דער גרעסערער ברודער האָט זיך אַ צי געטאָן הינטער מענדעלען, מיט שטילע רייד אים ליבלעך אונטערגעמינטערט. וועלוול האָט אַזוי אַרום פּאַמעלעך, גינציק נאָכגעשפּאַנט מענדעלען, ווען די מאַמע האָט געצויגן נאָך זיך, געשלעפּט ווי מע שלעפּט אַן אײַנגעשפּאַרט קעלבל. דער הכנעהדיקער הונט מיט די שלאָבעריקע אַראָפּהענגענדיקע אויערן האָט זיך נאָכגעצויגן נאָך מענדעלען און אומרויִק געוואָרפֿן מיטן אַראָפּגעזונקענעם קאָפּ.

ז

אין דער היים האָט מענדעלע, נאָך אַן אָנגעכמורעטער, אויסגעמיטן דעם בליק פֿון טאַטער. ער וועט מיט אים זײַן ברוגז. שטענדיק ברוגז. ר'האָט אַפֿילו נישט געוואָלט עסן דאָס עסן וואָס איז פֿאַר אים געווען גערייט אויפֿן טיש ווי דער טאַטע איז געזעסן און אַן אָנגעצונדענער לאָמפּ האָט פֿון דער הייך אַראָפּ געהויערט איבער אים ווי אַ וואַסער אָנגעטרונקענע לבֿנה.

— כ'וויל ניש' — האָט מענדעלע זיך געוועלט מיט אַ צאַפּלעניש, כאָטש ס'האָט אים שוין פֿאַרדראָסן וואָס ער זעטיקט נישט אָן דעם הונגער וואָס האָט אים שוין גענומען צופּן און נאָגן. נאָך מער האָט אים פֿאַרדראָסן

למאַי דער טאַטע קומט נישט צו צו אים בעטן: מענדעלע, עס, מענדעלע. כ׳על שוין נישט. ביסט אַ טײַער יינגל. כ׳האָב ליב דײַן טאַקלען.

דאָס יינגעלע האָט זיך געשטרויכלט אין דער שרעק פֿאַרן טאַטנס נישט נאָכגעביקייט; אָבער סע האָט אים געשמייכלט דער חידוש וואָס ער האָט צוגעזען נאָך די אַלע געשרײַען און תּרעומות, וואָס האָבן זיך געטראָגן איבער זײַן קאָפּ, געשרײַען איבער דעם אײַנשטעלן זיך אין שטוב פֿאַר זײַן טאַקלען. אויך די גרעסערע ברידערלעך זענען געוואָרן פֿול מיט נײַגיר און צוגעבונדנקייט צום הינטל וואָס איז קנאַפּ געוואַקסן, כאָטש עס איז געוואָרן עלטער. טאַקל איז מיט דער צײַט געוואָרן נאָר אַ ביסל לענגער אין קערפּער, טונקעלער די ברוינע פֿלעקן אויף דער ווײַסקייט פֿון דער פֿעל און פֿלינקער אין די נידעריקע פֿיסלעך. ער איז שוין געוואָרן אַ קליינער הונט מיט אַ גרויסער מאָרדע.

דער אַ חידוש האָט שוין גאָר באַוועגט דעם יינגעלעס געהירן. אין זײַנע בעפּלדיקע געדאַנקען האָט מענדעלען מאָדנע געפֿרייט וואָס דער הונט איז קליין. ר׳האָט דערין געזען אַלע הינטישע שיינקייטן וואָס פּאַסן זיך רק פֿאַר אים. ס׳איז דער הונט פֿונעם קלענסטן ברודער אין זײַן היים: טאַקל איז מענדעלעס הונט, טאַקל וועט פֿאָלגן נאָר מענדעלען; ער וועט אים אומעטום מיטנעמען און טאַקל וועט זיך אָננעמען נאָר פֿאַר מענדעלען. ער וועט דאַרפֿן נאָר אַ שמייכל טאָן, אַ קוק געבן. טאַקל וועט בײַסן איט־לעך־איינעם, אויב מענדעלע וועט נאָר הייסן. וועלוולען וועט ער האָרכן? — אַ פֿײַג; וועלוולען וועט ער נישט נאָכגיין, אויף וועלוולען וועט בילן זײַן הונט, אויב ער וועט אים נאָר אַ ווונק טאָן, ער — מענדעלע.

טאַקל! טאַקל! עס איז אַוועק אַ יאָר און צוויי און דער הונט איז שוין געוואָרן מיט גינציקייט אין אַלעמענס מײַלער: אַלע אין שטוב האָבן טאַקלען גערן געהאַט, כאָטש פֿון דור־דורות איז פֿאַראַן בײַ די קאַרמאַנס אַ ווידער־ווילן צו אַ פֿירפֿיסיקס, אַ הונט, צי אַ קאַץ. נאָך מער: פֿון אַ קאַץ האָט מע זיך שטאַרק געמיגלט אין דעם הויז. אַ קאַץ דערמאָנט דאָס מיאוסע, ס׳עיפּושדיקע פֿון אַ מויזנלאָך. מ׳קערט אָפּ די אויגן און דעם געדאַנק פֿון אַ קאַץ וואָס איז אויך פֿאַלש און פֿאַר אַ הונט אַנטלויפֿט מען ווי פֿון אַ חיה־רעה, וואָס בײַסט און רײַסט און צעבלוטיקט. אַ הונט איז אַ דאָרפֿיש באַשעפֿעניש, אַ גויִשס וואָס בילט, שטשירעט זיך אויפֿן ייִד וואָס גייט זיך זײַן וועג אין פֿרידן.

דער הונט טאַקל האָט פֿון דעסטוועגן זוכה־געווען צו „אַ בעסער אויג" אין הויזגעזינד פֿון די קאַרמאַנס.

געסט פון אַ ווײַטן לאַנד

א

בײַ די ווײַנפעלדס, וואָס האָבן העברעאיזירט זייער פאַמיליע־נאָמען אויף גפני, האָט מען לאַנג געשמועסט אַז עס דאַרפן אָנקומען אין דער מדינה אַרײַן זייערע גאָר נאָענטע, ליבע פרײַנד. אַ שאָק מיט יאָרן האָט מען זיי נישט געזען, אויך נישט געהערט פון זיי, וועט טאַקע זײַן אַ ביסל אמתדיקע פרייד.

ווי דער רובֿ ייִדן, די קוים ניצול־געוואָרענע, האָבן אויך זיי, די הערש־מאַנס, אין יענעם פײַנלעך לאַנגן נישט־דערשלאָפֿענעם פרימאָרגן זיך אָפּ־געריסן אַריבער די מאַסן־קבֿרים פון דער בלוטיק־צעטראָטענער אייראָפּע; זיך אָפּגערופן פון אַ ווײַט־ווײַטן לאַנד, ווו זיי האָבן זיך באַזעצט. ס'איז אַ מדינה פון די העט פאַרוואָרפענע אַמעריקעס ווו עס דרימלען נאָך אומ־געשטערטע גרויסע מידבריות; די ערד איז דאָרטן צום מייַנסטן וויסטער, אָנסופיקער שטח מיט זעלטענע אָאַזיסן. דאָס פאָלק איז צו מאָל טעמפּלעך און רוי. גאַוטשאָס, אויך קרעאָלן רופט מען דעם מין מענטשן, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין די אַרומיקע אורוועלדער, צווישן פעלדזיקע בערג און טײַכן. ווי די קנאָכיקע דאָרנביימער וואָס שפּראָצן אויף ווו־נישט־ווו אויף די וויסטע ערדן, זענען די דאָזיקע האַלבווילדע, ברוינהויטיקע לײַט, וואָס קוקן אויף דער וועלט מיט ברייטצעשטעלטע קינבאַקן און בליאַסקנדיקע אויגן וואָס דערמאָנען אין די קרומלעכע מעסערס פאַקאָנען, וועלכע באָמב־לען זיך תּמיד אין זייערע גאַרטלען — —

אָפּט שרײַבן די טײַערע הערשמאַנס פון חוץ לאָרץ, לאָזן גערן פאַלן ווערטער וועגן אויסטערלישע שבֿטים, אויף וועלכע זיי גופא קוקן נאָך הײַנט מיט גרויס נײַגיר און מיט אַ פאַרהוילענער שרעק ווי פאַר עפּעס גאָר ווילדס, וואָס די דאָזיקע קענען אומגעריכט באַווײַזן מיט זייערע מעשׂים.

אַ פּנים, די שרעק רײַסט זיך אַרויס פון די ליבע לײַט מחמת דעם אומרו איבערן ביסל מנוחה וואָס זיי האָבן געפונען נאָך יאָרן פון אַכזריותן און נויט. אָבער נישט גערן דערציילן זיי פון די שוין איבערגעלעבטע גרוילן (דאָס מוז מען פון זיי ממש אַרויסצײַען, נאָכפרעגן דערויף מחמת ברענענדיקן נײַגיר צום געשעענעם און די פײַנלעכע פעולות וואָס לאָזן זיך נישט אָפּמעקן פון דער נשמה). גיכער שרײַבן די הערשמאַנס פון די

טשיקאַוועקייטן וואָס זיי זענען אָקערשט אין זייער נײַעם, מאָדנע גרויסן וווינלאַנד.

— הער, הער, שושנהלע לאַכטיקע, — האָט זיך שבֿע־קרוין אַ מאָל צע־שריבן אין אַ פּשוטן בריוו, וואָס פּאַראַ שטיק אויסטערלישקייט ס'איז דער אמתדיקער היגער פֿויער, דער ג אַ ו ט ש . ער קומט צו אונדז על פּי רובֿ פֿון די בערג אָדער פֿון די טאָלן, ווו עס שורעווען די גרויסע און קלע־נערע טײַכן. ער איז קלאָמפּערשט שעמעוודיק, דער גאַוטש. אין אמתן איז ער שטענדיק הונגעריק, אָבער פֿויל צו אַרבעטן, דערפֿאַר זשעדנע צו אַלץ וואָס ער זעט בײַ אונדז אין שטאָט. ער איז אָנגעטאָן אין אַ פּאָר לאַנגע, זייער ברייטע לײַוונטענע שאַראַוואַרן ווי אַן אויסטערליש ווילד מאַנבילש קלייד. די נאָגעוויצעס זענען ענג צוגעבונדן צו די קנעכל אַזוי אַז זיי מאַרשטשען זיך אונטן גאָר שטאַרק; די פּאַנטאַלאָנעס זייערע בלעזלען זיך בײַ די פּיס וואָס זענען אַרײַנגעשטעקט אין לײַוונטענע שיך מיט שטריק־געפֿלאָכטענע פּאָדעשוועס. דאָס אַ איז שײַך דעם אונטערשטן טייל גוף פֿונעם גאַוטש, בעת דער אייבערשטער טייל קערפּער, דער האַלדז, דער גאַנצער קאָפּ איז פֿאַרשאָטנט פֿון אַ ברייטן שוואַרצן פֿילצענעם קאַפּעליוש. זײַן העמד איז פֿון אַ פֿאַרפֿעטסטן סיץ, וואָס איז פֿון שווייסיקער געזאַלצנ־קייט אויסגעגעסן פֿון יעטוועדן קאָליר... ס'איז דאָ וואָס צו זען, שושנה טײַערע, אָבער דער אמת איז, אַז ער וואַרפֿט אָן אַן אימה דער ברוינ־הויטיקער פֿויער פֿון ווילדן אַלטן וואַלד. סע שרעקט באַזונדערס זײַן קרו־מער מעסער, אָן וועלכן אַזוינער רירט זיך נישט אין ערגעץ. מיט דעם זעלביקן מעסער פֿוילט ער זיך נישט אין סאַמע מיטן טאָג אויסצושנײַדן אַ שטיק לעבעדיק פֿלייש פֿון אַ קו וואָס פּאַשעט זיך מיט דער סטאַדע אין דער אָנסופֿיקער אַרגענטינער פּאַמפּע; ר'שנײַדט אויס דאָס פֿלייש פֿון דער לעבעדיקער בהמה און אַן אָפּגעבראָטנס אויפֿן פֿײַער וואָס ער לייגט אָן נעבן דער סטאַדע, פֿרעסט עס באַלד אויף. סע כאַפּט אָן אַ פּחד דער הונגער נאָך בלוט, וואָס שרײַט אַפֿילו פֿון דעם גאַוטשס שטייניקן שווײַגן, ווען ער קוקט אויף דיר. אָד, וואָס מ'האָט זיך שוין אָנגעהערט פֿון זײַן הפֿקרות וואָס ער באַגייט איבערן ווײַסן מענטש. אַזעלכער, אַ פּשוטער ווײַסער האָרעפּאַשניק האָט מער ווי איין מאָל זיך דערבאַרעמט איבערן גאַוטש וואָס שלעפּט זיך אַרום אויף די אומוועגן פֿון דעם גרויסן, ברייט אויסגעשפּרייטן לאַנד צווישן טיפֿע וועלדער, טײַכן און בערג מיט טאָלן. דער ווײַסער קאָלאָניסט האָט געקאָרמעט דעם וואַנדערנדיקן גאַוטש מיט אַ זאַטן מאָלצײַט, געגעבן אים אויך אַ וואַרעמען געלעגער אין די קאַלטע נעכט. אלא נישט זעלטן געפֿינט מען דעם ווײַסן מכניס־אורח מיט

אַ צעשפּאָלטענעם שאַרבן. צו אַזוינס פֿעדערט זיך דער כיטרער גאַוטש אין מיטן נאַכט און ער אַנטלויפֿט מיט די בעסטע פֿערד פֿון דעם גאַסט־געבערס שטאַל. צו מאָל טרײַבט ער אויך אַוועק מיט זיך עטלעכע בהמות פֿון דער סטאַדע. מ׳זאָגט, דער גאַוטש האָט אין זיך דאָס ווילדע בלוט פֿון זײַנע אינדיאַנער אָבֿות. שוין זײַן הייסער בליק וואַרפֿט אָן אַ קילקייט ווי די וואָס עס שפּרייטן די מאַכטיק צעצווײַגטע קעבראַטשע־ביימער וואָס גיבן דעם גאַנצן קאָנטינענט דאָס האַרטסטע האָלץ וואָס איז געדיכט רויט ווי בלוט און שטײַף ווי שטאָל.

אָפֿט שרײַבן די הערשמאַנס און לאָזן נישט פֿאַרגעסן אין זיך. ביי די גפֿנים רופֿט מען די הערשמאַניכע, שבֿע־קרוין, און ער הייסט בײַ זיי מנחמלעיב, אָבער וואָס פֿאַראַ גאָלדענע נשמות דאָס זענען! — האָט שושנה בײַ צײַטנס צעפֿליגלט איבערן הויז די ליבשאַפֿט צו אָט די נעמען: שבֿעלע, מנחמל, זיי באַדאַרפֿן נאָר קומען אַהער. זיי קלײַבן זיך צו אַ נסיעה. ווי גוט וועט זײַן צו האָבן זיי נעבן זיך! און מסתּמא פֿילן דאָס אויך זיי ד אָ ר ט ן, האָט שושנה שוין משער געווען אויף אַ קול. מיר האָבן זיך תּמיד אויף אָן אמת ליב געהאַט. כ׳פֿיל עס אויך אַצינד מיטן גאַנצן האַרץ. ווידער אין די בריוו זייערע אינטערעסירן זיך די הערשמאַנס מיט אַלץ וואָס ס׳טוט זיך בײַ זיי, די גפֿנים,„ ווי סע לעבט זיך דער וואָכעדיקער טאָג אין דער ייִדישער מדינה און ווי ס׳זעט אויס דער אַרום, וואָרן... אַוודאי זענען זיי שטאַרק נײַגיריק אַלץ צו וויסן.

„לײַט, וואָס קומען פֿון אײַך דערציילן זיך אָן אַ וועלט מיט נײַסן, וועלכע יוירן זיך אויס טאָג בטאָג ווי אַ באַטעמטער טייג אין אַ דײַזשעי״. איין מאָל האָט שבֿע־קרוין אין אַ בריוו אַפֿילו זיך געפֿרעגט צי מ׳האָט שוין אַ ביסל פֿונאַנדערגעבויט די געגנט ווו זיי וווינען, די גפֿנים. איז אמת אַז שאַקאַלן וואָיען נאָך בײַ נאַכט אין דער ייִדישער שטאָט תּל אבֿיבֿ? איז ריכטיק, שושנה טײַערע, אַז אַ שאַקאַל איז אַ צוק־חיה ווי אַ וואָלף וואָס קען זיך וואַרפֿן אויפֿן מענטש? שבֿע־קרוין האָט באַשײַמפּערלעך אויפֿגעציטערט ווען זי׳ט דאָס געפֿרעגט איר פֿרײַנדינע אין תּל אבֿיבֿ, פֿון וועלכער זי׳ט געצומען חלומען אין ממשות, מחמת זי האָט בפֿירוש געהערט אַז שאַקאַלן בלאָנדזשען נאָך אַרום אין שטאָט, צו מאָל אין מיטן העלן טאָג. אויב אַזוי איז עס דאָך סכּנהדיק פֿאַר אײַך אויכעט. אָך און וויי, נאָך ווינציק זיך אויסגעשטאַנען דאָס ביסל ייִדן, זאָלן זיי נאָך ב ײַ ז י ך מוזן ציטערן פֿאַר ווילדע חיות..? ווי זשע ׳עט זיך פֿאַרן איר חלום צו טוליען זיך צו שושנהלען בעת אויף דער שוועל שטייט די אימה פֿאַר בייזע באַשעפֿענישן, — האָט עס גענומען מאַטערן שבֿעלען. זי האָט דערוועגן אַרײַנ־

גערעדט אין מנחמען, ווען ער האָט געגומען צום בריוו צושרײַבן „זײַנע פּאָר ווערטער", וואָס שבֿע־קרוין האָט געגרייט אַוועקצושיקן. מנחם האָט זיך פֿון דעסטוועגן דערלויבט אויך אַרײַנצוואַרפֿן זײַנעם אַ פֿרעג צי אין דעם גערימטן תּל אָבֿיבֿ זענען טאַקע נאָך אַנזעעוודיק הויכע זאַמד־דיונעס, וואָרן דער מידבר לאָזט זיך נישט אַזוי לײַכט פֿאַרטרײַבן פֿון דער שטאָט, וואָהין די קלײַבן זיך מערצעשעם קומען אַ בליק טאָן און טאַקע רעכט זיך אָפּ־צופֿרייען מיט די טײַערסטע פֿרײַנד, די האַרציקע גפֿנים.

מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם פֿלעגט שושנה שלינגען די כוואַליעס נײַגיר וואָס טראָגן זיך מיט אויפֿגעריסענע מײַלער און גאַפֿנדיקע אויגן פֿון די לײַט וואָס גרייטן זיך צו קומען פֿון דעם לאַנד ווו איעדער הייסט סעניאָר און אין תּמוז, ווען „אין דער גאָרער וועלט' ברענט די חמימה איבערן קאָפּ, איז ב יי ז יי פֿריקרער, פֿוילער, קאַלטער ווינטער מיט שאַרפֿע רעגנס און הויכער פֿײַכטקייט. אָ, ווי דערלעבט מע שוין זיי צו האָבן אויף אונדזער שוועל! — האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט די גפֿנים. די פֿאַנטאַזיע האָט זיך באַזונדערש צעצונדן בײַ דער פֿרוי גפֿני, און זי'ט באַגערט מיט איר בענקעניש אָנצושטעקן אויך דעם מאַן:

— הערסט, אַבראַם: זיי וועלן אויך דיר שטאַרק געפֿעלן ווערן. וועסט זיי ליב קריגן, מײַנע לײַט. אַזעלכע וועסטו נישט גרינג געפֿינען צווישן אַ סך.

אין אָוונט, ווען אַבֿרהם איז אַהיים געקומען פֿון קלייט אויף אבֿן גבֿי־רול־גאַס, פֿלעגט ער אַלע מאָל אַ פֿרעג טאָן דעם ווײַב:

— נו, שוין דאָ געגויס? ס'איז געווען די רייד וועגן דעם, ווען די פֿרײַנד פֿון אַרגענטינע וועלן ענדלעך קומען. שוין געווען פֿון זיי אַזוי פֿיל בריוו, אָבער ווען זיי וועלן זיך באַווײַזן איז אַלץ נאָך נישט געווען קלאָר. אָט, אָט גרייטן זיי זיך; אין עטלעכע טעג אַרום וועלן זיי וויסן און דער־וועגן טאַקע מודיע זײַן מיט גאָטס הילעף... מע האָט נאָך געוואַרט אויף אַ לעצטן בריוו מיט אַלע פּרטים. מ'מוז דאָך וויסן ווען מ'וועט שוין קענען זיי אָפּוואַרטן. און אָפּוואַרטן אַזעלכע אָנגעלייגטע געסט מיינט צוגרייטן אויך זיך אַליין און אָנזאָגן וועמען מ'באַדאַרף. סוף־סוף 'עט מען האָבן אין הויז אַן אמתן יום־טובֿ! בײַם סאַמע סוף איז פֿרוי גפֿני שוין געוואָרן גאָר צעטראָגן: אוי, זי זאָל נאָר נישט האָבן עפּעס פֿאַרגעסן! אַפֿילו אומבאַ־קאַנטע, סתּם שכנים, האָבן שוין געקענט אָראָפּלייענען די הייסע אומגע־דולדיקייט פֿון שושנה גפֿניס פּנים און אירע צעשטראַלטע אויגן. יעדן טאָג איז געשטיגן איר פֿריידיקער אומגעדולד. „ווי איז מען שוין זוכה זיי צו זען." — פֿלעגט זי זיך אַרויסכאַפּן פֿאַר איר ייִנגעלע. שימעק איז אַ תּלמיד

פֿון מכון גמליאל, אָבער בײַ זײַן מאַמען — דער איינציקער זון אין שטוב. און בײַ דעם איין־און־איינציקן האָט זי געזוכט דאָס אויער וואָס איז מסוגל אײַנצושטילן איר נערוועזיטעט. שימעק האָט טאַקע גערן זיך געטוליעט צו דער מוטער, ווײַל ער'ט ערשט זיך געשפּירט „דאָס קינד״ אין הויז. דער עלטערער ברודער איז שוין אַוועק פֿאַר־זיך, ער'ט גענומען אַ ווײַב, פּירט אַן אייגן הויז. בײַ טאַטע־מאַמען איז ער נאָר אַ גאַסט.

כאָטש שימעק פֿילט זיך שוין ווי אַ דערוואַקסענער בחור, ר'איז אַפֿילו העכער פֿון דער מאַמען, איז אים גערן דער אַמאָלעס צערטלעכקייט. פֿאַר איר איז ער נאָך אַלץ אַ ייִנגעלע, אַזאַ קלייניגקער וואָס איז דאָך מסוגל צו פֿאַרנעמען דעם פֿלאַטער פֿון דער מאַמעס האַרץ. דערזעט אים די מוטער אין שטוב, האָט זי ליב אויך אים צו דערציילן וועגן די פֿרײַנד וואָס דאַרפֿן קומען; פֿון שבֿע־קרוין מיט איר מאַן דערציילט זי אים אַ סך און פֿאַרענדיקט אַלע מאָל: „ווען דו זאָלסט וויסן, שימעקל, ווי גוט זיי זענען. זיי זענען אַ זעלטן פֿאַרפֿאָלק. און גוט איז דאָס, הערסט, שימעקל — חזרט זי איבער און טשמאַקעט צו מיט דער צונג. ס'איז נישטאָ זייערס גלײַכן. זי, די חבֿרטע מײַנע — ווערסט זי אין גיכן זען, איז קאַפּאַבל ס'איי־גענע האַרץ אַוועקצוגעבן, אַבי עמעץ זאָל געהאָלפֿן ווערן. ממש אַ צדקית! שטעל דיר פֿיר, ייִנגעלע, ווי שבֿעלע גייט אַרויס פֿון דער היים אין אַ שיינעם מאַנטל און נײַע שיך, אָבער אַז זי קערט זיך אום אין שטוב אַרײַן, קען זי שוין זײַן האַלב נאַקעט, גלײַך אַ גזלן וואָלט זי אָפּגעצויגן. דאָס האָט די קרוינעדיקע שבֿעלע אויסגעפֿונען, פּתאום געפֿינט זי אויס אַזעל־כענע וואָס נייטיקן זיך גאָר־גאָר אין אַ וואַרעמען מאַנטל, אין אַ פּאָר גאַנצע שיך. וואָרן אָרעמע לײַט, אומגליקלעכע, פֿעלן נעבעך קיין מאָל נישט. אַזעלכע דערווישן גיך אַזאַ ווייכהאַרציקע שבֿע־קרוין. קומט אויס, אַז זי קערט זיך אום אַהיים אין בילע־ווי אַלטע, צעפֿאָרענע שקראַבעס וואָס לײַט וואַרפֿן אַרויס אויפֿן מיסט, אָדער זי איז פֿאַרהילט אין אַ ליאַדע טראַנטע, נאָר אויף דורכצוקריגן זיך די גאַס. אין שטוב גנבֿעט זי זיך דעמאָלט אַרײַן אַז מ'זאָל זי נישט דערזען אַזאַ פֿײַנלעך איבערגעביטענע. שפּעטער, מ'כאַפּט זיך אין דער היים אויף איר „אויפֿטו״, פֿאַרענטפֿערט זיך שבֿעלע אַ פֿאַרשעמטע, אָבער זי טרייסט באַלד די היימישע:

— ס'עט מיר גאָר נישט זאַאַן אָן די שמאַכטעס! דערנאָך ציט זי אַרויף אויף זיך אירס אַן אָפּגעטראָגן קלייד, אַ פּאָר צעטראָטענע פּאַנטאָפֿל, אַלאָ איר האַרץ איז שיכּור גליקלעך, מחמת צופֿרידנקייט מיטן אָפּגעטוענעם. אַבי עמעץ איז געהאָלפֿן געוואָרן מיט איר „לאַך״, ווי עס הייסט ערשט דאָס אַוועקגעשאָנקענע מלבוש פֿון איר לײַב אַראָפּ צי די שיך. „יענע איז

נעבעך אַן אומגליקלעכע נשמה, — מורמלט שבֿעלע. אמת, אמת, שימעקל — מ׳באַדאַרף זאָגן גערעכט אַקעגן געליטענע. אָרעמע און אומגליקלעכע פֿעלן נישט.״ אַזוי פֿליעגט טאָן גאַנץ אָפֿט די טײַערע שבֿע־קרוין. אַ האַלבע וועלט וועסטו אויסגיין און אַזאַ שטיק גוטס פֿון אַ מענטש נישט געפֿינען. איך געדענק, וויפֿל מאָל זי האָט פֿון איגענעם לײַב אָראָפּגענומען דאָס העמד און עס אָוועקגעגעבן אַ קראַנקער, וואָס וואָלט פֿאַרשעמט געוואָרן פֿאַר מענטשן וואָס וואָלטן זי דערזען ליגן שלאָף אין אַזאַ הײַט ווי יענע איז געווען. אַיעדער צעבראָכענער מענטש טרעפֿט צו שבֿע־קרוין. ווערסט זען מיט דײַנע אויגן סאָראַ האַרציקע לײַט ס׳האָבן אַרומגערינגלט דײַן אמאָ אין דער אַמאָליקער היים. שוין יאָרן, יאָאָאָרן זענען אַוועק זינט דעמאָלט. ערשט איז דאָרט אַלץ טויט, דערוואָרגן פֿון מיאוסע רוצחים וואָס טראָגן אויך ד׳עם נאָמען פֿון מענטשן. פֿון יענער וועט וואָס טריפֿט ערשט מיט אַ נאָגנדיקן וויי, זענען מיר געבליבן איינציק נאָר די אַ שבֿע־קרוין מיט איר מאַן. ווײ ז׳מיר, וואָס זיי האָבן זיך אָנגעליטן פֿאַר דער צײַט וואָס מיר האָבן זיך נישט געזען! אַ יאָר דרײַסיק זיי נישט געזען. ס׳איז געווען אַ פֿינצטערע בהלה און די נאָענטסטע זענען בגוואַלד צעשיידט געוואָרן. ס׳איז אַ נס גדול וואָס עמעצער איז געבליבן לעבן פֿון דער דאָר־טיקער וועט. אויך דעם אַבאָלעס היים דאָרט איז געפֿאַלן פֿון דעם ימח שמו היטלערס האַק. אַלעטשקע, ליכטיקער שימעק, זענען געבליבן יתו־מים — —

בײַ שושנה גפֿני האָט מיט אַ מאָל זיך צעעפֿנט דער מוטנער קוואַל פֿון נישט פֿאַרהיילטע ווונדן, פֿון וועלכע ס׳ווילט זיך אַנטרינען, אָבער עס לאָזט זיך נישט. י ע נ ע צ ײַ ט ן שטרויכלען כּסדר דעם גע־דאַנק, פֿינצטערן אַן דעם זכרון.

— מעגסט עס וויסן, שימעקל ליכטיקער, דײַן מאַמען איז אויך באַ־שערט געוואָרן פֿאַר אַ צײַט איינע אַליין זיך צו וואַלגערן מיט אירע יונגע אונטערגעהאַקטע פֿליגל, ביז וואַנען ס׳איז מיר געראָטן נעלם צו ווערן פֿון יענע מרחקים. אַז כ׳האָב זיך דערדראַפּעט אַהער צו, איז די מדינה געווען אָרעם און צעיאָטערט פֿון כּלערליי פּורעניותן. אַ סך אַרומגעריסענע, הונ־געריקע יידן זענען דעמאָלט געקומען קיין ארץ־ישראל ווו ברויט איז געווען אַן איידעלע זאַך פֿאַר אַזעלכענע און מנוחה איז אויך נישט געווען. אַראַ־בער זענען אָנגעפֿאַלן אויף יהודים און גערצחנט, געגזלט. אַפֿילו אויפֿן כּבֿיש האָבן זיי געהרגעט די אונדזעריקע. אויך האָבן זיי אין די נעכט אַוועקגעפֿירט שאָף און רינדער פֿון ייִדישע משקים. דאָך האָבן ייִדן זיך געקלאַמערט צו דער מדינה, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט קיין אייגענע

ממשלה; מיט די לײדיקע הענט געוואָלט אויפֿשטעלן אַ היים, וואָרן אין דער פֿרעמד, אין גלות, צווישן די גױים, איז געווען גאָר סכּנהדיק. דעם יהודי איז אומעטום ענג, שימעק. דערפֿאַר איז ליבער זיך צו האַלטן בײַ אײגנס, כאָטש ס'איז נישט גאָר היימלעך. אַצינד איז בעסער. די מדינה איז שוין אויף אײביק געוואָרן אַ ייִדישע היים פֿאַר ייִדן; די מדינה האָט זיך יאַקאָש שוין אויסגעמענטשלט. און זי בויט זיך פֿונאַנדער. פֿאַוואָליע, און ס'עט ווערן נאָך בעסער. יש לנו רכוש גדול עכשיו, פֿאַרשטייסט, ייִנ־געלע!? — האָבן טרערן זיך שוין צעבלישטשעט אין דער מוטערס אויגן.

— ערשט בענקט זיך נאָך וואָרער היימישקייט. וועלן קומען שבֿע מיט מנחמען, וועט אונדז אויך ווערן אַ ביסל גרינגער, כאָטש אויף אַ שטיקעלע צײַט; און אפֿשר וועלן זיי דאָ וועלן זיך באַזעצן. אפֿשר, זיי וועלן זיך אַליין אַרומזען. דער עיקר — זיי זענען אַ טייל פֿון דער פֿאַרלוירענער היים אונדזערער, דײַן מאַמעס און דעם אַבאָס. זיי זענען סתּם ליבלעכע לײַט. מיר און דעם אַבאָלע וועט פֿון זיי ווערן ליכטיקער אויפֿן האַרץ. ווײסט זען! אויך דער אַבאָ האָט געהאַט אײגענע אין יענע ווײַטן, ווו אַלצדינג איז פֿאַרלענדט געוואָרן פֿון די גױישע אַכזרים. פֿאַר אַלע יהודים האָבן זיי געבראַכט אימהדיקע יאָרן. אַפֿילו קליינע ייִדישע קינדער האָבן זיי נישט געקענט זען לעבן. גױים האָבן אונדז פֿײַנט, שימעלע טײַערער. מער ייִדן דאַרפֿן זיך האַלטן בײַנאַנד אין דער מדינה. פֿון אומעטום וועלן יהודים קומען זיך באַזעצן אין דער מדינה. ס'עט זײַן בעסער מיט אַ סך יהודים, זונעלע!

שימעק איז אויפֿגעהייטערט געוואָרן פֿון דער אמאָלעס רייד:

— אַוודאי וועט זײַן גוט אַז ס'וועלן קומען יהודים. וועלן מיר זײַן אַ סך, וועלן די אַראַבישע פּראָים מורא האָבן אָנצופֿאַלן. מע ווײַזט זיי אַ פֿויסט, וואָס קען אַ זעץ טאָן אונטערן לעפֿעלע, אַנטלויפֿן זיי; אין אמתן זענען זיי פּחדנים, די אַבדולאַס און כוסיינס, האַרכסט, אמאָלע? אַז מיר וועט ווערן אַכצן יאָר, וועל איך גיין אין צבֿא צו די גרענעצן פֿאַר אַ שומר לילה. כ'וועל זיך אָפּבעטן מ'זאָל מיך שיקן היטן די נעכט, ווען די מיאוסע פּחדנים ווײַזן זייערע געמיינע גבֿורות. די פּרדסים, די שטאַלן מיט ייִדישע שאָף און די משקים שטייען דעמאָלט הפֿקר. די מענטשן פֿאַלן בײַ נאַכט אַוועק אויף די געלעגערס פֿון מידיקייט און די רוצחים קליגן זיך דעמאָלט אונטערצוצינדן די פֿעלדער, די פּרדסים, רויבן די בהמות. איך וועל דערשיסן אַזעלכע פֿעדאַיִנס. בײַ נאַכט זענען זיי גבֿורים, ווען מיר זענען מיד פֿון האָרעוואַניע. יהודים טאָרן נישט פֿאַרשלאָפֿן די סכּנות,

ווען ס׳גייען אויף זיי די שונאים וואָס זענען וואַכעדיק אין זייערע לויע־רונגען. אין כּלל זענען ערבים שונאים פֿון די יהודים.

— יינגעלע, אומעטום האָבן מיר שונאים צווישן די ערלים. אוי, שפּירן מיר די שינאה אויף אונדזער הויט!

— אומעטום, אמאָלע, ווײַל ס׳איז גלות. דאָ איז אָבער אונדזער היים. גויים דאַרפֿן דאָס דערשפּירן. ערשט וועלן מיר מער שטאַרקן די היים. מירן ווינציקער פֿרעגן די שונאים. מיר געפֿעלט נישט אַז דער שׂר משה דיין קוקט זיי אין די אויגן. מ׳באַדאַרף טאָן אַזוי אַז זיי זאָלן האָבן מער דרך־ארץ פֿאַרן יהודי — —

ב

און איז אָנגעשטאַנען דער טאָג, ווען די גפֿנים האָבן זיך געקליבן צום עראָדראָם אין לוד צו באַגעגענען די פֿרײַנד, וועלכע די אמאָלע האָט נישט געזען אַ קימאַ לן פֿון אַ דרײַ צענדלינג יאָרן; ניין, שימעק ווייסט נישט גענוי דעם חשבון פֿון דער צײַט זינט די אמאָלע האָט פֿאַרלאָזן איר היים, צו וועלכער זי בענקט נאָך; זי שרײַט אַרויס דערפֿון צו מאָל פֿון חלום מחמת די שרעקן, וואָס זענען באַפֿאַלן מיט העק אירע לײַבלעכע פֿון וואָס זי וויל נישט דערציילן. זי כליפּעט נאָר, ווען מ׳פֿרעגט איר וועגן דעם. אויך אַבאָלע ווייסט נישט ווי לאַנג אמאָלע בענקט אַזוי שטאַרק. דערפֿאַר איז דער טאָג פֿון אַרויספֿאָרן קיין לוד אָפּוואַרטן די געסט, געווען סײַ אַ פֿריידיקער סײַ אַן אומעטיקלעכער. אמאָלעס אויגן האָבן געטריפֿט מיט אַ טרערן־בלישטש. אָבער אי שימעק אי דער אַבאַ האָבן אויסגעמיטן איר צו פֿרעגן, היתּכן וואָס פֿאַראַ געוויין איז דאָס בײַ איר אין מיטן דערינען, אויב דײַנע ידידים קומען שוין אָט, אָט?! פֿאָטער און זון האָבן געשוויגן און מ׳מש נאָכגעגאַנגען פֿוסטריט שושנהן יענע שעהען, איר נאָכגעשפּירט ווי מע קוקט נאָך אַ קראַנקן וואָס גייט ס׳ערשטע מאָל אַראָפּ פֿון בעט נאָך אַ מסוכּנער חולאת. אמאָלע, שוש, געזונט זאָלסטו זײַן, ווי אָנגעדראָלן סע וועט די שׂימחה, צו וועלכער דו האָסט אונדז אַזוי לאַנג געגרייט פֿאַר הײַנט. — האָבן מאַן און זון געשעפּטשעט אין זיך אַרײַן, ווען זיי האָבן געזען שושנהס שטומע ציטערניש פֿאַרן אַרויספֿאָרן קיין לוד ברענגען אַהיים די טײַערע ידידים.

פֿאַר אַבֿרהם גפֿני, דעם פֿאַראַרטעוועטן מענטש, זענען דעם ווײַבס נאָענטע פֿרײַנד געווען לגמרי אַן אומבאַקאַנטער מין מענטשן וואָס זענען וועדליק שושנהס קרעכצן איבער זייער דאָליע, דורכגעזאָפּט ביזן ביין נאָר

מיט ביטערע רויכעס פֿון זויערן גלות. נו, ערשט דערוויסט מע זיך בולטער ווי יענע זײַט וועלט איז מוראדיק אָנגעטשאַדעט פֿון גוייִשן בייז. פֿון אייגענעם אַמאָל דערמאָנט זיך אַבֿרהם גפֿני ווי שוין דעמאָלט האָט ער גופֿא געחלומט פֿון אַנטרינונג ווי פֿון אַ משיחישער ישועה. אָבער אבֿרהם ווײַנפֿעלד איז דעמאָלט נאָך געווען יונג צו קענען באַנעמען די קלעפּיקע חשכות וואָס די געבוירנשאַפֿט זײַנע האָט אין סבֿלנות געמוזט פֿאַר ליב נעמען. ס׳זענען געווען טרויעריקע נסיונות געירשנטע פֿון דער בידע. און די בידע האָט זיך געשריבן אַזוי ווי ס׳איז געווען דאָס הויז פֿון חיים־יצחק און בתיה ווײַנפֿעלד. אלאָ בײַ אַבֿרהם גפֿני איז דאָס ערשט צעדריוולטער נעפּל פֿון געדעכעניש. ער גופֿא האָט שוין דענצמאָל געהאַט אַ באַזונדערן שווערן חשבון וואָס מ׳האָט געמוזט פֿירן אין אבֿותדיקן לאַנד, וואַהין ער איז אויפֿגעגאַנגען אין זײַן אייגענער בליצײַט. ערשט איז ווי פֿאַרטרונקען אין וואַסער דאָס פּנים פֿון טאַטע־מאַמעס שטוב אין קינסק, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אין שלעפּעריקן שטעטל. ער׳ט זיך געשפּירט ממש דערהויבן ווען ר׳האָט געקענט פֿאַרבײַטן די היימישע כאַלופּע אויפֿן הילצערנעם געצעלט אין חומשדיקן מידבר. ארץ־ישׂראל האָט דעמאָלט מיט הונגעריקע אויגן אַרויסגעקוקט אויף חלוצישע הענט און גענוג גערולדיקע מאָגנס צו קענען גובֿר־זײַן די קראַמפּן מחמת דוחק אין דער לחמא עניאָ, אָבער מיט התלהבות פֿלעגט מען אַרײַנזינגען אין זיך דעם „לא אָבֿדה תקותינו“. כאָטש מ׳האָט אָפּט געפֿיבערט מיט לײַב און לעבן. געווען נאָך אַזאַ פּגע ווי כמאַרעס מאָסקיטן וואָס עס האָבן אָנגעבראַכט די זון־אָנגעגליטע שימלענדיקע זומפּן. ס׳איז געווען די תקופֿה פֿון אונדזער גאָלדענעם יוגנט־חלום, נישט געקוקט דערויף וואָס איבערן קאָפּ האָט שטאַר געהימלט דער תהום פֿון הונגער און בענקעניש צו האָרעוואַניע מחמת אַהבֿה צו בנין־הארץ. יענער וועג איז שוין היפּשלעך פֿאַרפֿלאָסן אין מרחק פֿון דורות גלות און שינאת־ישׂראל. דאָס פּנים פֿון יישובֿ איז נאָך הײַנט האַרטלעך, אָבער נעענטער צו אונדזער קעגנוואָרט, ווײַל ס׳ווייעט פֿון דעם הווה מיט באמת מאַמישער ליבשאַפֿט. אלאָ דערציילן דאָס אַצינד, ווען שוש איז צערודערט מחמת דערוואַרטונג אויף דער גרויסער באַגעגעניש!

...אַרום האַלבטאָג, ווען די לופֿטשיף וואָס קומט פֿון אַטען, דאַרף זיך אַראָפּלאָזן האָבן די גפֿניס זיך געאײַלט צום פֿליפֿעלד. דער אײנטאָניקער ריטעם פֿון אויטאָמאָטאָר האָט שושנהן אײַנגעוויגט מחמת טיפֿער רעגונג (אָדער אפֿשר מחמת שאַרפֿער מידקייט) וואָס די הכנות צו דעם פֿײַערלעכן טאָג האָבן אויף איר אָנגעיאָגט. זי האָט אָבער פּלוצלינג אויפֿ־

געוואַכט ווי פֿון אַן אומקלאָרן שטויס פֿונעם וואָגן וואָס איז געלאָפֿן איבערן אַרויסשטאַטישן שליאַך. דעמאָלט האָט זי אין איר אָרעם אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ פֿון שימעקן וואָס איז געזעסן נעבן איר, אים אַ דריק געטאָן צו זיך און ווי פֿון שלאָף אַרויס אַ זאָג געטאָן: — יקירי, באַלד וועסטו זען די טײַערע חבֿרים דײַן אמאָלעס. וואָס פֿאַר אַ צאַרטע לײַט, אָבער אַזוי פֿיל געליטענע! ווידער האָט זי אַ רגע פֿאַרמאַכט די אויגן און ווי אין התעוררות נאָך אַ געפּלעפּטקייט שוין גערעדט צום מאַן, און אפֿשר צו זיך גופֿא און אירע אויגן האָבן זיך צעעפֿנט:

— אָ, אָ, ווי דאָס לעבן מאַכט קאַזשלקעס מיט אונדז! בײַ נײַס האָט זי צונויפֿגעדריקט די ווײַעס, פֿון וואָס איר פּנים איז עפּעס טונקעלער געוואָרן. משמעות, אין ווידער דערוואַכטער אַײַלעווּדיקייט האָט זי זיך אויף דאָס נײַ אָפּגעגעבן דעם געדעכעניש וואָס איז להוט וואַרעמקייט אין אַזאַ זעלטענער מינוט, ווען מ׳דערנענטערט זיך אין ממשות צום אַנטרונענעם עבֿר. מיט אַ מאָל האָט זי אויסגעפּראַלט: — אָ די יאָרן...

— וואָס ווילסטו, די צײַט זאָל זיך האָבן אומישנע אָפּגעשטעלט פֿאַר דײַנט וועגן, ווײַבעלע? נישט מיך און נישט דיך האָט זי אין זינען, די צעקאַפּריזעוואַטע מאַדאַם צײַט, — האָט אַבֿרהם געוואָלט טרייסטן שושנהן פֿאַר עפּעס-וואָס און נישט געוווסט ווי אַזוי. — די וואָס טרײַבן דעם וואָגן פֿון אונדזער וועלטל האָבן גאָר אַנדערע דעות, ווי מיר. זיי זענען מעלה גירהס פֿון שרײַיִקע וועלעכצן וואָס עס האָט זיך אפֿשר געחלומט זייערע פֿאַרגרעבטע אָבֿות. בסך הכּל איז דער גרויסער אָרום און אָרום אַ ווילדקייט פֿון משוגעים. איין מטורף וויל דווקא איבערשטײַגן דעם אַנדערן, דערפֿון לײַדן אַלע, אַלע. אויך מיר מאַכן-נאָך, לא ברצון, וואָס אַנדערע טוען. אין ברירה לנו, מבֿינה את, שוש? גיב אַ טראַכט — מיט דיר, מיט מיר איז דען אַנדערש? אַנדערע כּוחות, אויב דו ווילסט, העכערע כּוחות לענקען דעם גורל פֿון די מענטשן. אָט האָסטו געמוזט צוזען ווי דער אשמדאי האָט אָנגעצינדן דאָס פֿלאַמפֿײַער פֿאַר אונדזער כּאַטע, אַלאָ איך האָב געמוזט שטיין צוקאָפּנס פֿונעם מידבר, זײַן עדות ווי ארץ-ישׂראל האָט זיך געוועקט אין אימה צו שטעלן זיך קעגן די גזלעוואַיעס פֿון רוצחישע חיילות, וואָס האָבן אָנגערוקט...

אומגעריכט האָט אַבֿרהם זיך צערעדט בײַם רודער פֿונעם אויטאָמאָביל, אַרויסגערופֿן דעם נעכטן, אַזש בײַ שושנהן האָט גערונצלט דאָס לײַב. זי׳ט זיך ממש אַ קאָרטשע געטאָן. האָט זיך פּאַפּערעק געשטעלט אַ שנײַדיקע מחשבֿה: „איך פֿאַר אַנטקעגן די טײַערע לײַט, אָבער אין אמתן איז מיר פֿײַנלעך צו הערן (און זען וואָס תּמיד מאָלט מיר אויס דער דמיון) וואָס

זיי וועלן קענען דערציילן. זיכער האָב איך זיי ליב, אַלאָ מיך שרעקט דער אַנדערער אמת וואָס זיי ברענגען מיט זיך. זיי וועלן אפשר קענען אים אַנטפּלעקן מיטן וואָרט וואָס רעדט זיך אַרויס אַליין, אָן אייגענעם ווילן. שושנהן איז בשעת-מעשה געוואָרן אומהיימלעך וואָס זי, זישע פלאַצקערס טאָכטער, איז מער נישט אַזוי יונג ווי שבֿע-קרוין געדענקט זי. פאַרגייִיקע יאָרן זענען אַ מוראדיקע משׂא וואָס לאָזט זיך שפּירן גאָר-גאָר. ווי אַן אומהיילעוודיקע ווונד איז אויפֿטרייסלענדיק דער יש פֿון פֿאַרוועלקונג וואָס מורמלט אונטער פֿאַרעקשנט: „דו האָסט שוין אַזוי פֿיל פֿאַרשפּילט! דער חורבן איז באמת פּחדימדיק ווי ער לייגט זיך אויפֿן זכּרון, אָבער ווי אַזוי אַרויסברענגען דאָס לשון פֿון דעם נסיון וואָס יוירט אין דײַן אייגענעם געמיט און צעוואָקלט דעם געדאַנק, צעטאָטשעט דיך, דווקא דיך, בכן דו ווערסט אַלט. שוש, דאָס איז אויך אַ חשבון... ווײ, ווי וועט שבֿע-קרוין קוקן אויף מיר? זי וועט מיך אַפֿילו נישט דערקענען! ס'איז טשיקאַווע: ווי זי האָט זיך געענדערט, טאַקע שבֿעלע גופֿא און ער?...״ אומגעריכט האָט די פּרוי געגומען פלאַמען פֿון אַן אומגעהייערן נײַגיר און — זי'ט געגומען כּלומרשט נאָכלאָזיק גלײַכגלעטן אירע האָר, מיט די שפּיץ-פֿינגער דורכגיין די הויט פֿון פּנים, זוכן די אַנגעשוואָלנקייט וואָס האָט טונקל זיך געשטעלט אונטער אירע אויגן.

...האָבן די פֿרײַנד לסוף זיך באַוויזן אויף די אַוויאָן-טרעפּן, האָט שושנה אַ טאָרע געטאָן דעם מאַן און אין פּלוצלינגער קלעמונג האַסטיק, אָבער שטילינקע אויסגעשריגן צו אים ווי נישט מיט איר קול:

— אָט זענען זיי, אַבֿראַם! זעסט, אַבֿרהמל די אַ מיטן גרויסן בײַטל אַנגעהאָנגען אויפֿן אַקסל? דאָס איז שבֿע-קרוין. כ'שווער דיר — איך האָב נישט קאָ' טעות. אָ, זי האָט קנאַפּ זיך געענדערט. נאָר עלטער אַ ביסל, אָבער שיין ווי געוועזן. כ'על דיר ווײַזן איר פֿאָטאָ פֿון אַמאָל. פֿאַראַן ערגעץ צווישן מײַנע אַמאָליקע פּאַפּירן. בחיי, די אייגענע. — שע-עעע-וואָאַאַאַ! — האָט זי מיט אַמאָל, אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין, הויך אויסגערופֿן דעם נאָמען און געפּלאָמט אינעם ווילן אַז אָט שוין זאָל שבֿע-קרוין איר אַנט-קעגן לויפֿן. זי זאָל אויך ז י, שושנהן דערקענען. אָך, ווי זי האָט זיך געשראָקן נישט דערקענט צו ווערן פֿון דער חבֿרטע פֿון די ווײַטע יאָרן. ס'איי אומרחמנותדיק דער חותם פֿון דער עלטער וואָס וואַרפֿט זיך אויפֿן מענטש; ניין, ס'איז אַ שווערע שטראָף פֿאַר דער פֿרוי אויפֿן שײַדוועג פֿון צײַטן, ווען זי ווערט געשטעלט פּנים-אל-פּנים פֿאַרן האַרבן פּסק-דין בשם איר אייגענעם גורל, וועלכן ס'איז נישט אָפּצולענקן פֿון זײַן דרך ביז... אוי, ווי ער פֿאַלט צו מיט דער בײַטש!

האָבן זיי זיך שוין דערנענטערט, זיך דערקענט מער לפּי דעם חוש וואָס לעבט בלינד אינעם בן־אדם, געקושט זיך, פֿונאַנדערגעווײנט אויפֿן אַקסל פֿון איינער אויף דער אַנדערער. נאָך מינוטן אײַנקוקן זיך אײנאַנדער, האָט שושנה באַלד גוט־שוועסטעריש זיך אָנגעברוגזט אויף שבֿע־קרוין:

— זע, וואָס פֿאַרא שלעכטע דו ביסט! האָסט מיר נישט פֿאַרגונען כ׳זאָל דיך פֿריִער דערקענען, אײַנקוקן זיך אין דיר. אַזאַ לאַנגע צײַט זײַנט די בריוו האָבן אונדז אָפּגעפֿונען, האָסטו קיין מאָל קיין איין פֿאָטאָ נישט געשיקט. איך, פֿאַרקערט, האָב איטלעך מאָל דיר געשיקט אַ פֿאָטאָ פֿון זיך אַליין, אויך פֿון אונדז אַלעמען — און בעת־מעשה אָנגעטײַטלט אויפֿן מאַן און אויפֿן יינגל. אַ נו, שימעק ווו ביסטו? ווײַז זיך פֿאַר דער דודה שבֿע. זי באַדאַרף דיך אָנקוקן, זען וואָס פֿאַר אַ שיינעם זון איך האָב. שימעק האָט זיך פֿאַרשעמט, געדריקט די האַנט פֿון דער דודה, אויך פֿון איר מאַן און פֿון אונטערן שטערן אַפּיר באַדעכטיק באַטראַכטביידע. זענען זיי גוטע, די אַזוי פֿיל געליטענע ווי די אמאַ דערציילט? די געסט האָבן אָבער נישט געקענט אַ סך רעדן; זיי האָבן מער געקוקט, עפּעס נישט דרייסט געוועזן מער צו פֿרעגן, מחמת דער אַרום האָט שטאַרק גערוישט. די הערצער זענען צעטומלט געוואָרן פֿון דעם שלל אומגעריכטקייטן וואָס זיי האָבן אָנגעטראָפֿן. די גפֿנים האָבן זיך אין מיטן דערינען געכאַפּט אַז ס׳איז נישט קיין שום תּכלית לענגער צו שטיין אין דעם רעש וואָס שפּרייט זיך אַרום זיי. בלי עין־הרע אַזוי פֿיל מענטשן די, וואָס זענען נאָר וואָס אָנגעקומען פֿון דער ווײַט און אויך פֿון די וואָס האָבן מיט נײַגיר און בענקעניש געוואַרט און מיט האַרצקלאַפּעניש זיי באַגעגנט, ליבלעך אַרומגעאַרעמט. פֿון צעטומלעניש האָט שושנה פּלוצלינג זיך אַ ריס געטאָן פֿון רעש אַרויס און אָנגעכאַפּט שבֿע־קרוינען בײַם אָרעם:

— אַ נו, מירן דאָ גאָר נישט אויסשטיין. מ׳באַדאַרף וואָס גיכער זיך אַרויסוויקלען פֿון דעם גערודער. מירן צונויפֿנעמען די רענצלעך־פּעקלעך פֿון די פּקידים און זיך לאָזן אַהיים צו. אין דרויסן וואַרט אונדזער וואָגן.

אָבער, ניין, די דעה איז נישט בלויז שושנהס, דער פֿאַרבענקטער חבֿרטע פֿון שבֿע־קרוין. אַ פּנים, נאָך עמעץ האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די ליבע געסט פֿון דער ווײַטער ווײַט.

ג

עס האָט זיך געמאַכט אַזוי אַז די וואָס האָבן אויך גאָר שטאַרק זיך געגרייט אָפּצונעמען די געסט וואָס זענען געקומען צו די גפֿנים, זענען געבליבן שטיין אַנטשטומטע, אַ ביסל אָן אַ זײַט. אָפּוואַרטן די הערשמאַנס

איז געקומען אויך אַן אַנדער פּאָרפּאָלק, שטיקלעך קרובֿים פֿון כּפֿר־סבֿא. אויך זיי זענען געווען להוט צו זען ז י י ע ר ע א י י ג ע נ ע וואָס זענען בדרך נס אַרויס לעבעדיקע פֿונעם פֿלאַקערנדיקן קאַלעכאויוון, וועל־כער האָט אין י ע נ ע י אָ ר ן פֿאַרשלונגען מיליאָנען ייִדישע לעבנס. דער קרובֿ, אַ ביסל אַ פֿאַרשטויבטער תּושבֿ פֿון ישׂראלשן שטעטל, האָט אומגעריכט זיך אַרויסגערוקט פֿון צווישן די נײַגיריקע, פֿאַרקאָכטע אַרומ־שטייערס און אַ זאָג געטאָן צו די גפֿנים וואָס האָבן זיך שוין געקליבן נעמען צו זיך אין וואָגן אַרײַן די קלומעקעס פֿון די אָקערשט אָנגעקומענע.

— אַצינד מאַמע ליבע, לאָזט מיך זיך מעלדן. — נעענטער זיך צו־גערוקט, האָט דער ייִד באַלד אָנגענומען די האַנט פֿון שבֿע־קרוין און צו איר געזאָגט מיט אַ הייסן געשטאַמל: „דו דערקענסט נישט משה־האַרשן, דאָס געשוועסטערקינד? עך, ווי דער געדענקער שטרויכלט זעך! קיק מיך אָן, שבֿעלע. איך בין דעם פֿעטערס זאַנוולס. יאָ, יאָ, ס׳איז משה־האַרש, איך בין עס. זאָל קימען אַ ברכה אויף דיִער צום קימען אין אינ־דזער לאַנד אַראַן — —" ער׳ט גערעדט אַ ביסל שעמעוודיק, שווער גע־ציילט די ווערטער און נישט געקענט דערטראָגן זײַן בליק צו שבֿעלען, דעם שוועסטערקינד. מיט אַראָפּגעלאָזענע אויגנלעפּלעך האָט ער גערעדט און אַלץ נישט אַרויסגעלאָזט איר האַנט פֿון זײַנער.

— שבֿעלע איך ׳על דיִער אַ קיש טון ווי אַן אייגענער ברידער, וואָס האָט אָפּגעפֿינען אַ פֿאַרלוירן געגאַנגענע שוועסטער און כ׳פֿאַרבעט דיִעך צו מיִער אַהיים. ערשט באַקען מאַמן וואַאַב, — און ער׳ט אַ צי געטאָן צי זיך די פֿרוי וואָס איז ווי אַ זײַטיקע געשטאַנען אין דעם געזעמל פֿון ווײַטנס און אַ צעחושטע שווער זיך צוגעהערט וואָס עס רעדן די פֿריש אָנגעקומענע מיט די אָפּוואַרטנדיקע. פֿונעם גערייד וואָס האָט זיך געטראָגן פֿון דעם נאָענטן קרענצל ייִדן, האָט יעדער געקענט זיך אָנשטויסן אַז די אַלע זענען אָפּשטאַמיקע פֿון פּוילן, וועלכע ליגט אָקערשט דערשטיק־פֿאַר־שרפֿעט פֿון גויִשער שׂינאה.

— קים צי, כעוועט, — האָט שוין דערדרײַטלט געזאָגט דער תּושבֿ פֿון כּפֿר־סבֿא — דאָס איז אונדזער שבֿעלע, די געראָטענע טאָכטער פֿון מאַמן פֿעטער פּאַאָול עליו השלום. הע, — האָט ער שוין אַ געדיכטן קוק גע־געבן דעם גאַסט אין פּנים אַרײַן — אויך ער (און אָנגעוויזן אויף שבֿעס מאַן) האָט מיטגעמאַכט די ברעך וואָס אַלע ייִדן דאָרט, — אַ נכפֿה אויף דער געמיינער פֿאָראָדע! ס׳אַר אַ ביטערע באַשערטקייט אינדז איז צוהאַנדן געקומען — — דער מענטש האָט גערעדט אַזוי אַז סײַ שבֿע סײַ די גפֿנים זענען געבליבן פֿאַרגאַפֿט, אָן צו קענען אַרויסברענגען אַ וואָרט, כאָטש די

שפּיץ צונג האָט זיי געביסן צו לאָזן זיך הערן. ווען כעוועט האָט גענומען שבֿעס האַנט זי צו באַגריסן מיט „אַ גליקלעך קימען צי אינדז און אַ פֿריידיק זאַאַן מיט אינדז", איז זי מיט אַ העשען באַלד אַרויפֿגעפֿאַלן אויפֿן אַקסל פֿון ליבן גאַסט. די אַרומשטייענדיקע האָבן געקוקט ווי פֿאַרגלי־ווערטע, דערויף אָנגעהאָנגען דעם בליק אויך אויפֿן קרובֿ פֿון כּפֿר־סבֿא. דערנאָך האָט דער פּראָווינצער זיך געווענדט צו שבֿען מיט אַן אָנגעשפּאָלטן קול:

— ס'איז געניג אָף דערוואַאַל. לאָמיך דיִעך נאָך אַ מאָל אָנקיקן, וואָרן כ'שפּיר ווי ס'וואָלט נישט געווען וואָר דאָס וואָס איך זע. בינו לבינה האָט ער שבֿען ווידער אָנגענומען פֿאַר דער האַנט און לאָזט אַראָפּ צו איר זײַן בליק, אַ שווערן בליק אַזאַ און זיך געבעטן בײַ איר:

— ערשט וואָאַז מיִער דעם צייכן פֿון גיהנום וואָס אינדז איז צוגע־טיילט געוואָרן. נאָר אַ נס, וואָס אַהער האָט דער שׂטן נישט דערגרייכט מיט זאַאַן לאַפּע. — דער ייִד האָט שבֿעס אַרבל אַ שאַר געטאָן אויף אַרויף צו זען דעם סימן פֿון געחתמעטן טויט אויך פֿאַר די וואָס זענען על־פּי גורל פֿון דאָרט אַרויסגעקומען ווי האַלעוועשקעס. דערזען דעם אויסטאַטויִרטן נומער אויף דער פּרויס האַנט, האָט דער מענטש טרויעריק אָפּגעדעכעט און מיט אַ גערעגט קול פֿון ס'נײַ זיך צערעדט פֿאַר די אַרומשטייענדיקע:

— אַצינד זעיִטס וואָס ס'איז געוואָרן פֿון אונדזער האָפֿענינג צו דער־לעיבן זען פֿון דאָרט אַן אַלטן טאַטן, אַ ברידער, אַ שוועסטער! אַ וואָסער־דיק־טונקעלער נומער אונטער דער דינער הויט האָט דער משחית געלאָזן אויף אַזוינע גלאָווניעס. מיז מען ערשט טײַער האַלטן איטלעכן ייִד און היטן יעדן שפּאַן ערד וואָס איז באַפּרײַט געוואָרן פֿון אינדזערע חיילים. וואָס נאָך קען אַן אינדזעריקער זוגן? דו, שבֿעלע און דאַאַן מאַן זוג איִעך — געזעגנט זעך מיט ענקערע פּראַאַנט און צ'עט מיטקימען מיט אינדז. עץ דאַרפֿט זעך קודם אויסריען. מאָרגן, בעסער איבערמאָרגן, ווען זיי פֿראַאַנט קענען ענק זעען. פֿאַר ענק איז ציגעגרייט אַ צימער מיט אַל די נייטיקע באַדאַרפֿטיקייטן. דערויף האָט ער אַ קוק געגעבן אויף די גפּנים:

— עץ 'עט מוחל זאַאַן, חשובֿע לאַאַט, צ'זעיט דאָך: די געסט זענען פֿאַרמאַטערט. אויב עץ 'עט באַגערן, איז מיִער ליב ענק צו זעיען בײַ אינדז אין שטוב. כּפֿר־סבֿא איז ניש וואַאַט פֿון תּל אבֿיבֿ. שפּעטער אַראַן, שבֿעלע און מנחם וועלן האָבן כּוח און חשק וועלן זיי קימען צו ענק. דאָס זוג איִעך אין מאַאַן נומען און אין נומען פֿון די ליבע קרובֿים, אויף וועלכע איך און מאַאַן מישפּחה האָבן לאַנג זיך אויסגעקיקט די אויגן.

אָפּגעזאָגט וואָס איז באַשיימפּערלעך אים געלעגן אויפֿן האַרץ, האָט

דער מענטש פֿון כּפֿר־סבֿא אַ צי געטאָן שבֿעלען בײַ אַן אַרבל, אויך אַ צופּ געגעבן בײַם לאַץ איר מאַן און באַלד זיך אָנגעבויגן צו נעמען צוטראָגן זייערע וועג־פּעקלעך:

— דאָ שטייט אַ טאַקסי וואָס איך האָב געדונגען ענק אַהיימצוברענגען צי אונדז. וואָס קיקט עך? צי אינדז אַהיים, מאַנע טאַיערע. וואָס, צ׳עט גיין אין אַ האָטעל אַראָן צי ערגעץ אַנדערש, ד אָ ס ג אַ י ט נ י ש! ש ו י ן פֿ י נ ע ף א ו ן צ ו אַ נ צ י ק י ו ע ר ווי מאַאָן הויז וו אַ ר ט אָ ף ע נ ק, מ אַ אַ נ ע ל י ב ע!

שושנהן מיט אַבֿרהמען איז הייס געוואָרן פֿון דעם אָ ייִדס גערייד. געהערט אַ מעשׂה?! נאָך מער האָט די גפּנים געאַרט די דרייסטקייט אײַ־בערצופֿאַלן זייערע געסט אין דעם שענסטן טאָג, וואָס זיי האָבן קוים זיך דערוואַרט אויף אים. קומט אַזעלכער און שלעפּט אַוועק מיט כּוח דאָס אָפּ־געציטערטע פֿון זייער האַרץ.

— סאַראַ חוצפּה פֿון אַ מושבֿניק, — האָט אַבֿרהם גפֿני אין מיטן דערינען זיך צעברומט מיט כּעס דעם ווײַב אין דערהיצטן פּנים אַרײַן. בשעת־מעשׂה האָט ער מיט ענערגיע אָנגעפּאַקט בײַם אַקסל זייער ייִנגל וואָס איז געבליבן שטיין אַ פֿאַרלוירענער:

— הביתה, שמ־עון! לאָמיר גיין. איר׳ט זיך קריגן מיט אַזאַ איינעם,

— און ער׳ט ראַפּטעם אַ צי געטאָן נאָך זיך ס׳ווײַב: — נלכה, שוש! און שוין אויף אַן אמת זיך צעקאָכט. אָבער אויך שושנה האָט עס נישט אויס־געהאַלטן. נעמען און אַזוי גלאַט אַוועקגיין פֿון אַזאַ חוצפּהניאַק? ווער האָט זיך געריכט אויף דעם אָנשיקעניש! זי האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, געזוכט הינטער זיך ס׳פּנים פֿון שבֿע־קרוין, געוואָלט פֿון איר כאָטש הערן אַ קלאָר וואָרט: „וואָס טענהט זי צו דעם? אַזאַ באַגעגעניש! מ׳וואָלט זיך כאָטש געריכט אויף אַזוינס. מיט אַ מאָל איז אַ שוועסטערקינד געקומען צו רײַטן. אַזאַ קרובֿ וואָס שוין פֿינעף און צוואַנציק יאָר קוקט ער אַרויס אויף איר. ס׳איז כ׳לעבן, ווי אַ ביטער טיאַטערשפּיל. כ׳וואָלט געשווירן אַז שבֿע־קרוין האָט אים אַפֿילו נישט געהאַט אין זינען! בחיי, אַ ווילד באַשעפּעניש. ביסט אַ מבֿין אויף אַ ייִשובֿניק?״

שוש האָט מיט היץ דאָס אַרײַנגעטומלט אין אַבֿרהמס אויערלעפּל און זיך געשעמט פֿאַרן אייגענעם זונעלע. וואָרן וואָס ׳עט זי איצטער קענען זאָגן איר שימעקן? אַזוי לאַנג זיך געגרייט צו דער באַגעגעניש, אַזוי פֿיל אים אָנדערציילט וועגן שבֿע־קרוין, איז האָסטו דיר אַ ייִשובֿניק. כּפֿר־סבֿא מיר צום טיש!

...שבֿע־קרוין האָט באמת זיך נישט געקענט אַרויסדרייען פֿון דעם

גוט־ווינטשנדיקן קרובֿ וואָס האָט זיך אָפּגעזוכט. זי׳ט בכלל זיך נישט גע־ריכט אויף אים. זי האָט אים נאָר איין מאָל צוגעשריבן אַ קורץ בריוול, פּשוט כּדי צו „לעגאַליזירן״ פֿאַר אים איר קומען קיין ישׂראל ווו זי האָט טײַערע פֿרײַנד, אַלאָ זי איז נישט אויסן געווען די נאָענטקייט פֿון דעם קליינשטעטלדיקן שוועסטערקינד. דער משה־הארש איז איר קיין מאָל נישט געווען נאָענט. נאָך די דײַטשישע און רוסישע חורבנות, ווען איעדער ייִד האָט זיך דערשפּירט אַרומגעריסן פֿון איטלעך ברעקל היימישקייט, איז אויך משה־האַרש געקומען אָפּמאָנען „ס׳זײַניקע״ — דערפֿאַר האָט שבֿעלע נישט געקענט מעיז־פּנים־זײַן. ווי קען מען הײַנט אַזוינס אָפּזאָגן? דאָך אַ שוועסטערקינד, אַ זון פֿון אַן אייגענעם פֿעטער און מומע וואָס זענען אויך שוין זכרונם לבֿרכה. נעבעך, קיין איינס פֿון דער משפּחה איז נישט געבליבן, מוז מען בעל כּרחי זיך אָנהענגען אַפֿילו אין אַזאַ, מיט וועלכן מ׳איז נישט געווען צו פֿיל שמעלקע, צו מאָל נישט ווי אַ שכן מיט אַ שכן. אַזוי האָט שבֿע־קרוין אָבער־אַ־מאָל זיך פֿאַרענטפֿערט פֿאַר שושנהן, שוין אויפֿן ווונק זיך פֿאַרענטפֿערט מחמת פֿאַרלוירנקייט. אַזוי איז זי בלית ברירה אַרײַן אין דער טאַקסי אָנפּצופֿאָרן „אַהיים״ קיין כּפֿר סבֿא. „דיך, שושנה טײַערע, וויל איך אין גיכן זען, — האָט זי נאָך געזאָגט אַ שעמעוו־דיקע. זי׳ט רעכט נישט געקענט איר קוקן אין פּנים אַרײַן, אַלאָ איר בליק האָט דײַטלעך גערעדט: „ס׳איז סכּנהדיק דאָס צאַפּלען פֿון מײַן האַרץ אויף אויסצורעדן זיך פֿאַר די אַלע יאָרן. וואָלטסטו זיך צוגעגייגט צו מײַן ברוסט, וואָלטסטו זיך צעוויינט פֿון הערן דאָס זבענקען. זאָלסט כאָטש קו־קומען צו מיר, וועל׳עך געיכער קענען גיין צו דיר. חס ושלום, כ׳וויל קיינעם פֿון אײַך נישט פֿאַרלירן. זאָגן דיר אַן איבעריק מאָל אַז דו ביסט מיר די נאָענטסטע וואָס איז מיר געבליבן פֿון צווישן די ליבסטע? צו ערשט זיך נאָר אָפּרוען, ווי ע ר זאָגט, אונדזער משה־האַרש. אמת, נאָר זיך אָפּ־רוען בײַ דיר?״ — האָט שבֿע אויפֿגעהויבן דעם בליק צום שוועסטערקינד, צו זען צי ער הערט זיך בכּלל צו צו איר אַרײַנרעדן אין דער פֿרײַנדינע וואָס דערעיקרשט צו איר האָט איר געצויגן צו מאַכן די נסיעה. ווי באַלד שבֿע־קרוין האָט דערוויסט נעבן זיך דעם קוזין, האָט איר מויל ערשט געגומען טריפֿן מיט רייד וואָס האָבן מכוון געווען צו פֿאַרהוילן איר וואָר־האַפֿטיק טראַכטן אין דער אַ מינוט:

— מירן זיך האָבן אַ קאַפּעלע אָפּגערוט, דורכגעשמועסט, אמת, משה־האַרש־לעב וועלן מיר זיך צונויפֿטרעפֿן אַלע, אַלע און בײַנאַנד זיך פֿרייען. אָך, ווי ס׳האַרץ איז לאַקאָמע אָפּצופֿרייען זיך מיט אייגענע און ליבע. די טרערן קוועלן מיר אַזש אין האַלדז אַרײַן בײַם טראַכטן דער־און. אוי, ווי

כ׳פּריי זיך ענק צו זען, — האָט שבֿע מיט אַ מאָל זיך צעכליפּעט, אַ געוויין וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן אין אַ הילכיק העשען, אַזש דער מאַן וואָס איז געזעסן נעבן איר אין טאַקסי, האָט גענומען זיך ווישן די באַקן. דער־נאָך האָט שבֿע, ווי נאָך אַ טיפֿן אָפּעטעמען, אָנגעהויבן רעדן אַ מאָדנע דערוואַכטע:

— משה־האַרש, כ׳בעט דיך, גיב דײַן אַדרעס די פֿרײַנד מײַנע, זיי זאָלן וויסן ווי אַזוי צו קומען צו אײַנדז. אמת, משה־האַרש, ווילסטו זיי זאָלן קימען אײַנדז זעען! שרײַבטס אויף דעם אַדרעס, — זאָגט שבֿע תּוך כּדי דיבור צו די גפֿנים און רוקט מער אַרויס דעם קאָפּ פֿון דער טאַקסי:

„משה־צבֿי ליבלינג, רחובֿ דן אַבֿרבנאל זעכצן, כּפֿר־סבֿא״. ס׳ריכטיק דער אַדרעס, משה? כ׳מיין, כ׳בין זיך נישט טועה, אָבער אויפֿן זכּרון וויל׳עך זיך נישט פֿאַרלאָזן.

— ראַכטיק, ראַכטיק, — האָט דער פֿאַרשוויצטער קרובֿ צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ און שוין אויסגעקוקט אַז די תּל אָבֿיבֿער זאָלן זיך אָוועקרירן פֿונעם אויטאָ. ער האָט אײַנצײַטיק אויך אונטערגעטריבן דאָס ווײַב זי זאָל זיך געשווינדער אַרײַנזעצן אין וואָגן. ער האָט אויף צו פֿלייסן געהאַלטן די האַנט אויפֿן צעעפֿנטן טירל פֿון דעם שאָפֿערס קאַבינע.

— פֿאַרגעסט נישט צו נעמען דעם אָמניבוס קאָ׳ כּפֿר־סבֿא, — האָט שבֿע נאָך אַ מאָל אַרויסגערעדט פֿון אויפֿגעהויבענעם טאַקסי־פֿענצטער. איר זאָלט חלילה נישט זוכן אַ דן אבֿרבנאל־גאַס אין תּל־אָבֿיבֿ צי אין רמת־גן, וווּ ס׳וווינען אויך ייִדן אָן עין־הרע, — וויל שבֿע אַרויסקריגן פֿון זיך אַ שמייכל; זי קוועטשט זיך אויף דעם מיט איר פּנים און מיט די טרערן־פֿאַרטריקנטע אויגנדעקלעך. בינו לבינה האָט זי נאָך אויף דער גיך מוסיף געווען אַ פֿרעג:

— הער נאָר, משה־האַרש, ס׳איז וואָאַט פֿון דאַנען דאָאַן כּפֿר־סבֿא? כ׳וויל געיכער אַרויס פֿון זאַאַן אונטערוועגס. כ׳וויל זאַאַן אין דער מדינה.

— ס׳איז ערגעץ אַ העק, — האָט דער צערייצטער אַבֿרהם גפֿני אומ־געריכט אַרײַנגעוואָרפֿן אַ זאָג מיט אַ להכעיס אַז ס׳זאָל טרעפֿן דעם פּראָ־ווינצער, און ר׳האָט אײַנצײַטיק אַ העפֿטיקן שלעפּ געטאָן זײַן ייִנגל:

— שמעון, הה־בבי־יי־תההה! דאָ האָט זיך שוין געשפּירט די הויך אַרויסגעבראַכטע באַליידיקטקייט פֿון די גפֿנים; אָבער מער פֿון אַלע האָט דער קליינער שימעק זיך געשפּירט אָפּגענאַרט פֿון דעם אומזיסטיקן וואַרטן סײַ אין דער היים און סײַ אין לוד, אויפֿן פֿליפֿלאַץ. ער׳ט מערערע מאָל מיט אומגעדולד איבערגעפֿרעגט: מה קרה, אבאָ? למאַי איז די אמא אויפֿ־געדעגט, למאַי די געסט גייען נישט אַרײַן אין אונדזער וואָגן? איך באַנעם

נישט", — האָט שימעק אומרויִק געקוועטשט די אויגן. די מוטער, האָט ער געזען, קען אַליין נישט קומען צו זיך נאָכן לאַנגן מכינען זיך צו דער טרעפֿונג מיט די ליבע געסט. פֿון אירע איבערגעחזרטע רייד האָט דאָס יינגל געדרונגען אַז ס׳איז עפּעס נישט גלאַט מיט די פֿון כּפֿר־סבֿא.

„נאַ דיר אַ דאָרפֿיש באַשעפֿעניש, וואָס האָט זיך צוגעטשעפּעט. אַ כּפֿר־סבֿא צו מאַאַן קאָפּ!" — האָט שושנה נערוועז אַרײַנגערעדט אין מאַן. זי האָט איבער אַ נײַס, שוין אין שטאָט, אין זיך אַרײַנגעווײַנט איבערן טראָף וואָס איר איז געשען צו ברענגען שבֿעלען מיט מנחמען ווי אַ האַר־ציקע דערפֿרייעניש סײַ פֿאַרן מאַן און סײַ פֿאַרן זונעלע. כאָטש אַ שטיקל צײַט וועלן זיי רעכט אַפּיומטובֿן מיט די געסט נאָך אַזוי פֿיל יאָרן לעבן אַזוי וואָכעדיק, רק מיט דאגות און קרענקענישן מחמת בענקען און אי־בערטראַכטן וואָס ס׳איז געשען און וואָס ס׳קען חלילה נאָך טרעפֿן. שוין יאָרן, יאָרן אָן אַ אמתדיקן געפֿיל פֿון יום־טובֿ אין הויז. שושנה האָט נישט אויפֿגעהערט אַרײַנצוקלאָגן אין זיך און אויך געעקבערט ס׳געהירן פֿון די אייגענע: די שבֿעלע איז לפּי איר פּילן, דער אוצר וואָס זי האָט אין איר נשמה פֿאַרבאַהאַלטן זינט איר ווײַטלעכער יוגנט, שושנה צוקער די אַפּאַטשנערין! ווי וועט זי אַצינד קענען זיך פֿאַרענטפֿערן פֿאַר די אייגענע, פֿאַר אַבראַמען און פֿאַר דעם זיסן שימעק? נייך, זי ווייסט נישט ווי אַזוי אָנצוהייבן פֿאַר זיי אויפֿוויקלען די זאַך וואָס האָט אַזוי זיך פֿאַרפּלאָנטערט פֿאַר איר, אָבער נישט ווינציקער פֿאַר זיי. אַזאַ טראָף לאָזט זיך נישט אָפּווישן מיט אַ בלאָס וואָרט וואָס זי קען אָקערשט אַרויסברענגען: סליחה, טײַערע מײַנע. ווי אַ גזלן איז עפּעס אַ דאָרפֿישע בריאה אָנגעפֿאַלן אויף אונדז. אלאָ שלאָגן זיך מיט אַזאַ איז נישט קיין ענייך. ווי אַ וואָלף פֿון וואַלד האָט געכאַפּט די ליבינקע אויף זײַנע שטומפּיקע ציינער, דער קרובֿ־נישט־קרובֿ און אויפֿן פּלייצע זיי אַוועקגעטראָגן אין אומבאַוווסטן.

ד

די גפֿניס האָבן לאַנגע טעג נישט געקענט לעשן אין זיך דעם גלי־פֿון דער באַליידיקונג וואָס זיי האָט געטראָפֿן אַזוי אומגעריכט: „פֿינעף און צוואַנציק יאָר האָט ער געוואָרט אויף זיי, דער מושבֿניק, און דער־פֿאַר געגומען זיך די רעכט זיי צוצורויבן, די האַרציק־באַגערטע. אַזאַ כמאָל! וואָס, מיר זענען דען ווינציקער יידן ווי דער הדיוט? מיר וואָרטן דען נישט לענגער אַז אַ שטראַל וואָרעמקייט זאָל אויפֿטײַען אונדזערע הערצער. בפֿרט אונדזער וואָרטן אויף שבֿע־קרוין מיט מנחמען, וואָס נעכ־טערס איז אונדז נישט געבליבן!" האָט שושנה נישט אויפֿגעהערט אָנזויערן

די שטוב מיט איר אַנגעװירענער בענקעניש צו די װאָס זענען בגוואַלד פֿאַרמשכּונט געוואָרן אין כּפֿר־סבֿא. לסוף האָט זי אַן אַנגעכמורעטע זיך געווענדט צום מאַן:

— הער נאָר, חבֿיבֿי, האָסט כאָטש נאָך ערגעץ דעם מושבֿניקס אַדרעס? איך קען מער נישט וואַרטן אַז דער פֿאַרשוין זאָל זיך דערמאָנען אַז מ׳דאַרף אונדז אומקערן דעם משכּון?

— מעגסט מורא האָבן, שוש, אָבער זאָגן מעג איך דיר אַז מ׳וואָלט טאַקע געמעגט פֿאַרלירן אַזאַ אַדרעס.

— מעגן מעג מען פֿאַרלירן, נאָר דאָס פּאַפּירל, אָבער נישט שבֿע־קרוינען. דעם כמאָל וואָלט איך נישט וועלן אַנקוקן, נאָר די טײַערע מוז מען פֿון דאָרט אַרויסצי׳ען. אַ נו, ווײַז דעם אַדרעס צי דו האָסט אים אויף אַן אמת. בבֿקשה, צו להכעיס דעם חמור וועלן מיר מאַכן די נסיעה אַהין צו, תּיכּף, ווי לאַנג שימעק איז נישטאָ אין שטוב. איך שעם זיך שטאַרק פֿאַר שימעקלען; צוגעזאָגט אים אַרײַנצוברענגען שבֿע־קרוינען מיט מנחמען, דאַרף ער זיי דאָ טרעפֿן. דאָ, בײַ אונדז. אָפּצווישן מיט דעם די דערנידערונג מצד דעם ווילדן מושבֿניק. נחמדי, פֿיר שוין אַרויס דעם וואָגן, — האָט זי געזאָגט און אירע אויגן האָבן אויפֿגעלויכטן אין אַן אומעטיקער האָפֿערדיקייט. מירן ברענגען די געסט און אַ יום־טובֿ וועט זיך צעשײַנען בײַ אונדז. מירן צום יום־טובֿ פֿאַרבעטן אויך אונדזערע פֿרײַנד פֿון הי, אַפֿילו פֿון אַנדערשוווּ, זאָלן אויך זיי זען און הערן וואָס אַזעלכע ווייסן... און שימעקל וועט זיך דערפֿרייען. ער׳ט אַהיים קומען, וועט ער זיך באַגעגענען מיט זיי — ווי ער וועט גליקלעך איבערראַשט ווערן. געדעכט, צי נײן, אַבֿראַם? נישט אַנדערש — מ׳מוז שוין אַרויסצי׳ען פֿון דאָרט די וואָס זענען אונדזערע געסט און נישט פֿון אַ פּלוצלינג צוגע־קלעפּטן קרובֿ, אַ שוועסטערקינד וואָס קען קענטיק אויך זײַן גראָבֿ. אַזוינס זאָל אָפּטוען דער כמאָל?! ס׳גייט נישט מער, — האָט שושנה מיט אַ מאָל זיך צעפּלאַמט. גלײַך פֿאָרן מיר קיין כּפֿר־סבֿא. זאָל אויך דער חמור־קאָפּ דערשפּירן וואָס ס׳איז טײַטש אַרײַנפֿאַלן צו יענעם אין שטוב און מיט אַ קונץ כאַפּן ס׳שענסטע־בעסטע אויף אַ טאָג־צוויי און לאָזן מענטשן זיך ווערגן פֿון פֿאַרדראָס. ס׳גייט נישט מער, אַבֿראַם!

— וואָדען, מיר קענען דען זײַן איידל אַקעגן אַ גראָבן פּליגל? די געסט וועלן בלי ספֿק זײַן גליקלעך זיך אַרויסצוקריגן פֿון דעם העק. כ׳על טאַקע אַ שפּאַן טאָן דעם וואָגן מיט אַ ביסעלע אימפּעט. אַ קאַפּעלע סבֿלנות, שוש!

1968

אַ הויז אויפֿן ראָג גאַס

א

שמאָל און לאַנג איז די גאַס, שמאָל, אַזש דער גאַסיקער רעש וואָס קנוילט זיך איבער איר, ווערט איטלעך מאָל דערשטיקט מיט אַ קוויטש מחמת דעם סכנהדיקן געשטויס פֿון קאַטשן, טאַקסיס, אָמניבוסן, לאַסט-וועגענער און מענטשן. מענטשן זענען דאָ אין תּמידן געדראַנג. לאַנג איז די גאַס — זי פֿאַרלויפֿט אַן אָטעם צום פּלאַטאַ-טײַך ווו זי צעפֿאַלט זיך, די גאַס, ווערט נישט אין זײַנע אַנסופֿיקע וואַסערן וואָס ברענגען פֿון אור-מעטום שפֿע און אָפּפֿרישנדיקע ווינטלעך פֿאַר בוענאָס אײַרעס, וועלכע איז דער קאָפּ און די לונגען פֿון דער אומגעהייערער מדינה.

גאָר גרויס איז אויך דאָס הינטערלאַנד פֿון מדינת אַרגענטינע. זי פֿרײַכט אונטער דער שפּאַרנדיקער זון און קען זיך קוים באַטוען מיט אירע מדבריותדיקע פּאַמפּאַס, מיט די ווילדערנישן, בערג און טײַכן. און די מענטשן וואָס אַרום אַלע ווײַטענישן פֿונעם לאַנד שפּירן אין די ביינער אייביקן לעבנסהונגער. אַן אומרו באַפֿאַלט דעם מענטשנוואָרג אין די טיפֿע מרחקים — אַלץ אײנס צי זיי זענען ווײַס-פּנימדיק ווי די וואָס האָבן ווײַט-שיסנדיקע ביקסן פֿאַר חיות-פֿאַנג צי שוואַרצהויטיק ווי די אָפּשטאַ-מיקע פֿון טשאַנאַס-שבֿט אָדער די אינדיאַס מיט די קופּער-קאָלירקע, ברייט-קיניקע פּנימער; די אַ מענטשן זענען סײַ מילד סײַ ווילד — ס'איז געוווּנדט צי זיי האָבן גענוג פֿלייש-געבראָטנס און ס'פֿעלט זיי נישט קיין בוטלעס ווײַן. אַן אומבאַגרײַפֿלעכער אומרו טרײַבט די מענטשן פֿון דער אומעטיקער פּאַמפּאַ ווי פֿון די רחבֿותן וואָס אַרום די ווײַט אָפּגעוואָרפֿענע סומנע טײַכבערגעס. רק זיי לאָקט דאָס מיניעדיקע ליכט פֿון דער שטאַרק אויסגערימטער גרויסשטאָט. אויך רופֿט זיי דער געשפּיל פֿונעם פּלאַטאַ-טײַך, דעם ימישן וואַסערבעקן וואָס צוקאָפּנס דער ליכטיקער שטאָט, וועלכע איז צוזאָגנדיק פֿאַר אַלעמענס געלוסטן, מחמת דער פּלאַטאַ-טײַך קען אַוועקפֿירן אין דער גרויסער וועלט אַרײַן און ער איז אויך רײַך מיט פֿיש און כּלערליי ים-באַשעפֿענישן וואָס לאָזן זיך פֿאַרהאַנדלען פֿאַר געלט. און געלט, ווייסן אַלע, איז דאָס אַנגלי-פֿײַער פֿון דעם מענטשנס דמיון. לכן איז די פֿאַנטאַזיע מײנסטנס אָנגעצילט צו דער זיס אָנגענעפּלטער ווײַט.

קילע, ווייכע ווינטלעך וויגן זיך שטענדיק אויף דער שאַרף־אויסגעשניטענער שמאָלער שטרעקע פֿון דער לאַנגער מיטנשטאָטישער גאַס, פֿון וועלכער עס איז דאָ די רייד. און הײבט זיך אויף אַ געברויז פֿון דעם טײַכס וואַסער־פֿעלדער, הערט ער זיך דאָ שטאַרקער, ווײַל שמאָל איז דער וישט פֿון דער דאָזיקער גאַס. יעדער אָטעמצי פֿון ימישן טײַך שפּירט זיך באַלד אויף דער אָנבייכונג פֿון דער אָ גאַס. אלאָ אום זומער איז דער טײַך נישט זעלטן אויך אַן אויפֿריכטונג פֿאַרן מענטשישן לײַב, וואָס ווערט סכּנהדיק צעוואַקלט פֿון דער אומרחמנותדיקער פֿאַרנעקייט. האָבן טאַקע לײַט אין דעם שטייניקן זאַק פֿון דער גאַס די נטיה אום זומער זשעדנע צו זוכן אין דרויסן דעם דופֿק פֿון לעבעדיקן לעבן. שפּעט נאָך האַלבן טאָג פֿון יאַנואַר צי פֿעברואַר שטעקט מען אַרויס דעם קאָפּ פֿון אַ געדיכט פֿאַרהאָנגען פֿענצטער (עס ווערט אומיסטן פֿאַרטונקלט אַז די זון זאָל האָבן ווינציקער שליטה אויף דער שטוב) אַ שמעק צו טאָן צו דער לופֿט אין דרויסן:

— אָ, סע גליט נאָך! און מ׳כאַפּט אויף דער גיך צוריק אַרײַן דעם קאָפּ. שפּעטער באַווײַזט זיך ווידער אַן עמעץ, צו מאָל נאָך אין נעגליזש, וואָס וויל דערגיין ווי ס׳איז שוין אין דרויסן; געשווינד צעעפֿנט ער דעם באַלקאָן און פּרוּווט אויסשפּירן דעם חלל: „אפֿשר האָט דאָך שוין אָפּגעלאָזן די חמימה?...‟ אָבער ער פֿאַרהאַקט גיך דעם באַלקאָן הינטער זיך: אַאַ־אַהההה, שלינגען זײַנע פֿאַרשמאַכטע ליפּן קנוילן באַוועגטע פֿוילעניש וואָס צוויטלט זיך איבערן חלל.

— איי, ווי האַלט מע דאָס אויס?! קכהאָאָאָ, — זיפֿצט אויך דאָן בעגעדיקטאָ קאַליש די שווערע לופֿט און ר׳טאַפּט זי מיט זײַנע נאָזלעכער.

סע שטיקט. ער באַהאַלט זיך ליבערשט אין דער פֿאַרשאָטנטער שטוב, דעכעט ווידער אונטער די אַראָפּגעלאָזענע הילצערנע וויקל־שטאָרן. אין דער גאַס גליווערט נאָך די הייסע זון אין אַ נעפּלדיקן הײַטל. אָך, ווי נעמט מען שוין אַ ביסל רעגן! דאָס הייסע ליכט טוקט זיך אַפֿילו אין זײַנע שוואַרצאַפּלען, וואָס שפּירן שוין אַ האַרבקייט. צווישן זײַנע דלת אַמות דרייט זיך אַרום דער מענטש פּרימיסיאָן אַן אויסגעטוענער, כּמעט אַ נאַקעטער, אין אַ טיף אויסגעשניטן לײַבל און אַן אַרבע כּנפֿות אויף דעם, און ס׳איז אים סײַ ווי ענג די וועלט. בשום אופֿן געפֿינט ער זיך נישט קיין אָרט אין דער שטײַג פֿון די אָנגעגליטע מויערוועגט. ער פּרײַכט אָן אויפֿהער, סאָפּעט.

ב

דווקא אויף דער שמאָלער גאַס, ווײַל זי ליגט אויפֿן גלײַכן וועג צום לאַ־פּלאַטאַ, דעם קיניג פֿון די טײַכן, האָט ר׳ ברוך קאַליש זיך פֿאַרקוקט ווי אויף אַן אויסגענומען גוטער גאַס פֿאַר זײַנעט וועגן. און ר׳האָט סוף־כּל־סוף אויסגעפֿירט ס׳זײַניקע. ס׳האָט גראָד זיך געמאַכט דערפֿאַר אַ באַ־קוועמע געלעגנהייט. ס׳איז געשען ווען ער איז נאָך געווען בײַ אַלע זײַנע כּוחות און ס׳ווײַבל, וואָס איז אים באַשערט געוואָרן, האָט מיט אַ טעם און חן דאָ אײַנגעשטעלט אַ שיינע בעל־הבתּישקייט. איז אים אָבער פּלוצ־לינג געשען אַ בראָך: זײַן צירל האָט אים אומגעריכט איבערגעלאָזט אַן אַליינינקן אויף די עלטערע יאָרן. די צרה האָט אים ממש צעבראָכן. ברוך דער שוחט אַן אַלמן, לא עליכם. מילא, די קינדער, וואָס קענען זיי העלפֿן אַן אַלטן טאַטן? זיי האָבן ברוך־השם אייגענע מישפּחות און אַן אייגענע וועלט האָט יעדער פֿאַר זיך. בלית ברירה האָט ער געמוזט אין שטוב אַרײַננעמען אַ בעל־הביתטע. איז אים אונטערגעקומען די ברכה, שוין אַן איבערגעשטאַנענע בוגרת, האָט ער נאָך קווענקלעניש צי ס׳פּאַסט פֿאַר ז ײַ נ ע י אָ ר ן, מיט איר דאָך געשטעלט אַ חופּה. אָבער באַלד אין די ערשטע וואָכן פֿון זייער צוזאַמענזײַן האָט ער אײַנגעזען, אַז ר׳האָט אַרײַנ־באַקומען אין שטוב אַ פּורעניה. ראשית האָט זי געוואָלט בײַ אים אויסנעמען ער זאָל זי רופֿן בערטאַ, ווי אירע באַקאַנטע רופֿן זי. שנית, האָט דאָס „יונגע ווײַבל״ זיך אַרויסגעוויזן מיט אַ משונה פֿאַרטומלטן קאָפּ. רק זי ברויך דאָס און זי דאַרף יענצס. אָבער וואָס ער האָט געטאָן אין שטוב מעשׂה בעל־הבית, איז בערטען נישט געפֿעלן געוואָרן. דערנאָך האָט זי אַרויסאַנטפּלעקט אַן אָפּטן חשק צו קויפֿן אַנטועכצן אויף איצט און אויף שפּעטער, וואָס זענען איר כּלומרשט נייטיק. אַן אַנדערש מאָל האָט זי געזוכט צו ענדערן דעם גאַנצן שטובנבאַשטאַנד.

„מ׳טאָר נישט דערלאָזן אַז דער שימל זאָל אונדז אויפֿעסן״, האָט זי גענומען טענהן צו ר׳ ברוכן. „מ׳מוז אַלע מאָל אין שטוב אַרײַנברענגען עפּעס נײַס. אַ מענטש מוז זיך אַזויערנאָך „אָפּפֿרישן״, — האָט זי ווידער געקנעלט מיטן אַלטן. אויך האָט בערטע נישט געקענט לאַנג אײַנזיצן אין שטוב ווי ס׳קער זיך אַן אַ ווײַב פֿון אַן אָפּגעהיטענעם ייִד. אלאַ ברכה־בערטאַ האָט זיך איר אייגענעם דרך, האָט ער אײַנגעזען. שווער אַן אַלטן בוים איבערצופּלאַנצן אין אַן אַנדער ערד. זי האָט באַקאַנטע זינט יאָרן, דאַרף זי זיך מיט ײי טרעפֿן, זען, נאָכפֿרעגן אויף עמעצן. ווי ברוכן אויף צופּיקעניש איז זי אָפּט נעלם געוואָרן פֿון שטוב. אויף לאַנגע שעהען

האָט זי דעם אַלטן געלאָזן אײנעם אַלײן אין דער גרויסער דירה.

— האָסט ערגעץ פּראָנאַנט, בעט זי אַראַנציקימען צו דיר. האָסט דאָך אַ שטיבּ, בערטע, קענסט זיי אויפֿוואַרטן מיט אַ היימישן גלאָז טיי, מיט אַ קיכל, שמועסן בײַ דאָזן טיש.

בערטען האָט אָבער נישט געשמעקט איר היים; זי'ט ליבערשט געוואָלט זײַן ערגעץ אַנדערש, אָבי נישט אין איר אייגענער היים. דער מאַן איז איר געווען דערווידער, אָבער זי'ט נישט געהאַט קיין חשק פֿון אים לויז צו ווערן. ס'האָט געמוזט קומען צו אָפּטע הויכע איבעררײדן צווישן מאַן און ווײַב. ר' ברוך האָט בײַ איר גאַרנישט געקענט פּועלן.

— רק דו ווילסט מיר דאָס פּנים פֿאַרשוואַרצן, — האָט ער זיך שוין צעקלאָגט פֿאַר איר, אַלאַ זי'ט געטאָן וואָס זי האָט געוואָלט.

— סי זי נישט אַנצוהאַלטן ווי אַ ווילד פֿערד! — האָט ער שוין געביטערט און אויפֿגעהויבן צו איר אַ שאַרף קול. — אָט וואָס ברוך קאַליש, דער אויסגענומענער שוחט בײַ קהל, האָט זיך דערוואַרט פֿון זײַן ווײַב. אַ צווייט וואָאָב איז שוין אַ שטיק שענטז וואָס קלעפּט זעך נישט צו אַן אָרנטלעך ייִדיש מלבוש, — האָט ער אַרײַנגעווײנט אין זײַן אייגענעם געהער. ביסט אַראָנגעפּאַלן, ברוך, גראָד אַצינד כּי באָ בימים.

דער מענטש האָט זיך אָבער געהיט אַז זײַן אומגליק זאָל נישט אַרויסקומען פֿון זײַנע ד' אמות. ר'האָט זיך שטאַרק געשעמט.

ג

אויף דער סאַמע עסקינע [1]) וואָס שפּאַרט זיך אָן אויפֿן בויך פֿון דער בערגלדיקער גאַס, האָט ר' ברוך קאַליש אין זײַנע יונגע יאָרן זיך אָפּגעקליבן די אָ דירה. קומט דער חמימהדיקער זומער, קען ער קוים זיך האַלטן אויף די פֿיס אין די לאַנגע, הייסע, פֿײַכטע טעג האָט טבֿת און שבֿט. אַצינדער איז ער נאָך אַ ביסל באַלײַבט, איז אים סכּנות צו שלעפּן דעם שווערן גוף.

די שטוב איז נאָך אַלץ אַ שיינע, אַ באַקוועמע, מיט אַ גרויסן באַלקאָן, אָבער וואָס קומט אים אַרויס דערפֿון? די חצופֿה וואָס הייסט ברכה, איז אים אַ וואָרע קללה. זי פֿאַרפֿינצטערט אים דאָס לעבן.

...אַ צופֿאַל, זאָגט מען, פֿירט אַ מאָל אויך צו גליק. ברוך קאַליש איז געווען מזלדיק און ס'האָט אים דענצמאָל אָפּגעגליקט מיט דער אָ דירה. מיט אַ יאָר צוואַנציק צוריק איז עס געווען, ווען ס'האָט זיך אים אונטערגערוקט די געלעגנהייט צו נעמען די דירה, וואָס נאָך הײַנט שאַצט ער

[1]) אַ ראָג־גאַס (שפּאַניש).

אָפּ איר חשובֿות, טאַקע ווײַל זי שטייט אין סאַמע ראָג און זי פּאַכלט אויך מיט איר דרויסנדיקער שיינקייט.

ער איז צו איר לאַנג צוגעווינט, אָבער דעם יופי האַלט זי נאָך אָן. אַ־וואַאַאַ, ווי וויכטיק עס איז געווען דער אָנזאָג פֿון אונדזערע פּעיטערס און זיידעס, אַ ליכטיקן גן־עדן פֿאַר זיי: שאַנעוועטס, קינדער, די פּרוטה! ס'עט קומען אַ צײַט, ווען דער אָפּגעשפּאַרטער גראַשן איבערוועגן אַ זאַק מיט רענדלעך. אַמאָל איז די וועלט קליגער געווען, און ס'איז אויכעט בעסער געווען, — חזרט איבער ר' ברוך און אים ווילט זיך טאַקע שמייכלען אויפֿן געדאַנק ווען ר'גיט אַ טראַכט ווי אַזוי ר'האָט זיך אײַנגעשאַפּט די דירה. דער געדאַנק וועקט זיך אין אים אָקערשט בײַ נײַס. ס'האָט'ן ווי געטאָן דער קאָפּ, דעם גרויסן אויפּטוער ריקאַרדאָ טעווערעס. איז געקומען ר' ברוכל און ר'האָט אים אין צײַט צוגעלייגט דעם נייטיקן קאָמפּרעס אַז ער זאָל קענען רויק שלאָפֿן, דער פֿאַרשוין. אַן איטאַליענער, אַ יונגער, אַ שלאַנקער ווי אַ ציפּרעס, איז ער געקומען אַהער, אין דאָזיקן רויען אַמעריקע זוכן אַן אָנשפּאַר פֿאַר זײַן מטושטשער צוקונפֿט וואָס ער'ט זיך געקליבן אויפֿבויען. ער האָט טאַקע מיט געשיקטקייט, מיט די אייגענע צען פֿינגער, אויפֿגעשטעלט די חנעוודיקע הײַזקע, אין וועלכער ער, ברוך קאַליש, האָט סוף־כל־סוף געפֿונען זײַן ווילע היים אין דער שטאָט, ווו די ענגשאַפֿט איז זיך צוואַקסן ווי אַן אַנגערודערטע דײַזשע. ניין, ס'איז אַ הויז, ווו ער האָט זײַן מקום מנוחה! נאָר אַנטקעגן די הויכע, אין הימל קריכנדיקע געבײַען מיט די מאַנאַטאַן־אויסגעשניטענע פּלאַכע פֿענצטערלעכער און הענגענדיקע שטיינערנע באַלקאָנען, איז עס אַ שטילע הײַזקע, אַ טשאַלעט, ווי מ'רופֿט עס דאָ; אַ גבֿירישע ווילע אין דער אַ גאַס וואָס איז נישט יונג און נישט אַלט, נאָר עפּעס שוין מיט אַ נישט אויסגעוואַשן פּנים. דאָ הייבן זיך שוין אַרויס נײַע הויכע ווענט, אָבער נעבן זיי בלײַבן אויך מויערלעך אַראָפּגעזעצטע, גראָע, ווײַסע מיט פֿענצטער ווי אָפּגעמעקטע צורות. אָבער גאָר אַנדערש איז דעם איטאַליענערס טשאַלעט. נישט נאָר פֿאַר דער הרחבֿהדיקייט פֿון דעם הויז האָט דער מענטש זיך אַרויסגענומען אַן אויג. אויך פֿאַר דער שיינקייט האָט ער זיך מוסר־נפֿש געווען. ער'ט אייפֿעריק געהאָרעוועט דערויף. אַליין אַ סך שווייס און געדולד אָפּגעגעבן בײַ דעם בויען און אויסטאָקן די צורה פֿון דער הײַזקע. אַפֿילו אין די זונטיקן, ווי ס'איז דער שטייגער בײַ די זייעריקע, האָט ער נישט גערוט, דער ריקאַרדאָ טעווערעס; ער'ט צו מאָל זיך אָפּגעזאָגט פֿון חשקותדיקע מאָלצײַטן, צו וועלכע ס'האָט געלאָקט זײַן נפֿש. אויך קיין ווײַן זיך נישט פֿאַרגונען צום מיטאָג במשך פֿון יאָרן, דער זון פֿונעם

לאַנד פֿון די רײַכע הײַנפֿעלדער, ביז ער איז געקומען צו דעם מאַיאָנטעקל. ר'האָט עס אויף אַן אמת געהאָדעוועט פֿאַרן אײגענעם ווויל ווי אַן אחיזה, פֿאַר די שפּעטערדיקע יאָרן, בעת די כּוחות וועלן מער נישט טראָגן אַזוי פֿיל, ווען ר'וועט דעם ווײַב שוין נישט געפֿעלן ווערן, דער אומרו:קער סעניאָר ריקאַרדאָ.

ד

אַ שטיק פֿאַרוואָרלאָזטע ערד איז פֿר:ער דאָ געלעגן; אַלערלײ מיסטן געווען אָנגעוואָרפֿן, האָט ער עס מיט אײגענעם פּלײצעס און קלוגשאַפֿט אָפּגעווישט, מער נישט צו דערקענען דאָס געוועזענע. גרינטלעך האָט ריקאַרדאָ טעווערעס צעגראָבן דעם פּלאַץ, אַלײן געפֿעסטיקט דעם פֿונדאַמענט, מיט באַרעכנקײט געלײגט יעדן ציגל, געבויט מיט געטרײַער מי, געמײַסטרעוועט, געשליפֿן, געמאַליעוועט. דערנאָך האָבן צירלעכע באַליוסטראַדעס באַשײַנט אַפֿילו די דאַך-פֿענצטערלעך. זײַנע פֿענצטער מיט הילצערן ליאַקירטע שאַלוזיעס האָבן חשיבֿותדיק זיך פֿאַרקוקט אויף די מיאוסערע געבײען וואָס אין שכנות, פֿאַר וועלכע עס האָט אים געאיבלט, דעם זון פֿון דער שײנער פֿלאָרענטינישער ערד. דערפֿאַר איז אַ ווילע בײַ אים אויסגעוואַקסן אויף דעם פֿאַרמושבֿטן שטיקל ערד: אַ טשאַלעט מיט צוויי גרויסע דירות אויף אַ נידעריקערן און אַ העכערן גאָרן און אַ קעלער-דירהלע גאָר אונטן, צו דער סאַמע גאַס מיט אַ ברייט פֿענצטער האַרט מיט דער גאָמבע צו דערגרייכן דעם טראָטואַר; אַ פֿענצטער מיט מאַטע שויבן אונטער אַ שיין געשמידטן, אָרנאַמענטירטן שטאַכעט פֿון דרויסן.

קאַרביזן ווי אײדעלער גראָער אַזשור האָבן זיך געוועלבט איבער די איבערשטע פֿענצטער פֿון דער הײַזקע, ווײַסע מירמלנע טרעפּ בײַם אַרײַנגאַנג, פֿײַנע שטוקאַטור-אוזאָרן צעזייט איבער די סופֿיטן. פֿון דרײַעקן און קונציק געשניטענע קלעצלעך אין געשליפֿענעם דעמב אויסגעלייגט די פּאַרקעט-פּאָדלאָגעס. אין טאָן פֿון ווײַס, שוואַרץ און צימערינג-ראָז איז געהאַלטן די מאָזאַ:ק פֿון דיל אין וואַשצימער און אין ווייכן, זילבערדיקן גראָ זענען ווי ליבע היטערס מיט גילדיקע גאַלקעס אין די הענט — די קליאַמקעס — אַוועקגעשטעלט די סאָלידע טירן וואָס בינדן חדר מיט חדר. די חדרים זענען „גרויסע ווי די וועלדער" מיט פֿענצטער און אינעווייניקדיקע טירן האָט יעדע דירה: אַ ליווינג, אַ גאַסטצימער, אַ לאַנגע, ברייטע עסשטוב וואָס פֿאַרענדיקט זיך מיט אַ גרויסן באַלקאָן צו דער גאַס-צו, אַ היפּשע שלאָפֿשטוב, אַ צווייטע שלאָפֿשטוב אַ קלענערע, אויך אַ קאַבינעט, אַן אַלקער, אַ קיך, אַ דינסט-חדרל און נאָך קלענערע חללס פֿאַר

באַלעבאַטישער באַקוועמלעכקייט. ווי אין אַ פּאַדקאָווע איז האַלבקײַלעכיק אײַנגערינגלט דער קרײַז פֿון די אַלע צימערן און אין דער מיט — סאַמע אונטן — הויערט אַ שטיל מרוזשנדיקער, עטוואָס בלינדלעכער פֿאָיע מיט וואַנטלאָמפּן ווי אויסגעשטרעקטע הענט מיט צירלעכע שטורקאַצן, פֿאַרשטאַרטע אין קופּערנע פּויסטן. צווישן זיי, די צוויי וואַנטלאָמפּן, הענגט אַראָפּ פֿון סופֿיט — אויף אַ קייט — אַ סאָליד געשמידטער מעשענער זשיראַנדאַל מיט מערערע האַלב אויסגעבויגענע רערנאָרעמס ווי אַ פּײַערשפּין, אַן אײַנגעגליווערטע אין מיטן פֿון איר קריכן. אַן אָפּוואַרטנדיקע געדעמפּטע שײַן קיניגט דאָ אַ גאַנצן טאָג, ווען די לאָמפּן דרימלען שאָטנהאַפּטיק אין שטילן חלל פֿון פֿעדערהויז. בלויז אין די אָוונטן שטעלט זיך אַוועק אין דעם חנעוודיק אויסגעפּלאַנירטן חלל פֿון פֿאָיע, ממילא אויך אויף די ברייטע שטיגן, אַ פֿײַערלעכע ליכטיקייט. בײַ טאָג מרוזשעט דאָ פֿאַרטראַכט אַ געפּרעסטע קלויסטערישע שײַן ווי אין אַ רובֿ בכּבֿודיקע בוענאָס אײַרעסער וווינהײַזער. טאָגליכט פֿאַלט אַרײַן מיט קאַרגלעכער גאָב אין וועסטיביול פֿון דער ברייטער שויבנטיר וואָס איז אָנגעשפּאַרט אויפֿן העכסטן מירמלנעם אַרײַנגאַנגטרעפּל ווי פֿון די ציכטיק אָנגעפּאַלדעוועטע פֿאָרהענגלעך, וואָס פֿאַרהילן די לאַנגע שויבן פֿון די דרויסנדיקע רויטלעך־לאַקירטע האַלב־טירן. צו דערצו שפּרײַעט נאָך אַרײַן אַ שיטער טאָגליכט פֿונעם הויכן דאַכקופּאָל וואָס איז געדעקט מיט העל־קאָלירטע גלאָזטאָוולען. פֿון אָט דעם הימלפֿענצטער גענויסט דערעיקרשט די דירה פֿון אייבערשטן גאָרן, וועלכע איז, פֿון זיכערקייט וועגן, אַרומגעשטעלט מיט אַ געטאָטשעטער הילצערנער באַליוסטראַדע ווי אַ גאַניק. טירן הויכע, שווײַגנדיקע ווי אָפּגעטונקטע אין מילעכשוים, גלאָצן אײַנגעהאָרכטע אין דעם ווי אַן אײַנגעקלעמטן קוויטש, וואָס איז פֿון ערגעץ־ווו אַהער צו אַרײַנגעפֿאַלן און געליווערט דאָ אין שטענדיקן בין־השמשות.

אַרויף־צו, צום העכערן גאָרן פֿירט אַ גלײַכע, ברייטע גלאַנציק־פּאָלירטע טרעפּ און אַ פּאָלירטער פּאָרענטש. פֿון איין זײַט אַ פֿאַרקוקטע צו די שײַן פֿאַרהאָנגענע גלאָז־טירן פֿון דער אונטערשטער דירה, ווערט די טרעפּ פֿון דער אַנדערער זײַט באַגלייט פֿון אַ געלבלעך־טאַפּעטירטן וואַנטשטרײַף וואָס רײַסט זיך אַרויף הויך, העכער צו די שוימיק־ווײַסע בלינדע טירן פֿון דער אייבערשטער דירה.

ה

די דירה אויפֿן גאָרן געהערט צו ר׳ ברוך קאַליש וואָס וועגן אים איז געקומען צו רייד, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דער גבֿירישער

הײַזקע, וועלכע איז אויף דער אַנומלטיק פֿאַרמיסטיקטער ערד אויסגעבויט געוואָרן פֿון דעם איטאַליענער ריקאַרדאָ טעווערעס.

...באַשײַמפּערלעך מיד געוואָרן פֿון האָרעווען און אײַנשפּאָרן די פּעזע אויך אויפֿן ווידערשפּעניקן מאָגן זײַנעם, האָט דאָס באַעוולהטע לעבן פֿון סעניאָר ריקאַרדאָ אומגעריכט זיך אָפּגערופֿן מיט הייסבלוטיקן, פּלוצלינג דערוואַכטן אימפּעט: אַ סוף, אַ סוף צו דער אַסקעזע! זײַן גאַנצער מהות האָט זיך אין אים מיט אַ מאָל צעברומט. נישט קיין הייליקער פֿראַנציסקוס פֿון אַסיז וועט פֿון מיר ווערן, און נישט פֿון אונדזער געביר איז סאַן פּיעטראָ! אין אמתן, צו ווײַן איז גוואַלטיק הונגעריק מײַן גומען און נאָך די סאָקן פֿון ליבע גייט אויס מײַן געביין — — און ס׳האָט זיך טאַקע פֿאַרפּלאָנטערט דער סעניאָר ריקאַרדאָ אין עניִנים פֿרוילעכע, נישקשהדיק געהיימע. ר׳האָט גערנוויליק נאָכגעגעבן דעם פֿאַרפֿירערישן האַרץ, אָבער ווי אין להכעיסדיקן גלי פֿונעם גלוסט האָט עס גענומען אים שטיקן: ג ע ל ט! כ׳באַדאַרף נייטיק האָבן געלט! אָפּט זענען אים די אויגן פֿאַרבעלמעט געוואָרן פֿון דערוועקטער גיריקייט, וואָס האָט בײַ אים גענקראָגן דעם נאָמען — לעבן, כ׳וויל לעבן; ס׳דאָרשט מײַן לײַב און מײַן געמיט נאָכן קוואַל וואָס איז ביז איצט געווען פֿאַרשטאָפּט פֿאַר מײַנעט וועגן.

פֿאַרגעסן זיך אין אויסטערליש דערוואַכטער שיכּרות פֿון אייגענעם בלוט, האָט ער, אַ פֿאַרלוירענער, זיך פּלוצלינג דערווישט אין אַ צעהפֿקרטער ליבעניש מיט איינער אַ ווײַבעלע, אַ לאַשטשנדיקער און כּיטרינקער. דעמאָלט האָט ער אין פֿאַרבלענדעניש געדאַנקלעך זיך אָנגעהאָנגען אין דער הײַזקע, וואָס איז פֿאַר מערערע יאָרן דורך אַנאַנד אים געווען אַ שטאַרקונג פֿאַר אַלע זײַנע האָפֿענונגען.

„כ׳האָב נאַרישערהייט זיך אויסגעבויט אַן אַלטאַר, אלאָ איך גופֿא בין געבליבן שטעקן אין אַ דריקנדיקער נויט. ערשט רײַסט פֿון מיר לעבעדיקע שטיקער דער הונגער וואָס אים איז שוין נישט צו שטילן...“ און דער אָרעמער ריקאַרדאָ האָט אין פֿאַרטראָגנקייט זשעדנע, אומבאַטראַכט, גענומען דאָ און דאָרט לײַען געלט אויפֿן חשבון פֿון דעם איינציק־אויסגעהאָרעוועטן פֿאַרמעג, אויף זײַן שייבער הײַזקע. ר׳איז מיט אַ מאָל געוואָרן ווי צערודערט, דער סעניאָר טעווערעס, דערפֿאַר האָט ער שוין צאָרניק אַרײַנגעשריגן אין זיך: ׳דו האָסט לעקישעוואַטע איבער זיך אָנגעטורעמט אַ געבײַ פֿון חלומות, אָבער נישט געלעבט צו מאָל ווי אַ געוויינטלעכער אַרעמאַן. אומזיסט עלטערסטו זיך, געניאַרסט זיך אַליין, דיך פֿאַרשווינלעך,

טיפש ריקאַרדאָ, ביסט אַלץ נאָך נישט געקומען צום שׂכל! טאָרסטו דער־פֿאַר אויך איצט נישט האָבן קיין שליטה איבער דעם דײַניקן?! נישט גוט אַזוי, קלוגעטשקע לײַט, ווי איר׳ט מיך אויסגעלערנט שוואַך טראַכטן — —״

ס׳איז וואָר, אין עקסטער שטיקעניש האָט ער מיט פֿאַרעקשנטן געדולד ווי אַ גולם אָן אייזל אויפֿגעשטאַפּלט אַ ציגל צו אַ ציגל, אָנגעהויפֿט טאָוו־לען געשליפֿענעם מירמל. איבער אַלץ האָט ער אויפֿגעהויבן אַ דאַך מיט אַ טורעמל. אָבער ווו איז אַצינד דער סך־הכּל פֿון דײַן שוויס און בלוט, רי־קאַרדאָ?! דאָס אַ האָט צאַרניק גענומען מאָנען פֿון אים: „דאָס הייסט גע־לעבט? ס׳איז באמת אַ פֿאַרמעגן, אָבער נישט דײַנער. פֿאַר דיר איז דאָס אַ געץ, אַ ליימענער גאָט אָן אַ נשמה, אָן אַ שטראַל ליכט פֿון דײַן קאָפּ!״ ער דערמאָנט זיך: לײַט האָבן עס אים שוין מערערע מאָל געזאָגט מיט חוזק, אפֿשר אויך מיט קינאה: „דו זעסט נישט ווי דו בוקסט זיך שוין צום גרוב, ריקאַרדאָ! ביסט אַ פֿערד, נישט קיין מאַנספּאַרשוין מיט אַ ביסל מאַרך הינטער דײַן שאַרבן. קענסט קריגן געליִען געגוג געלט. נישקשה, ריקאַרדאָ טעווערעס האָט זיך אויף וואָס אָנצושפּאַרן, אָבער איך בין איט־לעכן טאָג מער קבצניוק. ס׳איז נאָך קנאַפּ בײַ דיר דער שׂכל, אַלטער ביין! אלאָ דער אמתער אמת איז אַז דו ביסט נאָך נישט אין גאַנצן אַ פֿאַרלוי־רענער. נעם געלט, ברודערקע. געלט וועט ראַטעווען דײַן נשמה. ביסט מחויבֿ אײַנצוהיטן די נשמה, אויב דו ווילסט מ׳זאָל נאָך זען דײַן קאַפּיטש־קע ווערדע. אָן אַ ביסל תּענוג איז די נשמה נישט מער ווי אַ הוילער נעפּל, ריקאַרדאָ!״ — —

סעניאָר טעווערעס האָט טאַקע גענומען לײַען געלט; ווי בגנבֿה, אָן באַזיניקונג, געשריבן פּאַפּירלעך, וועלכע מ׳האָט אים אונטערגערוקט: חתמע זיך, מאַנספּאַרשוין. אומגעריכט האָט ער אויך גענומען פֿאַרפֿאַלן ווערן אויף לאַנגע טעג, אַ מאָל אויך אויף וואָכן. נישטאָ דער מאַן, — האָט דאָס ווײַב געמוזט ענטפֿערן די לײַט וואָס זענען אָפּטלעך געקומען פֿרעגן אויף ריקאַרדאָן. אָבער פֿאַר קאַראַליין דעם ווײַב האָט ער אַלע מאָל געהאַט אַן אַנדערן תּירוץ ערבֿ זײַן נעלם־ווערן: ער פֿאַרט אַרויס פֿון שטאָט פֿון פּרנסה וועגן: ר׳באַדאַרף זיך ערגעץ אין ווײַטלעכן שטעטל ראַפּאַעלאַ טרעפֿן מיט אַ וויכטיקן מענטש. מע נאַרײַעט אים אַ גוטע שטעלע אַז ר׳זאָל מער נישט באַדאַרפֿן שווער אַרבעטן אויפֿן אויסקומעניש. אָבער אין אמתן האָט דאָס געליִענע געלט אים פֿאַרצוקט. מחמת די אונטערגעחתמעטע וועקסלען איז ער נישט געווען אין שטאַנד אויסצוקויפֿן אין צײַט. ר׳האָט צו מאָל נישט באַנומען אַז אויפֿן חובֿ וואַקסן אָן אויך צינדזן. ר׳איז נישט געווען מסוגל, אין זײַן פֿאַרטראַגנקייט, צו טראַכטן אַז סוף־כּל־סוף וועט קומען

דער טאָג ווען ער וועט מוזן רעכט זיך צערעכענען מיט די לײַט, וועלכע האָבן אים געטאָן טובֿות...

אלאָ נישט בלויז די חובֿות האָבן ריקאַרדאָן פֿאַרבאָדן אין צרות. ער האָט בײַ צײַטנס זיך אויך געטרענקט אין אַ מסוכנער ענגעניש פֿאַרן פּשוטן טעגלעכן באַדאַרף; אויך פֿון דעם קלעם האָט ער בשום אופֿן נישט געקענט זיך אַרויסדראַפּען. נו, ער איז דערגאַנגען צו אַזאַ מעמד אַז ר׳האָט שוין אָנגעהויבן זיך ווענדן מיט אַ סקאַמליעניש צו גאָר גוטע־פֿרײַנד, וואָס זענען אים נאָך געבליבן:

— העלפֿט אַרויס, ליבינקע! איך שטיק זיך. אפֿשר ווייסט איר ווער סע וועט דערווײַל מיר באָרגן אַ סומע צו קענען דעקן דעם חובֿ, וואָס צינדט מיר שוין די האָר פֿון קאָפּ? פּשוט, איך ווער דערוואָרגן. כ׳בין ערשט אין די הענט פֿון אַ וווכערניק וואָס איז האַרט ווי אַ שטיין. ער איז גרייט, זאָגט ער אָפֿן, מיך אַרויסצוווארפֿן אויף צוויי שפּענער פֿון מײַן איי־גענעם ווינקל. צאַל, אַנישט קומט אויף דיר די פּגירה.

געוועזן אַפֿילו אַזעלכע וואָס האָבן זיך געחידושט אויפֿן סעניאָר ריי־קאַרדאָ, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פֿון אַ פֿאַרדינער, אויך פֿאַר אַ סאָ־לידן פֿאַמיליע־פֿאָטער. איז ווי קאָן עס געשען אַז ר׳זאָל זײַן אַזוי פֿאַרבאָדן איבערן האַלדז?! אַנדערע האָבן ריקאַרדאָס דראַמאַטישן מצבֿ גענומען גאָר לײַכט, אַפֿילו זיך דערלויבט אויף אַ זויערן חוזק: „האַ, געלט נאָך געטרויען אַזעלכן? עס איז אַן איידעלע זאַך, די קרעדיט־פֿעיִקייט. דערצו אין אַזאַ שלעכטער צײַט, — און צוגעכיכעט:

— כע־כעעע, כ׳וואָלט גראָד נישט געווען שטאַרק פֿאַרנומען מיט אַן ערנסטן עסק, וואָלט איך אויך אַרויס אין גאַס זוכן אַ הלוואהעלע — —

פֿאַרקוקט זיך אויפֿן שיינעם מאַיאָנטעקל פֿון ראָג־גאַס, האָט ענדלעך זיך אָפּגעפֿונען ווער ס׳זאָל דעם סעניאָר טעווערעס אַרויסשלעפּן פֿון דער טיפֿער בלאָטע, בײַ נײַס אים באָרגן פּעזעס. אַזעלכער האָט געשטעלט אַ תּנאַי: ער וועט קריגן וואָס ער באַדאַרף, אויב ער איז גרייט צו געבן ערבֿות מיט דער הײַזקע; אַז ער׳ט אונטערשרײַבן בײַם נאָטאַר, וועט ווערן דערפֿון. חלילה נישט קיין היפּאָטעק, אלאָ פֿאַרדינגען זי, די ווילע. סעניאָר טעווערעס האָט טאַקע אויך אויף דעם תּנאַי זיך געחתמעט שוואַרץ אויף ווײַס.

אַזויערנאָך האָט ער סוף־כל־סוף זיך אַרײַנגעשטעלט אין דער אַ שיי־נער הײַזקע, דער דאָן בענעדיקטאָ קאַליש צוזאַמען מיטן דאָקטאָר פּעדראָ דעלבענע. דער תּמיד הונגעריקער אויף געלט און די הונגעריקע אויף מער מענטשלעכע דירות, האָבן קעגנזײַטיק זיך אָפּגעזוכט אין דעם גרויס־

שטאָטישן געטומל. די „גליקלעכע באַגעגעניש" איז דערנאָך נאָך ב אַ ג אָ־ ס ן ג ע וו אָ ר ן מיט אַ פּרײַנטשאַפטלעכער כּוסה. צען טויזנט טאָלערס אַרגענטינער מטבע ווי אַ טונקל נישט פאַרשריבן שליסלגעלט, אַחוץ דעם פאַרויס באַצאָלט לויט אַ קאָנטראַקט פאַר צען יאָר דירה־געלט בתּנאַי אַז פאַרן סוף פון אָפּגעפלאָסענעם נײַנטן יאָר האָבן די שכנים דעלבענע און קאַליש די פולע רעכט צו פאַרלענגערן דעם אָפּמאַך אויפן זעלביקן דירה־ געלט, אָבער אָן שום אַנדערע קלאַוזולן בנוגע דער הויך פון דער באַטרעפנ־ דיקער סומע.

געגומען דאָס געלט איז סעניאָר טעווערעס געווען ביכולת צו פּטרן דעם האַרטנעקיקן מלווה. ניצול געוואָרן אַזוי אָרום פון אַ ליציטאַציע אויף דעם הויז. אָבער דערפון איז דער שיינער מאַנספאַרשוין ריקאַרדאָ געבליבן אויסגעמאַרכט ווי אַ חולה נאָך אַ פאַרצערנדיקער קרענק. נישט קיין ווונדער — אויפן פריער אָנגעזאַמלטן חובֿ איז אָנגעשוואָלן געוואָרן אויך אַ גרע־ סערער וויטיק אין זײַן אייגענעם בוזעם. דאָס האַרץ האָט אים געגומען אַ ביסנקע אונטערהינקען, געלאָזט זיך הערן מיט אַ שטאָך, אַ פּלוצלינגן קראַמף נידעריקער פונעם האַלדז, אַזש ר'האָט געמוזט זיך אָפּשטעלן אין מיטן גיין אָדער זיך אַ וואַקל טאָן פון קאָפּמישונג. אויך די אויגן האָבן זיך אים פאַרנעפּלט אויף אַ לענגערער רגע. דערצו האָט ער נאָך געשפּירט דעם פײַנלעכן שטומען מוסר פון אָנגעברוגזטן הויזגעזינד. דעם ווײַבס שאַרפע בליקן האָבן אים באַזונדער געשמיסן; אויך די קלעמענדיקע רייד פון די קינדער האָבן אים נישט ווייניקער ווי געטאָן. זיי האָבן ריקאַרדאָן נישט אַ סך געפרעגט, נישט געהאַט צו אים קיין בייזע טענות, אָבער טאַקע דאָס נישט באַקלאָגן זיך האָט אים געטאָן מער ווי ווען זיי וואָלטן אים עפּעס פירגעוואָרפן. אַ ביטערער איבערקער איז אַרײַנגעטראָטן צווישן מאַן און פאָטער מיט זײַנע אייגענע און לײַבלעכע.

*

ס'איז דעם לעבנסדאַרשטיקן סעניאָר ריקאַרדאָ געוואָרן מער דושנע צווישן די היימישע. אין דער אָ ענגעניש האָט ער געגומען עפּטערס זיך אַרויסמאַכן פון זייערע ממש שוין ליאַרעמדיקע שמיץ, כאָטש די אייגענע האָבן זיך נישט דערוועגט צו עפענען ס'מויל קעגן דעם פּאַפּאַ. ס'איז געווען אַ שווײַגעניש, אָן אָנגעלאָדנס מיט אָנרוקנדיקע בליצן אין מיטן פון אַ בייזער טונקלעניש. דאָן ריקאַרדאָ, — האָבן שכנים שוין זיך דערציילט אויפן אויער, — האָט זיך באַגראָבן אַ לעבעדיקער מחמת זײַן לײַכטזיניקייט. אַ מענטש אַ סאָלידער, און דאָך זיך פאַרפּלאָנטערט אין אַ ליבעניש מיט

אַ קלוגעטשקער דאַמעלע וואָס האָט שיינע ריידעלעך פֿאַר נאַרישע קעפּ...
די גאַנצע מעשׂה איז, אַ היפּש פֿאַרשפּעטיקטע, דערגאַנגען צום אייגענעם ווײַב. ערשט דעמאָלט האָט דאָן ריקאַרדאָ זיך אויסגעניכטערט פֿון זײַן ליבעניש מיט דער טוכלער אַלמנהלע דאָניאַ האָרטענסיאַ דע לוכאָן, דער געשמינקטער און געפּאַרבטער פֿון קאָפּ ביז די נעגל פֿון די פֿיס. בעל־קינאהניצעס צווישן ווײַבער האָבן זי טאַקע אַרומגעטראָגן אין די מײַלער, מחמת זי איז צו פֿרי געבליבן אַן אַלמנה. נעמלעך איבער דעם האָט זי, די הייסבלוטיקע, שוין באַוויזן צו פֿאַרדרייען די קעפּ פֿון נישט איין אָרנטלעכן פֿאָטער פֿון קינדער. אויך דעם שיינעם מאַנספֿאַרשוין ריקאַרדאָ האָט זי אַרײַנגעקראָגן אין אירע אָרעמס.

אַזוי שפּעט זיך אָפּגעקילט פֿון דער ליבעניש מיט דער ליכטיקער האָרטענסיאַ, דערפֿאַר האָט ער מער אַרומגעשלײַעט אין די גאַסן, אויב ר'איז נישט געווען אַרײַנגעטאָן אין דער פּרנסה. געשלאָגנדערט זיך איבער דער שטאָט האָט ער מחמת די היים האָט אים פּשוט פֿאַרטריבן מיט איר פֿריקרען שווײַגן און אַוועקקוקן אַן אַ זײַט, ווען זײַנע אויגן האָבן געבלאָנ־דזשעט איבערן פּנים פֿון אַן אייגן קינד אָדער ר'האָט געפּרוווט אָנהייבן רעדן מיטן ווײַב. ער האָט שאַרף דערשפּירט אַז ר'מוז אַנטרינען פֿון די שינאהדיקע בליקן מצד די לײַבלעכע. אַלאָ מיט דעם גריזשען האָט זיך נאָך נישט פֿאַרענדיקט די נײַע טרענקעניש פֿון דאָן ריקאַרדאָ.

פֿײַנלעך זענען אים נאָכגעגאַנגען די שאָטנס פֿון פֿאַרלוירנקייט וואָס די מעשׂה האָרטענסיאַ האָט אים געלאָזן. מעשׂה גאַל־דריקעניש זענען אונ־טערגעקומען נאָך אַנדערע מאַנערס, בײַ וועלכע דער אַמיגאָ ריקאַרדאָ האָט סתּם געליִען „אַ פּאָר פּעזעס". ס'האָט נישט לאַנג גענומען און ער האָט פֿון ס'נײַ זיך דערשפּירט אין אַ שווערער פֿאַרלעגנהייט. ווײַל אַפֿילו די קליינע הלוואהלעך האָט ער נישט געקענט אָפּגעבן. סעניאָר טעווערעס האָט שוין געמוזט אויסמײַדן אַפֿילו די, צו וועלכע ער האָט ערשט נעכטן־אייער־נעכטן געפֿילט אַ נויטווענדיקייט אַנטקעגן צו טראָגן אַ שמייכעלע. דער עלנט האָט אַצינדער אים ווייטיקלעך דערדריקט. ס'איז געוואָרן ערגער ווי שלעכט. ער האָט לסוף געמוזט מיט חרפּה פֿאַרלאָזן אויך די איינציקע צוויי קליינע סאָליעס וואָס זענען אים געבליבן נאָכן פֿאַרמשכּונען אויף לאַנגע יאָרן זײַן ווילע. אַצינד איז אים מיט דער מישפּחה געבליבן די לעצטע ברירה — אַראָפּצולאָזן זיך ווױנען נאָר אין קעלער. דער קעלער האָט, אמת, אַ היפּש פֿענצטער צו דער גאַס, אָבער האַרט בײַ דער ערד ליגט דאָס פֿענצטער. זײַן שיין הויז איז ענדגילטיק געוואָרן באַזעצט פֿון אַנדערע, דער עיקר פֿון דאָן בענעדיקטאָ קאַליש און דעם דאָקטאָר דעלבענע.

דאָן בענעדיקטאָ איז אַ רוזיקער, עלטערער מאַן, אַ חשובֿער מענטש און זײַן פֿרוי איז אַ פֿרומע, ווי ס'איז געווען באַשײַמפּערלעך פֿאַר די לײַט פֿון צוזען איר באַלעבאַטעווען — דאָס צינדן פֿרײַטיק פֿאַר נאַכט שבת־ליכט, איר גרייטן ווייצענע געפֿלאָכטענע ברויטלעך פֿאַר דעם שאַבאַט־טאָג. אויך דאָטאָר דעלבענע איז אַ האָמברע קאָרעקטאָ [2]). פֿאַר דיביידע איז עס אַ גאַר געפֿאַסטע שותּפֿות, די באַוווינערשאַפֿט אין דער בכּבֿודיקער הײַזקע וואָס אויפֿן ראָג־גאַס. די אונטערשטע צוויי סאַליעס וואָס דאָן ריקאַרדאָ האָט געהאַט געלאָזן פֿאַר זיך, האָט ערשט אויך פֿאַרנומען אַ נײַער שכן, אַ יונגער נאָטאַר פֿאַר זײַן סטודיאָ. צום עסקריבאַנאָ [3]) ווי צום דאָטאָר איז געווען אַן אײַנגעהאַלטענע, זייער דיסקרעטע באַוועגונג פֿון לײַט מיט פֿײַנעם אויפֿפֿיר. ששש־אַאַ...

אַ זוי שטילערהייט, זענען זיי זיך צוזאַמענגעגאַנגען, ריקאַרדאָ טעווערעסעס שכנים אויף דעם אויפֿגעריכטן ראָג־גאַס: דער דאָקטאָר האָט פֿאַרנומען די גרויסע אונטערשטע דירה און דער פֿרומער ר' ברוך קאַליש — די אייבערשטע דירה. דעם נאָטאַר, אונטן, האָט מען כּמעט נישט אַרויסגעזען.

דאָן בענעדיקטאָ, ווי דער דאָקטער האָט גערופֿן זײַן שכן אויפֿן גאָרן, האָט ליב געהאַט צו שלאָפֿן בײַ אַן אָפֿן פֿענצטער, און ר'האָט גערן דעם באַלקאָן וואָס הענגט איבער דער גאַס. צו פֿריִער האָט ער עס אויסגענומען בײַם דאָטאָר דעלבענע ווי אַ באַדינג פֿונעם שותּפֿות.

— דאָטאָרע, אָבער איך מוז נעמען די דירה אויבן; ס'איז פֿאַר מײַן געזונט וועגן, קיערידאָ דאָטאָרע, — האָט רב ברוך אין זײַן מאָגערן איטאַליעניש מסביר געווען דעם שכן, פֿון וואָס דער דאָקטאָר האָט דיין געשמייכלט פֿון מאָדנער הנאה. און ר'איז ממילא געווען צופֿרידן וואָס דאָן בענעדיקטאָ האָט אויסגענומען בנוגע דעם שותּפֿות. רעכט אַזוי, האָט ער געטראַכט, דער איטאַליענער, אונטער זײַנע נידעריק אונטערגעשוירענע וואָנצעס: „צו מיר וועלן דאָך גיין פּאַציענטן, וועלן זיי נעמען קריכן אויף אַרויף?"

— מסכּים, דאָן בענעדיקטאָ, — האָט דאָטאָר דעלבענע געענטפֿערט. אָבי היטן ס'געזונט, ווײַל עס איז אַן עיקר, אַז די גוט־שכנישאַפֿט זאָל רעכט געדײַען.

---

[2]) אַ קאָרעקטער, אַן אָרנטלעכער מאַן (שפּאַניש).

[3]) נאָטאַר (שפּאַניש).

ו

בכּבֿודיקערהייט זיך אַרײַנגעקליבן די שכנים אין די בריהחדיקע די־רות און שטיל, ממש שפֿל, האָט שפּעטער גאָר שטיל, אין דער סאַמע אונ־טערשטער קעלערשטוב זיך אַרײַנגעשאַרט דער בעל־הבית, סעניאָר די־קאַרדאָ טעוועראס מיט זײַן מישפּחה.

איז, דאַכט זיך, גוט? אַלץ איז אָנגעגאַנגען רויִק, אָן תּרעומות, ווײַל ס'איז געשען אַקוראַט ווען פֿון ס'איז אָפּגעמאַכט געוואָרן צווישן די צדדים. ס'האָט איינער צום אַנדערן נישט געהאַט קיין נ יי ן און נישט קיין י אָ. אין תּחילת האָט עס געקענט אַזוי אויסזען, אָבער נישט מער. ערגעץ איז דאָך געבליבן פֿאַרגראָבן טליִען אַ הייסער פֿונק. און זענען באַשערט געוואָרן עגמת־נפֿשן, באַדאַרף מע נישט גיין זיי זוכן. זיי קומען שוין אַהיים. אויך ר' ברוך קאַליש, דער צוריקגעצויגענער שוחט, האָט נאָך זיי נישט באַדאַרפֿט שיקן; זיי זענען אונטערגעקומען אומגעבעטענער־הייט. זיי האָבן זיך געיאָוועט אַבי־ווי, אַבי־ווען און דווקא צו אים האָבן זיך געטשעפּעט פֿאַרדראָסן. ס'איז אָבער גוט וואָס דער ווײַל דערצויגענער דאָקטער האָט זיך דערפֿון נישט געמאַכט קיין צימעס, כאָטש עס האָט אים שוין צו ביסלעך געאַרט. רײַסט זיך אַרײַן צו אים אַ פּלוצלינגער געשרײַ פֿונעם שכן אין דער הייך, איז עס נאָך נישט קיין אומגליק, בפֿרט אַז קיין פּאַציענטן זענען נאָך גראָד נישטאָ בײַ אים. נאָך בעסער: דאָקטאָר דעלבענע האָט קלאָמפּערשט גאָר נישט געהערט פּונקט ווי ר'האָט נישט געזען ווי דעם שכנס ווײַב געוואָלדעוועט אַרײַן אַ צעיאָכמערטע אין אַ דערבײַיקער אייבערשטער טיר; זי'ט אַ פּנים געזידלט דעם מאַן, וועלכער וויל מסתּמא זי נישט אָנקוקן. קלאָר, קיין גאָר גליקלעכע פּאָר קען נישט זײַן צווישן אַזעלכע — ער אַ זקן וואָס שלעפּט שווער זײַן קערפּער, די פֿיס זענען שוין שטאַרק אָפּגענוצט, בעת זי, די אשה, איז מיט אַ דרײַ צענדליגג יאָר יינגער. אויך איר גיין איז קראַפּטיק און ס'פּנים נאָך פֿריש. אַ קלוגער, קענטיק, דער בענעדיטאָ, — האָט דאָקטאָר דעלבענע שוין מעדיטירט וועגן דעם עסק, אַלאָ מיט דעם זיווג האָט ער בפֿירוש שטאַרק זיך געשטרויכלט. וואָרן וואָס קאָן אַזאַ אויסגענאָגטער לימאַן ווי דער שכן געבן אַ דאַמע, וואָס רײַסט נאָך מיט די שטיינער פֿון טראָטואַר ווען זי שטעלט אויף זיי אירע פֿיס. פֿון דעסטוועגן איז צווישן אים, דעם דאָקטאָר, און דעם אַלטן, מיט דאָן בענעדיקטאָ, ווי שכנים, מכריע די מידה פֿון גוטשכנישאַפֿט. טאַקע דאָס, דערמאָנט זיך בעת־מעשׂה דער סעניאָר דאָטאָר, איז על־כּל־פּנים מחייבֿ צו האָבן אַ ביסל מער אײַנזעעניש פֿאַר געשעענישן אויף אַזעלכע, אויף וועלכע מע ריכט זיך נישט צו מאָל.

ז

יאָ, ר׳ ברוכן איז נישט גוט געשען אויף זײַנע עלטערע יאָרן מיטן אַרײַננעמען אין שטוב אַ צווייטע ווײַב. לפנים איז דאָס ווײַב אַן אָפּגעהיטע ייִדענע, ווי סע שטייט אַן פּאַר אַ שוחט. זי האָט אָבער נישט געקאַרגט דעם מאַן קלעמענישן, וועלכע דער אַלטער ברוך קאַליש האָט סוף־כּל־סוף נישט געקענט סובל־זײַן. מיט ווייטיק פּלעגט ער ציִשן צו איר מיט פֿאַרדריקטע ציין, ווײַל ר׳איז שוין געווען אין פֿולן צאָרן:

— ווי פֿירט זיך אַזוי אַ ווײַב פֿון אַ שוחט, חצופה איינע! דו האָסט דען נישט פֿריִער געוווּסט מיט וועמען דו גייסט ווײנען? ביסט גאָר אַן אומלויף?! נישט גענוג דו ווײַזסט זיך נישט אַרײַן אין דער ווײַבערישער שיל כאָטש צו די יומטוב־תּפילות, פֿירסטו זיך נאָך ווי אַ כ׳וויס נישט ווער... האָסט דאָך פֿריִער געוווּסט אַז דו גייסט אַרײַן אין אַן אָרנטלעכער ייִדישער שטוב.

אָבער זי, זי האָט אַפֿילו נישט געוואָלט זיך פֿאַרענטפֿערן, פּלאַטשיקער מאַכן די שווערע טענות. ער האָט נישט געקענט זיך באַרויִקן, און טאַקע אויפֿגעהויבן דאָס קול:

— דו ווילסט דווקא מיר פֿאַרפֿינצטערן דאָס פּנים?! זאָג, פֿאַר וועמען פוצסטו זיך אַלע מאָל און ווערסט נעלם פֿון שטוב אויף לאַנגע שעהען! שפּעטער האָט דער אַלטער שוין גערעדט דבֿרים קשים:

— ווײסט באַשעפֿעניש וואָס דו ביסט — האָסט נישט קאַ׳ בושה אין די אויגן, הע? געדענק, כ׳על דיך דורס זאָאַן!

אַן אַנדערש מאָל האָט שוין פֿון ר׳ ברוכן אַרויסגעשריגן דאָס פֿײַער וואָס ברענט אין אים:

— טמאה, אַרוי־ויס פֿון מאַאַן שטיב. גע־גאַאַאַן־געעען — האָט ער געליאַרעמט.

די שטילקייט פֿון דער בכּבֿודיקער הײַזקע האָט אויפֿגעריסן פֿון אומ־געריכטע געשרייען. ס׳האָבן אָפּטלעך אויסגעבראָכן האַרבע מחלוקותן צווישן ר׳ ברוכן און דעם ווײַב, אויף וואָס דאָטאָר דעלבענע האָט שוין אָנגעשפּיצט זײַן געהער, אלאָ ער האָט ווידער געמאַכט דעם אָנשטעל כּאילו ר׳האָט גאָרנישט געהערט; אַזוי האָט ער אויך נישט געזען ווי דאָן בענעדיטאָ פּלעגט אין אַזוינע פֿאַלן ראַפּטעם אַראָפּגיין פֿון די טרעפּ און הינטער זיך לאָזן אַ העפּטיקן דרינזשע די האָסטיק צוגעקלאַפּטע דרויסנדיקע גלאָז־טיר.

און זענען די בהלות פֿון דאָן בענעדיקטאָס שטוב דערגאַנגען צום

סעניאָר ריקאַרדאָ איז קעלער, האָט יענער אויסטערליש דערשפּירט זײַן אייגענעם אינעווייניקסטיקן שרימפּן אין דער טונקלעוואַטער ענגעניש. אָבער זײַן אומהיימלעכן בליק האָט ער אויסבאַהאַלטן פֿאַר די שטוביקע: „אַך, אַך, די פּרויען, וואָס זיי קענען אויפֿטאָן מיט זייער כיטרינקער קלוג־שאַפֿט. זיי זענען מסוגל אַ וועלט אומצוברענגען. אַבי גיב זיי געלעגנהייטן! באַהיט זאָל מע ווערן פֿון אַזעלכע נסיונות — —"

זײַן מעלאַנכאָליש טראַכטן וועגן די פּרויען, האָט ריקאַרדאָ טעווערעס ערשט אַראָפּגעשלונגען מיט ביטערניש און זיך פֿאַרלוירן, ווען דאָן בע־נעדיקטאָ איז אים אַנטקעגן געקומען אַ דערשלאָגענער. אים איז דענצמאָל קלאָר געוואָרן אַז זײַן שכן פֿון אייבערשטן גאָרן איז גאָר, גאָר אַן אַלטער מאַן; זײַן ווײַב, וועלכע ער׳ט זיך שפּעט אָפּגעזוכט, די בייז־טועריין דעם מאַנס, איז אַ סך יינגער פֿון אים, אויך זשוואַווער איז איר גאַנג איבער די הויכע שטיגן. צו מאָל פֿלעגט ער איר אומדרייסט נאָכקוקן, דער סעניאָר ריקאַרדאָ, און אומעטיק זיך פֿאַרטראַכטן מיט אַן אומווילן זיפֿץ:

אַך! דער גורל, ווי בלינד ער איז, און אַזאַ פּירט ער דעם מענטש, דעם גרויסן נאַר צווישן אַלע באַשעפֿענישן אויף גאָטס וועלט...

1986

דאָס אויג פון געדעכעניש

א

האַווע נישט!

דו לויפסט אַ צעטראָגענער, האַוועסט. מיט אַ מאָל מוזסטו זיך אָבער אָפּשטעלן, פרעגן זיך אַליין: ווייסטו כאָטש ווו דו ביסט אַצינד? ווייסט דו נאָך דאָס פנים פון דײַן היימשטאָט וואָס דער אַשמדאַי האָט אין זײַן שגעון אין גאַנצן אָפּגעמעקט! געדענקסט צו מאָל זיך גופא, דו מיטליאָרי־קער, דו זקן וואָס האָסט זיך באַזעצט אין אַ לאַנד ווו עס הויזט פאַר דיר אײביקע פרעמדשאַפט? צו דײַן קינד איז נישט געווענדט דער פרעג. דײַן זון לעבט אַפילו נישט אין שאָטן פון דײַן טראַכטן, ער זעט נישט דאָס, וואָס דו כוחסט זיך דווקא צו זען. אונדזער יונגוואַרג האָט זײַן געבוירנאָרט דערזען אין דער שטאָט פון דײַן פרעמד־זײַן, פון דײַן מיד־ווערן. דו, פאַר־קערט, טראָגסט די ווײַטע היימשטאָט אין די קנייטשן פון דײַנע געהירן, פון זיי טריפט די פאַרכמאַרעטקייט פון דײַן געמיט בעת די נשמה לעכצט בײַ דיר נאָך אַ טראָפּינקע היימישקייט.

זיכער, דו קענסט נישט ניט קענען דאָס פנים פון דײַן געבוירנאָרט, וועלכע דו האָסט פאַרלאָזן מחמת דעם דערדריקנדיקן, לאַנגן בין־השמשות. אָבער דערקענען וועסטו זי אַצינד, די געבוירנשטאָט, כאָטש זי איז שוין פאַרקריפּלט פון ווינדן. טאַקע מחמת טיפן באַדויער האָסטו זי נישט פאַר־געסן; וואָרן ה יי ם גייט אומעטום מיט מיט דיר — די היים מיט אירע ריחות, איר טעם און מראה.

פון איר וועסטו קיין מאָל צו ווײַט נישט אַוועקגיין. זי איז אין דיר אַנגעוואָרצלט מיט כמה פעדעם וואָס זענען באַלאָדן מיט אַן אומגעהײַערער גײַסטיקער שטאַרקייט. אין ממשות קענסטו נישט אַנטלויפן פון איר, ממילא זיך נישט אָפּרײַסן, אַפילו דו זאָלסט עס באַגערן. פון טאַטע־מאַמען קענסטו אַוועק, אויב דײַן הארץ איז פאַרסמט מיט דער קללה פון אָפּטריניקייט. די ה יי ם וועט דיך בשום אופן נישט אָפּלאָזן.

די היימשטאָט געדענקסטו, געדענק איך, אין מהלך פון די אַלע יאָרן וואָס זענען פאַרפלאָסן אין נע־ונד, אין צער און ווייטיקלעכער בענקעניש. דו באַהאַלטסט זי (אַן צו וויסן דערפון) אין געדעכעניש צו מאָל ווען דיר איז גורלדיק באַשערט זיך צו טראָגן איבער קאַרקברעכערישע שיפּועים

פון צעטומלונג, מידערהייט זיך שלעפּן אין קרירות און חמימות. קלאָר, די היים איז אַרײַנגעפּליישט אין דײַן לײַב, אין דײַן געפיל. קיין מאָל וועט זי נישט אויפהערן דיך צו באַגלייטן. אַפילו דו וועסט עס נישט באַגערן.

ווילסטו, איז זי, די היימשטאָט צו גלײַך מיט דער לײַבלעכער היים, די אָנוועריטערדיקע ווידוי פון דײַן גאַנצענעם לעבנסטאָג, זינט דער קינד־שאַפט, אַזוי אויך ביזן הײַנטיקן טאָג וואָס דראָעט דיך מיט שרימפּונג און וועלקנדיקער זיקנה.

ערשט רעדט זי צו דיר, די דערוואָרגענע היים, מיט וואַרעמקייט, מיט וואָרענונג ווי מיט אַ לערנונג ווענדט זי זיך צו דיר, אויך מיט אַ פלאַמיק נאָגעניש.

אויך דו, בן־עיר, באַנעם: דאָס גאָרע בילד פון דײַן היימשטאָט איז מיט זיסער האַרטנעקיקייט אַרײַנגעוועבט אין דעם פילן און זען, מחמת זי האָט בשעתה דיך געצערטלט אַפילו אין דער סאַמע אַכזריותדיקייט אירער. און דאַך איז זי דיר געבליבן דער מיסטעריעזער צוזאָג פאַרן מאָרגן.

ס׳איז די זעלביקע לאָדזש. טאַקע די לעגענדאַרע וואָס האָט יונג זיך מתחתן־געווען מיט הייסער געשיכטע, וואָרן זי האָט זיך אַרײַנגעשריבן אינעם ז ײַ ן פון די מענטשן וואָס האָבן גיריק זיך צוגעזאָגטן צום קאָרענעם לעבן פון הײַנט ווי פונעם ווײַטערדיקן מאָרגן פון די מאָרגנס. די אָ רירנדיקע מעשׂה איז פריצײַטיק אַזוי טרויעריק געוואָרן א ו י ס. ממש אויסגעמעקט פון דעם ספר־החיים אונדזערן!

ווי, ווי, דו קרעכצסט? הייב זיך ליבערשט אַרויף אויף אײנעם פון די ברעטערנע דורכגעווייקטע פּלויטן פון דײַן געדעכעניש וואָס הויערט אין דינעם נעפּל פונעם ג ע וו ע ן. אַ בריזעדיקער פליגל וועט דיך אַרויפטראָגן צו די הייכן פון דער יונגשאַפט וואָס איז מסוגל אַפילו אַצינד דיך ווידער צונאָפּלען צו דער היימישער ענגעניש. וועסט ווידער דער־שפירן דעם פליסטער פון דער שוואַכער, גוטער מאַמען; מיט ציטער וועסטו פאַרנעמען די בענטשונג פון טאַטן וואָס פלעגט דיך באַטרערן אײדער ר׳איז געגאַנגען צו דער אייביק־געדענקלעכער ״כל נדרי״. אוי! ווי דער יום־כיפור האָט טרויעריק אָנגעליכטיקט דעם יום־טובֿ פון דעם נײַעם ייִדישן יאָר! בערעלע, אַפילו די טשאַטע טויבן וואָס האָדעווען זיך אין הויף, וועט אויפפלאַטערן אויפן שוואַרצן פאַפע־דאַך אַנטקעגן דעם פאַציעאַט אין שמאָלן געסל פון דער אויסגעליטענער שטאָט. די טויב, דער פאַפּע־דאַך קוקן נאָך אויף אונדז. ווי געווען לעבט זי, די שטאָט, אין זכּרון. זי איז אויך געבליבן שיין אין איר פריקרער טוכלעקייט וואָס גייט אויף פון דעם פלאַכן שטיינערנעם געלעגער פון אָרעמען טײַכל ל אָ ד ק ע.

לאָדזש איז אַלץ נאָך די זעלביקע — זי זשומעט ווי דעמאָלט, אָבער דאָך גאַנץ אַנדערש. זי׳ט אַן אומזעעוודיקע מאַסקע אָנגעטאָן אויפֿן פּנים. ווי דעמאָלט זשומעט זי נישט אַזוי אויף דעם אָנגעשפּאַנטן קעטע־פֿאָדעם וואָס וועבט זיך באַזאַכט, באַזאַכט, כאָטש זי וואַקסט אַן אויפֿן ברוסטבוים. אין דײַן פֿאַרטומאַניעטן אויגנגלאַנץ זע איך אַז דו קוקסט ערשט ווי דאָס געוואַנט אויפֿן ברוסטבוים שפּרייט זיך זייער פּאַמעלעכקע, עפּעס נישט ווי אַנומלט. אלא די קעטע וואָס גיסט זיך פּאַוואָליענקע איבערן שטאָלע־נעם קאַם פֿונעם ,ב ל אַ ט׳, קושט זיך ווידער מיט דער צוגעלענ־טער ריטמיש באַוועגטער לאַדע. געדענקסט דאָס אַלץ? טאַקע די קעטע איז די ציגל פֿאַרן יסוד פֿון דער וועלט ווי דו האָסט זי דערקענט אין דײַן קינדשאַפֿט. פֿון איר איז נישט שכיח זיך אַרויסצומאַכן, ברודערלעיב, אַפֿילו דו וועסט (בײַם סוף פֿון די געווינטלעכע הונדערט און צוואַנציק מערצע־שעם) געוואָרפֿן ווערן אויפֿן משקולת ווי עס איז ,אָנגעשריבן׳ פֿאַרן ילוד אשה:

קאָנטורן, סילועטן, נאָכקלאַנגען און ריחות וויקלען זיך, וועלן נאָך מיט ברכות זיך וויקלען פֿאַר דײַן בליק. אַפֿילו אין שײַן פֿון דער לעצט־מאָליקער צעשיידונג; סע גייט אויף נעפּלהאַפֿטיק דאָס בילד פֿון דער דער־ווײַטערטער היים — —

די היימשטאָט, אירע נאָענטסטע הײַזער, די פֿאַרשטייענדיקע פֿענצטער־שויבן, די האַרכנדיקע טירן נייגן זיך אָקערשט צו דיר. זיי האָבן זיך געכאַפּט אַז דו האָסט זיי דערקענט ווי אין ווײַטלעכן אַמאָל. די גאַסן, געסלעך, ליקן האָבן דאָך דיך אַלע מאָל באַגעגנט מיט יענעם קינדישן נײַגיר, ווי ווען מ׳האָט דיך בײַ דער האַנט ערשטמאָליק אַרויסגעפֿירט אַנט־קעגן דעם צעשטוינטן דרויסן. דערמאָנסט זיך דעם אַמאָל, דײַן און מײַן אַ מ אָ ל? דו קענסט אפֿשר נישט גענוי געדענקען ווי די גאַסן האָבן געקוקט אויף דיר, דעם פּיצינקן מענטשעלע ב ע ר ע ל ע, ווי טאַטע־מאַמע האָבן מיט תענוג דיך אָנגערופֿן. ערשט באַגלייטן דיך די גאַסן אין דײַן צעוווּנדיקטער צײַטיקייט. אמת, אַצינד קוקן זיי שוין אויף דיר מיט באַדויערלעכן קאָפּשאָקל. אָבער דו דערקענסט אין זיי דאָס אַנומלטיקע פּנים, אין וועלכן ס׳שאָטנט זיך אויך דאָס פּנים פֿון אונדזער היים, שוין די נישטאָיקע. אַזוי זע איך דיך, ברודער בערל. צי קענסטו אָבער אין פֿולן באַנעמען דאָס צײַטעריקע ווי דאָס כאַרבלדיקע גערייד פֿון דײַן אַנומלט וואָס וויל זיך ערשט גרונטיק דערשלאָגן צו דײַן באַוווּסטזײַן? אַוודאי, אַז דו גיסט אַ טראַכט פֿונעם ג ע וו ע ן פֿלאַמען אויף דײַנע באַקן און פֿילסט דעם אָטעם פֿון דער היימשטאָט. ערשט לאָקט זי דיך אַנדערש,

ווײַל שוין מיטן נײַגיר פון אַ פֿאַרבלאָנדזשעטן אין אַ בלענדיקן שטח:
„ס'טאַקע דאָ... צי וועל'עך כאַטש אַלץ דערקענען?"

איך, אַקוראַט ווי דו, דערמאַן איך זיך די גאַסן מיט דער היימישקייט ווי כ'וואָלט אַט אַ געטראָפֿן אויך טאַטע-מאַמען. אמת, שוין גראַ־געוואָרענע מיט באַזאַכטן, שוואַכן שריט, אלאַ נאָך אַזוי ליב, האַרציק־נאָענט. אין מײַן זינען זענען טאַטע-מאַמע נישט אַלט, ווײַל תּמיד זענען זיי מיר אַלץ איינס ליב און טײַער. אַזוי זע איך זיי אין קלאָרן ליכט פֿון וואַכן געדעכעניש. נישטאָ פֿאַר אַזאַ הייסער בענקשאַפֿט קיין פֿרײַער און שפּעטער.

איך שפּיר דיך אין מײַן נאָענט, געליטענע היימשטאָט אַזאַ שטוינענ־דיקע פֿון די חורבֿות אַרויס. דײַן גרויסע קזשיוודע וויל איך אַרײַנוואַרפֿן אין די שורעווענדיקע וואַסערן פֿון דעם בייזן חלום וואָס איז מיך באַפֿאַלן הלמאַי דיר, מײַן היים, איז אַזוינס צוהאַנדן געקומען, שווער דיך געשלאָגן און דערהרגעט אונדזער געמיט.

גאַסן, געסלעך היימישע, פֿאַרצאַגטע אונטער דעם אײַנגעפֿינצטערטן הימל — נעמט מיך אַרײַן אין אײַער שויס, כ'וויל זיך טוליען צו אײַך אין מײַן עלנט.

ב

לאַגעווניצקע גאַס

די רוישיקע באַרג־אַרויפֿיקע זגערזשער־גאַס האָט מיך אַרויפֿגעצויגן צו זיך, נאָר בײַ דער הויכער, רויט-ציגלדיקער, מאַכטיקער קאָשטשיאָל־מויער „די הייליקסטע פּאַננע מאַריאַ", האָט זיך געליימט מײַן שריט: גויִים און די אימה פֿון די שפּיציקע, הויכע טורעמס דראָען שוין פֿון זייערע ווענט, אָבער פֿון אַנטקעגנאיבער בליקט באַלד צו מיר די שווערמוטיקע, כמורע האָטעלגאַס מיטן טריבן פּליישמאַרק, דער „גאַטשינגי דוואָר". אַהין צו און צוריקוועגס ראַמפּלען דאָ מגושמדיקע פֿאַרמאַכטע פֿורגאָנעס מיט בלוטנדיקן געפּלייש; זיי ראָלקעווען זיך שווער אויף די האַרבאַוואַקסענע, ריזיק־געקאָוועטע קלאָען פֿון פֿאַרסקנדיקע פֿערד וואָס האָבן קענטיק אַ שאַרפֿן ווידערווילן צו דעם אָרט וואָס אָטעמט מיט שעכטהויז, מיט בלוט־קאַלוזשעס און מיטן אַלטן, שימלבאַדעקטן טויט. אָ, ווי דער פֿאַרשלאָסענער אַלטער ייִדישער בית־עלמין וואָס הויערט דאָרט דערנעבן, קען אָנוואַרפֿן אַ מורא, צו מאָל אַ פּחד אויך אויף טעמפּע שלעפּפֿערד פֿאַרשפּאַנטע אין אַכזריותדיקן טויט, פֿון אַזוי פֿיל רעווענדיקע אָקסן און מעקענדיקע שעפּסן.

דורכגעקראָגן זיך די אומבאַגרײַפֿלעכע שרעקן וואָס לויערן פֿון די ראָגעס, האָט אַ צי געטאָן די לאַגעווניצקע גאַס. דאָ איז אַנטקעגן געקומען

אַ ליכטיקער טומל און קאָלירן געמישט מיט לאָקנדיקע ריחות וואָס עפֿע־נען זייערע אָרעמס מיך אַרײַנצונעמען ווי אין אַ שטראָמענדיקן, וואַרעם־כוואַליעדיקן טײַך. ייִדישע קולות וויגן זיך דאָ, רופֿן בפֿירוש: „נעמט, ליבע לײַט, בזיל הזול. גוט און וואָלוול!" פֿאַר דער נאָז, פֿאַר די ליפּן דעמפֿן זיך אויס זיסע טעמים פֿון האָניק און זאַפֿט, וואָס שפּרייטן זיך פֿון אָנגעהויפֿטע בערגלעך עפּל וואָס אָהער צו אָנגעבראַכט פֿון די ווײַטסטע סעדער אַזוי אויך בלערליי באַרנעס אין יונגער צײַטיקייט. פֿון כּל הגוטסן רעדט דאָס גלײַכן די שפֿע פֿון קאַרשן, חמרים ווײַמפּערלעך און אַגרעס, בלאָ־באַהויכטע פֿלוימען, בערג מיט הייפּטלעך, זאַפֿטיק־געקרויזטע קרויט, אָנגעשאָטענע ווי אויפֿגעזאַמלטע לבֿנהלעך. אַזוי פֿיל פֿרישער גרינס, געלס, גלאַזרויט און טויזקבלאָ אין זייער רײַפֿקייטרייך איז פֿונאַנדער געשפּרייט אויף דעם איינעם אָרט. איבער אַנאַנד איז אַלץ אויסגעמישט ווי אין אַן אומגעהײַערן מולטער וואָס זידט אויף הייסע געלוסטן. אויך וואַרפֿט זיך אין די אויגן און סע דרייט זיך אַרײַן אין דער נאָז דער קיצל פֿון געשמאַקן הערינג מכּל המינים, אין בכּיוון צעעפֿנטע פֿעסער. פֿון מבֿינותשאַפֿט וועגן זענען די אַלערהאַנט הערינג אויסגעסדרט אויף די דעקלברעטלעך פֿון די אייגענע טונען. אַזוי שמייכלען זיי אַריבער דעם שטאָכעטן־פּלויט, די הערינג, זילבערגראָע און די מיט „אַ שפּירערל", מיט מילכער, אויך שמאַלצהערינג אוליקעס און אַזעלכע וואָס אין אַ רייצנדיק גאָלדהײַטל, ווײַל שוין געוועגדזלט אויף אַ גילדיק איידעלן פֿלאַם. די אָ האָבן אַ פֿעטלעכן גלאַנץ ווי בכּיוון אָנגעקלײדט פֿאַר „געשמדטע העלדזער" — — ס'איז די באַשײַמפּערלעכע עשירות פֿון דער מאַמע־ערד און פֿונעם ים. אָבער דאָס איז שוין ווי אַ צו להכעיס פֿאַר די וואָס מוזן נאָר קוקן אויף דעם גוטס, קוקן און רק שלינגען די סלינע. יאָ, דערנעבן שטייט שוין אַ בײַדל וואָס פֿאַרקויפֿט פֿריש־אויסגעבאַקענע, קנאַקנדיקע זעמעלעך, אָנגעברוינטע, מאָן־באַשאָטענע בייגל, ציבעלע־פּלעצלעך, אויך גריסקע ברויט מיט ראָזשנקעס. ווײַטער מיט אַ פּאָר שריט קאָפּשטעט אויף אַ קוימענדל — פֿון הינטער אַ דעבל — מיט אַ קיצלדיק רויכל וואָס האַלט אָן אַ באַטעמט הייס טע־פּעלע קאַווע, אויך ווערט דאָ געגרייט אַ פֿריש־פֿאַרבריט גלעזל טיי, אַפֿילו אַן אָנגערײַשטן הײמישן קרופּניק וואָס זאָגט צו נישט לאָזן פֿאַרדאַרבן דעם מאָגן, ווײַל „אַלץ איז דאָ פֿרישיטשקע און ריין ווי גאָלד". צו מיטאָג וועלן פֿון דעם זעלביקן קוימענדל זיך שוין אַרויסהערן די טעמים פֿון „אַ גוט ביסעלע גראַשלעך, אַ שיסעלע היימישע קליסקעלעך מיט אַרבעס. אויך אַ פֿעט שטיקל דופּניצע".

„עסט, מאַמע ליבע, קוויקטס ענק!" רופֿט בײַ צײַטנס די מאַרקמענטשן

די וואַרעמקייט פֿון דעם מיטאָג. אָבער אויך דורכגייערס קענען זיך סמאַ־קעווען מיט אַזאַ היימישן לעפּל געקעכטס, איז מעיד דער קעכער שלמה־זאַנוול, אַן אויפֿטוער אין דער ווײַבערישער מלאכה פֿון פֿלײַסיקן מישן אין די טעפּ און ראָנדלעס וואָס פּאַרעווען אין זײַן בײַדל.

די שרײַענדיקע אָרעמקייט האָט גאַסיק זיך אַרײַנגעקליבן אין שכנות פֿון יונדל פּילצערס פּלאַץ וואָס האָט פֿאַרכאַפּט אַ שטיק לאַגעווניצקע. זי'ט זיך אַרויסגעשטעלט פֿון חיונה וועגן צו עוסקן פֿאַר יידן וואָס קליגן זיך אונטערצוקומען מיט אַ גוטן שלוק און אַ באַטעמטן ביסן פֿאַר אַזאַלכענע וואָס דאַרפֿן אונטערלענען זיך דאָס האַרצעניו, וואָס מאַנט אַלע מאָל עפּעס, ווײַל „ספּאַלט אַט אַ אין לאַאַב אַראַן". די שעה פֿון אָנקאַרמען ס'האַר־צעניו איז דער עיקשטער זייגער פֿון געמיינעם מענטש, וואָס איז אָנגעוויזן רק אויפֿן פֿאַרדינסט וואָס ער מאַכט על פּי מיקרה.

ס'איז נישט גרינג דעם אָרעמאַן אויסצוקלעפּיען דעם ביסן ברויט. פֿאַר אים איז ענג די גרויסע שטאָט, זוכט ער „זײַן כּזית" פֿון אַ קיישל אויפּס אָדער אַ זעקל ציבעלעס צי אוגערקעס ווען ס'איז גראָד דער זמן פֿון דעם מין שפּײַז פֿאַרן דלפֿון. אַ גרינע אוגערקע עסט אַ קינד און ס'פּאַכאַפּיעט זעך מיט אַן אוגערקע אויך דעם קינדס טאַטע, ווען ס'האַרץ איז אים פֿאַרחלשט. אַזאַלכע גאַסנהענדלערס וואַלגערן זיך אויס לאַנגע טעג איבער די גאַסן און רופֿן צו זיך די להוטע נאָך דעם וואָרן חלום: „וואַאַבער, ראַאַאַסטס ענק, וואַאַבער, צו יאַנקל טשוואַק. ער גיט אַלץ בחצי־חינם — גיטס און וואַלוול!" אַנדערע הענדלערס קענען נישט שטיין אין אַנגעקוויטיקטן עיגול פֿון רעש. זיי נעמען דאָס קיישל אויפּס בײַ די אויערן און גייען אַנטקעגן דעם בטחון: דער מאַן פֿון איין זײַט קויש, די ייִדענע פֿון דער אַנדערער זײַט.ביידע פֿאַרהילכן דערנאָך די הילצערנע הײַפֿלעך מיט זייערע אויסגעדאַרטע קולות געווענדטע צו די פֿענצטער און צו די שוועלן: „וואַאַבער, וואַלוול, וואַאַבלעך קימטס, אַ גרויסע מציאה!" גרע־סערע אויפֿטוערס פֿירן זייערע קראָמען סחורה אויף קליינע שווער־געקאַ־וועטע וועגעלעך. אָנגעלאָדענע מיט גאַנציטשקע ראָמשן גרינס אָדער פּרוכט. דער מאַן אײַנגעשפּאַנט אין דישל (די באָרד פֿאַרשפּיצט, די שטיוול פֿאַרבלאָטיקט, האַרט ווי סקאָרופּעס), דאָס ווײַב (אין אַ געלאַטעטער ספּוד־ניצע ,אין אַ ברייטן פֿאַרטעך מיט אַ טיפֿער קעשענע) שטופּט נאָך דעם וואָגן הינטערווײַלעכטס; ער און זי שרײַען זיך איבער ביז הייזעריקייט:

— וואַאַבער, אַאַלטס ענק, נעמטס חצי חינם! ביידע גייען אָפּ אין שוויס, חלשן צו פֿאַרדינען דעם גראָשן. דער אָרומיקער געליאַרעם מאַ־

ליעוועט אויס זייערע פּנימער מיט גראָבן שטויב, מיט סאַזשע־פּלאָקנס און שנײַדט אײַן אין זייער הויט טונקעלע קאַרבן.

ס'איז אַ ביטערער ביסן ברויט. אָבער אויך קינאה עסט די זלידנע הענדלערס. טייל מאָל קריגן זיי נעבעך „גרויסע אויגן" ווען זיי דערשלעפּן זיך צו יונדל פּילצערס פּלאַץ נאָך אַ פריש ראַמשל סחורה פאַרן אייגענעם קרעמל. זיי קויפן אַ קיישל ציבעלעס אָדער שיטן אָן דאָס האַנטוועגעלע מיט אַ ראַמש איבערגעקליבענע עפּל אָדער באַרנעס. בעת־מעשׂה פאַלט פון זיי אַ שווערן מורמל, ווען זיי לאָזן זיך ווידער אין גאַס אַרײַן:

— זע, סאַראַ בייזן כּוח ד אָ ס האָט! און גיבן מיט אַ קאָפּשאָקל אַ ווונק צום ריזיקן אויפסמאַרק יונדל פּילצערס. — געקימען אַ שנאָרער און זעך אַזוי הויך אַרויפגעדראַפּעט! אַן אַנדערער אביון פאַרלירט נאָך אַ קרעכץ, ווען ער קוקט אויף דעם מאַרקפּלאַץ מיט די אינעווייניקדיקע געמויערטע שפּײַכלערס־געוועלבער: „אַוודאי, נישט יעדער בענקאַרט האָט אַזאַ מזל. אויף יונדל פּילצער איז געקומען אַזאַ געשווילעכץ!"

דלפּנים פאַררײַסן זייערע קעפּ אויך צו דער גרויסער פּיל־שטאָקיקער, לאַנגער מויער וואָס גלאָצט צו דער אַנטקעגנדיקער פּעפּער־גאַס, וועלכע קוקט גדלותדיק אַוועק פון דעם טומלדיקן אויפסמאַרק:

— צ'זעיטס, נישט נאָר יונדל תּהילים־זאָגער איז געוואָרן אַ גביר. אַ פּנים, נישט אַלע שלעפּערס האָבן אַזאַ פינצטער מזל! אָט האָסטו אַזאַ פּרוטה־ייִד!!

אַלעמען חידושט עס גאָר; דעם אַרום פאַרדריסט עס ממש: „ר'איז געגאַנגען און געטראָפן; אַזאַאַ מזל פון אַ שנאָרער! זעלטן עס טרעפט אַזוינס. פונקט אים האָט ער געטראָפן, כאָטש הרגע זעך... וויפל זענען נעבעך געשלאָגן געוואָרן צו מוזן אויסשטרעקן די האַנט, אָבער... מיט דעם האָט טאַקע געמוזט געשען אַ וווּנדער־מעשׂה, באמנות! געווען אַ טירגייער פון בעטלערלאַנד, דער זימל בענעט. ר'האָט פלײַסיק פאַרכאַפּט אַ סך גאַסן און זיי באַאַרבעט. ר'האָט נישט דורכגעלאָזן קיין איינציקע ייִדישע טיר, אויב ז' האָט אַזעלכענעם געקענט געבן אַ גראָשן. צו אַלעמען האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט:

— אַ פּרוטה גיטס, ליבע מענטשן, אַ נישטיקע פּרוטה און איר'ט זעך קויפן אַ גרויסע מיצווה. השם ישמורנו, אַ הויזגעזינד וואַרט אויפן ביסן ברויט. ער האָט הכנעהדיק פאַרגלײַזט די אויגן, געלאָזט זיך פאַרקאָלטענען די באָרד און ר'האָט נעבעכדיק געציטערט מיט די ליפּן. מיטן לײדיקן איז ער שוין נישט אַוועק. פון גרעסטן קמצן האָט ער באַוויזן אַרויסצוצי:ען אַ מטבע. אַפילו אַ בכּבֿודיקער אָרעמאַן וואָס האָט אַליין נישט געהאַט

מיט וואָס דעם טאָג דורכצוקומען, האָט זיך פון פרוטה־ייִד נישט געקענט אָוועקדרייען. ר׳האָט אים געמוזט אָוועקגעבן באַדאַי דעם לעצטן גראָשן. יעדער האָט געמוזט אים דערלאַנגען די פרוטה, אויב ר׳האָט נישט געהאַט מער. דער טירגייער זימל האָט נישט גענומען קאַ׳ שטיקל ברויט אָדער אַן אַנדער הילף וואָס מ׳גיט געוויינטלעך אַ פּושט־ייִד.

אַ פרוטה האָט ער געבעטן. די האַנט אַזוי לאַנג געהאַלטן אויסגעשטרעקט ביז מ׳האָט אים געגעבן די האַרטע מטבע. ר׳האָט זיך נישט אָוועקגערירט פון דער שוועל. די האַנט איז ביי אים געווען אָפן אַפילו ווען ער איז געלעגן אויפן צעריבענעם שטרויזאַק. אַזוי תמעוואַטע איז ער פלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען אַ גביר, אַ מענטש מיט אַ גרויסן מאַיאָנטעק. מ׳זאָגט, אַז ר׳איז אַ מיליאָנטשיק. הײַנט לאַכט ער פון אַלע. ערשט האָט דער פרוטה־ייִד זײַנע געשעפטן אויף נאָוואָמיעיסקע, זיי ברעכן זיך פון סחורות; קונים לייגן אים איַן די שוועלן, בעטן ביי אים סחורה, שטופּן געלט פאַרויס אין האַנט אַרײַן; „נעמט דאָס געלט, פאַניע בענעט, זײַט געזינט, רב זימל״. ערשט טיילט ער נדבות פון אַ גרויסער קאַסע, בוכהאַלטעריש. איין מאָל אין וואָך, יעדן דאָנערשטיק, ווען די טירגייערס באַארבעטן די נאָוואָמיעיסקע גאַס, ציִען זיך פאַר זײַנע שוועלן אָרעמע לײַט אין אַ לאַנגער ריי. אַצינד איז ער דער יחסן, דער פרוטה־ייִד. די אָרעמע לײַט וואָס קומען צו אים נאָך אַ נדבה, ווישן זיך פריִער אָפּ די ליפּן, ווילן האָבן אַ מער בכבֿודיק פּנים, אַנישט גיט ער נישט. ווידער זײַן מויער אויף לאַנגעוויניצקע איז די העכסטע, גרעסטע קאַמיעניצע פון דער גאַנצער געגנט. אַ מלכותדיק נײַ, שיין הויז אַנטקעגן די געזונקענע, פרוכנע, הילצערנע הײַזקעס.

— זעסט, אויף צופיקעניש האָט דער פרוטה־ייִד דאָ זיך אָוועקגעשטעלט. איינע אַזאַ געהויבענע אין דער אָרעמאַנסקער געגנט.

אַנדערע שפּײַען אויס מיט פאַראיבל:

— באַהיט זאָל מע ווערן, אַז אַ משרת ווערט אַ פּאַן. געוואָרן צו פיל פאַרריסן דער פרוטה־ייִד. ער׳ט נישט געקענט זעך אַרײַנשטעלן מיט זאַאַן קאַמיעניצע אויף פראָמענאַדע צי וואָלטשאַנסקע? איין שטאַרקער צאָן אין אַ חרובֿדיק מויל... צו רייצן אַנדערע זיך אַנידערגעשטעלט! אָבער קיין אַנדערן נאָמען האָט ער נאָך נישט, זיסל בענעט. אָרעמע לײַט האָבן קנאַפּ דרך־ארץ פאַר חוצפּהניאַקעס; טאַקע אַן עושר געוואָרן, נאָר ער קען זיך אַלץ נישט באַהייבן מיט דעם זאַק געלט וואָס ער האָט. מע זאָגט, ער קען אַליין נישט איבערציילן זײַן מאַיאָנטעק. אַ רעכנמײַסטער האָט ער געדונגען, דער אָנגעביטשעוועטער פרוטה־ייִד. אָבער פרוטה־ייִד איז סײַ ווי נאָך זײַן

פּרצוף, כאָטש די מַעֲשׂה־פּלא וועגן זײַן גדולה האָט שוין באַקומען פֿליגל אין מענטשנס פֿאַנטאַזיע.

נ״דעריקע, הילצערנע כאַטקעס שטייען אַרום און אַרום, געבויגענע, אָרעמע פֿענצטער, האָט דער פּרוטה־ייִד זיך אַרײַנגעריסן דווקא אַהער מיט זײַן ריזיקן געהײַז פֿון כּמה גאָרנס. ערשט בוקט זיך צו אים דער דלפֿני־שער דמיון און ער שפּינט זיך אַרײַן אין אומטעגלעכן חלום. מעשׂה־נוראָס גייען שוין אַרײַן אין דעם: אַ פּוסטער, ווילדער העק פֿון נאַקעטן פֿעלד און זומפּיקער וואַלד איז געווען דאָס אָרט ווו עס ליגט ערשט די לאַנגעוו־ניקער גאָס. גויים פֿון דער ווײַט האָבן אין פּילגרימען־פּראָצעסיעס פֿאַרבײַ געצויגן, געקוקט צו די הימלהייכן און אַקוראַט דאָ און דאָרט געשטעלט לינדנביימער. אַזוי אַרום געעפֿנט טויבע סטעזשקעס, צוגעפֿעסטיקט צו די לינדנביימער ליימענע יויזלעך, פֿאַר זיי געקניט אין פֿרומען געזאַנג. עפּ־טער האָבן מחנות פּויערן און פּויערטעס זיך געוויזן צו די לינדנביימער און זיך געמאַדליעט פֿאַר זיי. פֿאַר דאָס האָבן זיי קיין ייִדן נישט געוואָלט סובל־זײַן. „אַוועק פֿון דאַנעט, פֿאַרשאָלטענע אַנטיכריסטן!“ האָבן טייל זיך געכעסט, אַפֿילו שוין פֿײַנטלעך געטיקעט אויפֿן ייִד. אַ סך בלוטצאַפּעניש האָט עס געקאָסט די אונדזעריקע ביז מ׳האָט באַוויזן בײַצוקומען מיט סאַמע גוטס דאָס רשעות פֿון די ערלים. אָ, אָ, אָ, מ׳זאָל שוין נישט געפּרווט ווערן מיט אַזעלכע פּײַנען וואָס ייִדן זענען אויסגעשטאַנען צוליב דעם יויזל. לײַט האָבן שווער געקרעכצט, זיך געמיט צו פֿאַרגעסן דאָס פּריקרע געשעען וואָס האָט אַלע מאָל זיך איבערגעחזרט ווען די סגאַיעס זענען אַוועק פֿון זייער מאַדליען זיך און קניִען בײַ די לינדנביימער.

ס׳איז נסים, וווּאַ — האָבן צעשראָקענע ייִדן זיך אַוועקגעלאָזן אין דער הפּלאַדיקער מעשׂה שהיה וואָס איז פֿאַרווייקט געוואָרן מיטן בלוט פֿון ייִדישע קינדער אין פֿאַרשיידענע מקומות פֿון מאַזאָוויע, אָבער דאָס קער זיך שוין אָן לאַנג פֿאַרווייעטע צײַטן.

זיכער, די לאַגעוויניקער גאָס וואָס האָט געגומען איר אָנהייב פֿון גע־וועזענעם לאַגעוויניקער אַלטן וואַלד, האָט הינטער זיך וואָרע היסטאָריע. האַמער זי אויס, מײַסטער!

ג

פֿעפֿער־גאָס

אויך די פֿעפֿער־גאָס קוקט אויף מיר, שטוינט, דאַכט זיך אַ געפּלעפּ־טע אין איר שיפּלות.

ווי אַ מאָל ליגט די קורצע פֿעפֿער־גאָס אָנגעשפּאַרט אויף אַן אָרעם

פֿון יונדל פּילצערס פּלאַץ — אַ ברעג גאַס איז אויסגעשטשערבעט פֿונעם הילצערנעם שטאַכעטן־פּלויט, אַריבער וועלכן עס מאַלט זיך ווי אויף אַ ריזלענדיקן טײַך די קרויזיקע גרינקייט פֿון אָן אָנגעהויפֿנטן באַרג פּיעט־רישקע־קעפּלעך, דער אויגן־גליוּוער פֿון אַגרעס־אַאַליקייט, הויך אָנגעשאָ־טענע בערגלעך קאַרטאָפּל צו גלײַך מיטן געשרײַ פֿון נמאסן הונגער. אַלצ־דינג פֿון דעם איז אָנגעבאַרייט אויפֿן דאָזיקן אָרט בײַנאַנד מיט קאַסטנס אײדעלע פּירות. אַלץ פֿאַרטײַבט די שלייפֿן פֿון די מענטשן וואָס גייען דאָ פֿאַרבײַ:

— אַך, וואָס פֿאַראַ שפֿע! אָבער אונדז צינדן זיך אַזש און ראַפּיעיען די אויגן פֿון בלויזן קוקן. ווו נעמט מען דעם גראָשן צו קויפֿן עפּעס פֿון דעם אַלעם.

...זקנהשע, הילצערנע, שיפֿדאַכיקע הײַזקעס טוליען זיך צו אײנאַנ־דער אין דעם געסל, גלײַך די כאַטעס וואָלטן געוואָלט זיך דערווײַטערן פֿון דער העזהדיקער לאַגעווניצקער גאַס. אַ פֿאַרריסענע נכפּהניצע דאָס איז, — מורמלען אָפּגעקראָכענע ווענט צו די שפּיציקע אויסגעקרימטע פֿעלדשטיינער פֿון גאַס און די מאַטע פֿענצטער־שויבן האָרכן זיך צו אין מרה־שחורה: „ווו נאָר אַ פּורעניה, טשעפּעט זי זיך צום ביסל ייִדן וואָס לעבט קוים. אָט אַ גרויסע טומאה וואָס האָט זיך אָוועקגעשטעלט אַקוראַט ווו ייִדן האָבן זיך אײַנגעהיימישט און אײַנגעפֿעדעמט דאָס שטיקל פּרנסה. דאָ ווידער אַ לינדנבוים מיט אַ יויזל אונטער אַ קאַליריק פֿאַרטעכל. ערלים ציִען צו דעם פֿון די ווײַטסטע דערפֿער, קנײַען אַנידער אַנטקעגן דעם, בלעיקעצן, אָבער דער ייִד איז זיי אַ שפּאָן אין די אויגן — —"

מנוחה באַגערט די פֿעפֿער־גאַס, אלא קיין מאָל לאָזט מען זי נישט רויִק דערשלאָפֿן די נאַכט. די לײַט וואָס הויזן דאָ, וויגן זיך אונטער די וועבשטולן פֿון גראָען באַגינען ביז אין שפּעטער נאַכט. אָן אויפֿהער קלאַפּן זייערע לאַדעס. זיי ווייסן אויך נישט פֿון קיין מנוחה. וואָרן תּמיד טראָגט זיי דער אומרו אַקעגן דער ווי ל ק ע, פֿון וואַנען זיי שעפּן זייער חיונה. צעלאָמיעטע פֿאַרגענעצן די וועברישע לײַט די אייגענע פֿאַר יאָר. מיט גענעצן לעכערן זיי אונדז די שאַרבנס. דאָס זינדיקע דינען צו ווילקע, רק צו יענע גאַסן אַרויף־שטאָט, איז אויך אַן אומגליק מיט וועלכן די מענטשן לעבן, מוזן לעבן באין ברירה. פֿון נישט־דערשלאָפֿן, ווען ס'איז פֿאַראַן אַרבעט ווי פֿון הונגערן בעת דעם לאַנגן „בין־הזמנים" גענעצן זיי אַ סך. ס'אַ קרענק אַ וועברישע. זיי לאָזן זיך מער הערן מיט די שטום־אויפֿ־געריסענע מײַלער, ווי מיט פּשוטן מענטשלעכן רעדן. מע גענעצט אַזש דאָס שטעכט אין די שלייפֿן. עס הערט זיך דאָס גענעצן פֿון די וועבערלײַט

ווען ס'איז נישטאָ קיין קעטע און נישט קיין בײַנוולפֿאַדעם צונויפֿצושטוקע־ ווען דעם דלות מיטן חלום פֿון אַ פּיידע ברויט. און דאָס האַרצעניו אַנטגייט.

אויף דער קאַלטער פּליטע שטאַרן גולמדיק די טעפּ. נישטאָ וואָס אַרײַנצולייגן אין זיי.

אַ מעלה האָבן די געסלעך וואָס די גאַרע בידע פֿון שטאָט האָט זיך דאָ צונויפֿגעקופּיעט. און דאָס געסל האָט די טבֿע וואָס יעדע שטוב איז דאָ ווי אַ דורכזעעוודיק גלאָז. הערט מען אויף אין אַ שטוב צו האָבן וואָס צו לייגן אין טאָפּ אַרײַן, ווייסט מען באַלד בײַם שכן, כאָטש לײַט האַלטן אַזעלכענע נחתן אונטערן שטערצל. אַז אַ שכן דאַרף שוין אַ קרעכץ טאָן איבער אַן אח־לצרה, באשר מ'גייט שוין אויס פֿאַר אַ ביסן בײַ שלום בלענדעווער, מוז מען דעם קרעכץ אָפּוועגן מיט האַרץ: אַ, ווי ביטער!

מיט שרעק טראַכט דער עולם פֿון דעם מלך הונגער. באַווײַזט ער זיך, פֿאַרהאַקן זיך אַלע טירן אויפֿן שלאָס. דער געוועלבניק פֿון גאַס — לערנט מען באַלד אַ קל וחומר — צעשנײַדט געווייינטלעך אַ הערינג אויף פֿינעף־זעקס חלקים און קאַשע און צוקער צעוועגט ער פֿאַר זײַנע קונים אין די קלענסטע שקאַרמיצלעך. ערשט וואָס וועט אַצינד זיך אָנהייבן? האָט מע שוין אָנגעהויבן אין ציבור „צו פֿאָפּן אויפֿן בעקער", וועט דער געוועלב־ניק אויפֿהערן אין גאַנצן צו געבן עפּעס אויף באָרג, אַפֿילו נישט אַ שטויבל מעל. ווײַל וואָס־וואָס, טענהט ער אַלע מאָל, קיין באַנקיר איז ער נישט. צו פֿיל אײַנשטעלן בײַ שלום בלענדעווער צי בײַ חיים־וואָלף דעם גריצער טאָר ער אַוודאי נישט. לאָזן „צעטלאָטשען זיך די קישקעס" די וו י ל ־ ק ע ר א יי ד ע מ ל ע ך קען ער זיך נישט פֿאַזוואָליען. ר'מוז האָבן איטלעכן אויפֿן אויג. ער קען גוט זאָאַנע אײַנגייערס. טייל האָבן נאָך די גוטע טבֿע צו „קאָכן זיך יײַכעלעך" ווען זיי קריגן פֿון ווילקע די מטבע אין האַנט אַרײַן. איז אַדרבא, איך פֿאַרגין זיי אַל דאָס גיטס, „אָבער לאָזטס זעך נישט ווילגיין פֿאַר מאַאַן געלט". צו מאָל קלאַפּט ער שוין מיט זײַן הענטל אויפֿן טאָמבאַנק, „גייטס ענק געזינטערהייט. מיך לאָזט אָפּעטעמען. אָבער פֿאַרגעסט נישט דאָס ברייטל מיטן הערינג און ס'ביסל צוקער וואָס צ'האָט גענומען אויפֿן ביכל נעכטן און אייערנעכטן".

בײַ דעם אַלעם שלעכטן איז דער געוועלבניק נאָך נישט דער לעצטער דלפֿון אין פֿעפֿער־גאַס צי אין שמאָלן געסל. אַוועקזעצן זיך וויינען אויף זײַן ביטערער מערכה איז נישט קאָ' נויט אַצינד, כאָטש ס'איז, מ ו ך אין וועבערישן פֿאַך. ווײַל איז דווקא דעם קצבֿ. ער האָט ערשט הנאה פֿון זײַן פּירעכץ. ער'ט קלוג געטאָן וואָס באַלד נישט אָנגעהויבן מיט קיין באַרגעלעך. מיר באָרגט מע דען אַ גילדן? „האָסטע — ביסטע אַ מענטש".

איז זײַן חכמה. אָבער דעם געוועלבניק ווי דעם קצבֿ איז סײַ ווי נישט להוט קיין לייזעכץ אַפֿילו אין די שווערע וואָכן. אויב זיי וועלן לענגער נישט לייזן, וועלן זיי נאָך האָבן אָפּצועסן אַ זעטיקע מאָלצײַט. אלאָ אָן לייזעכץ שטייט קיינער נישט פֿון זיי אין דער סאַמע ענגסטער צײַט. טאַקע ווײַל בײַ זיי פֿאַרקויפֿט זיך אַזוינס וואָס מ'דאַרף האָבן צו מאַכן האַם-האַם (ווי קליינע קינדער דערמאָנען אָן הונגער), זאַכן וואָס לאָזן זיך קײַען און שלינגען. שטעלט זיך אַ מאָל אַרײַן עמעץ וואָס איז נישט אײַ-אײַ, ר'איז בלויז „אַ בטוח". זאָל ער גיין זוכן אַ בעסערן געוועלבניק. אָן אַזאַ קונה קאָן מען אויך בלאַאַבן לעבן, זאָגט דער קצבֿ. לײַט מיט פֿרומע רייד גייען טאַקע אַוועק מיטן לידיקן. נישטאָאָ! דער געוועלבניק און דער קצבֿ זענען פֿון דעסטוועגן נאָך אַלץ געבליבן די שיינע ייִדן פֿון דער געגנט. יעדער טראָגט זיי נאָך אַנטקעגן אַ גוטמאָרגן אָדער אַ בלייכן גאָטהעלף.

דער געוועלבניק איז סתּם אַ זײַדענער יונגער-מאַן; ער טאָר זיך נישט אָנשטרענגען. ס'איז אים פֿאַרזאָגט אַ שלעפּ טאָן עפּעס אָדער אויפֿהייבן אַ זעקל אַרבעס, כאָטש ער מוז עס גראָד עפֿענען. ער עפֿנט עס טאַקע, אָבער ער באַהעלפֿט זיך דעמאָלט מיט אַ קונה וואָס האַלט זיך קוים אויף די פֿיס. נישט זעלטן איז עס אַ ייִדענע וואָס קומט אין געוועלב אַרײַן נאָך עפּעס נייטיקס. אָבער דעם ע פּ ע ס קריגט זי נישט, ווײַל זי האָט נישט קאַ' גראָשן בײַ דער נשמה. מ'עט זיי אויסצאָלן די טעג, וועט זי מיט דאַנק אַראַנבערענגען. דער געוועלבניק פֿאַרלאָזט זיך אָבער נישט אויפֿן צוזאָג, אלאָ ער לאָזט זיך בעת-מעשׂה מאַכטיקן איבער דער זעלביקער ייִדענע. „איר'ט אַזוי גיט זאַאַן? נאָר אַ רגעלע. ער טאָר אַפֿילו נישט שטעלן אַ שאַרפֿן שריט — — חס וחלילה גיין אַ ביסל געיכער? ער לײַדט נעבעך — גיט ער אַ קלאָג אַרויס — דאָס אונטערלײַב איז בײַ אים „נישט אין דער היים". ווידער דאָס ווײַב זײַנס? זי איז גאָר אַ שוואַכיטשקע, קען נישט צוהעלפֿן אין געוועלב. קומען מיט אַ מאָל מער קונים, מוזן זיי האָבן אַ ביסל געדולד.

אַנדערש איז מיטן קצבֿ. אַהערגעקליבן זיך פֿון מרחקים, ערגעץ פֿון לוצקער קאַנט, אָבער געקומען מיט אַ שווערן בײַטל. ר'האָט באַלד אין פֿעפֿער-גאַס געקויפֿט די כאַטע ווו געעפֿנט די יאַטקע. אין זײַן מאַיאָנטעק ציילן זיך אויכעט קינדער וואָס זענען שוין אַ האַנט אין מיסחר. „דער אַלטער", רעב בעמיע, איז גוט אויפֿגעלייגט בײַם באַדינען קונים, אויב זיי זענען ווילִיק צו באַצאָלן דאָס וואָס זיי נעמען. „ממתּקים אויפֿן טיש", זאָגט ער און די אויגן צעגלאַנצן זיך מיט אַ מוטנע גלאַנצל. געעפֿנט די יאַטקע אין זײַן הילצערנער כאַטע, איז אים באַלד נישקשהדיק אַוועק.

משמע, דאָס פּעפּער־געסל האָט זיך שטאַרק גענייטיקט אין אַ יאַטקע. אין רעב כעמיעס יאַטקע קומט צו אַלע מאָל מער סחורה. אָנגעהויבן האָט ער באַר מיט לונג און לעבערס און פּיס, רינדערנע און קעלבערנע. דופּניצעס, גראַשלעך, זענען דערנאָך צוגעקומען צום אויסוואַל פֿון וועמפּלעך, האַל־בירטע קעפּ פֿון רינדער און קעלבער. קיין פרײדיק פֿלייש האָט ער נישט אַרײַנגענומען אין יאַטקע. אַ צו טײַער ביסן פֿאַר קבצנים איז אַ שטיקל שפּאָנדרע, שמאָלע ביפֿן, אַ פֿאַס ראָזביף. מ׳דאַרף זיך נישט פֿאַרדרייען דעם קאָפּ מיט שנײַדן, האַקן שטיקער פֿון אַ האַלבער בהמה, האָט ער געטענהט צום ווײַב וואָס האָט מעשה בעל־הביתטע ליב אַ שטיקל פֿאַנ־דרע, דאָס ווייכע פֿלייש בײַ די ריפּן. קלאָר, צו פֿרעסן פֿעלט נישט אין שטוב בײַם קצב. דערפֿון דערציילן אַפֿילו די פּנימער פֿון גאַנצן געזינדל. „מ׳זעט אין די באַקן ווי זייערע ציין קנאַקן״. בײַ אַלע פֿון כעמיעס פֿאַל־וואַרק זענען די פּנימער געסקלאַרעוועטע.

עטלעכע הילצערנע טרעפּלעך פֿירן צו דער יאַטקע, וואָס פֿאַרכאַפּט אַ שטיק פֿון דער קורצער גאַס. כאָטש זי איז נישט אַזוי טיף, די יאַטקע, וועלכע לאָזט זיך טייל מאָל הערן מיט אַ העזהדיק רעדן. מחמת דעם דרייסטן פֿירעכץ פֿון קצבישן געזינדל, האָט מען די שטוב אַ נאָמען גע־געבן „די ראָטשילדס״. קענטיק, די ראָטשילדס פֿון פּעפּער־גאַס איז שוויל, גלײַך זיי וואָלטן געווען אמתדיקע ראָטשילדס. און ראָטשילדס זענען זיי, דער קצבישער טאַטע מיט זײַן יונגוואַרג, ווײַל בײַ אַ ליאַדע וואָס דער־לויבן זיי זיך תקיפֿיש צו עפֿענען די מײַלער אַזש מ׳הערט זיי אין באַלע־באַטישן דרויסן. ווײַבער וואָס גייען אַרײַן אין יאַטקע, לאָזן אַראָפּ די קעפּ, שפּירן אַז אָט, אָט, וועט זיי אין פּנים אַרײַן אַ פּראַסקע טאָן אַ רוי געשרײַ. „רעדן מענטשלעך קענען זיי נישט״, איז דער פּירוואַרף קעגן זייער בייזן שפּריץ פֿון נאַסע ליפּן. אַלע ראָטשילדס האָבן פֿײַכטע, פֿעטע ליפּן און רויטע פּעמפּישקעס אויף די שפּיץ באַקן, ווי זיי וואָלטן געווען פֿריש אויסגעמאָלן, אַזוי בײַ יונג ווי בײַ אַלט. אַזאַ שבֿט. און אַלע שטעלן זיך אַרויס אין יאַטקע, שטייען און וואַרטן ,צו קענען עפּעס טוען׳. ווײַזט זיך אַ קונה, שטרעקן זיי אויס די הענט אַריבער דעם יאַטקעטיש, וואָס איז באַדעקט מיט בלעך. ווער פֿון די יונגע ראָטשילדס עס דערלאַנגט אַ שטיקל פֿלייש דער קונהטע מיט אַ זאָגל: „ס׳עט צעגיין אין מויל״ און גיט אַ קוק אויפֿן פֿאָטער מיט אַ פֿרעגנדיקער מינע: כ׳האָב גוט געטאָן, טאַטע...? אַן אַנדערער יורש ראָטשילדס ציט שוין צו זיך דאָס געלט פֿון דער קונהטע. טרעפֿט, אַ ווײַבל פֿאַרלירט זיך און גיט אַ שטאַמל: — איך וועל אַאַך אַראָנ־ברענגען געלט ענדע וואָך, רעב כעמיע. דעמאָלט באַגעגנט איר אַן ענט־

פּער מיט אַ שפּריצנדיקן כּעס:

— שטיינער פּרעסט ביז ענדע וואָך און דרייט נישט קיינעם קאָ׳ מוח! און ער גיט אַ ריס אַרויס פון ווײַבלס האַנט די אָפּגעקליבענע פּאָרציע פלייש. דער אַלטער ראָטשילד שעמט זיך נישט בשעת הדחק לענגער אַנצוזידלען די ייִדענע. זײַן ווײַב שיקט איר נאָך אַ קללה. קומט אויס אַז אָרנטלעכע שטובן בלײַבן אַ גאַנצע וואָך אָן אַ ביסל מיטאָג, כאָטש זיי זענען קראַנט, האָבן באמת צו באַצאָלן דעם קצבֿ, אלא ווילקע האַלט אויף מיט דער וויפּלאַטע[1]. תּמיד איז אַזאַ געקלאַג. ווילקע טוט אָן צרות די עניוותדיקע בעל־מלאכהס: די פאַבריקוטערס נעמען צו די אָפּגעאַר־בעטע פּאַרטיַען סחורה, גיבן פון ס׳נײַ ש ו ס און זאָגן אַפילו צו אַ פרישע קעטע. הייסט עס, דאָס פלייש צי דאָס בידנע ברייטל וואָס מ׳נעמט בעל כּרחי אויף באָרג, איז קראַנט, ווי געוויגענע רענדלעך. די מענטשן האָבן דאָס אויסגעהאָרעוועט, דער לוין וועט זיכער באַצאָלט ווערן. בײַ ווילקע איז אָבער נישט קיין אײַלעניש. דערווײַל גייען אויס פון הונגער גאַנצע מישפּחות — אויף באָרג. אָבער בײַ די קרעמערס זענען די האָרע־פּאַשניקעס קנאַפּע בעלי בטיחות. אין געוועלבל איז יאַקאָש צו דערלײַדן, מישטיינס געזאָגט. ער גיט טאַקע נישט אַ מינדסט, אלא דער בעל דבֿר פליאַסקעט נישט אויס דאָס פּנים ווי דער קצבֿ. האָב דיר טויזנט רוחות — גיב נישט און זידל נישט! דער געוועלבניק איז נישט קאָ׳ שרײַער, ר׳פּאַר־גיסט נישט די דמים. „כ׳קען נישט מער“, זאָגט ער, „דאָס ביכל איז שוין געשוואָלן“. די יאַטקע שלאָגט איבערן קאָפּ און געוואַלדעוועט: „פּרעסערס — ליאַרעמט מע דאָרט — שנאָרערס, גערעאַנצט פון דאַנעט!“ דער טאַטע און דאָס גאַנצע עם־רע הערן נישט אויף זידלען. אַלע צעראַצן זיך!

— וואָס וווּנדערט עך זעך אויף אַזעלכע, — זאָגט אַ פאַרחושכט ווײַבל צו אַ צווייטער. אויך נעכטן זענען מענטשן מיאוס אָפּגעצוואָגן גע־וואָרן מיט בלאָטע; אויב נישט איבערן גאַנצן לײַב געקריגן קלעפּ, איז כאָטש געשלאָגן איבערן קאָפּ. ס׳איז געבוירן מיט אַזאַ איידלקייט. שוין יאָרן שנײַדט מען פאַסן פלייש פון אונדז. איטלעך מאָל קומט זיי צו דערפון אַ טראָפּן בלוט, און בלוט קאָכט. גייט איבער דאָס בלוט פון זידעניש, שפּירט מען עס תּיכּף. מיר מוזן האַלטן ס׳מויל און די ווייטיקן דריקן אין זיך. אַנישט קענען זיי חלילה טאָן כ׳וויס־וואָס.

— פון דעסטוועגן מאַכט מען דעם כּעמיע ראָטשילדן אַ ברייטן מי שברך אין שילעכל. מסתמא, ווײַל ער האָט גראָצאַמעס געלט. נישט פאַר

---

[1] אויסצאָלן פון שכירות (פויליש).

זײַן גראָבקייט מאַכט מען מיט אים אַזאַ צימעס, נאָר פֿאַר זײַן זאַק געלד. די אַנדערע ייִדענע קרעכצט שוין אויס:

— אַזוי גייט שוין די וועלט. בײַ וועמען ס'איז לאַכטיק און ווער עס מוז ליגן אין פֿינצטערע קראַמפּן.

*

ווען עס פֿאַרשטומט ראָטשילדס יאַטקע, איז שוין שאַ־שטאָל דער דרויסן. די טיר פֿון דער יאַטקע איז פֿאַרמאַכט מיט אַ בלינדן לאָדן. ס'איז ווײַט נאָך האַלבן טאָג. אַן ערשט אויפֿגעשטאַנענער פֿון געלעגער קריכט דעמאָלט אַרויס פֿון זײַן פֿינצטערלעכן שטיבל אויף אַן אייבערשטן שטאָק „דער פֿילאָסאָף“ חיים וואָדניק. אַ נידעריקער, תּמיד אין טונקעלן אָנגעטאָן, האָט חיים ערשט צײַט צו קוקן, אײַנהערן זיך וואָס די גאַס קאָן אים „זאָגן“. אָבער ע ר שווײַגט מערסטנס. חיים וואָדניק, איז דער איינ־ציקער אין דער פֿעפֿער־גאַס וואָס שמעקט קיין מאָל נישט אַרײַן אין אַוועלכן דאַוונשטיבל, פּונקט אַזוי האָט ער נישט קיין עול צו גיין עפּעס טאָן צו פֿאַרדינען זײַן אויסקומעניש. „איך האַלט נישט דערפֿון — טענהט ער. גאָט?... אפֿשר ווייסט אַן אַנדערער מער פֿון חיימען. איך הער נאָר וואָס לײַט רעדן, וואָס זיי קענען זאָגן וועגן דעם און פֿון אַנדערש“.

ע ר גלייבט אין גאָר נישט. חיים וואָדניק לייקנט אין אַלץ וואָס לײַט באַטראַכטן פֿאַר פֿרום, אַפֿילו פֿאַר ערנטלעך. „גאָר נישט איז פֿאַראַן איבער אונדז“ — האָט ער שוין זײַן אני מאמין אָנפֿאַרטרויט לעווינען מיטן ראָנטשקעלע; ס'איז דער לעווין וואָס אַלע באַטראַכטן אים פֿאַר אַ שטילן חסר־דעה. ער זיצט אָפֿט לאַנג אויף אַ גאַסנטרעפּל און שווײַגט, קוקט און זעט כּלומרשט קיינעם נישט. זײַן גוף טריקנט אײַן צוקוקנדיקערהייט און ער רעדט נישט מיט קיינעם. אָבער וואָדניקס רייד האָט ער גוט אײַנגעחזרט צו פֿאַרגעדענקען. און ער זאָגט זיי אַלע מאָל ווען עמעץ שטעלט זיך אָפּ אָנטקעגן אים עפּעס צו פֿרעגן. זײַן ענטפֿער איז שטענדיק דער זעלביקער: „נישטאָ קיין גאָט אין די הימלען. גאָט איז דער מענטש, אויב ער וויל עס נאָר. ערנטלעך מוז ער זײַן, יושרדיק און גוט. מיט יושר און גוטסקייט צום מענטש דינט מען דער גאַנצער מענטשהייט. יאָ, יאָ, דער מענטשהייט. פֿון הימלשער דערהויבנקייט מעג מע רעדן נאָר ווען מ'קען דערצו דערגיין מיט אונדזער השגה. פֿאַקטיש איז מער גאָר נישט נישטאָ. רעדן דערפֿון מערער, פּילפּולן זיך וועגן אַזוינס איז שוין גאָלע ליגנס“.

חיים וואָדניק האָט אויך צײַט זיך אָוועקצושטעלן פֿאַר אַ הײַזקע און

רעכט זיך ניכטערן נאָכן אָפּשלאָפן טיף אין טאָג אַריַין — קוקן, טראַכטן. לסוף נעמט ער שפּעטן:

„ערנוואָרט, פערד זענען די לײַט!“ דאָס רעדט ער בפירוש צו זיך, פאַרן אייגענעם געהער — וואָס איז ס׳געאַיל? דעם מענטש פעלט נאָר אַ באַזונדערער כוח זיך אויפצולייזן אין דעם גאָרנישט, אין וועלכן מענטשן־שאָטנס וואַנדלען אַרום מיט אַ מכלומרשטן תכלית. ווו איז דער תכלית, וואָס איז אַזוינס תכלית? מאַך דיר אַראָן די נאָז, ׳עסטו האָבן תכלית. אָן אײַנרעדעניש. אַרום און אַרום איז ווילדער חומר. רק דער יאָך און שוויס. דאָס איז נאָך נישט דערגאַנגען צום שׂכל פון די פערד בצורת מענטשן! אַבי זיי שמועסן זיך אײַן אַז זיי טראַכטן, זענען אַנדערש ווי די פערד וואָס ווייסן נאָר צו שלעפּן, לויפן, אויב מ׳ווײַזט זיי די בײַטש — לאַכט ער שוין: כיו־כיו־כיוויוו — —

בײַ נײַס טראַכט אַרײַן חיים וואָדניק אין דער ליידיקייט, אין וועל־כער ער דערשפּירט זיך אין ממשות און ר׳פאַרשטייט אַז ס׳איז... בלאָטע. פלוצטאַלבן הייבט ער זיך אויף, קוקט אַראָפּ צו די שפּיצנעז פון זײַנע שיך און לאָזט זיך ראַפּטעם גיין אין שטאָט אַרײַן. ער גייט ווײַט, ווײַט, צום רויש פון פאַרמיסחרטע מענטשן. צווישן זיי געפינט ער זײַנע „תלמי־דים“ און „חסידים“. טרעפט ער איינעם אַ פּאַרטוענעם אין גשמיותדיקע עסקים, וואַרפט וואָדניק אים צו אַ חלק מוסר און איז אים מתרה מער נישט אַרײַנצולאָזן זיך אין דער פּוסטקייט, אין וועלכער ער האָט זיך שוין איבער געגוג אַרײַנגעפּלאָנטערט. אַבי ר׳מיינט אַז ס׳איז כּולו טוב, בעסער קען נישט זײַן. אַזוי דערלאַנגט ער יענעם אַ לערנונג לפי דער מדרגה פון דעם רבין „כאַיאַם וואָדניקוס“:

— דו שוטה בן־אָקס, האָסט דען אַנגעזאַמלט אַזוי פיל מאַרך אונטער דײַן שאַרבן צו באַנעמען וואָס עס איז באמת גוט און וואָס — שלעכט? אפשר האָט דײַן דרדקי מלמד טיפשעוואַטע דיר אַרײַנגעהאַקט אין קאָפּ עפּעס אַנדערש, ר׳האָט גאָר פאַרטווישט די יוצרות?! זאָג, ס׳קען געשיקט זײַן ווי כ׳זאָג, צי נישט? יאָ, יאָ! לאָז נישט אַראָפּ דעם קאָפּ. אַלץ איז פאַרקערט ווי דו מיינסט. איך האָב מיר שוין געגוג געשפּאָלטן דעם מוח, און כ׳לערן עד־היום. כ׳על שוין שטאַרבן, האָב׳עך מורא, אַ גאָר נישט וויסער. שאַ, האָסט אַ פּאַפּיראָס? גייט אַלץ אין דר׳ערד אַראָן. וויכטיקער איז גוט צו פאַרבײַסן און זיך ליבן אויף אָן אמת. גלייב, מעגסט גלייבן חיימען.

שפּאַנענדיק איבער די סאַמע ברייטע גאַסן פון שטאָט איז חיים וואָד־ניק דערנאָך זיך מתדבק אין אַן אָפּגעריסענעם שלעפּער, אַ הונגעריקן,

פֿאַרשמאָדערטן אַנטעק, וועלכער זיצט ערגעץ בײַ אַ רינשטאָק. אַנטעק חבֿרט זיך מיט גאַסנייִנגלעך. חיים האַלדזט אַרום אַנטעקן, פֿרעגט אים צי ער האָט שוין אָפּגעגעסן און ר׳טרייסט אים אַז אויך ער איז הונגעריק. פּלוצלינג הייבט אָן חיים זינגען עפּעס גויִשס, אָבער באַלד מינטערט ער אונטער זײַן פֿרײַנד אַנטעק: „זײַ פֿריילעך, דו, מענטש. אַ קרענק אויף די חזירישע אַריסטאָקראַטן. אָסור, צי זיי פֿילן דעם טעם פֿון דער וועלט וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם אמתדיקן מענטש. פֿרעסן און מייקענען פֿרעסנדיק, הייסט בײַ זיי קולטור. אויף דער נעוואַרעט האָבן זיי אַרום זיך אויסגעשפּרייט אַ חזיר־שטאַל און מיר מוזן זיך אָנשמעקן מיט די ווילדע ריחות. פֿאַרשטייסט וואָס כ׳מיין, אַנטעק? יענער שאָקלט תמוואָטע מיטן קאָפּ. וואָדניק ענטפֿערט זיך אַנטעקס ענטפֿער: „איך זע, דו פֿאַרשטייסט מיך. איך בין דיר אַ ברודער, אַנטעק. די אַלע, ווי דו זעסט זיי, האָבן מיר אין דר׳ערד מיט די ביינער — און ער בייגט זיך צו צום פֿאַרשמירטן גויעקל און דערלאַנגט אים אַ וואַנציקן קוש אין שטערן. אַנטעק וואַקלט זיך אויף די אַלטע פֿיס, קוקט אָן דעם „רבין״ מיט גלעזערנע אויגן, ר׳איז מבֿולבל און שפּירט דאַנקשאַפֿט צו וואָדניקן. דאָס שטערט אים אָבער נישט באַלד אַוועקצופֿאַלן אַ פֿאַרהונגערטער אויפֿן ברוק. ווײַסער שוים זעצט אַרויס פֿון זײַן מויל. דער באַיאַרטער ייִד לאָזט זיך תּיכּף אַראָפּ אויף די קני, קושט אַנטעקס ברודיקע באַקן און רעדט אין אים אַרײַן.

— ס׳איז אומגערעכט דײַן מישפּט, ברודערל. טו זיי נישט צו ליב, די אויסגעפֿרעסענע מיאוסקייטן. שטאַרק זיך, אַנטעק. מירן געפֿינען אַ זאַטן מאָלצײַט. מיר ווייסן צו וואָס מיר לעבן.

אַ געאָרעמטער מיט דעם שלעפּער אַנטעק שפּאַנט אַרײַן חיים וואָדניק אין אַ געשעפֿט. בשעת־מעשה שטרויכלט זיך אַנטעק. ער איז באַשײַמפּערלעך נישט וויליק אַרײַנצוגיין, אָדער ער שעמט זיך.

— קום, קווענקל זיך נישט, ברודער!

אַ פּנים, מ׳קען אים דאָרט, וואָדניקן, ווײַל באַלד הייבט ער אָן מוסרן דעם, וועמען ר׳האָט געטראָפֿן בײַם פּולפּיט. חיים האָט באַלד באַלערנט דעם בעל־דבֿר: — הייב אויף דײַן חשיבֿות, כאַסקל ליפּשיץ, דורך בייגן זיך פֿאַרן נסיון וואָס האָט געטראָפֿן דעם אַ מענטש. ווי דו קוקסט אים אָן, איז דער פֿרײַנד מײַנער דערהויבענער אין זײַן מענטשלעכקייט ווי מערערע פֿון דער פֿײַנער געזעלשאַפֿט. ער האָט נאָך קיינעם נישט קיין עוולה געטאָן, אויך נישט באַליידיקט. מיט אַלע זײַנע כּוחות האָט ער געהאָלפֿן אַנדערע וואָס נייטיקן זיך אין הילף. זעסט אים? מיט זײַן וואָגללעבן וויל ער שטעלן דעם טראָפּ אויפֿן ענין מענטשלעכקייט, באשר אַזעלכענע ווי דו קענען

חלילה געשטעלט ווערן פֿאַר אַ תּהום. נישט אַלץ וואָס מ׳האָט אין דער גאָרשקע איז אַ תּוך. תּוך איז אַזוינס... נאָר איך וויל דיך נישט באַלײדיקן, כאַסקל, תּלמיד מײַנער. זע, דער אָפּגעריסענער, אײַנגעריסטער, איז אַ מענטש ווי ס׳קער צו זײַן. אים טאָר מע נישט לאָזן אויסגיין. ריר זשע מיטן דומה־פֿינגער. גיב אַ ביסל ממתּקים, אַז מ׳זאָל אים פֿײַן אָנקאָרמען. איכ׳ל אים באַגלייטן. כ׳מוז דיר זאָגן אַז ר׳איז ערשט געלעגן אַ פֿאַרחלשטער, פֿון הונגער אַוועקגעפֿאַלן אין גאַס. אַ קלאָגעדיקע מאַניפֿעסטאַציע פֿאַר דער שטאָט וואָס איז חלילה נישט פֿאַראָרעמט ווי דער יחיד לײַדט זיך אָן.

פֿון וואָדניקס שײַגעצעוואַטע רייד באַלײדיקט זיך נישט קיין שום בר שׂכל. אַלע צו וועמען וואָדניק קלעפּט זיך צו, האָבן גענוג שׂכל צו פֿאַרשטיין אַז חיים האָט דאָך „עפּעס“ אין קאָפּ, כאָטש איטלעכער באַנעמט אַז אַ ביסינקע איז אים פֿאָרט אויסגעקרימט אַ קלעפּקע. מ׳דאַרף אים אָבער רעספּעקטירן, זאָגן זיי. אַזוי לעבט ער שוין צענדליגער יאָרן אין דער ליאַרעמדיקער שטאָט, ווו ס׳האָבן זיך אָנגעקאָציעט אַלע מינים מענטשן, ווי עפּ זענען פֿיש אין ים. צווישן זיי האָט וואָדניק אויסגעפֿינען אַ צאָל תּלמידים, און תּמיד איז ער אַרומגערינגלט מיט צוהערערס פֿון זײַנע אומגעריכטע לויזע פּרעדיקן. און עס פֿעלן נישט סתּם נײַגיריקע צו הערן אַן אַנדערשדיק וואָרט. מיט אַ קרענצל „תּלמידים“ פֿירט ער זיך אַרום אויך איבער קנײַפּעס ווו מ׳קען כאַפּן אַ ביסן, אַ גלעזל וואַרעמס, אַ מאָל אויך אַ מאָלצײַט. ייִנגוואַרג וואָס איז אין שׂכל נאָך גרין ווי גראָז האָרכט זיך צו מיט התפּעלות צו וואָדניקס דרשות; אויך עלטערע נייגן צו אַן אויער צו זײַנע „טשיקאַווע רייד“. וואַקסט חיימען אָן דער קאָפּ וואָל, ער דאַרף זיך שערן, ראַזירן, האָט ער שוין זײַנע שערערס אין אַלע עקן שטאָט; ר׳קומט אַרײַן צו אַזוינעם, זעצט ער זיך באַלד אַרויף אויף דער הויכער שערשטול און באַפֿעלט היימיש מעשׂה רבי:

— פּוץ אַרום, זײַ אַזוי גוט, חיימען דעם מאַנספּאַרשוין. אַ ווײַב וואַרט אויף אים, ווינטשט זי זיך חיימען צו האָבן אין די אָרעמס אַן אַרומגערייניקטן. בײַ אַן אַנדערן פֿריזירער בעט ער נאָך אַ פּאַפּיראָס און אַ גילדן מעות אויף צוצופֿאָרן ערגעץ ווו מ׳וועט אַן אַנדערן נישט אויפֿנעמען — גרויסט זיך שוין חיים וואָדניק מיט קוים פֿאַרהוילענער פֿאַרשייטקייט. און גלייבט מען אים נישט בכּוונה כּדי צו לאָזן הערן זײַנע אַ שטיקל תּורה מכּוח זײַן פֿאַרהעלטעניש צום ווײַבערישן מין, גיט ער טאַקע אַ כליאַפּ אַרויס גאָר אָפֿן: „קוקסט מיך אָן? מעגט פֿרעגן מאַאַנע וואַאַבער, וועסטו הערן ווי גערן זיי האָבן מיך. זיי וואַרטן אויף מיר ווי די יונגפֿרוי פֿון

שיר־האַשירים אויף איר געליבטן. אָ, אָ, — חיים גיט נאָך אַ שפּריץ אַז די נקבֿה צאַפּלט אויף..."

אויף חיים וואָדניקן קען מען אפֿשר דאָס גלייבן. דעם דרויסן, די פּרוי, בכלל די הינקעדיקע מענטשישקייט נעמט ער אַזוי. ער, פֿאַרשווינלעך, שלעפּט זיך אַרום יאָרנלאַנג צעהפּקרט, אָן דאגות. אים איז גאָר נישט מחייבֿ. און ס׳זעט אויס אַז ער עלטערט זיך גאָר נישט. די פּעפּער־גאַס געדענקט אַז ער האָט אין שטאָט ערגעץ געלאָזן אַליין אַ ווייל ווײַבל מיט אַ פּיצל ייִנגעלע, אַ זונדעלע וואָס וואַקסט, אָבער ער, דער טאַטע, ווייל פֿון זיי נישט וויסן. ער איז ע ר, און זיי, די נאַרישע נקבֿה מיטן זון זאָלן זיך דאגהן פֿאַר זיך. חיים האָט זיך אַ ווײַב ווען ער באַדאַרף, פֿאַר־טיקט ער אָפּ יעטווידן וואָס דערוועגט זיך אַ מאָל אים דערמאָנען אין דעם. דער תּוכן פֿון לעבן איז גאָר אַן אַנדערער ווי עמך פֿאַרשטייט. אויס־געטראָטענע וועגן זענען נישט חיימס דרכים. אין שטאָט לאָזט זיך אָפּט הערן זײַן "תּורה פֿונעם הפֿקר" וואָס איז לפֿי אים די אָרנטלעכסטע פֿון אַלע אמתן.

שפּעט אין דער נאַכט, די גאַסן קניִען אין טונקעלער לאָמפּנשײַן, טראָגט זיך חיים וואָדניק אַהיים צו פּעפּער־גאַס. אין די פֿינצטערנישן דערטאַפּט ער די טיר פֿון זײַן קעמערל, וואַרפֿט זיך אויפֿן צעשויבערטן געלעגער און שלאָפֿט אײַן מיט אַ האַרטן שלאָף. אַריבער אים קוקן די שטערן צום שוואַרצן דאַך, אלא אונטן שטאָלפּערט אַן איינציקער וועבשטול, ווײַל דער מײַנסטער האָט די זכיה צו האָבן "אַ גוט אויג" בײַם פֿאַבריקאַנט אין ווילקע. דער גליקלעכער וועבער איז וואַך. ער לאָזט זיך הערן אויך אין די טיפֿע נעכט מיט זײַן שיסן ווי מיט אַ נודנע לידל: "איך גיי, איך לויף מיטן שיצן, איך וועל דעריאָגן צום ערבֿ־שבת — —"

פֿרײַטיק איז ע ר דער איינציקער לוינקענטיק וואָס וועט אָפּלי־ווערן קיין ווילקע אַ פֿאַרטי סחורה. לײַט וועלן אים מקנא זײַן און טאָקע דאָס באַווײַזן מיטן שטעלן זיך פֿאַר דער שוועל קוקן... חיים וואָדניק וועט דעמאָלט צושאָקלען מיטן קאָפּ:

— פֿערד וואָס עך זענט! אַבי זיי רעדן זיך אָאַן אַז זיי זענען אומגליק־לעך. זיי ראַאַסן גאָר אָאַן די וועלט, די וועבערס. און לעווין מיטן ראַנטש־קעלע וועט צוויגן מיטן קאָפּ הסכּמהדיק: "פֿערד זענען זיי, אַלע!"

ד

פּרעווענטן־גאַס

ס׳איז מוראדיק אומעטיק, אַזש ס׳האַרץ צעגייט. סוף־בלי־סוף ווערט

דערעסן דער דלות, כאָטש אַזוי פֿיל יאָרן זיך שוין צוגעוווינט צו אים. אַנדערע דערגייט ער טאָקע די יאָרן. ס׳טרעפֿט אַז אַזעלכע געפֿינט מען הענגען אין אַ פֿינצטערן בוידעמווינקל ווי אויף די קוילן אַן אָפּגעבראָ־טענעם הערינג אין אַ פּאָר הויזן און אַ שפּענצער. זײַן פּנים איז גאָר אויס־געצויגן, די באָרד אַ פֿאַרשטײַפֿטע. אַן אַנדערער וואַרפֿט זיך אַרונטער אונטערן לויפֿנדיקן טראַמוויַ. דער נמאסער דלות שטעלט אויס די מערסטע אויף סוכאָטעס; זיי שפּײַען אויס די נשמה מיטן לײַכעץ און מיטן הוסטן, אַזש ס׳לעכערט דעם קאָפּ פֿון די שטוביקע, וואָס גריזשען זיך אויף צו־קוקנדיק ווי דער טאַטע, דער מאַן זינקט אײַן, שרימפּט. „די אויסגעפּרע־סטע” פֿון די קאָמיעניצעס ,לאָכן זיך אויס׳ פֿון דעם סאַריג וואָס שלעפּט זיך נאָך דער אביונישקייט פֿון די שלמזאַלניקעס. זיי חוזקן אַפֿילו פֿון די פּאַרמי־שפּטע אויף הונגער.

„ווער ווייס דען נישט אַז זיי זענען לײַדיקגייערס, אָדער שנאָרערס, אַבי נישט גיין אַרבעטן. הײַנט ווייסט שוין אַ קינד אַז מ׳אַרבעט נישט, קריגט מען נישט קיין בייגל. פּאָר אַ בייגל מוז מען באַצאָלן, און געלט קריגט מען פֿאַר אַרבעט אָדער פֿאַר סחורה. אויך ברויט איז סחורה. יענע ווילן ליבערשט אַרומגיין אין צרות, נאָר נישט אָנשטרענגען אַ ביסל די הענט. טראָגן אַחריות פֿאַר אַרבעט. פֿאַראַן אַזעלכע וואָס הייבן נישט אָן צו טראַכטן אַז מ׳מוז אַרבעטן, הי־הי־הי־ייי! נישטאָ קיין אָרט פֿאַר רחמנות פֿאַר שלעפּערס. אויף נישט אָנצוקוקן זיי, וואַרפֿט מען זיי צו אַ גראָשן, אַבי טראָגט זיך אָפּ. אָט האָסטו די פּרעווענט־גאָס מיט איר פֿאָלק! ס׳אַ שרעק צו טראַכטן דערפֿון”.

פּרעווענט־גאָס. מיט פֿאַרקרימטע נעז רופֿן אַזוי אַלע דאָס שמאָלע, קורצע, בידנע געסל וואָס האָט זיך מיט זײַנע אָרעמע לײַט אַרײַנגעקוועטשט אין אַ זײַט פֿון דער לאַנגער זגערזשער־גאָס. און אויך דאָס איז אַ גליק מישטיינס געזאָגט פֿאַרן ביסל מענטשן־שפּענער. ווײַל דעם געסל איז גראָד באַשערט צו ליגן נאָענט פֿון באַלוטער פּלאַץ ווו עס רעשט זיך מיט האַנדל־וואַנדל און מיטן פּויערישן צונויפֿפֿאָר מיט דאָרפֿישער סחורה. און ווו ס׳דרייען זיך אַ סך מענטשן איז פֿאַראַן אַן אויסקוק אַרײַנצוכאַפּן אַ פֿאַר־דינסטל. ס׳איז אָבער אויך אַן אומגליק: די מיינסטע גרויסהאַלטערס פּאַסט נישט צו חבֿרן זיך מיט אַזעלכענע וואָס וווינען אין דעם טונקלעוואַטן געסל. די מיקלוימערשט געקעכלטע פֿון גורל דרייען זיך אַוועק פֿון איטלעכן ווי פֿון אַן עיפּוש ווי באַלד זיי דערשנאַפּן בײַ אַן עמעץ אַ שײַכות מיט דער פּרעווענט־גאָס. דער אמת איז אַז אין דעם פֿאַרשעמטן געסל וווינען אויך ווילע מענטשן, גאָר אָרנטלעכע, אַפֿילו פֿרומע, וועלכע מישן זיך

כּלל נישט מיט די לײַט וואָס מיט זיי זענען פֿול די מײַלער צוליב די פּריקרע פּרנסות, מיט וועלכע תּושבֿים פֿון פּרעווענטן־גאַס גיבן זיך אָפּ.

ראַכטיק, עס איז נישט קיין געשמאַקער ביסן, די אָרעמקייט, נאָר אַז מ׳געוווינט זיך צו צו די צרות, לעבט מען אַפֿילו מיט זיי... צופֿרידן. ווי די מיגלדיקע ווערעם צו פֿוילעכטס — אַזוי האָבן די מענטשן זיך צו־געוווינט צו דעם פּסולת! ס׳איז טאַקע אוממעגלעך לאַנגע יאָרן אַזוי צו גנײַען ווי די פּרעווענטיאַנער פֿוילן אין דעם געסל, פֿון דעסטוועגן רײַסן זיי זיך נישט אַרויס פֿון דער טוכלער ענגעניש. זיי מערן זיך אַפֿילו. אַנדערע צאַנקען אויס אין מיחושן, אָבער זיי האַלטן זיך ווײַטער מיט די קוים־קוימיקע כּוחות; זיי „לעבן״ כּדי ווידער עפּעס אָפּצוועסן, צו מאָל אַ זשלאָקע טאָן. טייל פֿון זיי פּרעסן זיך אָן מיטן בראַנד פֿון אַ תּאוותדי־קער נקבֿה, קינדלען אויף הפֿקר. לסוף פֿאַרמישפּטן זיי זיך אויסצוגיין ווי אַ זדעכלער הונט אין אַ ווילגאָטנער קאַמער.

לפּי דעם גראַדן שׂכל איז נישט צו גלייבן אַז מ׳קען אַזוי לעבן, און ס׳גלוסט נישט אייביק זיך צו באַריהן מיטן מיאוסן דלות. ער איז אַכזריות־דיק, אײַנגעשפּאַרט. די פֿרומע דערערעדן זיך יאַקאָש מיט דער אבֿיונישקייט, לאַשטשען זי צו מאָל ווי אַ געטלעכע באַשערטקייט און קומען איר נאָך בהכנעה; זיי האָבן נישט קיין תּרעומות צום דחקות, גייען אײַן מיט איר אויף כּלערליי פּשרות, אַבי נישט אײַנצורײַסן „מיט דער וועלט״! אַדרבא, מ׳ווערט נאָך פֿרימער אין דער נויט, אלא האָפֿן אויף דעם וואָס אין הימל. לאָמיר נישט מרהר־זײַן, טרייסט נאָך איינס ס׳אַנדערע, כאָטש מ׳לעבט אויך אין פּרעווענטן־גאַס, ווײַל ס׳דירה־געלט רײַסט דאָ נישט אויס אַזוי פֿיל.

— לאָז נאָר, ברודערל, לאָז כאַפּן דעם אָטעם, — בעטן זיך די קבצנים בײַם פֿאַרשמאַדערטן דלות — מ׳ווייסט פֿון גאָט ברוך־הוא ביסטו געשיקט געוואָרן צו פֿאַרשווערן אונדז די טעג, ווײַל מיר זענען זינדיק. האָב נישט קיין פֿאַראיבל אויב מיר וועלן דיר גרייטן אַ שבת מיט פֿאַלשע פֿיש, מירן אַ ביסעלע אָפּגענאַרן דעם שבתדיקן טיש מיט קלינגעדיקע זמירות. מיר וועלן ווידער האָרעווען, מיר וועלן שוויצן בײַ אונדזער אַרבעט; מירן אָננעמען באַהבֿה אַלץ, אַלץ, נאָר לאָז אונדז זיך האַלטן בכּבֿודיק. ששש אַ, פֿאַרשעם אונדז נישט אין לײַטנס אויגן, טאַטע־פֿאָטער! אַנדערש איז מיט די פּראָסטע לײַט פֿון פּרעווענטן־גאַס. פּראָסט איז זייער טראַכטן וועגן אַלץ. ווי די ממזרים פֿון דער פֿאַרריסענער שטאָט שפּירן זיי זיך סײַ הפֿקר, סײַ געשלאָגן. אָבער דער פֿוס פֿון די האַרטנעקיקע, פֿון די איבערזאַטע איז שטענ־דיק בייז אָנגעדרולט אויף די פֿאַרוואָרפֿענע; תּמיד זענען יענע אָנגעלויערט אויף די געפֿאַלענע, גרייט נאָר אַ בריקע צו טאָן. מוז מע זיך אַליין יאַקאָש

העלפֿן, מיט כּוח אַרויסרײַסן דעם ביסן פֿון די שטײַפֿע און פֿאַרשײַטע. אַוודאי, דער אָרעמאַן איז איטלעכן צו גרויס אין די קוקערס. נישטאָ קיין גוזמא אין זייער געשרײַ: „נעם עים צו פֿון דאַנעט. כ׳קען נישט צוזען דעם נעבעך פֿון די שנאָרערס! קאַליע-געמאַכטע נשמות האָט דער איבער-שטער אָנגעברענגט אויף דער וועלט!״

ס׳איז אמת. אַ באַרג מענטשן-אָפּפֿאַל האָט די שטאָט אָנגעטריבן און „במתּנה״ אַלע אַרײַנגעוואָרפֿן אין פּרעוועטן-גאַס. עס איז אַ בלוטנדיקער שראַם אין קאָרק פֿון דער זגערזשער גאַס. מיט דעם אויסטערלישן געסל האָט באַלוט אַ שאַרף שטיק טונקלקייט אַרײַנגעגראָבן אין פּרצוף פֿון דער שטאָטס לעבעדיקן גוף.

שמאָל, חושכדיק ווי אַן אָנגעפּעכטע גראָבע שטריק, נאָר אויפֿצוהענ-גען זיך אויף נישט אָפּצורײַסן זיך, ציט זיך די פּרעוועטן-גאַס. זי איז ווייך אויסגעקרימט ווי אַ שטריק וואָס איז דאָ אַרײַנגעוואָרפֿן אינעם געווירבל פֿון דעם נודנעם דלות וואָס קליידט זיך אין טראַנטעס און אין חוזק-בגד: „אַבי געפֿעלן צו ווערן״ די וואָס ווערן נישט מיד אַרײַנצולייגן אַ מטבע אין דער אויסגעשטרעקטער האַנטפֿלאַך. גרויס און קליין פֿון דעם געסל זענען פֿון קינדווײַז אָן געניט אויסצוצי׳ען די האַנט נאָך אַ גאָב פֿון רחמנותדיקע צי-אויפֿגעגרוילטע פֿון דעם נאַקעטן הונגער.

יאַטקע-יונגען, שעכטהויז-אַרבעטאָרערס, פֿעל-שינדערס, אויסגעדינטע בעל-עגלהס וואָס האַנדלען שוין מיט קלעפּיקע צוקערלעך פֿאַר פֿאַרשמאָ-דערטע גאַסנקינדער, קאַטערינקע-שפּילערס, קונצנמאַכערס, גאַסנפּרויען, גע-וועזענע נקבֿות וואָס זענען שוין סכּנות פֿרום „ווײַנען״ אין דעם געסל; אויך טאַשנצי׳ערס, קאָמיסטערכענערס — כּלומרשט פֿרומע כּלל-פֿאַרזאָרגערס מיט צוגעטערכנטע פּאַפּירן; די אַלע וואָס וואַנדערן איבער דערפֿער ווי נשׂרפֿים, משולחים פֿון קאַשטשיאַלן און סתּם שנאָרערס זיצן אין דער געזונקענער פּרעוועטן-גאַס. אַ וואַקלדיקע פּרוכנע טרעפּ פֿירט פֿון יעדן פֿינצטערן פֿירהויז צום אײַבערשטן גאָרן. אויפֿן איינציקן גאָרן זענען אויך פֿאַראַן פּיצלדיקע חדרימלעך פּונקט ווי אונטן. דער דאַך ליגט די לײַט האַרטן אויפֿן קאָפּ. אויך אין דער הייך איז פֿאַראַן אַ פֿענצטער-רעמל וואָס חלשט זיך אַרויסצובייגן צום ענגן געסל, אָבער ס׳איז אַ סכּנה ברייט צו עפֿענען אַזאַ פֿענצטער, ווײַל ס׳איז אַ מורא עס זאָל זיך נישט אײַנברעכן. אַקוראַט אַזוי זענען אויך די ווענט שמינגע-דעגינגע, ריר מיך נישט אָן, וואָרן די ברעטלעך צעקרישלען זיך בײַ אַ ליאַדע ריר. ס׳איז פּרוכנע דאָס גאַנצענע געהייז.

ברעכט זיך נאָר אַרויס דער ווײַסער טאָג איבער דער שטיינערנער

שטאָט, בלײַבט אין איר טונקל גליוווערן די שמאָלינקע, בידנע פּרעזוועטן־גאַס. אירע הײַזקעס גענעצן נאָך, אָבער עס נעמען פּאַמעלעך זיך טומלען אַ סך פֿינצטערלעכע עפּענונגען פֿון די מישטיינס געזאָגטע היימען. די שרעק פֿאַרן קנאַכיקן הונגער הייבט אָן זיך וועקן אין כריפּלע מײַלער. דער צאַפּל נישט צו בלײַבן הינטערשטעליק פֿון די פּלײַסיקע, נעמט שוין אויפֿן ניכטערן שרײַען מיט באַנומענקייט:

— פּאָפּזאַק, וועסט אַליין געשוואָלן ווערן פֿון הונגער, אויב דו קריכסט שוין נישט אַראָפּ פֿון שעניק!

— בענקאַרט, ריר זיך. איך מיז שוין גיין. מענטשן זענען אין דרויסן ווי ס׳וואָלט געווען מיטאָגצײַט. ווער ׳עט פֿאַרשליסן די שטוב, אויב איך גיי אַוועק?

— פֿאַרשליסן? כיכעט אַרויס לעפּיש פֿון פֿאַרקנוילטע טראַנטעס, אין וועלכע ס׳איז אַרײַנגעפּלאָנטערט אַ לעבעדיק נפֿש מיט אַ קודלע האָר וואָס פֿאַרשטעקט זיך גיכער אין דעם שמאַטעדיקן געלעגער; להכעיסדיק רוקט ער זיך מער אַרונטער אונטער דעם צעפּליקטן איבערדעק און נעמט חוזקן: „ס׳איז צו לאַכן אין די פּויסטן — פֿאַרשליסן וויל מע דאָס! ווער ׳עט זעך אַראַאַנראַאַסן צו דאַאַנע מאַיאָנטקעס?! און ער צעשיט זיך שוין אין אַ צעשערבלטן, פּײַכטן געלעכטער.

— גיי זשע נישט. כאָליע אויפֿן געלעגער. געזען אַן עקשן..? און ס׳הערט זיך באַלד אַ הוילער קלאַפּ מיט דער טיר.

פֿון אַן אַנדער זײַט הערט זיך אַ הייזעריקער מאַנצבילשער קול:

— אַרויס, ליאַרווע, געיכער. כ׳האָ׳ ניש קאַ׳ צאַאַט לענגער צו וואַרטן, ווילסטע ניש, קענסטו פּגרן אַליין, נאָר אין דרויסן. אין אַ רגע שפּעטער:

— גייסט ניש, וועל׳עך דיִעך אַרויסשלעפּן בײַ די קליאַקעס!

מאַמעס וועקן שלעפּעריקע קינדער, זיי זאָלן זיך ווי תּמיד אַרויסלאָזן אין גאַס פֿאַרדינען דעם ביסן ברויט. איטלעך קינד האָט שוין צו וועמען זיך צוצוטשעפּען, וואָרן באַלד אין דער פֿרי גייען אַלע אַרויס פֿאַרדינען. קאַטעריניאַזשעס לאָדן אָן אויף די רוקנס מגושמדיקע כאָרכלענדיקע שפּיל־קאַסטנס, יאָגן אונטער אַ פֿאַרעלטערטע טאָכטער צי אַ קליין יינגל, אַן אייניקל, גיך זיך אָנצוטאָן און מיטגיין אין עק שטאָט, קיין ראַדאָגאָשטש, דאָרט וועלן זיי שפּילן אויף די הייף, ברענגען אַ ביסל פּרנסה. יעדער הויף ווערט אומגעריכט אַן אַרענע פֿאַר שפּיל און קונצנמאַכערײַ... יונגע קאָמעדיאַנטן ווײַזן אויף אַ פֿאַרביק פּלאַכטעלע שיינע קונצן, שפּרינגען, שטעלן זיך אויפֿן נאַקן און די פֿיס מיט די הענט האַלטן זיי שטײַף אין דער הייך ווי ווילד־געוואַקסענע צווײַגן. אַ קליין יינגעלע מיט אַ קאָליריק

העמדל און קורצינקע הייזלעך נעמט אויפֿן אַקסל אַרויף די פּאַפּוגײַ וואָס איז געשטאַנען אויף דער קאַטערינקע; די פּאַפּוגײַ נעמט פּלוצלינג רעדן צום קליינעם קונצנמאַכער מאָדנע מענטשלעכע רייד וואָס רופֿן אַרויס אַן אומגעריכט געלעכטער פֿון די וואָס זענען אַרויסגעקומען זען אַ פֿריילעכע פֿאַרשטעלונג. דערנאָך גייט צו דער קליינער קונצנמאַכער מיטן גרויסן פֿויגל צו אַ באָבע און טוט איר אַן חשק זי זאָל אַ גלעט טאָן איבערן קריינדל האָר אויפֿן פֿייגלשן שפּיץ קעפּל. פֿאַר דאָס וועט דער פּאַפּוגײַ פֿאַר איר אַרויסציִען אַ מזלדיק גורל-קוויטל. טו אַזוי, פּאַניושאַ, וואַרף אָבער פֿריִער אַרײַן אַ זעקסער אין בלעכענעם פּושקעלע. די גויע טוט אַזוי און ס׳קונצנמאַכערל גיט באַלד אַ ווונק צום פּאַפּוגײַ:

— האָסט געזען, זשאַלאַנדאַ? דער פֿויגל גיט אַ שאָקל מיטן קעפּל, מן הסתם מיינט עס זײַן יאָ, ר׳האָט געזען.

— טאָ ווײַז זשע וואָס דו קענסט, — ווענדט ער זיך צו דעם פּאַפּוגײַ. דער פֿויגל ציט באַלד אַרויס מיטן שנאָבל אַ קוויטל פֿונעם קעסטעלע מיט אַ סך גורל-קוויטלעך און די קאַטערינקע הייבט אָן אויגנבליקלעך שפּילן אַ פֿריילעכן הושאַ-שאַשאַשאַ. דער קליינער קונצנמאַכער געגעבנט ווידער צו דער פּאַניושאַ, וואַרפֿט אַ בליק אין אַרויסגעצויגענעם גורל-קוויטל און זאָגט אַ הייטערער: ס׳אַ געטלעכער אָנזאָג פֿון אמתדיקער ליבע פֿון דײַן מאַן, ווען מענס לעבנס-וועגן דו ווייסט באָך נישט אין גאַנצן. ערשט איז עס קלאָר. ער איז טאָקע אַ ווילער, אויך אַ פֿײַנער, אָבער צו אים ווינקען אויך אַנדערע פֿרויען. אלאָ דו דאַרפֿסט זיך נישט שרעקן. דאָס קוויטל פֿון דער פּאַפּוגײַ ברענגט צייכנס פֿון ערלעכער ליבשאַפֿט צו דיר... די פֿרוי צעשמייכלט זיך אַ צופֿרידענע און שטופּט אַרײַן אין בוזעם איר גורל-קוויטל. אַן אַנדערער פּרעווענטיאַנער, אַנגעטאָן ווי אַ שליאַכטשיץ, פֿירט אויף אַ קייט אַ מאַלפּעלע איבער דער שטאָט ווײַזן די קליגשאַפֿטן פֿון דעם באַשעפֿעניש וואָס איז געברענגט געוואָרן פֿון די טיפֿע אַפֿריקאַנער וועלדער. דאָס מאַלפּעלע מאַכט פֿאַרשיידענע קונצן וואָס נעמען שטאַרק אויס בײַ די צוקוקערס. צווישן פֿויערוואַרג האָט אַלצדינג, וואָס דאָס מאַל-פּעלע טוט, מלא חן. דאָס מאַלפּעלע שפּרינגט אַרויף אויפֿן אָרעם פֿונעם בעל-הבית, קעמט אים דער יעזוש מיט אַ קאַם, דערנאָך שפּרינגט עס אַראָפּ, געפֿינט אויס ערגעץ אין דער אייגענער פֿעל, אַ שקעטל און נעמט דערפֿון שמעקן טאַבעק. אַ שמעק געטאָן און לייגט עס אויך פֿיר דעם פּובליקום. די מאַלפּע צעניסט זיך און טייל צוקוקערס וואָס האָבן נהנה-געווען פֿונעם שמעק טאַבעק ניסן אויך און לאַכן... דאָס מאַלפּעלע האָט אין דער צורה ענלעכקייטן צו אַ מענטש, נאָר דאָס פּנים איז פֿלאַטשיק ווי אַ מין

טעלער פֿון פֿעל. און ווי אַזוינס זענען לײַט שטאַרק פֿאַרקוקט אויף דעם באַשעפֿעניש, זענען זײַנע מעלות; די מאַלפּע איז רעכט דערצויגן, ווינקען זיך איבער די צוקוקערס. כאָטש עס איז מגונה מיאוס, איז עס אינטעליגענט. גיט עמעץ דער מאַלפּע אַן עפּל, וואַרפֿט זי זיך באַלד זי אײַנצובײַסן און בשעת מעשׂה גיט זי מיט אַ קאָפּשאָקל אַן אָנצוהערעניש אויף אַ דאַנק אָדער אַז דער עפּל איז באמת געשמאַק. הקיצור, עולם שעפּט נחת פֿון דער מאַלפּע. בײַם פֿונאַנדערגיין זיך האָט יעדער מיט אַ שמייכל עפּעס אַרײַנגעשטופּט אין דער האַנט דעם פּריצל מיטן קאַפּעליוש, וואָס האָט געבראַכט די מאַלפּע צו ווײַזן זי די פֿאַרלאַנגווײַליקטע מענטשן.

*

קינדער וואָס באַגלייטן אין שטאָט אַרײַן כּלערליי קונצנמאַכערס באַמיִען זיך אויסצונעמען בײַם געערטן פּובליקום. דאָס קליינוואַרג באַווײַזט זיך מיט חוזק־מיצלעך, קריכן אויף אַרײַן אין טריקאָטן וואָס האָבן פֿון הינטן אַ ווידל פֿון אַ ציג. אַנדערע שמירן אײַן דאָס פּנים מיט גראָבע קאָלירן, צו מאָל קומט אַרויס אַ קליינטשיקס מיט וואָנצעס פֿון אַ באַיאָרנטער קאָץ מיט אויפֿגעריסענע נאָזלעכער פֿון אַ טיגער מיט אַ צעשטשירעטער מאָרדע. די מערסטע קליינוואַרג פֿון פּרעוועטן־גאַס גייט אַרויס פּשוט אויפֿן „פּענט״, בעטלען אַ גראָשן, אַ שטיקל ברויט. זיי ווייסן אַפֿילו ווו זיי קענען זיך „פּאָזשיווען״ אין אַ קיך. ס׳גיבן קעכינס וואָס זוכן זיך אַ מיצווה בײַ אַזעלכע הונגעריקע קינדער. ווײַזט זיך אַזאַ בעטלערקינד פֿאַר אַ משרתת אין קיך, גיט זי אויף דער גיך דעם קליינינקן אָפּצועסן און שיקט אים באַלד אַוועק מיט אַ פּעקעלע אין הענטל. „נעם דאָס אַהיים פֿאַר די ברידערלעך, אָבער מאַך שוין מ י ק. באַהיט זאָל׳עך ווערן אַז די מאַדאַם זאָל דיך דאָ טרעפֿן, — איז זי שוין נאָענט צו געווין. איר קול ברעכט זיך אײַן: „מער פֿעלט מיר נישט, זי זאָל אויפֿשטעלן אירע שטעכיקע קוקערס און זעך צעשרײַען ווי מ׳וואָלט איר געריסן די ציין״.

דאָס יאָגן זיך נאָכן ביסל פּרעסן טרײַבט דאָס גאַנצע לעבן פֿון פּרעוועטן־גאַס וואָס זעט אויס בײַ די וויטישע [2] ווי אַ שקאַראַדנע מיסטקאַסטן.

*

אַלץ — דאָס ביסל פּרעסן! דער מאַנענדיקער מאָגן שטויסט אַרויס איטלעכן פֿון זײַן ווינקל צו מאַכן די מטבע צו קענען האָבן די בידנע אויסקומעניש. דאָס קומט אָן כּקריעת ים־סוף. דעם רובֿ פֿירט די רגילות צו גיין אין די שריט פֿון דעם דערווידערדיקן דלות. פֿאַראַן אָבער צווישן

[2] מיקלאָמפּערשט אַרנטלעכע לײַט (בלאַט־לשון).

די מענטשנקינדער, צונויפגעקנוילטע אין פּרעווענטן־גאַס וואָס זענען צע־רייצט פונעם אומווילן כּלפּי דער גויט, מיט וועלכער זיי פירן אַן אַנסופיקן געראַנגל. אומגליק, שרייען זיי, טרעט אָפּ פון אונדז, זוך אַנדערע קרבנות! און זיי האַלטן אין איין טראַכטן ווי אַזוי קאָן מען דאָך זיך אָנכאַפּן ביים קאַליריקן עק פון דער פּאַווע און בלייבן ביי אים; ווי דערקלייבט מע זיך צו אַ פּאָרטל אַריינצוקריגן אין האַנט דעם בלענדיקן גריף פון געלט וואָס האָט די טבֿע גיך אויסצורינען. אוי, דער זלאָטי — ווי אַזוי פאַרהאַלט מען אים צווישן די פינגער? שטענדיק צעטאַיעט ער זיך ווי שניי, מחמת דעם, וואָס ביינאַנד מיט דער דערגרייכטער מטבע באַווייזט זיך דער שׂטן וואָס דערהרגעט דעם שׂכלדיקן שׂכל. ווי באַלד דו האָסט שוין אין דער פויסט דאָס געגאַרטע ביסל געלט, פאַרלירסטו תּיכּף דעם קאָפּ, דו צע־היצטסט זיך: „כ׳האָב צו פיל זיך אויסגעהונגערט פונעם לאַנגן וואַרטן אויף דעם, טענהסט דו צו זיך. כ׳שפּיר אַז כ׳וועל פאַלן, אויב איך מאַך נישט כאַטש איין מאָל דעם ריכטיקן פּרעס! איז ווי קען מע זיך אַליין אָנפּרעסן און נישט האָבן די געלעגנהייט זיך אַראָפּצורעדן פאַר אַן עמעץ, וואָס האָט אָפענע אויערן פאַר זיין קוועטשעניש, וואָרן אַ שטיין ליגט אויפן אָנגעזאָליעטן האַרץ..? קום זשע דו מיט מיר, גוטער ברודער, קום, שוועסטערקע, האָב אַלץ אין דר׳ערד. אַ דאגה דיר ס׳טראַכטן אויף שפּעטער, אויף מאָרגן. ביסט דען זיכער אַז ס׳עט זיין אַ מאָרגן? נאָר אויסגעפּעטסטע העלדזער האָבן דעם אייזלשן כּוח איבערצודויערן יעדע וויסטע פּאַגאָדע. די אויסגעשמאַלצוועטע לוינט זיך אפשר... אפשר, אָבער וואָס גייט דאָס מיר אָן! אין מיר גליט אַ געהעכערטע טעמפּעראַטור. כ׳בין חולה פון אַ מורא אַז אָט, אָט וועל איך אָוועקפּגרן און נישט האָבן כאָטש איין מאָל רעכט זיך אָנגעפּרעסן.

אמת, ביי טייל פּרעווענטיאַנער צעברענט זיך אַ מאָל דאָס בלוט אין די אָדערן. ווייל זייער מאָגן ווערט צערייצט נאָך ע פּ ע ס אַנדערשס וואָס כע גיט דער ראַזעוואַנער טאָג. ס׳גלוסט זיך פּשוט אַ גוטן ביסן, אויך אַ שאַרפן טרונק אַז די ביטערניש זאָל זיך איבערברענען ווי פון אַ פלאַם. איז מע דעמאָלט טאַקע גרינג צו לאָזן אין שפּאַן דעם אַ גיר. אָבער דער רובֿ ליגט איינגעלייגט, גלוסט נישט צו ליב טאָן דער צעלאָזענער קישקע. די זשעדנע געדערעם וואָס זענען רעכט שוין פאַרטריקנט, פאַרעקשנען זיך: מ׳מוז נאָך פּרוון. און די געדערעם פירן, זיי באַגוועלטיקן דעם קאָפּ און ער שלעפּט שוין נאָך זיך אויך דאָס האַרץ — „האָסט אַ דאגה... כאַפּ אַריין!"

יאָ, דער עיקר איז דאָס וואָס רופט זיך ביי לייטן „פּרנסה". אָן פּרנסה

האָט אַפֿילו די ליבעניש קיין שום האַפּט, כאַפּט זיך אויף אַ מאָל אַ פּרע־וועטיאַנער פֿון זײַן היגערפּלעט. אַזעלכער לאָזט זיך שוין פֿירן פֿון דעם דמיון. ער קלערט אַפֿילו צו אַן אויסטערלישע פּרנסה. ער׳ט זיך דער־טראַכט צו אַ פּיפּיקן פֿאָרטל צו קענען אים פֿאַרגעלטן. קומט אויף אַ נײַער טאָג, לאָזט זיך אַרויס פֿון פּרעווועטן־גאַס אויך אַזאַ ג ו ט ע ר ק אָ פּ צו פֿאַרהילכן די שטאָטישע הייף מיט זײַנע רופֿן צו די פֿענצטער און צו די אויערן וואָס זענען מחמת לאַנגווײַל זשעדנע חידושים. אָט שטעלט זיך אַוועק אַ יונגער־מאַן, אַ פֿראַנט מיט אַ ברייטער שלייף אין קאָלנער פֿון אײַבערהעמד און ר׳וועקט די פֿאַרשלאָפֿענע און פֿאַרתּמטע:

— ליבע בירגער, איך קום צו אײַך מיט דער בשׂורה פֿון אַ צויבער־מיטל צו פֿאַרטרײַבן די מײַז! ס׳איז שוין צײַט ס׳זאָל נעמען אַ סוף צו פֿאַרלאָזן זיך אויף די פֿוילע קעץ. אַוועק אויך מיט די פּולאַפּקעס; נישט נאָר דאָס — די אָ רויטלעכע רײַז וואָס איך ברענג זענען פֿון אַזאַ ווונ־דערלעכן גאַטונאָק. נישט נאָר זיי פֿאַרטרײַבן די מײַז. פֿאַרטריבענע שרצים קענען צוריקקומען. דאָס נײַסטע מיטל פֿאַרטיליקט דעם עיפּוש אויף שטענדיק. ס׳איז אַן אַטראַקטיוו געפֿינס פֿון דער כימישער וויסנשאַפֿט. קויפֿט, פּרובירט און איר וועט פּטור ווערן פֿון דעם גרעסטן שעדיקער אין אײַער הויז, וואָס צעפֿרעסט אײַערע בעסטע קליידער, די טײַערסטע אָנצוגן און וועש. ס׳איז אַ גרינטלעכע דערפֿינדונג און וואָלוול. אַ שאַכטל נאָר פֿינעף זלאָטיס. דער כעמיקער האָט אויפֿן הויכן קול אָפּגעדרשנט, קוקט זיך אַרום, ווועמען זײַנע רייד האָבן גערירט. די צוהערערס זענען לאַנגע רגעס אײַנגעהאַלטן, שטיל. וועט קיינער זיך נישט אָפּרופֿן? ביטער. באַלד רופֿט זיך אָפּ אַ פֿרוי, קענטיק אַ בעל־הביתטע פֿון אַ חשובֿער שטוב.

— גאָט צו דאַנקען, זאָגט זי, האָבן מיר נישט דאָס מיאוסע מין און הלוואי ווײַטער. מיר ווילן גלייבן אַז בײַ אַנדערע וועט אײַער וויכטיק מיטל פֿאַרצוקערט ווערן. מיר בלײַבט צו ווינטשן אײַך הצלחה, אַ סך גליק. דער כימיקער האָט שוין זיך געזעגנט מיט אַ „דאָווידזעניאַ" און זיך אָפּגעטראָגן אַ ביסל צעטומלט. אמת, די אַנדערע שכנים פֿון דעם גליקלעכן הויף האָבן פֿאַרשטאַנדיק געשמייכלט אַ ביסעלע פֿאַרשעמט למאַי זיי לאָזן אַוועק אַ יונגן מענטש אָן אַן אָנהייב. אין אַ צווייטן הויף האָט ער שוין רעקלאַמירט צוויי כּישוף־מיטלען סײַ קעגן מײַז סײַ קעגן וואַנצן.

— זייער חשובֿע בירגער, קודם ווינטש איך אײַך אַ גוטן מאָרגן, אַ גוטן טאָג. אָבער מײַן באַזוך האָט דעם ציל צו רעקאָמענדירן גאָר וויכ־טיקע, נײַע דערפֿינדונגען פֿון דער כימישער וויסנשאַפֿט: זאָל נעמען אַ סוף צו די פֿוילע קעץ וואָס מיר האָדעווען אין אונדזערע היימען לשם דעם

מעגלעכן ניצן פאַר אַזעלכע געברויכן. איך ברענג אײַך די גוטע נײַס אַז ס'איז אַנטדעקט געוואָרן אַזאַ סובסטאַנץ וואָס פּאַרטיליקט ביזן גרונט די מײַז. ס'מאַכט אויך צו נישט די פּולאַפּקעס. עס איז אַ רויטלעכע רײַז אין שאַכטל, וואָס ליקווידירט אין גאַנצן די מיאוסע שרצים וואָס פּאַרעיפּושן די היימען, צעפּרעסן די בעסטע קליידער אין שטוב און פּאַרקריכן דאָס גלײַכן אין דער שפּײַזקאַמער. ס'איז אַ צויבער מיטל. אַ צווייטער נײַער כימישער עלעמענט איז אַ פּולווער קעגן די וואַנצן. ווי ריין די שטוב זאָל נישט זײַן, אָבער די דאָזיקע ווערעם האָבן די טבֿע אַרײַנצודרינגען אין יעדן מאַטראַץ, פּאַרוועמען די בעטן, פּאַרמיסטיקן מיט זייערע פּיס־קעלעך דאָס בעסטע מעבל.

— באַלעבאָסטעלעך טײַערינקע, רופֿט שוין דער כימיקער אין אַן אַנדערן הויף — קומט גיכער אַרויס און איר וועט זיך שפּירן עפּעס רויקער, זי־כערער אין אײַערע היימען. פּאַר קליינגעלט קויפֿט איר זיך נחת אויפֿן פּוד. קרענצלעך פּרויען און קינדער שטעלן זיך אַרום דעם מײַז־ און וואַנצן־צויבערער. מיטן מויל און מיט די באַוועגלעכע וואָנצעס לויבט ער אין הימל אַרײַן זײַנע רפֿואות קעגן די פּלאָגן וואָס מאַטערן די אומשולדיקע מענטשן וואָס טאַמלען אַ ביסל מנוחה צו קענען האָבן אַ נאַכט פֿון אַ טיפֿן שלאָף. די מיגלדיקע שרצים און עיפּושדיקע ווערעם זענען זייער פּלײַסיק ווען אין הויז איז זייער רויק און טונקל. אין דער פֿינצטער זײַנען זיי גאָר וואַכעדיק.

גוט, שלעכט, לײַט ווערן אָנגערעגט צו טראַכטן אַז אפֿשר וועט דאָס נײַע מיטל דאָך העלפֿן אויסצורייניקן די שטוב פֿון די שרצים. מע קויפֿט אויף פּרווו, ווײַל ביז איצט האָבן די אַלערליי כימישע וווּנדיירים קיין ישועה נישט געבראַכט קעגן דער צרה וואָס פּלאָגט אַ רויקע, גוטע שטוב. הויז־פּרויען האָבן געקויפֿט די צויבער־רפֿואות קעגן דער פּלאָג פֿון וואַנצן און מײַז.

אַ פּנים, די מורא מ'זאָל די כימיקער נישט נעמען אַרומזוכן. ווײַל די פּרוון האָבן גמרי אין ערגעץ נישט געפּירט, אַבי אַרויסגעוואָרפֿן די זלאָטיס — האָבן די ד ע ר פֿ י נ ד ע ר פֿון דער פּרעווענטן־גאַס זיך דערטראַכט צו אַ פֿונק־נײַער המצאה.

כאַטש מאַנסלײַט, האָבן די אויפֿטוערס זיך שוין אַרויסגעלאָזט זוכן פּר־נסה ווי ציגײַנערקעס, אָנגעטאָן אין עכט ציגײַנערישן טראַכט, אויך ווי זנאַכערס, אויך פּאַראַרעמטע פּראָפֿעסאָרן מיט לאַקירטע קעסטלעך אין האַנט. זיי פּאַרקויפֿן סודות ווי אַזוי אַרײַנצופֿירן אין שטוב דאָס גוטע מזל פֿון געליבטע „וואָס וועלן פֿון דיר נישט אַנטלויפֿן ווי אַ ווילד קינד פֿון

דער לײַבלעכער מאַמען". זיי פֿאַרהאַנדלען גאָר אַ וואַזשנע רפֿואה אויף יעדער מינוט צו פֿאַרזיכערן כּוח־גבֿרא, „צו קענען אויסנעמען בײַ די שענסטע און בעסטע". אומדרייסט, צו מאָל שעמעוודיק מיט אַראָפּגעלאָזענע שטערנס מ׳זאָל נישט זען זייערע מינעס, גייען סײַ פּרויען, סײַ מענער הערן דעם תּוך וועגן די צוזאָגנדיקע פּעולות פֿון די נסימדיקע פֿאַרטלען.

פֿאַרשטייט זיך, אַזאַ קליענט פּירט מען אַוועק אָן אַ זײַט, מע רוימט אים אײַן (אָדער איר) עפּעס אויפֿן אויער. ס׳איז אַ דעליקאַטע זאַך, גיט אַ ווונק דער ספּעציאַליסט. מע דערלאַנגט אים לסוף אַ פֿלעשעלע מיט טראָפּנס און דאָס גוטע מזל בלײַבט אין די הענט פֿון די וואָס ווינטשן זיך דאָס מיטן גאַנצן לײַב און לעבן.

בלויז „די אינטעליגענטן" פֿון פּרעוועטן־געסל האָבן אַזאַלכענע זעל־טענע פּרנסות. קיינער פֿון די שכנים קאָן נישט דערגיין זייערע סודות. אַנדערע צווישן די ,געלערנטע׳ אין דעם געסל פֿאַרנעמען זיך אַחוץ מיט זייערע „פּראָפֿעסיעס" אויך מיט שרײַבן האַרצרײַסנדיקע אָדער זיסע בריוו צו פֿאַרלוירענע געליבטע ווי צו טאַטע־מאַמען, וועלכע האָבן אויף אייביק פֿאַרלייקנט ס׳אייגן בלוט און פֿלייש... דאָס מיינט, אַ פּנים, די וואָס היטן זיך פֿאַר די אייגענע צו אַנטפּלעקן דעם אויסגעפֿונענעם קוואַל פֿון זייער „שטיקל ברויט". אין אמתן זענען דאָס די ריכטיקע האַניקפֿייגל, וועלכע מע דערקענט מיט חשד אַפֿילו לויטן גענגל און דעם „אײדעלן" רעדן.

ווידער די פֿרומע לײַט פֿון דעם פֿאַרשטויסענעם געסל — זיי זענען נישט געגרן ד י אַ ל ע ז אַ כ ן. הערן זיי אַ גראָב וואָרט, זענען זיי משער אַז אַ ליאַרווע (אַזוי רופֿט מען אַזאַלכענע) פּירט אַרײַן צו זיך „אַ גאַסט". די ציכטיקע גיבן דערויף אַ שפּײַ אויס — טפֿו זאָל דאָס ווערן! — פֿאַרקוועטשן די אויגן און מורמלען תּחינהדיק: אוי, מלך עליון חי וקיים! אַלטע ווײַבער גייען נישט אַרויס פֿאַר דער שוועל אַ גאַנציטשקע וואָך. זייערע בליקן פֿינצטערן נאָר אַרום די ליימענע קעכלעך און גיבן נישט אַ קוק וואָס ס׳טוט זיך הינטער זיי. זיי טראַכטן: „ס׳גלאַאַכער מע זעט נישט וואָס מע קאָן דאָ זען". אַ מער זשוואַווע ייִדענע, אַ מאַמע פֿון אויס־געגעבענע קינדער, כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ קרעכץ: — איך קען נישט טראָגן ס׳לאַאַב אויף זעך, איז מיר נאָך צוגעקומען אַ טמא גאַס! אָבער זי רעדט שוין גאַרנישט. דעם עול פֿאַר חיונה לאָזט זי פֿאַרן זון און טאָכטער וואָס זענען נעבעך געגוג געשטראָפֿט צו מוזן הויערן אין דעם אַ גיהנום. דעם עונש מוז מען פֿאַר ליב נעמען. ס׳איז מסתּמא אָנגעצייכנט פֿון גאָט ברוך־הוא.

דער דלות גייט דאָ נאָך די מענטשן פֿוסטריט. איטלעכער זיפֿצט אָפּט

דערפֿון און פֿאַרבייסט די ליפּן. סוף־סוף גייען זיי יעדן טאָג בײַ נײַס אין שטאָט אַרײַן מיט דער להוטקייט אויסצוגעפֿינען זייער מקור־החיים, אָדער צו קענען אונטערכאַפּן דעם ראַכטיקן יאַלד. און דער טאָג הייבט זיך אָן גאַנץ פֿרי. דעמאָלט טערעבענצן אויך אַרויס אויף שווערע רעדער רויט־גע־פֿאַרבטע פֿלייש־פֿורגאָנעס, נאָך זיי ציִען זיך נאָך קאַטערינקע־קאַסטנס אויף גייענדיקע רוקנס, עס שפּאַנען די גרעל־געשליירטע קונצנמאַכערס, קאָזשע־ליק־שפּרינגערס, קאָמעדיאַנטן און הענדלערקעס. די מענטשן לאָזן זיך אַרויס שאָטנהאַפּטיק שטומע, אַזוי אויך די נעבעכדיקע טירגייערס, פּענ־טאַקעס, נשׂרפֿים, שלאַקריריקע, פֿאַרקריפּלטע מיט פֿאַרדרייטע הענט, פֿאַר־קרימטע מײַלער, פֿאַרטונקלטע אויגן. איטלעכע קאַליקע ווערט באַגלייט פֿון אַ מיקלאָמפּערשטן אייגענעם, צו מאָל פֿון אַ קינד אַ מינעריאָריקס. בכלל לאָזן זיך אַרויס באַלד אין דער פֿרי כאָפּטעס קינדער מיט פֿאַרהונגערטע פּנימלעך, וואָס בעטן רחמנות מיט די בליקן — עס גייט אַן אינוואַזיע אויף דער „איבערגעפּרעסענער", פֿאַרעוסקטער מענטשהייט.

די פּרעוועטן־גאַס, אַ טונקעלער שראַם אין פּרצוף פֿון דעם רירעוודיקן, לאַנגן זגערזשער מאַגיסטראַל, בלײַבט גליוורן אין דער אייגענער גע־ערומפּנקייט. אַזוי האַלט עס אָן פֿאַר אַ גאַנצן לאַנגן, מידן טאָג, ביז דער אָונט נעמט אַראָפּנידערן מיט זײַנע טונקעלע, קלעפּיקע שאָטנס.

פֿעברואַר, 1988

אַלטוואַרג

א

אַן אַלטע גאַס.

מויערן גראָע, מויערן מיט קרישלענדיקן טינק, שמאָלע געוועלבטירן און מרוזשנדיקע שויבן אין הויך־געוועלבטע אָפּגעבליאַקעוועטע פֿענצטער־רעמען. עס הערט זיך פֿון זיי שימל, שווערער שטויב. אַלע מויערן האָבן געזונקענע, שטיינערנע שוועלן, פֿלאַכע דעכער אונטער ווינציקע מאַט־שוואַרצע געקאָוועטע באַלקאָנען. די הײַזער זענען, דאַכט זיך, גאָר מידע, אָבער טייל ווײַזן צו מאָל נאָך אַזוינע גרימאַסן ווי זיי וואָלטן אָנגעוווּנקען אַז אָט הייבן זיי זיך אויף און וועלן נעמען שטעלן טריט. אַזאַ מטושטשער גלאַנץ כאַפּט זיך אויף אַ מאָל פֿון די אײַזן־געפֿלאָכטענע אַלטע באַלקאָנען. טאָקע מחמת מידקייט פֿון זיצן אַזוי לאַנג אויף איין אָרט, ווילן זיי זיך איבערוועקן. און דאָס — ווײַל אין שכנות, הערט זיך, איז היימלעכער. זיי וועלן טאָקע שטעלן טריט פּאַוואָליעדיקע, זיי ווילט זיך מער נישט דרימלען. אמת, אַלט זענען זייערע ביינער, אָבער נישקשה, זיי וועלן זיך נאָך זייער שטעטל באַשטיין...

ס'אַ גאַס מיט נידעריקע הײַזער, געמויערטע אין דער ברייט, מיטן פּרצוף צום דרויסן; מסתּמא דערפֿאַר די אײַנגעהיימישטע שטילקייט וואָס איז זיך אויסגעשטאַנען אין זייערע דירות וואָס אין די הינטערשטע טיילן פֿון איטלעכן געהײַז. די שטילקייט שמעקט מיט אײַנגעמאַרינירטע שוועמלעך אין סלאָיִקעס און אייגן־געשטעלטן שליוואָוויץ, וואָס ווערט אין גאַנשערס געהאַלטן אין די שטוביקע קעלערס. אַלע זענען זיי עניוותדיקע הײַזער; די העכסטע מויער האָט איין גאָרן אונטער אַ מאָכיק־געלאַטעטן דאַך מיט צעצויגענע בלעכענע רינעס וואָס לאָזן זיך שטאַרק הערן אין כמורנע טעג בעת האַסטיקע רעגנס און זאַווערוכעס. די רינעס שפּאַרן אַרויס פֿון די מויערלעך ווי בראָדעווקעס פֿון אַ זקניש פּנים.

יאָ, אַן אַלטע גאַס און זי קוקט מיט פֿאַרטונקלטע אויגן און אויסגע־קראָכענע ברעמען. ענלעך צו דער גאַס איז דאָס מרוזשנדיקע קוקן פֿונעם רוב פֿון אירע באַוווינערס, אַזוי אויך זייער גיין. אַ שריט — און עס דרינזשעט אַ קני אָן אַ קני, ס'זענען אויך טריבלעך זייערע האָריק־באַוואַקסענע אויערן, אַ ליאַדע־ווען פֿאַרשטשעמט זיך דאָס מויל פֿון אַזאַ בר־נש. אָבער זי האַלט נאָך יאַקאָש „אין די פֿויסטן" דאָס בינטל לעבן, די אַ אַלטע, זײַטיקע גאַס.

פּאַרנט, אין פּנים פֿון דער גאַס, איז פֿאַר אַלעמענס אויגן אַרויסגעשטעלט די גאַנצע פּרנסה וואָס דערנערט די מענטשן, וואָס זענען ווײַט־ווײַט נישט קיין יונגע. אַדרבא, יונגוואַרג איז זעלטן צו זען פֿאַר די שוועלן פֿון די אַ מויערלעך. ווו נאָר אַ טיר, איז עס אַ קלייט. און אויב אַ פֿענצטער איז עס אָנגעהויפֿנט מיט סחורות וואָס רופֿן דעם קונה, ווילן רייצן זײַן חשק. און ווי די סחורה, אַזעלכע זענען די קונים וואָס קומען אין די געוועלבער אַרײַן.

על פּי רובֿ האַנדלט מען דאָ מיט אַלטע זאַכן — אויפֿגעפֿרישטע, צוגעפּוצטע און אײַנגעגלעטע. און מ׳דינגט זיך אויף אַ פּעזע, צו מאָל אויף סענטאַוועס. מע דינגט זיך לאַנג איבערן מקח. אָבער אײנצײַטיק ציטערן פֿאַרהוילן די סוחרים פֿאַר דער זיקנה ווי פֿאַרן רכוש וואָס זיי האָבן אין די זאַכענישן, פֿון וועלכע זיי ווילן וואָס לענגער צײַען די חיונה. אוי, ווי זיי ציטערן, די קאַמבולאַטשניקעס. מחמת אויסגעוועפּט זענען זייערע כּוחות, שלאַבעריק די געלענקן פֿון הענט און פֿיס. רק זיי היטן די סחורה, געדענקען דעם מקח וואָס מ׳דאַרף נעמען פֿאַר דעם און יענעם „שטיקל" — דאָס איז די איינציקע אַחיזה וואָס „ראַטעוועט די נשמה" פֿון די אַלטע לײַט. וואָס, זיי זאָל זיך פֿאַרוועלן — ווי ,גוטע ברידער׳ עצהן — אָפּלאָזן זיך פֿון מיסחר, באשר ס׳איז שוין צײַט; זיי מעגן זיך עס דערלויבן..? אָסור צו טראַכטן דערפֿון! פֿאַרלאָזן זיך אויף די קינדער? חס־וחלילה. אַזוי שטאַרקן זיך אין מוט די לײַט. זיי באַמיִען זיך צו מאָל מאַכן אַ הלצה מיטן שכן פֿון דערנעבנדיקן געוועלב, וועלכער האָט גענוג צײַט צו שטיין פֿאַר דער שוועל פֿון קלייט. טאַקע אַזוי אַרום וואַרט מען אויף אַ „שוואַרץ קעפּל" וואָס וועט סוף־סוף זיך אַרײַנשטעלן אין זייערע קראָמען אויסנויכען אַ שטיקל שטאָטישן אָנצוג. אַזאַ לבֿוש איז אַ חלום פֿון אַן אויפֿגעקלערטן „שוואַרצן קעפּל" ר׳זאָל קענען רעכט זיך אויסמענטשלען אין זײַן ווײַטן שטעטל וואָס איז מער דאָרף און פֿאַשעפֿעלד ווי אַ ישובֿ. און ווײַזט זיך נישט קיין קונה איז אויך נישט קיין אומגליק; ס׳זייעריקע האָבן די קאַמבולאַטשניקעס סײַ ווי שוין אָפּגעטאָן. און אַ גוטער מאָלצײַט גרייט זיך אין שטוב. לרובֿ זענען עס לײַט פֿון די קאַמבולאַטשן, די אַלטוואַרג־געוועלבער, וואָס לעבן אין דעם לאַנד כּמעט דרײַ מאָל אַזוי פֿיל יאָרן ווי זיי זענען אַלט געווען, ווען דער דלות האָט זיי אַרויסגעטריבן פֿון יענער זײַט ים. זיי זענען שוין טיף גראָ ווי די אַלטע וועלף מיט פֿאַרהילצקטע, קרומע ציין. אין דער ווײַטער היים האָבן זיי געלאָזן טאַטע־מאַמע, אויך שוועסטער און ברידער און קיין מאָל זיי מער נישט געזען. אַ מאָל האָט זיך טאַקע פֿאַרבענקט צו זיי, כאָטש נאָך איין מאָל זיי צו זען, אלאַ דער

קאָפּ האָט אַ געשריי געטאָן: טפררררו־ו, פערד, לויף נישט! ס׳האָרץ האָט זיך טאַקע צעפּישטשעט, אָבער דער ב יי ן, האָט אויסגענומען. אַהיים צו האָבן זיי געשיקט אַ בריוו וואָס גלאָזן אָנשרײַבן. אָן אַנדערש מאָל אַפּילו אַהיים געשיקט „אַ שיינע פּאָר טולער״ אויף פּסח. אַנדערע פּלעגן אויך שיקן אַ פּאָר טולער צו פאַרריכטן דעם צעלאָכצטן דאַך פון דער היימישער שטוב. אויסנעמלעך פּלעגט אָן עמעץ שיקן אַהיים אַ שיינעם צושטײַער צו דער חתונה פון אַ שוועסטער זי זאָל קענען זיך בויען אָן אייגענע היים מיט איר באַשערטן.

פּאָר עפּעס אומקלאָרס וואָס האָט לענגער געטליִעט אין זיי, האָבן די מערסטע קאָמבולאַטשניקעס זיך באַמיט צו זײַן באַזונדער גוט צו די איי־גענע. זיי האָבן אַלץ געטאָן צו קענען זיך לאָבן דאָס האַרץ פ ו ן ד ע ר וו ײַ ט נ ס. אַליין זיך אַראָפּלאָזן אַהין צו, זען טאַטע־מאַמען, האָט דער רוב נישט געוואָלט טראַכטן, כאָטש ס׳האָט זיך דווקא געגלוסט צו באַווײַזן זיך דאָרט פּאָר די וויטישע מיט זייער אויסלענדישן „שטאַט״: די טײַערע אָנצוגן זייגערע, די שיינע מאַנטלען, די זײַדענע העמדער און די שווערע גאָלדענע סיגנעטן אויף די פינגער. ס׳האָט זיי דערעיקרשט אָפּגעגלוסט צו מאַכן אַזאַ יאַזדע צוליבן שם וואָס זייער ,בוינעסײַרע׳ האָט געהאַט אין די היימישע קאַנטן, וועלכע זענען זיי יאָקבי שוין געוואָרן אָפּגעפּרעמדט. אלאַ „דאָס געדענקען״ די אַלטע היימען האָט זיי פון דעסטוועגן הנאה געטאָן: „איַי, איַי, געוועזן אַ לעבן דאָרט. מ׳איז טאַקע נאָך יונג געווען, אלאָ מיט אַ קנאַפּן שׂכל — —״

דאָס דערמאָנען זיך די אייגענע יונגשאַפט פּלעגט די קאָמבולאַטש־ניקעס אויך עפּעס אַ גרייזשע טאָן, אלאָ אַצינד, אויף די עלטערע יאָרן, מ׳איז געוואָרן סטאַטיקעס, איז זיי אַ וויטיק דער שוואַכינקער אָנשפּאָר וואָס זיי האָבן אין דער ידישקייט. וואָרן מ׳לעבט דאָך צווישן ידן ו׳אָס פירן זיך אַנדערש, אויף אָן אַנדערן שטייגער. ס׳טאַקע אַ בושה. זייערע זינד קען מען אָבער נישט וואַרפן רק זיי אין קאָפּ אַראָן. דער אמת איז — זיי האָבן געהאַט ווינציק חדר; גאָר קורץ געגאַנגען צו אַ מלמד וואָס לערנט סײַ מיטן טײַטל סײַ מיטן קאַנטשיק. די אָגולנע שקאָלע האָבן זיי געהאַט נאָר אין דעם רײַכן דלות. ס׳זאָל שוין אַזאַ צאָרן נישט געשען, „ווי רײַך״ מיט אָרעמקייט ס׳איז געווען טאַטע־מאַמעס היים. צו מאָל איז ער געווען פאַרשײַט, דער דלות; מיט פאַרריסנקייט האָט ער זיך געוואָרפן אויף ידישע שטיבן. מ׳האָט פּאָר אַ קינד נישט געקענט קויפן כאָטש אַ פּאָר נײַע שיכלעך, נאָר אויפן שאַכערמאַרק אויסגעזוכט אַ פּאָר קאַפּטשעס. נישט אַנדערש איז געווען מיט אָן אובראַניע פּאָר אַ יינגל אָדער אַ קליידל

פֿאַר אַ מיידעלע וואָס איז אָנעהאָרע געוואַקסן. די מאַמע האָט זיך געבראָכן דאָס גענין בײַם זיצן מיט אַ נאָדלפֿאָדעם דזשאָבען אַ פּאָר צעריסענע הויזן, געלאַטעט אַ העמד, אַ ציך. אָבער ס׳לאָזט זיך אויך נישט פֿאַרגעסן אַזוינס וואָס רופֿט נאָך הײַנט אַרויס אַ פֿאַרכט אין די ביינער. געקומען יום־כיפּור האָט געציטערט די הויט. ס׳איז דער יום־טובֿ פֿון פֿאַסטן, פֿון זיפֿצן און דעם אָנזאָג פֿון אַ נײַעם ביטערן ווינטער. אַ גאַנצן טאָג ערבֿ יום־כיפּור האָט מע זיך געאײַלט אויף נישט צו פֿאַרשפּעטיקן מיטן גרויסן מאָלצײַט. דערנאָך דאָס בענטשן די קינדער, ס׳גיין אין שיל אַרײַן צו „כל נדרי״ אין קיטל און טלית און אויף די פֿיס ווײַסע זאָקן אין שטעקשיך. דער קיטל מיטן טלית בײַנאַנד און די ווײַסע זאָקן האָבן דערמאָנט אין תּכריכים, אָן דעם טויט. ס׳גייט אַ שווערער מישפּט פֿאַר איטלעכן ייִד... דער טאַטע האָט געוויינט בײַם ווינטשן די קרובֿים, שכנים און באַקאַנטע. ,אַ גמר טובֿ, לייבל קרוין, מ׳זאָל זוכה זײַן איבער אַ יאָר צו דערלעבן און ווידער זיך ווינטשן געזינטערהייט — —׳ ס׳איז געווען ערבֿ אַ ציטעריק געריכט. מענטשן טוען שלעכטס. דער אייבערשטער איז אַ דערבאַרעמדיקער טאַטע. מ׳בעט ער זאָל האָבן אײַנזעעניש. מיט הייסע תּפֿילות קלאַפּן אָן ייִדן אין די טויערן פֿון הימל. אמת, מיר זענען זינדיק, דו ביסט אונדזער מלך און גערעכטער שופֿט. מעק אָפּ אונדזערע עבֿירות, מיר זאָלן קענען תּשובֿה טאָן און לויבן דײַן גרויסן נאָמען. „דאָס געדענקען דעם דאָרט איז בײַ מיר ווי אַ הייליקע תּפֿילה! — האָט בײַ נאָטע קאָמבולאַטשניק זיך פֿאַרקרימט דאָס פּנים ווי אָט־אָט ברעכט ער אויס מיט אַ געוויין. — צ׳הערט, חבֿרה, דאָס ייִדישע האַרץ וואָס איך שפּיר האָאַנט... אַ שאָד וואָס ייִנגוואַאַז האָט אַזוי פֿיל נישט געקלעקט דער שׂכל. נישט בחינם פֿלעגט מע זאָגן אַז דער שׂכל איז אַ קריכער. אוי, איז דאָס קלוג! די פֿאַרכטיקייט פֿון יענע צײַטן ליגט מיר ערשט אין גאַנצן לאַאַב און לעיבן. כ׳וויס נישט ווי בײַ ענק — מיר צעשפּאַרט עס דעם מוח. אָבער נישקשה, האָאַנט פּירט מען זעך ראַיעל. ייִדישקייט איז אויך דער מושבֿ־זקנים, דער הכנסת־אורחים, דינגען אַ שטאָט אין שיל פֿאַר די ימים־נוראים איז בײַ מיר אַ לעי [1]). איך צאָל מיטן גאַנצן האַרץ. איך וואַרט נישט מ׳זאָל קימען מאָנען. געלט שיק איך אַרױן פֿריערויס פֿאַר אַ גאַנץ יאָר. אַזוי, ברידערלעך. דאָס הייליקע געדענקען האַלט אײַנדז. פֿאַר די אַלע זאַכן איז פֿרום מאָאַן האַרץ. אַלעוואַ נאָך יאָרעלעך וואָס דער אייבערשטער דאַרף שענקען״, — בענטשט זיך נאָטע דער קאָמבולאַטשניק און די גוטע־ברידער זאָגן נאָך ,אָמן׳. זיי

[1]) אַ געזעץ (שפּאַניש).

שאָקלען נאָך צו מיט די קעפּ אויף יאָ, דערויף האָט זעליק בראָדאַטש זיך געלאָזט הערן:

„ר׳איז געערעכט, נאָטע. נאָך י אָ ר ע ל ע ד זאָלן זיי געשאָנקען ווערן, גאָטעניו. זכיות האָבן זיי זיך אָנגעגרייט פֿאַר דעם. סײַ מיט דעם וואָס מ׳האָט זיי, די בוינעסטײַרעסער, אין דער היים געלויבט פֿאַרן אַרויס־העלפֿן די אייגענע, און סײַ פֿאַר דעם וואָס זיי האָבן אויסגעמיטן צו פֿאַר־שוואַרצן דאָס פּנים פֿון פֿרומען טאַטן, פֿון די איידעלע פֿעטערס און מו־מעס וואָס זענען געבליבן זיצן אין די שטעטלעך, ווו זיי זענען געווען אײַנגעוואָרצלט ווי די דעמבעס. זיי האָבן מיט אײַזערנער סבֿלנות אַלץ איבערגעטראָגן, אַפֿילו די גרימעדיקע קרירות וואָס האַלטן אָן אין טבֿת און שבֿט און עס טראָגן זיך שנײ־זאַווערוכעס אָן אַ סוף, אַז ס׳איז נישט דעם קאָפּ אַרויסצושטעקן; אויך זענען זיי צוגעוווינט געווען צו די הייס־אַטעמדיקע הימלען מיט די בליצן און דונערס, וואָס ברענגען אָן פֿאַרפֿליי־צענישן מיט גרויסע שאָדוינעס. אויף אַלע פּורעניותן זענען זיי בעבעך געווען גרייט מיט אַ מין געטרײַשאַפֿט. ס׳איז אַ סימן פֿון ייִדישן נאמנות״.

הײַנט האָט דאָס אַלטוואַרג פֿון בוינעסטײַרע שוין קיינעם נישט ד אָ ר ט ן. די צײַט האָט אָפּגעטאָן דאָס איריקע; נישט ווינציקער האָבן „עס דערוויזן״ די אַכזריותדיקע הריגות וואָס זענען דאָרט פֿירגעקומען. איבער זיי האָט זעך אויסגעגאָסן די דײַטשישע תּוכחה. מ׳האָט ייִדן, קינד און קייט, געוואָרפֿן אין בראַנדפֿײַערן. צו די מעשׂים־רעים האָבן אייגנוויליק זיך געשטעלט אויך דאָס פּוילישע, ליטווישע, אוקראַינישע פּעבל. מ׳האָט אויסגעהרגעט אונדזער טײַער פֿאָלק! ווײ איז אונדז! דאָרט איז נישט געבליבן קיין ייִדיש איבערבלײַבעכץ. אָפּגעמעקט אונדזער וועלט, אַן אויס־רײַסעניש אויף די רוצחישע באַנדעס! אין זינד גערעדט וועפּט אויס אויך דאָס האַרצווייטיק, וואָס טאַטע־מאַמע פֿלעגן אַמאָל דערוועקן, בכן זיי לײַדן דחקות, זענען אַלט און שוואַך און האָבן נישט מיט וואָס דאָס האַרץ צו דערקוויקן. די אַלטוואַרג־הענדלערס זענען ערשט באַאַרטע בעלי־בתּים, פֿון וועלכע מע מאַנט יאַקאָש נישט קיין חשבון. מען דערוויײַטערט זיך שוין נישט פֿון אַזעלכע. מענטשן ווילן זיך נישט צולאָזן קיין עגמת־נפֿשן פֿאַר זאַכן וואָס זענען געשען מיט יאָרן צוריק. טאָקע שוין לאַנג ווי זיי זענען אַוועק פֿון דער בראַנזשע. זייערע הײַנטיקע מיסחרים זענען ווי אָנ־געמאָסטן פֿאַר אַזעלכענע. אַלטוואַרג, געניצטע הלבשה און אַנדערע מטל־טלין, צו וועלכע אַ ייִדישער קונה וועט זיך נישט צורירן, אַפֿילו ווען ער איז נישט קיין גבֿיר. בלויז „שוואַרצע קעפּלעך״ גייען אַרײַן אין זייערע טונקלעוואַטע קראָמען, ווו ס׳שמעקט מיט שימל און שפּינוועבס. אַוודאי,

די קאַמבולאַטשניקעס זענען ווילע מענטשן, צו מאָל לויבט מען זיי אין זכות פֿון דעם, וואָס זייערס אַן אייניקל איז אַ דאָקטער אָדער אַן אַדוואָקאַט. די אָ יונגע האָבן זיך שוין אַריבערגעטראָגן ווײַט פֿון דער געגנט ווו עס געפֿינט זיך די גאַס פֿון די קאַמבולאַטשן. די זין און אייניקלעך פֿון די אַלטוואַרג־הענדלערס וווינען אין אַ „בעסערער געגנט" און פֿירן זיי מיסחרים, די קינדער און אייניקלעך, איז עס אַ מיסחר פֿון אַ גאַר בכּבֿודיקן שניט. זיי זענען הענדלערס פֿון צירונג, פֿון גאָלדוואַרג, איידל־שטיינער, אויך זייגערס און זילבערוואַרג. זיי שטייען אין גרויסע קראָמען אַרומגערינגלט מיט משרתים־מומחים אין דער בראַנזשע פֿון ברילִיאַנטן, פּערל און גאָלד, בכּלל טײַערע צירונג; צו מאָל פֿאַרקויפֿן זיי גאָלדשטאָבעס, אויסגעגאָסענע אין ציגל מיט חתימות פֿון גאָלדפּרווו. די דאָזיקע זענען שוין אַן „אַנדערע וועלט" וואָס האָט אַ קנאַפּע מגע־ומשׂא מיט די פֿון די קאַמבולאַטשן. די נאָענטע פֿון דער קאַמבולאַטשנער גזע ווייכן פֿון די וואָס טראָגן זייערע מישפּחה־נעמען און גיבן זיך אָפּ מיט אַלטוואַרג. ע, די יונגע זענען שוין שטיקלעך יחסנים. דאָס באַזיניקן שטאַרק די לײַט פֿון די קאַמבולאַטשן און זיי באַקרעכצן זיך מיט הארצוויטיק:

„יאָ, יאָ, ס'איז שוין נישט דאָס וואָס איז געוווען. הבֿרה וויטישט זיך אויס מיט כּוח". בשעת־מעשׂה שפּירן די קאַמבולאַטשניקעס אַז אויך דער ליאַרעם וואָס האָט זיך גענומען אינעסן אין זייער גאַס, איז אַ מין צוריק־געהאַלטענער טומל, ר'איז עפּעס שעמעוודיקער. אַזוי, אַ פּנים, שפּירט זיך אַ האַזאַרד־שפּילער וואָס האָט פֿאַרשפּילט דעם גרעסטן קאָן.

ב

אין די הינטערשטע טיילן פֿון די מויערלעך אין דער אַלטער גאַס ליגן די דירות פֿון די קלייטניקעס. דאָס זענען שטובן פֿינצטערלעכע, שימל אָנגעהויכטע. אויך מיט ווילגאַטש זענען דורכגעזאַפּט די קאַמערן ווו עס איז אויף שטענדיק אַרײַנגעטראָגן געוואָרן אַ קוים זשיפּעדיק פֿלעמל, אַפֿילו ווען דאָס פֿלעמל איז שוין נישט פֿון אַ נאַפֿט־קנייטל. ס'איז מחמת דער ענגעניש וואָס איז אַרײַנגעמויערט צווישן הײַזקע און הײַזקע. אייביקע ערבֿ־נאַכט גליווערט אין די אָ דירות. בײַ טאָג איז בלינד די שײַן וואָס דרינגט אַרײַן פֿונעם פֿענצטער וואָס קוקט אַרויס צו אַ שמאָל שטיקל הייפֿל, אַ פּאַטיאָ; בײַ נאַכט לײַכט דאָס לעמפּל עפּעס פֿײַכטלעך. דאָס אָנגעצונדענע פֿלעמל בעלמעט ערשט ווי אַ שלעפֿעריק לבֿנהלע וואָס טראָגט אויף זיך אַ דין נעפּל־שטרײַמל. דערצו זענען די אָ שטובן פֿול מיט טונקל־ברוינעם,

שווערן מעבל מיט שניצערײַען. מיט שטאַרקע פּעדעמנע פֿאַרהאַנגען זענען פֿאַרשלייערט די בלינדלעכע פֿענצטער. יוסט בעטגעוואַנט וואָס מיטגעבראַכט פֿון די אַלטע היימען בערגלט זיך אויף די בעטן. דאָס זענען נישט קיין דירות וואָס מ׳געדענקט פֿון בעל־הבתישע אַמאָלן. ד אָ ר ט האָט אין פֿענצטער צו מאָל זיך געוויזן אַ שמייכלעדיקע זון, אין די שויבן האָט אויך ציטעריק געמראַכט די שנייקע ווײַטקייט פֿון מיניעדיקע טעג מיט פֿראָסט־אוזאָרן, וואָס האָבן אַפֿילו אָנגעבראַכט דעם חלום פֿון וועלדער און צעבליטע גאָרטנס. דאָרט איז אויך געווען אַ היימיש־האָפּערדיקע חנוכה, כאָטש הינטער אַ שנייק־ווײַסן דרויסן. און ס׳איז געקומען אַ פּורים מיט צעוואָרעמטער יומטובֿדיקייט. דאָ האָבן מיר — זיפּצט שוין אַרויס די צעקאַליעטשעטע עלטער — רק אַן אָרט פֿאַר מידיקייט וואָס שלעפּט נאָך אַ שווערע חולשות, אַ קרענק וואָס בויעט זיך ערגעץ טיף. אַרײַנגעזעצט זיך אין דעם קאַנט, זיצט מען, נישט אַרויסצוקריכן ווי פֿון אַ ליים!

עפּעס אומגעריכטערהייט נעמען לײַט זיך בונטעווען קעגן זיך, קעגן איגענעם געווען, וואָס איז זיי באַלד אַקעגן געקומען „מיטן לינקן פֿוס״. זיי האָבן אָנגעהויבן שלעכט, ווײַל נישט געטראַכט וואָס ס׳עט זײַן מאָרגן אָדער איבערמאָרגן. געגומען, געכאַפּט וואָס איז נאָר אונטערגעקומען. אַבי וואָלוול! אַז ס׳איז אַ פּוסטקייט וואָס אַ מענטש מיט אַ ביסל קאָפּ האָט זיך דאָ נישט געוואָלט אָפּשטעלן, דאָס האָט מע נישט געזען. ס׳אַ בלינדקייט וואָס האָט געשלאָגן דעם שׂכל. מ׳האָט דווקא געהאַט געלט אויף עפּעס בעסערס, אָבער ס׳ביסל בוימל אין מוח האָט געפֿעלט. זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ פֿעלד מיט אַ פּאָר צעוואָרפֿענע שטיבלעך אויפֿגעבויטע אָן טעם און אָן ריח. ס׳זענען געווען לעכער פֿאַר נאַראָנים. די נאַראָנים זענען אַראָנגעקראָכן אין זיי און פֿוילן לעבעדיקערהייט אין אַ קבֿר. מ׳האָט דער־נאָך נאָך צוגעבויט הײַזער, אָבער בעסער איז די דירה נישט געוואָרן. ערשט זעט מען אַז דאָס זענען נישט קיין היימען פֿאַר מענטשן, ווײַל טונקלעוואַטע, פֿײַכט, נאָר קאַסטנס פֿון שווײַגנדיקע ווענט מיט שטויביקע סופּיטן, קאַסטנס וואָס קוקן עלנט צו די אינעווייניקדיקע פּאַטיאָס.

ס׳איז געבליבן ווי אַ פֿאַרגעסן אָרט, די אַלטע גאַס צווישן מאָדיש אָנגעמויערטן געטומל וואָס קריכט אַרויף־אַרויף מיט אַ סך פֿענצטערס וואָס בלינצן מיט אַ להוטקייט פֿון דאָרשטיקע נעבעכלעך . . .

ג

אין דער אַלטער גאַס רײַסט אַ מאָל אויף אַ געטראַסק פֿון שווערע אויטאָמאָבילן, וואָס קריגן זיך דורך די ענגשאָפּט מיט משׂאות, אַ מאָל

הערט זיך אויך אַ רעש פֿון מענטשן וואָס קומען און גייען אַוועק מיט סחורות, וועלכע מ׳טראָגט אַרויס פֿון די אומהיימלעכע טונקלקייטן, פֿאַר־באַרגענע אין די טיפֿע קאָרידאָרן פֿון די אַלטע מויערלעך. אויף צע־קאָרבטע פּנימער און שלאָבעריקע טריט האַלטן זיך די תּושבֿים פֿון דער גאַס. עפּטערס שטייען זיי פֿאַר די שוועלן פֿון די געוועלבער. זיי חלומען פֿון אַ פּדיון און וועגן אין געדאַנק די העוויות פֿון די צופֿרידענע און אויך פֿון די זיך קווענקלענדיקע קונים וואָס האָבן פֿון דעסטוועגן זיך מיישבֿ געווען נאָך אַ מאָל צו באַטרעטן זייערע געוועלבער. דער עיקר ווײַזן זיך „שוואַרצע קעפּלעך״ וואָס האָבן ליב זיך צו גראַבלען צווישן דער סחורה, די אָנצוגן, קליידער, קאַפּעליושן, העמדער, אַפֿילו צווישן די באַצירונגען פֿאַר בעל־הבתּישע היימען.

„זעסט, ער האָט אַנדערשוווּ נישט געקריגן קיין גרעסערע מציאות״, — גיט דער אַלטער אַ ברום צו זײַן אַלטיטשקער וואָס גלעט בשעת־מעשׂה די אויסגעפּאַשעטע קאַץ. זי שענקט דערויף דעם מאַן אַ האַלבשמייכל פֿון אירע געמאַרשטשעטע אויגנגעסטן בײַנאַנד מיט אַ פֿרומלעכן זאָג:

— געלויבט איז גאָט דערפֿאַר...

אין אַ געמיטלעכער מינוט נייגן אויס די לײַט דאָס געהער צו אַ מעשׂה, נאָך נײַעס, און זענען מקנא אַלע, וואָס זענען יונגער. נו, אַ מאָל כעסן זיי זיך אויך, מחמת דאָס שלענגל קינאה וואָס פֿאַרקריכט אין האַרץ אַרײַן, איז נישט מסוגל צו דערשטיקן די להוטקייט צו די אויפֿטוען פֿון אַנדערע. זעסט, דאָס פֿרעסט און זויפֿט, אלאַ מ׳זוכט רק וועמען אָנצופּײַפּן. מ׳טוט נישט קאָ׳ האַנט אין קאַלטן וואַסער אַרײַן און דאָ ווערט מע פֿאַר־שוואַרצט פֿון וועגן דעם ביסל פּרנסה. נישט איין מאָל האָט מען אַ טענה צו זיך הלמאַי מע ווערט נישט אַליין אַ ביסל קליגער. „אייגנטלעך צו וואָס? כ׳דאַרף זיך דען צערײַסן דעם יאַשטשיק? מיסתּמא איז דער קאָפּ טאַקע שוין דאַסיק!״

אַ סך פּאַראַיבלס קריכן פּלוצלינג אַרײַן מיט פֿערדישע קאַפּיטעס אין די געדערעם פֿון די לײַט. אָבער עס קרימען זיך אויך נפֿשות וואָס ווײַזן זיך צָהער און רינען באַלד אויס. „אַ לעבן בײַ די אַלטע קאַמבולאַטשניקעס ווי אין אַ ליימגרוב. אַלץ איז אָן אַ טעם און אָן אַ ריח. די לופֿט איז אָנ־געשימלט, אָבער זיי זיצן ווי אַ קוואָקע אויף די אייער. די מעשׂה מיט דעם אַלטוואַרג איז אָבער פּונקט אַ פֿאַרקערטע ווי בײַ דער קוואָקע. יענע ליגן אָן איי, זיי זינקען אָבער מער אין דעם געמויזעכץ. ס׳איז נישט גוט אַז מ׳האָט צו טאָן מיט האַרטע קעפּ. זיי מעגן עס וויסן — רעדט שוין אַזאַ אין עמעצנס אויערן אַרײַן — די זקנים וואָס היטן פּאַלאַצן מיט פֿוילע

שמאַטעס. אומזיסט זייער וואַרטן אַז די וועלט וועט זיך לאָזן אײַנשלינגען פֿון זיי. צו שוואַך זענען זייערע ציין. צו בײַסן מוז מען האָבן שטאַרקע ציין, בפֿרט פֿאַר פֿלייש. גוט פֿלייש איז בטבֿע יוסט. אויב שלינגען פֿלייש מוז עס גוט קאָכן. פֿויל פֿלייש גייט באַלד נישט אַראָפּ. ס'שטינקט. שוין אַזוי אַלט, די תּרחס, אָבער זיי איז אַלץ ווינציק. אוצרות האָבן זיי פֿאַרגראָבן אין די קעלערס — פֿאַר וועמען? אַליין לעבן זיי ווי די הינט, קיינער ווייס נישט פֿון זיי; האָבן אַ לעבן לאַנג געוויכט פֿון מענטשן, ווײַל... נאָך זיי וועלן פֿון די אוצרות געניסן די מײַז און די ווערעם. אַז פֿאַר נאָענטע פֿאַרבאָרגן זיי זיך, באַהאַלטן אונטער דר'ערד מאַיאָנטקעס. זיי ווילן אַפֿילו נישט וויסן ווי זיי גופֿא האַלטן מיט דער וועלט. ס'איז טרויע־ריק ווען מ'בלײַבט ווי דאָס פֿאַרלוירענע אַלטוואַרג דאָ — עקבערט שוין טיפֿער אַרײַן דער בעל־שׂכל אין דעם פֿאַרטריקנטן שאַרבן:

— געדענק, מענטש איינער, די אונטערשטע שורה פֿון אַלע טועניש ן עפּעס מער צו דערגרייכן איז אַ הוילע אויסדאַכטעניש. אַרום און אַרום איז אַלץ אַן אַליין אָפּגעגאַרטער חשבון. הכּל הבֿל, שטייט געשריבן. פֿון דעם גאַנצן עולם הזה לאָזט זיך אויס... גאָרנישט, נאַדאַ [2]). אַ ווינט אין פֿעלד. ביסט נאָך יונג וועדליק לײַט לעבן הײַנט? ס'איז אַ קינדערישער חלום. איך וויל דיר קיין שלעכטס נישט טון, אָבער אויפֿוועקן מוז איך דיך. ווייס! דו קענסט זיך אָפּרוקן אַ ליאַדע ווען. רעכן זיך מיט דעם! וואָס טוען, וועסטו פֿרעגן? לעב מיט אַ קלאָרן חשבון. האָסט דאָ אייגענע, כּמעט אייגענע, נאָענטע, גיב אַליין וואָס ס'קומט זיי על־פּי שׂכל, על־פּי מענטשלעכקייט, אויב דו האָסט נאָך אַ שטיקל געהירן דײַן אייגנס. גענוג! פֿאַרגין זיך דאָס וואָס דײַן האַרץ לאָזט דיר נישט דערפֿון געניסן. לעב. שפּיל נישט דעם טויבן מאיר, בכן דו האָסט נישט. אפֿשר טאַקע, כּאַקאָבאַ, דיר ברענגען אַ פֿאַר פּעזעס אויף אַן אָנבײַסן? צום „קניפּל" ביסטו נישט בבֿוח צוצוגיין. איי ווײַ, כּאַקאָבאַ! ס'עט נישט העלפֿן דאָס אַנטלויפֿן פֿונעם געדאַנק אַז דער סוף איז נעענטער ווי ווײַט — — דער זקן מוז סוף־סוף אַ רגע זיך אָפּרײַסן פֿון זײַנע זכרונות, וואָס האָבן דעם שוואַרצן כּוח צו רופֿן, באַטעמט אָנהלומען. ס'איז אומזיסט דאָס רעדן צו אַזוינעם. דער קאַמבולאַטשניק קאָן נישט הערן פֿון שׂכל־הישר. „הע, האָסט עפּעס גע־זאָגט?" הייבט ער ערשט אויף דעם קאָפּ אָנצוקוקן דער פֿאַרשוין וואָס קומט צו אים מיט גוטע עצות.

די לײַט פֿון דער אַלטער גאַס וויסן באמת נישט ווי זיי האַלטן.

---

[2]) גאָאָרנישט (שפּאַניש).

כאָטש נעם זיי אָן בײַ דער האַנט און פֿיר זיי אַוועק אויף אַן אַנדערן פּלאַנעט. ווי לאַנג די אויגן זענען אָפֿן, חלומען זיי אַ הוילן חלום. די גלידער דריקן טאַקיש ווי די שטיינער און דער לאָקנדיקער דרימל וועבט זיי אײַן שטיל, שטיל. די מחיצה צווישן טאָג און נאַכט ווערט וואָס אַ מאָל משושטשער.

ה

די גאַס איז געבליבן אַזאַ ווי זי געדענקט זיך מיט יאָרן זיבן, אַכט צענדליג צוריק; די גאַס איז נישט געוואַקסן, פֿאַרקערט, זי איז געזונקען אין זיך. זי האָט נאָר אָנגענומען אויף איר פּרצוף דעם שטויב פֿון אײַנגעמידטן געדעכעניש. אַ גאַנצן טאָג זידט דאָ שוין אַ האַרמידער צווישן די מויערן. אויפֿדערנאַכט לעשט ער זיך ראַפּטעם, דער דרויסן, זעצט זיך אַראָפּ מיט באַשײַמפּערלעכער אַלטקייט.

אַראָפּגעלאָזן די אײַזערנע שאַלוזיעס, אָנגעהאָנגען שווערע געוויכט־שלעסער איבער די פֿאַרמאַכטע קלייטן. נאַכט. איינצלנע אויסשטעל־פֿענצטער בלײַבן גלימערן מיט שוואַך אָוונטלעכן ליכט אין דער אויסגעשפּרייטער פֿינצטערניש. אין אָנגעשטויבטע פֿענצטער־רעמען הויערט אַן אָנגעצונדענע שײַן איבער אַ געקעפּטן מאַנעקען, אויף וועלכן ס׳זיצט אַ פֿראַנטיש העל־געקעסטלט מענעריש רעקל. אַרום רעקל אויבנאָן זענען סימעטריש צעהאָנגען סײַ אַף רעכטס סײַ אויף לינקס פֿון דער „וויסטאַווע” אַ ווײַסע בלוזע מיט קרײַזעלעך אַרום דעקאָלט, אַ געשטריקטער סוועטער, אַ קראַוואַט, אַ פֿײַן אײַנגעקנייטשט מענער־העמד, דערנעבן אַ שוואַרצע מושקע, אַזאַ פֿאַצעטישע שלייף וואָס יונגע קאַוואַלירן טראָגן ווען זיי גייען אין קירך אַרײַן צו אַ חתונה; אויך אַ שיינער יאַמש־שטעקן איז דאָ צום רומל צו גלײַך מיט עטלעכע קאַפּעליושן און קינדער־קליידלעך, טשעפּיקלעך פֿאַר קליינוואַרג, אַ טישלאָמפּ, דאַמען־לעטשלעך און דאַמענטאַשן. האַרט בײַם ברעג פֿון באַלויכטענעם אויסשטעל־פֿענצטער זאָגט זיך שוואַרץ אויף ווײַס אויף אַ גלאַנציק געשמירטן בלעכל: „פֿאַרגעסט נישט, בײַ כאַקאָבאַ מאַנדעל פֿאַרקויפֿט זיך דאָס בעסטע און שענסטע צום וואָלוולסטן!” אַריבער דעם צוזאָגנדיק־רופֿנדיקן שילדל שמייכלט אַ צירלעכע גרויסע ליאַלקע פֿון אַ דאַמע אין מיניאַטור אָנגעטאָן אין אַ צעפּעכערטער קרינאָלינע. זי האָט רוזשירטע בעקלעך און אויגן וואָס חנדלען זיך ווייך צו די דרויסנדיקע טונקלענישן. נאַכט.

אַ וואַלדיק שטעטל

לאַס טאַסקאַס. אַ נאָמען אַזאַ פֿון אַ וואַלדיקן שטעטל וואָס לעבט אויף נאָר אום זומער, אָבער דערוואַכן, דערוואַכט עס שוין אין סעפּטעמבער, ווען ס׳פֿאַרענדיקט זיך דער האַלב-טראָפּישער, קאַלטער, פּריקרער ווינטער בײַ די ברעגעס פֿון דרומדיקן אַטלאַנטיק, אַ ווינטער פֿון שאַרפֿער פֿײַכט-קייט, מיינסטנס אָן שניי, נאָר בײַסיקע ווינטן וואָס ברענגען אָן שנײַדיקע קעלטן, אָבער אויך זונטעג, צו מאָל וואַרעמע, וואָס דערפֿרייען מיט דער אומגעריכטקייט פֿון פּלוצלינג אַנגעלאָפֿענעם זומער. טעג וואָס קומען אויפֿן שפּרונג.

לאַס טאַסקאַס! צייל די זילבן, הער זיך אײַן אין זייער קלאַנג און חידוש זיך: וואָס לאָזט עס דיך הערן? וואָס מיינט דאָס? מאָנטעווידעאָ — ווייסט מען פֿאַר וואָס דער אַ נאָמען: „דער באַרג וואָס איך זע!” ס׳אַ געשיכטלעכער אויסרוף פֿון אַ ווײַטלעכער צײַט מתּוך התפּעלות. בוענאָס-אײַרעס, ווידער, איז די דערקוויקונג מיט דער קלאָמפּערשטער גוטער לופֿט וואָס בלאָנדזשענדיקע, קעמפֿנדיקע דעראָבערערס אין היסטאָרישן נעכטן האָבן דערשפּירט פֿון דער נײַ-דערווישטער יבשה בײַם לאַנדן אין טאָל פֿון פּלאַטאַ-טײַך. אָלאָ לאַס טאַסקאַס? משונהדיק רעדט דערפֿון נאָר דער טײַטש פֿון די צוויי ווערטער: די דריבנע ים-שטיינדלעך וואָס די שטורעם-כוואַליעס שטויסן אַרויס פֿון די צעברויזטע וואַסער-געדערעם איבער די אומענדלעכע צעפּלאַשעטע זאַמדבערגעס. אָבער נישט אַזוינס פֿיל איך ווען כ׳באַטרעט דאָס שטילע, אידילישע ישובֿל וואָס איז באַדעקט מיט דורכויסיקן אַלטן און יונגן סאָסנעוואַלד. אַנדערש זע איך דעם אַ מקום ווו גאָט אַליין קוקט אַראָפּ, אַ צעשמייכלטער, פֿונעם הויכן שטאַפּל פֿון זײַן באַשאַף. איך בין פֿאַרגאַפֿט. פֿאַר די לײַט וואָס אַרום, פֿאַרשעם איך זיך מחמת מײַן אומוויסנקייט. מ׳רעדט צו דיר און דו קענסט נישט ענטפֿערן ציי דו באַנעמסט די מאַכטיקע שלווה וואָס הויערט דאָ אַ צור-פֿוסנס. קוקסט אַ פֿאַרחידושטער: גאָטס האַנט האָט זיך על המנוחה אַוועק-געלייגט אויפֿן קליאַש פֿונעם הימל-לאַזור ווי אויף דעם אומענדלעכן וואַ-סערפֿעלד און האַרט אַנטקעגן דיר שפּילט די גראָע שיינקייט פֿון פּלאַ-דיקער פֿלאַנצונג און עס זינגט, ס׳שורשעט די פֿרייד פֿון דאָזיקן ווערק:

— זע, בן-אָדם — ס׳איז פֿאַר דיר אָנגעבאַרייט. ביסטו כאָטש מסוגל צו באַנעמען אַזאַ וווּנדער? בשום אופֿן נישט. דאָס זע איך פֿון דײַן אומרו

אויך דאָ, פּנים־אל־פּנים מיט דעם יום־טובֿ וואָס כ׳האָב אומיסטן אויסגעע־שפּרייט פֿאַר דײַן מידקייט. אַלאַ ווייס, איך באַגער אַז דו זאָלסט כאָטש פֿאַרשטיין נהנה צו זײַן דערפֿון. ס׳איז דער תּמצית פֿון די משמני־הארץ וואָס זענען פֿאַר צײַטנס צוגעזאָגט געוואָרן דײַנע אבֿות־אבֿותיו. אַוודאי, ס׳איז דאָס געזאַנג וואָס טראָגט זיך פֿונעם אײַנגעווייד פֿון דער יצירה וואָס כ׳האָב באַשאַפֿן פֿאַר דײַנעט וועגן — —

איך בין געפּלעפּט אין מײַן אַנמאַכטיקייט. כ׳שפּיר זיך שפּל אַנטקעגן דער שײַן וואָס ליכטיקט און ברומט פֿון דער זעלטענער פֿולקייט, פֿאַר וועלכער איך האָב נישט קיין אייגענעם נאָמען. מיר איז נישט ניחא הלנ׳אַי לײַט רופֿן דעם אַ גרויסן אַלץ־מיט־אַנאַנד לאַס טאָסקאַס. איך פֿיל אַז דאָס איז אַן אומבאַשטימטער קלאַנג פֿאַר אַ ממשות, אָבער איך ווייס גענוי אַז דאָס איז בלויז אַן אָנצוהערעניש אויף דעם תּפֿארת וואָס קען פֿאַרוווּנדערן יונג און אַלט; אַבי דער געזונטער חוש דינט זיי און דאָס אויג לעבט, פֿילט. ס׳קען נישט זײַן אַז דאָס איז דער אייגנטלעכער נאָמען פֿון דאָזיקן אויסנעמלעך שטילן מקום וואָס ערגעץ ווײַט פֿון די רווישיקע וועלטשליאַכן. לאַס טאָסקאַס: פּראָסטע, גראָע, זאַמד־קאָליריקע, ים־אויסגעשליפֿענע שטיינ־דעלעך — זאָל דאָס זײַן דער נאָמען פֿון אַזאַ זינגעוודיקן יופֿי? בכל־אופֿן מוז עס מיינען עפּעס אַנדערש, טיפֿערס, אפֿשר שפּילעוודיקערס. אין דעם אָקערשטיקן נאָמען קען נישט זײַן דער זינען פֿון דעם וואָס באַהאַלט זיך אונטער דער שעמעוודיקער, דאַכט זיך שטאַמלענדיקער שײַן פֿון אַלעם דעם וואָס הויערט אין אַזאַ פֿונאַנדערגעשפּרייטער שיינקייט וואָס זאַמלט אײַן פֿאַרן דרומדיקן הייסן זומער אַ רובֿ־עם צו תּענוגי־שלווה אונטער דער האָפֿערדיקער זון אין איר סאַמע געדײַען און זינגען.

לאַס טאָסקאַס.

מײַן ווינציקייט זוכט אַ באַשייד פֿאַר דעם געפֿיל וואָס דאָס מקום האָט טראָפֿנווײַז שוין אויסגעצײַטיקט אין מיר.

איך שפּיר אים אַ לעבעדיקן, אַ טיף־אָטעמדיקן, וואָס האָט לאַנג, לאַנג אויפֿגעבליט און ראַפּטעם, ווי אונטער אַ כּישופֿדיקער וואַרעמקייט, שטיל אויסגערײַפּט. אַזאַ אָטעמט ער, וואַקסט און טוט זיך אָן אין חנען.

איז דאָס אפֿשר נאָר ס׳צעשערבלטע זען פֿון דעם אַנטדרימלטן, אַטאַוויסטישן געצן־דינער וואָס גנבֿעט זיך אַרײַן אין בידנעם מענטש און בלי דעתו אונטערטעניקט ער זיך צום „שטאַרקערן" וואָס איז קאַפּאַבל אים צו באַהערשן מיט כּוח? אַנטקעגן אַיעדער שיינקייט, מכּל־שכּן אַזאַ נסימדיקער וואָרהאַפֿטיקייט, גייט מיר אויס ס׳חיות. אָפֿט ווער איך אומ־

געריכט געשטעלט פֿאַר אַזאַ נסיון, ווען אויף מיר אָטעמט דער כּישוף פֿון אויפֿגייענדיקן פֿעלד און גאָרטן. ניין, עס איז נישט די לאַקריצדיקע חפֿציות פֿון אייגן־ליבע, דער „קולט" פֿאַר סתּם באַגערטער רו מחמת פֿוילקייט צי אויגן־בלענדעניש וואָס עס געבוירט די צעיאָכמערטע גרויסשטאָט. בלי־ספֿק — די פֿאַרדאַרבערישע גרויסשטאָט האָט אונדז אויסגעהאָדעוועט דערצו און — איבערגעפֿירט.

אין מחשבֿותן קומט עס אויס אַזוי. אָבער דאָס איז אמת נישט אין גאַנצן. ווארן אַזוי טראַכטן פּנים־אל־פּנים מיט דער נישט־איבערגעחזרטער אַרכיטעקטאָניק פֿון דעם אַ וואַלדיק־ימישן, פֿרידלעכן גוטס וואָס איז אויס־געגאָסן איבערן גאַנצן קליינינקן ישובֿ, איז ממש אַ העזהדיקע לעסטערונג קעגן דעם מהות פֿון דער שיינקייט סתּם ווי אַ פֿילאָסאָפֿישער יש וואָס מ'קען אפֿשר געפֿינען אויך ערגעץ אין אַ ווינקל פֿונעם כּרך.

לאָך נישט. אַ פֿילאָסאָפֿישע שיטה (אַפֿילו דאָס!) קען זײַן אויך די האַרמאָניע פֿון די שיינקייטן און חנען וואָס זענען אויסגעשפּרייט איבער דעם צעקוואָלענעם שטח וואָס ליגט אָקערשט אין אונדזער זעפֿעלד. דאָס איז אַ צעבליטער אָאַזיס צווישן גאָלדענעם זאַמד, בוים, פֿייגל און ים; זײַן פֿונאַנדערגעצויגענער, גאַפֿנדיקער זאַמדבאַרג, דער שטילער, רויטער דאָך וואָס הויערט צווישן גרינעם געצווײַג ווי אַ טראַכטנדיק רויט היטל איבער מײַן קאָפּ, איז מענטשיש באַנומען, א יי נ צ י ק אינעם וואַלדיקן אַרום — אָט וואָס עס איז די פֿאָרמל פֿון דער אַ שיטה. ווײַל דער דאָזיקער אַ ל צ ד י נ ג אַנטקעגן די ווײַט־לויפֿנדיקע האָריזאָנטן, גלײַכט זיך מיט דער קרישטאָל־בלאָלעכער לויטערקייט וואָס הויערט צווישן סאָסנע־ריחות און דעם האַרעפּאַשנעם אייקאַליפּטוס־רויש. אָבער ס'איז אויך אמת אַז די זעלטענע שיינקייט־ווינקעלעך פֿון דער גרויסשטאָט קאָן מען נישט אין גאַנצן אָפּזאָגן זייערע חנען, אלא דאָס איז אַ יופֿי וואָס רעדט נישט אַזוי צום געמיט ווי דער טעם און ריח פֿון דורכויסיקן וואַלד, ים און דעם דאָרפֿישן רייץ פֿון דער געבענטשטער אידיליע וואָס גיט אונדז מנוחת־הנפֿש.

לאָס טאָסקאָס איז באַשײַמפּערלעך דער אמתדיקער פּתרון פֿון דער נעמלעכער ש יי נ ק יי ט, אויב אין דײַן מאָגן שפּילט דער פֿערמענ־טירנדיקער זאַפֿט וואָס טרינקט אָן מיט ממשותדיקע כּוחות דײַנע הענט און פֿיס. אַ, דעמאָלט ווערט דער באַשייד פֿון דעם יופֿי גאָר־גאָר אויפֿגע־לויכטן. אַגבֿ, לאָס טאָסקאָס איז אַחוץ דער אָנגערופֿענער פֿאָרמל, אויך סאָמע תּוך, די גענעזע וואָס פֿירט אונדזער געפֿיל, וועלכער קאָן נישט שטענדיק אַרויס פֿון זײַן טומאַנער הויט.

לאַס טאַסקאַס...

מעגלעך, עס איז אַ טעות אינעם נאָמען פֿון דער לאַנדשאַפֿט, אין וועלכער איך און דו און מיר אַלע זענען אײַנגערעמט. עפּעס האַמעטנע, טרוקנס, רעדט דער נאָמען וואָס איז גאָר נישט צום פּנים פֿון דער מיניען־דיקער שיינקייט. שטיינדלעך וואָס דער ים וואַרפֿט אַרויס אויפֿן ברעג? וואָס קאָן מיינען אַזאַ נאָמען, וואָס אַ מענטשלעכער שׂכל האָט מעכאַניש צוגעטראַכט?

אַוודאי קאָן אַ נאָמען זײַן אַזוינס ווי אַ בײַזאַך, אַפֿילו אַ סימבאָל, אָבער דאָ איז דער נאָמען אַזאַ לונג און לעבער — ווי שיקט זיך עס! נאָר דער מקום ווי אַזאַ בלײַבט דאָך אַ געאָגראַפֿישער פּונקט וואָס דו ווערסט נישט לײַכט געפֿינען אויף דער מאַפּע פֿון דעם שיינעם לאַנד אורוגווײַ, סײַדן נאָר אין דעם רײַכן פּייסאַזש פֿון די ישובֿים וואָס לעבן דערעיקרשט אין די פֿרילינג־ און זומער־חדשים, ווען דער ים און דער וואַלד נעמען רעדן צום מידן מענטש מיט זייער מילדן לשון וואָס היילט זײַן געמיט.

יאָ, עס איז נאָר אַ פּינטעלע אויף דער באַזונדערער מאַפּע, ווײַל אָן דעם פּירסום פֿון אַ רייצנדיקן טוריסטן־צענטער; אָן יענע מעלות, צו וועלכע עס ציט מחנות עולם־הזהניקעס. צו מאָל איז נישטאָ אין דעם שטילינקן מקום קיין פּיצל רולעטע, קיין קינאָהויז. רק ביימער, אייביק גרינע ביימער, אַ געדיכטע ביימערשאַפֿט און צווישן איר — הײַזקעס, מענטשישע נעסטן מיט חלומענדיקע פֿענצטער. און אַוודאי איז נישטאָ דאָ קיין אָרט פֿאַר אינ־דוסטריעס און אוניווערסאַלע מאַגאַזינען וואָהין עס לאָקט דאָס חשקות פֿון גיריקע גראָשן־זאַמלערס. נישטאָ דאָ גאָאָרנישט אויך פֿאַר די וואָס זוכן אַוועלכן תּענוג אַחוץ די פֿעכלדיקע עשירותן פֿון דער ריין־אָטעמדיקער וואַלדיקער שיינקייט און הויפֿנס נעימותדיקע מנוחה, אַ קאָנטיקער עודף פֿון פֿרידלעכער רו פֿאַרן מידן בן־אדם. נו, לאַס טאַסקאַס האָט דעם תּמי־מותדיקן רייץ פֿון יענער באַרוטקייט וואָס איז נישט סובֿל קיין פּוסטן גלאַנץ לשם נוזה. ווי אַ גרויסע פֿויגלנעסט זשמורעט זי אונטער די שטילקייטן פֿון פֿאַרטראַכטע הימלען. ווילסטו, קענסטו אָננעמען די אָנגערופֿענע לאַס טאַסקאַס ווי אַ ווײַט־פֿאַרבלאָנדזשעטן יורש פֿון דעם פּוילישן דאָרף מיט זײַנע חנען. יאָ, כ'מיין דאָס זאַטע, נישט דאָס קבצנישע דאָרף וואָס אין לאַטעס פֿון די שטרוידעכער איבער זײַנע שקראַפּוליטשנע כאַטעס; יענעם פֿאַרוואָרפֿענעם פּויערישן ישובֿ וואָס איז אין זײַן רובֿ אַוועק מיט די ערשטע פֿײַערן וואָס די באַרבאַרישע חיילות האָבן צאַרניק געצונדן צו גלײַך מיט די שוועלן פֿון אונדזער לײַבלעכער יידישער היים.

מיט לאַס טאַסקאַס איז עס אפֿשר על־פּי נס איבערגעפֿלאַנצט געוואָרן

אָהער. אין דער געמינערטער יידישער עדה; זי איז די בענקשאַפֿט וואָס טליעט אין אונדז און וועט — זעט אויס — לאַנג זיך נישט אײַנלעשן.

לאָס טאָסקאָס. צייל די זילבן, הער זיך אײַן אין קלאַנג פֿון יעדער זילב און ווייס קלאָר וואָס דיר איז גורלדיק נאָך געשאָנקען געוואָרן אויף צו מאָרגנס נאָכן בראָך. די דאָזיקע צניעותדיקייט פֿון דעם נײַעם דרויסן איז ראוי — קענטיק — נאָר די איידעלע באַגערן פֿון די רעכטגעשאַפֿענע. דערפֿאַר שעם איך זיך למאַי איך האָב אַזוי לאַנג נישט געוווּסט ווו ס׳איז דאָס אָרט פֿון דער אַ שיינקייט, וועלכע איז אונדז איבערגעענטפֿערט געוואָרן פֿאַר אַ פֿאַרגיטיקונג פֿון די דורכגעטראָגענע פּײַנען. ערשט רעדט עס צו מײַן זינען מיט דער סאַמע קלאָרקייט, אַז אַ שטיק באַצאָלט פֿאַר די שווערע יסורים איז דער אַ זינגעוודיקער לאַנדפֿאַס לענג־אויס דעם ים־ברעג פֿון מדינת־אורוגוויי וואָס צווישן די לאַטיינישע אַמעריקעס. אַצינד ווייס איך עס שוין, אָבער דעם אמת מוז איך מודה זײַן אַז אויף די פּלײַנען פֿון מײַן וויסן וועגן די אַ לענדער איז די נעמלעכע שיינע לאָס טאָסקאָס לכתחילה געווען אַ טאַבולאַ ראַסאַ, נאָר אַ פֿרעמדער ווילקלאַנג צו וועלכן איך האָב זיך צוגעהערט מיט נײַגיר, אלאַ זײַן תוך נישט באַנומען. אָקערשט האָב איך שוין דערשפּירט אַז דאָס דאָזיקע זײַן איז ווי אַ נעסט פֿאַר דער אייפֿערדיקער בענקשאַפֿט וואָס דער דאָזיקער וואַלדיקער מתבודד צווישן די שטילינקע ישובֿים, האָט באַוויזן אין מיר צו דערוועקן.

ס׳איז בשום־אופֿן נישט קיין טאָפּל־געשטאַלט אָדער אַ שאָטן פֿון יענער פֿאַרלענדהטער לאַנדשאַפֿט פּוילנס, פֿאַר וועלכער מײַן מאַמע האָט אין מיר פֿאַרפֿלאַנצט אַן אמתדיקע ליבשאַפֿט. ערשט איז די דאָזיקע ליבשאַפֿט אַטאַ־וויסטיש (אויב מ׳מעג אַזוי זאָגן) איבערגעפֿלאַנצט געוואָרן אַהער צו ווי די וואָרע היים פֿאַר מײַן מידיקייט.

זאָל איך דיר זינגען אַ פֿאַנעגיריק, פֿרידלעכע לאָס טאָסקאָס, אָדער איך זאָל אָוועקלייגן מײַן קאָפּ אין דײַן תמימותדיקער שויס און אויסווייבען זיך, גיין, אין צער אַרויסברענגען מײַן ציטעריקן הימוויי וואָס שאָטנט אויף פֿון מאָל צו מאָל אין דײַן מאַכטיקער שטילקייט?

ביסט מיר אַן עדות, שטיל ווינקל פֿאַר מײַן אָקערשטיקער רו, אַז איך בין בטבֿע ווײַט פֿון דער תשוקה צו זינגען פֿאַנעגיריקעס פֿאַר ווע־מען־עס־איז, מכל־שכן פֿאַר אַן אָרט וואָס איז מיר געוואָרן זייער גערן אין מײַן לאַנגן וואָגל.

ס׳איז פֿעברואַר אין פֿולער זומער־זאַטקייט פֿון פֿעלד און גאָרטן. די

טעג שטייען אין זונבלענד, די נעכט — אין זילבערשײַן פֿון שטערנשפּרײַ. און דערנענטערט זיך צו זײַן סוף דער חודש פֿון תמימהדיקן זומער, לײַכט אין פֿאָספֿאָרגרין דער נאַכטישער זאַמדבערג לענג־אויס דעם אָנסופֿיקן וואַסער־פֿעלד וואָס ברומט, פּרעפּלט און בײַזערט זיך צו מאָל צופֿוסנס דעם וואַלדיקן, חנעוודיקן, שטיל־פֿאַרטראַכטן לאַס טאָסקאָס.

ווײַל איז מיר וואָס איך קען זיך אין מײַן מידקייט צוטוליען צו דעם אַזוי לאַנג אומבאַקאַנטן פֿאַר מיר, עניוותדיקן ייִשובֿל וואָס ליגט פֿאַרהוילן אָן אַ זײַט פֿון די טומלדיקע שליאַכן. נאָך מער איז מיר זיס דער תּענוג וואָס מײַן ווינקעלע קוקט אַרויס שעמעוודיק מיט זײַן רויטלעכן קאָפּ פֿון צווישן דער וואַלד־געדיכטעניש. ס׳איז דער בלייכער שמייכל פֿון מײַן טיפֿסטן חלום צו אַנטרינען פֿונעם טומל.

לאַס טאָסקאָס, ס׳איז כּבֿד־פּהיק מײַן וואָרט דיר צו זינגען אַ ליד פֿון האַרציקער דאַנקשאַפֿט פֿאַר דער רו וואָס דו שענקסט מיר בענייוות, אָן היפּערליסטיקייט, מיט וועלכער עס זויערט די שטאָט, פֿון וואַנען איך זוך שטענדיק אַ שטעג פֿאַר אַנטרינונג פֿון אירע כּלומרשטע גוטסן.

ס׳איז אַ ייִשובֿל אַזאַ, דאָס לאַס טאָסקאָס, וואָס דרימלט חלומענדיק, וואַלדיק, אין שלווהדיקן שווײַגן ווי אין פּלוצלינגן געברום מתּוך זײַן דורכויסיקער גרינער צעצווײַגטקייט.

1979

די קינדער האָבן באַגערט אַ שטורעם

א

אַ זומער־שטעטעלע. נידעריקע, פּלאַטשיקע הײַזקעס מיט בלומענגערט־לעך, מיט קליינע טויערלעך, כּמו־מחיצות אַזוינע קעגן דעם העזהדיקן רשות־הרבים וואָס איז עלול צו שטערן די רו וואָס מ׳קומט זי דאָ שעפּן. שיטערע שורות העל־געפּאַרבטע ווילעס מיט רויטע דעכער זענען אײַנגע־טוליעט צווישן געזעמלעךביימער, וואָס באַוואַכן זיי מיט געטרײַע צווײַגן־אָרעמס, מיט שטאָלצע קרוינען וואָס שמען מיט זייערע גערימטע ריחות. אַ גרויסע שטילקייט הויערט איבער די אַלע מענטשישע נעסטן אין דער מיט פֿון אַ רײַכער, גרינער, שימערירנדיקער וואַלדיקייט. סאָסנעס גאַרטלען אַרום אין מאַסיוו די דאָזיקע שטילקייט, וועלכע פּליסטערט, פּלאַטערט איבער דער ווײַסער, טרוקן זאַמדיקער ערד.

דאָס פּיצל שטעטל וואַכט אויף נאָר אין די זומער־חדשים. אַ גאַנץ גייעדיק יאָר איז עס דער רשות־הרבים פֿון ווילד אָנגעלאָפּענע, פּײַכטע, שאַרפֿע ווינטן וואָס בלאָזן פֿון ים. לאַנג, לאַנג, איז דאָס יישובֿל אויך אויסגעשטעלט אויפֿן הפֿקר פֿון האַסטיקע, דויערנדיקע רעגנס וואָס צוואָגן דעם וואַלד און די פֿאַרלאָזענע הײַזקעס, וועלכע דרימלען אויף פֿאַר־שפּאַרטע טירן און אָנפּינצטערנדיקע וויקלשטאָרן וואָס ליגן אויף די פּני־מער פֿון די הײַזקעס. גוטע, פֿליישיקע שוואָמען וואַקסן צופֿוסנס די מאָ־כיקע שטאַמען פֿון די אַלטע ביימער, אָבער עלנטע, פֿאַרשעמטע פֿאַרוויאַנען זיי. נישטאָ ווער סע זאָל זיי אויפֿקלײַבן, מאַכן פֿון זיי מטעמים.

אַן אומגעהײַערער רשות־הרבים איז אין אומסעזאָן דאָס יישובֿל אין זײַן פּראַכטיקער, צו מאָל טרויעריק־פֿאַרטראַכטער וואַלדיקייט. און דווקא דאָס פּיצל שטעטעלע האָט פֿאַר כּמעט אַ גאַנצן יאָר אַן אַליינינקס פֿאַר־עקשנט זיך אַראָפּגעזעצט פּנים־אל־פּנים מיט געציילטע תּושבֿים פּאַזע דעם ברייטן, לאַנגן ים־ברעג. נישטאָ דעמאָלט אַן עמעץ וואָס זאָל זיך רעכט אַרומקוקן אויפֿן פֿינק לעבן, וואָס איז אײַנגעשלעפּערט צווישן זײַנע מהו־תּיקע ווענט און די מאַסיווע עדהס ביימער־פּרושים. די לאָמפּן וואָס הענגען אויף הויכע העלדזער לײַכטן בײַ נאַכט אין די דרויסנס און זיי שטעכן זיך אויס די אייגענע אויגן פֿון אומזיסטיקער בלענדעניש. נישטאָ ווער סע זאָל געניסן פֿון זייער מבֿולבלער שײַן.

אַ פֿאַרלאָזענע, אַן איבערגעלאָזענע ווינט אַיעדע טויבע, לאַנגע וואַל־

דיקע גאַס, וואָס פירט פונעם שמאָלן, גרינלעך־פאַרטונקלטן האָריזאָנט צום סאַמע ים. נו, צו דעם שלעפעריקן יישובֿל קערן זיך אָן אויך די הינט וואָס בלאָנקען אַרום אין שטומען עלנט. איינציקווייז, צו מאָל פאָרווייז שלעפן זיי זיך מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, טייל מאָל ווייזן זיי זיך אַ סך ווי אין אַ „צונויפגעשמועסטער" סטייע. אַזוי אַרום שפּרייטן זיי אַרום זיך דעם אייגענעם הונגעריקן, טיף גריזשנדיקן אומעט, וואָס איז אָנגעוואַקסן אין דעם ספּק שטעטל, ספּק דאָרף. טאַקע פאַרבלאָנדזשעטער דאָרף מיט קליינע הייזקעס, אָבער דורכויס צווישן וואַלד, גראַנדיעזער וואַלד צופֿוסנס דער מאַכטיקייט פון ברומענדיקן, הודזשנדיקן ים. מיינסטנס פון דעם לאַנגן יאָר זענען נישטאָ קיין מענטשן וואָס זאָלן פאַרנעמען דעם ימישן געקלאָג אויפן אומדערבאַרעמלעכן עלנט וואָס וואָרצלט אַרום אים ווי אַ געשפּענס־טיקע לויערונג. ס'איז מאוימדיק אין דעם פרידלעכן מקום, פון וועלכן עס טרייבט אַוועק אַל דאָס לעבעדיקע ווי באַלד עס זאָגט אָן דעם אָנקום פונעם טריבן האַרבסט. נאָר אַרומוואָגלענדיקע הינט זענען די איינציקע באַשעפענישן וואָס באַלעבן יאַקאָש די אָפּגעליידיקטע, פאַריתומטע דרוי־סנס. סיי אין מרה־שחורהדיקן ווינטער סיי אום שפּעטן זומער זענען די וואָגלענדיקע הינט די זעלטענע בעלי־חיים וואָס באַאָטעמען מיט לעבן דאָס יישובֿל מיט זייער טונקעלן שווייגן ווי מיטן באָרוועסן גאַנג איבער דער שטומער וואַלדיקייט.

אָקערשט לענגערט זיך שוין פויל די שטילקייט פונעם צייטיקן זומער; ער איז גראָד גוט באַפּעלקערט ווי אַלע מאָל אין דער צייט, מיט מענ־טשישע באַגערן ווי מיט זייער גיר סיי ביי טאָג סיי ביי נאַכט איינצומאָנען פרישע זאַפטן פאַר דעם אויסגעצערטן געביין.

ב

לאַנג, פרייכנדיק זענען די טעג פון זומערדיקן יאַנואַר און פעברואַר און גלייך זענען די טעג פון דער ברייט צעפעכערטער זון. די ערד אָטעמט שווער און די לופט, אַ דורכזעעוודיקע, פאַרוועבט זיך איצט מיט אַ דינעם נעפּל.

מיט אַ שטיקעניש הענגט דער אָ בלאָלעכער נעפּל אין מיטן דער בשפע צעגאָסענער זוניקייט.

— ס'וועט רעגענען? קוקן לייט צום הימל און אין מוח גיט אַ דליביע — „מ'זאָל נאָר הייַנט נישט פאַרלירן דעם טאָג".

די זומערניקעס טרייסטן זיך פון דעסטוועגן מיט אַ ווייס וואָלקנדל וואָס פלעקט זיך אויפן שטאַרן פנים פונעם הימל. צו מאָל טרייסט מע

זיך אויך מיט אַ טונקל כמאַרעלע וואָס ווײַזט זיך נאָענט בײַם האָריזאָנט. אָבער אומזיסט. עס זאָגט נישט אָן קיין רעגן. סײַדן ערגעץ אין דער ווײַט פֿון דאַנען, — זאָגט עמעץ מבֿינותדיק און שנאַפּט די לופֿט מיט דער זוכנדיקער נאָז; ער וויל אויף אָן אמת דערשמעקן די בשׂורה פֿון אָן עוקץ פֿײַכטקייט, ווי אָן אָנזאָג פֿון אַ מעגלעכן רעגן.

די מענטשן זענען מאָט פֿון די שאַרפֿע המימהס. די היצן שטײַגן אַרויף־הימל אין זייער אײַפֿער צו ברײַען, אָנצוגלײַען די זאַמדן פֿונעם גאַנצן קאַנט. די זון שענקט שיינע טעג פֿאַר בראָטן זיך אויף דער פֿאַרנעמיקער לאַנגער פּליאַזשע. לײַט וואַלגערן זיך נחתדיק אין זאַמד און כאַפּן אַרײַן דעם תּענוג קילקייט פֿונעם וואַסער־קאָלאָס וואָס איז אין אומאויפֿהעריקן אומרו. באמת, די חמימהס מאַכן מיד, עס בענקט זיך שוין נאָך אַ רעגן, כאָטש אַ קורץ רעגנדל. אַלע וואָכן פֿון פֿעברואַר האַלט אָן די בלענדיקייט פֿון דער זון, זי באַקט און שפּרייט פֿון מאָל צו מאָל אַ דינעם עקבערנדיקן נעפּל. קיין רעגן נידערט נישט אַראָפּ צו דער ערד.

אויף טריקעניש קלאָגט שוין דער פּויער, וואָס לעבט פֿון דער ערד און זײַער גערעטעניש. די לאָנקע ווערט אײַנגעדאַרט און פֿאַרחלשט געל פֿאַלן די גראָזן; די קו גיט שוין ווינציקער מילעך און די פּירות ווערן צעפֿרעסן פֿון די ווערעם. קינדער מיט נאַקעטע בײַכעלעך צײַען זשוואַווע צום ברעג ים; זיי זענען זשעדנע די פֿרישקייט פֿונעם וואַסער, זיי נורען זיך אין די אומרויִקע כוואַליעס און הערן נישט די געשרײַען און דאָס בעטעניש פֿון די מאַמעס וואָס קומען אָן צו לויפֿן צום ים מיטן האַרץ אין דער האַנט:

— וויי ז׳מיִער! גאַברוש, דערבאַרעם זיך, גיי אַרויס פֿון וואַסער. אַ כוואַליע קען דיך חלילה אַ שלעפּ טאָן. גיכער! ווו זאָל איך דיך זוכן, ווען די דאַרפֿסט ליבערשט זײַן בײַ דײַן קראַנק שוועסטערל?

אַנטקעגן אַ פּיצל ייִנגעלע פֿון אַ יאָר פֿיר־פֿינעף שטייט אַ גרויסע האַלב־נאַקעטע, גלאַנציק־אויסגעשמירטע מאַמע וואָס רעדט צו זײַן שׂכל ווי צו אַ דערוואַקסענעם: — כוליקשי, האָסט שוין פֿאַרגעסן? זייער שלעכט! דער טאַטע האָט דאָך פֿאַר זײַן אַוועקפֿאָרן אין שטאָט אַרײַן דיר אָנגעזאָגט זאָלסט זײַן גוט צו דער מאַמען, העלפֿן אַכטיק געבן אויפֿן שלאָפֿן שוועסטערל; סילוויעלע איז שלאָף, מ׳טאָר זי נישט לאָזן אַליין. כוליעשי, די מאַמע מוז שוין אַהיים גיין. — דאָס ייִנגעלע הערט קנאַפּ וואָס מ׳רעדט צו אים. די מוטער קען נישט אויפֿהערן צו בעטן אים, ערשט שרײַט זי שוין: — זונעלע, ווייק זיך נישט אַזוי פֿיל אין וואַסער. גענוג, מיר גייען אַהיים.

— גלאַ־אָאָאָר־יאַאַ, ס'געפּערלעך הײַנט דער ים. זע, די כוואַליעס שטורעמען שוין ווי די צעווילדעוועטע פּערד, — וואָרנט נאָך אײנע אַ מאַמע אַ מײדעלע וואָס איז מוראדיק פֿאַרקאָכט אין וואַסער. — די מוטער שרעקט זיך פֿאַר אַן אומגליק, כאָטש דאָס קינד האַלט זיך נאָענט פֿונעם ברעג.

ס'איז, אמת, אַ שרעק מיט דעם שאַרף־כוואַליעדיקן וואַסער, פֿון וועגן וועלכן ס'האָט נישט קײן שיעור דאָס שרײַען און ליאַרעמען צו דעם קלײנ־וואַרג, ווען ס'איז שווער צו דערהיטן. רק מע ווייקט זיך און מע מאַכט נורקעס אונטער דער וואַסערפֿלאַך.

אַן אַנדערער מאַמען וואַרפֿט אַן אַ שרעק אַלעמאַי איר קינד איז לאַנג אין וואַסער, פֿון וועלכן ס'איז אים נישט אַרויסצוצײַען; זי רײַסט זיך שוין די האָר פֿון קאָפּ, צעשרײַט זיך אויף קולי־קולות: — מאַרילע, מאַאַאַ — — אַ פֿרעמדער מאַנספּאַרשוין וואָס בראָט זיך אויפֿן הייסן זאַמד, לאָזט זיך אַרײַן אַ ברוגזער אין ים און שלעפּט אַרויס דאָס קינד בײַ בײדע אָק־סעלעך און אַ וויינענדיקס אים אַוועקגעזעצט לעם דער מאַמען: „נעם צו דער טרינקנדיקן אָדלער דײַנעם, אָבער לאָז מענטשן רוען! דו לעכערסט דעם קאָפּ מיט דײַן סאָפּראַנאָ. ס'אַ פּחד פֿון דײַן טומלען, סעניאָראַ! געזען אַ מאָדע? קינדער באַדאַרף מען אין דער היים כאָווען. בין איך אומגערעכט, סעניאָרעס?" — פֿרעגט ער שוין דעם אַרום פֿונעם נאָקעטן פּובליקום. לײַט שאָקלען צו מיט די קעפּ, אַנדערע שמייכלען.

אָבער רויק קאָן נישט זײַן, ווי דער דעראָבערער פֿון דעם קלײנינקן נאָסן „אָדלער" האָט באַגערט. נישט לאַנג געדויערט ווי ס'הערט זיך פֿון אַן אַנדערער סעניאָראַ ווי זי גיט זיך אַ ריס מיט אַ געשרײַ:

— ראַקיעל, טיבוראָנעס ווײַזן זיך אָקערשט. ס'גייט אַ שטורעם. דער האָריזאָנט האָט גענומען טונקלען. כמאַרעס זאַמלען זיך אָט אָ; זעט, ס'ציט אָן פֿון „פּאַן דע אַסוקאַר", אויך פֿון פּיריאַפּאָליס. ס'וועט הײַנט כליאַפּען. — ראַקיעל, גיי אַרויס פֿון וואַסער. לאָז נישט דער מאַמען רײַסן זיך דאָס האַרץ. אָט שטייט זי שוין, די מוטער, ביז איבערן האַלדז אין וואַסער, שטרעקט אויס די הענט און רופֿט: ראַאַ־קיעל — —

ג

געבליבענע אַליין, אָן די מאַנען אין דעם זומערשטעטל, ציִען מאַמעס און קינדער צום ים אַלע וואָכעדיקע טעג. מישפּחהווײַז, אין געזעמלעך פֿון גרויס און קלײן, שפּאַנען זיי צו דער פּליאַזשע „נעמען זון". צו מאָל ווילן אויך די מאַמעס גופֿא זיך אָפּטונקען בײַם ברעג. לאָזן זיך טיפֿער אין ים

אַרײַן, האָבן זיי מורא. דער עיקרשט ווערן די פּ אַ ר ש וו אַ ר צ ט צוליב די קינדער וואָס ווערן נעבעך אָפּגעשוואַכט פון לערנען אַ גאַנץ יאָר.

פון אין דער פרי אָן גרייט מע זיך צו דעם אַ גאַנג. פּראָצעסיעס פון האַלב-נאַקעטע פרויען, יונגע און עלטערע, טראָגן זיך לענגאויס דעם וועג וואָס פירט צו דער פּליאַזשע. מאַמעס אין באָד-קאָסטיומען מיט קליינע קינדער אויפן אָרעם, מיט צעעפנטע שווערע זונשירעמס איבערן קאָפּ, שפּאַנען זיי; אַנדערע פירן זיך מיט קינדער-וועגעלעך און גרעסערע קינ- דער ביי דער זײַט. די מערסטע ווײַבער טראָגן זיך מיט קליינע לענשטולן אָדער בענקלעך אין דער אַנדערער האַנט; דאָס נעבנגייענדיקע קליינוואַרג איז באַלאָדן מיט קיישלעך פאַר אַ גוטן ביסן פון די קינדערס וועגן, צי אַ טרונק און אַ פרי. פאַראַן אויך מאַמעס וואָס לאָזן זיך צום ים אונטערן צעפּראַלטן זוניקן הימל אויף ביציקלעטן. די מאַמע אויף איין ראָווער און נעבן איר, הינטער איר — קינדער אין קאָליריקע באָדהייזלעך אויף קלענערע ראָווערן און אויך גאָר קליינע. אַזאַ בונטער קאַראַוואַן פון קליינוואַרג אין זונהיטעלעך אויף די קעפּלעך און די מאַמעס אין ברייטע שטרוי-געפלאָכטענע קאַפּעליושן אויפן קאָפּ און טאָרבעס מיט ראַגאָזשעס אין די הענט אויף אונטערצושפּרייטן זיך אויפן גליִענדיקן גילדענעם זאַמד.

אַ צוג פון קליינוואַרג אויף גראַציעז באַוועגטע ביציקלעטן און נעבן זיי שורות מיט אונטערגעוואַקסענע יינגעלעך און מיידעלעך וויגן זיך בונט ווי שווימענדיקע פיש אין אַ טײַך. אויף ביציקלעטן נידעריקע, און גאָר קליינינקע. אַלע זענען באַוועגט פונעם רייץ וואָס גיכער זיך אונטערצו- טינקען אין די ים-כוואַליעס. יאָ, דער עיקר בײַם ים-ברעג, וואָרן אַנדערש רײַסן זיך באַלד סכנהדיקע מאַמעשע און באַבעשע קולות איבער די גאָלד- זאַמדיקע פלײַנען אַנטקעגן די אומענדלעכע וואַסער-פעלדער.

— דאַניעל, וועסט קראַנק מאַכן די מאַמע מיט דײַן נישט פאָלגן! אָבער דאַניעל ווײַזט דווקא גבורות אַקעגן די שוימיקע כוואַליעס, אַזש די ציטעריקע מאַמע שיקט דעם זונעלע אַ מילדה, פאַרגעבנדיק שמייכעלע. אַן אַנדערע מאַמע סטראַשעט דעם קינד מיט קלעפּ וואָס דער טאַטע וועט אים דערלאַנגען.

— וואַרט, וואַרט, וועסט שוין קריגן פאַר ס׳דײַניקע! דער ים איז אומרויִק אויף זײַן געלעגער, כאָטש די זון לײַכט, ווי פריִער, אומגעשטערט, דער הימל גיט זיך נישט קיין קרים. די מאַמע, וואָס גיט אַכטיק אויפן קינד עס זאָל נישט גיין ווײַט אין וואַסער אַרײַן, שפּירט זיך נעבעך אַליין פאַרשמאַכט פון דער היץ; זי באַגערט כאָטש זיך אָפּפרישן אַ קאַפּיטשקע. הייבט זיך אויף די מאַמע, לויפן אונטער אויך די גאָר קליינע קינדער און

די מאַמע פליוכעט זיי אָן די פּנימלעך, די אויגענעס, מיט האַנטשפּריצן. אַלע ביינאַנד לאַכן, פרייען זיך מיט אַן אומגעריכטער פרייד. סײַ פונעם קילבלעכן וואַסער און סײַ פון דער מאַמעס נאַכגיביקייט זיי לענגער צו האַלטן נישט ווײַט פונעם גליטשיקן, אַנגעקוואַלענעם ברעג.

די חמימהס זענען שווערע. נישטאָ מיט וואָס צו אָטעמען און רעגענען וועט נישט רעגענען ווערדליק דער מראה פונעם הימל. צו מאָל גייט מען אויך אין די שפּעטע נאָכמיטאָגס צום ים און מ׳קרעכצט תענוגדיק פון אייגענעם נאַקעט וואָס שפּילט זיך אין דער זון. באַדאַכט קוויקט מע זיך ערשט מיט אַ קילן טרונק אָדער מיט אײַזקרעם וואָס אַ האַרעפּאַשנער הענדלער טראָגט צו אין אַ גרויסן געדעקטן אײַזקעסטל:

— קאַלט און פריש! רופט ער אויס זײַן סחורה — ווען דערלאַנגען אַ דערקוויקעניש? אַזוי זינגט ער מיט זײַן ברייטן אינדיאַניש־ברוינעם פּנים וואָס גלאַנצט ווי אַן אָנגעשטײַפטע טאַוולנע מאַסקע. ביזן האַלבן טאָג איז דאָס זײַן בײַם ים ממש אַן עבֿודה, אין וועלכער מ׳איז פרום אַרײַנגעטאָן. פאַר נאַכט, איז דאָס זײַן אויף דער פּליאַזשע שוין אַ מין תענוג־פוילקייט וואָס גייט אין פאַר מיט דער גלוסטיקייט צו חיי־שעה.

מיטאָגצײַט, ווען די זון פאַרשאַרצט איר שטערן און שווימט אַרויף צום סאַמע שפּיץ פון אויסגעבלענדטן הימל, ציט מען אַהיים צו מחנותווײַז. דעמאָלט איז ליב צו זײַן אונטערן דאַך פון שטוב וואָס פאַרהוילט די ווייכע שאָטנס פון דער ערגעץ נאָך פאַרגליווערטער קילבלעכער נאַכט. מען עטעמט אָפּ פון דער צעפּלאַשעטער זון. ערשט קוקט מען אַרויס צו געניסן אַ בײַ־סעלע רו; רו אין דער ווײַט פון דער גליעדיקער זון וואָס קײַכט אין דרויסן אַן אַרויסגעצויגענע פונעם פוטערפאַס.

די מאַמע שלאָפט. די דערוואַקסענע שוועסטער רוט אונטערן ביימער־באַלדאַכין אין האַמאַק. די זון גלימערט איבערן דאַך פון דער ווערענדע. די פענצטער זענען פאַרהאַנגען; זיי היטן די שוועל פונעם פאַר נאַכט, וואָס מ׳האַלט אָן אין הויז. בכּיוון האַלט מען אָן אין שטוב דעם פאַר נאַכט וואָס מ׳פירט אַרײַן אין סאַמע מיטן פונעם גרויסן זומערדיקן טאָג.

ד

דער וואַלד שימערירט אין דער זון און די מאַמע שלאָפט, די שוועס־טער וויגט זיך אין האַמאַק און לייענט אַ ביכל. אירע אויגן זענען אַרײַנ־געטאָן אין דער מילדקייט פון דער לאַקנדיקער מעשׂה, אָבער דער קליינער מאַטעלע האָט נישט קיין רו אין זײַן הערצל. סע שטויסן אים אינעווײ־

ניקדיקע כּוחות — ער מוז זעען צי דער פֿויגל מיט דער שאַרלאַך־רויטער ברוסט, דער קאַרדינאַל, איז ווידער פֿאַראַן אויפֿן גראָבן צווײַג פֿונעם אויסגעבוקטן אַלטן בוים. מאַטעלע וויל אויך זען צי די ווייך־געעפֿנטע זאַמד־גריבלעך זענען פֿון ס׳נײַ אָנגענעסטיקט מיט די קלייניקע מערעש־קעס. הונדערטער, אַ סך, אַ סך הונדערטער מערעשקעלעך זענען תּמיד אײַליק און ס׳איז זיי אַ פּנים גאַרנישט הייס.

מאַטעלע האָט זיך פֿאַמעלעכקע אַרויסגעקראָגן פֿון הינטער דער מאַ־מעס פֿעסט געשלאָסענע וויִעס. אַרויס, און איז ממש צוגעשפּרונגען צום פֿענצטער פֿון דעם געלינקן כּוליאַ. שטיל־שטיל אָנגעקלאַפּט אין דער שויב:

— הע, חבֿרל, שלאָפֿסט? איך מאַך נישט קאַ׳ סיעסטע [1]. פֿאַראַן וואָס צו זען אַצינדער. פֿייגל רויטברוסטיקע, קאַרדינאַלן, היפּן אַרום בײַ אונדז פֿון בוים צו בוים. און אַ פֿויגל מיט אַ גרינלעכער ברוסט האָב׳עך געפֿונען, האָט ער אַ שוואַרץ קריינדל אויפֿן קאָפּ, ערשט די מערעשקעס, וואָס האָבן דאָ גאַנצע שטעט מיט גאַסן אונטער דר׳ערד. קום אַרויס, מירן זען, סי טשיקאַווע!

און איז דער געלער כּוליאַ, דעם סטאָליערס יִינגל אַרויס, האָבן ביידע יִינגלעך, ער מיט מאַטעלען, זיך פֿאַרקליבן צו ענריקעלען, וואָס די מאַמע רופֿט אים ריקעלעב. ביידע האָבן אויך אים אַרויסגעצויגן אין דעם שלע־פֿעריקן וואַלדיקן דרויסן וואָס איז געשטאַנען אין דער פֿולער זון. ענרי־קעלע איז געקומען מיט זײַן קליינטשיק שוועסטערל, מיט סאַנדראַן, וואָס האָט בעקעלעך פֿון אַ ליאַלקעלע און צעפּעלעך וואָס לאַכן. סאַנדראַ האָט שטאַרק ליב איר ברודערקע ריקעלעב. זי שפּילט זיך שטענדיק מיט אים אין אַלע זײַנע שפּילערײַען. ערשט אַז די יִינגלעך זענען געווען בײַנאַנד אין דעם בלענדיקן נאָכמיטאָג הינטער דער היימישער שטוב — די מאַמע זאָל מע נאָר נישט איבערוועקן! — האָבן זיי אין דער שטיל גענומען זיך יאָגן נאָך די שיינע פֿייגל. די מאַמע וועט זיך פֿרייען אַז מ׳עט אין שטוב אַרײַנברענגען אַזאַ פֿויגל מיט אַ רויט קעלנערל אויפֿן האַלדז.

— און איכ׳ל כאַפּן דעם פֿויגל מיטן שוואַרצן היטעלע אויפֿן קעפּל.

— פֿאַר מיר וועט שוין זינגען דער קאַרדינאַל, וועסט זען — גרויסט זיך שוין דער געלער כּוליאַ.

— ביסט אַ נאַר, — רופֿט זיך אָן מאַטעלע — זינגען זינגט נאָר אַ קאַנאַריקל. אַ קאַנאַריקל האָט אַזאַ פֿײַפֿעלע אין האַלדז, עפֿנט ער ס׳פּיסקל, זינגט עס.

---

[1] נאָך־מיטאָגשלאָף (שפּאַניש).

— גיי שוין, גיי. אַלע פֿייגל זינגען, נאָר איטלעכער מיט אַן אַנדער קול — זאָגט סאַנדראַ מיט די לאַכעדיקע צעפּלעך.

— איך ׳על כאַפּן אַ פֿויגל, וועל איך דיר ווײַזן אַז ער זינגט, — וויל דער געלער ווײַזן אַז ער ווייסט אויך.

— ביסט אַ קליין מיידעלע, — האָט זיך מאָטעלע געגרייסט אַקעגן דעם שוועסטערל פֿון ריקעלעב. — זינגען וועט ער בײַ דיר הינטערן אויוון, סאַנדרוניו, אָבער איך וועל אים כאַפּן, דעם זינגפֿויגל. וועסט זען, קליין מיידעלע!

דאָס קלײנע מיידעלע סאַנדראַ האָט זיך פֿאַרשעמט.

די קינדער זענען פֿאַרטראָגן געוואָרן אין אומגעריכטע געדאַנקען פֿון די רייד וועגן די פֿייגל, וועלכע מ׳באַדאַרף כאַפּן. אָבער ווי אַזוי כאַפּט מען אַ שיינעם פֿויגל ווי דער קאַרדינאַל? זיי ווייסן, זיי האָבן שוין געזען ווי פֿאַרשײַטע יינגלעך, אויך שקצים לאָבוזעס, שיסן וואַלדטויבן מיט שטיינער-וואַרפֿערס, יאָגן זיך מיט אַ ביקס נאָך קוראָפּאַטוועס. כאַפּן די גוטע פֿייגל, צעבלוטיקט זיי און די מאַמעס — שלעכטע מאַמעס האָב די דאָזיקע — לייגן זיי אין טאָפּ אַרײַן צו קאָכן.

— עע, געהרגעטע פֿייגל איז אַ מיגל צו עסן! — גיט מאָטעלע זיך אַ פֿאַרקרים.

— איך וואָלט אַנטלאָפֿן פֿון שטוב אַרויס, אויב מע וואָלט בײַ אונדז געקאָכט טויבן מיט ציטעריקע קעפּלעך, — ענטפֿערט ריקעלעב און די קליינע סאַנדראַ גיט אַ פֿאַרשאַרץ דאָס נעזל:

— פֿע, — זאָגט זי און שלעפּט צו מאָטעלען צו אַ גראָבנאָדלדיקער יאָדלע וואָס גאָפּט צום הימל אין ראָג פֿון דער וואַלדגאַס: — נאַ, רעדט סאַנדראַ — אויבן שטייט פֿאַרקאָרטשעט אַ גרויסער פֿויגל מיט אַ גרינלעך פֿאַרטעכל.

— איכ׳ל אים כאַפּן, — זאָגט מאָטעלע און ער בייגט זיך אַראָפּ צו דער ערד אויפֿצוהייבן אַ שישקע וואָס איז געלעגן אַ פֿאַרגעסענע ווי אַן אָפּגעבראָטענע קאַרטאָפּל צופֿוסנס דעם בוים.

— לאָז מיך! — איך וועל... — האָט איין יינגל שוין געוואָלט אַוועקשטופּן דאָס אַנדערע, אַבי צו קענען זיך פֿאַרמעסטן אויפֿן פֿויגל וואָס אויפֿן בוים.

סאַנדראַ, דאָס באַטעמטע מיידעלע וואָס זעט אויס ווי אַ לעבעדיקע ליאַלקע, האָט זיס געשמייכלט. זי׳ט באַלד פֿון איר פּיסל אויסגעטאָן אַ סאַנדאַלעכל און ראַפּטעם אים אַ וואָרף געטאָן אַרויף הויך צום בוים, צום פֿויגל, וועלכן זי האָט געוואָלט כאַפּן, און אַרײַנברענגען אין שטוב — אַ

פֿויגל צו זינגען, צו דערפֿרייען די מאַמע, אַלע אין שטוב פֿריילעך צו מאַכן. דאָס ווײַסינקע שיכל סאַנדראַס האָט ווי אַ פֿויגלפֿאָך זיך אַ הייב געטאָן הויך צו דער טונקלקייט פֿון געדיכטן ביימער־געצווײַג אָבער עס איז אַ פֿאַרטשעפּעטס געבליבן הענגען אויפֿן שפּיץ אָרעם פֿון דער יאָדלע.

— אוי, אוי, — האָבן די קינדער זיך דערשראָקן — דער פֿויגל איז אַנטלאָפֿן, אַוועקגעפֿלויגן און סאַנדראַס סאַנדאַל איז געבליבן וואַרטן אויפֿן פֿויגל, אַז ער זאָל דעם סאַנדאַל צוריקשיקן איר, דעם שיינעם מיידעלע.

— ער וואַרט, דער סאַנדאַל, אָבער דער פֿויגל קומט נישט; און ר׳וועט נישט זינגען! — האָט מאַטעלע מיט אַ האָפֿערדיק אומעטיקלעכן קול געזאָגט צו זײַן געלן חבֿרל.

סאַנדראַ, די קליינינקע מיט די לעבעדיקע צעפּלעך, פֿאַרקניפּטע מיט בלאָע שלייפֿלעך, האָט זיך פֿאַרקרימט אַזוי גלײַך זי וואָלט זיך געגרייט אָט אָ אויסצושיסן מיט אַ געקלאָג שטאָטס צו לאַכן ווי זי לאַכט אַלע מאָל ווי אַ ליאַלקע וואָס רעדט און קוקט מיט פֿרעגנדיקע אויגן ווי די בלימלעך, געשטאָנען פֿאַרגאַפֿט, אויך אַ ביסל פֿאַרלוירן, האָבן די ייִנגלעך גאָר נישט געקענט זאָגן אַצינדער. סאַנדראַ, פֿאַרקערט, האָט פּלוצלינג געלאָזט זיך הערן מיט אַ געכליפּ:

— מײַן סאַנדאַלעט!! איך וועל נישט קענען אַהיים גיין. די מאַמע ׳עט שרײַען אויף מיר: ס׳דען שיין אַז אַ מיידעלע טוט נאָך די יונגען — גע־נומען און מיט אַ מאָל געוואָרפֿן אַ סאַנדאַלעט. פֿע, אַ מיידעלע זאָל אַזוי טאָן? — וועט די מאַמע פֿרעגן.

— זי קאָן אויך שלאָגן, די מאַמע, — האָט מאַטעלע מיט איר זיך געררייצט, הלמאי זי׳ט פֿאַרטריבן דעם שיינעם פֿויגל, סאַנדראַ, — אַ מיי־דעלע מישט זיך נישט ווו ייִנגלעך שפּילן זיך!

— איך האָב געוואָלט אַ פֿויגל צו זינגען, — האָט דאָס מיידעלע שוין גערעדט מיט אַ טרעריק קול. אירע ליאַלקעדיקע בעקעלעך האָבן נאָך געציטערט אין געכליפּ.

— וויין נישט, סאַנדראַ־לעב, — האָט דאָס ברודערל זי גענומען טרייסטן — איך וועל אַראָפּברענגען דעם סאַנדאַלעט.

— וועסט זעען. כ׳בין אַ גרויסער; כ׳על נאָר ברענגען אַ לייטער פֿון שכן.

— וועסט קענען, ריקעלעב? האָט זי געפֿרעגט אַ שעמעוודיקע.

— לאָמיר גיין נאָך אַ לייטער, — האָבן די ייִנגלעך זיך געוועקט פֿון דער פּלוצלינגער פֿאַרלוירנקייט. — סאַנדראַ טאָר נישט קריגן געשלאָגן. סאַנ־דראַס מאַמע דאַרף נישט האָבן קיין פֿאַרדראָס. געזעען אַ מעשׂה? אַ שיכל

וואָס איז געפֿלויגן צום פֿויגל, איז אַוועקגעפֿלויגן פֿונעם מיידעלע. איז זי דען שולדיק? אָסור! אַ פֿלי, און שוין!

— סאַנדראַ, האָב נישט קאַ׳ מורא. מ׳עט דיר צוריקגעבן דעם סאַנדאַל. זעסט אים אויבן? איך זע אים גוט. מ׳עט ברענגען דעם לייטער, וועל איך דיר אים געבן אין האַנט אַרײַן, און דו וועסט שוין לאַכן, סאַנדראַ.

די ייִנגלעך זענען אַוועק ברענגען אַ לייטער, אָבער סאַנדראַ מיט די שטויכנענדיקע צעפּלעך איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענע. און אַז נישט ריקעלעב, נישט מאַטעלע, די ייִנגלעך וואָס זענען גרעסער, האָבן נישט געקענט מיט דער לייטער גרייכן אַזוי הויך ווי ס׳איז געהאַנגען דאָס ווײַסע שיכל, האָט סאַנדראַ פֿון ס׳נײַ זיך צעוויינט.

— די מאַמע וועט מיך שלאָגן; די מאַמע ׳עט זאָגן איך בין אַ לאָבוז. אמת, איך בין נישט קיין לאָבוז, מאַטעלע? איך האָב נאָר געוואָלט אַ שיין פֿייגעלע פֿאַר דער מאַמען.

— אַ שיין פֿייגעלע פֿאַר דער מאַמען ברענגען האָסטו געוואָלט, וועל איך זאָגן, שוועסטערל סאַנדראַ — האָט איר געטרייסט דער קליינער ענריקע וואָס האָט אויך נישט געגרייכט צו דעם הויכן צווײַג פֿון וואַנען ס׳איז אַוועקגעפֿלויגן דער שיינער פֿויגל.

סאַנדראַ מיט די צעפּלעך בײַ די אויערלעך האָט דערויף מערער זיך צעוויינט:

— די מאַמע וועט מיך שלאָגן. לויף נישט מיט די ייִנגלעך, וועט זי שרײַען. אַ מיידעלע באַדאַרף זײַן מיט דער מאַמען, — און העכער זיך צעכליפּעט.

— וויין נישט, סאַנדראַ, — האָט מאַטעלע זי געגלעט איבערן אַקסל — ס׳עט קומען אַ שטורעם, וועט ער אַראָפּוואַרפֿן דײַן סאַנדאַלעכל. וועסט אים ווידער האָבן.

— ס׳עט נישט זײַן קיין שטורעם. די מאַמע האָט הײַנט געזאָגט, די מומע מאַטילדע האָט אויך געזאָגט, ס׳עט נישט זײַן קיין שטורעם. ס׳וויל רעגענען און ס׳קען נישט רעגענען — זאָגט די מאַמע.

— יאָ, יאָ, ס׳עט רעגענען — ענטפֿערט איר ריקעלעב, דאָס ברודערל — עס גייען וואָלקנס. זעסט, סאַנדראַ־לעב, ס׳גייט אויפֿן הימל אַ כמאַרע. דאָס איז דער לייטער צום שטורעם. ס׳עט זײַן אַ שטורעם. ס׳מוז. ס׳איז שוין צו הייס — זאָגט די מאַמע. און וועט קומען אַ שטורעם וועט אויך קומען דײַן סאַנדאַלעט, סאַנדראַ.

— ס׳אי׳ נישטאָ קאַ׳ שטורעם און ס׳נישטאָ מײַן סאַנדאַל, ריקעלעב.

ער הענגט אַזוי הויך, דער סאַנדאַל. די מאַמע ׳עט מיך שלאָגן — האָט ס׳מיידעלע איבער אַ נײַס זיך דערמאָנט אַז זי דאַרף וויינען.

— הער אויף, סאַנדראַ־לעב, ביסט אַ נאַר. זעסט נישט, ס׳גייט אַ שטו־רעם. דײַן שיכל וועט צוריקקומען צו דיר. דער פֿויגל איז טאַקע אַוועק־געפֿלויגן צו דער זון, סאַנדראַ. וויין נישט, קליין מיידעלע, — האָט מעשׂה־דערוואַקסענער צו איר גערעדט מאַטעלע, דאָס חבֿרל פֿון איר ברודער ריקעלעב.

ה

דאָס מיידעלע מיט די ווײַטלעך אָפּשטייענדיקע צעפּלעך האָט זשעדנע אַרויסגעקוקט אויף דעם שטורעם, וואָס איז נישט באַלד געקומען. זי׳ט אָבער נישט אויפֿגעהערט וואַרטן אויף אים צו גלײַך מיט איר ברודערל ריקעלעב און זײַן חבֿר מאַטעלע. זי׳ט געזען זיך דערנענטערן אַ טונקעלן וואָלקן, האָט זי זיך דערפֿרייט, די קליינע סאַנדראַ און געפּאַטשט מיט די הענטלעך: ער ׳עט קומען, דער שטורעם!

1966

סעניאָר פּעליפּע

א

איך האָב אַ באַקאַנטן, מיט וועלכן כ׳האָב באַגערט צו ווערן נאָענט, אָבער כ׳האָב זיך גיך אָפּגעקערט פון אים. איך דערצייל עס מיט באַדויער. אַ סך מענטשן האָבן אָפּגעקערט פון אים דאָס פּנים. די סיבה איז נאָר ע ר — ווײַל ער איז אַ ביטערער יונג. ער האָט פֿײַנט מענטשן, כאָטש וועגן דעם מין מענטש רעדט ער מיט פאַרגלײַזטע אויגן. זײַן קול ציטערט פרום, ווען ער רעדט פונעם מענטש, מחמת ער איז דער אויסדערוויילטסטער מין פון גאָטס באַשאַף אויף דער וועלט. ער האָט אָבער ז ײַ ן גרויסע באַוואָרעניש, דהיינו — ד ע ם מ ע נ ט ש, וואָס דער סעניאָר פּעליפּע האָט אין זינען, באַדאַרף מען ערשט שטאַרק זוכן, ווי אַ שטייגער מ׳זוכט די נאָדל אינעם וואָגן היי. אויף דער זינדיקער ערד איז דערווײַל דאָ נאָר איינער אַזאַ, רעב פּעליפּע, מיט רעספּעקט צו מעלדן; דאָס איז באמת נאָר ער גופא, אונדזער העלד. יאָ, הייסן הייסט ער פּיװויש, נאָר כמנהג המדינה מיינט ער אַז ס׳איז שענער, ממילא לוינעוודיקער, מ׳זאָל אים רופן פּעליפּע, סעניאָר פּעליפּע. און ווי אַזאַ איז ער אין זיך אײַנגעגליבט, ווײַל ער איז דער געערעכטסטער, דער אָרנטלעכסטער, אָבער למעשה האָלט ער אין איין ווי טאָן די אָרומיקע וואָס מוזן אים זען, קומען מיט אים אין באַריר.

ממש די גאַנצע שטאָט, ווי סע רעדט זיך, קאָן דעם פּעליפּע פון זײַנע קרומע גענג, כאָטש רעדן, רעדט ער מיט איטלעכן שטילינקע, „אײדל״.

דאָס אויסטערלישסטע אין דעם פּעליפּע איז, וואָס ער שטעלט תמיד אַרויס אַ פרומע מאַסקע. ער רעדט געלאַסן, ער מעסט ממש דאָס וואָרט, נאָר אין אמתן איז ער צוויי־פּנימדיק. ער שיקט דיר אַפילו אַ שמייכעלע, רעדט ווייך, אַלאָ זײַן פּוס איז תמיד גרייט דיר אַ בריקע צו טאָן. ס׳טוט אים פּשוט אַ הנאה יענעמען ווײ צו טאָן. טאָקע מחמת דעם איז אַלע מאָל אַ שרײַיקע לײדיקײט אָרום אים. לײַט האָבן בטבע מורא פאַר אַזעלכן, מ׳אַנטלויפט פון פּעליפּען. מ׳וויכט פון זײַנע דלת אמות. סעניאָר פּעליפּע וואָס איז אויסערלעך אַ פֿײַנער מאַן, האָט, ווי מ׳זאָגט, זיך אַליין פאַרמישפּט אויף אַליינקייט, און נישט זעלטן אויסגעשטעלט זיך אויך אויף חוזק. „ער גייט שוין, דער קאָמעדיאַנט מיט דער וועלפישער צורה״, טענהן לײַט. אַנדערע האָבן אַפילו אויף אים רחמנות, מחמת ר׳איז אַזאַ קאַליקע וואָס

פֿאַר אַזוינע איז נישט צו געפֿינען אַ דאָקטער וואָס זאָל אים אויסהיילן פֿון זײַנע אײַנגעפֿרעסענע מיחושן:

— צו מאָל פֿון זײַן ווײַב האָט ער קיין מאָל נישט קיין הנאה. וואָרן זי קען זיך אויס אויף זײַן ווערדנע פּירעכץ. און זי איז דווקא אַ ווילע. אַז אויף אַלעמען קוקט ער מיט חשד, מיט אַ נישט־פֿאַרגינערישקייט, דער פּעליפּע. דעם אייגענעם ווײַב פֿאַרגינט ער נישט די שבחים וואָס מענטשן האָבן אַלע מאָל פֿאַר איר; ער פֿאַרגינט זיך צו מאָל זיך צו קרימען אויף איר הלמאַי זי איז קליגער פֿון אים. און זי האָט דווקא אַ לבֿ־טובֿ. אָבער אַוועקגיין פֿון אים ווי פֿון אַ בעל־מום, איז איר נישט צום האַרצן — דאָך שוין אונטערגעוואַקסענע קינדער בײַ זיי.

— כ׳לעבן, זי איז אַ צדקית אַז זי האַלט אויס פֿון דעם פּגע־רע — שמועסט מען וועגן דער רשעות פֿון פּעליפּען.

— ס׳איז די ערגסטע קרענק — טענהן אַנדערע — אויב מ׳האָט צו טאָן מיט אַ נאַר אַ רשע מיט אײַנרעדעניש. בײַ אַזאַ וועסטו גאָר, נישט אויפֿטאָן.

ס׳איז דערפֿאַר געקומען דערצו, אַז פֿון אַלע נעכטיקע באַקאַנטע זײַנע (קיין פֿרײַנד האָט ער קיין מאָל נישט געהאַט; ר׳איז פּשוט נישט פֿעיִק אויפֿן קלענסטן קרבן פֿון ליבשאַפֿט פֿאַר עמעצן), האָט ער ה ײַ נ ט נישט וועמען צו זאָגן אַ גוט־מאָרגן. אַז ער גייט אַוועק פֿון דער אַרבעט — ער דינט אין אַ סקלאַד ווי אַן אײַנפּאַקער פֿון פּעקלעך סחורה אויף אַרויסשיקן אין די אַרומיקע שטעטלעך — האָט נישט פּעליפּע וועמען צו זאָגן „אַ גוטע נאַכט״, ווי סע פּירט זיך. ווען ער טראָגט זיך פֿאַרבײַ, ערבֿ דעם אַהיימגיין, לאָזן אַלע אַראָפּ די קעפּ; קיינער וויל זיך נישט באַגעגענען מיט פּעליפּעס בליק. די מענטשן טראַכטן בעת־מעשׂה: ס׳וועט זיך בעסער אַרבעטן, ווען זײַן „דוך״ וועט זיך דאָ נישט שפּירן. יעדער דער־מאָנט זיך וואָס ד ע ר האָט שוין אָפּגעטאָן אין זײַן ווילדן האַס צו אַלעמען טאָקע נאָר מחמת זײַן ביקישער גאווה און ביטערקייט. אוודאי פֿאַרן בעל־הבית פֿון געשעפֿט איז ער מיקלאָמפּערשט וויל, אַפֿילו געטרײַ, אָבער נאָר אויף אונטערצוקומען צו אים מיט זײַנע אומגעבעטענע „עצות״, און דאָס דווקא צום שאָדן פֿון מענטשן, מיט וועלכע ער אַרבעט צוזאַמען. אַ ווערעמדיק חניפֿהלע פֿאַרן בעל־הבית איז בײַ פּעליפּען שטענדיק פֿאַר־גרייט.

דאָך נעמט טייל מאָל עמעצן אָן אַ מאָדנע רחמנות אויף דעם פּעליפּע. דער גוטער קאָלעגע טענהט צו אַן אייגענעם חבר: „אַ מענטש לײַדט פֿון גאָר נישט אַזוי פֿיל ווי פֿון זײַן אייגענער נאַרישקייט און נישט פֿאַרגינע־

רישקייט. כ׳וואָלט געשוווירן אַז פּעליפּע וואָלט גערנער געוואָלט זײַן בעסער, נאָר די ירושה פֿון בייזן בלוט איז בײַ אים אַ פּאַרסמטע. קענטיק, ער קען זיך גופא נישט גובֿר זײַן״.

און וויל מע זיך פֿאַרטראַכטן וועגן פּעליפּעס משונהדיקע פּאַסטעמקעס, פֿאַלט נאָך איבער אים דער חוזקדיקער פסק: — ר׳איז אַ וויסטער משוגענער!

— און אַ מאַניאַק פֿאַר אַ צולאָג! — גיט צו עמעצער לשם פּינקט־לעכקייט.

און אַז מ׳דערמאָנט דעם משוגענעם, באַדאַרף מע נישט איבערפֿרעגן, וועמען מ׳מיינט מיטן אָנרופֿן דעם ,אײדעלן׳ נאָמען. „דער משוגענער״ איז אַ שם־דבֿר. מ׳קאָן פּעליפּען, מ׳געדענקט אים אַלע מאָל פֿון זײַנע מיאוסע גענג. בײַ אַ סך ליגט ער אין די ביינער.

די איינציקע מעלה, וואָס מ׳שרײַבט צו דעם סעניאָר פּעליפּע, איז זײַן מיקלאָמפּערשטע אָרנטלעכקייט. ער וועט זיך נישט דערוועגן אַרײַנ־רוקן זײַן כשר, פּעט הענטל אין אַ פֿרעמדער קעשענע. אָבער שטיקן יענעם, קוועלן עמעצן וואָס איז אָנגעוויזן אויף אים, דאַרף אָנקומען צו זײַן לײַטזעלי־קייט (מישטײַנס געזאָגט), דערפֿון וואַקסט ער אין דער ברייט. און ס׳איז טאַקע וואָר — וואָס עלטער ער ווערט אין יאָרן, ווערט ער אַלץ ברייטער, מער פּעט אין די פּלייצעס און זײַנע הענט און פֿיס ווערן פֿליישיקער. ריכטיק, ער האָט גראָבע, שווערע דלאָניעס ווי בײַ אַ יאַטקע־יונג. אָבער זײַן אָרנט־לעכקייט? אויף דערויף דאַרף מע גיין אָנפֿרעגן די מענטשן, וועמען דער גורל האָט על פּי מקרה אַ מאָל צונויפֿגעפּירט מיט דעם סעניאָר פּעליפּע באַרג. אַזעלכע שאָקלען זיך אָפּ ווי באַלד מ׳רופֿט אָן זײַן נאָמען.

„פּעליפּע וועט נישט רירן יענעמס״, איז דער איינציקער שבֿח וואָס גייט אים נאָך. ס׳איז אמת ויציב. אָבער ער פֿאַרגינט נישט אָן אַנדערן ער זאָל האָבן אַ פּרוטה מער, ווערדליק ער, פּעליפּע, באַשטימט פֿאַר גענוג. פּעליפּע שעמט זיך אַפֿילו נישט צו טומלען וועגן דעם. ער קען צו מאָל דערפֿאַר זאָגן מוסר יעדן. „ס׳אַ זינד, צעיאַכמערט ער זיך בײַ אַזאַ געלע־גנהייט, מע מאַכט קאַליע דעם מענטש!״ סעניאָר פּעליפּע וויל אַלעמען איבערשטײַגן אין מיקלאָמפּערשטער אָרנטלעכקייט. סעניאָר פּעליפּע האַלט, אַז ס׳איז שטאַרק פֿויל אין אונדזער וועלטל, מ׳מוז האָבן אַן אָפֿן אויג אויף אַלעמדינג. ער האָט זיך זײַן באַזונדערע וואָג און מאָס פֿאַר אָט־די זאַכן. אים וועט מע נישט אײַנשמועסן. אים וועט מען נישט לערנען. ער ווייסט, ער האָט נאָכקאָנטראָלירט, — צעיאַכמערט ער זיך גיך, אויב ס׳איז

די רייד וועגן ממון. ער, סעניאָר פּעליפּע, דער אָרנטלעכסטער אויף דער וועלט וואָס איז פֿול מיט ליגנערס, מאָשעניקעס און טאַשנציִערס.

— וואָס מע וועט פּירוואַרפֿן דעם סעניאָר פּעליפּע באַרג: ר׳איז אַ משוגענער, אַ ביטערער נישט-פֿאַרגינער, אַן אײַנגערעדטער חכם, אָבער זײַן האַנט וועט נישט פֿאַרבלאָנדזשען אין אַ פֿרעמדער קעשענע. דאָס וועט מען אפֿשר נישט פֿאַרלייקענען. אָבער כיטרע, ממש ציטעריק אויף געלט — דאָס איז ער דווקא יאָ. און ער זוכט געלטער אַרויסצובאַקומען פֿון איטלעכן פֿאַר אַ מיקלאָמפּערשטן „גאָר וויכטיקן צוועק״. אלא דאָס אַ געלט וועט ער קיינעם נישט אָנגעטרויען, כאָטש אין דער נעמלעכער „געזעלשאַפֿט״ איז פֿאַראַן אַן אויסגעוויילטער קאַסיר. בײַ פּעליפּען איז אַ כלל: „אַחוץ אים, קאָן מען עמעצן אַנדערש נישט אָנגעטרויען קיין איינ-ציקע פּעזע. פּעליפּע איז נאָר יוצא מיטן מעלדן מינדלעך דעם קאַסיר די ציפֿערישע גרייס, וואָס ער׳ט באַוויזן אַרויסצוקריגן פֿון פּלונין. אָבער די ממתקים לאָזט ער ד ע ר ו ו ײַ ל בײַ זיך. אַזאַ איז דער פּעליפּע, משמעות אַן איינציקער פֿון דעם מין אין דער גאַנצער מדינה.

די אַ „זעלטענע״ אָרנטלעכקייט, איז דער מעדאַל וואָס ער׳ט זיך פֿאַר-דינט, דער אומליבער פּעליפּע באַרג.

יאָ, ער אַליין גרייסט זיך מיט דעם, ער געדענקט עס אויף שריט און טריט, ר׳דערמאָנט עס אַלע מאָל ווען עס לוינט אים. נאָר אים מעג מען אָנגעטרויען געלט, פּעליפּען. און כעסט ער זיך אויף דעם פּירעכץ פֿון דער „באַנדע״ (די וואָס טאַנצן נישט אונטער זײַן ניגולע), פֿאַרגעסט ער נישט אַפֿילו זיך צו באַרימען מיט זײַן אָרנטלעכקייט. כאָטש נעם אַ פֿראַכטשיף און לאָדן אויף זײַן גאָרע אָרנטלעכקייט אויף פֿונאַנדער צופֿירן זי איבער דער גאַנצענער פֿאַרדאָרבענער וועלט. נאָר ער, פּעליפּע באַרג, האָט דעם מאָנאָפּאָל איבער די גרובנס פֿון אָט דעם זעלטענעם אַרץ. „אַדרבא, גייט אויס די גאַנצע שטאָט, עמעצער זאָל האָבן צו מיר אַ טענה אין עניני ממון. פֿרעגט אויף פּעליפּע באַרג״ — און זײַנע פֿליישיקע באַקן ציטערן בשעת-מעשׂה און די גראָבע האַנטפֿלאַכן שוויצן.

— האַ, וואָס זאָגט איר? איך בין נישט דער... אויף מענטשן באַ-דאַרף מע זיך קענען. איר אַלע זענט נעבעך בלינד. איר זעט נישט ווײַטער פֿון אײַער נאָז. דאָס שטיק פּעסט וואָס פֿאַרפּאַסקודיעט אײַער לופֿט, באַ-מערקט איר נישט. יאָ, יאָ, איך ווייס וואָס כ׳רעד. כי-כיכי-י-ייי, איר דער-וועגט זיך נישט צו זאָגן מיר אין די אויגן אַרײַן אַז ס׳איז גאָלע אמת וואָס איך זאָג, — מעקעט שוין פּעליפּע, אַזש זײַן גאָמבע פֿאַרסליניעט זיך.

כאָטש גיב אים אַ קנײַפּ אין בעקל, וואָרן ער איז דער איינציקער אין

שטאָט וואָס איז נישט קיין גנבֿ. אסור, פּעליפּע באַרג איז נאָך נישט נכשול געוואָרן בײַ אַזוינע טונקעלע זאַכן. אָ, אָאָ, קוקט זיך בעסער אַרום, וועט איר רעכט זען וואָס ס׳טוען אַ רובֿ מאַכערס און שאַכערס אין דעם כּרך. סע מאַכט זיך אַז דעם גוטן סעניאָר פּעליפּע גייט איבער די גאַל, ער צעטומלט זיך אין אַ נאַווינע בעת אַ צונויפּטרעף. פֿון כּעס נעמען גאַווערן זײַנע ליפּן, ווײַל מע פֿאַרשטייט אים נישט: מ׳דערזעט נישט דאָס פּײַנע, מ׳דערשאַצט נישט דעם מענטש! — צעטענהט ער זיך און ווערט רויט ווי אַ צוויק.

— אַ צדיק גמור, דער פּעליפּע, — פֿאַרציט עמעצער בשעת־מעשׂה די נאָז — דערלאַנג אים אַ מעדאַל פֿון קאַרטאָפֿל־שיילעכץ, ווײַל ער שטעקט נישט אַרײַן זײַן נאָס, פֿאַרשוויצט הענטל אין אַן אַרעמאַנסקע קויש מיט בייגל. צו אַ באַנק וואָלט איך אים אָסור נאָענט צוגעלאָזן.

און מ׳ווייכט ווידער פֿון אים. מ׳אַנטלויפֿט ווען ער באַווײַזט זיך. סע הערט זיך שטאַרק פֿון ווײַטנס זײַן מכלומרשטע איידלקייט.

די שווערע אָפּגעזונדערטקייט זײַנע צערייצט דעם סעניאָר באַרג; ער ווערט וואָס אַ מאָל מער אין צאָרן אויף מענטשן. ס׳טרעפֿט, אַז דאָס געוויין איז אים נענטער ווי ס׳געלעכטער. דעמאָלט פּישטשעט ער ווען אים ווילט זיך רעדן. ער קריגט רחמנות אויף זיך אַליין. ער שפּירט זיך פֿאַרשטויסן. אַלע זײַנע יאָרן איז ער געווינט זיך מכוון צו זײַן צו אַלץ מיט ערנסט, מיט אַ ביסל האַרץ, ווי ער שאַצט זיך גופֿא, אָבער לײַט קענען זיך נישט אויף „אמתדיקער ערלעכקייט", טענהט פּעליפּע. ער האָט געוואָלט גוטס טאָן די מענטשן אין דעם העק, כאָטש ס׳איז כּלומרשט אַ שטאָט; זייערע השגות זענען לאַ־עלינו קליינטשיקע. פֿאַר זיי איז גוט אַ בלעכל שטאָמס אַ מטבע. לסוף צעווייִנט זיך זײַן האַרץ, הלמאי מ׳וויל אים נישט פֿאַר־שטיין, דאָס פֿאַרשטיין וואָס ער פֿאַרשטייט, ר׳באַנעמט טיף. גיב זיי אַ קרענק, וועלן זיי עס אָננעמען פֿאַר אַ לעקעכל, אַבי פֿאַר זיי וועט ס׳געזאָגטע קלינגען ווי אַ גאָר גלאַטיק וואָרט. יאָ, אַ ווערטל איז בײַ זיי אַ הויכע מטבע, די נישטאָלעס.

ב

שוין ווײַט נישט קיין יונגער־מאַן, איז דער סעניאָר פּעליפּע באַרג, אָבער פֿון אין ערגעץ נישט האָט ער קיין פּונק נחת. יאָ, זײַנע קינדער האָט ער ליב. דאָס איז די אמתדיקע ליבע, וואָס לאָזט זיך נישט פֿאַר־וואַסערן. די קינדער פֿילן דעם פֿאָטערס ליבשאַפֿט און זיי האָבן אויך ליב דעם טאַטן, אָלאָ זיי זענען נישט אין שטאַנד אים אָנצוטון דעם תּענוג, ווי

ער וואָלט זיך עס געווונטשן: זיי זאָלן נאָכגיין זײַנע גענג, טוען זײַנע טועכצן. זיי האָבן זיך זייערע וועגן. זיי לויפֿן, ברענען! דער טאַטע מעקעט אויס פֿאַר זיי זײַן דעה וועגן דאָס און יענצס; ער טוט עס ווי אַ מעלה־גירה. אָבער זיי? עפּעס נעמט זיך נישט קלעפּן צווישן יונגוואַרג דער זין און דער תּכלית פֿון דעם טאַטנס רצון. טוט זיך אָפּט חושך אין הויז. דער טאַטע רעדט און זיי בלײַבן בײַ ס׳זייעריקע. מחמת אין די יורשים ברענט זײַן עקשנות. און אין זיי, זײַנע קינדער, זשאַווערט אויך דער איבלדיקער ריח פֿון דעם טאַטנס גאַווה, זײַנע אײַנרעדעניש׳ן. האָט מע זיך ליב אין פֿעליפּע באַרגס הויזגעזינד, פֿאַרשמעקט עס מיט דער לאַק־ריצדיקער זיסקייט, וואָס קלעפּט זיך נישט יוסט. ס׳גיט אָפּ מיט געקינצל־טער ליבלעכקייט. און שפּאַרט מען זיך אײַן אויף עפּעס, איז עס מיט אַ פֿאַרביסנקייט, מיט בהמהשער אײַנגעשפּאַרטקייט — ביז סע ברעכט אויס אַ געשריי וואָס פֿלאַקערט ווי אַ שׂריפֿה נישט גרינג צו פֿאַרלעשן.

איז געשען מיט זײַנס אַ קינד, וואָס איז אַ לויף געטאָן און, אומגעפֿאַלן. איז בעת־מעשׂה געוואָרן אַ רעש, כאָטש הימל עפֿן זיך. פֿעליפּע קוויטשעט: ווי גיט מע נישט אַכטיק! אַז מ׳גייט באַדאַרף מע זען ווו מ ע ג יי ט. ס׳טרעפֿט דאָך נישט זעלטן אַ גרוב, אַ ריוו זאָל זיך האָבן געעפֿנט פֿאַרן טריט וואָס מ׳מוז שטעלן! זײַן זונדל, אַ שנעק, האָט זיך פֿאַרפּלאָנטערט מיט אַ מיידל, אַ שיין פּיסקעלע, אַ פֿאַרכאַפּנדיק גענגל און ר׳האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן פֿון דער מצאָצע. סטײַטש, ביסט נאָך אַזוי יונג, דאַרפֿסט ערשט לערנען, מוזסט זיך גוט אַרומקוקן ביז דו הייבסט אָן מיט אַזוינס. מיינסט, ס׳איז אַ ביסן אַראָפּצושלינגען? געדענק אַז עס האַנדלט זיך אין אַ זיווג, מוז מע זײַן זייער־זייער געהיטן, זונעניו. ס׳איז טאַקע אַ שטיקל לעקעך, אָבער עס קען חלילה אויך פֿאַרשאַדטן. סע ווענדט זיך...

בײַ סעניאָר פֿעליפּע זענען די אויגן געקראָכן פֿון קאָפּ אַרויס און זײַן קול האָט געציטערט, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַנטקעגן דעם יינגל.

— פּאַפּאַ, די ערשטע איז די בעסטע, — האָט דער בחור מיט אַ מאָל גענומען זיך לאַטשען צום פֿאָטער, געוואָלט פּועלן בײַ אים אײַנזעעניש פֿאַר זײַן גוסט.

— זי איז אַ ווילע, פּאַ. זי איז אַן אָפּנהאַרציקע, אַ גוטע. איך האָב זי ליב און זי האָט מיך ליב. /

— ליב, זאָאָאָג־סטו? די אויגן וועלעך דיר געבן אין דער האַנט אַרײַן, זאָלסט בעסער זען, קלאָרער זען! — האָט דער פֿאָטער זיך שוין געכּעסט. אָבער יענער האָט פֿאַרעקשנט, טעמפּ געשוויגן, נישט געקוקט דעם טאַטן אין פּנים אַרײַן.

דערנאָך האָט דער פֿאָטער זיך שוין געבעטן בײַם פֿאַרליאָפּטשעטן זון: — איסרל, איך האָב מורא. אויב ס'ברענט צו פֿיל, מוז מען אײַנלעשן דעם צעפֿלאַקערטן פֿלאַם. בײַ אַ גרויס פֿײַער זעט מע נישט די ריכטיקע קאָלירן, ווערליק וועלכע מ'קען משער זײַן די סיבה פֿון דער שׂריפֿה. גלייב, דײַן טאַטע האָט אויך אַ ביסל געניטקייט, — האָט ער דעם יונגל בעת־מעשׂה געוואָלט עפּעס אָנווינקען. זע, קינד, דאָס מיידל אַ ביסל לענ־גער. נאָר נישט כאַפּ־לאַפּ — נישטאָ וואָס זיך צו אײַלן בײַ אַזאַלכענע זאַכן. אפֿשר, כ'ווייס; חרטה האָבן איז נישט אַזאַ שאַנדע ווי צו דאַרפֿן שפּעטער אַריבערטראָגן חלילה יסורים.

— פֿאָ, איך האָב שוין גוט איבערגעטראַכט. סולאַמיט איז פֿון אַ פֿײַן הויז, און זי איז אַ שיינע. נישטאָ אַ סך אַזעלכע. ס'האַרץ זאָגט מיר, כ'וועל זי פֿאַרלירן, אויב כ'וועל נישט באַשטיין אויף שוין — — אַוודאי, איך מוז באַשטיין, טאַטע.

דאָס בחורל האָט זיך אָנגענומען מיט דרייסטקייט צו רעדן מיטן פֿאָטער וועגן זײַן זיווג ווי וועגן אַ סחורה וואָס מ'קען אים נאָך אויסכאַפּן.

— ס'האַרץ, זאָגסטו? און דער שׂכל איז אַ ממזר בײַ דיר, זונעלע?

— בין איך אַ נאַר, און שוין! — האָט דער קליינער זיך געברוגזט און שיער־נישט אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געוויין. וויינען איז אַ מישפּחה־פּעלער. אויך דער טאַטע פּעליפּע, כאָטש אַ האַרטע שקורע, קען בײַ אַ ליאַדע־וואָס זיך צעכליפּען. מיט טרערן וויל ער „איבערצײַגן" אַז ער מיינט ערלעך מיט זײַן וואָרט, וואָס יענער ,וויל נישט פֿאַרשטיין'...

ס'איז געווען יגון ואנחה אין שטוב. די מאַמע האָט אויך אַרײַנגעוואָרפֿן אַ פּיפּס פֿון שלום וועגן צווישן פֿאָטער און זון און — ס'איז געוואָרן דערפֿון, מ'האָט געמאַכט „אַ וואָרט" און מיט מזל גיך געבראַכן טעלערס. פּעליפּעס ערשטע קינד האָט גענומען אַ ווײַבל און דער טאַטע האָט געוואַרט אויף נחת; דער שווער פּעליפּע באַרג האָט געוואַרט מיט צאַפּל אין האַרץ: די שנור זאָלן געפֿעלן. זי זאָל אויף אַן אמת זיך אַרויסווײַזן מיט חן, אַז דער זון זאָל קומען צו אים מיט אַ גדולה, וואָס זאָל אים שפּראַצן פֿון בליק: טאַטע, כ'האָב געטראָפֿן, פּאַ, עס פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם, פּאָ!

ג.

אַ פּנים, קיין גרויס נחת איז פֿאַר סעניאָר פּעליפּע נישט אָנגעצייכנט געוואָרן אין הימל. ס'איז טאַקע געקומען זיידעשע פֿרייד פֿאַר סעניאָר באַרג, אָבער דער שווער פּעליפּע איז געבליבן צעבלוטיקט אין זײַן האָפֿן. דאָס יונגע ווײַבל פֿון איסר באַרג, וואָס איז די ערשטע וואָכן נאָך דער

חתונה געווען גוט און פֿרום, האָט אָבער אין גיכן אָנגעהויבן „פֿירן וועלטן״. איסר איז אַן עקשן, ער שאַנעוועט זי נישט, ווידער זי האָט אים נישט גע־געבן „קיין גלײַך וואָרט״. זי האָט דעם יונגן־מאַן געטריבן מאַכן גרויסע געשעפֿטן. מ׳טאָר זיך נישט באַגנוגענען מיט אַ ציבעלע, האָט זי אים גע־מוסרט מיט אַן אָנצוהערעניש אויף זײַן הײם. סקנערעס, באַהיט זאָל מען ווערן — האָט זי אויפֿגעהויבן דאָס קול — אַליין לעבט דאָס נישט און אַנדערע לאָזט עס נישט לעבן. איך באַשטיי נישט אויף אַזוינס, — האָט זי נישט אָפּגעלאָזן די לייצעס. און איז די יונגפֿרוי געוואָרן אַ מאַמע, האָט זי זיך אויך קנאַפּ געפֿרייט מיט איר מוטערשאַפֿט. קענטיק — ס׳איז איר נישט אָנגעשטאַנען וואָס איסר איז דער פֿאָטער פֿונעם עופֿעלע. „שוין אַ שקלאַף פֿון הויז, — האָט זי געליאַרעמט. — גליק איז באַשערט אַנ־דערע מיידלעך. ווינדלען און ניאַנטשען. צו דעם האָט זי אים נישט באַ־דאַרפֿט, דעם מאַן. זי האָט געהאַט אַ גרויסן טעות״. שטאָט צוצוטוליען דעם יונגן־מאַן צו דער הײם, צו דער קליינער מישפּחה, האָט זי אים גע־טריבן פֿון זיך, נישט געשאַנקען אַ פֿרײַען בליק. „פֿרעסער, זויפֿער!״ — האָט זי געשריגן און אין איסר באַרג האָט זיך אויפֿגעהויבן דער טאַטע, דער עקשן, דער פֿאַרווונדיקטער בעל־גאווה.

„אויף אים שרײַט זי? ער וועט זיך נישט לאָזן!״ אין אים האָט זיך צעקלאָגט די שאַרפֿע באַליידיקונג. ער האָט זיך געביסן די ליפּן און שוין זיך געוואָרפֿן צו דער מוטערס פֿיס: מאַמע, דער פֿאַ איז געווען גערעכט. זאָג אים, מאַ. איך זע ערשט איצט. שלעכט, וואָס איך האָב נישט געהאָרכט.

— אָפּגעבריט זיך, זונעלע? — האָט סעניאָר פֿעליפּע מיט ציטעריקע באַקן זיך צוגעבויגן צום בלייכן זון און אים באַלערנט: שויך, וואָס געווען, איז פֿאַרפֿאַלן! וועסט מוזן אויסבעסערן, וואָס האָסט קאַליע געמאַכט. ערשט וועסטו איצט קענען אָפּשאַצן דעם ווערט פֿון האָבן אַ הײם. באַנעמסט, וואָס כ׳מיין, ייִנגעלע? — האָט ער צו אים געקוועטשט מיט די אויגן — מ׳מאַכט זיך אַ שניט אין פֿינגער, באַדאַרף מען אים איבערבינדן, געפֿינען אַ זאַלב. סולאַמיט? געווען אַזאַ מיידל, האָט זי זיך אויסגעגליטשט. נישט קיין נפֿקא מינה מיט ווערן! גענוג אַז זי איז מער נישט מיט דיר. ביסט אַ נאַריש ייִנגל, האָט זי באַוויזן דיך צו פֿאַרדרייען, אָבער פֿאַרפֿירן וועל איך דיך נישט לאָזן. דו זיץ דאָ, איך וועל שוין אַלץ אָפּטאָן.

עס האָט אים, אמת, אַ ברי געטאָן אויף די ראַנירטע זיידעשאַפֿט. ס׳דאַך אַ קינד פֿון זײַן קינד, אייגן בלוט און פֿלייש. בשעת חדחק האָט פֿעליפּען אויפֿגעקאָכט וואָס א ז א וואַרפֿט זיך מיט זײַן איסרל. פֿע־ליפּע האָט נישט געקענט קוקן אין יונגן־מאַנס אָנגעפֿינצטערטן פּנים און

זיך ווילד צעשריגן כדי אַזוינאַך צו פּאַריאָגן פֿון זײַן הויז די כמאַרע, וואָס האָט זיך אַראָפּגעלאָזן איבער אים. ער האָט מיט דעם געמיינט ס׳ווײַב און די אַנדערע קינדער:

— אַ שוואַרץ יאָר דאָס איז: אַלע פֿירן דאָ, אַלע ווילן מיך פֿאַרפֿירן אין שאול תחתיה אַרײַן. זאָל נאָך עמעצער דאָ פּרווון אויפֿהייבן דעם קאָפּ!

ער האָט זיך צעקוויטשעט איבער דער שטוב. געמיינט קיינעם נישט און געמיינט אַלע.

איסר, דער געפּרווועטער, האָט דעם פֿאָטערס געשרײַ גענומען אויף זײַן חשבון. ער האָט איבערגעדברט דעם טאַטן, געבערענגט אויף זיך אַ צרה. סולאַמיט האָט אים פֿאַרטריבן און ס׳קינד בײַ אים צוגענומען. און ס׳גיט אים אַ קלעם: כאַטש אַ קוק טאָן דערויף! אָבער וועמען ווּעט ער זאָגן? דער אַלטער האַקט און בראַקט אין דער היים. און האָט זיך סעניאָר פּע־ליפּע באַרויקט, האָט ער זיך דערטראַכט צו גיין צום מחותן, אָנזאָגן אים אַ פּסוק מיט אַ שטעקן:

— סעניאָר אַלעכאַנדראָ, פֿון דעם מעל ווּעט קיין ברויט שוין נישט זײַן. אײַער סולאַמיט וועט קענען זיצן ביז דער שאַרבן וועט איר אויס־קריכן, אויב זי וועט נישט אויסבעקניען דעם צער, וואָס זי האָט אָנגעטאָן מײַן זון... אָן גוזמא — עס איז די פּרי וואָס איר האָט אויסגעהאָדעוועט מיט אַלע גוטע טעמ׳ען. אר־אר־ו, אַ כאָוואַניע, אַ כאָוואַניע אַ שיינע!

ער האָט אָנגעהיקעט בײַ יענעמען אַ שטוב מיט רוגזה און אָנגעזאָגט:

— סולאַמיט זאָל זיך נישט דערוועגן צו קומען עפּעס בעטן. איסר באַרג איז אַ מאַנפּאַרשוין. זי׳ט פֿאַרכאַפּט די דירה מיטן ביסל זאַכן, וועט זי זיך שטיקן דערמיט. וועגן דעם קינד וועט מע נאָך שמועסן בײַם גרינעם טיש. „איר" וועט מען עס נישט אָנגעטרויען. ס׳אַ סכנה! זי קען איבערפֿירן דאָס קינד, וואָס איז געבוירן בײַ דער מישפּחה פֿון פּעליפּע באַרג! די באַרגס פֿירט מע נישט בײַ דער נאָז...

דער פֿאָטער האָט באַפֿוילן דעם זון, צו האַלטן זיך שטײַף. ס׳פּאַסט נישט פֿאַר אַ מאַן צו זײַן אַ ווייכע מירל! און דו ביסט נאָך יונג, שיין. זי וועט נאָך טאַנצן פֿאַר דײַן טיר. אָבער געדענק, טו גאָר נישט אָן דײַן טאַטן. בלוט וועט זיך גיסן!

איסר באַרג, דער נישט־געגטער און נישט־פֿאַראַלמנטער יונגער־מאַן איז געבליבן זיצן אונטערן טאַטנס השגחה; ער האָט זיך נישט אַרויסגע־רירט אין ערגעץ, סײַדן ער איז אַוועק מיטן פֿאָטער. פּעליפּע האָט אים געשלעפּט אויף לאַנגע נאַכט־שפּאַצירן, האָט אין אים אַרײַנגערעדט שטיל,

פֿאַרטרוילעך אַז קיינער זאָל נישט הערן. עס האָט פֿון אים אַרויסגעשריגן און אַרויסגעוויינט:

— מענטשן זענען ערגער ווי די חיות, מענטשן טאָר מע נישט גלייבן. פֿרעג דײַן טאַטן. שוין צענדלינגער יאָרן, איך יאָג זיך אַרום מיט נישטי־קייטן און זיי לאַכן זיך אויס. מ׳מוז זײַן שטאַרק געוואָרנט קעגן אַלעמען. און די קינדער זענען לרובֿ נישט בעסער פֿון די טאַטעס מיט די מאַמעס. פּ אַ ל ש! דו האָסט דאָך אַליין געזען: האָסט געמיינט, ס׳איז ס׳איידלסטע, דאָס הייליקסטע, לסוף...? כ׳ווייס, וועסט וועלן זיך פֿאַרענטפֿערן. ס׳איז בלאָטע. דײַן טאַטן וועסטו נישט דערציילן קיין מעשׂות. אוי איז ער אָנגעע־לערנט... דו הערסט? דער מאַמען — נישט קיין וואָרט פֿון דעם וואָס מיר רעדן. טוט דיר עפּעס ווי, גיב זיך נישט פֿאַר קיינעם קיין קרים. ווילסט מ׳זאָל דערלעבן נקמה אין דיר?

ד

איסר באַרג איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דעם טאַטנס דעה. סעניאָר פּעליפּע באַרג האָט גערעדט, געסקאַמליעט, און ער האָט געמוזט אים הערן, שווײַגן און פֿאָלגן.

און איז דעם פֿאָטער באַפֿאַלן אַן אומעט, ער האָט זיך דערשפּירט באַזיגט, האָט ער גערעדט שטילער ווי שטיל, געגאַנגען איבער דער שטוב פּאַמעלעכער ווי פּאַמעלעך. ווײַב און קינדער האָבן מורא געהאַט אים צו פֿרעגן, צי ער איז חלילה נישט געזונט. זיי נעמט אָן אַ שרעק פֿאַרן „אַלטן". זײַן האַרט שווײַגן איז אַן אָנזאָג פֿון אַ שטורעם וואָס בושעוועט אין אים. ער קען אַ ליאַדע רגע אויסברעכן מיט אַ גוואַלדאָוונעם ליאַרעם.

„ששששאַ," — ווינקט זיך שוין איבער די מאַמע מיט די קינדער — „דער טאַטע וויל עס זאָל זײַן רויק." זײַן פֿאַרביסנקייט האָט אויף אַלע שטוביקע אָנגעוואָרפֿן אַן אימה; אַלע זענען זיך פֿונאַנדער געקראָכן אין די ווינקעלעך אַרײַן. זאָלן זיי „דעם אַלטן" נישט זײַן גרויס אין די אויגן. ווײַל באַלד נעמט ער שרײַען. ער סטראַשעט אַז בלוט וועט זיך גיסן, אויב מ׳עט אים נישט הערן.

„איך פֿיר. איר קענט מיך נאָר פֿאַרפֿירן מיט די צעקראָכענע הערצע־לעך אײַערע. גענוג געלאָזט זיך פֿון פּאַרכעס. איר׳ט דען נאָך נישט געזען? מ׳טאָר זיך נישט לאָזן קריכן אויפֿן קאָפּ!"

ער איז אַ שווערער פּאַרשוין, פּעליפּע באַרג. אין דרויסן קען מען פֿון אים ווייכן, אָבער אין דער היים, וועלכע ער האָט אויפֿגעשטעלט, שטיקט מען זיך מיט זײַן צאָרן ווי מיט אַ טשאַד, וואָס קומט אַלע מאָל

אומגעריכט. מ׳מוז אים אַלץ פֿאַרשווײַגן, אַנישט איז גרויסע צרות. ווען ר׳קריגט „די שעה״, וואַרפֿט ער זיך אויף אַלעמען מיט אַן אַנזאַג, אַן אַליאַרם אַז ע ר וועט ערשט אויסברעכן מיט אַ שטורעם פֿאַר אַל דאָס בייז וואָס האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט. אין שטוב ווערט דעמאָלט פּחדימדיק ענג. סע ווערט סכּנותדיק אויפֿן געמיט פֿון דעם אַלטנס אומ־רויִקן דרייען זיך אַהין און אַהער.

— נאָר לאָזן אים לויפֿן! — האָבן די היימישע שטום זיך איבערגע־וווּנקען ווען פּעליפּע פֿלעגט זיך אָנצינדן, הלמאי מ׳הערט נישט זײַן דעה.

— לאָמיך געמאַך מיט אים! — האָט שוין ס׳ווײַב ענדלעך זיך אָפּ־געשאָקלט פֿון סעניאָר פּעליפּעס „שטיק״, וועלכע ער פּראַוועט אין דער היים וואָס וואַרגט זיך מיט דער בייזער יערעניש, וועלכע שוימט אויף אין אים מיט אײַנגעזשאַווערטער עקשנות.

אין פּעליפּע באַרג האָט אָפּטלעך אויפֿגעיוירן די פֿוילע זריעה, וואָס עס האָט אין אים געלאָזן די גזע פֿון וועלכער ער האָט אַרויסגעשפּראָצט אין אַ ווײַטן ערגעץ. פֿאַר דעם האָבן לײַט זיך צוגעוווינט אים אויסצומײַדן, נישט צו האָבן מיט אים אַוועלכע מגע־ומשׂא, נישט געוואָלט אַפֿילו הערן זײַן דעה.

1963

מלכהניו די אַליינינקע

מלכהלע זיצט אין דער מוטערס סמוטנעם שטיבל וואָס אין שלעפּעריקן שטעטעלע און אומערט, למאַי דער גורל איז צו איר אומדערבאַרעמלעך. איינע אַליין פאַרברענגט זי די טעג און וואָכענעס. די מאַמע לאָזט זי אין ערגעץ נישט גיין עפּעס טאָן, פאַרדינען דאָס נייטיקע פאַר אַ כּלה־מיידל.

„דו זיץ רויִק אין שטוב. גענוג אַז די מאַמע דײַנע ווערט פאַרשוואַרצט, ווײַל פאַרדינען — וואָס קענסטו דאָ פאַרדינען? אַ לאָבזע. לײַט האָבן ליב אַרײַנצוטעמען אַ מענטש, לאָזן זיך באַדינען, אָבער צו קאָ׳ תּכלית פירט נישט אַזאַ געטועכץ. קאָ׳ געזינט קומט אויכעט נישט צו פון דעם. האָסט אַ חתן, האָב געדולד, ס׳עט שוין קומען דער טאָג ווען דאַאָן האָרץ וועט דערפרייט ווערן, אויך דאַאָן מאַמע וועט געניסן פון אַ ביסל נחת. קאָ׳ געלט מאַכט נישט ראַאָך דעם מענטש. איך בין עלטער פון דיר, טאַכטערשי, און איך ווייס מער פון דיר. כ׳לערן זיך ווי מענטשן פירן זיך און באַנעם אַז ס׳איז בעסער ווי איך טו. דו זײַ רויִק, מלכהשי. היט דאַאָן געזונט. אַ כּלה מוז זאַאָן געזונט און באַחנט. אַל דאָס איבעריקע איז ווי דאָס מזל דינט צו״.

די מאַמע גייט אַרויס פון שטוב באַגינען זוכן צו פאַרדינען דעם גילדן, אַנישט איז נישטאָ דער ביסן ברויט, זאָגט זי. און ס׳איז נישטאָ דער זעקסער צו קויפן אַ פלעשל נאַפט פאַרן אַכטער לעמפל. פאַלט צו די ווינ־טערדיקע לאַנגע נאַכט, מוז מען זיצן אין דער פינצטער און פרי קריכן אויפן געלעגער אַרויף נישט צו קענען אײַנשלאָפן. ווײַל דאָס קלערן־טראַכטן לאָזט נישט אָן אויג צוטאָן.

מלכהלען מאַטערט די אַליינקייט און פון איבערקלערן ווערט איר דער שאַרבן שיער נישט צעשפּרונגען. דאָס אַרײַנקלערן אין איר פּאַלאַזשעניע קאָן זי חלילה דערפירן צו משוגעת. די פוסטע אַלט־געקאַלכטע ווענט טרײַבן זי אַרויס פון אומהיימלעכן שטיבל. אָבער ערגעץ־ווו אַרײַנגיין איז איר נישט ניחא. לײַט נעמען באַלד פרעגן, קריכן אויפן קאָפּ... צום שאַרפסטן איז איר די פּײַן הלמאַי זי האָט נישט פאַר וועמען אויסצוויינען איר וויי. זי האָט אַ חתן, זי האָט ליב דעם חתן, אָבער ער איז ווײַט פון איר, שוין צו לאַנג ווײַט אין דער פרעמד. זי — דאָ, ער ד אָ ר ט. „זי פּאַשעט זיך״ דערעיקרשט מיט זײַנע בריוולעך. דעם מיידל צעגייט דאָס האַרץ פון קלעמעניש. איר ליבער איז אין דער ליכטיקער, רוישיקער גרויסשטאָט. אָפּטלעך טרייסט ער זי אין דעם שרײַבן אַז ער בענקט צו

איר און ר׳זאָגט צו: אָט־אָט וועט ער קומען אויף אַ טאָג־צוויי, אָלאָ ער קומט נישט. ס׳איז נישט לײַכט זיך אָוועקצורײַסן פֿון דער אַרבעט, פֿאַרענטפֿערט ער זיך שטענדיק. די אַרבעט האַלט אים ווי מיט צוואַנגען. און די אַרבעט איז דער איינציקער אָנשפּאַר צו קענען סוף־סוף זיך צונויפֿגיין מיט זײַן מלכּהניו.

טאַקע די צערטלעכע ווערטער אין די בריוו באַומרויִקן מלכּהלען. ווײַל וואָס אין דער ווײַט, זאָגן לײַט, איז על פּי רובֿ אַ געגנאַרעניש. דער וואָרעם פֿון צווייפֿל וואָס האָט זיך שוין אַרײַנגעקראָגן אין איר, טאָטשעט מלכּהלען טאָג און נאַכט. זי טראַכט שוין: ווער ווייסט צי *דאָרט* האָט ער זיך שוין נישט פֿאַרקוקט אויף אַן אַנדערער, אַ שענערער, מסתּמא נישט אַזאַ שפּלע ווי זי איז און אַוודאי אויך מיט אַ נדן. מלכּהלע קאָן צו מאָל נישט נעמען זיך אין זינען אַרײַן צו האָבן אַ נדן. נדן איז נייטיק אויף צו קענען זיך אויפֿשטעלן אַן אייגן שטיקל היים פֿאַר אַ יונג פּאָרפֿאָלק. די מאַמע קען איר גאָרנישט העלפֿן, סײַדן נאָר מיט טאָפּלט בעטגעוואַנט, מיט קישנס און אַ פּערענע פֿון אמתדיקן פּוך. די מאַמע האָט שוין מערערע מאָל זי געטרייסט מיט דעם. אָבער די מאַמע קען זי אַפֿילו נישט טרייסטן מיטן צוזאָג אַז זי וועט — טאַקע איר צו ליב, מלכּהלען צו ליב — אויפֿהערן זיך אָפּשמועסן מיט דעם געזעמל אָרעמע ווײַבער, זיי זאָלן ווינציקער קומען צו איר אין שטוב אַרײַן אויף צו באַרעדן „*די גאַנצע שטאָט*". ס׳איז איר נמאס צוצוזען ווי זייערע פּיס שליטלען אין מעגערייִשע שקראַבעס. און זיי פּלוידערן אַזוי געדיכט פֿון אַלעמען אַז די אויערן טוען איר וויי, מלכּהלען. דאָס בלוט קומט איר אין פּנים אַרײַן ווען זיי נעמען אין זייערע מײַלער אַרומטראָגן כּלערליי רכילותן! ס׳אַ שרעק צו הערן ווען זיי האָבן אַלץ אין זינען. ווער ווייסט, הייבט מלכּהלע שוין אָן טראַכטן, צי הינטער די אויגן באַרעדן זיי אויך נישט זי, פּערל־איידלס טאָכטער, באשר זי ליובעט זיך מיט אַ חתן, וואָס איז אייגנטלעך אַזעלכער וואָס איז ווערט, אַז דאָס מיידל זאָל אים שוין הייסן גיין דועסן... אוי, ווי שווער ס׳איז מלכּהלען אויך שוין דאָס אייביקע שרײַבן צו *אים*, דאָס אָכצן פֿאַר אים און, דאָס ביטערע פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר דעם לאַכטיקן, אַז נאָר ער איז דער איינציקער און פֿאַר אים פֿאַרהיט זי איר האַרץ. ס׳טוט איר מוראדיק וויי צו מוזן אײַנשטילן אין אים דעם האַרצצאַפּל אַז ער זאָל גלייבן אין איר געטרײַשאַפֿט.

אַ, ווי ענג ס׳איז שוין די וועלט וואָס האָט מלכּהלען אײַנגעקלאַמערט אין אירע עלנטע אָרעמס!

...נאָר מיר טוט ווי וואָס פֿון דײַנע פֿײַנלעכע שטימונגען שווימט אַלץ נאָך אַרויס דײַן פֿרעג וועגן מײַנע עסיקע ספֿיקות בנוגע דיר, מלכּהלע. טאַקע ווײַל דו ביסט דאָרט און איך האָב דיך אַזוי לאַנג נישט געזען, איך פֿיל נישט דײַן וואַרעמען אָטעם. דערפֿאַר טראַכט איך פֿאַרשיידנס. פֿאַר־שטיי, מלכּהניו, אַז מ׳האָט אַזוי ליב ווי איך האָב דיך ליב, דאַרף מען האָבן אַ האַרץ ווי אַ שטיין אַז מ׳זאָל נישט בענקען, מ׳זאָל נישט ווערן אומרויִק. בפֿרט, ווען די איינאײנציקע האָט אַזוי פֿיל חן און זי איז געשטראָפֿט מיט אַזאַ שאַנקייט ווי ס׳איז מײַן מלכּניו. איך פֿרעג דיך אַליין: ווי אַזוי זאָל מע נישט ציטערן פֿאַר דער קרוין וואָס איז איבערגעלאָזן געוואָרן אין דעם פּוסטלעכן ערגעץ, וווּ ס׳איז נישטאָ קאָ׳ן אייגענער וואָס זאָל געטרײַ זאָרגן פֿאַר דיר, מיידעלע מײַנס? דײַן מאַמע איז „אַ פֿאַרקויפֿט מענטש“. זי האָט אויף אַ מינוט נישט קיין צײַט פֿאַר דיר, און אַוודאי האָט זי נישט דאָס גע־מיט צו קענען דיך אונטערוואַרעמען מיט אַ האַרציק וואָרט, שטאַרקן די נשמה וואָס ווייטיקט־צאַפּלט אין אַזאַ צאַרט באַשעפֿעניש ווי עס איז מלכּהניו. נישטאָ נעבן דיר דער גערטנער וואָס היט געוויינטלעך די פֿלאַנצן וואָס ער האָט אויפֿגעהאָדעוועט. מוזסט וויסן, מלכּהניו, אַז דו ביסט ווי אַ שוואַך ביימעלע וואָס באַדאַרף די וואַרעמקייט פֿון אַ היים. אַ גאָרטן מוז תּמיד געניסן דעם ליבן אויפֿמערק פֿון אַ זאָרגעוודיקן גערטנער. אָבער דער־מאָן מער נישט דאָס וואָס איך האָב דיר געשריבן וועגן דעם כּמאַל כּאַסקל. איך וויל מער נישט הערן און נישט מוזן טראַכטן דערפֿון. איך האָב דיך ליב אָן שום באַוואָרענישן. איך בעט דיך, מלכּהניו, רײַס נישט אויף די ווונד וועלכע איך האָב אומגעריכט דערשפּירט אין מײַן ברוסט! אַ מעסער אַרײַנגעשטאָכן אין רוקן — ס׳שוין געווען אַן אָנגרײַף אויף מײַן טײַער־סטער! זאָל זי זיך יאַקאָש פֿאַרציִען מיט אַ הײַטל, די ווונד. מעג זײַן אַז אין דער ווונד זאָלן נאָך נעסטיקן טראָפּנס אײַטער. איך שרײַ אַרײַן אין זיך: פֿאַרגעס דאָס, אַבאַ־אַבֿרהם! מלכּהניו איז דאָ אין גאַנצן אומשולדיק למאַי דער גראָבער קאָפּ קריכט צו איר מיט מכּלומרשטער גוטפֿרײַנטשאַפֿט. וואָס קאָן זי זיך העלפֿן? אַזוינס באַדאַרף מען פּראָסט־פּשוט אָוועקשטויסן; זי איז אָבער צו איידל צו קענען דאָס פּועלן בײַ זיך: — גיי זיך געזונ־טערהייט. קום נישט מער, אויב איך רוף דיך נישט. מלכּהלע איז אַ שע־מעוודיקע. און ער, דער כּמאַל, וויל דווקא פֿאַרטרײַבן פֿון איר דעם גריי־זשנדיקן לאַנגווײַל, אויך אָפּרעדן, זי זאָל נישט טראַכטן אַזוי פֿיל פֿונעם חתן וואָס איז פֿאַרפֿלויגן ווײַט איבער שטאָק און שטיין.

זיכער איז נישט גרינג אַלץ צו פֿאַרגעסן, אויך וועגן דעם כּאַסקל.

אַזוינס וועקט זיך אויף אומגעבעטענערהייט. אָבער גלייב, מלכּהניו, איך וויל נישט צולאָזן צו זיך אַ שלעכט טראַכטן פֿון דיר. פֿאַרקערט, איך פֿאַרטרייַב דאָס פֿון זיך מיט אַלע כּוחות. איך בין זיך אַן איבעריק מאָל מודה: כ׳האָב דיך שטאַרק ליב און דאָס ציט מיר אַרויס דעם קליי פֿון די ביינער, צו וואָס איך בין שוואַך — צו דער ברענענדיקער פּייַן בין איך אַ גיבור. מסתּמא צו לייַדן בין איך געבוירן געוואָרן, און כ׳נעם עס אָן באהבֿה. די דאָזיקע גבֿורה האַלט אויף די גאָרע עקסיסטענץ פֿון איינעם אַזאַ וואָס דרייט זיך אַרום אין וויסטן דרויסן אונטער דעם נאָמען־צייכן אבא־אַבֿרהם. ווי אַ נישט־געסילוקטער חובֿ פֿאַלט אויף מיר דער נאָמען צו גלייַך ווי מיטן חוזק־נאָמען וואָס עמעץ האָט מיר היימישלעך צוגעקלעפּט: „אַבֿרהם־אַבאָ די ווייכע מירל". איך פֿיל אָבער אַז כ׳מוז מיט דעם צוגאָב־נאָמען לעבן בשלום. אין ערגסטן פֿאַל — מוז איך זיך שטאַרקן אים נישט דערלאַנגען מיטן פֿוס אין הינטן אַרייַן, ווי כ׳וואָלט עס באַדאַרפֿט געבן צו שפּירן דעם כּמאָל כּאַסקל, וועלכער האָט יאָ דאָס מזל צו זען מייַן מלכּהלען, צו קומען מיט איר שמועסן. יאָ, איך בין אַ שלימזל. ווייַל ווו נאָר אַ צרה דרייט זי מיך אַרייַן ווי אַ שותּף צו דעם שפּיל. שטענדיק מוז איך זייַן אונטערטעניק דעם שלימזל מייַנעם. איך פֿיל זיך אַלע מאָל ווי אַ פֿאַרזינדיקטער, וואָס קען זיך נישט אויסקויפֿן. אין ריכטיקן איז מיט מיר פֿאַרשווינלעך נאָך ערגער — איך קען בשום אופֿן נישט אַנטרינען פֿון צעוועקטן זכּרון אַ ז א י ך ב י ן א י ד. אָבער איך באַדאַרף נישט זייַן א י ד! איך בין נאָר אַ שאָטן פֿון אַבאָ־אַבֿרהמען. דער אָ מענטשן־שאָטן דערוועגט עס סוגעסטיוו אַרויסרופֿן פֿון זיך דאָס אומגעבעטענע בייז וואָס וואַרפֿט אויף דיר, מלכּהניו, אַל דאָס געשפּענסטיקע. אָ, ווי דאָס מאַטערט. מ׳מוז אַליין מבֿולבל ווערן פֿון דעם גרויליקן אָפּברום וואָס צעשטויסט מייַן ברוסט.

ווי אַ גוז אויף דער נשמה שפּיר איך דאָס און עס דריקט! זעסט, שגעון פֿירט מיך, שגעון פֿאַרפֿאָלגט דיך, ציטעריק מענטשעלע אין אַ קינדער־הייַטל. אַוודאי, דער גוטער מלכּהניו טרעפֿט אויך ווייטיקלעך די בייַטש אין איר ווילדן געפֿאָך. אָבער דעם שוסטערוק כּאַסקל שיק אַוועק צו דער קאָפּיטע! ברוגז זיך נישט אויף מיר, טייַערע. מעגסט זייַן רויִק: ערשט זוך איך זיך אַליין. איך וויל זיך אייַנשטילן פֿון די אומדערוואַרטע אויפֿברויזן וואָס שלאָגן אָן אין מייַנע ברעגעס. וואָרן שטענדיק טראַכט איך פֿון דיר, בין פֿאַרזאָרגט פֿאַר דייַנעט וועגן. נאָר דו, דו ביסט מייַן טאָפּל־געשטאַלט. חלילה, קיין אַנדערע האָב איך נישט אין זינען, מלכּהלע. דו ביסט אַ ריפּ פֿון מייַנע ריפּן. און אַזעלכע וויל איך תּמיד דיך פֿילן אין

זיך, נעבן זיך. דערפֿאַר איז „דאָס באַפֿאַלן דיך״, — ווי דו זאָגסט — דער באַגלייבטער עדות פֿון מײַנע ערלעכע כּוונות. צערן זשע נישט אויף מיר. אומגליקלעך איז שטענדיק דײַן מיטגייער, טאַקע ווײַל כ׳קען נישט זײַן באַענט פֿון דיר. אלאַ גערענק, מלכּהלע: מיט מײַנע טרויערן הייליק איך זיך פֿאַר מײַן איינציקער. פֿאַר מיר איז די חנעוודיקע מלכּהניו די פֿרייד פֿון מײַן פֿאַרוווּנדיקטער יונגשאַפֿט. פֿון רײַפֿע יאָרן, מלכּהלע, רעד נישט מער. צו פֿיל אומעטיק ווערסטו אָפּט! מיט דעם, מיט דײַן פֿײַנלעכן זאָרגן, ווילסטו מיך שטאַרקן? מאַכסט אַ טעות מיט אַזאַ חשבונען. איך בין נאָך יונג, געניג שטאַרק אויף בײַצוקומען שטערונגען. און אַזעלכער וויל איך, האָפֿנטלעך, בלײַבן פֿאַר דיר, כאָטש מײַנע פּלייצעס ברעכן זיך בײַ צײַטנס אונטער דער משׂא פֿון אַלדינג וואָס האָט מיך באַגעגנט ביז אַהער. דערמאָנסט מיך וועגן פֿאַרגייענדיקע יאָרן, מער באַזיניקן זיך. דאָס מאַכט מיך אומעטיק. מײַן וועלט איז מלכּהניו, די נאָך נישט אַרויסאַנטפּלעקטע פֿרייד. פֿאַרגעס נישט, ערשט גייט פֿאַר אונדז די סדרה פֿרייד מיט פֿאַרדריקטע ציין. איך וויל זיך נאָך נישט אָפּזאָגן פֿון דער נאָך נישט פֿאַרזיגלטער יונגשאַפֿט מײַנער און דײַנער. מירן נאָך אײַנהיימישן אין אונדזער גבֿול דעם אמתן תּענוג פֿון יונגשאַפֿט. איך האָרעווע אויף דעם און זאַמל כּוחות פֿאַר דעם. פֿאַרוואָרף די געדאַנקען פֿון אַליין זיך־געגנאַרנדיקע זקנים, וואָס טראַכטן און טוען יאַקאַש דאָס וואָס איז שײַך נאָר די איבערצײַטיקע יאָרן, וואָס דו האָסט דערמאָנט אין דײַן לעצטן בריוו. אַזעלכע געדאַנקען זענען עלול צערײַסן מיט אַלץ וואָס גייט נאָך אַ טאָרע דאָס בלוט. דו ביסט דאָך יונג, מלכּהלע. אַן אַנדער גאַנג האָט דאָס בלוט וואָס רעגירט מיט אונדזער טראַכטן.

איך זע שוין ווי דו קרימסט זיך אויף מײַנע רייד. איך זאָג דיר: ביסט נישט גערעכט, מיידעלע. דײַן מאָמעס שכנה, די זעכציק־יאָריקע מויד, וועלכע איז בײַ איר גאַנצער פֿאַרוועלקטקייט נאָך געבליבן בײַם קינדערישן צירן זיך אין קאָליריקע שמאַטעס, איז אַן עדות אַז אַזעלכע איז געבליבן איר וועלט. חייקע איז נאָר אַ פֿאַרשפּעטיקטער קלאַנג פֿון דעם ווילן שבתדיקן פֿאַר נאַכט, פֿאַר די פֿאַרטוליעטע ווינקעלעך פֿון אַ שטיבל ווי ס׳איז דײַן היים. און דאָס דערפֿאַר, ווײַל דאָס שטיבל ווייסט נישט פֿון אַן אמתדיקן שבת ווי ייִדן פֿירן אים אַרײַן אין זייערע היימען מיטן שילגיין און קידוש־מאַכן בײַ אָנגעצונדענע שבת־ליכט. אַזאַ בלויז לאָזט זיך נישט פֿאַרמעקן — דאָס פֿעלן פֿונעם קאָפּ פֿון דער מישפּחה. דעם שבת איז די חייקע נישט מסוגל אַרײַנצוברענגען אין שטוב, אַפֿילו ס׳זאָל זײַן געגרייט אַ סעודה מיט טשאָלנט און אַ קוגל. די אומגעזונטע מוידישע

חייקע קען נאָר מיט איר שבתדיקן טראַכט דערמאָנען אַז ס׳איז דער טאָג ווען מ׳קען נישט טוען קיין וואָכעדיקע זאַכן. ד אָ ס איז נאָר שטימונג, וואָס די פּאַרזעסענע מויד טוט זיך איבער לכּבוד שבת. ס׳איז הוילע בענ־קעניש צו טועכצן און זאַכן וואָס זענען שיין פּאַר זיך גופא. דאָס איז נאָר אויף צו דערמאָנען די באָבעשע צײַטן. דאָס צעווייטיקטע געמיט קען מע נישט היילן מיט דעם, מלכּהניו. אַפילו אַ ניגון פון דײַן פּעטער חיימל איז אויף אַזוינס וואָס ס׳איז שבת, אַ סך מער אָנגעלייגט. אָבער דאָס איז שוין אַן עסק פּאַר ביכער וואָס האָבן אַ סך געדולד אין זיך אַלץ אַרײַנצוזאַפּן! איך וויל אָבער זײַן אַ מענטשוו ווי אַלע מענטשן, עסן, ברויט, בײַסן פלייש מיט די ציינער און הנאה האָבן דערפון. פּרנסה, ווי די וועלט פירט זיך, איז אַן עיקר פּאַר יעדן טאָג. כ׳האָב עס געזען אין מײַן היים, כ׳זע עס אַרום זיך אויף שריט און טריט; לײַט גיבן אָפּ „ס׳גאַנצע לעבן״ צו קענען אײַנשטילן די מאָנענדיקע באַדאַרפטיקייטן פּאַר זייערע נאָענטע. אַדרבא, זאָג, מלכּהניו, צי דו באַשטייסט אויף מיר ווי דײַן באַשערטן, אויב איך זאָל נישט קענען אין שטוב אַרײַנברענגען פּרנסה? איך ווייס פּאָרויס, אַז ניין... אָ, קווענקל זיך נישט, טײַערע, זײַ ניכטער: זאָג — ניין! ווײַל אַנדערש וואָלטסטו זיך אויסגעשטעלט (נישט געדאַכט זאָל עס זײַן) פּאַר אַ נאַרעלע. איך ווייס, דו ביסט אַ קלוגע און אַ גוטע. איך ווייס אַז חייקע די אַלטע מויד איז שבת טאַקע אויסגעסטראָיעט, ווי זי וואָלט נאַ צוואַל אַנטלאָפן פון דערעסענעם אינדערוואָכן. אויף טשיקאַוועס, מלכּהניו, ריר אָן בײַ דער חייקע צי די בראָש, די שווערע קייט אויף איר האַלדז, די פינגערלעך, די בראַסלעטן, זענען פון וואָרהאַפטיקן גאָלד און דימענט. ריר עס אָן, וואָרן דער בלישטש אַליין קען גענאַרן. די וואָג פון גאָלד זאָגט עדות אויף דער עכטקייט. איך וויל עס וויסן — פּאַר דיר עס צו וויסן און פּאַר מיר; ווײַל איך זוך אין זיך גופא דעם אוצר פון נייטיקן גאָלד און אבנים טובים אויף אויסצושמעלצן פּאַר מײַן מלכּהלען אַן אמתדיקע קרוין. חלילה, נישט אַזוינס וואָס לאָזט איבער דעם פאַלשן שימער פון בלעכענעם פײַער וואָס צירט זיך־נאַרנדיקע זיקנה, פון וואָס מאַמעס קוועלן אָן נישט זעלטן. איך וויל האָפן: טאָמער וועל איך דאָך געפינען דאָס אומגעפּעלשטע גליק פּאַר דיר, דעם אוצר וואָס וועט דיך אַרויסהייבן פון דעם גרוילהאַפטיקן, וואָס וואַרפט אָן אַ מורא אויף אַזעלכע קינדער ווי דו ביסט. איך וויל דיך נישט פאַרשמועסן מיט אַ מעשהלע. איך זוך אַ פאַרגעלטונג פּאַר די אומזיסטיקע יאַדענישן וואָס פאַרצערן דײַן רייך האַרץ. אַבי דו זאָלסט נישט באַדאַרפן מער זיך אָנזאַפּן מיטן שימל פונעם אַלטן בראָכוואַרג וואָס צירט איבערצײַטיקע מוידשאַפט אָן אַ תיקון און אָן פרייד.

דערווײַל פֿאָלג מיך, מלכּהלע: הער זיך בעסער צו צום חלום, וואָס קומט צו דיר דורך די שפּאַרעס פֿון די פֿאַרמאַכטע לאָדנס. דו זאָגסט אין דײַן אַנומלטיקן בריוול, אַז די לבֿנה דרינגט אַרײַן בײַ נאַכט אין אײַער שטיבל, זי רײַסט זיך אַרונטער אונטער דײַנע וויִעס און פֿירט דיר חלומות אין קאָפּ אַרײַן. שיין חלומען גוטע קינדער. קוק זיך אײַן אינעם חלום, פֿאַרטרײַב פֿון זיך די פּאַפּירענע גלאַנצן. געדענק, איך בין תּמיד מיט דיר, איך ייפּיר זיך ווי אַ ריפּ פֿון דײַנע ריפּן, מלכּהניו — און דו, ווי פֿילסטו זיך טאַקע? ווען איך טראַכט פֿון מײַן מיידעלע, טראַכט איך פֿון איר געזונט און פֿון דעם ווילזײַן פֿאַר איר ריינעם הערצעלע. ווייס זשע, מיט נײַגיר קוק איך אַרויס אַלע מאָל אויף דײַנעם אַ ליכטיקן וואָרט, מלכּהניו.

דײַן אַבאַ-אַבֿרהם

סע שטאַמלט די בענקשאַפט

— — — אויב נישט דאָס אויגסט־ווינטל וואָס יאָגט זיך אַרום מיט אַ קוטשעראַווע פלאַקסענעם קאָפּ — סע זוכט מסתּמא אַליין ווו ערגעץ זיך אָפּצוקילן — וואָלט מען היינט דאָ נאָך אָפּגעקאָכט געוואָרן פון פאַרנעקייט. דער זומער איז שוין טאַקע אַוועק — נאָך אַ צוויי וואָכן און מ׳גייט אַריין אין טראַנס פון דער פאַרשקלאַפּערישער אַרבעט אויף אַ גאַנצן לאַנגן יאָר! ס׳וועט זיך אָנהייבן דער טריבער פריקרער ווינטער מיט אַלע נאָכשלעפּעניש. דערווייל איז נאָך רויִק ווי ס׳וואָלט געווען זומערדיקער חול־המועד, דאַרף מע זיך בכן אויף עפּעס „באַקלאָגן" פאַר אייך, איז זאָל זיין אויף דער שפּעטלעכער חמימה.

וואָס טוט איר אַציִנד? טשיקאַווע צו וויסן ניַיעס, טאַקע גוטע בשורות פון אייך, ליבער פריַינד. פון אונדזער נסיעה האָב איך אייך געשיקט אַ קאַרטל מיט דער לאַנדשאַפט פון דער געגנט ווו מיר האָבן פאַרבראַכט דאָס שטיקל צייט. מן הסתם האָט איר עס באַקומען. איַיער בריוו האָב איך מיט ציטעריקער פרייד געלייענט און שטילערהייט אים באַהאַלטן — פאַר אַ גליקלעכער דערמאָנונג. איך מיין, אַז מיט דעם בריוו צו מיר האָט זיך ביַי אייך געבראָכן „דער קריזיס", פון וועלכן איר גיט אָנצוהערעניש. איר וועט שוין אַזוי וויטיקלעך נישט בענקען. אַ מאָל וועט אפשר נאָך אַ ציטאָן אין דער נשמה, אַ ציִעניש צום אומבאַשטימטן. מ׳איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש. ס׳איז טאַקע שווער, צו מאָל אַזוי זיס דאָס וואָס מיר רופן בענקשאַפט, אָבער דאָך...

ווער ווייסט, אומרויִקער פריַינד גאַבי, ווער ווייסט ווען אַ געטריַיער ווינט וועט אייך ווידער אַ מאָל פאַרבלאָזן אַהער צו. זיַין אָפּנהאַרציק? טיף אין דער נשמה ווילט זיך אַז דער אומרו זאָל אייך נישט לאָזן לאַנג זיצן דאָרט אָן צו זיַין ווידער אַ מאָל מיט מיר, פונקט אַזוי ווי איך האָב נישט קיין רו אָן אייך. טאָג און נאַכט, ווען כ׳קען נאָר אַ מינוט זיַין מיט אייך, פרעג איך זיך: וועט מיַין איצטיקער ווונטש כאָטש האָבן אַ תקומה? וועט דער מלאך פון אייפעריקער נאָענטשאַפט אייך ווידער ברענגען צו... הלוואַי! דערווייל איז אַזוי וואַרעם אויפן האַרץ פון לייענען איַיערע פאַר אייגנהענטיקע ווערטער, וואָס אַזעלכע איך קוק אָפּט אויס מיט ניַיגיר און מיט אַ האָפן.

ריכטיק, יענעם אָנומלט איז עס געווען אַ ווונדערלעכע נסיעה. ניו

האַמפּשיר פֿאַררעכנט זיך (ווערליק לײַט טענהן) פֿאַר אַ ווינקל פֿון דער שווייץ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. דער גאַנצער קאַנט, ווו מיר האָבן פֿאַרבראַכט, איז ממש אַ צאַצקעדיק קינדער־דערפֿל. ערשט די אַרומיקע טיף־אַנגעוואָרצלטע וועלדער און די טאָלן! הײַנט די אָזערעס וואָס זענען ווי די שפּיגלען אײַנגעטיפֿט צווישן די בערג. אײַ, וואָס פֿאַראַ עכאָס סע טראָגן זיך פֿון דאָנעט! איר האָט דאָך געהערט ווי אָפֿט איך פֿלעג אײַך רופֿן, ווײַל אַלע מאָל געמוזט זען גאָביק, אמת? זאָגט די נעוואָרעט אַז — יאָ, כ׳געדענק. ס׳איז אַזוי פּראַכטיק ווי איך מאָל מיר ווידער אויס די געגנט ווו מיר האָבן פֿאַרברענגט עטלעכע זעלטענע וואָכן. וואָס פֿאַראַ תּענוג פֿאַרן אויג ווי פֿאַר דער נשמה. ווי ס׳וואָלט געווען ערשט נעכטן, דערמאָן איך זיך ווי אין מיר האָט אָפּגעהילכט אײַער האָפֿערדיקער ענטפֿער אויף מײַנע רופֿן: וואָאָרט, איך גיי־יי־יי, איך פֿלי שוין צו דיר, אַדאַ־אַ־אַ!"

איך מעג שווערן: אײַער נאָמען (און אײַך פֿאַרשווינלעך) האָט מען דאָ שוין אַנצייליקע מאָל דערמאָנט מיט גינציקייט. כ׳מוז זײַן אָפֿנהאַרציק: אַרויסרופֿן אין דמיון אײַער געשטאַלט איז מיר אָפּטלעך אַ גלוסטיקע איבעַרלעבעניש. וואָרן ווי לאָזט זיך פֿאַרגעסן אַזאַ פּשוטער, אוממיטלדיקער מענטש אין זײַנע האַנדלונגען און שמועסן! אַוודאי, ס׳איז דער וואָס איז אין געווײנטלעכע, וואָכעדיקע טעג אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פֿרעמדן פֿאַר אים קאַנט און אומדערוואַרט מיר אַ כּישוף אָנגעטאָן. אַ מאָדנעם הונגער אין מיר איבערגעלאָזט, אָבער אויך אַ מין בלענדנדיקע יומטובֿדיקייט צו גלײַך מיט אַ זיסן ווייטיק. ערשט גיי איך אויס פֿון דער ענגעניש בײַם האַרץ פֿון נישט צו האָבן פֿאַר ווערמענען אויסצודריקן די אַ זעלטענע שפּירונג. אויב דאָס געפֿיל איז בענקשאַפֿט, בין איך זיך מודה — צאַפּל איך נאָך אין דער וואָרהאַפּטיקער בענקעניש, ווי איר האָט עס אין מיר פֿאַרזייט, הגם פֿון אַזוינס און אַזעלכעס (ווי עס רעדט זיך) נישט אַרויסגעבראַכט קיין איינציק וואָרט. מוז זײַן, אַז דווקא דערפֿאַר נאָגט עס מיך. ווײַל כ׳פֿיל — כ׳וואָלט געשווירן אַז כ׳בין זיך נישט טועה — עפּעס קעגנזײַטיקס פֿאָרט זיך מיט מײַן הזעהדיקן בענקען. מחמת דעם קלינגט איצט פֿאַר מײַן געהער שאַרסטיק, פֿרעמד מײַן א י ר צ ן ד י ך. איר — דו! דאָס קרעמפּעוועט מיך ווייטיקלעך אָפֿילו אין די דאָזיקע אויפֿגעשריבענע שורות. אלאָ דער אַרטיקולירטער ד ו גיט מיר אַ נײַעם שטראָם לעבן; דו ביסט מיר אייגן. איך קען שוין אַנדערש נישט רעדן צו דיר... כ׳האָף דו וועסט מיך פֿאַרשטיין און אַוודאי זיך נישט ברוגזן פֿאַר דעם, וועסט באַנעמען וואָס סע טוט זיך אין מיר אין אַנבליק פֿון דעם וואָס טראָגט

דעם נאָמען גאַבי, כאָטש הייסן הייסט ער גבריאל שטײַנהאָלץ. קלאָר, איך מוז עס ענדלעך אַנטפּלעקן; כ׳מוז עס הויך אַרײַנסודען אין דײַן מהות, גאַבי טײַערער. טאָקע מחמת דעם איז מיר פּײַנלעך זיך צו ווענדן צו דיר ווי אַ... ווײַטע.

כ׳וויל האָפן אַז דו באַשטייסט אויף אונדזער נאָענטקייט. סײַ ווי ציטערט מײַן ברוסט אין שטאַרקן אומרו. סוף־סוף מוז איך וואַרטן אויף דײַן באַווייליקונג. סײַ ווי — מער קען איך שוין נישט א י ר צ ן דעם חבר פון מײַן געפּרוּווטן האַרץ און האָפן. ווייס: דאָס סאַמע וואַרטן בין איך נישט אין שטאַנד אַריבערצוטראָגן, מחמת דעם געפּיל וואָס צאַפּלט אויף בײַם אַרויסקומען מיט אַזאַ ווענד צום מענטש וואָס איז בלוט־נאָענט פון מײַן מהות. די שעהען פאַר דײַן אַוועקפאָרן פון דאַנעט האָבן עס אומ־צווײדײַטיק מיר מגלה געווען מיט דראַסטישער אָפנקייט. איך קען מײַנע רייד נישט הילן אין טיולן. די ביז איצטיקע ברייוולעך צו דיר, וועלכע דו פאַרהוילסט מסתּמא פון די דײַניקע, האָבן מיך אין דעם איבערגעצײַגט אַן איבעריק מאָל. ניין, איך בין זיך נישט טועה. דער אַליין־קאָנטראָל זאָגט עס מיר. איך מוז סוף־כּל־סוף, כאָטש שעמעוודיק, דיר אַנטפּלעקן מײַן גלייקן סוד. ווײַל ער פאַרצערט מיך שוין. עס טוט מיר ווײַ למאַי איך מוז נאָר רעדן צו די קאַלטע ווײַטן; כ׳מוז זיך וואַרגן מיט טרערן אַנטקעגן דעם ברייוו־פּאַפּיר וואָס דאַרף ווידער דערגיין צו דיר.

כ׳איז אפשר אַ משוגעת מײַנער. זײַ מוחל. אָבער ווייס, דו האָסט זיך מיט געגענזנדיקער צאַרטקייט אַרײַנגעוואָרצלט אין מײַן געביין. איך בין שוין נישט בכוח צו פאַרהוילן דאָס געשריי פון מײַן בלוט וואָס געגעענט דמיונגדיק צו דיר; יאָ, צו דיר רעדט מײַן בלוט מיט אַלע זײַנע זאַפּטן. כ׳מוז זיך דעריין מודה זײַן. ס׳איז שוין דערגאַנגען דערצו אַז כ׳קאָן קיין איינציקן טאָג נישט אויסקומען אַז כ׳זאָל אין ממשות, געגנויער, אין מײַן זעעוודיקן דמיון נישט שפּירן בולט דײַן בײַזײַן. צו מאָל הער איך דיך. ערשט דאַרפסטו מיר ענטפערן צי איך זאָג ליגן. זיכער, אויך דו דאַרפסט שפּירן מײַן זײַן אין דײַן נאָענט. איז, ענטפער, גאַבי טײַערער, מעג איך דיך נאָך אירצן?? לענגער נאָך אָנהאַלטן כּלפּי דיר אַ קינסטלעכע מחיצה? די הויט רינצלט מיר בײַם טראַכטן דערפון. לשם וואָס? איך קען נישט טראַכטן דערפון.

...אַציגד לייג איך דאָ אַרײַן אַ יונג ווייך צווײַגשפּראָצל פון ד יי ן ב יי מ ל, אויף וועלכן דו האָסט זיך ליבלעך פאַרקוקט אין באַטאַנישן גאָרטן. ווו מיר האָבן פאַרבראַכט איידער דו ביסט אַוועקגעפאָרן פון דאַנעט. זײַ נישט ברוגז, למאַי אַ פרוי שטורעמט דײַן האַרץ וואָס איז געזעצלעך

שוין פֿאַרנומען פֿון אַן אַנדערער, וועלכע האָט דיך פֿאַרהיימישט מיט אייגענע פֿיר ווענט און מיט אַ באַזונדערלעכן עול. דעם שטורעם, מוז איך ווידער אַ מאָל זאָגן, האָסטו אין מיר אויפֿגעוועקט, ווען ער איז געלעגן אין טיפֿן דרימל. אָך, ווי די דריבנינקע בלעטעלעך שמעקן פֿריש! לאָמיך האָפֿן אַז דו וועסט אין גיכן זיצן אין שאָטן פֿון דעם נײַעם יונגן ביימל און דערמאָנען מ י ד, געדענקען אַזאַ און אַזאַ. ס׳וועט זיך צעבליִען, דײַן ביימל, סע וועט זיך פֿונאַנדערצווײַגן, צעבלעטערן מיט געזונטן גרי־נעם בלוט. אין מײַן דמיון האָב איך עס שוין אַפֿילו אַרומגעגראָבן מיט אַ כּישוף־קרײַז אַז עס זאָל זיך בשפֿע צעוואַקסן — דיך דערפֿרייען און וועסט ספּאָנטאַן אַרויסמורמלען צו דײַן אייגענעם אַנגעדאַרשטיקטן געהער: „ס׳איז אַ וואָרצלדיקע איידלקייט, די גוטע אַדאַ. גאָר, גאָר אַ ווילע! איך וואָלט בײַ נײַס געוואָלט פֿילן און הערן איר קלוג קול — —“ פֿון דײַנעט וועגן וועל איך גופֿא הײַנטיקן האַרבסט פֿאַר אונדזער שטוב פֿאַרפֿלאַנצן אַ ביימל פֿון צאַרטקאָליריקע פֿרילינג־בלומען און וועל עס זאָרגעוודיק באַשיצן פֿון די קומעדיקע שאַרפֿע קעלטן. כ׳וועל צוהיטן ס׳ביימעלע אין שפּראָץ און ציטעריק וואַרטן ביז עס וועט אויפֿבליִען. מיט דײַן בליק, וועלכן איך הער נישט אויף צו וואַרעמען, וועסטו די יונגינקע בלומען באַלײַכטן מיט דײַן שטראַליקער קלוגשאַפֿט, מיט די חנען פֿון דײַן כּוח, מאַן פֿון מײַן חלום!

שרײַב מיר פֿון זיך, וואָס דו טוסט און וואָס סע טוט זיך אַרום דיר. וואָס מאַכט דײַן גערעאָטן טעכטערל? און וואָס הערט זיך בכלל אין דײַן שטוב? דו פֿאַרשטייסט וואָס איך מיין. נישט וויכטיק מײַן פֿרעגן? מיר וועט זײַן גוט אַז דו וועסט לאָזן הערן פֿון זיך: וואָס דײַן האַרץ באַגערט, וואָס דו האָסט בדעה צו טאָן להבא, און טשיקאַווע — וואָס דיר חלומט זיך. געדענק: איך נײַג צו מײַן געהער צו דײַנע ווײַטן, טײַערער פֿרײַנד גאַבי. אמת, איך רעד פֿון אַ דערדריקטער ברוסט. האָב נישט פֿאַראיבל פֿאַר מײַן פּלוצלינגן געטרער. לאָז נישט אַרויס פֿון זינען: אַ געשלאָגן געמיט ברענט פֿון בענקעניש דיך ווידער אַ מאָל צו זען מיט אַ שמייכל אויף דײַן מויל.

*

ליבער גאַבי, ביסט אויך דאָס מאָל נישט געקומען זיך אָפּרוען אין אונדזערע מקומות. קלאָר, ביסט איבערן קאָפּ אַרײַנגעטאָן אין עול אָפּצוטאָן זאַכן וואָס מאָנען דײַן אויפֿמערק, דײַנע כּוחות. ביסט פֿאַרהאָרעוועט פֿאַר ווײַב און קינד. נישט לײַכט זיך אַרויסצורײַסן אין אַ ווײַטן וועג. ווען בײַ אײַך שטייט דער גרויסער אינדערוואַכן. מיר דאָ לעבן אין אַ פֿאַרקערטער

וועלט. אונדזער זומער איז נישט לאַנג צוריק פֿאַרפֿלויגן אין חמימות, דושנעקייט. אַצינד שטייט פֿון ס'נײַ דער חודש מײַ אונטערן בלייך אויס־געלויכטענעם הימל. די זון לענגערט זיך נאָך קיל איבער די אַנסופֿיקעברייטן. זי באַהאַלט זיך אָבער גיכער ווי פֿריִער. אין דער לופֿט הענגט דער צײַטלעכער האַרבסט. איבערן קאָפּ טראָגן זיך עפּטערס טריבע, וואַסער־דיקע רקיעים. מײַן גאָרטן הינטערן פֿענצטער קאָרטשעט זיך שוין אין וועלקונג. וואָלקנס קלײַבן זיך איבערן הימל, וואָלקנס מיניען אין שײַן און שאָטנס. אָקערשט לויערן שוין שאַרפֿע ווינטן, ס'וועט רעגענען, ס'וועט נעמען שווער כליאַפּען; ס'וועט ברומען און קײַכן דער ווינט, דער שנײַדיק ווינטערדיקער ווינט, וואָס יאָגט אָן פֿון צפֿון.

האַרבסט־זשאַוועך פֿרעסט שוין די בלעטער, דערווײַל ליכטיקט נאָך אַ מאָל דער לינדער, שקאַצעוואַטער, זוניקער ווינט. ער קריינט נאָך זוניק דעם קרוין פֿון בוים און ר'צינדט אין שקיעה די גראָע לופֿט.

*

אויף זשאַוועררויט פֿענדזלט דעם טאָג דער אַרגענטינער מײַיקער האַרבסט. פֿון גלײַקער בענקשאַפֿט ווערט קראַנק די פֿרוי אינעם ברייוול וואָס איז איבערן ים פֿאַרטראָגן געוואָרן צו דעם יוניקן פֿולזומער, וועל־כער שטאַמלט נאָך אַצינד, כאָטש אַ פֿאַרשפּעטיקטער, איבער די דולע מרחקים.

קופּערוויט איז דעמאָלט הייס אויף דער קאָפּ פֿון דער ליבער, וועלכע וואַרט, אַ פֿאַרצערטע, אַ טרייסטנדיקן ענטפֿער פֿון א י ם, וואָס קען נישט ווידער אַ מאָל זיך אָפּרײַסן פֿון זײַנע עולן וואָס מאָנען האַרטנעקיק: גאָבי, גאָבי, דײַן היים האָסטו מיט שווייס אויפֿגעבויט, מיט דײַן שווייס מוזסטו זי אָנהאַלטן, דײַן היים.

די בענקעניש צו דער ווײַט, דאָס האָפֿן אויף דיר אין דער ווײַטער ווײַט איז וווּנדערלעך שיין, ווײַל אמתדיק, עכט, אלא דו קענסט פֿון זיך נישט אָוועקגיין, גאָבי. בשום אופֿן נישט. דײַן ווײַטע פֿרײַנדין איז באמת זעלטן איידל; איר צאַרטע בענקעניש איז אָן ספֿק ריין און תמימותדיק, אַזאַס איז כּדאַי צו באַוואָרן אין געדעכעניש מיט ליבשאַפֿט.

גאָבי, פֿאַרבאַהאַלט אין דײַן האַרץ דעם דאָזיקן אוצר. ביסט אמתדיק באַרײַכערט געוואָרן פֿון דער דאָזיקער צעשטאַמלטער בענקשאַפֿט וואָס וואַרעמט דיך נשמהדיק, מחמת זי שטראָמט פֿון כּישופֿדיקע קאַנאַלן.

1986

אין מיקלאָמפּערשטן שמייכל

מיר איז אומעטיק. אַ משא דריקט דער ברוסט. פֿאַר וואָס? טאָקע דאָס פֿרעג איך זיך אַליין. אָבער דער ענטפֿער שיילט זיך אַרויס, קאָנ־וואָלסירט אין כמה ספּערעס, אלא ער איז עפּעס נישט דרייסט אין גאַנצן אַרויסצושטעקן זײַן קאָפּ, דער ממשדיקער ענטפֿער. און דער אומעט טאַ־טשעט, געפּלט אָן דעם זינען. שאַרפֿער אומערט עס אין מיר, ווען כ׳וויל דווקא געפֿינען דעם ענטפֿער אויפֿן אייגנטלעכן פֿ אַ ר וו אָ ס.

אַ, איך כאַפּ זיך שוין. ס׳איז מסתמא דערפֿאַר, ווײַל די שטאָט און איר טומל וואַלגערן זיך אָן אויף מיר מיט אַ בייזן כוח און מיט — ערמה. זי איז אומגעהייער גרויס, די שטאָט, און זי קומט דיר אַנטקעגן מיט שוים אויף די ליפּן; זעלטן שמייכלט זי צו מיר מיט צוזאָג, באַשר דער מענטש וואָס עוסקט זיך אין אירע פֿאַרבאָרגנסטע אינעווייניקייטן, וועט אָט־אָט אַרויסקומען אויף ד׳ער שטאָטס העכסטן טורעמשפּיץ מיטן כּישוף פֿון גע־נעזנדיקן וואָרט. ס׳וועט זײַן אַ בשׂורה־טובֿה, אויף וועלכער עס וואַרטן שוין אין זייער דערנידערונג לאַנג־לאַנגע דורות. אויף אַ דערלייזונג וואַרטן אַלע, אַלע, נישט נאָר דו אַליין. אין דער אָ שטאָט, אין אַלע שטעט, איז דיר ענג, סכּנות ענג, נישט געקוקט אויף איר אומאָרומנעמלעכער גרייס און הייך. קלאָר, ד׳ער ,דערווײַל׳ (ביז דער נשמהדיקער גענעזונג) ציט דיר אויס דעם קליי פֿון די ביינער.

*

ס׳איז גאָלע וואָר. די שטאָט האָט שווער אַנידערגעזונקען אַנטקעגן דײַן פּנים און עס שטאַרק אויסגעבלײַכט. מחמת איבערשרעק פֿאַר איר מאַכ־טיקייט האָט זי דיך געמאַכט אויפֿציטערן, — פֿליסטערט מיר אין די געהירן: אַרײַן די אומגעריכטע טרייסט וואָס ווערט געבוירן באַגלײַך מיטן בן־אדם. סע טרעפֿט אָבער אויך, אַז זי הייבט זיך אויף, די שטאָט, און טראָגט דיר אַנטקעגן אַ מיקלאָמפּערשטן שמייכל. אלא אין גיכן ווערט בײַ נײַס דיר ענג, קוקסט אויף איר מיט איבערדריסיקייט, ווי פֿריִער, מחמת איר אומאָרומנעמלעכער גרייס און איר פּרײַכן ווי אַן איבערגעהאָרעוועטע בהמה, אַן אײַנגעשפּאַנטע אין יאָך. אוודאי, דער כרך איז געשטראָפֿט מיט דער אומרויִקייט פֿון אַ גיגאַנט וואָס אים איז פֿײַנלעך צו שלעפּן זײַן איי־גענעם איבערגעוואַקסענעם גוף.

זי איז אַ געשטראָפֿטע, די גרויסשטאָט, פֿאַר איר צעוואַקסנקייט. אירע מויערן זענען מיינסטנס באַשאָטן מיט שקראָפֿול־ווונדן. דאָס זענען סימנים

פֿון פֿריצײַטיקער עלטער, אַזוי אויך די קנייטשן רונצלען אויף איר פּנים, וואָס זי וויל זיי פֿאַרהוילן מיט פֿאַרבן־שמינקע און צעמענט־לאַטעס, ווי אויך מיט קאַלעך־ליכטיקייטן וואָס רײַסן ממש די אויגן פֿון אירע וועגט.

אמת, אמת, דאָס לײַב פֿון דער שטאָט איז דאָ און דאָרט אויך פֿאַר־קריפּלט מחמת איר אוממאַכטיקייט. אומגעריכט שטאַרן אַרויס אומגעלומ־פּערטע אבֿרים פֿון אירע גאַסנראַגן, געסלעך און ליקן; ברייטע און שמאָלע זענען די ליקן, אויך קרומלויפֿנדיקע וואָס רײַסן זיך אָפּ ראַפּטעם. אַ מאָל כאַפּט דיך אַ פּלוצלינגער סקרוך איבערן חוט־השדרה פֿון איר ליאַרעמען קולי־קולות אויפֿן ווי צוליב דעם דיסהאַרמאַנישן אַנוואַלגער פֿון רויער, שטײַפֿער מאַטעריע, צעמענט און אײַזן־בעטאָן וואָס זענען געבליבן שטיין גולמדיק רוי אויסגעגאָסן. זעלטן רופֿט אַרויס אַן אומגעריכט שטוינען אויך אַ שטיק צעשפּילטע אידילישקייט אין מיטן דעם אַ חולה־נופֿלדיקן, רעוועג־דיקן חומר. אָט אַ גייט טאַקע אַן אַנטקעגן פֿאַרגאַפּט אַן איידל אויסגעציקל־טער הויכער טורעם איבער אַ צירלעכן דאַכקאַרניז. ס'איז פֿון אַ באַשײַמ־פּערלעך נגידישן דורות־אַלטן מויערל, אלאַ אַ ביסל אַראָפּצו־צו, ווי אין מיטן לויפֿן האָט באלכסן זיך אַנגעשפּאַרט אין צעיאַכמערטער מידקייט, פֿאַרשײַט זיך אַראָפּגעזעצט אַן אויסגעשפּרייטער, אָרעמאַנסקער מאַרק מיט יאַטקע־ריח, מיט איבלדיק פֿאַרלעגענע ציבעלע־הויפֿנס און קרויט־וועל־קעניש. צו להכעיס דווקא דאָ, טראָגט זיך אַ וואַלוועלער טומל אויסגעמישט מיט אַ נאָענט־דעמפּנדיקן סיקען פֿון פֿלייש־געבראָטנס, וואָס זײַנען בלוטרויט־קייט נעפּלט זיך אין רויך אויף אַ טשאַדנדיק שײַטערל, סע קאַפּטשעט אין מיטן טראָטואַר. אין סאַמע געשטאַלפּער פֿון מענטשן און אײַלנדיקע לאַסט־וועגענער און טאַקסיס גרייטן בײַ אַזעלכע שײַטערלעך זייער מיטאַגמאַל גאַסנאַרבעטערס. נישט־ווו, נישט־וועז איז צעגראָבן די ערד די מיטנשטאַ־טישע, וואָס אַנטקעגן שווערע, הויכע מויערן פֿלעמלען זיך, רייכערן די אויפֿ־געברענגטע שײַטערס, אויף וועלכע סע סיקעט דאָס אָרעמע געבראָטנס. דווקא אַריבער די צעגליט־טרעשטשנדיקע קעפּ פֿון די אַנגענעפּלטע פֿײַער־הויפֿנס גלימערט אַראָפּ צו דער ערד אין איר פֿולן שימער די ברייט־צע־עפֿנטע מיטנטאָגיקע חמימהדיקע זונבלום.

דער זונגלי בעלמעט איבער דעם פֿון טורעמשפּיצן צעפּאַסעוועטן הימל, אָבער נעבן די שײַטער־נעפּלען נייגן זיך, זענען נוטה אָט אַ זיך אַנידערצוקנײַען די באַיאָרנטע שכנותדיקע מפֿולתן פּנים־אל־פּנים מיט די נײַ־אַרויסשפּרינגנדיקע גולמדיק־שטײַפֿע וואָלקנקראַצערס.

ווייי, ווי שפּל ס'קען פֿאַלן דער מוט פֿונעם יורד! אָבער דאָך... וואָס פֿאַרא קלאָג ס'איז צו הערן ווי די תּמימותדיק זשמורנדיקע, פֿאַראָרעמטע

מויערלעך קוקן מיט ביטול אויפֿן מיקלאַמפּערשט אויסגעקליגלטן אור־באַניזם. לכאורה ווײַזט אויס אַז עס וואָלט זיי, די זקנהשע מויערלעך מיט די געשניצטע באַלקאָנען, געוועזן פּריקרע צו באַגעגענען לפּחות מיט אַ קאָפּשאָקל דעם צעיאָכמערטן יונגן אינזשיניער הלמאַי ער האָט די העזה נישט אַרויסצוווײַזן צו מאָל אַ מערקלעכן דרך־ארץ פֿאַרן קינסטלער־אַר־כיטעקט, דעם יישובֿ־הדעתדיקן, קלוגן לערער פֿונעם נישט גאָר ווײַטן אַמאָל. אַדרבא, טענהט זייער מינע, זיי מעגן בלויז אַ קוק טאָן אויף זיי. די כּלומרשט אַלטע געביידען, ראָקאָקאָ, רענעסאַנס, צי אַפֿילו דער קאָלאָ־ניאַל־סטיל — איז דען נישט שענער, יוסטער, באַקוועמער ווי דאָס אָקער־שטיקע, פֿילשטאָקיקע אויפֿשטאָפּלען צימערלעך־שטײַגן מיט ענגע ווענט און נידעריקע באַלטנס?! אַך, אַך, ווי זיך פֿאַרזינדיקט אַנטקעגן די שיינע נעכטנס! — פֿאַלט אַ רײַסיקער קרעכץ אויפֿן געשען וואָס ס׳געשעט ה יי נ ט אין שטאָט. אלאָ אַקעגן דעם שאָטן פֿון די אַלטע מײַסטערס מוזן די מאָדערנע בויערס פֿון פּתאום־ורעמסס סוף־כּל־סוף אָפּקערן דעם בליק און, זיך צוריקציִען מיט הכנעה.

„אַנגעשטאָנען אַנדערע צײַטן. ווער קען בעצם באַנעמען זייער גאַנג, דעם שׂכל פֿון זייער דרך!" — וויגן זייערע שטויביקע קופּאָלן־קעפּ, אויך די ווינקלדיק־פֿאַרטונקלטע ווילעס מיט די ווענעציאַנישע ברייטע פֿענצטער, באַשאָטנטע פֿון גרויסע, באַיאָרנטע, שוין וועלקנדיקע פּאַלמעס־זקנים.

ס׳איז האַרץ־רײַסנדיקער, דערשטיקטער גוואַלד קעגן דעם אומשׂכל, וואָס עס פֿלאַסטערט אָן מיט גאווה די גראָבהויטיק־פֿאַרריסענע אומסי־טעריע. משמעות, ס׳איז שוין אַנגענומען געוואָרן אַזאַ שיטה, אַ באַגינציקטע פֿון די פֿאַרטרודטע וואָס זענען נכבע אַנטקעגן דער אייביקער שיינקייט.

*

אומרו איז דער דערקען־צייכן פֿונעם כּרך, וואָס צאַפּלט, זידט און דרייט זיך אין קראַמפּן. דער אומרו שנײַדט זיך אַרײַן אין דיר מיט זײַנע ריפּן, מיט די שפּיציקע עלנבויגנס און שטעכיקע נעגל. שוין שווערע קאָנטורן פֿון דעם מאָדערן־נײַעם ווײַזן זיך שאַרף אין דער ווײַט און סע שרעקט דער אַנבליק פֿון זײַן אומגעהייערער מאַסיוויקייט.

און אומרו האָט די טבֿע וואָס ער שפּאַרט אָפּט מאָל מיט אומגעריכט־קייט, ר׳מאַכט זיך געראַם אין דײַנע דלת אמות. די גרויסשטאָט איז כּלל נישט סובֿל קיין אייגנגעפֿיל, יחידות. זי פּראַלט, לאָזט נישט קיין צײַט זיך צו פֿאַרטראַכטן. זי האָט ליב זאַכן גיך אָפּגעטוענע, מעשׂים זענען איר באַטור, סטיכיע איז איר אויסטערלישע אייגנשאַפֿט. זי איז אומגע־דולדיק, זי באַגערט תּיכּפֿדיקן נוצן ווי דאָס טעגלעכע ברויט, נאָר וואָס

אַרויסגערוקט פֿון בעקעראויוון. מערערע מאָל אין טאָג פֿריש אויסגעבאָקן, רייצט דאָס ברויט איר גומען, כאַטש עס פּרעסט אויף די אײדעלע װענט־לעך פֿונעם מאָגן צו גלײַך מיטן בייז וואָס עס טוט דעם מאָגן דער שאַרפֿער בראַנדוויין. אַלטגעבאַקנס איז נישט מ אָ ד י ש פֿאַרן אײַנ־שטעל פֿונעם כּרך וואָס אײַלט זיך תּמיד. ר׳האָט ווינציק זין פֿאַר פֿאַר־טראַכטן זיך. ר יי ך איז דער זיווג פֿון שטאָטישן אימפּעט. מיט איר הייסן אָטעם פֿאַרברענט זי, די שטאָט, יעטוועדן אויפֿשפּראָץ פֿון צאַרט־קייט. זי פֿלאַמט תּמיד און עס קאָכן אירע אינגעווײדן, זענען רק זשעדנע דעם פּרעס. אַפֿילו דעמאָלט ווען זי ווײַזט אויס צו ליגן פֿאַרטועון אין שלאָף, וועלכער טונקלט אָן דעם אַרום מיט סודותדיקייט, מיט אַ וואַרטן אויף עפּעס וואָס קען קומען אַ ליאַדע רגע, צו מאָל דעמאָלט איז זי גערן כאַפּן אַ פּרעס.

קענסטו שפּירן וואָרהאַפֿטיקע ליבשאַפֿט צו אַזאַ באַשעפֿעניש וואָס רופֿט זיך גרויסשטאָט? אין אמתן איז זי אַן איבערגעפּרעסן חזיר, וואָס קאָן זיך שוין נישט רירן פֿון אָרט מחמת איר שווערן בויך, וועלכן די אייגענע פֿיס קענען קוים טראָגן. אָפֿט מאָל ווײַזט זי זיך ווי אַ פֿאַרזעעניש, וואָס טראָגט נאָך אויף זיך דעם מאָך־שימל פֿונעם טיף פֿאַרוואָקסענעם אורוואַלד. דער כּרך, צו וועלכן סע ציט מײנסטן דעם מענטש פֿון פֿאַר־וואַרפֿענעם העק, האָט צו מאָל נישט קיין סאָלידן געשטאַלט. אָט ווײַזט ער זיך אַ ריז אין זײַן ספּקדיקער גבֿורה, מחמת ער האָט צו פֿיל „פֿלייש" אויף זיך, דערפֿאַר אויסגעשטעלט בײַ אַ ליאַדע ציטער זיך צעשיטן ווי אַ באַרג אַש. אויך זײַן שיינקייט איז אַ הינקעדיקע, ווײַל ספּקדיק איז איר עכטקייט. און זי שטאַמלט, די גרויסשטאָטישע שיינקייט, מחמת זי האָט אַ מויל מיט צעשטשערבעטע, פֿוילע ציין. למראית־עין איז דער גרויס־שטאָ־טישער גוף יוסט געפּאַנצערט אין אַספֿאַלט, אין אײַזן־בעטאָן, אין אמתן איז זי אַ קריפּל, נישט גאָר שלימותדיק איז זי אויסצוהיילן מיט אינזשי־ניערישער כירורגיע. סײַדן, סײַדן מע זאָל זי, אָן אײַנזעעניש פֿאַר איר צעוואָקסנקייט, אַראָפּוואַרפֿן פֿון אירע מישטיינס געזאָגטע גדולות, אַראָפּ־רײַסן אירע מגושמדיקע מויערן, פֿון די קאַרניזן אונטער די דעכער ביזן גרונט פֿון אירע וואָרצלען. אַראָפּראַמען אַ סך, אָפּווישן אַל דאָס איבעריקע און זי איבערבויען מיט קלאָרן שׂכל, מיט געפֿיל פֿאַרן מענטשלעכן האַרץ, וואָס איז קראַנק פֿון באַשטענדיקן אומרו. ווײַל אומרו איז נאָר אַ שטאָ־טישע מחלה.

מיך שרעקט די אָנגעזוירענע צעוואָקסנקייט פֿון דער שטאָט. ערשט האָסטו אַ ראיה: אָט האָט אומגעריכט זיך פֿאַרגאָפֿט אַ שטיל געסל מיט

נעימתדיקע טרוימעריש־גרינע גערטעלעך, וואָס קוקן אַרויס פֿון שײן אויסגעציקלטע, כּאָטש אײַזן־געבויגענע שטאַכעטן. אָבער ווײ, אויף דער אָרנטלעכער באַשיידנקייט יאָגן באַלד אַרויף הויך־אָנגעראָשטשעטע מויערן מיט אַ סך נידעריקע, פּלאַטשיקע פֿענצטער, ענג צונויפֿגעוואַקסענע שורות פֿענצטער וואָס זשמורען לעפּיש מיט פֿאַרבלענדטע אויגן. די גמאַכן האָבן, משמעות, געאָנט, אַז זײ וועלן פֿון די הויכע גאָרנס גרייכן צו ברייטע האָריזאָנטן, צו זייער ליכטיקער שײַן. אָבער וואָס מיר ליכט, ווער מיר ליכט פֿון די קאָסמישע ווײַטן, אַז אויף זײ גרײַפֿט אָן דער האַסטיקער אָנגעלויף פֿון אַנדערע, אימפּעטיק אַרויפֿגעשאָסענע הויכע מויערן מיט מערערע פֿענצטער־בעלמעס?! נישטאָ פֿאַר דער תּמיד להוטער שטאָט קיין דוגמאָ, אויך נישט קיין סוף צו איר אויסשפּרייט און איר הייך. איז אומזיסט דער חלום פֿון די שלענגלדיקע שמאָלע געסלעך וואָס שימלען אין ענגשאַפּט און שטויב. אויך זײ האָבן דאָך בדעה געהאַט להבא אַליין צו ווערן אַ נ ד ע ר ע גאַסן, לופֿטיקערע, ווײל צעוויגטע פּראָספּעקטן מיט ביימער־אַלייען און בעל־הבתיש צוגעקליבענע, טאַקע אויך ריינער ווי זײ זענען געבליבן עד היום; טאַקע צו ווערן סימעטריש־געשניטענע גאַסן, באַדאַי צופֿוסנס מיט צעמענט־געגאָסענע הײַזער־בלאָקן וואָס פֿאַרהוילן אין זייערע ווענט נאָר פּלאַנירטע דושנע צעלעס ווי פֿאַר מאָנאַסטירן. ס׳איז גוואַלד צו שרײַען פֿון דער אַ אָנגעוואַלגערטער ענגעניש, אַפֿילו אויך שוין אין די באַעוולהטע געסלעך.

אַזאַ אימפּעט וואָס איז אויפֿגעצווונגען דער שטאָט, איז אַ נײַמאָדישע וואָרע תּפֿיסה פֿאַר דער נשמה פֿונעם בן־אָדם, וואָס איז אַ דולער אַוועק פֿון זיך. אַן אײַנגעמידטער איז ער סוף־סוף אַוועק מיטן לעצטן ביסל כּוח און זיך אַרײַנגעבאָדן אין דער גרויסשטאָט אין אַ פּרווו זיך צו ראַטעווען פֿונעם בלינדן אומרו. ס׳אַן אומגליק דער גאַרטל, וואָס האָט אײַנגעקרעמפּעוועט דעם שטאָטישן מענטש!

ס׳איז ענג דעם מענטש אין דער הויך און ברייט פֿונאַנדערגעבויטער שטאָט. דו האָסט ליב די ליאַרעמדיקע, די אומגעכאַכלטע, צעוואָקסענע גרויסשטאָט מיט די בלענדיקע נאַכטליכטער? מיך שרעקט די מיקאָמפּערשטע גרויסקייט אירע, מחמת דער פֿאַרטײַבנדיקער רעש און זודיקער געאײַל צעדריוולט דאָס האַרץ און די נערוון ווערן ברוטאַל צעטראָטן. אַז כ׳קוק אויף אים, דעם משונהדיקן קאָלאָס, כ׳פֿאַרנעם זײַן אומאויפֿהעריקן געטומל, ווערט מיר אַנגסטיק. כ׳ווייס שוין: דאָס שמייכלט ער צו מיר אין ערמה מיט זײַן מיקלאָמפּערשט שיינעם שמייכל.

1977

אין זונבלענד

ווידער אַ חמימה־טאָג.

דער זומער שטייט אָקערשט אין זײַן גאַרן בלענד, זונפלאַכטעס, שאָטנ־שירעמס. הייס ווייעט עס אין דעם צעשטרעקטן הוילן דרויסן.

דער הימל לענגערט זיך אין טיף אויסגעוועלבטן בלאָ. דעם ים אַנטקעגן ליגט סודותפֿול לאָקנדיק דער פֿאַרגולמט־שלעפֿעריקער זון. דאָך ברענט זי, די זון, בראַט און שפּיגלט זיך, מיניעט אויף די רוקנס פֿון זשוואַווע יוירנדיקע כוואַליעס וואָס זידן, שטורעמען און זינגען אַ פֿאַר־עקשנט לײַדנשאַפֿטלעך געזאַנג.

איבערן צעפֿאַליעטן בלענד פֿון אומענדלעכן זאַמדפֿעלד וואַלגערט זיך דער מענטש אַן אַנטבלויזטער, אַ צעשלאַבערטער, אָן שום קלאָרן באַגער. אין זײַן בלוט טליעט דער איינציק צולײַכטנדיקער חשק נאָר צו שלינ־גען פֿליאַזמעס זון, אָנפּרעסן זיך מיטן צוזאָגנדיקן אולטראַ־וויאָלעטן ליכט וואָס גיסט זיך פֿון די הייכן, פֿון די מיסטעריעזע אומפֿאַרשטענדלעכקייטן וואָס ער איז צו מאָל נישט נוטה צו וועלן זיי פֿאַרשטיין. ר׳וויל גאָרנישט וויסן, גאָרנישט הערן. פֿאַרגעסן, פֿאַרגעסן. רק ער שטרעקט זיך צום חומר־דיקן כּוח וואָס ער איז זשעדנע, בלינד זשעדנע, דער אויסגעטוענער פֿון אַלצדינג, דער מענטש. ער וויל זיך אָנטרונקען מיטן יאָד, מיטן פֿאָספֿאָר און מיט זאַלץ פֿונעם ים, פֿון דער לופֿט און מיט דעם וואָכן געדענקען אַז ס׳איז אויסגעמאַרכט זײַן גוף.

„רו, רו. שטײַף אויף דײַנע אַקסלען פֿאַר דײַן מידן קאָפּ!"

אָר־וואַ־אַאַ, אַפֿילו דער בוים מיטן שיינעם קאָפּ און זײַן דערפֿרישנ־דיקער אָטעם איז אים אָצינד „אויסן אויג און אויסן האַרץ". שטאַרקן די גלידער, אָנגיסן זיך מיט כּוח פֿאַר יאָרן־באַנײַטקייט איז ער להוט.

יוי די צײַט לויפֿט, ווי ער עלטערט זיך. אויף אָן אמת נאָך גאָרנישט באַוויזן צו דערגרייכן. ער מוז זיך אָנשעפּן מיט נײַעם ווילן צום לעבן. ער מוז אַ סך דעריאָגן.

יאָ, דעם מענטשנס קערפּער איז ערשט דער געביטער איבער אַלץ מיט אַנאַנד. אין רשות פֿונעם גוף שטעלט זיך זײַן רצון און דער געדאַנק. אינטענסיוו איז אָנגעשפּיצט די שאַרף פֿונעם אינסטינקט און עס וואַרפֿט זיך אים צו די פֿיס דער אָנגעשטאָפּטער, דער אָפּגעציטערטער בײַטל מיטן געלט. אמת, אמת. דער עגלטבײַטל לײַכט דעם אויסגעדײַוועטן בן־אָדם:

— ער מוז זיך ראַטעווען. ער וועט געפֿינען אַ ריכטיקע תּרופֿה. די־

זונבעדער וועלן זײַן דער אַדערויף. דערנאָך וועט אַ גוטער דאָקטער אים צוריקשטעלן אויף די פֿיס. ערשט גלייבט ער דערין. ר׳שפּירט עס מיטן גאַנצן האַרץ. אַצינד איז דער שעת הכּושר אַרײַנצוכאַפּן גענוג זונבעדער. ר׳פֿילט עס נישקשהדיק זינט די זונטעג אויף דער פּליאַזשע. ר׳מוז זיך נאָר היטן פֿאַר אַ זונשטאָך. די הויט איז דאָך שוין אַ ביסל צו פֿיל פֿאַרברענט. ער וועט מער אײַנדעקן די שפּיץ אַקסלען. זיי כאַפּן אַ זענק אַ ליאַדע־וועץ. די זון שמייכלט אים צו גינציק און דער מאַכטיקער ים ברומט אונטער, ער לאָקט צו מאָל מיט צוזאָג, כאָטש ער שרעקט אָן אויכעט:

„געלאַסן. איך בין טאַקע גוט. פֿון דעסטוועגן היט זיך. איך מוז זײַן שטרענג. מײַנע טיפֿן וועלן פֿאַר דיר שוין בלײַבן פֿאַרבאָרגן און מײַן כּוח וועסטו קיין מאָל נישט באַוויַזן אויסצומעסטן. ווער־ווער, איך וועל דיך האַלטן אין צוים, מענטשעלע! טאַקע דערפֿאַר, ווײַל דערמאָנסט נישט כאָטש אַ מאָל די אייגנקייט פֿון דער סטיכיע וואָס דרימלט אין מײַנע אינגעווייד. ס׳איז די געלעגנהייט אַצינד דיך צו וואָרענען. אויך די באַשעפֿענישן וואָס כאַוועען זיך אויף מײַנע רחבֿותן זענען סכּנהדיק. נישט בלויז דער שטורעם, אין וועלכן איך לייז זיך אויף אין מהות און באַלד נעם איך שווײַגן, באַזיניקן. אָבער דאָס נעמט נישט קיין לאַנגע צײַט. אַ מאָל קען עס אָנהאַלטן מינוטן, אָן אַנדערש מאָל — שעהען, דערנאָך בין איך מכניס־אורח דעם רעגן־בויגן אָדער נעם אויף דער שויס די יונגע זון. געדענק דאָס!

אין דעם מענטשנס פֿאַרבאַקענע געהירן גיט זיך פֿויל אַ ריר דער לעבעדיקער געדאַנק אין דעם זמן ווען די זון ווערט אַנטבונדן אין איר איבערגעצײַטיקטקייט. און ווייל איז דעם וואָס קען דעמאָלט אַרײַנשפּאַנען אין שאָטן פֿון דעם ווו־טאָג וואָס אין פֿולן בלענד. אַוודאי איז דאָס זעלטן וועמען געגעבן געוואָרן אין די וואָכן פֿון צײַטיקן זומער.

אָן אײַנגעגליווערטער פֿאַרבן־שטראָם איז דער טאָג אין היץ, די נאַכט — פֿאַרקערט — איז דער שײַער פֿאַר די אָנגעגליטע לײַדנשאַפֿטן וואָס טליען אינעם לײַב פֿונעם מענטש און זיי ברענען אויף, צעקראַמפּן זיך מיט אומגעריכטקייט פֿון אַ שׂריפֿה.

באַהיט און באַשירעמט זאָלסטו ווערן, בן־אדם, אויב דאָס דערוועקטע פֿײַער ווערט נישט אָפּגעהיט פֿון דעם מוחס זשמורנדיקער קילקייט. טאַקע אויפֿן בלענדנדיקן זאַמדפֿעלד וואָס לענג־אויס דעם ים־ברעג וואַקלען זיך דורך די בראַנדאָפּעריס פֿון דער דאָזיקער צעהפּקרטער שׂריפֿה. ווײַל תּמיד גייען דאָך בײַנאַנד דער מענטש און זײַן גורל. ווילסטו — רוף עס אומגליק. אין דעם בן־אדמס אָנבושהדיקער אַנטבלויזטקייט אַנטקעגן דעם

קאַלכאויוון פֿון פֿלאַקער־ דערריי̇טלטן זומערטאָג, איז דער גרויל פֿאַרן מענטש באַשײַמפּערלעכער, ווייטיקלעכער.

— זעסט דאָס קריפּלקינד מיט די טויט־באַמבלענדיקע שטעקלדיקע פֿיסלעך? ס'איז קלאָמפּערשט דאָס קינד פֿון אַ שיינער מאַמען. אָט איז זי, די הויכהאַלדזיקע מיטן קייטעלע־מעדאַליאָן אויף איר שלאַנקן פּוס. זי חנדלט זיך נאָך, די...

— קוק אָן אָט־דעם שלאַקרירי̇קן! אַ גבֿר געווען, אַ גרויסער עסער, אַ טרינקער, אַלץ איז אים געווען ווינציק. עס האָט אים פֿאַרשאַדט דער שווילטאָג, צו וועלכן ער איז נישט געווען צוגעוווינט. פֿאַרגעסן זיך, צעלאָזן געוואָרן. דאָס אייגענע ווײַב איז אים אויך געוואָרן ווינציק. אַ האַרעם האָט אויף אים אָנגעטריבן דער צעגליטער דמיון זײַנער. און אָט אָ איז דאָס באַצאָלט!

„דאָס זענען די שפּענער, וואָס זענען שוין געפֿאַלן אונטער דער האַק פֿון אומשׂכל". — בייגט זיך אַוועק פֿון עמעצן מיט ווידערווילן אַ קאָפּ, ווי ער וואָלט וועלן זיך אויסבאַהאַלטן פֿון אַ פּלוצלינגן געוויטער.

ס'ווערט פּריקרע צו זען אַזוי פֿיל איבלדיקן, קראַנקן און צעיערנדיקן נאַקעט.

— גיב אַ קוק! נעם זיך אָן מיט אַ לערנונג פֿון — — — פֿון מאָל צו מאָל באַוועגט זיך דער געדאַנק אַנטקעגן דער בלענדנדיקער זון, וואָס ציט זיך אַרויף־באַרג מיטן שטראָפּערישן ווײַזפֿינגער איבערן פּנים פֿון דעם מענטש, אָן אַנטפּלעקטער אין זײַן סאַמע אַנטבלויזטקייט:

„זײַ געוואָרנט. באַשערטקייט איז אויך פֿאַר דיר אָנגעבאַרייט. אָבער זעלטן איז גורל דער אַנטפּלעקער פֿון גליק. בכּל אופֿן בלײַבט דעם בן־אדם דאָס דערהויבענע פֿלעמל האָפֿענונג. אלא דער פֿיבער וואָס גייט אויף אין דײַן בלוט איז די איינציקע שמאָלע סטעזשקע וואָס צייכנט דעם אַ ר ו י ף און דעם אַ ר אָ פּ פֿון דײַן גורל".

הייס, הייס. ס'איז נישט דעם אָטעם צו כאַפּן. לעסטיק איז דאָס טראַכטן. עס בלענדט דער יופֿי פֿון דער ליכטיקער, צעפּלאַטערטער וועלט, אָבער פֿויל — דער מוח. „איז עס נאָר גורל?"

אין דער שײַן פֿון דעם חמימה־טאָג איז דאָס צו מאָל אויגנשטעכנדיק: „זעסט? גיב אַ קוק!" די נאַכט, פֿאַרקערט, איז שטיקנדיק. זי איז אַ שײַער פֿול מיט אָנגעטליעטע לײַדנשאַפֿטן, וואָס צינדן זיך, שווידערן אויף אין דער בלינדקייט פֿונעם מענטשישן לײַב און לעבן.

*

...אויך אין די רו־טעג וויגט זיך אָן אומרו אין דער רו.

אינהאַלט

זייט

אויף צעראַיעטע שליאַכן

דער נסיון פון נחום גאָטאײַנער — 7
אַ נאַכט אין סעפּטעמבער — 23
אַ פּאָר שיך פֿאַר לאה־לאַלען — 34
אויף קעסט בײַם מידבר — 46
אַ קליינער זעלנער — 58
צווישן באַרג און טאָל — 97
איינער וואָס מ׳רופט אים מאַנעס — 104
הונגעריקער פרילינג — 116
דער צוריקקער — 128

פון אַלטע און נײַע היימען

אין אַ נײַער היים — 146
אַ מעשה מיט אַ הינטל — 163
געסט פון אַ ווײַטן לאַנד — 179
אַ הויז אויפן ראָג גאַס — 198
דאָס אויג פון געדעכעניש — 214
אַלטוואַרג — 244
אַ וואַלדיק שטעטל — 254
די קינדער האָבן באַגערט אַ שטורעם — 260
סעניאָר פּעליפּע — 271
מלכּהגיו די אַליינינקע — 282
סע שטאַמלט די בענקשאַפט — 289
אין מיקלאַמפּערשטן שמייכל — 294
אין זונבלענד — 299

ביכער פֿון יוסף אָקרוטני

אונדזער אָרעם ברויט, דערציילונגען — וואַרשע 1936

אַ הויז אויף אַלטשטאָט, ראָמאַן — וואַרשע 1938

אַ בוים אין ווינט, דערציילונגען — וואַרשע 1948

דאָס בוך פֿון די עלנטע, דערציילונגען — ב. אײַרעס 1952

באַלוטער וועבערס, ראָמאַן — ב. אײַרעס 1953

סוף קאַפּיטל, ראָמאַן ב. אײַרעס 1956

אונטער ליימענע דעכער, נאָוועלן — ב. אײַרעס 1957

אַ שטיין צוקאָפּנס, נאָוועלן — ב. אײַרעס 1960

וואָרצלען זענען דאָרשטיק, ראָמאַן — ב. אײַרעס 1964

אָרעם גליק, ראָמאַנען — ב. אײַרעס 1966.

לאַנג איז דער ווינטער, דערציילונגען — ב. אײַרעס 1970

טויבע טעריטאָריע, נאָוועלע — ב. אײַרעס 1972

די קראָם פֿון די פֿיר ווינטן, — נאָוועלע — 1974

עסייען פֿון האַרבסטיקן געמיט, — תל אבֿיבֿ 1980

צווישן גרענעצן, ראָמאַן — תל אבֿיבֿ 1982

יאָרן פֿון צאָרן, נאָוועלע — תל אבֿיבֿ 1988

הונגעריקער פֿרילינג, דערציילונגען — ב. אײַרעס 1988

IOSEF OKRUTNY

PRIMAVERA HAMBRIENTA

NOVELETAS

Edición **IDISHBUCH**

Buenos Aires 1988

דאָס בוך איז געזעצט און געשלאָסן געוואָרן פֿון
משה יום־טובֿ

Este libro se terminó de imprimir el día 10 de mayo de 1988, en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO S.A.C.I.F., Sarmiento 3149, Buenos Aires, República Argentina.